STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07961

MAYN LEBN IN TEATER

Bernard Young

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בועז יאָנג
מיין לעבן אין טעאַטער

בועז יאָנג

מיין לעבן אין טעאַטער

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק 1950

MAYN LEBN IN TEATER

(MY LIFE IN THE THEATRE)

By Boez Yong

Copyright by
Yidisher Kultur-Farband — YKUF
189 Second Ave., New York 3, N. Y.
New York, 1950

129

Printed in U.S.A.

געדרוקט אין דער דרוקעריי פֿון פּ. מאַליניאַק, 270 לאַפֿאַיעט גאַס, ניו־יאָרק, נ״י.

זאָל דאָס בוך זיין אַן עפּיטאַף אויף דעם
פֿריצייטיקן טויט פֿון מיין איינציק קינד
ל ו ס י י אָ נ ג ג ע ש
(געשטאָרבן דעם 10־טן מאַי 1949)
און אַ טרייסט צו מיין איידעם
ט ש ע ס ט ע ר ע ל ע ן ג ע ש
און דער מוטער ק ל אַ ר אַ י אָ נ ג

EXIT
STAGE DOOR
Chester Alan Gash

אינהאַלט

צום לייענער 11

ערשטער טייל

וואָס איז אַ נאָמען 17
מיין שטעטל נאָווידוואָר 18
פלינקע פינגערלעך 25
אַ דין־תורה צווישן מיין טאַטן און מיין מאַמען 27
אונדזערע רייכע חתונות און דאָס אָפּשטאַרבן פון דער מאַמען 31
איך וואַקס ביי אַ שטיפמאַמען 34
איך זע צום ערשטן מאָל טעאַטער 40
איך אַנטלויף פון וואַרשע 42
אין לאָנדאָן 46
ישראל און אַנעטאַ גראָדנער, און אַנדערע 51
איך קום קיין אַמעריקע 55
אָריענטאַל טעאַטער 58
ניו־יאָרקער „פּאַטריאָטן" 61
ניו־יאָרקער דראַמאַטישע פאַראיינען 66
דער פאָרהאַנג גייט אַרויף 69
באָסטאָן 73
„קעניג ליר" פירט צו דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון יידישן טעאַטער 75
אין שיקאַגאָ 81
אַקטיאָרן אין די דעמאָלטדיקע ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערס 82
אַבא שיינגאָלד, מאַקס ראָזענטאַל, יעקב קאַצמאַן און מ. ל. מייערסאָן 85
גאָרדינס רעפּערטואַר אין אַדלערס טעאַטער 86
יעקב פּ. אַדלער — דער אַקטיאָר און מענטש 88

צווייטער טייל

מיין זון־אויפגאַנג 93
דאָס פייער אין באַלטימאָר 95
איך פאָר אַהין, וואו קלאַראַ הערמאַן געפינט זיך 98
די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע פאָרשטעלונג אין מאָנטרעאָל 100
אויפן מאָנטרעאָלער באַרג 102
הערמאַן קומט צופאָרן 103
דער קאָנצערט אין יוטיקאַ 107

דאָס אַרטש סטריט־טעאַטער 113
מיר זיינען ווידער אין ניו־יאָרק 116
מיין ראָל בר־הינא אין „בית־דוד“ 117
ווי אַזוי די יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרן 120
מאָריס פֿינקעל — דער צאַר פֿון יידישן טעאַטער אין די 90ער יאָרן 127
מיר ווערן „ליציטירט“ אין דער יוניאָן 129
איך ווער אַנגאַזשירט אין פּיפּעלס־טעאַטער 130
מיין ערשטער אויפֿטריט אין פּיפּעלס־טעאַטער 132
אַ שיף מיט נייע אַקטיאָרן 135
יידישער וואָדעוויל 138
די „גאַליאָרקע“ און קלאַראַ יאָנגס ערשטער אויפֿטריט אין פּיפּעלס־טעאַטער 141
קלאַראַס קאַריערע איז געבוירן געוואָרן 145
צווישן פּיפּעלס־ און גרענד־טעאַטער 148
באָריס טאָמאַשעווסקי 150
אַ טייל פֿון אַנסאַמבל אין פּיפּעלס־טעאַטער 153
אַברהם גאָלדפֿאַדענס לעצטער אויפֿטריט 156
איך געזעגן זיך מיטן פּיפּעלס־טעאַטער 159
דער יידישער אַקטיאָרן־קלוב אין 108 סעקאָנד עוועניו 160
גאָרדינס „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“ — לאַטיינערס „דאָס יידישע האַרץ“ 161
מאָגולעסקאָ אַלס מענטש און אויף דער בינע 164
„משה פֿון ביטשוטש“ טענהט זיך אויס מיט מיר 166
די אַמאָליקע זונטיק־קאָנצערטן אין יידישן טעאַטער 167
אסתּר־רחל קאַמינסקי 169
אַברהם שאָמערס קאָמעדיע „די אָלרייטניקעס“ 173
דוד קעסלער 176
דוד פּינסקיס „יענקל דער שמיד“ 179
אַ שטרייק אין „טהאַליאַ“־טעאַטער 180
דער טעאַטער־מענעדזשער מאַקס ווילנער 181
מאָריס שוואַרץ ווערט נתגלה אין ניו־יאָרק 185
מיין „זייטן־שפּרונג“ 187
קלאַראַ ווערט אַ סטאַר אין מיינער אָן אויפֿפֿירונג 189
דער אָנזאָג פֿאַר דעם שפּעטערדיקן מאָריס שוואַרץ 197
ווידער אין לאָנדאָן 199
מיינע גאַסטראָלן אין אייראָפּע 204
קלאַראַ יאָנגס דערפֿאָלג אין וואַרשע 207
מיין באַגעגעניש מיט דער שוועסטער און מיט מיין טאַטן 209
די דערעפֿענונג פֿון קעסלערס סעקאָנד עוועניו־טעאַטער 211
ווידער אין וואַרשע 213
מיר באַזוכן נאָווידוואָר 215
יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ באַזוכן אונדזער פֿאָרשטעלונג 219
ביי פּרצן אויף שבת־אויבס 222
צוריק אין אַמעריקע 227
אויף דער שיף מיט מאָריס געסטן 228

איך ווער דירעקטאָר אין וואַרשע 230
גאַסטראָלן אין מיין וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער 231
אין לאָדזש 234
דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן 235
פֿון בערלין ביז מאָנטע קאַרלאָ 238
אין קלאַראַס געבורט־שטעטל זלאָטשעוו 241
אין יעקאַטערינאָסלאַוו 244
מיין באַזוך ביי שלום עליכמען 245
עס ברעכט־אויס די ערשטע וועלט־מלחמה 247
אין אָדעס 249
ביי יואל ליגעצקי און ביים זיידן מענדעלע 253
מיר שפּילן אין מאָסקווע 260
יידיש טעאַטער אין פּעטערבורג 266
ביים פֿאָטערל ראַספּוטין 268
אין רומעניע 275
„דזשייקעלע בלאָפֿער" 276
אין די ערשטע טעג פֿון דער רעוואָלוציע 279
אפֿשר דער ערשטער לעגאַלער שטרייק אין רוסלאַנד 281
אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע 283
מיין דע פּראָפֿונדיס — פֿון דער טיפֿסטער טיפֿעניש 285

דריטער טייל

אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון יידישע אַקטיאָרן אין קיעוו 293
פּעפּי ליטמאַן און אַדעלאַ לערעסקאָ 295
אונטער פֿאַרשיידענע קעגנערישע פֿייערן 297
יידיש טעאַטער אונטער די באָלשעוויקעס 300
מיר ווערן „מלוכה־אַקטיאָרן" 303
אונטער דעניקינס ממשלה 306
דריי חדשים רייזע פֿון קיעוו קיין אָדעס 309
אַקטיאָרן זינגען און טאַנצן, און אין גאַס קוילעט מען יידן 310
די שחיטה אויף יידישע אַקטיאָרן, און די נקמה 313
איך פֿאַרלאָז רוסלאַנד — און טרעף קלאַראַ יאָנג 315
אַ סוזשעט פֿאַר אַ ראָמאַן 318
איך פֿאָר קיין ניו־יאָרק 321
קיינער איז ניט אַזוי טויט, ווי אַ טויטער אַקטיאָר 323
מיין לעצטע ראָלע, ווי אַ דירעקטאָר אין ניו־יאָרק 325
סעזאָן 1923—1922 אין טאָראָנטאָ 328
מיט מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער 330
איך ווער ווידער געצוואונגען אַוועקצופֿאָרן קיין אייראָפּע 331
אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד 333
טעאַטער אין מאָסקווע 335
אַ טעאַטער־דערינערונג 341

„שאַ, דער רבי פֿאָרט״ 343
א. וו. לונאַטשאַרסקי וועגן קלאַראַ יאַנג 346
אין בוענאָס איירעס 349
אַ תּכלית פֿון אונדזער האַרעוואַניע 353
„די לאָנדאָנער פּאָסט״ דערוויסט זיך פֿון מיין נאַרישקייט 362
רודאָלף שילדקרויט 364
אַ בריוו 367
מיין לעצטער ראָמאַן 369
דעפּרעסיע — קלאַראַ יאַנג פֿאָרט קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד 373
יעדער מיט זיין גאָט 376
דער „טעאַטער פּראָיעקט״ 378
איך ווער אַ סאָלדאַט אין דער אַרבעטלאָזער אַרמיי 380
סינקלעיר לואיסעס „דאָ קאָן עס ניט געשען״ 386
לייוויקס „סדום״ און גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״ 388
איך ווער אַ שדכן 389
די „חבלי־לידה״ פֿון אַן אַקטיאָר 390
דזשעפֿערסאָן גאַס אין שיקאַגאָ — 1893—1943 393
מען מאַכט אַ שהחינו איבער מיינע 75 יאָר 396
„עקזיט״ (אָפּגאַנג) 398
עפּילאָג 399
אַ פּאָר ווערטער צו מיינע קאָלעגן אַקטיאָרן 402
דאָס טרויעריקסטע און לעצטע קאַפּיטל פֿון מיין לעבן 403

צום לייענער

מערקווירדיק, ווי אַ ציפער ווירקט אַמאָל פּסיכאָלאָגיש אויף אַ מענטשן. ביז איך האָב נישט דערגרייכט די עלטער פון 75, האָב איך גאָרנישט געפילט, ווי ווייט איך בין שוין פאַרפאָרן... אמת, ווי יעדער לעבעדיקער מענטש, האָב איך געוואוסט, אַז דער ציפער זאָל קומען; אָבער ווען ער האָט זיך באַוויזן מיט זיין פּראַקטיקייט, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, האָט ער אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ שרעק און איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן פון מאַכן אַ חשבון־הנפש... די האַלב־פאַרגעסענע פאַרגאַנגענהייט מיינע האָט פּלוצים באַקומען נייַ לעבן און האָט מיטאַמאָל אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ שיין יונג מיידל, וואָס צערטלט מיך מיט איר גאָלדענעם שמייכל; ווען איך האָב איר געענט־פערט מיט דעם זעלבן שמייכל, האָט זי געעפנט פאַר מיר דאָס טירל פון עבר, מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך גענומען פירן אויפן וועג, אויף וועלכן איך בין אַמאָל געגאַנגען — אַ וועג, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ סך דערנער, אָבער נאָך מער מיט בלומען...

און איך האָב געזאָגט צו מיין פאַרגאַנגענהייט: דו ביסט מיר איצט ליבער, ווי דיין ייִנגערע שוועסטער, די צוקונפט — מיט דיר וועל איך איצט לעבן, וועגן דיר וועל איך איצט טראַכטן און שרייבן.

*

הוגאָ מינסטערבערג האָט געזאָגט: פאַראַן דריי סאָרטן ליגנס — קריגס־ליגן, גלאַט־ליגן און אויטאָביאָגראַפישער ליגן. אָבער דער אויטאָ־ביאָגראַפישער ליגן דאַרף האָבן אין זיך אַ קערן פון אמת; ווען דאָס איבעריקע איז דיכטונג, קאָן מען דעם ליגן מוחל זיין... געטע האָט אָנגערופן זיינע מעמואַרן „וואַרהייט און דיכטונג"; אָבער אויך די דיכ־טונג דאַרף אויסזען ווי דער אמת. עס דאַרף זיין אַ קינסטלערישע וווירק־לעכקייט.

אין זכרונות דאַרפן דער עיקר פאַרצייכנט ווערן אינטערעסאַנטע און וויכטיקע פּאַסירונגען, מיט — ווי ווייט מעגלעכע — פאַרלאָזלעכע

דאַטעס, וואָס קאָנען שפּעטער דינען ווי אַ מאַטעריאַל פאַרן היסטאָריקער. שטימט ניט די פּאַסירונג מיט דער אָנגעגעבענער דאַטע, ווירקט עס אויפן לייענער פּונקט ווי אַ סצענע פון דער בינע, אין וועלכער אַ פרוי מיט קנייטשן אויפן פּנים „פאַרטרויט" איר געליבטן, אַז זי קלייבט זיך צו ווערן 18 יאָר אַלט... נאָך אַזאַ בילד וועט שוין דער צושויער ניט גלויבן דעם גאַנצן שפּיל.

*

איך בין באַקאַנט מיט זעכציק יאָר יידיש טעאַטער, קאָן איך אָנגעבן: דאַטעס, ביאָגראַפיעס, באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן, דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, וואו עס איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקער יידישער ישוב. איך וויל באַקענען דעם לייענער מיט אַ גאַלעריע באַרימטע יידישע אַקטיאָרן, און אויך מיט יענע, פון וועלכע דער לייענער האָט אפשר גאָר קיינמאָל ניט געהערט; פאַרשיידענע קאָמישע און טראַגישע עפּיזאָדן פון יעקב פּ. אַדלער, וועלכער איז געווען מיין רבי; פון דוד קעסלער, מיט וועמען איך בין געווען אַ שותּף אין פאַרשיידענע טעאַטערס אין ניו־יאָרק; פון באָריס טאָמאַשעווסקי, מיט וועמען איך האָב געשפּילט אַכט יאָר כּסדר, און וועגן אַנדערע אַקטיאָרן פון דער „אַמאָליקער" צייט, ווי מר. און מרס. קאָרפּ, זילבערמאַן, בוים, ספּיוואַקאָווסקי, מרס. איינהאָרן, קעני ליפּצין, בערטאַ קאַליש, רעגינאַ פּראַגער, רודאָלף שילדקרויט, מאָריס מאָריסאָן, מייערסאָן, ראָזענטאַל, מאָריס מאָשקאָוויטש, טאָרענבערג, קאַצמאַן און מאָגולעסקאָ — מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געשפּילט.

ביים אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, האָב איך, צוזאַמען מיט קלאַראַ יאַנג, זיך געפונען אין אייראָפּע. דאָס האָט מיר דעמאָלט געגעבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די יידישע קלאַסיקערס: י. ל. פּרץ, מענדעלע, דוד פרישמאַן, יעקב דינעזאָן און אַ סך אַנדערע. פון 1915 ביז 1921 האָבן מיר פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, געשפּילט אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, פריער אונטערן צאַר, דערנאָך אונטער דער קערענסקי־רעגירונג, און שפּעטער — אין דעם געזעלשאַפטלעכן טעאַטער, אונטער דער השגחה פון די באָלשעוויקעס. פון 1924 ביז 1929 האָבן מיר געשפּילט אין אַלע גרויסע שטעט פון ראַטן־פאַרבאַנד. וועגן אַלץ דעם וויל איך דאָ דערציילן דעם לייענער.

מעגלעך, אַז פאַר געוויסע דערציילטע עפּיזאָדן וועלן מיינע קאָלעגן שוישפּילער אפשר אויף מיר פאַראיבל האָבן. אָבער פּונקט אַזוי אָביעק־

טיוו, דאַכט מיר, באַהאַנדל איך זיך אַליין — וואָס קאָן אַפּילו צו מאָל קלינגען באַרימעריש. נאָר אין מיין עלטער ווערט מען שוין גלייכגיל־טיק צו דעם, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, — און זיין באַשיידן קעגן אמת, הייסט אַנטשולדיקן זיך פאַרן אמת...

איך האָף בלויז, אַז מיין זכרון נאַרט מיך ניט. און אויב מיין אופן שרייבן איז אפשר ניט שטרענג־אויטאָביאָגראַפיש, און אפשר אויך ניט גאַנץ אויסגעהאַלטן לויט אַלע כּללים און דינים פון ליטעראַטור־שרייבן, גלויב איך אָבער, אַז די אַלע אַנגעגעבענע דאַטעס, ביאָגראַפיעס, באַגע־גענישן מיט פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן, און די דערפאַרונגען און אי־בערלעבונגען מיט זיי, זיינען געטריי און ריכטיק. אייניקע קאַפּיטלעך וועלן אפשר קלינגען „מעלאָדראַמאַטיש”, אַפּילו שונדיסטיש, אָבער אַזוי איז דאָס געווען, אַזוי איז דאָס געשען.

אַ גרויסן פּלאַץ אין מיינע זכרונות פאַרנעמט די באַוואוסטע שוי־שפּילערין, איצט די סאָוועטישע פאָלקס־אַרטיסטין קלאַראַ יאַנג — האָט זי דאָך קנאַפּע פערציק יאָר געשפּילט די הויפּט־ראָל אין מיין לעבן... איך הייב אויף דעם פאָרהאַנג איבער אונדזער פאַמיליען־לעבן און אַנט־פּלעק די אַלע וועגן, מיט וועלכע מיר האָבן געוואַנדערט צוזאַמען, ביז מיר זיינען דערגאַנגען צו אונדזער שייד־וועג...

איך דערמאָן אויך מענטשן, וועלכע האָבן אויסגענוצט מיין נאַאיוון צוטרוי. און אָט אַזוי —

האָב איך אַ האַרץ אַ פרוי פאַרטרויט,
האָב איך עס פאַרלוירן,
און האָב איך געלט אַ פריינט געטרויט,
האָב איך עס אַנגעוואוירן — —

שרייבנדיק די דאָזיקע זכרונות, האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אַלע פריידן און ליידן פון יענער צייט. די פאַנטאַזיע האָט מיך פאַר־טראָגן צוריק אַהין, צו דער ווירקלעכקייט פון מיין יוגנט, און איך האָב מיך דערפילט פונקט ווי דעמאָלט, ווען איך בין אַ קינד געווען, ווען איך האָב זיך געזעצט רייטנדיק אויף אַ הילצערנעם פערדל, און האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך רייט אויף אַן אמתדיק לעבעדיק פערד...

מיט אָט דעם געפיל גיב איך איבער מיין בוך צום לייענער.

*

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אויסצודריקן מיין אינערלעכן דאַנק צו אייניקע פריינט, וועלכע האָבן גורם געווען מיינע זכרונות זאָלן ווערן געדרוקט אין „טאָג”, און איצט אין בוך־פאָרעם.

איך וויל דערמאָנען מיין אומפאַרגעסלעכן פריינט, דעם פאַרשטאָר־בענעם וויליאַם עדלין, רעדאַקטאָר פון „טאָג", וועלכער האָט מיט אַזוי פיל ליבע זיך באַצויגן צו מיין געדרוקטן וואָרט אין זיין צייטונג. אַ דאַנק דעם מיטאַרבעטער פון „טאָג", דעם האַרציקן מרדכי דאַנציס, פאַר זיינע וואַרימע ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן וועגן די „זכרונות". אפשר נאָך פריער אַ דאַנק דעם רעדאַקטאָר פון איקוף־זשורנאַל, נחמן מייזיל, וועלכער איז געווען דער ערשטער מיר צו געבן דעם געדאַנק, איך זאָל שרייבן מיינע זכרונות. אויך אַ דאַנק מיין ליבן חבר און קאָלעגע, קלאַראַ יאַנגס בן־עיר, דעם מיטרעדאַקטאָר פון איקוף־זשורנאַל, יעקב מעסטל, פאַר זיין האַנדלען נישט „דיקטאַטאַריש" ביים רעדאַקטירן מיינע מעמואַרן פאַרן איקוף־בוך. און אַחרון, אַחרון חביב — אַ דאַנק מיין קינד, מיין טאָכטער לוסי יאַנג־געש, וועלכע איז געווען מיין שטרענגער צענזאָר, און, ווי די דוזע, בעט איך, אַז ווען מיין פאַרהאַנג וועט פאַלן... און פאַלן זאָל ער ווי אַ בליץ, שנעל; נישט ווי אַמאָל, ווען מען פלעגט אים שלעפן מיט שטריק, און איך פלעג בעטן ער זאָל שוין אַמאָל פאַלן... זאָל מען מיר דאָרט, אין הימל, דערלויבן צווישן די אַנטראַקטן אַנצוקושן מיין קינד.

אַ באַזונדערן דאַנק מיין איידעם, דעם מאָלער טשעסטער עלען געש, פאַר דער פיינער צייכענונג אויפן שער־בלאַט.

ניו־יאָרק, 1950.

בועז יאַנג
(צו אַכציק יאָר — געבוירן 1870)

(אַרום 1940)

(אַרום 1890)

בועז יאַנג

(אַרום 1900)

סצענע פֿון אָסיפּ דימאָווס
פּיעסע „דער אייביקער וואַנדערער"
(פֿון רעכטס: בועז יאַנג, יצחק

היימאַן מייזעל לייענט־פֿאָר זיין פּיעסע „די ביגאַמיסטן״

(פֿון רעכטס — ערשטע ריי: בועז יאָנג, היימאַן מייזעל, קלאַראַ יאָנג;
צווייטע ריי: יוסף ברוידי, סעם קעסטין, לואיס היימאַן, דער מוזיקער פֿרידזעל)

בועז יאָנג לייענט אַ פּיעסע פֿאַר אַ טייל פֿון דער טרופּע אין מאָסקווע

(פֿון רעכטס — ערשטע ריי: ווינקלער, בועז יאָנג, וואָלקענשטיין, לאַכמאַן;
צווייטע ריי: — [אומבאַקאַנט], אַדאָלף אָבערבערג, איליאַ טרילינג, [אומבאַקאַנט])



בועז יאָנג אין דריי
כאַראַקטער - ראָלן

פֿון רעכטס — („רייכטום" אין וואָלטער בראַאונס „יעדע פֿרוי"), („משה פֿון ביטשוטש" אין יאָזעף לאַטיינערס „דאָס יידישע האַרץ"), („באָגדאַן כמעלניצקי" אין שלום אַשס „קדוש השם", ייד. קונסט־טעאַטער, 1943)

קלאַראַ יאָנג

(אין דער יוגנט)

(אין 1941)



בועז
און קלאַראַ
יאָנג

בועז יאָנג
שטודירט־איין
אַ ראָלע מיט
קלאַראַ יאָנג

**קלאַראַ יאָנג
אין פֿיר
פֿאַרשיידענע
ראָלען**



פֿון רעכטס — אויבן: (אין ישראל ראָזענבערגס „בערעלע טרעמפּ") (אין באַדער־יאָנגס „שאַ, דער רבי פֿאָרט")
אונטן: (אין פֿיליפּסעס „אַלמאַ, וואו וואוינסטו?") (אין בועז יונגוויצס [יאָנג] „דזשייקעלע בלאָפֿער")

לוסי יאַנג־געש (די טאָכטער פֿון בועז און קלאַראַ יאַנג)

אברהם יונגוויץ (בועז יאַנגס פֿאָטער)

מיין לעבן אין טעאַטער

ערשטער טייל

וואָס איז אַ נאָמען...

זאָל שעקספּיר מיר מוחל זיין מיט זיין „וואָס איז אַ נאָמען?" — אָבער איך מיין, אַז אַ נאָמען קאָן אַמאָל פֿאַרשאַפֿן אַ סך אומבאַקוועמ־לעכקייטן. אַט, למשל, נעמט מיך מיט מיין נאָמען. ווען איך בין גע־לעגן אויפֿן שויס פֿון סנדק, האָב איך מסתּם, אין מיין גרויסן וויטאָג, געשמייכלט אַ צופֿרידענער, ווען איך האָב געהערט אויסשרייען: „ויקרא שמו בישראל בועז!" אַ קליינינקייט, איך וועל טראָגן דעם ביבלישן נאָ־מען פֿון דער אידיליע „בועז און רות"! אַפֿילו שלמה המלך האָט געוואָלט פֿאַראייביקן דעם נאָמען „בועז": יכון ובועז בשמות נקראים. שלמה המלך האָט אַ נאָמען געגעבן דעם רעכטן זייל פֿון בית־המקדש „יכון" און דעם לינקן „בועז". איך האָב שטאָלצירט מיט מיין נאָמען, ווייל אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך ניט געהערט, אַז נאָך אַ מענטש (אַחוץ מיין געשוועסטער־קינד אין בוענאָס־איירעס) זאָל הייסן „בועז"... אָבער ווען איך בין אָנגעקומען אין ניו־יאָרק און מיינע נייע חברים האָבן מיך געפֿרעגט „מה שמך?" און איך האָב זיי געענטפֿערט — בועז, האָבן זיי געקוועטשט מיט די פּלייצעס: פֿע, בועז גאָר? רוף זיך „באַרנעט"!

שטעלט איך פֿאָר, ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען צוצוגעוואוינען זיך צו מיין נייעם נאָמען... אַ סך מאָל האָב איך זיך אַפֿילו ניט אומגעק־קוקט, ווען מען האָט מיך גערופֿן באַרנעט.

שפּעטער, ווען איך בין אָנגעקומען אין יידישן טעאַטער, און איך האָב מיין „רבין", דעם גרויסן אַרטיסט יעקב פּ. אַדלער אָנגעגעבן מיין אָריגינעלן נאָמען — בועז, האָט ער אויך געקוועטשט מיט די פּלייצעס: „אַ זאָנדערבאַרער נאָמען, איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פֿון אַזאַ נאָמען. ניין, פֿאַר דער בינע טויג עס ניט! מען וועט אַזאַ נאָמען ניט קאָנען נאָכזאָגן, רופֿט זיך בעסער בערנאַרד"...

נו, הייס איך שוין דריי נעמען: ביי מיין טאַטע־מאַמע — בועז, אין גאַס — באַרנעט, און אין יידישן טעאַטער — בערנאַרד.

קורץ, איך האָב געמוזט צוריקפֿאָרן קיין אייראָפּע, כּדי דער נאָמען מיינער „בועז" זאָל באַקומען אַ תּיקון — און אַזוי רופֿט מען מיך איצט אומעטום.

ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז דער טאַטע מיינער שוין געווען אַ בעל־מטופל מיט קינדער, און ער איז דעמאָלט נאָך קיין 30 יאָר ניט אַלט געווען (ער האָט חתונה געהאַט צו 16 יאָר). און אָרעם איז ער געווען, ווי די נאַכט. ניט איינמאָל האָבן זיך די קינדער געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע. און געשלאָפן זיינען זיי אין בעטן צופוסנס פון טאַטע־מאַמע... נאָר ווי מיין מאַמע האָט שפּעטער דערציילט, איז ביי מיין ברית, פּונקט אין מאָמענט, ווען דער פּעטער יאָסל (דער פאָטער פון דער פאַרשטאָרבענער אַקטריסע אסתּר פּיעלד, „די יידישע מאַמע") האָט איר געוואונטשן, אַז דאָס ניי־געבוירענע קינד בועז זאָל איר ברענגען גליק און געזונט און פרנסה — איז דער אַגענט פון די „בראַנשווייגער לאָטעריע צעטלען" אַריינגעלאָפן מיט אַ טעלעגראַמע און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז דאָס צעטעלע, וואָס מיין טאַטע האָט געשפּילט, האָט געוואונען צען טויזנט רובל... אָבער אַזוי ווי דער טאַטע האָט געשפּילט נאָר אַן אַכטעלע, קומט אויס אויף זיין חלק 1.250 רובל... אין יאָר 1870, ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז אַזאַ סומע געווען אַ גאַנץ עשירות. דער טאַטע איז טאַקע פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ גרויסער עושר, און מיך האָט מען געהאַלטן אין שטוב פאַר אַ מזלדיקן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט גענומען צעטלען אויף מיין נאָמען — אויפן נאָמען בועז...

מיין שטעטל נאָווידוואָר

זאָל דאָ גלייך אין אָנהויב געזאָגט ווערן: אוודאי האָבן אין נאָווידוואָר, אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, זיך געפונען אַ סך פיינע, אינטעליגענטע יידן, וואָס פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי באַשרייבן; צום באַדויערן אָבער האָבן זיי זיך אין מיין זכרון ניט גענוג איינגעקריצט. וועל איך דערפאַר באַשרייבן מיין שטעטל בלויז ווי איך געדענק עס אין רעטראָספּעקט, אַלס יינגל.

נאָווידוואָר, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, איז פיר רוסישע מייל פון וואַרשע. פון דער צווייטער זייט, איז עס צוויי וויאָרסט פון נאָוואָגעאָרגעווסקי קרעפּאַסט, אָדער די מאָדלינער פעסטונג. די פעסטונג האָט זיך געצויגן אויף זיבן וויאָרסט די לענג און דאָס זעלביקע אין דער בורייט. נאָווידוואָר ליגט האַרט ביים טייך נאַרעוו, וואָס פאַלט אַריין אין דער ווייסל. די ווייסל ציט זיך ביז דאַנציק. האָבן שיפן געפירט סחורות איבער דער ווייסל, און טראָטוועס מיט האָלץ פלעגן שווימען קיין דאַנציק. ווינטער פלעגן מיר, יינגלעך, זיך גליטשן אויפן נאַרעוו, און

זומער פֿלעגן זיך אַלע באָדן אין נאַרעװ. װען דאָס אײז פֿון נאַרעװ פֿלעגט אין פֿרילינג צעגײן, איז האַלב נאָװידװאָר געשטאַנען אין װאַסער, אַמאָל אַזױ טיף, אַז מען פֿלעגט זיך שיפֿן אין מיטן שטאָט. דער זײדע מײַנער האָט מיר דערצײלט, אַז די נאַרעװ איז אַמאָל געװען פֿאַרפֿרױרן נאָך אום שבועות, און די חשובֿע באַלעבאַטים זײַנען אַרױף אױפֿן אײז און געפּראַװועט אַ סעודה, לזכר.

נאָװידװאָר האָט געהאַט אַ „פּעריפֿעריע", װאו עס האָבן געװױנט בלױז אָרעמע־לײַט. דער פּיאַסעק, האָט מען עס גערופֿן, װײַל אַ הױכער גאָלד־זאַמדיקער באַרג האָט כּמעט װי אָפּגעטײלט די פּעריפֿעריע פֿון שטאָט. װינטער־צײַט פֿלעגט דער באַרג אונדז ײנגלעך דינען צום גליטשן זיך מיט שליטעלעך באַרג־אַראָפּ. װען דער װײַסער שנײ האָט דעם באַרג באַדעקט, האָט מען געקאָנט מײנען, אַז מען געפֿינט זיך אין סיביר. אין פֿרילינג, װען דער װײַסער שנײ פֿון באַרג האָט אָנגעהױבן זיך שמעלצן, האָט דער באַרג אױסגעזען װי אַ פֿרױ, װאָס האָט געהאַט אָפּגעפֿאַרבט אירע האָר אױף העל־װײַס און עס זעען זיך אַרױס אירע נאַטירלעכע, רױט־גאָלד האָר... זומער־צײַט האָבן שקצים געפֿירט זאַמד פֿון באַרג צו די באַלעבאַטים, אױסצושיטן די פּאָדלאָגעס...

צװײ מערק, נישט ברוקירטע, האָט נאָװידװאָר פֿאַרמאָגט: אַ ײדישן מאַרק אין מיטן שטאָט, און אַ פּױלישן מאַרק אין עק־שטאָט. דער ײדי־שער מאַרק פֿלעגט שטענדיק זײַן שמוציק, בלאָטיק פֿון דעם װאַסער, װאָס מען פֿלעגט טראָגן פֿון דעם פּלומפּ, װאָס איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק. דערפֿאַר אָבער האָט אױף דעם ײדישן מאַרק געקאָכט מיט געשעפֿט. אַלע יאַרידים פֿלעגן אױף אים זיך שטעלן. װען דער ײדישער מאַרק האָט שױן ניט געקאָנט דערטראָגן די סחורות, װאָס די פּױלישע פּױערים האָבן געבראַכט, האָט ער זײ אָפּגעשיקט צו זײער פּױלישן מאַרק, װאו עס האָט זיך געפֿונען די אַפּטײק פֿון נאָװידװאָר און די פּױלישע „טיפּלע" (קלױסטער), װאָס איז געשטאַנען אַנטקעגן און האָט גערופֿן די אָרעמע פּױערים צו דינען גאָט... דער פּױלישער מאַרק איז געװען שטענדיק רײן, ציכטיק, אױפֿגערױמט, װי דער מאַרק װאָלט געזאָגט: אמת, קײן געשעפֿטן זײַנען נישטאָ, אָבער האָנאָר האָב איך...

נאָװידװאָר האָט געהאַט אַ יאַסעלע קאָמענקערער, װאָס האָט אױס־געקערט די קאָמענס פֿון די נאָװידװאָרער גבֿירים, זײ זאָלן נישט אַװעק־גײן מיטן פֿײַער... יאַסעלע איז געװען אַ שײנער הױכער יונגערמאַן. דער סאַראַטענער גאַרטל, װאָס ער האָט געטראָגן אױף זײַן קורץ, שװאַרץ העמדל אַרום זײַן טאַליע, האָט אים געגעבן אַ פּערפֿעקטע פֿיגור. אַ קאָפּ

שוואַרצע, געקרייזלטע האָר מיט אַ ברוינעם פּנים, אַזוי, אַז די סאָזשע, אין וועלכער ער איז שטענדיק געווען איינגעטונקען, האָט זיך ניט שטאַרק אָנגעזען אויף אים. יאָסעלע פֿלעגט גיין אויף די שפּיצן פֿון די שינדלדעכער אַזוי זיכער, ווי אויף דער ערד. און ווען מיר, יינגלעך, האָבן צו אים אַרויפֿגעקוקט און אים באַוואונדערט, פֿלעגט זיך יאָסעלע קוימענקערער פֿילן ווי אַן אַרטיסט, ווען מען אַפּלאָדירט אים. אַמאָל פֿלעגט ער מיטנעמען זיין יינגל, וועלכן ער האָט געלערנט די קונץ צו גיין אויף די שפּיצן פֿון די דעכער. דאָס יינגל פֿלעגט גיין אויף פֿריער, יאָסעלע האָט געהאַלטן זיינע צוויי הענט ביים יינגלס זייטן און דאָס בעזעמל אויף די פּלייצעס, צוגעטשעפּעט צום סאַראַטענעם גאַרטל. ווען די נאָווידוואָרער איינוואוינערס האָבן דערזען דאָס בילד, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פֿון פּאַטשן בראַוואָ.

אויך אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים איז געווען אין שטעטל. דער פֿידלער איציק איז געווען דער פֿירער, און אים האָט דער פּויקער געגעבן דאָס געלט, וואָס ער האָט צוזאַמענגענומען אין אַ טעלער. שיינע מיידלעך און יונגע ווייבלעך האָבן אָנגעקוואָלן און באַוואונדערט ווען איציק, פֿאַרגלאָצט די אויגן און מיטן קאָפּ אויפֿן פֿידעלע, האָט געפֿירט מיטן שמיטשיק. געווען אין נאָווידוואָר אַ בדחן; אָבער די גבירים פֿלעגן אימפּאָרטירן אַ בדחן פֿון וואַרשע, וועלכער פֿלעגט זיך גרויסן מיט דעם, וואָס ער קען זיך גוט מיט דעם ווילנער בדחן אליקום צונזער. ווען איך האָב זומער פֿאַרטאָג, אויף מיין געלעגער, געהערט פֿון ווייט שפּילן פֿריילעכע טענער, האָב איך שוין געוואוסט, אַז דאָס פֿירט איצט אָפּ אַהיים איציק פֿידלערס קאַפּעליע חתן־כּלה אין זייער חדר־מיוחד. אַלס פּופּצן־יאָריקער בחור האָב איך שוין אין אַזאַ פֿאַרטאָג נישט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן...

אַפֿילו אַ שטאָט־משוגענעם האָט נאָווידוואָר געהאַט. איציק ברייט האָט מען אים גערופֿן, ווייל ער פֿלעגט גיין איבער די ברוקירטע גאַסן פֿון נאָווידוואָר אַזוי ברייט מיט ביידע פּאָלעס פֿון זיין לאַנגער קאַפּאַטע צעשפּרייט, ווי גאַנץ נאָווידוואָר וואָלט צו אים געהערט.

איינוואוינער האָט נאָווידוואָר דעמאָלט געהאַט פֿינף טויזנט נפֿשות. 75 פּראָצענט יידן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די שטאָט האָט געהאַט אַ שיינע, גרויסע הילצערנע שול (מען האָט נישט געטאָרט מויערן אין נאָווידוואָר צוליב דער פֿעסטונג), וואו עס האָבן געדאַוונט די שענסטע באַלעבאַטים פֿון שטעטל. אַ בית־המדרש, וואו „עמך" האָט געדאַוונט און באַלעבאַטישע איידעמס און גבירישע בחורים האָבן געלערנט בייטאָג, און באַלמעלאָכעס

זײַנען געקומען בין־השמשות זיך צוהערן צו משניות. גערער, קאָצקער, ראַדזימינער חסידים־שטיבלעך, וואו מלמדים, אײדעמס אויף קעסט און סתם־ייִדן, וואָס קענען אַ בלאַט גמרא, און אויך דער גרעסטער גביר פֿון נאָווידוואָר, דער ראַדזימינער חסיד, ר׳ מאָטעלע פּרץ מיט זײַן אײדעם, וועלכן מען האָט גערופֿן דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ (נאָך דינעזאָנס ראָמאַן), האָבן געדאַוונט און געלערנט.

אַ רב האָט נאָווידוואָר דעמאָלט, אין די זיבעציקער יאָרן, געהאַט זײער אַ קלוגן, אַ גרויסער בעל־גמרא געווען און גאָר אַ גרויסער בעל־דין. ווען דער אַלטער רב (מיט דער שײנער, גרויסער, ווײַסער באָרד) איז נפֿטר געוואָרן, האָט די שטאָט באַקומען אַ יונגן רב, אָבער אַ שוטה, פֿאַר וועלכן דער רײַכער שווער זײַנער פֿון וואַרשע האָט צוגעצאָלט קהל, מען זאָל אים אויפֿנעמען...

צוויי שמשים האָט דער יונגער רב געירשנט פֿונעם אַלטן: אַן אונטער־שמש און אַן אויבער־שמש. דער אונטער־שמש, פֿײַוועלע, איז געווען גאָר אַ גרויסער שוטה. ער פֿלעגט וועקן די חברה תּהלים־ייִדן צו עבֿודת־הבורא. אַז מען האָט אים געגעבן אַ פּאָר קאָפּיקעס, האָט ער אָפּגעזונגען אַ זמרל הינטער די לאָדנס, און פֿאַר נאָך אַ קאָפּיקע איז ער געגאַנגען אַ טענצל אין שניי. דערפֿאַר איז דער אויבער־שמש, כאַצקעלע, שוין געווען גאָר אַ קלוגער חבֿרה־מאַן.

צוויי ייִדן געדענק איך, וואָס זײער קוואַרטיר איז געווען אין בית־המדרש, הינטערן אויוון, וואו זײ האָבן געבראָטן קאַרטאָפֿל אין הײסן אַש און זיך געטײלט מיט די בחורים, וועלכע האָבן דאָרט געלערנט — אײנער, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון סיביר, און אײנער וועלכן מען האָט געוואָלט פֿאַרשיקן קײן סיביר, ווײַל ער האָט זיך מגייר געווען.

אַלץ האָט נאָווידוואָר פֿאַרמאָגט, וואָס אַ שטעטל דאַרף האָבן, נאָר ניט קײן מקווה. דאָס הײסט, אַ מקווה איז יאָ געווען, נאָר אַן אַלטע. די ברעטער צעבראָכן, די טרעפּ מיט גרינעם מאָך באַוואָקסן און גליטשיק, דער גרונט האָט כּמעט ניט געהאַט קײן באָדן, אַז מען האָט געקאָנט אײַנגעזונקען ווערן, און דאָס וואַסער האָט ניט געשמעקט... באַלויכטן איז די מקווה געווען מיט אַ גראַשנדיק ליכטל אין אַ לאַמטערן. האָבן ווײַבער נישט געוואָלט גײן צו טבֿילה. האָבן די מענער זיך געווענדט צו קהל, און אַז קהל האָט ניט געענטפֿערט, האָבן זײ זיך געווענדט צום רבֿ וועגן אַ נײַער מקווה. אָבער דער יונגער רב האָט זיך ניט געוואָלט אײַנרײַסן מיט קהל. דעמאָלט האָט אײנע, אַ הויכע ייִדענע, צונויפֿגערופֿן עטלעכע יונגע ווײַבלעך אויף אַן אַסיפֿה, און ס׳איז אין געהײם באַ־

שלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל אַריינטאָן אין דער מקווה אַ שטאַרקע רויטע פֿאַרב... און ווען דער רב, אַ זייער הויכער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און צוויי שוואַרצע פּאות אַן אַרשין די לענג, וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פֿון זיין געגאָלטן קאָפּ ווי צוויי האַלאַבליעס, איז פֿאַרטאָג אַריין אין דער פֿינצטערער מקווה, איז ער פֿון דאָרטן אַרויסגע־קומען אַ רויטער...

איצט האָט שוין קהל באַשלאָסן צו מאַכן אַ נייע מקווה. די ווייבער האָבן זייערס אויסגעפֿירט.

געווען אַ סך באַלעגאָלעס אין נאָווידוואָר. מען האָט באַדאַרפֿט פֿירן אין פֿעסטונג אַריין פּראָוויאַנט פֿון און קיין וואַרשע. די באַן האָט דע־מאָלט נאָך וואָס געהאַט אָנגעהויבן צו קורסירן צווישן נאָווידוואָר און וואַרשע. צום אָנהויב האָבן מענטשן גאָר מורא געהאַט צו פֿאָרן מיט דער באַן; נאָר ווען די רעגירונג האָט אויסגעטיילט פֿרייע בילעטן, האָט מען זיך צוגעוואוינט. אויך צוויי אָמניבוסן (אַ מין „באָס" מיט פֿערד) האָט נאָווידוואָר געהאַט, וואָס פֿלעגט פֿירן פּאַסאַזשירן פֿון נאָ־ווידוואָר קיין וואַרשע און צוריק. אָבער די רייזע פֿלעגט מען מאַכן נאָר ביינאַכט; און אַ סך מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער אָמניבוס האָט זיך איבערגעקערט, ווייל דער באַלעגאָלע איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

נאָך דעם ווי דער טאַטע מיינער האָט געוואונען דאָס געווינס, איז ער געוואָרן אַ גרויסער פּאָדריאַטשיק. ער האָט צוגעשטעלט קאָרן אין דער פֿעסטונג אַריין צו באַקן ברויט פֿאַר די סאָלדאַטן. ער האָט אויך געהאַט די פּראָוואָזקע — ד"ה פֿורן מיט פֿערד און וועגענער, צו פֿירן אַלץ, וואָס איז אָנגעקומען מיט דער באַן פֿאַר דער פֿעסטונג. פֿאַר־שטייט זיך, אַז דער טאַטע האָט דערביי געמוזט באַשעפֿטיקן אַ סך באַלע־גאָלעס. די נאָווידוואָרער באַלעגאָלעס האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט, פֿאַר זייער געוואַגטע און שטאַרקע. ביי זיי האָבן די גנבים נישט געוואַגט צו גנבענען פֿון די וועגענער; און ווען עס איז אַמאָל געשען ביי זיי אַ גנבה, איז עס געווען מיט דער צושטימונג פֿונעם באַלעגאָלע.

געווען אָבער צווישן זיי איינער אַ צדיק — יעקל דער באַלעגאָלע האָט מען אים גערופֿן. די מאַמע מיינע פֿלעגט אים רופֿן דער הייליקער באַלעגאָלע. און הייליק איז יעקל באמת געווען. פֿרום צו גאָט און ערליך און גוט צו מענטשן און צו זיינע פֿערד. דאָנערשטאָג פֿלעגט יעקל פֿאַסטן. ווען מען האָט אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער פֿאַסט, האָט ער שפּאַסיק געענטפֿערט — כּדי מיינע פֿערד זאָלן האָבן מער צו עסן.

פֿאַרן אײַנשפּאַנען די פֿערד, פֿאַרטאָג, פֿלעגט ער זאָגן תּהילים אין בית־המדרש, און נאָכן אויסשפּאַנען זײ, פֿלעגט ער לויפֿן אין בית־המדרש לערנען משניות. ער פֿלעגט אויך זאָגן תּהילים, ווען ער האָט געהאַלטן די לייצעס אין די הענט.

שבת בײַנאַכט איז יעקל אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער צוזאַמענ־נעמען פֿאַר אָרעמע קראַנקע. ווען אַ ייד פֿלעגט זיך פֿאַר אים באַקלאָגן, אַז ער האָט ניט קײן נדן חתונה צו מאַכן זײַן פֿאַרזעסענע טאָכטער, פֿלעגט יעקל אים טרייסטן און זאָגן, אַז אויף אַ קינד אויסצוגעבן — איז דאָ בײַ גאָט אַ באַזונדערער אוצר... יעקל אַלײן האָט געהאַט אַ פֿאַר־זעסן מײדל, ווײַל ער האָט ניט געהאַט קײן נדן פֿאַר איר, אָבער זײַן אוצר איז געלעגן בײַ מײַן מאַמען, די צדקת, ווי איך וועל ווײַטער דערצײלן.

יעקל האָט קײנמאָל ניט געניצט קײן בײַטש צו זײַנע פֿערד. „די פֿערד", פֿלעגט ער זאָגן, „אַרבעטן פֿאַר מיר מיט זײער שווײס און גיבן מיר פּרנסה — זאָל איך זײ נאָך שלאָגן? ווען איך וואָלט געווען אַ גביר, וואָלט איך זײ אָװעקגעשטעלט אויף פּאַשע, זײ זאָלן זיך אָפּרוען אויף די עלטערע יאָר..." אַ גרויסער צער־בעלי־חײמניק איז יעקל געווען, און ווען ער האָט געהערט, אַז מען האָט בײַ מײַן פֿאָטער פֿאַרסמט זעקס פֿערד, איז זײַן צער געווען גאַרניט צו באַשרײַבן. יעקל האָט אויסגע־פֿונען, ווער עס איז באַגאַנגען דעם שרעקלעכן פֿאַרברעכן קעגן גאָטס שטומע באַשעפֿענישן; אָבער ווען ער האָט געוואָלט אַרויסגעבן די נעמען פֿון די שולדיקע, האָט מען אים געסטראַשעט, אַז זײַנע פֿערד וועלן האָבן דעם זעלביקן סוף...

אַ זון האָט יעקל געהאַט — ניט קײן באַלעגאָלע, ווי דער טאַטע, נאָר אַ וואויל־לערנער. יעקל האָט געוואָלט דער זון זאָל ווערן אַ רבֿ — „ער זאָל אים שטעלן אַ שטול אין גן־עדן" — אָבער ס'איז אים ניט באַשערט געווען. דער זון איז אומגעקומען פֿון בראַנד־וואונדן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אין באַווידוואָרער באָד אָפּגעבריט מיט אַ שעפֿעלע הײס־קאָכעדיק וואַסער...

יעקל איז געווען אונדזערער אַ הויז־פֿרײַנט און איך האָב דער־מאָלט געזען זײַן פֿאַרצווייפֿלונג. זײַנע האָפֿענונגען אויף אַ זון אַ רבֿ זײַנען אויסגערונען געוואָרן. די שטול, וואָס האָט באַדאַרפֿט אָוועקגע־שטעלט ווערן פֿאַר אים אין גן־עדן דורך זײַן זון, דעם רבֿ, איז צע־בראָכן געוואָרן... און ווען מײַן מאַמע האָט אים געטרייסט, האָט יעקל געזאָגט, אַז גאָט האָט בײַ אים צוגענומען זײַן זון, ווײַל אויס מורא

פאַר זיינע צוויי פרנסה־געבער — ווי ער פלעגט רופן זיינע צוויי פערדלעך, — האָט ער פאַרשווייגן אַזאַ אומדערהערטע רשעות און נישט אויסגע־זאָגט, ווער עס האָט פאַרסמט אונדזערע פערד.

אין וואַרשע האָט מען גערעדט וועגן די נאָווידוואָרער באַלעגאַלעס. אויף נאַלעווקעס נומער 11, דאַכט מיר, איז געווען אַ הויף, וואָס מען האָט גערופן „דער נאָווידוואָרער הויף". אַהין פלעגן פאַרפאָרן אַלע נאָ־ווידוואָרער באַלעגאַלעס; דאָרט האָבן אויך זיך אָפּגעשטעלט די נאָווי־דוואָרער אָמניבוסן מיט די פאַסאַזשירן. אין דעם הויף זיינען געווען אַ סך קלייטן, רעסטאָראַנען, אַפילו אַ שולכל איז דאָרט געווען.

אין אָנהויב אַכציקער יאָרן האָבן די רוסישע פּאָגראָמען אויך דער־גרייכט קיין וואַרשע. אָבער דער פּוילישער המון האָט ניט געמאַכט קיין פּאָגראָם, ווי די דעמאָלטדיקע קאַצאַפּעס אין צאַרישן רוסלאַנד; זיי האָבן ניט אויפגעשניטן יידישע בייכער — זיי זיינען דאָך עפּעס „פּאַנעס" האָבן זיי בלויז געראַבעוועט יידיש פאַרמעגן. ווען די פּוילישע כוליגאַנעס האָבן זיך געלאָזט אויף די נאַלעווקעס, האָבן די נאָווידוואָרער באַלע־גאַלעס אַרויסגענומען די דישלעס פון זייערע וועגענער, און אַלץ, וואָס האָט נאָר געקאָנט געבן אַ קלאַפּ — און זיי האָבן ניט פאַרקלאַפּט דעם טויער פון נאָווידוואָרער הויף, פאַרקערט, זיי האָבן אים ברייט געעפנט — און ווען די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען שוין געווען אין הויף, זיינען די באַלעגאַלעס אַרויס און האָבן זיי אַזוי צעהרגעט, אַז די פּאָגראָמשטשי־קעס האָב געמוזט אָפּטרעטן.

דאָס נעמלעכע ביי אונדז אין נאָווידוואָר: ווען מען האָט זיך גע־ריכט, אַז אין אַ געוויסער נאַכט וועלן פּויערים פון אַרום, צוזאַמען מיט די שטאָטישע כוליגאַנעס, מאַכן אַ פּאָגראָם, זיינען עס געווען די זעלבע באַלעגאַלעס, וואָס האָבן געמאַכט אַן „אַבאָראָנע". יענע נאַכט געדענק איך, זיינען אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס, ניט געשלאָפן. די הייזער פון די גבירים זיינען געווען פאַרקלאַפּט. בלויז אונדזער הויז איז געווען אָפן, ווייל צו אונדז פלעגן אַריינקומען די שומרים זיך אָנ־וואַרעמען מיט אַ גלעזל טיי אָדער אַ שנאַפּס, און יעדער שומר האָט גע־האַט מיט זיך אַ שטיק אייזן אָדער אַ דובינע. — מען האָט געוואַרט אויף די פּאָגראָמשטשיקעס. אַפילו יעקל באַלעגאָלע האָט זיך אין יענער נאַכט ניט פאַרלאָזט אויפן תהילים, נאָר האָט אויך גענומען אַ שטיק אייזן אין דער האַנט אַריין און זיך געשטעלט פאַר דער שול. זיינע חברים באַלעגאַלעס האָבן געהיט די הייזער פון די יידן, און יעקל האָט געהיט דאָס הויז פון גאָט...

פֿלינקע פֿינגערלעך

געווען אין נאַווידוואָר צוויי יונגע ברידערלעך, כּמעט נאָך ייִנגלעך, וואָס פֿאַר זייערע שיינע מעשׂים האָט זיי יעדערער געקענט. ניט געווען קיין יתומים חלילה — זיי האָבן געהאַט טאַטע־מאַמע, אָבער זיי זיינען אויסגעוואַקסן הפֿקר־יונגען, גנבים, אַלפֿאָנסן. איינער האָט געהייסן... נו, איבער פֿאַרשטענדלעכע טעמים וועלן מיר איינעם רופֿן „פֿאַרטיצער" און דעם צווייטן „פֿלינקע פֿינגערלעך"...

„פֿאַרטיצער" איז געווען אַ פֿאַרטאַטש אַ מאַרעוויכער. מען פֿלעגט אים כאַפּן נאָך איידער ער האָט געפּרואווט אַריינשטעקן די האַנט צו יענעם אין קעשענע. איז ער געוואָרן ביי זיין ייִנגערן ברודער אַ „פֿאַר־טיצער" — ער פֿלעגט פֿאַרטיצן די מענטשן אויפֿן מאַרק, זיי זאָלן קיין צייט ניט האָבן צו זען ווי „פֿלינקע פֿינגערלעך" אַרבעטן...

„פֿלינקע פֿינגערלעך" איז געווען אַ בריה אַ מאַרעוויכער. ער האָט אַזוי קונציק־לייכט אַרויסגעצויגן ביים פּריץ דעם בייטל מיט געלט, אַפֿילו ווען דער פּריץ האָט געהאַלטן דעם בייטל פֿאַרשטעקט אונטער דער וועסט. ווי מיט אַ שפּרונג זיינען די טייסטערס, בייטעלעך, דימענטענע שפּיל־קעס געקומען אין „פֿלינקע פֿינגערלעכס" קעשענע אַריין. אויף איין האַנט האָט ער שטענדיק געטראָגן אַ זעקל און די צווייטע האַנט האָט געאַרבעט הינטערן זעקל...

מיט יאָרן שפּעטער דערקען איך „פֿלינקע פֿינגערלעך", שטייענ־דיק אויף סעקאַנד עוועניו אין ניו־יאָרק. ער איז דאָך עפּעס מיינער אַ לאַנדסמאַן — שטעל איך זיך אָפּ רעדן מיט אים. „פֿלינקע פֿינגערלעך" האָט גאָרניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט מיר.

— איך האָב געהערט, ביסט געוואָרן אַ גאַנצער „עקטער" אין אַמע־ריקע — זאָגט ער און ווינקט מיט זיינע גנבישע אויגעלעך...

— און וואָס טוסטו אין אַמעריקע? — פֿרעג איך אים.

— איך — ענטפֿערט ער שטאָלץ — באַשעפֿטיק זיך מער ניט מיט קעשענעס, איך אַרבעט איצט ביי סייפֿס!

— ביי סייפֿס? — פֿרעג איך אים איבער, ניט וויסנדיק וואָס ער מיינט. — דו אַרבעטסט אין אַ פֿאַבריק, וואו מען מאַכט קאַסע־קאַסטנס?

— ניין, — ענטפֿערט ער — איך אַרבעט אין די הייזער ביי די קאַסעס, און דער פּאָליסמאַן אין גאַס גיט אַכטונג, מיר צו געבן אַ סיגנאַל, טאָמער קומט עמעצער אָן... איך האָב אויך צוויי קליאַטשעס, וואָס אַרבעטן פֿאַר מיר — באַרימט ער זיך.

— וואָס מיינסטו קליאַטשעס? — פאַרשטיי איך נישט.

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך אַ וויטשטאַק, אַ יאָלד... ביסט דאָך עפּעס אַן „עקטער”... פאַרשטייסט ניט וואָס איך מיין? — וואונדערט ער זיך.

— וואו וואוינסטו? — פרעגט ער מיך, מעשה גוטער־ברודער.

— אויף דער 5טער סטריט, עק עווניו „בי”.

— אויף דער 5טער און עווניו „בי”, — חזרט ער איבער, און גיט צו: — אויף דעם דריטן „פלאָר” אין די „בעק”, די פענצטער גייען אַרויס צו אַ שול?

— יאָ, יאָ — וואונדער איך זיך — פון וואַנען ווייסטו?

— אַזוי גאָר — זאָגט ער — דו, בועז, וואוינסט דאָרט?... איך האָב דאָך היינט נאָכט דיך געוואָלט באַזוכן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרט קען מען געפינען אַ פּאָר ברילאַנטענע אויערינגלעך, אַ ביסל „קעש”. אַזוי גאָר... נו, נו, מעגסט שוין רואיק שלאָפן.

קומענדיק אין 1929 קיין בוענאָס־איירעס, זע איך צווישן אַלע, וואָס זיינען געקומען צו דער שיף אונדז באַגעגענען, אויך „פלינקע פינגערלעך”.

— ווי קומסטו אַהער? — פרעג איך אים.

— וואָס הייסט, — זאָגט ער, — איך האָב געלייענט אין צייטונג, אַז דו קומסט מיט דיין פלוניתטע, קלאַראַ יאַנג, קיין בוענאָס־איירעס, בין איך דאָך עפּעס דיינער אַ לאַנדסמאַן! בין איך געקומען צו דער שיף, דיר געבן שלום־עליכם...

איך האָב מיך געשעמט לאַנג צו רעדן מיט אים. אָט דאָ אין בוענאָס־איירעס — טראַכט איך ביי זיך — מוז ער זיך פילן ווי אַ פיש אין וואַסער (בוענאָס־איירעס האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט אַ מיאוסן שם פאַר אירע „הייזלעך”).

צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר אָנגעהויבן שפּילן אין טעאַטער עקסעלסיאָר. שטייענדיק אַזוי ביי דער קאַסע, דערזע איך „פלינקע פינגערלעך” אין געזעלשאַפט פון דריי פרויען און צוויי יונגע מענער. זיי קומען צו צו דער קאַסע נאָך בילעטן. אַהאַ, טראַכט איך ביי זיך, שאַבשאָוויטש האָט געבראַכט דאָס גאַנצע „הייזל” מיט די „ראַפּיאַנעס” אין יידישן טעאַטער. איך פרוביר זיך מאַכן ווי איך זע אים ניט און הויב אָן אָוועקצוגיין.

— קום אַהער, בועז! — שרייט ער מיר נאָך — איך וויל דיך פאָרשטעלן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דו ביסט אַ לאַנדסמאַן.

איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און גיי צו.

— דאָס — שטעלט ער פֿאָר, ווייזנדיק אויף אַן עלטערער פֿרוי —
איז מיין ווייב, אַ לעבן אויף איר; דאָ זיינען מיינע צווי טייערע שנורס,
און דאָס איז מיין עלטסטער זון, אַ דאָקטער, און אָט דער וועט אינגיכן
זיין אַ גרויסער אינזשעניר.

ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז „פֿלינקע פֿינגערלעך״
אַן אנגעזעענער ייד אין בוענאָס־איירעס.

אַ דין־תורה צווישן מיין טאַטן און מיין מאַמען

אַ צדיק מיט אַ צדקת, דערציילט מען, האָבן זיך געגט. האָט דער
צדיק חתונה געהאַט פֿאַר אַ מרשעת, האָט זי אים געמאַכט פֿאַר אַ רשע;
די צדקת האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ רשע, האָט זי אים געמאַכט פֿאַר
אַ צדיק.

איך וויל ניט, חלילה, דעם טאַטן מיינעם מאַכן פֿאַר אַ רשע,
כאָטש מען זאָגט, אַז דעם אמת מעג מען זאָגן, אַפֿילו אויף אַן אייגענעם
טאַטן. אָבער אַ צוגעלאָזענער צו אונדז קינדער איז ער ניט געווען,
אַ גרויסער כּעסן; נאָר די מאַמע, מיט אירע טאַקטישע האַנדלונגען,
פֿלעגט אים צוימען. ער איז געווען אַ ייד אַ ריז, אַ גבור; הויך, מיט
אַ ברייט פּנים, אַ בלאָנדע באָרד, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן אין רויט; און
געוואויגן האָט ער אַרום 350 פֿונט.

ווען איך בין געגאַנגען אָנקוקן דעם צאַר, אַלעקסאַנדער דעם דריטן
(ווען ער איז אָנגעקומען אין פּעסטונג), האָב איך געזען אין אים אַ
שטיק ענלעכקייט צו מיין טאַטן; און פּונקט ווי אַלעקסאַנדער האָט מיין
טאַטע געקאָנט צעבייסן מיט די ציין אַ קאָפּיקע. מען האָט אַפֿילו דער־
ציילט, אַז ער פֿלעגט קאָנען אויפֿהייבן מיט די ציין אַ טיש, ווען אַ
מענטש איז אויף אים געזעסן.

היינריך היינע האָט געזען דאָס הארץ פֿון אַ מאַמען נאָר אין זיין איי־
גענער מוטער... איך ווייס, אַז עס איז פֿאַראַן אַ „מוטער־קאָמפּלעקס״,
אַן איבערנאַטירלעכע איינגעליבטקייט אין דער אייגענער מאַמען. אָבער
מיין מאַמע איז באמת געווען אַ צדקת — דער היפּוך פֿון מיין פֿאָטער,
אי פֿיזיש, אי גייסטיק: אַ שטשופּלע, אַ שוואַכע, געליטן פֿון אויסצע־
רונג, אָבער אַ ריז אין גייסט, אַ גאָטספֿאַרכטיקע, האָט געקענט אַ ביסל
לשון־קודש, אַפֿילו גמרא. בפֿרט די אגדתא. זי פֿלעגט צאָלן אַ ברודער
דרייסיק קאָפּיקעס פֿאַר יעדן בלאַט מהרש״א, וואָס ער פֿלעגט קאָנען
זאָגן פֿון אויסנווייניק. גוטע מידות האָט זי געהאַט זייער אַ סך: זי האָט

זייער שטאַרק אַפּגעהיט מתּן־בסתר־צדקה, אין דער שטיל, און פּלעגט געבן צדקה. איבער דעם האָט זי געהאַט אַ דין־תּורה מיטן טאַטן: אויף איר צעטל האָט זי געהאַט אַ 30—40 אָרעמעלייט פֿון נאָווידוואָר; און כּדי די אָרעמעלייט זאָלן ניט דאַרפֿן שטיין ביי אונדז ביי דער טיר, האָט זיי איינגעטיילט די אַרבעט צווישן אונדז, קינדער, אַז מיר זאָלן ברענגען די צדקה צו די אָרעמע און קראַנקע אין די שטיבער. איך האָב געהאַט אונטער מיין רשות 10 אָרעמעלייט, וואָס איך פֿלעג זיי יעדן פֿרייטיק ברענגען אַ קוואַרט מעל, אַ פֿונט פֿלייש און 50 קאָפּיקעס געלט. די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אָנקלאַפּן אין טיר, אַוועקלייגן דאָס פּעקל און געשווינט אַוועקגיין. ניט איינמאָל האָב איך געהערט ווי די מענטשן האָבן מיך געבענטשט. אָבער די צדקה, וואָס די מאַמע האָט געגעבן, איז געווען אָן דעם טאַטנס וויסן, און עס איז דאָך פֿאַראַן אַ דין, צי אַ גמרא, אַז די צדקה, וואָס אַ פֿרוי גיט אָן דעם מאַנס וויסן, ווערט ניט פֿאַררעכנט אויף יענער וועלט, ווייל אַלץ וואָס די פֿרוי באַזיצט, באַלאַנגט צום מאַן — איז עס דאָך פּשוט גנבה... די מאַמע האָט פֿון דעם געוואוסט און זי איז געווען אין גרויס פֿאַרלעגנהייט: זאָל זי דעם טאַטן זאָגן וויפֿל געלט זי האָט אַוועקגעגעבן פֿאַר צדקה — האָט זי גוט געקענט איר מאַן, דעם בעל־כּעסן; זאָל זי אים ניט זאָגן, פֿאַרלירט זי דאָך אַזויפֿיל מצוות, אַזאַ גרויס שטיק עולם־הבא...

נאָר דער טאַטע האָט זיך אַליין דערוואוסט וועגן די געלטער, וואָס זיין ווייב גיט אַוועק פֿאַר צדקה; און אַזוי ווי עס איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן, האָט ער איר פּשוט געזאָגט, אַז ער וויל זי זאָל אַלע מצוות און די עולם־הבא, וואָס זי האָט זיך פֿאַרשאַפֿט פֿאַר זיין געלט, אָפּשרייבן אויף אים... די מאַמע איז געוואָרן אַ פֿאַרציטערטע: זי האָט זיך ניט געקאָנט גלויבן, אַז איר מאַן, דער בעל־גוף, דער עולם־הזהניק, זאָל גאָר פּלוצים ווערן פֿאַראינטערעסירט אין מצוות... פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט פֿון דעם אַפֿילו ניט געוואָלט הערן. דער טאַטע האָט איר פֿאַרגעשלאָגן, אַז זי זאָל זיך פֿאַרלאָזן אויף איר ברודער, דעם פֿעטער יאָסל. די מאַמע איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. האָט דער פֿאָטער זיך באַראָטן מיט אונדזער הויז־פֿריינט, יעקל באַלעגאָלע. די מאַמע פֿלעגט אים רופֿן „דער הייליקער באַלעגאָלע". יעקל האָט געראָטן, אַז דער טאַטע זאָל נעמען די מאַמען צו אַ דין־תּורה ביים רב. ווען דער רב האָט געשיקט כּאַצקעלע שמש נאָך דער מאַמען, האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט:

— קום, בועזל, מיט מיר צום רב. דער טאַטע האָט מיטגענומען יעקלען פֿאַר אַ מליץ־יושר. איך דאַרף ניט קיין מליץ. דו, בועזל, ביסט

אַ מזלדיקער, דיר האָב איך צו פֿאַרדאַנקען, וואָס איך קען איצט העלפֿן אַרעמע מענטשן. קום מיט מיר צו דער דין־תורה.

דעם טאַטנס טענות ביים רב זיינען געווען, אַז די מאַמע האָט שוין געגנוג מצוות אויף איר חשבון.

— רבי, — האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט — איידער איך האָב נאָך חתונה געהאַט מיט איר, האָט זי זיך שוין געקויפֿט עולם־הבא, וואָרים ווען אירע עלטערן האָבן נאָך אונדזערע תּנאים געוואָלט אָפּלאָזן דעם שידוך, ווייל איך האָב זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר צו פּראָסט פֿאַר איר, האָט זי עס ניט געלאָזט, כּדי מיך ניט צו פֿאַרשעמען. ווען איך האָב זי געוואָלט שיקן אין די בעדער קיין סאָכאַטשינעק, זי זאָל היילן אירע קראַנקע לונגען, האָט זי געזאָגט צו מיר: „אַברהם, דאָס דאַרף קאָסטן אַ פּאָר הונדערט קערבלעך, טאָ לאָמיר בעסער דאָס געלט אָוועק־געבן יעקלען אַלס נדן פֿאַר זיין פֿאַרזעסן מיידל”. איך מוז זאָגן דעם אמת, רבי, און איך בין זיך איצט מודה פֿאַר דיר יעקל, אַז איך האָב דיר נישט געוואָלט געבן דאָס געלט. דאָס איז געווען איבער מיין כּוח. אָבער זי האָט אירס אויסגעפֿירט, רבי, און יעקל האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער. איך ווייס שוין איצט, יעקל, וואו דו האָסט גענומען געלט צו קויפֿן אַ ניי פֿערד, ווען איינער איז ביי דיר אָוועקגעפּגרט. זי, העגע־פּריידע, מיין ווייב, זי האָט דיר דאָס געלט דעמאָלט געגעבן. נו, רבי, האָט זי שוין ניט מיט דעם אַליין איר עולם־הבא? איך אָבער וועל קומען אויף יענער וועלט אַ נאַקעטער, אָן מצוות. — האָט דער טאַטע כּמעט געוויינט. — איך כאַפּ אָפּ דאָס דאַווענען און אַנטלויף אין פּעסטונג אַריין, רבי! — איך בין דער גבאי פֿון דער חברה־תּהילים און איך האָב דאָס גאַנצע יאָר קיין צייט ניט געהאַט צו זאָגן אַפֿילו איין קאַפּיטל תּהילים בציבור. זאָל איך כאָטש האָבן דעם שכר פֿאַר דער צדקה, וואָס זי האָט געגעבן צו די אַרעמעלייט מיט מיין געלט.

ווען דער רבי האָט זיך געווענדט צו דער מאַמען, וואָס זי האָט דערויף צו זאָגן, האָט זיך די מאַמע פֿאַרטיידיקט מיט אַזאַ טענה:

— אמת, רבי — האָט די מאַמע צוגעגעבן, איך ווייס וואָס עס שטייט געשריבן. אָבער פֿאַר דער צדקה האָט גאָט אים געגעבן כּפֿל־כּפֿלים. וואָס מער צדקה איך האָב געגעבן, אַלץ רייכער איז ער געוואָרן, און ער האָט זיך געגנוג עולם־הזה פֿאַרשאַפֿט פֿאַר דעם געלט. אַברהם — האָט די מאַמע געשאָקלט מיטן קאָפּ און כּמעט פֿאַרשעמט געזאָגט, — איך ווייס אַלץ... איך בין קראַנק זינט איך האָב געהאַט מיין ערשט קינד. איך בין איצטער אַ נוטה למות, מיינע טעג זיינען געציילטע. איך פֿיל,

אַז היינט־מאָרגן וועל איך דאַרפֿן שטיין פֿאַר דעם, וואָס לעבט אייביק. דאָס פּעקל מיט מעשים טובים, וואָס איך האָב מיר פֿאַרשאַפֿט, ווי מיין מאַן זאָגט, איז שוין פֿאַרבונדן. ווען איך זאָל עס אויפֿבינדן, וועל איך עס שוין ניט קאָנען צוריק אָנפֿילן. עס איז שוין ניט געבליבן פֿאַר מיר מער קיין צייט... אָבער ער, מיין מאַן, ער איז ערשט 45 יאָר אַלט, איז געזונט, קרעפֿטיק און רייך. ער האָט נאָך אַ געלעגנהייט צו פֿאַרשאַפֿן זיך מצוות און מעשים טובים. איך לייד גענוג יסורים אויף דער וועלט, — זאָל ער עס מיר פֿאַרגינען נאָך מיין טויט.

איך האָב דעמאָלט געקוקט אויפֿן טאַטן ווי אויף אַ גזלן, אַ רוצח, וואָס וויל באַראַבעווען די מאַמע, און איך האָב שטאַרק געוויינט.

די ליכט, וואָס האָבן געברענט ביים רב אויפֿן טיש, האָבן זיך געשמעלצט, און ווען דער רב האָט מיט אַ שערל געוואָלט אָפּשניידן דעם קנויט, האָט ער איין ליכט אינגאַנצן פֿאַרלאָשן. עס איז געווען האַלב חודש, און די לבנה האָט מיט איר שיין באַלויכטן דאָס האַלב־טונקעלע בית־דין־שטיבל.

דער רב, דעם קאָפּ אויף דער האַנט אָנגעשפּאַרט, האָט געטראַכט. פּלוצים האָט ער זיך געגעבן אַ הייב אויף און געזאָגט:

— זעט, די שיינע, גרויסע לבנה איז איצט אַרויס פֿון איר באַהעל־טעניש. ס׳שטייט געשריבן, אַז דער בית־דין של מעלה זעצט זיך ניט צום משפּט, ביז דער בית־דין של מטה איז ניט מקדש דעם חודש. קומט, מיר וועלן אַרויסגיין פֿריער מחדש זיין די לבנה.

ווען מיר זיינען צוריק אַריינגעקומען אין רבס חדר, האָבן מיר גע־טראָפֿן די מאַמע זיצן ביים פֿענצטער, אַריינקוקנדיק אין אַ ספֿר ביים שיין פֿון דער העלער לבנה.

מיר האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט און דער רב האָט געזאָגט צום טאַטן:

— אַברהם, דו ווייסט, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, האָבן די מלאָכים צו אים געזאָגט: „צו וואָס דאַרפֿסטו באַשאַפֿן דעם מענטש?" און גאָט האָט צו זיי געזאָגט: „איר וועט זען די מעשים פֿון מענטש, — ער וועט זיך מקריב זיין פֿאַר מיר". דו, אַברהם, האָסט ניט געוואָלט מקריב זיין אַפֿילו דיין געלט צו טאָן אַ מצווה, און זי, דיין ווייב, העני־פֿריידע, האָט אפֿשר איר אייגן לעבן מקריב געווען פֿאַר יעקלס טאָכטער. על־פּי יושר האָסטו אַזאַ זאַך ניט באַדאַרפֿט צולאָזן. אָבער דאָס איז דיין געלט געווען, און נאָר דו אַליין האָסט געהאַט אַ רעכט דערויף. אַברהם בן יהודה, איך פֿרעג ביי דיר: באַשטייסטו נאָך אַלץ אויף דיין פֿאָדערונג?

דער טאַטע האָט געשוויגן. האָט דער רב זיך געווענדט צו דער מאַמען און געפרעגט:

— הענע־פריידע, אַברהמס ווייב, ביסטו וויליק אים אָפּצושרייבן אַ האַלבן חלק עולם־הבא?

די מאַמע, ניט קלערנדיק, איז צוגעגאַנגען צום טאַטן און געזאָגט מיט תמימות:

— אַברהם, מיין מאַן, קנאַפּע דרייסיק יאָר ביסטו געווען מיין שותף אויף דער וועלט, טאָ זיי אויך מיין שותף אויף יענער וועלט. זאָל דער רב אויסשרייבן אַ כתב און איך וועל אונטערשרייבן.

ווען דער רב האָט געענדיקט שרייבן און די מאַמע מיט די עדות האָבן זיך אונטערגעשריבן, האָט דער רב איבערגעגעבן דאָס פּאַפּיר צום טאַטן און געזאָגט:

— נאַ, אַברהם, געדענק, באַהאַלט דאָס אין דיין קאַסע־קאַסטן, וואו דו האַלטסט דיינע טייערע חפצים.

האָט זיך יעקל אָנגערופן:

— נייק, אַברהם, גיב עס דיין ווייב, דער צדקת; זאָל זי עס האַלטן אין שאַכטל צוזאַמען מיט איר צירונג.

אונדזערע רייכע חתונות און דאָס אָפּשטאַרבן פון מיין מאַמען

חתונות פלעגט מען ביי אונדז אין שטוב פּראַווען אויף אַ מיליאָ־נערסקן שטייגער. אַזוי ווי מיינע ברידער האָבן חתונה געהאַט פון אַנ־דערע שטעטלעך אין פּוילן, פלעגן מיר מוזן פאָרן מיטן חתן צו דער כלה און דאָרט מאַכן די חתונה. צוויי וואָכן פאַר דער חתונה האָבן מיר געהאַלטן אין איין באַקן פאַרשיידענע לעקעכער און טאָרטן, און געבראָטן גענדז און קאַטשקעס פאַר דער חתן־מאַלצייט, וואָס די מחותנים פון חתנס צד האָבן באַדאַרפט געבן דאָרטן, אין הויז פון דעם מחותן. עס האָט זיך גערודערט אין שטוב נאָך מער ווי ערב־פּסח.

פאַר דעם פאָרן צו דער חתונה האָבן מיר געמאַכט אַן אָרעם־מאַל־צייט און געטיילט געלט די אָרעמעלייט. עס זיינען געקומען צום אָרעם־מאַלצייט ניט נאָר די אָרעמעלייט פון נאָווידוואָר, נאָר אויך אַ סך פון די אַרומיקע שטעטלעך — בעטלער אויף קוליעס און אינגאַנצן אָן פיס, בעטלער בלינדע און וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר בלינדע, פרויען בעטלערקעס, וואָס זיינען געווען אָפּגעריסן, און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעפּוצט... מ׳פלעגט דעקן צוויי גרויסע טישן, איינעם פאַר

די מענער־בעטלער און דעם צווייטן פֿאַר די פֿרויען־בעטלערקעס. די מאַמע האָט קיינעם פֿון דער דינערשאַפֿט ניט צוגעלאָזט באַדינען די אָרעמע־לייט. זי אַליין האָט זיי געמוזט באַדינען, בעת די שטאָט־קלעזמאָרים האָבן געשפּילט.

האָט פּאַסירט ביי מיין עלטסטן ברודער אויף דער חתונה: אַ בעטלערקע איז געזעסן ביים געדעקטן טיש און געהאַלטן אין איין קוקן צום טיש, וואו די מענער־בעטלער זיינען געזעסן. פּלוצים האָט זי אַ געשריי געטאָן: „דוד!" און איז געפֿאַלן אין חלשות — זי האָט צווישן די מענער־בעטלער דערקענט איר מאַן, וואָס איז אַוועק פֿון איר, אַ חשבון צען יאָר צייט...

ווען איך בין יאָרן שפּעטער געווען אין „פּיפּלס טעאַטער" און טאָמאַשעווסקי האָט אויפֿגעפֿירט „תּחית המתים" פֿון מעסקאַ, האָב איך אים דערציילט דעם עפּיזאָד ביים אָרעם־מאַלצייט. טאָמאַשעווסקי האָט עס באַלד אויסגענוצט אין דער פּיעסע, אָבער ער האָט עס געמאַכט שענער און נאָך מער „שונדיש" ווי דאָס לעבן אַליין...

*

ווען די מאַמע האָט מיך געבראַכט צום ערשטן מאָל אין חדר אַריין צום דרדקי מלמד, האָט זי געזאָגט: — „ר' פֿישל, ער איז אַ מזלדיקער, ער וועט אייך ברענגען פּרנסה". איך געדענק ניט צי ער האָט טאַקע געהאַט פּרנסה דורך מיר, אָבער איך געדענק אויך ניט, אַז ער זאָל מיך האָבן אַמאָל געשמיסן... קיין עלוי בין איך ניט געווען, אָבער צו 7 יאָר האָב איך שוין געלערנט גמרא מיט תּוספֿות און צו 12 יאָר האָט מען מיך שוין געשיקט קיין יאַנאָווע, פֿון וואַנען מיין ברודער האָט חתונה געהאַט, איך זאָל לערנען ביים דאָרטיקן רב, ביי וועמען עס האָבן שוין געלערנט דריי דערוואַקסענע בחורים צו 17 יאָר אַלט.

ווען איך בין צוריק אַהיימגעקומען פֿון יאַנאָווע, האָב איך שוין געטראָפֿן די מאַמען אויפֿן טויטן־בעט. מען האָט צעשיקט טעלעגראַמעס צו אַלע פֿאַרהייראַטע ברידער.

ווען די לעצטע שעה האָט זיך דערנעענטערט, האָט מען אָנגעצונדן ליכט, און אַלע קינדער האָבן זיך געשטעלט אַרום איר בעט. איך בין געשטאַנען מיטן מעבר יבוק אין האַנט און געזאָגט פּסוקים פֿון דאָרט.

עטלעכע און זעכציק יאָר זיינען שוין אַוועק פֿון יענער צייט, און דאָס בילד פֿון דער מאַמעס טויט שטייט נאָך פֿריש פֿאַר מיינע אויגן. איך בין שוין געשטאַנען אין מיין לעבן ביי דער גסיסה פֿון פֿאַרשיידענע

פֿרומע מענטשן, נאָר בײַ קײנעם האָב איך ניט געזען אַזאַ זיכערקײט, אַז דאָס שטאַרבט איצט אָפּ דער גוף, אָבער די נשמה אירע לעבט װײַטער און װעט באַלד אַװעקפֿליִען אַהין, װוּ גוטע מלאָכים װעלן איר אַנט־קעגן קומען און זי אַרײַנפֿירן אין דער אײביקער װעלט — װוּ גאָטס כבוד רוט, — פֿאַר די מצוות װאָס זי האָט געטאָן אויף דער װעלט, און פֿאַר דער צדקה װאָס זי האָט געטײלט צו אָרעמע נױטבאַדערפֿטיקע. די אויגן האַלב־פֿאַרמאַכט און די ליפּן פֿאַרטריקנט, האָט זי געהאַלטן אין אײן מורמלען פּסוקים פֿון תּהילים. די דרײַ װערטער — בידך אַפקיד רוחי — האָט זי געזאָגט אַזױ הױך, אַז אַלע האָבן עס געהערט. און װען זי האָט דערפֿילט, אַז די לעצטע פּאָר מינוטן קומען אָן, האָט זי די פֿאַרגלײזטע אויגן אָנגעשטעלט אויפֿן עלטסטן זון, שמואל, ער זאָל אָפּיר־נעמען פֿון אונטערן קישן די צוואה און זי איבערגעבן דעם טאַטן. און װען דער טאַטע האָט די צוואה גענומען, האָט זי מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אַרויסגעשעפּטשעט „שמע ישראל”, און מיט אַ פֿאַרגלי־װערטן שמײכל אויפֿן פּנים האָט זי פֿאַרלאָזט די װעלט.

װי באַדױער איך, מאַמע טײַערע, װאָס דיר איז ניט געלונגען אָט דעם שטאַרקן גלױבן אײַנצופֿלאַנצן אין מײַן ייִנגלשן האַרץ.

װען די מאַמע איז שױן געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אויף שטרױ, איבערגעדעקט מיט אַ װײַס לײַלעך, מיט ליכט צוקאָפּנס, האָט די מומע צו מיר געזאָגט:

— בועז, גײ־צו צו דער מאַמען און זאָג איר, זי זאָל זײַן אַ גוטע בעטערין פֿאַר דיר אויף יענער װעלט.

אַז מײַן מאַמע קאָן פּועלן בײַם רבונו־של־עולם װאָס איך װעל זי נאָר בעטן, אין דעם בין איך געװען זיכער. אָבער פּונקט װי פּרצעס „באָנטשע” האָט נישט מער געבעטן װי אַ בולקע מיט פּוטער, אַזױ האָב איך זיך אַראָפּגעבויגן צו מײַן טויטער מאַמען און געבעטן זי זאָל זיך מיִען בײַ דעם רבונו־של־עולם, אַז — איך זאָל אויפֿװאַקסן אַן ערלעכער ייִד...

װען מען האָט דערפֿילט דער מאַמעס בקשה און מען האָט געעפֿנט איר צוואה, אײדער מען האָט זי מקבר געװען, זײַנען אַלע קינדער מיטן טאַטן געשטאַנען אַרום דעם טהרה־ברעט, אויף װעלכן זי איז געלעגן, און מײַן עלטסטער ברודער שמואל האָט געלײענט די צוואה. אויפֿן הויף איז געװען פֿאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, װאָס איז געװען נײַגעריק צו הערן װאָס אין דער צוואה איז געשריבן. איך געדענק נישט אַלץ, װאָס זי האָט געבעטן, אָבער אײניקע זאַכן פֿון דער צוואה גע־

דענק איך: אַז יעדן יאָרצייט זאָלן די קינדער לערנען משניות און אַ מנין יידן זאָלן זאָגן תהילים נאָך איר; זי בעט די קינדער, אַז ביז צום ערשטן יאָרצייט זאָלן זיי זיך קליידן יידישלעך; זי פֿאַרבאָט די קינ־דער אירע אַ נאָמען צו געבן נאָך איר, ווייל זי ווייסט, האָט זי גע־שריבן אין דער צוואה, אַז פֿון איר יידישן נאָמען, הענע־פֿריידע, וועט מען מאַכן העלענע — וויל זי נישט, אַז נאָכן טויט זאָל מען זי רופֿן מיט אַ פֿרעמדן, גויישן נאָמען. דעם טאַטן בעט זי, אַז ער זאָל זען צו שטיצן יעקלען — יעקל דער באַלעגאָלע, און צו יעדן יאָרצייט, אויב ער וועט נאָר קאָנען, זאָל ער צעטיילן כאָטש פֿופֿציק רובל צו אָרעמעלייט; בפֿרט האָט זי אָנגעזאָגט דעם טאַטן, ער זאָל זען, למען־השם, אָפּהיטן, כאָטש ביז איבערן ערשטן יאָר נאָך איר טויט, די 30—40 אָרעמעלייט אין שטאָט, וואָס זי האָט געהאָט אויף איר צעטל.

דער טאַטע האָט אויף דעם אַלעם געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיין צער איז געווען נישט צום באַשרייבן; מיר האָבן ניט געדענקט, אַז דער טאַטע זאָל זיך אַזוי שטאַרק נעמען צום האַרצן. ער האָט אָפּנים זיך גע־מוזט פֿילן שטאַרק זינדיק קעגן איר... איך ווייס ניט צי מיין טאַטע האָט אַמאָל אין זיין לעבן געוויינט. אָבער ביי דער מאַמעס קבר איז געווען אַזאַ רחמנות צו זען ווי טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון זיינע אויגן. דער פֿיזישער ריז האָט אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן.

פֿון די אַלע זאַכן, וואָס די מאַמע האָט געבעטן אין דער צוואה, האָט מען שפּעטער נאָר איין איינציקע זאַך אויסגעפֿאָלגט — קיינער פֿון אונדז האָט ניט קיין נאָמען געגעבן אונדזערע קינדער נאָך דער מאַמען.

איך וואַקס ביי אַ שטיפֿמאַמען

פּונקט נאָך די שלושים האָט דער טאַטע אונדז געבראַכט אין שטוב אַריין פֿון וואַרשע אַ שיינע, געזונטע מיטליאַריקע פֿרוי מיט דריי קינ־דער, וועלכע ער האָט פֿאַרגעשטעלט ווי זיין פֿרוי — אונדזער צווייטע מאַמע...

ווען איך האָב יאָרן שפּעטער געשפּילט מיט יעקב פּ. אַדלער די ראָל פֿון „שמואל לייבלעך" אין גאָרדינס „דער ווילדער מענטש", האָט אַדלער, דערזעענדיק מיין „גרים" און קליידונג, מיך געפֿרעגט צו וואָס איך האָב זיך געמאַכט אַזוי דיק און נאָך העכער ווי איך בין. האָב איך אים געזאָגט, אַז וואָס העכער, דיקער, שטאַרקער שמואל לייבלעך וועט זיין, אַלץ קאָמישער, לעכערלעכער וועט ער אויסזען ביים פּובליקום

שפּעטער, ווען ער ווערט אַ פּאַנטאָפל ביי זיין צווייט ווייב זעלדע. אין אמתן האָב איך קאָפּירט דעמאָלט מיין טאַטן דעם ריז, דעם הערשער, פֿאַר וועמענס קוק די גאַנצע שטוב האָט געציטערט, און וואָס איז דערנאָך געוואָרן ביי דער שטיפֿמאַמען אַ שמאַטע.

דער טאַטע מיינער, אָט דער האַרטער, שטרענגער, שטאַרקער מענטש, האָט אויסגעקוקט קאָמיש, לעכערלעך, ווען זי האָט געשמייכלט צו אים. אין אירע הענט איז ער געווען ווייך ווי טייג און זי האָט געקאָנט פּועלן ביי אים וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. האָט ער טאַקע, אונטער איר איינפֿלוס, אָפּגעשריבן אויף איר נאָמען אַלע הייזער, כאָטש זי האָט געהאַט אַן אייגן גרויס פֿינף־שטאָקיק הויז אין וואַרשע, וואָס איר ערשטער אַלטער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט.

זיינען מיר, קינדער, דעם טאַטנס פֿינף און דער שטיפֿמאַמעס דריי געוואַקסן אין נאָווידוואָר. איך האָב געלערנט אין בית־המדרש, ביי דעם מורא־הוראה ר׳ הירש־בער.

ר׳ הירש־בער האָט געהאַט אַ שווערן קאָפּ, אָבער ער איז געווען אַ מתמיד. ער פֿלעגט קאָנען זיצן 24 שעה אויף אַן אָרט און לערנען. די משכּילים האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט צו פֿאַרדאַנקען זיין מורא־הוראהשאַפֿט ניט זיין מוח־קראַפֿט, נאָר זיין זיץ־קראַפֿט... ער פֿלעגט שטענדיק כאַפּן אַ קוק אין רמב״מס „מורה־נבוכים“ און אין „יד חזקה“.

איך בין שוין געווען דעמאָלט אויף אַזוי ווייט אַפּיקורסיש, אַז איך האָב געטייטשט דאָס וואָרט „תּיקו“ פֿון דער גמרא (וואָס מיינט תּשבי יתרץ קשיות ואביות — אליהו הנביא וועט פֿאַרענטפֿערן אַלע קשיות און אבעיות) — „נו, האָב איך ניט געטראָפֿן“... און פֿאַר אַן אַפּיקורס האָט מיך געמאַכט אַ חבר מיינער, כאַצקל בערמאַן, ווען ער האָט מיר אַמאָל, אַ שבת נאָכמיטאָג, אין וועלדל געגעבן צו לייענען שמ״רס אַ ראָמאַן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע ביכל, וואָס איך האָב ווען געלייענט.

ווען איך האָב שפּעטער, אין אַמעריקע, געלייענט „שמר״ס משפּט“ פֿון שלום־עליכמען, אין וועלכן שלום־עליכם דערציילט, אַז מען האָט שמ״רן גערופֿן צום משפּט פֿאַר דעם בית־דין של מעלה, פֿאַר די מעשיות, וואָס ער האָט געשריבן פֿאַר דינסטן צו לייענען שבת נאָכן קוגל, האָב איך גרויס פֿאַראיבל געהאַט פֿאַר דעם חוזק פֿון שלום־עליכמען. שמ״רס ראָמאַנען האָבן דעמאָלט אונדז, יינגלעך, געגעבן די ערשטע אָנרעגונג, מען זאָל בכלל אָנהויבן לייענען. אַ גמרא־יינגל האָט אַ לשון־קודש בוך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין; און אַז מען פֿאַרשטייט ניט וואָס מען לייענט, פֿאַרוואַרפֿט מען אינגאַנצן דאָס לייענען. פֿאַרקערט אָבער, ווען שמ״רס „גן־

עדן־פֿויגעלע" האָט מיך פֿאַראינטערעסירט, בין איך געוואָרן אַ לייענער. און ווען מען האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ בוך אין העברייאיש מיטן נאָמען „אַהבת ציון", וואָס איז זייער שיין, האָב איך מיך פֿאַר־אינטערעסירט און שוין געלערנט אויך לשון־קודש, כּדי איך זאָל עס קאָנען פֿאַרשטיין. און ניט נאָר דעם „אַהבת ציון", אויך זשול ווערנס „במצולת הים", וואָס אונדזער לערער פֿרענקלין האָט איבערגעזעצט אין העברייאיש, ביז איך בין געקומען צו שעקספּיר...

און נישט נאָר ייִנגלעך און דינסטן האָבן דעמאָלט, צום סוף זיבעציקער יאָרן, געלייענט שמ"רן. מייַנע עלטערע ברידער, וואָס האָבן שוין געלייענט וויסנשאַפֿטלעכע ביכער אין העברייאיש, האָבן אויך אַמאָל הנאה געהאַט פֿון דעם „זשאַרגאָנישן" ראָמאַן „דער בלוטיקער אַדיע"...

אַוודאי דאַרף אַ הייַנטיק ייִדיש ייִנגל ניט האָבן שמ"רן ער זאָל אים פֿאַראינטערעסירן אין לייענען. מיר האָבן איצט אַ גרויסע רייַכע ייִדישע ליטעראַטור פֿאַר קינדער. אָבער דעמאָלט (און אַפֿילו שפּעטער, אין אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פֿאַר דער רעוואָלוציע פֿון 1905) זייַנען מיידלעך, ייִנגלעך, דינסטן, געקומען צום לייענען ייִדישע אַרבעטער־בראָשורן נאָר דורך לייענען פֿריער שמ"רן. איך דענק דעריבער, אַז סיי שלום־עליכם, סיי אונדזערע קריטיקער זייַנען באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן נחום מאיר שייקעוויטשן (שמ"ר).

ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם „חטאת נעורים", בין איך שוין געגאַנגען שבת נאָכמיטאָג אין וועלדל אַריין הינטער דער שטאָט מיט אַ בחור, וואָס איז געווען מיט אַ זעקס יאָר עלטער פֿון מיר. אייזיק יענקל לובריצקי האָט ער געהייסן (דער פֿאָטער פֿון די שוישפּילער: דייוו, פֿעני און גאָלדע לובריצקי). איך האָב זיך שוין דעמאָלט באַטראַכט פֿאַר אַן אַפּיקורס און גענומען פֿאַררויכערן אַ פּאַפּיראָסל. נאָר ווען ס'איז געקומען אָנצורייבן דאָס ערשטע שוועבעלע, האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פֿון דעם... ביי יעדן צי פֿון ציגאַרעטל האָב איך געפֿילט, ווי עמעצער ציט אינעווייניק, אין מיין נשמה... אָבער דאָס צווייטע שבתדיקע צי־גאַרעטל האָט מיר שוין פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן.

געווען אין באָווידוואָר איינער, הערשל יעראָזעלימסקי, באַקאַנט פֿאַר אַ שטיקל אַפּיקורס. „דער טויטער הערשל", האָט מען אים גערופֿן. ער איז געווען הויך, דאַר און דאָס שוואַרצע בערדל אַרום זיין בלאַס פּנים האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ לעבעדיקער מת. הערשל איז געווען אַ לערער און געשריבן פּראָשעניעס, זייער אַן אינטעליגענטער, איידעלער

מענטש געווען (זיין בילד געפינט מען אין דעם בוך, וואָס די נאָווידוואָ־רער חברה אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט אַרויסגעגעבן).

שבת, צו קריאת־התורה, פלעגן מיר, בחורים, אַרויסגיין פון שול און זיך אַריינכאַפּן צום טויטן הערשל עפּעס אָפּצועסן. איין מאָל האָב איך ביי אים געגעסן ציבעלע. ווען איך בין צוריק אַריין אין שול האָט מען נאָך געהאַלטן אין לייענען די תורה. פּלוצים הער איך ווי מען רופט אויף: יעמוד החתן הבחור בועז בר׳ אַברהם מפטיר... פונקט האָט דעם שבת געלייענט די תורה כאַצקעלע שמש. ער איז געווען זייער קליין, כמעט אַ קאַרליק, מיט אַ בערדעלע ווי אַ ציג, און אַ לולקע האָט ער גע־רויכערט, וואָס דער ציבוק איז געווען באַלד אַזוי לאַנג ווי ער אַליין. מיט זיין אייגן הענטל איז אים געווען שווער צו דערלאַנגען מיטן שווע־בעלע צו דער ליולקע. אָבער אַ חכם איז ער געווען גאָר אַ גרויסער. ביי אַ דין־תורה פלעגט ער אַזוי מאַנעווורירן, אַז ביידע צדדים זאָלן זיין צופרידן, כדי ער זאָל באַקומען טרחה־געלט פון ביידן. מיר פלעגן אים רופן „דער בלאָטער־שמש״, ווייל ער פלעגט זיין אי מיט די חסידים, אי מיט די מתנגדים און משכילים. ווען איך בין אַרויף אויפן באַלעמער און האָב אָנגעהויבן מאַכן די ברכה איבער דער תורה, זע איך ווי כאַצקעלע שמש קוקט אויף מיר מיט זיינע קליינע אייגעלעך און ציט עפּעס מיט דער נאָז... אויף מיין ברכה האָט ער געענטפערט מיט אַן „אָמן״, ווי איינער רעדט: אַזוי איז די מעשה... איך האָב אויף גיך אָפּגעפּטרט דעם מפטיר און זיך געוואָלט אַרויסשאַרן פון שול. אָבער כאַצקעלע האָט מיך פאַרהאַלטן און שטילערהייט צו מיר אַ מאַך געטאָן: וואָס־זשע, בועז, עס קומט דיר נאָך מפטיר פאַר דעם? מילא פאַרן עסן אין מיטן דאַווענען וועט זיך שוין גאָט מיט דיר אָפּרעכענען; אָבער פאַר ניט אויסשווענקען דאָס מויל, אַז עס זאָל זיך ניט פילן די ציבעלע ביי דער ספר־תורה, וועל איך מיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען...

*

גאַנץ נאָווידוואָר האָט געהאַסט אונדזער שטיפמוטער. האָט זי איינ־מאָל אין אַ טאָג זיך איינגעפּאַקט און איז מיט די קינדער צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. האָט דער טאַטע, זייענדיק שטאַרק פאַרליבט אין איר, אונדז אַלעמען פאַרנומען און זיך אויך באַזעצט אין וואַרשע, טאַקע אין איר אייגן הויז, אויף גזשיבאָווסקע גאַס נומער 12. איך בין דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געווען אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי וואַרשע. איך בין שוין

געהאַט דורכגעפֿאָרן פּלאַצק, אַפֿילו לאָדזש, פֿאַרנדיק אויף מיינע ברידערס חתונות, אָבער אַזאַ שטאָט ווי וואַרשע! די גאַסן זיינען געווען געפּלאַס־טערט מיט אַזאַ מאַטעריאַל ווי גומי, מיט פֿיר־קאַנטיקע קעסטעלעך, ענלעך צו די, וואָס ליגן פֿאַר דער טיר. פֿון די טראַמוויען און די הויכע, געמויערטע הייזער, פֿון גריצהענדלערס און קראַנענבערגס געוועלבער, האָב איך זיך ממש ניט געקאָנט אָפּרייסן. מיך געפֿירט דאָס אַלץ אָנקוקן האָט מיין שטיפֿשוועסטער חיהלע, וועלכע איז געווען אַ געבוירענע אַ וואַרשעווערין. זי איז געווען מיט אַ יאָר יינגער פֿון מיר, שלאַנק, מיט שוואַרצע אויגן און נישקשהדיקע געזיכטצוגן — גוט גענוג צו מאַכן אַן איינדרוק אויף אַן אומשולדיקן בחור.

כאָטש די שטיפֿמאַמע האָט מיך גוט באַהאַנדלט, ווייל זי האָט געטראַכט מיך צו נעמען פֿאַר אַן איידעם פֿאַר איר חיהלען, האָב איך דאָך ניט געקאָנט צוזען די עוולות, וואָס זי באַגייט קעגן מיין קלענערן ברודער און שוועסטערל. און דער גערדאַנק אַוועקצופֿאָרן פֿון דער היים האָט געאַרבעט. נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס איך האָב פֿריער געטראַכט אַוועקצופֿאָרן אין אַ ישיבה לערנען, האָב איך איצט געדענקט אַוועקצו־פֿאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. בלויז צוויי זאַכן האָבן מיך צוריקגעהאַלטן פֿון פֿאָרן: וואו נעמט מען געלט? און ווי פֿאָרט מען אַוועק פֿון חיהלען?...

אויב ווען אַ יינגל זעט אַ מיידל, הויבט אַן ביי אים דאָס האַרץ צו קלאַפּן שטאַרקער, ער פֿאַררויטלט זיך, זוכט אַ געלעגנהייט צו זיין דאָרט, וואו זי איז, און וויל אויסקוקן אין אירע אויגן שטאַרקער, מענערישער פֿון אַלע אַנדערע יינגלעך — אויב דאָס איז אַ סימן פֿון ליבע, האָב איך חיהלען שטאַרק ליב געהאַט.

חיהלע איז געווען זייער נאַאיוו. ווען איך האָב זי אַמאָל געפֿרעגט:

— חיהלע, האָסטו מיך ליב?

האָט זי מיר געענטפֿערט:

— איך ווייס ניט, איך וועל פֿרעגן די מאַמען...

אָבער קושן פֿון מיר האָט זי זיך געלאָזט און האָט שטענדיק גע־זוכט צו בלייבן מיט מיר אַליין...

ווען איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, שוין זייענדיק אין אַמע־ריקע, אַז די מוטער האָט חיהלען חתונה געמאַכט פֿאַר אַ רייכן עלטערן אַלמן (כדי זי זאָל ירשענען זיין פֿאַרמעגן, אַזוי ווי זי אַליין האָט עס געטאָן), האָב איך זיך יענעם טאָג, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, אָנגעשיכורט.

חיהלע איז געווען מיין ערשטע ליבע. און מערקווירדיק! מיין צווייטע ליבע (און די לעצטע) אין איראָפּע, האָט אויך געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען — חיהלע, קלאַרא יאַנג...

*

דערווייל זיינען אַוועק צוויי יאָר. דורך דער צייט האָב איך געלערנט אינדערפֿרי אין בית־המדרש פֿאַר דעם אייזערנעם טויער, און ביינאַכט האָב איך גענומען לעקציעס אין פויליש, רוסיש און דייטש ביי חיהלעס לערער־סטודענט.

איינמאָל האָט מען מיך געשיקט צו ווערן אַ סוחר. ווי עס האָט דעמאָלט אויסגעזען, האָב איך זיך זייער ווייניק אויסגעטויגט צו זיין אַ סוחר.

איך געדענק ווי מיין ברודער האָט מיך אַפּנים געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ סוחר און מיך איינמאָל געשיקט קיין ווישעגראַד מיט אַ וואָגן זאַלץ. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, למען השם, אַז איך זאָל דעם קרעמער ניט אַראָפּלייגן דאָס זאַלץ פֿון וואָגן, ביז ער וועט מיר פֿריער ניט אויסצאָלן דאָס געלט (ער האָט אַפּנים געקענט דעם קרעמער פֿאַר אַ ניט־באַצאָלער).

ווען איך בין געקומען מיטן זאַלץ קיין ווישעגראַד, האָט דעם קרעמערס זון מיט מיר פֿאַרפֿירט אַ שמועס וועגן ליטעראַטור. מיר האָבן גערעדט וועגן דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטור, און איך בין אַזוי אַריינגעטאָן געוואָרן אין דעם שמועס מיט אים, אַז איך האָב נישט באַמערקט, ווי דער קרעמער האָט דערווייל אַראָפּגענומען דאָס זאַלץ צו זיך אין סקלאַד אַריין. ווען איך בין צוריקגעקומען און געבעטן געלט, האָט דער קרעמער מיר פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט דאָס געלט צושיקן צו מיין ברודער קיין נאָווידוואָר. ווען איך בין אַהיימגעקומען אָן דעם געלט, האָט מיין ברודער זיך צעשריען:

— אָט האָסטו דיר — „דך” אַ סוחר!

איך האָב אים באַרויקט:

— יענער איז אַ פֿיינער, ערלעכער מענטש — זאָג איך. — דער זון זיינער האָט געהאַלטן אין איין רעדן מיט מיר וועגן ליטעראַטור, פֿון שמ״רן, מאַפּון, סאָקאָלאָוון און סלאָנימסקין...

מיין ברודער האָט דעמאָלט נביאות געזאָגט, אַז פֿון מיר וועט שוין קיין סוחר ניט זיין...

איך זע צום ערשטן מאָל טעאַטער

צו אונדז אין נאָווידוואָר, וואו עס האָבן שוין דעמאָלט געלעבט אַ פינף טויזנט יידן, האָט זיך אַזאַ זאַך ווי טעאַטער נאָך ניט געהאַט דער־טראָגן. ווי אַ געבוירענער בלינדער קען זיך ניט פאָרשטעלן קיין קאָ־לירן, אַזוי האָב איך זיך אין נאָווידוואָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן וואָס דאָס איז אַזוינס טעאַטער. ווען מיין ברודער איז געקומען פון וואַרשע און דערציילט, אַז ער האָט געזען אין טעאַטער די פוילישע אָפּערע „האַלקאַ" פון מאָנושקאָ, בין איך געלעגן ביינאַכט אויפן געלעגער און אַלץ געקלערט — און אין יינגלשן קאָפּ האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ פאָר־שטעלונג, אַז טעאַטער איז אַזאַ פּלאַץ, וואו אַ סך מענטשן קומען זיך צוזאַמען צו קוקן... אָבער אויף וואָס קוקן זיי? אַז עס איז דאָ אַ טעאַטער, מיט אַ בינע, מיט דעקאָראַציעס, מיט אַן אָרקעסטער, רעק־וויזיט, אַקטיאָרן און די אַלע זיבן זאַכן — דאָס האָט מיין יינגלשע פאַנטאַזיע ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן. איך האָב דעמאָלט באַשלאָסן, אַז איך מוז דאָס זען. זייענדיק איצט אין וואַרשע, האָב איך געוואָלט מיין חלום פאַרווירקלעכן. צו יענער צייט האָט מען אין וואַרשע גע־שפּילט יידיש טעאַטער.

יידיש טעאַטער איז דעמאָלט געווען פאַרווערט פון דער צאַרישער רעגירונג, נאָר אַ געוויסע משומדת, לוטשענקאַ, דעם פּאָליציי־מייסטערס געליבטע, האָט דורך אַ קונץ־שטיקל אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש אויף פיר טעג אַ וואָך צו שפּילן יידיש טעאַטער, און די איבעריקע דריי טעג — אין רוסיש. זי איז אויך געווען די באַלעבאָסטע פון דעם יידישן טעאַטער.

אַנטקעגנאיבער אונדזער וואוינונג איז געווען אַן אַפּיצינע. פלעג איך אָפט הערן אַ בחור, אַ קאַמאַשן־שטעפּער, זינגען אַ מעלאָדיע מיט יידישע ווערטער. נגינה האָב איך זייער ליב געהאַט. און חזנישע ניגונים מיט העברייאישע ווערטער האָב איך געהערט אַ סך. ביי אונדז אין שטוב פלעגט איינשטיין יעדער חזן, וואָס איז געקומען דאַווענען אַ שבת. איין חזן, יורקע האָט מען אים גערופן, האָט זיך אַפילו אָפּגע־שטעלט אין נאָווידוואָר אויף אַ קורצער צייט, און איז געוואָרן ביי אונדז אַ בן־בית. אָבער מעלאָדיעס מיט יידישע ווערטער האָב איך זייער ווייניק געהערט זינגען.

אַמאָל נאָר האָט אַ חבר מיינער פאַר מיר פאַרגעזונגען אַ ליד „מען האָט מיר אַנגעבונדן אַ שטיין אויפן האַלדז און מיך געוואָרפן אין ים".

דאָס האָט פֿאַרפֿאַסט דער אַמאָליקער משכּיל, פֿייגענבוים, פֿון פּראַגע (דער שפּעטערדיקער שרייבער פֿייגענבוים פֿון ניו־יאָרק), ווייל מען האָט אים צו פֿרי חתונה געמאַכט. און כאָטש עס האָט מיר ניט געפּאַסט צו רעדן מיט דעם קאָמאַשן־שטעפּער, וואָס האָט געזונגען מעלאָדיעס מיט יידישע ווערטער (וואָרים ער איז דאָך געווען אַ באַלמעלאָכע, און איך, אַ טאַטנס אַ קינד, האָב געלערנט אין בית־המדרש), און בין נאָך דערצו דעם ווירטס זון... בין איך דאָך אַריין צו אים און געפֿרעגט, וואָס אַזוינס ער זינגט און פֿון וואַנען ער קען דאָס... דער בחור האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס ליד וואָס ער זינגט, האָט ער געהערט אין יידישן טעאַטער, אין „עלדאָראַדאָ". דאָס איז די „שבועה" פֿון „שולמית". ער האָט מיר דערקלערט די אַלע זיבן חכמות פֿון דעם וואָס עס רופֿט זיך „טעאַטער", אַפֿילו וועגן די שיינע מיידלעך, וואָס מען זעט דאָרטן און מיר דערציילט די גאַנצע מעשה פֿון „שולמית". מיט דער מעשה בין איך שוין אַ ביסל באַקאַנט געווען פֿון ווערפֿלס „חולדה ובור". „אויב דו האָסט צען קאָפּיקעס", זאָגט ער צו מיר, „וועל איך דיך מיטנעמען אין טעאַטער, מען שפּילט דאָרט איצט ‚בר־כּוכבא'".

— „בר־כּוכבא"? — פֿרעג איך אים פֿאַרוואונדערט, — אָט דער זעלביקער בר־כּוכבא, וואָס מען שרייבט וועגן אים אין „הרוסס ביתּר"?

— ווער איז דער „הרוסס ביתּר?" — פֿרעגט ער מיך.

— בר־כּוכבא שטעכט אליעזרן אין שול אויפֿן באַלעמער! — וויל איך וויסן, אויב עס איז טאַקע דער זעלביקער.

— יאָ, יאָ, טאַקע אַזוי — ענטפֿערט ער, און פֿרעגט מיך פֿון וואַנען איך ווייס דאָס אַלץ.

ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז אַ העברייאישער שרייבער, קלמן שולמאַן האָט אָנגעשריבן אַ היסטאָריש ווערק, וואו עס ווערט דערציילט פֿון דעם לעצטן אויפֿשטאַנד פֿון יידישן פֿאָלק קעגן די רוימער מיט זייער קריגס־פֿירער בר־כּוכבא, האָט ער ניט געוואָלט גלויבן.

גאָלדפֿאַדען, — זאָגט ער, — האָט עס פֿאַרפֿאַסט פֿון קאָפּ!

אויף צומאָרגנס האָב איך געפּאַקט ביים טאַטן צוואַנציק קאָפּיקעס, אויספּוצנדיק זיינע הויזן, און אָט אַזוי אַרום האָב איך אין יאָר 1886 צום ערשטן מאָל געזען שפּילן טעאַטער. יידיש טעאַטער, און טאַקע גאָלדפֿאַדענס קלאַסיש שטיק „בר־כּוכבא". אין פּראָגראַם איז געווען אָנגעוויזן, אַז „בר כּוכבא" שפּילט ספּיוואַקאָווסקי; „פּאַפּוס" — אַברהם טאַנצמאַן; „דינה" — מאַדאַם טאַנצמאַן; „צעזאַר" — ניימאַן; „צעזאַרין" — מאַדאַם ווינשטיין; „אליעזר" — גאָלדשמיד; דעם וועכטער אויפֿן מויער

האָט געזונגען דער שפּעטער־באַרימטער אָפּערע־טענאָר, קייזער וויל־העלמס ליבלינג, הערמאַן יאַדלאָווקער.

די פאָרשטעלונג האָט ממש געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מיין יינגלשן מוח. די שיינע געזאַנגען וועגן ציון (איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט אַברהם מאַפּוס „אַהבת ציון״), די דעקאָראַציעס מיט די היסטאָרישע קליידער און שפּיזן, שילדן און פּאַנצערס, פּיקעס, קאַסקעס, דער „לעבעדיקער״ לייב, אויף וועלכן בר־כוכבא כאַפּט זיך אַרויף און אַנטלויפט פון די רוימער אין יידישן לאַגער אַריין — דאָס האָט מיך גוואַלדיק איבערראַשט; ווי האָט ער ניט קיין מורא פאַר דעם לייב?... ערשט די חנעוודיקע מיידלעך, וואָס איך האָב געזען, און בפרט די שיינע דינה, וואָס האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ מלאך — ווי זי בעט דאָס ביי איר געליבטן בר־כוכבא, ער זאָל זיך ניט אונטער־געבן צו די רוימער, כאָטש דאָס קען ראַטעווען איר יונג לעבן, נאָר זי וואַרפט זיך ליבערשט אַרונטער פון דעם הויכן מויער, כדי צו ווייזן אַביישפּיל, ווי אַזוי אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיך מקריב זיין פאַר איר פאָלק.

דאָס אַלץ האָט מיך אַוועקגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט. איך האָב פאַרגעסן, אַז איך זיץ אין „עלדאָראַדאָ״־טעאַטער אין וואַרשע, און האָב געמיינט, אַז איך געפין זיך אויף די הויכע בערג פון ציון און זע דאָס אַלץ אויף דער וואָר... צום סוף פון דער פאָרשטעלונג, ווען אַלע שוישפּילער האָבן זיך פאַרנויגט פאַר דעם פובליקום, איז אויך גאָלדפאַדען אַרויסגעקומען אויף דער בינע אין אַ פראַק.

וויזט אויס, אַז יענע פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא״ האָט פאַרחתמעט מיין גורל צו ווערן אַ יידישער אַקטיאָר.

איך אַנטלויף פון וואַרשע

דער געדאַנק אַוועקצוגיין פון דער היים איז געוואָרן אַלץ רייפער און רייפער. אָבער וואו נעמט מען אויף הוצאות? זאָל איך טאָן דאָס אייגענע וואָס מיינער אַ ברודער האָט געטאָן, ווען ער איז געווען כמעט אין מיין עלטער? ער האָט צוגענומען ביים טאַטן הונדערט רובל און איז אַוועק קיין דייטשלאַנד שטודירן. ער האָט געלערנט אין ברעסלאַו ביים ראַבינער ד״ר הילדעסהיימער, וועלכער האָט געשיקט אַ בריוו צו די עלטערן אין נאָווידוואָר, אַז דער זון זייערער האָט אַ גוטן קאָפּ און ווען מען וועט אים שטיצן, וועט ער אויסשטודירן אויף ד״ר ראַבינער. האָט די

מאַמע ניט געוואָלט, אַז ער זאָל ווערן אַ „דײַטש" און האָט אים געשיקט אויף הוצאות — אַהײמצוקומען.

איז ווי זעט מען בײַם טאַטן אַזאַ סומע געלט? מילא קלײנגעלט האָב איך געקענט צונעמען פֿון טאַטנס הויזן, ווען איך האָב זײ אים אויסגע־פּוצט, אָבער פּאַפּיר־געלט האַלט ער דאָך אין טײסטער, און דעם טײסטער האַלט ער אונטערן קישן... נאָר דאָ האָט שוין צוגעשפּילט מײַן גוטער מזל. ניט אומזיסט האָט מען מיך גערופֿן „דער מזלדיקער": דער טאַטע האָט באַדאַרפֿט אָוועקפֿאָרן פֿון וואַרשע, האָט ער מיר געגעבן 400 רובל צו באַצאָלן אַ געוויסן סוחר אין וואַרשע 350 רובל פֿאַר קאָרן, און אַ סטאָליער אין פּראַגע 50 רובל פֿאַר לאָפּעטעס. אַ שײנע פּאָר שעה בין איך יענעם טאָג אַרומגעגאַנגען מיטן געלט איבער די גאַסן פֿון וואַר־שע און האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: זאָל איך ניט באַצאָלן און אָוועקפֿאָרן מיטן געלט קײן אויסלאַנד? ווי אַזוי נעמט מען צו בײַם טאַטן אַזאַ פֿאַרמעגן? מערקווירדיק! די גאַנצע צײַט האָב איך געקלערט און געזוכט אַ געלעגנהײט צו דערטאַפּן בײַם טאַטן אויף הוצאות, און ווען די געלעגנהײט האָט זיך שוין געמאַכט, האָב איך געצעגערט. צווײ מאָל בין איך צוגעגאַנגען צום סוחרס הויז אים צו באַצאָלן, און בײדע מאָל האָב איך זיך אומגעקערט. אײן מאָל האָב איך שוין אַפֿילו אָנ־געקלונגען אין הויף בײַם סוחר — אָבער אַ געדאַנק, אַז מען נעמט אים אַרײַן אין קאָפּ, שטײט ער ווי מיט אַ בײַטש איבער דיר און טרײַבט דיך... איך האָב געקעמפֿט מיט זיך: נעמען דאָס געלט און אָוועקפֿאָרן, אָדער באַצאָלן?

גײענדיק צום סטאָליער, באַגעגן איך מײַן חבר שמחהן, אַ זײגער־מאַכער, מיט וועמען איך בין געגאַנגען צוזאַמען אין חדר אין נאָווי־דוואָר; ווײַז איך אים דאָס געלט.

— וואו האָסטו גענומען אַזויפֿיל געלט? — איז ער אויסער זיך — ווען איך האָב אַזויפֿיל געלט, בין איך שוין ניט קײן היגער. אַהאַ! איך וואָלט שוין לאַנג געווען אין אויסלאַנד!...

זײַנע פּאָר ווערטער האָבן געגעבן מײַן געדאַנק דעם לעצטן שטויס.

— וואוהין, אַ שטײגער, וואָלסטו געפֿאָרן? — פֿרעג איך בײַ אים און מאַך זיך תּמעוואַטע, ווי עס אינטערעסירן מיך גאָרניט זײַנע ווער־טער.

— קײן לאָנדאָן! — ענטפֿערט ער פֿעסט. — איך האָב אין לאָנדאָן אַ געשוועסטער־קינד, מנחם־מענדל, ער האָט אַ געשעפֿט פֿון זײגערלעך

אויף דער גרעסטער גאַס אין לאָנדאָן. ווען איך פאָר צו אים, בין איך אַ גליקלעכער!

לאָנדאָן פלעג איך שטענדיק באַוואונדערן, ווען איך פלעג קוקן פאַר אַ קאָפּיקע אין דעם קעסטל אַריין, וואָס האָט פאַרגרעסערט די בילדער.

— שמחה — זאָג איך מיטאַמאָל, ניט קלערנדיק, — אַז איך וועל דיך פריי־האַלטן מיט הוצאות, וועסטו מיט מיר פאָרן קיין לאָנדאָן? אָבער נאָך היינט.

— דו מיינסט עס ערנסט, בועז? — פרעגט ער מיך און נעמט שטאַמלען. — דו, דו, דו ווילסט פאַר מיר באַצאָלן?

— יאָ, יאָ, שמחה, — פאַרזיכער איך אים, — איך מיין עס גאַנץ ערנסט. איך וועל פאַר דיר באַצאָלן אַלץ, וואָס עס וועט קאָסטן צו קומען קיין לאָנדאָן.

שמחה איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן מיט גרויס ענטוזיאַזם:

— בועז, מיר זאָלןביידע אַזוי לעבן, מיר זאָלן אַזוי אָנקומען קיין לאָנדאָן בשלום, אַז ווי נאָר איך קום אַהין, שטעל איך זיך אַרבעטן ביי מיין געשוועסטערקינד און איך וועל דיר אָפּצאָלן ביז איין קאָפּיקע. דו ווילסט שטודירן, האָסטו מיר אַמאָל געזאָגט. אין לאָנדאָן וועסטו קאָנען שטודירן אויף וואָס דו וועסט נאָר אַליין וועלן. זאָל מיר מיין מאַמע אַזוי לעבן, — שווערט ער זיך נאָכאַמאָל — וויפל איך וועל פאַרדינען, וועל איך זיך טיילן מיט דיר, דו זאָלסט קאָנען שטודירן.

און אַז מיין חבר שמחה האָט עס דעמאָלט געמיינט ערנסט, אין דעם בין איך זיכער געווען.

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מאָרגן גאַנץ פרי, ווען אַלע וועלן שלאָפן, זאָל ער קומען צו אונדז אין הויף אַריין און געבן אַ פייף, וועל איך אַרונ־טערקומען און מיר וועלן גיין צו דער נאָוואָשליאַנסקיער באַן, ניט וויט פון מוראַנאָוו, און פאָרן קיין מלאַווע.

אין מלאַווע בין איך שוין געהאַט געווען, ווען איך בין געפאָרן קיין יאַנאָווע צום רב לערנען, און איך האָב געוואוסט, אַז פאַר צען רובל וועט מען אונדז אַריבערשוואַרצן די גרענעץ קיין דייטשלאַנד.

— אין דייטשלאַנד זיינען מיר פריי, מיר דאַרפן ניט קיין פאַספּאָרטן, —זאָגט ווייטער שמחה — אין דייטשלאַנד וועלן מיר זיך קויפן קורצע אובראַניעס און קאַפּעליושלעך, און פון האַמבורג וועלן מיר פאָרן מיט דער שיף גלייך קיין לאָנדאָן צו מנחם מענדלען.

מיר זיינען דערנאָך אַוועק אין אַקסעלראָדס רעסטאָראַן אויף די נאָ־

לעווקיס. איך האָב געהייסן געבן צוויי מיטיקן מיט פֿיש און פֿלייש, געגעבן טרינקגעלט דעם קעלנער, געקויפֿט אַ פּאָר פּעקלעך פּאַפּיראָסן און אַ מעסערל.

— פֿאַרגעס ניט אַ פֿייף צו טאָן, שמחה, — האָב איך אים געזאָגט אײדער מיר האָבן זיך צעשיידט.

צוריקקומענדיק אין שטוב אַריין, בין איך אַוועק אין אַ ווינקל און האָב שטאַרק געוויינט. חיהלע האָט עס באַמערקט און איז צוגעשטאַנען איך זאָל איר זאָגן פֿאַרוואָס איך וויין. איך האָב געשוויגן. ווען איך בין צוגעגאַנגען צום קאַלטן, קאַכליענעם אויוון און האָב צוגעלייגט מיין הייסן שטערן, איז חיהלע צוגעקומען און האָט מיר געגעבן אַ קוש — דאָס איז געווען דער ערשטער קוש... אַ קוש איז די שפּראַך פֿון דער נשמה — זאָגט מען. איך האָב חיהלען שוין געהאַט אַ סך מאָל געקושט — און די שפּראַך פֿון מיין קושן האָט גערעדט מיט ייִנגלישער תּאווה; אָבער חיהלעס קוש איז געווען ריין און לויטער, מיט אומשולדיקער ליבע — ווי ער וואָלט געבעטן איך זאָל ניט אַוועקפֿאָרן פֿון דער היים: די רייכע שטיף־מאַמע וועט מיך נעמען פֿאַר אַן איידעם, חיהלע וועט ווערן מיין ווייב כּדת משה וישראל, און איך וועל זי אומגעשטערט קענען האַלדזן און קושן...

איך האָב איר שוין געוואָלט דערציילן פֿאַרוואָס איך וויין און וואָס איך גיי מאָרגן טאָן, — אָבער דאָ איז שוין געשטאַנען פֿאַר מיינע אויגן די גרויסע, שיינע שטאָט לאָנדאָן, וואו איך וועל אויסשטודירן און קומען צוריק אַהיים קיין וואַרשע און דעמאָלט וועט ערשט חיהלע זען ווער און וואָס איך בין!

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין די נאַכט שוין ניט געשלאָפֿן,—ס'איז געווען פֿאַר מיר ווי פֿאַר אַ פֿרומען ייִדן די נאַכט פֿון הושענא רבה.

גאַנץ פֿרי בין איך אַרויס פֿון בעט. אַלע זיינען נאָך געשלאָפֿן. עס איז געווען אַכט טעג פֿאַר שבועות, און די מאָרגן־לופֿט פֿון חודש מאַי האָט געשמעקט מיט בעז, און איך שטיי ביים פֿענצטער און וואַרט אויף שמחהן...

עס זיינען אַוועק 15 מינוט, אַ האַלבע שעה, ניט איך זע שמחהן און ניט איך הער זיין פֿייף. איך בין שוין געוואָרן אומרואיק — וואָס איז געשען מיט אים? האָט ער אפֿשר חרטה געקראָגן? ביי דעם געדאַנק איז מיר אַזש קאַלט געוואָרן. עס האָבן מיר שוין געפֿעלט אַ שיינע פּאָר קערבלעך פֿון די 400 רובל. וואָס וועט דער טאַטע זאָגן? יעדע מינוט האָט ביי מיר אויסגעזען אַ יאָר.

ענדלעך, איך הער אַ פֿייף. דאָס האַרץ האָט זיך ביי מיר פּלוצים

אָפּגעריסן. הייסט עס, אַז איך פֿאַר טאַקע. איך האָב זיך אַרויסגעבויגן פֿון פֿענצטער און געגעבן שמחהן אַ צייכן, אַז איך קום באַלד אַרונטער. איך בין צוגעגאַנגען צו מיין קלענערן ברודערל, מיט וועמען איך בין געשלאָפֿן, און האָב אים געגעבן אַ גלעט, דערנאָך בין איך געגאַנגען צו מיין שוועסטערלס בעט און זי געקושט. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו חיהלען און זיך איבערגעבויגן איבערן בעט צו געבן איר דעם לעצטן קוש, האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט.

— וואָס ביסטו אַזוי פֿרי אויפֿגעשטאַנען, בועז? — פֿרעגט זי מיך שלעפֿעריק.

— איך קען ניט שלאָפֿן. איך גיי אין בית־המדרש אַריין — זאָג איך און איך וויל זיך צעוויינען...

דאָ דערהער איך נאָך אַ פֿייף פֿון שמחהן. איך האָב געגעבן חיהלען אַ שטאַרקן לעצטן קוש און בין אַרויס פֿון צימער. מיטגענומען מיט זיך האָב איך קיין זאַך ניט, אַחוץ דאָס תּפֿילין־זעקעלע מיט די תּפֿילין, וואָס איז געהאַנגען אויפֿן ספֿרים־שענקל. געדאַוונט האָב איך שוין לאַנג ניט — אָבער דאָס תּפֿילין־זעקעלע האָט מיר חיהלע געמאַכט...

איך האָב עס אַ לאַנגע צייט געהאַלטן ביי מיר אין קאַסטן צום אָנדענק.

ביי דער טיר האָב איך זיך אומגעקוקט, ווי איך וואָלט געוואָלט אָפּדרוקן אין מיין זכרון די גאַנצע שטוב. ווער ווייסט, ווען איך וועל ווידעראַמאָל זיין אין דעם הויז...

מערקווירדיק — איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט משה ליליענבלומס „חטאת נעורים" מיטן „קהל רפֿאים" און בין געווען אַ גאַנצער אַפּיקורוס, און דאָך, ווען איך האָב אויפֿגעמאַכט די טיר אַרויסצוגיין און דערזען די מזוזה, האָב איך זי אַ קוש געטאָן און האַסטיק, געשווינד ווי אַ גנב, אַרונטערגעלאָפֿן די שטיגן אין הויף אַריין. און אין הויף האָט מיך די האַנט פֿון לעבן אָנגענומען און מיך געפֿירט דורך פֿאַרשיידענע וועגן צום טעמפּל פֿון דער געטין טהאַליאַ... איצט, שטייענדיק ביים ראַנד פֿון קבר, קוש איך די דאָזיקע האַנט.

אין לאָנדאָן

ווען איך בין דורכגעפֿאָרן דייטשלאַנד און האָב געהערט רעדן די דייטשע שפּראַך, האָב איך באַטראַכט יעדן דייטש פֿאַר אַן אינטעליגענטן, געבילדעטן מענטשן, און יעדעס דייטשע מיידל האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן שיין ווי אַ מלאך. דאָס געפֿיל האָב איך געהאַט דערפֿאַר, ווייל ווען

אַ ייד האָט דעמאָלט געוואָלט שטודירן, האָט ער געמוזט פֿאָרן קיין אויס־לאַנד, און אויסלאַנד האָט געהייסן — דייטשלאַנד. נו, אַז אַלע פֿאָרן צו די דייטשן שטודירן, מוזן זיי דאָך אַליין זיין געבילדעטע פֿיינע מענטשן... אָט דער רעספּעקט פֿאַר „דייטש" האָט אָנגעהאַלטן אַפֿילו 25 יאָר שפּעטער, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל צוריקגעקומען קיין וואַרשע פֿון אַמעריקע, און מיין ברודער האָט מיך געפֿירט זיך פֿאָרשטעלן מיט מיר ביי אַ גרויסן גביר, אַ פּאָדריאַטשיק. אויפֿן וועג, גייענדיק מיט מיין ברידער צום גביר, רעד איך מיט אים ווי געוויינטלעך ידיש (ניט לאַטיינער־הורוויצעס בינע־ידיש, נאָר פּראָסט מאַמע־לשון), רופֿט זיך אָן מיין ברודער צו מיר:

— זאָלסט ניט רעדן פּראָסט ידיש ביים גביר אין הויז, — עס פּאַסט ניט, עס איז ניט אינטעליגענטיש. רעד אַ ביסעלע ידיש־דייטש...

דעם זעלבן טאָג שבועות, אין יאָר 1887, בין איך מיט מיין חבר שמחה אָנגעקומען אין ענגלישן האָפֿן. ווען איך האָב באַטראַכט אַ דייטש פֿאַר איין פּראָצענט פֿון דעם, וואָס ער דענקט פֿון זיך, האָט איצט אָן ענגלענדער ביי מיר אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס קומט פֿון אַן אַנדערער וועלט...

אויף צומאָרגנס זיינען מיר אָנגעקומען אין לאָנדאָן. ביי דער באַן האָט אויף אונדז געוואַרט אַ ייד, וואָס האָט אויסגעקוקט אויף אַזעלכע פּאַסאַ־זשירן, ווי מיר, און פֿאַר אַ שילינג האָט ער אונדז אָוועקגעפֿירט אין דעם ידישן געגנט, אין ווהייטשעפּעל.

דער ייד, וואָס האָט אונדז געפֿירט, האָט גוט געקענט די פֿריערדיקע ידישע אימיגראַנטן און האָט געוואוסט פֿון וואָס פֿאַר אַ שטאָט יעדער איז. קיין לאָנדאָן, פּונקט ווי קיין ניו־יאָרק, האָבן דעמאָלט, אין די 70ער און 80ער יאָרן, אימיגרירט אַמיינסטן אַרבעטער אָדער יונגעלייט, וואָס האָבן ניט געוואָלט דינען אין דעם צאַרס אַרמיי, און אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿן פֿון דער פּאָליציי אויגן...

נו, האָט אונדז דער ייד פּונקט געבראַכט אין עווערארד סטריט, אין הויז פֿון צוויי נאָווידוואָרער. אין דער היים וואָלט דער טאַטע מיר געגעבן פּעטש, ווען ער וואָלט מיך געזען רעדן צו זיי. איך אַליין וואָלט גאָר אין דער היים מורא געהאַט צו שטיין לעבן זיי. אָבער דאָ, אין לאָנדאָן, בין איך געוואָרן זייערער אַ באַרדער... זיי האָבן געאַרבעט שווער 12—14 שעה אַ טאָג ביי שיך, צו דערנערן זייערע פֿאַמיליעס.

דעם גאַנצן וועג האָט מיין חבר שמחה געהאַלטן אין איין רעדן פֿון זיין געשוועסטערקינד מנחם־מענדל מיט זיין בריליאַנטן־געשעפֿט אין לאָנדאָן... שמחה האָט זיך טאַקע געמאַכט פּלענער, ווי שלום עליכמס „מנחם־מענדל" פֿון קאַסרילעווקע. אָבער ווען מיר זיינען צומאָרגנס גע־

קומען צו מנחם־מענדלען אין געשעפֿט און שמחה האָט זיך פֿאַר אים פֿאַרגעשטעלט, האָט מנחם־מענדל אונדז געגעבן אַזאַ קבלת־פּנים, אַז מיר האָבן ביידע געזוכט די טיר אַרויסצוגיין... מיין חבר שמחה איז טאַקע באַלד, נאָך אַ פּאָר וואָכן אַפּמוטשען זיך אין לאָנדאָן, אַוועק צוריק אַהיים קיין וואַרשע.

ווען די לאַנדסלייט האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך, בועז, ר' אַברהם יונגוויצעס זון פֿון נאָווידוואָר, בין געקומען קיין לאָנדאָן, איז יעדערער געקומען מיך מקרב זיין מיט עצות. איינער האָט מיר געגעבן אַן עצה, איך זאָל אַרומגיין צווישן די שניידער־שעפּער און אָפּקויפֿן „רעגס" — „מען קאָן רייך ווערן פֿון דעם". דער צווייטער האָט מיר געעצהט, איך זאָל קויפֿן צירינג און עס געבן אויף אויסצאָלן. ער איז געווען זיכער, אַז איך האָב געבראַכט הונדערטער פֿונט פֿון טאַטן; אַ דריטער, אַליין אַן אַרבעטער, האָט מיר געזאָגט גאַנץ פּראָסט און פּשוט, איך זאָל אַוועקוואַרפֿן דעם יחוס און זיך שטעלן אַרבעטן:

— דו ביסט אַ יונגער בחור מיט אַ פּאָר געזונטע הענט און פֿיס, לערן זיך אויס אַ מלאָכה און ווער אַ ביצלעכער מענטש אין דער גאָזעל־שאַפֿט — האָט ער מיר „אַגיטאַטאַריש" געזאָגט...

אין וואַרשע, ווען איך האָב געהאַט אין קעשענע די גאַנצע פֿיר הונדערט רובל, האָב איך געדענקט, אַז פֿאַר דעם געלט וועל איך קאָנען שטודירן און זיך אויסהאַלטן, כאָטש אַ צוויי יאָר — אַ קלייניקייט, פֿיר הונדערט רובל! אָבער אַפּזייענדיק אַ פּאָר וואָכן אין לאָנדאָן, און איבער־ציילנדיק מיין קאַסע, האָב איך געזען, אַז איך פֿאַרמאָג ניט מער ווי דריי פֿונט. האָב איך באַשלאָסן, אַז די בעסטע עצה איז דעם אַרבעטערס — איך זאָל מיך אויסלערנען אַ מלאָכה. לאַנדסלייט האָבן אויסגעזוכט אַ שניידער, אַ קאָנטראַקטאָר, וועלכער האָט ביי מיר צוגענומען צוויי פֿונט מיט צען שילינג פֿאַר אויסלערנען מיך די מלאָכה פֿון אַ מאַשינער, וואָס איז דעמאָלט אין לאָנדאָן געשטאַנען אויף דער זעלביקער מדרגה ווי אַ זייגערמאַכער אין דער היים, און אָט אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צו שטודירן די מאַשין אַנשטאָט דאָקטאָריע אָדער אַדוואָקאַטור...

פֿיר וואָכן האָב איך באַדאַרפֿט „שטודירן" (אַרבעטן) אומזיסט. איז דאָך געווען אַ קשיה: ואם תאמר מה נאכל? — פֿון וואַנען וועל איך נעמען צו עסן די פֿיר וואָכן? איך האָב אָנגעהויבן צו עסן טאַקע נאָר ווי אַ ישיבה־בחור: זונטיק האָב איך געגעסן ביים „באָס" (זונטיק האָט מען געאַרבעט, שבת — ניט); דינסטיק — ביים ערשטן מאַשינער: מיטוואָך — ביים צווייטן מאַשינער; שבת — ביי דעם פּרעסער. עס זיינען דאָך אָבער

פֿאַראַן זיבן טעג אין דער וואָך? — האָב איך טאַקע מאַנטיק, דאָנערשטיק און פֿרײַטיק צוגעהונגערט. אַלץ הײסט געהונגערט! אין לאָנדאָן פֿלעגט זײַן אַ מנהג אַרויסצולײגן אויף דער אַנדערער זײַט פֿון פֿענצטער פֿאַרבליבן אַלט ברויט פֿאַר די אָרעמע מענטשן. פֿלעג איך גײן זוכן צי עמעצער האָט אַרויסגעלײגט אַ שטיקל ברויט. אַלס ייִנגל, אַרײַנקומענדיק אין נאָווידוואָר צום שנײַדער אַנמעסטן די קאַפּאָטע אויף יום־טוב, האָב איך זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן ווי אַזוי מענטשן קאָנען זיצן דעם גאַנצן טאָג מיט דער נאָדל אין האַנט און ניט אַרויסגײן אַפֿילו אויף אַ ווײַלע אין גאַס. איצט בין איך געזעסן אין אַ סוועט־שאָפּ פֿון זיבן אינדערפֿרי ביז אַמאָל אַפֿילו צען אינדערנאַכט און געדרײט מיט די פֿיס די מאַשין.

נאָך די פֿיר וואָכן האָב איך באַקומען פֿיר שילינג אַ וואָך. ווען דער מאַשינער האָט מיר געגעבן פֿרײַטיק די פֿיר שילינג, האָט ער געצײלט דאָס געלט אין דער הויך:

— אַט האָט איר אײנס, צווײ, דרײַ, פֿיר — פֿיר שילינג; די צווײטע וואָך וועט איר באַקומען מער — האָט ער מיר פֿאַרזיכערט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע געלט, וואָס איך האָב פֿאַרדינט — פֿיר שילינג פֿאַר אַכציק שעה אַרבעט.

ווען איך האָב שוין פֿאַרדינט זיבן שילינג אַ וואָך, האָב איך אָנגעשריבן דעם ערשטן בריוו צום טאַטן און אים געלאָזט וויסן, אַז „איך בין איצט אַ בוצלעכער מיטגליד אין דער געזעלשאַפֿט" — אויף וועלכן דער טאַטע האָט מיר געענטפֿערט: „אויף דעם, בועז, האָב איך זיך געלאָזט קאָסטן אַזוי פֿיל געלט, דיך געשיקט לערנען בײַ אַ רב, אַז דו זאָלסט ווערן אַ שנײַדער?"

כ'בין אין צווײ זאַכן דעמאָלט געווען פֿאַראינטערעסירט, וואָס האָבן שפּעטער געהאַט אַ ווירקונג אויף מײַן גאַנצן לעבן: די אַרבעטער־פֿראַגע און דאָס ייִדישע טעאַטער. איך פֿלעג אָפֿט קומען אין דעם אַנאַרכיסטישן בערנאַרד־סטריט־קלוב, וואו כ'האָב צום ערשטן מאָל געהערט רעדן וועגן אַרבעטער און באַלעבאַטים. אין אָנהויב האָב איך זײער ווײניק פֿאַרשטאַנען, כאָטש איך האָב שוין דעמאָלט געלײענט דעם „אַרבעטער־פֿרײַנט", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין לאָנדאָן. אָבער גאָר פֿאַרכאַפּט בין איך געוואָרן פֿון ייִדישן טעאַטער! מײַנע לעצטע זעקס־פּענס, וואָס איך האָב באַדאַרפֿט מיט דעם לעבן דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג, פֿלעג איך אַוועקגעבן דעם טעאַטער.

דער דירעקטאָר פֿון דעם ניי־אויפֿגעבויטן האָל מיט אַ באַלקאָני פֿאַר זעקס הונדערט מענטשן, וואָס מען האָט גערופֿן „טעאַטער", איז געווען

אַ קצב, סמיטקע. אַ זייער קאָמישע פיגור: קליין און דיק, קינדערדיק ווי אַ פעסל, און פלעגט זיך קאַטשען ביים גיין. אין דער טרופע זיינען דעמאָלט אין 1887, געווען מ״ר און מר״ס גראַדנער, מ״ר און מר״ס שיינגאָלד, מאַקס ראָזענטאַל, בערל בערנשטיין, מ״ר און מר״ס קאַצמאַן, מ״ר און מר״ס נאַדאָלסקי, פערלמוטער, זאַבאָלינסקי. דיינע פיינמאַן איז אָנגעקומען פון פאַריז און יעקב פּ. אַדלער — פון אַמעריקע. דער דיריגענט און פּיאַניסט איז געווען איינער פערדינאַנד שטויב, אַ דייטשער ייד. עס איז אויך צו־געקומען פון פאַריז די שפּעטער באַרימטע פראַנצויזיש־ענגליש־אַמעריקאַ־נישע אַקטריסע אַנאַ העלד. זי איז אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע אין דער ראָלע פון שולמית. אויפן אַפיש איז געשטאַנען:

„מיס אַנאַ העלד וועט צום ערשטן מאָל אויפטרעטן אין דער ראָל פון שולמית מיט אַדלערס כוח״.

אַנאַ העלד איז געווען אַ זעלטן־שיין וואַרשעווער מיידל, מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן גערעדט, געדופן — און דאָס איז געווען איר דערפאָלג. זי האָט אַפילו געהאַט אַן ענגליש לידל וועגן אירע אויגן: „איך קאָן ניט מאַכן מיינע אויגן, זיי זאָלן אָנשטענדיק זיך אויפפירן״. זי איז געווען זייער גראַציעז, מיט פּאַריזער „שיק״ און געוואויגן אינגאַנצן ניינציק פונט (להיפך צו דעם „פליש״, וואָס מען האָט דעמאָלט געוואָלט זען ביי דער פרוי).

שפּעטער האָט זי געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אויף דער אַמערי־קאַנער מוזיקל־קאָמעדיע־בינע און איז געוואָרן די פרוי פון מ״ר זיגפעלד, דעם גרינדער פון די „זיגפעלד פאָליס״.

אַמעריקאַנער ציטונגען האָבן דעמאָלט צעפּויקט, אַז אַנאַ העלד באָדט זיך אין וואַנעס מיט מילך — און די אַמעריקאַנער מיליאָנערסקע דאַמען פלעגן איר „נאָכטאָן״. אויך אין יענער צייט איז זי געקומען זען שפּילן יעקב פּ. אַדלער אין ניו־יאָרקער גרענד־טעאַטער. אָבער ווי די פאַר־שטאָרבענע אַקטריסע מר״ס נאַדאָלסקי (איר אינטימע פריינדין פון לאָנדאָן) האָט מיר איבערגעגעבן, האָט אַנאַ העלד זיך אַ ביסל געשעמט מיט איר פאַרגאַנגענהייט ביים יידישן טעאַטער. ווען אַדלער איז געקומען זי באַזוכן אין איר גאַרדעראָבע אויף בראָדוועי, האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז זי קאָן אים ניט זען...

דער דירעקטאָר סמיטקע האָט געצאָלט גאַזשע. דער גרויסער יעקב פּ. אַדלער האָט דעמאָלט אין לאָנדאָן באַקומען פון דירעקטאָר סמיטקע דריי פונט און צען שילינג די וואָך, וואָס האָט אויף אַמעריקאַנער געלט אויסגעמאַכט 17 דאָלער און אַ פּאָר סענט. דעמאָלט איז דאָס געווען

זייער אַ גוטער געהאַלט. ווי דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אַקטיאָר לעסטער וואַלאַך שרייבט אין זיינע מעמואַרן, האָט אויף דער פּראָווינץ אין די 50ער יאָרן אַ דורכשניטלעכער אַקטיאָר געקומען אַ פֿונט אַ וואָך (5 דאָלער), און דריי פֿונט — דער גרעסטער אַקטיאָר; אַ סטאַר אין לאָנדאָן האָט ניט באַקומען מער ווי צען פֿונט אַ וואָך — ניט קיין גאַנצע 50 דאָלער.

סמיטקעס האָל האָט ניט געטאָרט טראָגן דעם נאָמען „טעאַטער", נאָר „קלאַב" — ס'האָט געהייסן „פּרינסעס־סטריט־קלאַב", און האָט זיך טאַקע געפֿירט קלובמעסיק: פּרייטיק־אָוונט האָט מען ניט געשפּילט, ווייל די לאָנדאָנער יהודים האָבן געלאָזט וויסן, אַז אויב מען וועט שפּילן שבת, וועט מען אינגאַנצן צומאַכן דעם קלוב.

ווי אַ טעאַטער איז די געביידע ניט נאָכגעקומען די פֿייער־באַדינגונגען פֿון דער שטאָט לאָנדאָן, און מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1888, האָט טאַקע אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה און 17 מענטשן זיינען אומגעקומען.

דער „פּרינסעס־סטריט־קלאַב" האָט געהאַלטן מיטגלידער (וועלכע האָבן געצאָלט אַ שילינג אַ וואָך) מיט אַ קאָמיטעט און אַ פּרעזידענט. אינמיטן טעאַטער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט פֿלעשער, אַרום דעם טיש איז געזעסן דער קאָמיטעט, און אויבן־אָן, מיטן רוקן צו דער בינע, דער פּרעזידענט מיטן האַמער אין דער האַנט. קעלנער האָבן סערווירט עסן. ערשט ווען דער פּרעזידענט האָט אָפּגעגעסן און געגעבן אַ קלונג מיטן גלעקל, האָט זיך דער פֿאָרהאַנג אויפֿגעהויבן.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אין טעאַטער און האָב פֿון דער גאַלעריע דערזען דעם פּרעזידענט — אַ הויכער שיינער מאַן פֿון אַ יאָר 30 מיט געלע וואָנצעס — האָב איך אים באַלד דערקענט: דאָס איז געווען מיין חבר שמחהס געשוועסטערקינד, מנחם מענדל...

ישׂראל און אַנעטאַ גראַדנער, און אַנדערע

ווען גאָלדפֿאַדען איז אין 1876 געקומען מיט זיין תּורה „יידישע טע־אַטער קונסט" צו די קעלנער־זינגער פֿון יאַס און ביי זיי געפֿרעגט, צי זיי ווילן עס מקבל זיין, איז ישׂראל גראַדנער געווען דער ערשטער, וואָס האָט געענטפֿערט דעם באַקאַנטן „נעשה ונשמע". אויף גראַדנערס אַריענ־טאַלישן פּנים איז שוין דעמאָלט געלעגן דער צוקונפֿטיקער ערשטער גרויסער יידישער קינסטלער.

גראַדנער האָט געשפּילט אַממערסטן כאַראַקטער־קאָמישע ראָלן, אָבער ער איז געווען אויך אַ גוטער דראַמאַטישער שוישפּילער. איך האָב אים גע־

זען אין צוויי דראַמאַטישע ראָלן: אין שמ״רס „בעל־תשובה״ און אין אַן איינ־אַקטער „דער משוגענער״, און זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכּרון. זיין שטים איז געווען באַריטאָניש.

ווען גראַדנער האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטעלן אַן אַלט־מאָדיש־היימישע באַבע פֿון 70 יאָר, האָט ער נאָר אָנגעטאָן אַ פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, און איר האָט געזען פֿאַר זיך די באָבע מיט אַלע אירע שטריכן, קנייטשן און באַוועגונגען; און ווען מען האָט אים אַפּלאָדירט און ער איז אַרויס זיך פֿאַרנייגן פֿאַרן פּובליקום, איז ער שוין געשטאַנען אין פֿראַק, די האָר גלאַט פֿאַרקעמט מיט אַ שפּיגלדיקע אין האַנט. מען האָט זיך גאָרניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס איז דער זעלבער גראַדנער, וואָס איז מיט עטלעכע סעקונדן צוריק געווען די צעקנייטשטע אַלטע באָבע. אין דער פּיעסע „שולמית״ האָט ער ניט געשפּילט; פֿלעגט ער זיך פֿאַרקלייבן צווישן די פּאַסטוכער און שפּילן אויפֿן פֿייפֿל. דאָס האָט געמאַכט די פּאַסטוכער־סצענע זייער ווירקזאַם. ביי אַן אַנדערער פּיעסע, האָט ער געשפּילט אויף דער האַרמאָניקע.

ווען מ״ר און מר״ס גראַדנער האָבן זיך געקליבן אַוועקצופֿאָרן קיין וואַרשע, פֿלעגן זיי יעדע נאַכט זיך געזעגענען אויף דער בינע מיטן לאָנדאָנער פּובליקום און דערביי זינגען:

בלייבט־זשע מיר געזונט,
אַלע מיינע שוועסטער און ברידער;
גאָט ווייס ווי געשווינד
מיר וועלן זיך זען ווידער.
אָבוואָל עס טוט מיר קרענקען,
נאָך מיין היימאַט טו איך בענקען;
בלייבט מיר געזונט, ליב פּובליקום,
זייט זיכער, צוריק איך קום — איך קום.

שפּעטער, ווען איך פֿלעג אין שאַפּ ביי דער מאַשין נאָכזינגען דאָס ליד, פֿלעגן ביי מיר קומען טרערן אין די אויגן — אַזוי שטאַרק איז געווען מיין בענקעניש נאָך זיי.

מאַגולעסקאָ האָט רעכט געהאַט, ווען ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען גראַדנער וואָלט געקומען קיין אַמעריקע, וואָלט ער געווען אַ גרויסער קאָנקורענט צו די דראַמאַטישע שוישפּילער. איך אַדלער האָט זייער פֿיל געהאַלטן פֿון אים (נאָך זיין טויט). ס'איז קיין צווייפֿל ניט, אַז ווען ער וואָלט געקומען קיין אַמעריקע, וואָלט ער געווען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער.

גראַדנער איז געשטאָרבן צו 46 יאָר — אין זעלבן יאָר, ווען איך בין געקומען קיין לאָנדאָן.

עס איז ניט אמת, אַז ער איז געווען אַן עם־הארץ. אַ סברא, אַז ער האָט אַפילו פאַרפאַסט „מכירת יוסף", וואָס ער האָט זיך געקליבן אויפצופירן אויף דער לאָנדאָנער ענגלישער בינע.

אַנעטאַ גראַדנער קאָן מען פאַרגלייכן צו מאַדאַם בערטאַ קאַליש; פונקט ווי קאַליש, איז מאַדאַם גראַדנער געווען צאַרט, איידל, הויך, גראַציעז, מאַיעסטעטיש, מיט אַ מעצאָסאָפּראַנאָ. זי פלעגט שפּילן פּרימאַ־דאָנע־ראָלן און איז געווען דער ליבלינג פון גאַנצן לאָנדאָנער יידישן פובליקום. ווען זי איז נאָך גראַדנערס טויט אויפגעטראָטן אין „האַלקאַ" האָט זיך דאָס גאַנצע פובליקום אין טעאַטער אויפגעשטעלט צום אָנדענק פון גראַדנערן און זי אַ צייט לאַנג אַפּלאָדירט.

זי האָט געליטן פון אויסצערונג און האָט זייער פיל געדרויכערט, וואָס האָט נאָך מער אונטערגעגראָבן איר געזונט. אַ יאָר נאָך איר מאַנס טויט איז זי געשטאָרבן.

אין דעם „פּרינסעס־סטריט־קלוב"־טעאַטער זיינען דעמאָלט געווען צוויי סטאַר־כאַריסטקעס, וועלכע האָבן אויך געשפּילט עפּיזאָדן־ראָלן: פעני און דזשעני. פעני איז געווען אַ שיין נאַאיוו מיידל פון 19 יאָר, בלאָנד, מיט בלויע אויגן, פול מיט יוגנטלעכן חן און גראַציע, און איז געוואָרן אַ „סינדערעלע" — אַן אינדישער פּרינץ האָט זיך אין איר פאַרליבט און זי אַוועקגענומען קיין אינדיע. זי איז פון דעם פּרינץ אַוועק מיט אַ סך געלט און בריליאַנטן. מען האָט דערציילט, אַז זי האָט אַ סך אַקטיאָרן געהאָלפן מיט דעם געלט — זי האָט עס פשוט צעטיילט. שפּעטער איז זי געוואָרן אַ באַקאַנטע יידישע אַקטריסע אין איראָפּע — פעני עפּשטיין. זי האָט געשפּילט דעם גאַנצן גאָרדין־רעפּערטואַר און די מערסטע קרי־טיקער זיינען געווען אַנטציקט פון איר שפּילן.

מיט 25 יאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין וואַרשע, האָט זי געוואוינט אין אַ קעלער־שטוב — אַליין, פאַרלאָזן פון אַלעמען, קראַנק, צעבראָכן. מען האָט געמוזט צוזאַמענגעמען אַ פּאָר זלאָטעס צו דערהאַלטן איר צאַנקנדיק לעבן. אין 1913 איז פעני עפּשטיין געשטאָרבן.

דזשעני איז געווען אַ ברונעטקע, אַ שלאַנקע, מיט צוויי פלאַם־פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן געשריגן: „קומט, נעמט מיך!" אויך זי האָט געקראָגן אַ „פּרינץ", וואָס איז דערנאָך געוואָרן דער „קעניג" פון דער יידישער בינע: זי פלעגט קומען אין טעאַטער אַריין צו פּראָבע מיט

אַ יינגעלע פֿון 3 יאָר — דער שפּעטער־באַקאַנטער טשאַרלי אַדלער, דער זון פֿון דזשייקאָב פּ. אַדלער און דזשעני קייזער.

דאָס איינציקע יאָר אין לאָנדאָן (1887) האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכּרון אויף צוליב דער פֿייערונג פֿון 50 יאָר רעגירן פֿון דער ענג־לישער קעניגין, און צוליב צוויי קרימינעלע אַקטן, וואָס זיינען דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין לאָנדאָן:

דער ליפּסקי־מאָרד, וועלכער האָט אויפֿגערודערט ניט נאָר לאָנדאָן, נאָר די גאַנצע יידישע וועלט. ליפּסקי איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס איז געגאַנגען אין ענגלאַנד צו דער תּליה.

דאָ האָט זיך צום בוילעטסטן אַרויסגעוויזן דער „כּל ישׂראל ערבים זה בזה״: ענגלישע קריסטלעכע קינדער פֿלעגן נאָכדעם נאָכשרייען די יידן אין גאַס „ליפּסקי! ליפּסקי!״ מען האָט אַפֿילו פֿאַרפֿאַסט אַ לידל אויף ליפּסקין. איך געדענק בלויז פֿיר שורות פֿון אָט דעם לידל:

ליפּסקי וואָז עי מוירדערער,
ליפּסקי וואָז עי דזשו;
ליפּסקי ליווד אָן באָטל סטריט,
נאָמבער פֿאָרטי־טו.

(ליפּסקי איז געווען אַ מערדער, ליפּסקי איז געווען אַ ייד; ליפּסקי האָט גע־וואוינט אויף דער באָטל־גאַס, נומער צוויי־און־פֿערציק).

נאָך אַ גרעסערן איינדרוק האָבן, אַפּנים, אויף מיר געלאָזן די שרעק־לעכע מאָרדן, וואָס דער פּיקטיוועער „דזשעק דהי ריפּער״ איז באַגאַנגען:

אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר וואָכן זיינען דורך אים 8—9 פֿרויען אומ־געקומען, און ביז היינטיקן טאָג, ניט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען פֿון דער „סקאָטלאַנד יאַרד״, איז „דזשעק דהי ריפּער״ געבליבן אַ רעטעניש.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך דאָס רעטעניש „געלייזט״.

אין 1908, ווען איך און קלאַראַ יאַנג האָבן געשפּילט מיט דוד קעסלער אין „טהאַליאַ״־טעאַטער, האָב איך אָנגעשריבן פֿאַר קלאַראַ יאַנגס ערן־אָוונט אַן איין־אַקטער מיטן נאָמען „דער טאַנץ פֿאַרן לעבן״, גענומען פֿון דער פּאַסירונג מיט „דזשעק דהי ריפּער״.

קלאַראַ יאַנג האָט דעם איין־אַקטער „דער טאַנץ פֿון לעבן״ געשפּילט מיט אומגעהויערן דערפֿאָלג אומעטום, וואו זי האָט נאָר גאַסטראָלירט — אַפֿילו אין קיעוו (דאַכט זיך אין יאָר 1927), אין סאָלאָווצאָווס טעאַטער, צו דעם אָוונט, וואָס איך האָב פֿאַראַנשטאַלט פֿאַר משה נאַדיר, ווען ער איז געווען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דער אָוונט האָט אַריינגעבראַכט נאַדירן

ריינע טויזנט רובל, און ווען ער האָט פֿון וועג קיין קרים טעלעגראַפֿירט, אַז... מען האָט ביי אים אַרויסגענומען די טויזנט רובל פֿון קעשענע — האָב איך געמוזט שיקן נאָך פֿינף הונדערט רובל.

איך קום קיין אַמעריקע

אויך מיינע צוויי עלטערע ברידער זיינען אַוועק פֿון דער היים. איינער איז געקומען צו מיר קיין לאָנדאָן, און איינער איז אַוועק קיין ניו־יאָרק; דער ברודער אין לאָנדאָן האָט געזען, אַז איך, וועלכער האָב געלערנט ביים יאַנאָווער רב, בין געוואָרן אַ מאַשינער, איז ער, וועלכער האָט אין ברעסלאַו שטודירט ביי ד״ר הילדעסהיימער אויף ראַבינער, געקומען צו מיר קיין לאָנדאָן און געוואָרן אַ פּרעסער ביי פּרויען־מאַנטלען.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך באַקומען אַ שיפֿס־קאַרטע פֿון מיין ברודער שמואל, איך זאָל קומען קיין אַמעריקע, און נאָך 21 טעג, דאָס הייסט גאַנצע דריי וואָכן פֿאָרן אויפֿן ים, בין איך, אין יאָר 1888, אָנגעקומען אין „קעסל גאַרדן". פֿון קעסל גאַרדן האָט מיך מיין ברודער געבראַכט אין אַ ביר־סאַלון, עסעקס סטריט, קאָרנער העסטער, וואָס איז געווען באַקאַנט אויף דער איסט סאַיד אַלס „וואָלפֿס סאַלון". אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, איז דער וואָלף געווען אַ ניו־יאָרקער „אָלדערמאַן" (מיטגליד אין שטאָט־ראָט).

וואָלף פֿלעגט געבן אויף אַ פּאָר שעה אַ פֿרייען פּלאַץ יעדן „גרינעם", וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען מיטן פּעקל פֿון קעסל גאַרדן, ביי זיך אין צימער, וואָס האָט זיך געפֿונען הינטערן סאַלון. מען האָט דאָרט שטענדיק געקאָנט זען פֿופֿצן־צוואַנציק „גרינע" יידן ליגן אויף זייערע פּעקלעך, וואַרטנ־דיק מען זאָל זיי פֿירן אויף די אַדרעסן, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך.

די זעלבע גרינע יידן האָב איך שפּעטער באַגעגנט אַלס רייכע מאַ־נופֿעקטשורערס, די יונגע צווישן זיי — אַלס דאָקטוירים און לאָיערס. איינעם אַזאַ יונגן בחור, וואָס איז געפֿאָרן מיט מיר צוזאַמען אויף דער שיף, האָב איך דערקענט מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט געהיילט מיין קינד. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער דאָקטאָר און איך — שוין אַן אָנגעזעענער אַקטיאָר.

אָלדערמאַן סאַלון־קיפּער וואָלף איז געווען אַ הויכער, שיינער, מיטל־יעריקער מאַן און פֿלעגט זיין זייער פֿריינטלעך צו יעדן „גרינעם". ווען ער האָט זיך צערעדט מיט מיין ברודער און האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ שניידער־מאַשינער פֿון לאָנדאָן, האָט ער געזאָגט צו מיין ברודער,

קלאַפּנדיק מיר אין דער פּלייצע: „איר וועט שוין ניט האָבן קיין זאָרג מיט אים, אַמעריקע וועט אים פֿאַרצוקערן... מיר דאַרפֿן האָבן אַזעלכע יונגע חברה מיט געזונטע הענט און פֿיס״.

אין אַ פּאָר טעג אַרום הייסט מיר מיין ברודער אַרויסגיין אויפֿן „חזיר־מאַרק״.

— אויפֿן חזיר־מאַרק? — פֿרעג איך אים פֿאַרוואונדערט.

דערקלערט ער מיר, אַז אויף דעם עק־גאַס לודלאָו און העסטער קומען אַרויס פֿאַרשיידענע אַרבעטער פֿונעם נאָדל־פֿאַך וואַרטן אויף „באָסעס״ (באַלעבאַטים), וועלכע זאָלן זיי נעמען צו דער אַרבעט. פֿאַרוואָס מען רופֿט עס „חזיר־מאַרק״ האָט ער ניט געוואוסט. שפּעטער האָב איך מיך שוין אַליין משער געווען: די „חזירים״ זיינען געווען ניט די גרינגע אַרבעטער, נאָר די „קאַקרוטש־באָסעס״, ווי מען פֿלעגט זיי רופֿן, וואָס זיי אַליין זיינען ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאַנען אויפֿן מאַרק און געזוכט צו פֿאַרקויפֿן זייערע הענט און פֿיס.

ווען איך בין אַרויס אויפֿן „חזיר־מאַרק״ און אַ „באָס״ איז צו מיר צו־געקומען, איז די ערשטע פֿראַגע זיינע געווען, צי איך בין אַ שניידער פֿון דער היים; די צווייטע — צי איך בין שוין לאַנג אין אַמעריקע. די ערשטע פֿראַגע האָט ער באַדאַרפֿט וויסן, צי וועל איך אים קאָנען אַרויסהעלפֿן מיט דער נאָדל; די צווייטע — אַ „גרינעם״ וועט ער שוין וויסן וויפֿל צו געבן. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ מאַשינער פֿון לאָנדאָן און בין ערשט אַ פּאָר טעג אין אַמעריקע, האָט ער קיין סך ניט געקלערט און האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ — אַ צייכן, אַז איך זאָל מיט אים מיטגיין. עס איז געווען אַ הייסער, שטיקנדיקער אויגוסט־טאָג און דער באָס האָט מיר „גע־פֿונדעוועט״ אַ גלאָז זיסע סאָדע־וואַסער, וואָס צוויי גלעזער האָבן געקאָסט דריי פּעניס. אויפֿן וועג האָט ער מיך אויסגעפֿרעגט וואָס פֿאַר אַ לאַנדסמאַן איך בין, וואָס איך האָב געטאָן אין דער היים, ווער מיין טאַטע איז — גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט מיך נעמען פֿאַר אַן איידעם... עס איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן וואָס איך בין „אַ טאַטנס אַ קינד״.

אין אַטורני סטריט זיינען מיר אַריין אין אַ פֿינצטערן האָל, אַרויפֿ־געקראָכן אַ דרייסיק שטיגן, און ווען דער באָס האָט אויפֿגעמאַכט די טיר פֿון זיין „פֿעקטאָרי״, האָט דער ריח פֿון שווייס און פֿון טעפּל געקעכץ אויפֿן אויוון, וואו דער פּרעסער האָט געוואָרעמט זיינע אייזנס, מיר געגעבן אַזאַ גיי־אַריין אין דער נאָז, אַז דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען. דעם באָסעס וואוינונג איז באַשטאַנען פֿון צוויי צימערלעך: אַ פֿראָנט־צימער מיט צוויי פֿענצטערלעך — די „פֿעקטאָרי״, און אַ הינטער־

צימער אַן פֿענצטער, וואו מען איז געשלאָפֿן. אין מיטן איז געווען אָפּגעצוימט פֿאַר אַן עס־צימער. אין פֿראָנט־צימער, וואו מען האָט געאַרבעט, זײַנען געשטאַנען צוויי ניי־מאַשינען און דרײַ טישן — אײנער, אויף וועלכן דער באָס האָט געאַרבעט, אײנער פֿאַר דעם פּרעסער, און אײנער, אין מיטן שטוב, אויף וועלכן ס׳איז געזעסן דער „בעירסטער" און געסטריגעוועט. אַרום אים זײַנען געזעסן אויף בענקלעך דער „פֿינישער", דער „באָטנהאָל"־(לעכל)־מאַכער און דאָס ייִנגל, וואָס האָט געצויגן די פֿעדים פֿון די רעק. פּעקלעך סחורה פֿאַר אויבעררעק און האַלב ניט־געענדיקטע רעק האָבן זיך געוואַלגערט אין קויט אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע. און אויפֿן טיש בײַם באָס זײַנען געלעגן רעק — שוין געענדיקטע, אויסגעפּוצטע, אויסגעפּרעסטע, ווי אַלראַיטניקעס, וואָס האָבן פֿאַרגעסן, אַז ערשט ניט־לאַנג צוריק האָבן זײ זיך אויך געוואַלגערט אין שמוץ און אין קויט.

ניין מענטשן האָבן אין דעם קלײנעם, ענגן פֿראָנט־צימער געאַרבעט, און שווײס איז גערונען. און אין דער רומקע, וואָס האָט געדינט פֿאַרן עס־צימער, האָט די „באָסעכע" געצוואָגן און געקעמט אירע קינדער...

ווען איך האָב אָפּגעאַרבעט ביז זיבן אויפֿדערנאַכט, האָט דער באָס מיך ניט געפֿרעגט וויפֿל איך וויל, נאָר ער האָט מיר געהײסן קומען מאָרגן אינדערפֿרי צו דער אַרבעט. פֿרײַטיק האָט ער מיר דערלאַנגט דרײַ דאָלער. איך בין געבליבן אַרבעטן פֿאַר פֿיר דאָלער אַ וואָך.

כ׳בין נישקשהדיק דורכגעקומען מיט די פֿיר דאָלער: צוויי מיט אַ האַלבן דאָלער אַ חודש האָב איך געצאָלט פֿאַר לאָזשי (מיר זײַנען געווען דרײַ באָרדערס אין איין פֿראָנט־רום); צוועלף סענט האָט מיך געקאָסט אַ מיטאָג (געווען פֿאַר 10 סענט אויך), וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פֿאָרשפּײַז, זופּ, פֿלײש, קאָמפּאָט, קאַווע מיט „קעיק" און אַ גרויס גלאָז ביר דערצו. בײַם אַוועקגײן האָט דער רעסטאָראַטאָר נאָך צוגעגעבן יעדן גאָסט אַ „סוויט־קאָרפּאָראַל"־סיגאַרעט.

ווען איך האָב שוין פֿאַרדינט זעקס און זיבן דאָלער אַ וואָך, פֿלעג איך מוזן זײַן פֿיר אַזײגער פֿאַרטאָג אין שאָפּ. ס׳האָט דעמאָלט געהערשט דער סיסטעם פֿון „ציל־אַרבעט" — מ׳האָט געמוזט יעדן טאָג אַרויסגעבן אַ געוויסן סכום אַרבעט — האָט מען געשוויצט פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

ס׳איז געווען דער אמתער „סוועט־שאָפּ"... ניט אומזיסט האָט אין יענער צײַט אַזוי געבושעוועט די „רויטע קרענק" (טובערקולאָז) אין נאָדל־פֿאַך...

כ׳האָב אויך געאַרבעט ביי דער מאַשין אין בראָנזוויל. ווי מ׳האָט דעמאָלט דערציילט, האָט גאַנץ בראָנזוויל געהערט צו אַ רייכן פֿאַרמער מיטן זעלבן נאָמען. דער שאַפּ איז געווען אין אַ הילצערנער הייזקע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ ליידיקן פּלאַץ (היינט פּיטקין עוועניו). דורכן פֿענצטער האָט מען געקאָנט זען פֿערד און ציגן, וואָס האָבן געזוכט דאָרט אַ גרעזל... מען האָט מיר דעמאָלט אָנגעבאָטן צו קויפֿן „לאָטס“ (ליידיקן פּלאַץ) פֿון יענעם פֿעלד פֿאַר 25 דאָלער, און דערצו אויף אויסצוצאָלן אַ דאָלער אַ וואָך. אָבער ווער האָט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן... אַז אָפּט האָט פּאַסירט — מ׳דאַרף פֿאָרן צו דער אַרבעט, און אין קעשענע איז פֿאַר־בליבן אַ פֿאַרמעגן פֿון צוויי סענט — באַצאָל איך די צוויי סענט פֿאָרן אַריבערגיין די ברוקלין־בריק, און קיין בראָנזוויל קום איך שוין מיט די אייגענע פֿיס...

אָריענטאַל טעאַטער

אַז אין ניו־יאָרק שפּילט מען יידיש טעאַטער האָב איך געהערט נאָך אין לאָנדאָן. איך בין דאָך שוין געווען אַ שטיקל „פּאַטריאָט“ פֿון יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן... איך האָב געקענט יעדן יידישן אַקטיאָר אין לאָנ־דאָן ביים נאָמען; אַפֿילו געוואוסט עפּעס פֿון זיין פּריוואַטן לעבן... אָט, למשל, האָב איך געוואוסט, אַז אַדלערן האָט מען אין אַמעריקע ניט געוואָלט „צולאָזן צום פּסוק“, ווייל מען האָט פּשוט מורא געהאַט פֿאַר אים, מחמת ער איז אַ בעסערער „עקטער“ ווי די אַמעריקאַנער זיינען. איך האָב אויך געוואוסט, אַז אַדלער קלויבט זיך צו פֿאָרן מיט אַנעטאַ גראַדנער קיין אַמעריקע און דאָרט עפֿענען אַליין אַ טעאַטער, כּדי זיך אָפּרעכענען מיט די ניו־יאָרקער „עקטערס“. (דער ענגלישער טערמין „עקטאָר“ איז ביי יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע — אויך ביי אַ טייל פֿון פּובליקום — אָנגענומען געוואָרן אין איראָנישן זין: צו באַצייכענען אַ שלעכטן אַקטיאָר).

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען נייגעריק צו זען דאָס יידישע טע־אַטער אין אַמעריקע. אַז מען קלעפּט אויס גרויסע „פּאַפּירן“ אין גאַס, מען זאָל וויסן וואו מען שפּילט, וואָס מען שפּילט און ווער עס שפּילט, האָב איך שוין געוואוסט פֿון לאָנדאָן. בין איך געגאַנגען זוכן אין די גאַסן דאָס „אויסגעקלעפּטע פּאַפּיר“ און געפֿונען האָב איך נאָך גרעסערע „פּאַפּירן“, ניט אין גאַס, נאָר אין אַ פֿענצטער פֿון אַ געוועלב. און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אויף דער „באַוערי“־גאַס איז דאָ אַ יידיש טעאַטער, וואָס רופֿט זיך „אָריענטאַל־טעאַטער“ און אַז עס שפּילט דאָרט

„דער נדר, אָדער ר׳ עקיבא מיט די 24,000 תלמידים״ פֿון יאָזעף לאַ־טײַנער, מוזיק פֿון קאַראַנטמאַן.

װען איך בין געקומען אין אָריענטאַל־טעאַטער אויף דער באָוערי (פּרויען, װאָס האָבן ניט געקאָנט אַרויסזאָגן דאָס װאָרט „אָריענטאַל״, האָבן עס גערופֿן „יענטע״־טעאַטער), האָט די געבײַדע מיך ניט שטאַרק אי־בערראַשט. עס איז ניט געװען גרעסער פֿון דעם „פּרינסעס־סטריט־קלוב״ אין לאָנדאָן, כאָטש מער טעאַטערמעסיק. אויך האָט מיך ניט שטאַרק איבערראַשט דער אַקטיאָר, װאָס האָט געשפּילט דעם יונגן פּאַסטוך עקיבא — משה זילבערמאַן. ער איז געװען דער סטאַר פֿון טעאַטער צוזאַמען מיט חיימאָװיטש (הײַנע). זילבערמאַן איז געװען אַ שײנער מאַנספּאַרשוין און האָט געהאַט אַ שטאַרקן טענאָר, אָבער אָן זיסקייט, האָט געזונגען אָן נשמה. װען ער האָט געהאַלטן אַרומגענומען די „געליבטע״, האָט מען געקאָנט זען, אַז האַלטן דעם שירם פֿון קלמן שדכן פֿון די „קוני לעמלס״, װאָלט אים בעסער געפּאַסט.

געפֿעלן זײַנען מיר דעמאָלט מ״ר קאַרפּ און מר״ס גאָלדשטײן (שפּעטער פֿרוי קאַרפּ). ער האָט געשפּילט אין „דער נדר״ אַלס דער רײַכסטער בירגער פֿון ירושלים, כלבא שבוע, און מר״ס גאָלדשטײן האָט געשפּילט די ראָלע פֿון זײַן טאָכטער, רחל (בײַ לאַטײַנערן הײסט זי, דאַכט זיך, דבורה), װאָס פֿאַרליבט זיך אין דעם אָרעמען פּאַסטוך עקיבא.

מ״ר קאַרפּ האָט געהאַט אַ װוּנדערלעכע באַס־באַריטאָן שטים מיט אַ זײער הויכן „רעגיסטער״. װען ער האָט געזונגען דעם „נדר״, װאָס כלבא שבוע גיט —

איך שװער בײַ גאָט און פֿאַר אַלע אַצינד,
אויב מײַן טאָכטער האָט עקיבאַן גענומען,
איז זי ניט מער מײַן קינד —

האָט ער געװיס אַנגעהויבן מיט דער אויבערשטער „לאַ״ און געענדיקט מיט דער אונטערשטער „דאָ״. מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט. זײַן גרעסטן בײַפֿאַל האָט ער געהאַט אין דער פּיעסע „עזרא, דער אײביקער ייד״, װאו ער האָט געזונגען מיט גרויס בײַפֿאַל דאָס ליד „פֿאַרלוירן״.

ער האָט געהאַט אַ שײנע פֿיגור, אָבער ער איז געגאַנגען אויף דער בינע שטײף, פּונקט װי ער האָט שטײף צוזאַמענגענומען אַלע טײלן פֿון זײַן שפּראַך־אַפּאַראַט בײַם רעדן. און גערעדט האָט ער (אויף דער בינע װי אין לעבן) מער דײַטשמעריש װי אַלע אַנדערע שױשפּילער.

סאָפֿי גאָלדשטײן (שפּעטער פֿרוי קאַרפּ) האָט געהאַט אַ זיסע, אָנגע־נעמע אַלט־שטים (ניט קײן גרויסע) און אַ סימפּאַטיש פּנים. איך רעדן

האָט געגלעט און איז אַריין אין האַרצן. זי האָט געשפּילט פּרימאַדאָנע־ראָלן, וואָס זיינען געווען אַ ביסל דראַמאַטיש, מיט אַ פּאָר בומערן געזאַנג. זי האָט געהאַט זייער פיל אָנהענגער.

איך האָב געשפּילט מיט סאָפי קאַרפּ די ראָלע פון שאול קאַצע־נעלנבויגן, אין איר סוקסעס „ברכה", פון האָראָוויץ, וואו זי איז געווען די ערשטע צו זינגען דאָס שפּעטער באַרימט־געוואָרענע ליד „אלי אלי". אַזוי ווי זייט דעמאָלט האָבן זיך שוין אַ סך מוזיקער אָנגעגעבן ווי די קאָמפּאָזיטאָרס פון דעם דאָזיקן ליד, וויל איך דאָ פעסטשטעלן, אַז בעת איך בין, אין סעזאָן 1893—1892 געווען אין פּולס־טעאַטער, אויף דער אָכטער גאַס, האָט דער כאָר־דיריגענט און פאַרפאַסער פון דעם ליד „אלי אלי", מ. סאַנדלער (ניט דער שפּעטערדיקער יידישער קאָמפּאָזיטאָר פּרץ סאַנדלער), דעמאָלט איינגעשטודירט מיט סאָפי קאַרפּ דאָס ליד „אלי אלי" פאַר דער פּיעסע „ברכה אין „ווינדזאָר־טעאַטער", אויף דער באָוערי, וואו טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט. איך ווייס באַשטימט, אַז די מוזיק צו דעם ליד איז פון מ. סאַנדלערן.

סאָפי קאַרפּ איז געשטאָרבן פון לונגען־אָנטצינדונג און האָט געהאַט איינע פון די גרעסטע לוויות, וואָס דאָס יידישע ניו־יאָרק האָט געזען. זי איז געווען באַליבט ביי דעם ניו־יאָרקער יידישן פּובליקום און איז געווען דער ערשטער „שטערן", וואָס איז פאַרשוואונדן פון ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער...

עס זיינען געווען דעמאָלט אין ניו־יאָרק נאָך צוויי אַקטיאָרן אויף דעם עמפּלואַר „פאָטער־ראָליסטן": זיגמונט פיינמאַן און אַברהם בוים. פיינמאַן איז געווען פון מיטעלן וואוקס און זייער דיק, און דאָס האָט אים געשטערט צו אַ סך ראָלן. ער איז געווען מער אינטעליגענט פון זיינע קאָלעגן, האָט פאַרפאַסט אייניקע פּיעסן און האָט זייער ערנסט גענומען די בינע. די שטים זיינע האָט געקלונגען הייזעריקלעך, אָבער עס האָט אים געפּאַסט צו זיינע ראָלן און ער האָט געזונגען מיט וואַרעמקייט און געשמאַק. אין די פאָטער־ראָלן פון „טיסאַ עסלער", „כבוד אב", „דעם פאָטערס קללה" און אַלס ירמיהו הנביא אין „חורבן ירושלים", האָט ער ניט געהאַט קיין גלייכן. ער האָט געשפּילט אַ קורצע צייט אויף דער ענגלישער בינע אַלס נח אין „נחס תבה". פיינמאַן איז געשטאָרבן אויף דער בינע אין לאָדזש, בעת ער האָט געשפּילט „אוריאל אַקאָסטאַ".

אַברהם בוים איז געווען אַ מאַן אַ ריז — אַ הערקולעס! מיט זיין אָדלער־נאָז אויפן גרויסן, ברייטן פּנים, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַר־צייטיקער סיריער, אָדער רוימער. ער האָט ניט באַדאַרפט זיך גרימירן

צו שפּילן דעם קעניג אַנטיוכוס, דעם גענעראַל האָלאָפערנעס אָדער שאול המלך. זײַן קלינגענדיקער באַריטאָן־באַס האָט זיך געפּאַסט פאַר דעם „מעטראָפּאָליטען" אָפּערע־הויז. אין „לעבנס־בילדער" (ווי מען האָט דעמאָלט אַנאָנסירט אַ מעלאָדראַמע) האָט ער זיך ניט אַרײַנגעפּאַסט צוליב זײַן ריזיקער פיגור. האָט ער טאַקע נאָך אין אָנהויב פון די נײַנציקער יאָרן געעפנט אַ קאַפע־הויז אויף ברום סטריט, און נאָר זעלטן, פון צײַט צו צײַט, געשפּילט טעאַטער. אין אָט דעם קאַפע־הויז פלעגן אַרײַנקומען אַקטיאָרן פון אַלע טעאַטערס. מען האָט דאָרט געשפּילט פאַרשיידענע שפּילן און מען איז אַוועק אַהיים, ווען אַרבעטער זײַנען שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט.

בוים פלעגט אָפט אַרײַנקוקן אין דײַטשע ביכלעך. יידישע שוישפּילער — אַזוי ווי די מערסטע אימיגראַנטן פון יענער צײַט — האָבן זיך אויסגעלעבט אין זייער אייגענער אַטמאָספערע, מיט יידישע צײַטונגען און יידיש טעאַטער, צו ביסלעך אויך אין דײַטש — ווער עס האָט געקענט די שפּראַך. אָבער שוין סעקאָנד עוועניו און די 14טע גאַס, וואָס איז דעמאָלט געווען באַוואוינט פון דײַטשן, איז געווען פאַר זיי אַ פרעמדע וועלט.

ניו־יאָרקער „פּאַטריאָטן"

אין „אָריענטאַל"־טעאַטער און אין „רומעניען אָפּעראַ־הויז" אויף דער באַוערי האָט מען דעמאָלט געשפּילט אַממערסטן פּיעסן, גענומען פון דער יידישער געשיכטע. מען האָט עס גערופן „היסטאָרישע אָפּערעס". איך גלויב, אַז די דאָזיקע אָפּערעטעס האָבן געהאַט זייער באַרעכטיקונג. דער אַמאָליקער קנאַפּ־געלערנטער אימיגראַנט איז געווען זייער ווייניק באַקאַנט מיט דער יידישער געשיכטע. און הגם אויך די אָפּערעטן־שרײַבער לאַטײַנער און האָראָוויץ האָבן אַ סך אונטערגעזינדיקט קעגן דער געשיכטע, צוזאַמענפאָרנדיק אָפט פאַרשיידענע עפּאָכעס, כדי צו האָבן מער שטאָף פאַר זייער בינע־האַנדלונג, איז אָבער דער קערן פון סוזשעט און פון די העלדן געווען אַן אמתער און אויף דעם אופן בעקענט די צוהערער מיט אַ ביסל יידישע געשיכטע. ווען דער אַמאָליקער אימיגראַנט האָט געזען אויף דער בינע ווי די העלדין יהודית שטעלט איין איר לעבן, גייט אין לאַגער פון דעם סירישן גענעראַל האָלאָפערנעס, האַקט אים אָפּ דעם קאָפּ און די יידן געווינען דורך דעם די מלחמה; אָדער, ווי דער טיראַן אַנטיוכוס עפּיפאַנעס לאָזט אָפּהאַקן די קעפּ פון חנהס זיבן זין, ווײַל זיי

ווילן זיך ניט בוקן צו זיינע געטער — האָט זיך אין אים צעפּלאַקערט זיין נאַציאָנאַלער שטאָלץ. די „היסטאָרישע" קליידער — קאַסקעס, פּיקעס, שווערדן, און די „היסטאָרישע" דעקאָראַציעס האָבן אים אָוועקגעפירט אויף צוריק מיט עטלעכע טויזנט יאָר, אין לאַנד פון זיינע אבות, און ער האָט זיך דערפילט ווי איינער פון יענע קעמפער.

און ווער מען נאָך האָט אַזוי געפּאַסט פאַרצושטעלן די סירישע און גריכישע גענעראַלן און קעניגן, ווי די הויפּט־פּאָטער־ראַליסטן פון יענער צייט — קאַרפּ, פיינמאַן און בוים מיט זייערע פיגורן און „העלדישע" שטימען? בין איך טאַקע געוואָרן זייער „פּאַטריאָט". אַ „פּאַטריאָט" האָט געהייסן דער יעניקער, וואָס פלעגט באַזוכן דאָס טעאַטער כאָטש צוויי־דריי מאָל אַ וואָך, זיצן אויף דער גאַלעריע מיט אַנדערע „פּאַטריאָטן", צוזאַמענקומען זיך יעדע נאַכט נאָך דער אַרבעט אין אַ סאַלון אויף העסטער סטריט (ביי אַ געוויסן שפּיוואַק, וואו מען פלעגט באַקומען פאַר דריי סענט אַ לעבער־„סטעיק" מיט ברויט און פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז ביר), אָדער זיך סתם טרעפן אויף העסטער סטריט און דיסקוטירן וועגן די פּיעסן און אַקטיאָרן.

איך פלעג זיי דערציילן די וואונדער פון דעם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער, פון מ"ר און מר"ס גראַדנער, מאַקס ראָזענטאַל, דערהויפּט פון אַ „געוויסן אַקטיאָר" אַדלער, — ווי גוט ער שפּילט, ווי גרויס ער איז אַלס דראַמע־שפּילער, בפרט ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז מ'ברענגט אַראָפּ יעקב פּ. אַדלער קיין אַמעריקע.

— ער וועט זיי, די אַלע אַמעריקאַנער עקטערס, צודעקן! ער וועט זיי אַלעמען מאַכן אַ וואַנע (ווי מען פלעגט זאָגן אויף טעאַטער־לשון). אַ קלייניקייט, אַדלער! אים נאָר אָנצוקוקן האָט שוין ווערט דאָס געלט — האָב איך זיי דערציילט.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיינע חברים־„פּאַטריאָטן" מיך אָנגעהויבן רופן „אַדלער". אַזוי האָט מען איינעם, וואָס איז געווען קאַרפּס אַ „פּאַטריאָט", גערופן מיטן נאָמען „קאַרפּ"; אַ צווייטן — „פיינמאַן"; אַ דריטן — „מר"ס גאָלדשטיין".

די „פּאַטריאָטן"־באַוועגונג ביים יידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן ערשט ווען עס איז געקומען קיין ניו־יאָרק די צווייטע טרופּע אַקטיאָרן מיט דעם „ליבהאָבער" דוד קעסלער, דעם פּאָטער־ראַליסט פיינמאַן, זיגמונט מאָגולעסקאָ און די פרימאַדאָנע גאָלדשטיין־קאַרפּ, און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן קעסלערן מיט זילבערמאַנען, פיינמאַנען מיט קאַרפּן, מאָ־גולעסקאָן מיט חיימאָוויטשן און פרוי גאָלדשטיין מיט מאַדאַם היינע־

חײמאָװיטש (די שפּעטערדיקע סערא אַדלער). מען האָט זיך אָנגעהױבן קריגן, זיך שלאָגן ביז בלוט — יעדער „פּאַטריאָט" פֿאַר זײַן אַקטיאָר.

אָט אַזױ זײַנען אַנטשטאַנען די ערשטע „פּאַטריאָטן" פֿון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

װען מאָגולעסקאָ מיט זײַן טרופּע האָבן אַמאָל געסטרײַקט אין אַ טעאַטער, האָבן די „פּאַטריאָטן" פֿון די סטרײַקערס אַרױסגעלאָזט אַ „הענדביל" אין גראַמען, װאָס האָט זיך טײלװײַז געלײענט:

מאָגולעסקאָן אונדזער ליבן
מיט זײַן קאָמפּאַניע פֿאַרטריבן,
און סקעבס, אַ שטיק זיבן,
זײַנען אױף זײַן אָרט פֿאַרבליבן.
אַװעק, באַהעלפּערס, פֿון דעם אָרט,
װאו עס האָבן געשפּילט קינסטלער דאָרט.
אַזױ שרײַען אַלע, פֿון אומעטום,
פֿון ניו־יאָרקער פּובליקום...

אין יענע צײַטן, אײדער די „יידישע אַקטיאָרן יוניאָן" האָט זיך געגרינדעט, איז יעדער אַקטיאָר, פֿון דעם סטאַר ביז דעם קלענסטן, געװען אַ שותּף צום געשעפֿט און איז ניט געװען פֿאַרבונדן מיט אַ קאָנטראַקט צו זײַנע שותּפֿים — ער האָט געקאָנט אַװעקגײן װען ער האָט נאָר געװאָלט. זײַנען טאַקע די אַקטיאָרן, איבערהױפּט די „סטאַרס", אָפֿט געלאָפֿן אינמיטן סעזאָן פֿון אײן טעאַטער אין אַ צװײטן. — עס האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז פֿרײַטיק זאָל אַן אַקטיאָר האָבן געשפּילט אין „טהאַליאַ"־טעאַטער, און שבת אין „װינדזאָר"־טעאַטער.

געדענק איך, װען מאָגולעסקאָ איז ניט געקומען שפּילן צו אַ מאַטינע אין „פּולס"־טעאַטער (בײַנאַכט האָט ער שױן געשפּילט אין „טהאַליאַ") און קעסלער איז געגאַנגען שפּילן מאָגולעסקאָס ראָלע, דעם פּאַסטוך בײַ „שלמה המלך", האָבן מאָגולעסקאָס „פּאַטריאָטן" געמאַכט אַזאַ טומל אין טעאַטער, אַז קעסלער האָט געמוזט אַרונטערגײן פֿון דער בינע. װען דער מענעדזשער הײנע־חײמאָװיטש האָט דערקלערט, אַז מאָגולעסקאָ איז ניט מער אין טעאַטער, איז דער סקאַנדאַל געװאָרן נאָך שטאַרקער, און חײמאָװיטש איז געװען געצװאונגען צו זאָגן דעם עולם, אַז דער, װאָס װיל ניט זען קעסלערן אין דער ראָלע, זאָל גײן צו דער קאַסע אָפּנעמען דאָס געלט פֿאַר דעם בילעט.

מאָגולעסקאָס פּאַטריאָטן, װעלכע האָבן שױן פֿריער געװאוסט, אַז מאָגולעסקאָ װעט ניט שפּילן בײַ דער מאַטינע, האָבן צוגעגרײט אַ דעמאָנסטראַציע און מען האָט מאַסנװײַז מאַרשירט צו דער קאַסע אָפּצונעמען

דאָס געלט. דאָס איז געווען אַ זיג פֿאַר מאַגולעסקאָן. עס האָט באַדייט, אַז קיינער קאָן מאַגולעסקאָס ראָלן ניט שפּילן...

פֿאַרשטייט זיך, אַז קעסלערס „פּאַטריאָטן" האָבן אויך ניט געשוויגן, און אויף דער גאַס איז געקומען צו קלעפּ און בלוט־פֿאַרגיסונג...

אַזעלכע סצענעס פֿון די „פּאַטריאָטן" האָבן זיך אָפּגעשפּילט זייער אָפֿט אין די אַמאָליקע יידישע טעאַטערס.

אָבער ניט נאָר אין יידישן טעאַטער זיינען געווען „פּאַטריאָטן", וואָס זיינען געגאַנגען פֿאַר זייער ליבלינג ביזן בלוט. אויך אין די אַמעריקאַניש־ענגלישע טעאַטערס זיינען געווען אַנהענגער פֿון דעם סטאַר, וואָס זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער ווי די יידישע „פּאַטריאָטן".

פֿרענסיס דעילי דערציילט, אַז אין יאָר 1856 (1849?) האָט אין „אַסטאָר־פּלעיס אָפּערע־הויז", ניו־יאָרק, גאַסטראָלירט דער גרויסער ענג־לישער שוישפּילער וויליאַם טשאַרלס מעקרעדי. אין דער זעלביקער צייט האָט אין ניו־יאָרק אויך געשפּילט דער אַמעריקאַנער סטאַר עדווין פֿאָרעסט. זיינען צווישן די „פּאַטריאָטן" פֿוןביידע סטאַרס אויסגעבראָכן גאַנצע ראַיאָטן. די סטאַרס האָבן פֿון דער בינע געהאַלטן ניט־פּאָסיקע רעדעס איינער אויפֿן אַנדערן, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אַנהענגער פֿון פֿאָרעסטן האָבן זיך אין אַ געוויסן אָוונט געלאָזט צום טעאַטער, וואו מעקרעדי האָט געשפּילט, און געוואָלט שטורמען דאָס טעאַטער. מען האָט אַרויסגערופֿן די מיליציע. מעקרעדין זיינען געקומען צוהילף זיינע לאַנדסלייט — די מאַנשאַפֿט פֿון אַן ענגלישער שיף, וואָס איז געשטאַנען אין ניו־יאָרקער האַפֿן, און עס האָט אויסגעבראָכן אַן אמתע מלחמה, אין וועלכער עס זיינען דערהרגעט און פֿאַרוואונדעט געוואָרן צענדליקער מענטשן. ווי איינציקע מיינען, האָבן די ראַיאָטן אויך געטראָגן אַן אַנטי־בריטישן כאַראַקטער.

ווען דער מענעדזשער היינע־חיימאָוויטש האָט צום ערשטן מאָל פֿאָר־געשטעלט יעקב פּ. אַדלערן פֿאַר דעם פּובליקום אין „פּולס"־טעאַטער, (וואו עס שטייט איצט וואַנאַמייקערס „דעפּאַרטמענט־סטאָר"), בין איך געזעסן אויף דער גאַליאָרקע מיט אַנדערע „פּאַטריאָטן" און האָב שטאַרק אַפּלאָדירט.

די „פּאַטריאָטן", זעענדיק אַדלערן, האָבן מיר געזאָגט, אַז איך רעד אַזוי פֿיל וועגן אַדלערן, ביז איך בין געוואָרן אַ ביסל ענלעך צו אים...

אויפֿגעטראָטן איז דער „בשר הגדול" אין אַ פּיעסע „דער אַדעסער בעטלער", באַאַרבעט פֿון פֿראַנצויזישן „דער פּאַריזער שמאַטע־קלויבער" דורך אַ געוויסן מוזיקער הערמאַן פֿידלער.

ווען דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן צום שלוס פֿון דער פּיעסע, איז געווען שאַ־שטיל אין טעאַטער. די קאַרפּ־פֿיינמאַן־„פּאַטריאָטן" זיינען אַוועק פֿון טעאַטער ווי זיגער, דאָס פּובליקום — אַנטוישט. אויך איך און יעקב פּ. אַדלער, דער „נשר הגדול", זיינען אַוועק אַהיים טרויעריקע, אויסגע־לאָכטע, פֿאַרשעמטע...

ווי אַדלער האָט שפּעטער דערציילט, האָט ער זיין דורכפֿאַל יענעם אָוונט דערפֿילט מער פֿון די אַקטיאָרן ווי פֿון פּובליקום...

די צווייטע פּיעסע, אין וועלכער אַדלער איז אויפֿגעטראָטן איז געווען „משה מאָנטעפֿיאָר". שפּיוואַקאָווסקי האָט געשפּילט „משה מאָנטע־פֿיאָר", און אַדלער — אַ יידן מיט אַ באָרד, און ס'האָט ביי אַדלערן ווידער „ניט געבליצט", ווי מען זאָגט אין טעאַטער־לשון. ביז ער איז אויפֿגע־טראָטן מיט זיין נאַקעטן, שיינעם פּנים, אין אַ סאָלדאַטסקער אוניפֿאָרם, אין דעם שטיק „משהלע סאָלדאַט". דאָרט האָט ער געשפּילט מעלאָדראַמאַטיש־שטאַרק, געשריגן איבער מענטשלעכע כּוחות, און ווען דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן, האָבן די ווענט געציטערט פֿון דעם אַפּלאָדיר... נאָך אַ גרעסערן דערפֿאָלג, און אַ פֿאַרדינטן, האָט ער געהאַט אין „אוריאל אַקאָסטאַ". מיט דער ראָלע האָט ער גענומען דעם דעמאָלדיקן ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער־עולם, און איז געוואָרן אַנערקענט ווי דער קעניג פֿון דער יידישער בינע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געשטראַלט פֿון פֿרייד און פֿאַרגעניגן.

אַדלער האָט שטענדיק געהאַט אַרום זיך צוויי פּאַטריאָטן „באַדיגאַרדס" (שטאַרקע פּערזענלעכע „שומרים") — איינער מיט אַ ניט־יידיש פּנים, דער שפּעטער באַקאַנטער בינע־פֿאַרוואַלטער יאַשי; דער צווייטער — אַ די־קער, קרעפּטיק־געבויטער, דער שפּעטער באַוואוסטער שוישפּילער פֿון יידישן קונסט־טעאַטער, איזידאָר קעשיר. ווען אַט די צוויי „פּאַטריאָטן" האָבן זיך דערוואוסט, אַז טאָמאַשעווסקי קלויבט זיך צו קויפֿן אַ פּיעסע ביי גאָרדינען, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז די פּיעסע מוז האָבן אַ דורכפֿאַל שוין ביי דער פֿאָרלעזונג. זיינען זיי געקומען אין „האָל", זיך אַוועקגעזעצט אין די ערשטע רייען און אינמיטן דעם פֿאָרלייענען אָנגעהויבן צו גענעצן אַזוי, אַז זיי האָבן מיט דעם אָנגעשטעקט אַלע אַרום זיך. ווען גאָרדין האָט גע־האַלטן ביים שלוס פֿון דריטן אַקט, ביי דער סאַמע דראַמאַטישסטער סצענע, האָט קעשיר אָנגעהויבן אַזוי צו שנאָרכן און כראָפּען, אַז דער עולם האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און די גאַנצע דראַמאַטישע שטימונג איז צעשטערט געוואָרן...

דער „פּאַטריאָט" איז געווײַנלעך געבליבן געטריי זיין סטאַר ביז —

ווי מען זאָגט — צו זיין לעצטן אָטעם־צוג. אַזוי איז פּאַטעטיש אַוועק פֿון דער וועלט דער „פּאַטריאָט" פֿון דער באַרימטער פּרימאַדאָנע רעגינא פּראַגער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין טעאַטער־קרייזן אונטערן נאָמען „גימפּל". בעת דער לוויה פֿון רעגינא פּראַגער, האָב איך געהערט, ווי גימפּל האָט מיט טרערן געטענהט איבער איר אָרון: „טייערע מאַדאַם פּראַגער, פֿאַרוואָס האָט איר מיך איבערגעלאָזט... אַזוי לאַנג ווי איר האָט נאָך געלעבט, האָט געקלונגען אין מיינע אויערן אייער זיסע, האַרציקע שטים... איצט האָב איך נישט מער פֿאַר וואָס צו לעבן"...

און מערקווירדיק! צוויי טעג שפּעטער איז גימפּל געשטאָרבן...

אָט דאָס זיינען געווען די אַמאָליקע „פּאַטריאָטן".

ניו־יאָרקער דראַמאַטישע פֿאַראיינען

יידישע שוישפּילער וואָלט מען געקאָנט איינטיילן אין דריי קאַטעגאָריעס. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן יענע, וועלכע אַברהם גאָלדפֿאַדען האָט אַרויסגעהויבן פֿון דער קעלער־שטוב און אַרויפֿגעבראַכט אויף דער בינע. דאָס זיינען געווען שוישפּילער, וואָס האָבן זיך געווידמעט דער טעאַטער־קונסט אויס ליבע צו דער בינע. דער אַמאָליקער זינגער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיטן טעלער איבערן וויין־קעלער, האָט זיך געפֿילט שטאָלץ ווי אַן אַקטיאָר, און מיט יראת הכבוד, ווי אַ כהן צו דער עבודה, איז ער אַרויף אויף די ברעטער פֿון דער אַמאָליקער אָרעמער יידישער בינע. גאָלדפֿאַדען האָט אין דעם קעלער־זינגער אַריינגעהויכט אַ קינסטלערישע נשמה. יענע שוישפּילער האָבן ניט געפֿרעגט ביי גאָלדפֿאַדענען, ווי מען זאָגט אויף אַמעריקאַניש: „האַו מאַטש איז אין איט?" (וויפֿל וועלן מיר פֿאַרדינען) — זיי האָבן גלייך געענטפֿערט דעם באַוואוסטן „נעשה ונשמע!"

דער צווייטער טיפּ שוישפּילער, וואָס איז געקומען צו דער יידישער בינע, איז געווען פֿון די, וואָס האָבן אין יידישן טעאַטער שוין געזען אַ „געשעפֿט" און אַ מעגלעכקייט צו פֿירן אַ „באַהעם־לעבן". זיי זיינען מער געווען פֿאַראינטערעסירט צו מאַכן געלט, ווי אין דער קינסטלערישער זייט.

צו דער דריטער קאַטעגאָריע געהערן די אַקטיאָרן, וואָס זיינען געקומען פֿון די דראַמאַטישע פֿאַראיינען. די דאָזיקע פֿאַראיינען זיינען געווען די דראַמאַטישע שולן פֿון אָט די שוישפּילער, און דער כאָר פֿון טעאַטער

— זייער קאָנסערוואַטאָריע. אַט די קאַטעגאָריע איז באַשטאַנען פֿון יונגע בחורים־אַרבעטער, וואָס זיינען געוואָרן „פּאַטריאָטן“ פֿון געוויסע אַקטיאָרן און עס האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט דער חשק אַליין צו שפּילן טעאַטער. דער פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר איז געווען פֿאַר דעם דילעטאַנט דער גאָט און לערער; ער האָט אים קאָפּירט אין זיין רעדן, אין זיין גרים און אַפֿילו אין זיין גיין אויף דער בינע. אויך די ערשטע פּיעסן, וואָס די דראַמאַ־טישע פֿאַראיינען האָבן אויפֿגעפֿירט, זיינען געווען די זעלבע, ווי אין פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער.

ווען אַברהם גאָלדפֿאַדען איז געקומען צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע, אין יאָר 1887, האָט ער געגרינדעט דעם גאָלדפֿאַדען־פֿאַראיין „גאָלדפֿאַ־דענס לירע“. עס האָט געקאָסט אַ דאָלער איינטריט־געלט, און יעדער מיט־גליד, וואָס האָט געוואָלט, אַז גאָלדפֿאַדען זאָל אים לערנען פּריוואַט שפּילן טעאַטער, האָט אים געצאָלט צוויי און דריי דאָלער פֿאַר אַ לעקציע.

מיין לאַנג־יעריקער אינטימער פֿריינט פּיטער שמוקלער, דער אַרויס־געבער פֿון דער אַמאָליקער יידישער צייטונג „די וואָרהייט“, אויך דער טעאַטראַל ישראל באַרסקי און אַ פֿריינט מיינער מ״ר זאַטאַלאָווסקי (סאַט־לער), זיינען געווען פֿון די ערשטע מיטגלידער פֿון דער „גאָלדפֿאַדענס לירע“. שפּעטער זיינען אויך געווען דאָרט מיטגלידער דוד לעווענזאָן, זיגמונט און רבקה וויינטרויב, בעלאַ גודינסקאַ, אַהרן מאָרגענבעסער, לואיס קופּערשמיט א״אַנד.

ווען גאָלדפֿאַדען איז אַוועק פֿון אַמעריקע, איז אין גאָלדפֿאַדענס פֿאַראיין אַריין זיגמונט פֿיינמאַן, און דער פֿאַראיין האָט אָנגענומען זיין נאָמען. נאָך פֿיינמאַנען איז אַריין דוד קעסלער, און דער פֿאַראיין האָט אָנגענומען קעסלערס נאָמען; נאָך קעסלערן — צעזאַר גרינבערג. אַזוי האָט גאָלד־פֿאַדענס ערשטער פֿאַראיין אין אַמעריקע דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע גל־גולים.

די מערסטע דראַמאַטישע פֿאַראיינען פֿון די נייַנציקער יאָרן האָבן געטראָגן דעם נאָמען פֿון אַ באַקאַנטן יידישן אַקטיאָר (דאָס וואָרט „סטאַר“ איז דעמאָלט נאָך ניט געווען פּאָפּולער ביי דעם יידישן פּובליקום). דער אַקטיאָר פֿלעגט אויסנוצן זיין דראַמאַטישן פֿאַראיין פֿאַר זיינע „בענע־פֿיטן“. דעמאָלט (און נאָך פֿיל יאָרן שפּעטער) פֿלעגט יעדער שוישפּילער, פֿון דעם גרעסטן ביזן קלענסטן“ (אויך די אָנגעשטעלטע פֿון טעאַטער) מוזן האָבן אַ טעאַטער־בענעפֿיט. פֿלעגן אַלע אַרומגיין אין טעאַטער און אָנבאָטן דעם פּובליקום אַ בילעט צו זייער בענעפֿיט. זיי פֿלעגן אויך

מחוץ פֿון טעאַטער פֿאַרקויפֿן די בענעפֿיט־בילעטן. ווער עס איז געווען אַ בעסערער „פּעדלער״, — ריכטיקער געזאָגט, אַ גרעסערער שנאָרער, — דער האָט געהאַט אַ בעסערן בענעפֿיט.

אַ בענעפֿיט האָט געזאָלט איבערצייגן וויפֿל אַנהענגער אַן אַקטיאָר האָט צווישן פּובליקום. אָבער מיט דעם אַרומגיין „פּעדלען״ האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אומבאַדייטנדיקער אַקטיאָר האָט געהאַט ביי זיין בענעפֿיט מער פּובליקום, ווי דער בעסטער שוישפּילער — פֿלעגט טאַקע דער גרויסער זיגמונט מאָגולעסקאָ האָבן דעם ערגסטן בענעפֿיט.

דאָס „פּעדלען״ האָט זיך אָפּגערופֿן זייער שלעכט אויף די געשעפֿטן פֿון טעאַטער. יידן פֿלעגן ניט וועלן קומען אין טעאַטער אַריין, כּדי מען זאָל זיי דאַרטן ניט באַלעסטיקן מיט בענעפֿיט־בילעטן.

דער מנהג פֿון בענעפֿיטן האָט עקזיסטירט אויך אין ענגלישן טעאַטער. ערשט דער ענגליש־אַמעריקאַנער שוישפּילער לעסטער וואַלאַך, האָט אין די פּופּציקער יאָרן דעם סיסטעם פֿון בענעפֿיטן אָפּגעשאַפֿט; ווען וואַלאַך איז געוואָרן דירעקטאָר אין ניו־יאָרק, האָט ער יעדן אַנגאַזשירטן שוישפּילער דערלייגט צום געהאַלט אַזוי פֿיל, וויפֿל ער פֿלעגט מאַכן ביי זיין בענעפֿיט. און אים האָבן שפּעטער נאָכגעטאָן אויך אַנדערע ענגלישע מענעדזשערס. אַזוי אַרום איז דער בענעפֿיט־סיסטעם פֿון די אַקטיאָרן אין ענגלישן טעאַטער ביסלעכוויז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דער דילעטאַנט פֿון די שפּעטערדיקע דראַמאַטישע פֿאַראיינען, ווי דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב״ און די „פֿרייע פֿאָלקס־בינע״ (וואו יואל ענטין איז געווען דער אָנפֿירער), איז שוין געווען פֿון אַן אַנדערן כאַראַקטער. ער האָט שוין קריטיקירט די „סטאַרס״ פֿון דער יידישער בינע און געוואָגט אויפֿצופֿירן פּיעסן, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט גאָר ניט געוואוסט פֿון זיי, אָדער ניט געוואָלט אויפֿפֿירן. דער סאָרט דילעטאַנט האָט אפֿשר ניט פֿאַרמאָגט קיין גרויסן טאַלאַנט, אָבער ער איז געווען מער קולטורעל, איז געקומען צו דער יידישער בינע מיט אַ פֿיל רייכערן באַגאַזש, האָט שוין פֿאַרשטאַנען צו אָרגאַניזירן לעקציעס וועגן טעאַטער (יעקב גאָרדין האָט זיך אַ סך פֿאַראינטערעסירט מיט די דאָזיקע פֿאַראיינען) און האָט אויף דעם אופֿן אויסגעטראָטן אַ וועג פֿאַרן בעסערן יידישן טעאַטער.

איינער פֿון די פֿריסטע דראַמאַטישע פֿאַראיינען איז געווען די „יאַנג דראַמאַטיק ליג״, און אָט דער פֿאַראיין האָט מיך געפֿירט צו דער יידישער בינע.

דער פֿאַרהאַנג הייבט זיך אויף

דער איינציקער „פּאַטריאָט“ פֿון דוד קעסלער איז געווען אַ געוויסער אַברהם מאַלץ. ער איז געווען אַן אומוויסנדער בחור, אָבער ער האָט גע־האַט אַ גוטן חוש פֿאַר דער בינע און אַ געזונטן אינסטינקט פֿאַר אַ גוטן אַקטיאָר. אין אַלע סטאַרס האָט ער געפֿונען חסרונות, נאָר ניט אין זיין סטאַר — דוד קעסלער, וועלכער איז געווען זיין גאָט — נו, קאָן אַ גאָט האָבן אַ חסרון?... ווען אַן אַקטיאָר האָט אַמאָל פֿאַרטראָטן קעסלערן אין אַ ראָלע און האָט מיט אַ דראַמאַטישן טאָן אַ זאָג געטאָן: „פּופּצן סענט איז דרייסיק קאָפּיקעס“, האָט מאַלץ פֿון דער גאַליאַרקע אַ געשריי געטאָן: „בעלפֿער! קעסלער האָט אויך געמאַכט אַזאַ דראַמע פֿון פֿופֿצן סענט?“

אַט דער מאַלץ האָט מיר געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג איך זאָל אַריינטרעטן אין דער „יאָנג דראַמאַטיק ליג“ און צוזאַמען זאָלן מיר אַרבעטן פֿאַר אַ בעסערער פֿירערשאַפֿט. דער פּרעזידענט פֿון דער ליג איז דעמאָלט געווען אַ געוויסער שאָר. באַלד נאָכן ערשטן מיטינג האָב איך שוין געזען ווער און וואָס פֿאַר אַ בחור דער פּרעזידענט שאָר איז. קיין רעכענונג פֿון די אַריינגעקומענע געלטער האָט ער ניט אָפּגעגעבן, קיין פּיעסע האָט מען ניט שטודירט. און אַזוי ווי איך בין געווען כּמעט אַ גאַנצער אַנאַרכיסט נאָך פֿון „בערנע סטריט־קלוב“ אין לאָנדאָן און פֿון אָרטשאַרד סטריט אין ניו־יאָרק, האָב איך ביי דעם צווייטן מיטינג געהאַלטן אַ רעדע, קריטיקירט דעם פּרעזידענטס פֿירערשאַפֿט און געפֿאָדערט, אַז ער זאָל רעזיגנירן:

— זעט נישט דער פּרעזידענט שאָר, — האָב איך מיט גרויס פּאַטאָס אויסגערופֿן, — אַז עס איז אָנגעשריבן אויף דער וואַנט: „מנא מנא תקיל ופרסין“?

די מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען קליינע לומדים, האָבן מיך זינט דעמאָלט באַטראַכט פֿאַר אַ געבילדעטן מענטש און מען האָט מיך געוואָלט מאַכן פֿאַר פּרעזידענט. אָבער איך האָב ניט געוואָלט אָננעמען און האָב אַרויפֿגעזעצט אויפֿן פּרעזידענט־שטול מיין חבר מאַלץ.

מיר האָבן באַלד באַשלאָסן צו רעפּעטירן אַ פּיעסע, אַברהם גאָלד־פֿאָדענס „ד״ר אַלמאַסאַדאָ“.

דער דיריגענט מ״ר סאַנדלער האָט איינגעשטודירט מיט אונדז דאָס געזאַנג. קיין רעזשיסער האָבן מיר ניט געהאַט — מיר האָבן גאָר ניט געוואוסט פֿון אַזאַ זאַך... האָט מ״ר סאַנדלער מיט אונדז איינשטודירט די פּיעסע אויך.

אַלס ד״ר אַלמאַסאַדאַ האָט געשפּילט אַ געוויסער פּעלדמאַן; אַלס מרים — דעם אַקטיאָר וויינבלאַטס פּלימעניצע, מערי; דעם גאַווערנער — מיין פּריינט מאַלץ; דיעגאָ — אַ געוויסער יאַקובאָוויטש, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ חזן; דעם קאָמיקער גאָמעץ — איינער מיטן נאָמען בראָינשטיין; און דעם באַנדיט באַרטעלאָ — איך.

אונדזער ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין „טורן־האָל״, אויף דער 4טער גאַס, אין יאָר 1889.

ווען איך בין אַרויף אויף דער בינע איז מיר אויסגעקומען צו שטיין לעבן דער ראַמפּע („פוטלאַיטס״). דאָס איז געפּערלעכסטע פאַר אַן אַקטיאָר אַן אַנפאַנגער. ווען איך האָב דערזען פאַר זיך אַ פּובליקום, אַט דעם „מאַנסטער מיט טויזנטער אויגן״, וואָס נאָך איצט, נאָך זעכציק יאָר שפּילן טעאַטער, ציטער איך פאַר אים — האָט דער רעכטער פוס ביי מיר אָנגעהויבן ציטערן, די ציין אין מויל האָבן ביי מיר געטאַנצט און די צונג האָט זיך געלייגט אין קימפּעט. דער „באַנדיט״ באַרטעלאָ איז געבליבן שטיין ווי אַן אומשולדיק לעמעלע. אָבער איך האָב אַליין צו זיך געזאָגט: „בועז, ציטער ניט, זיי ניט קיין טרוס, רעד!״ און איך האָב צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן רעדן אויף אַן אָפענער בינע.

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָט מיין „מיסעס״, וואו איך האָב געוואוינט, מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז איך האָב אויסגעקוקט ווי אַ באַנדיט, גערעדט ווי אַ מערדער און געזונגען ווי די איטאַליענער, וואָס זינגען אין די הויפן (איך האָב געטראָגן אַ גיטאַר און געזונגען אַ סערע־נאַדע) און מיר דערפאַר געגעבן אַ קוש... דאָס איז געווען מיין ערשטער שכר פאַר שפּילן טעאַטער.

*

נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג האָב איך באַלד געוואָלט ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער שוישפּילער. מיין גלויבן אין פאַרהייליקן די אַרבעט ביי דער מאַשין, ווי איך האָב געהאַט געשריבן אַהיים צום טאַטן, האָט זיך איצט געביטן...

איך פלעג אָפט אַריינקומען אין אַ זאַל אויף אָרטשאַרד סטריט, — אויב איך האָב ניט קיין טעות האָט ער געהייסן „וואַלהאַלאַ האָל״. דאָרט פלעגן זיך צונויפקומען די דעמאָלטדיקע ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטן, ווי ר. לואיס, מ. קאַטץ, ד״ר מייערסאָן, ד״ר זאָלאָטאַראָוו, עמאַ גאָלדמאַן און בערקמאַן, אויך דער „פויפסט״ פון די אַמאָליקע אַנאַרכיסטן, יאָהאַן מאָסט. זיי פלעגן הייס דעבאַטירן און זיך קאָכן איבער דער פּראָלעטאַרישער

רעוואָלוציע און „פּראָפּאַגאַנדע און טאַט”... דער זאַל איז געווען פֿול מיט רעוואָלוציע. איך בין דעמאָלט געווען זיכער, אַז הײַנט־מאָרגן קומט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, מיר, אַרבעטער, וועלן ווערן דאָס אויבערשטע פֿון שטײסל און זיי, די קאַפּיטאַליסטן, וועלן ווערן די „דזשעניטאָרס” און הייצן דעם אויוון... איך בין דעמאָלט ניט געווען דער אײנציקער, וואָס האָט אַזוי געטראַכט. נאָך אַן אָוונט, ווען יאַהאַן מאָסט האָט גערעדט אין „וואַלהאַלאַ־האָל” וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, האָט מען געפֿונען רידלערס גרויסן דעפּאַרטמענט־סטאָר, אויף גרענד און אָרטשאַרד סטריט, פֿאַרקלאַפּט. מען האָט דעם מיליאָנער רידלער געזאָגט, אַז די אַרבעטער פֿון אַמעריקע קלויבן זיך דעם פֿרימאָרגן מאַכן אַ רעוואָלוציע, האָט דער מיליאָנער זיך דערשראָקן און פֿאַרמאַכט זײַן דעפּאַרטמענט־סטאָר...

אײנמאָל איז געקומען אין זאַל צו דעבאַטירן וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אַב. קאַהאַן. ער האָט דעמאָלט באַוויזן, אַז דער אַרבעטער קאָן ניט וואַרטן אויף משיחן (אויף דער רעוואָלוציע); ער מוז זיך אָרגאַניזירן, אויסבילדן זיך און פֿריער ווערן קלאַסן־באַוואוסטזיניק. דאָס האָט באַלד געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מײַן בליק אויפֿן לעבן: אויב אַזוי, האָב איך צו זיך געזאָגט, אויב די רעוואָלוציע קומט ניט הײַנט־מאָרגן, וועל איך דאָך דאַרפֿן זיצן מײַן גאַנץ לעבן אין פֿינצטערן שאַפּ ביי דער מאַשין... און ווען איך האָב אָנגעהויבן צו פֿאַרגלײַכן דאָס לעבן פֿון דעם שאַפּ מיט דעם אײנעם אָוונט אין „טורן־האָל”, וואו מיר האָבן געשפּילט די פֿאָרשטעלונג „ד״ר אַלמאַסאַדאָ”, די פֿריילעכקייט הינטער דער בינע, געמישט מיט שרעק פֿאַרן פּובליקום, דעם זיסן ציטער, ווען איך בין אַרויף אויף די ברעטער פֿון דער בינע, די ליכטיקייט, דאָס קומען אין באַרירונג מיט שיינע פֿרויען, מיט די קאָמפּלימענטן — האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַליין די „רעוואָלוציע” אין מײַן יונגן לעבן: איך מוז ווערן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר!

איך האָב מײַן פֿרײַנט מאַלץ געמאַכט אַ פֿאָרשלאַג, מיר זאָלן פֿאָרן אויף דער פּראָווינץ שפּילן די פּיעסע „ד״ר אַלמאַסאַדאָ” ווי „רעגעלע” אַקטיאָרן. מאַלץ, וועלכער האָט ליב געהאַט דאָס „באָהעם־לעבן” פֿון אַן אַקטיאָר, האָט באַלד אײנגעשטימט און האָט נאָך באַמערקט, אַז ער קען אַ געוויסן יונגנמאַן „באָדי”, וועלכער וועט אויסלייגן די הוצאות. מיר האָבן צוזאַמענגערופֿן די מענטשן, וועלכע האָבן געשפּילט אין „ד״ר אַלמאַסאַדאָ”, און זיי דאָס פֿאָרגעלייגט. אײניקע האָבן זיך אָפּגעזאָגט, אָבער די מערסטע האָבן אײנגעשטימט.

מאַלץ האָט אונדז פֿאַרגעשטעלט פֿאַר באַדיק, אַ „טרעוולינג סיילסמאַן״, אַ רייזנדער, וועלכער איז שוין אויסגעווען גאַנץ אַמעריקע. באַדי האָט געהאַלטן, אַז די שטאָט, וואו דער „קלאַנדייק״ פֿון גאָלד געפֿינט זיך פֿאַר יידיש טעאַטער, איז האַרטפֿאָרד, קאָנעטיקוט... פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן באַדין געפֿאָלגט און געפֿאָרן קיין האַרטפֿאָרד. מיט אונדז איז אויך מיטגעפֿאָרן דער שפּעטער באַקאַנטער „לאַיער״ פֿון יידישן טעאַטער, מיין לאַנג־יעריקער יוגנט־פֿריינט, טשאַרלי ווייבלאַט (דער זון פֿונעם אַקטיאָר ישראל ווייבלאַט). ער איז דעמאָלט געווען אַ ייִנגל פֿון 14 יאָר, אָבער דער קאָפּ האָט ביי אים געאַרבעט ווי ביי אַ דערוואַקסענעם: ער האָט געהאַט איניציאַטיוו, איינפֿאַלן, געווען וויציק, און דער וויץ איז ביי אים געקומען ספּאָנטאַן, אויפֿן אָרט.

אין האַרטפֿאָרד זיינען מיר אַלע געקומען מיט צוויי וואָכן פֿריער. מיר האָבן זיך געגרייט צו דער פֿאָרשטעלונג, אַזוי ווי מיר וואָלטן נאָך ניט געהאַט געמאַכט קיין איין פּראָבע. מיר זיינען אַלע פֿאַרפֿאָרן צו אַ יידן, וואָס האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן מיט צימערן צום פֿאַרדינגען.

ווען דער ייד האָט דערזען, אַז אַזוי פֿיל מענטשן וועלן ביי אים עסן און וואוינען, האָט ער געדענקט, אַז ער וועט פֿון אונדז רייך ווערן... דריי טעג האָט ער אונדז געקאָרמעט מיט הינער און מיט אַלע גוטע מאכלים, און געוואָלט, מיר זאָלן עסן וואָס מער... אויפֿן פֿערטן טאָג פֿרעגט שוין דער ייד: — ווער איז דער מענעדזשער פֿון דער טרופּע? זאָגט אים מאַלץ, אַז דער מענעדזשער איז אַ געוויסער „באַדי״ פֿון ניו־יאָרק, זייער אַ רייכער מאַן, ער דאַרף היינט־מאָרגן אָנקומען... ווען דער ייד האָט „היינט־מאָרגן״ באַדין ניט געזען, האָט ער אויפֿגעהערט צו געבן הינער און שוין געזען, מיר זאָלן עסן וואָס ווייניקער...

באַדי איז טאַקע געקומען, אָבער אין רעסטאָראַן האָט ער זיך ניט געוואָלט ווייזן. צוויי טעג פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג איז ער אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

אין האַרטפֿאָרד איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ גרויסער פּאַראַד און ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט באַדי געהאַט „פֿלינקע פֿינגערלעך״...

מיר האָבן פֿאָרגעשלאָגן דעם רעסטאָראַטאָר ער זאָל זיצן אין קאַסע, און אַזוי אַרום וועט ער זיין זיכער מיט זיין געלט...

אין אָוונט פֿון דער פֿאָרשטעלונג האָט דער רעסטאָראַטאָר געהאַט אין דער קאַסע ניין־און־צוואַנציק דאָלער... דער באַלעבאָס פֿון דעם זאַל, וואו מיר האָבן געזאָלט געבן די פֿאָרשטעלונג, האָט ניט געלאָזט

אויפֿהויבן דעם פֿאָרהאַנג, ביז מען װעט אים ניט באַצאָלן די 35 דאָלער (5 דאָלער האָט באַדי געגעבן, װען מען האָט געדונגען דעם זאַל). כּדי אָבער מיר זאָלן קאָנען שפּילן און עס זאָל ניט זײַן קײן סקאַנדאַל, האָט דער רעסטאָראַטאָר נאָך צוגעלײגט זעקס דאָלער, און מען האָט אױפֿגעהױבן דעם פֿאָרהאַנג. אָבער נאָך דעם ערשטן אַקט האָבן די מוזיקער ניט געװאָלט װײַטער שפּילן ביז מען װעט זײ ניט באַצאָלן.

דאָס פּובליקום האָט זיך דערװאוסט, װאָס הינטער די קוליסן קומט פֿאָר. האָט זיך אַ יונגערמאַן פֿון פּובליקום אױפֿגעשטעלט און געמאַכט אַן אַפּיל, מען זאָל זיך צוזאַמענלײגן און באַצאָלן די מוזיקער... אַזױ האָבן מיר אָפּגעשפּילט אַלע פֿינף אַקטן אין דעם גרױסן זאַל, װאָס מען האָט גערופֿן „עלן האָל".

צומאָרגנס האָט דער ייד אונדז מער ניט אַרײַנגעלאָזט אין זײַן רעס־טאָראַן און מיר זײַנען הונגעריקע געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט אין פּאַרק.

נאָך אונדזער דערפֿאַרונג אין האַרטפֿאָרד זײַנען אַלע פֿון דער טרו־פּע געפֿאָרן צוריק קײן ניו־יאָרק. איך און מײַן חבר מאַלץ האָבן באַ־שלאָסן צו פֿאָרן קײן באָסטאָן.

אין באָסטאָן

אין באָסטאָן האָבן מיר געטראָפֿן שפּילן די לעװענװירטס. די פֿאַ־מיליע לעװענװירט איז באַשטאַנען פֿון אַ טאַטן מיט אַ מאַמען און זעקס קינדער, פֿיר ייִנגלעך און צװײ מײדלעך: עמנואל, סעם, עליק, ענני און נאָך אַ ברודער מיט אַ שװעסטער. דער עלטסטער, עמנואל, איז אַלט געװען 15 אָדער 16 יאָר און איז געװען דער טאַלאַנטירטסטער פֿון זײ.

די קינדער־טרופּע האָט דעמאָלט געשפּילט „בר־כּכבא". סעם (שפּעטער דער אַקטיאָר סעם לעװענװירט) האָט געשפּילט די ראָלע פֿון בר־כּכבא. ער איז אַלט געװען אַ יאָר 12 אָדער 13 און איז געװען דער „ליבהאָבער" פֿון דער טרופּע. איך געדענק נאָך דעם שטורעם פֿון אַפּלאָדז אין טעאַטער, װען בר־כּכבא (דער 12־יעריקער סעם) האָט אױסגעשריגן אױף זײַן סאָפּראַנאָ: „איך װעל קעמפֿן פֿאַר מײַן פֿאָלק, פֿאַר מײַן לאַנד, פֿאַר די ייִדן!" און װען בר־כּכבא האָט גערעדט ליבעס־װערטער צו זײַן געליבטער כּלה, דינה (זײַן שװעסטערל ענני, דעמאָלט אַ מײדעלע פֿון 10 יאָר), האָט דאָס פּובליקום זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

װי סעם לעװענװירט האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, האָט דער פֿאָטער זײַנער געהאַט אַ זאַל אין לאָנדאָן, װאו גראַדנער, אַדלער, חײמאָ־

וויטש, רודאָלף מאַרקס און אַנדערע האָבן געשפּילט אויף אַ בינע, געמאַכט פֿון אַ גרויסן טיש, און צוויי ליילעכער האָבן געדינט פֿאַר אַ פֿאָרהאַנג. די קינדער לעוועגוווירט האָבן ביי דער טרופּע געשפּילט אַלע קינדער־ראָלן. ווען די טרופּע איז אַוועק אין אַ גרעסערן זאַל שפּילן און זייער זאַל מיט דער „פּאַרטיקער בינע" איז געשטאַנען ליידיק, האָט די מוטער זייערע, וועלכע איז געווען די אשת חיל, זיי אויסגעלערנט שפּילן די אַלע פּיעסן, וואָס זיי האָבן געזען שפּילן פֿון די גרויסע אַקטיאָרן. מען האָט זיי דערנאָך געבראַכט קיין ניו־יאָרק און זיי האָבן געגעבן פֿאָרשטעלונגען אין „אָריענטאַל־טעאַטער". דאָס האָט געמוזט זיין די ערשטע קינדער־טרופּע פֿון יידישן טעאַטער.

אין באָסטאָן איז אויך דעמאָלט געווען אַ באַקאַנטער אַקטיאָר סיימאָן מיט זיין פֿרוי, די פּרימאַדאָנע מר״ס סיימאָן.

סיימאָן איז געווען פֿון די ערשטע אַקטיאָרן, וואָס האָט געשפּילט מיט טאָמאַשעווסקין און גאָלובאָקן יידיש טעאַטער אין ניו־יאָרק. ער האָט געשפּילט זיינע כאַראַקטער־ראָלן, ווי אַן אַלטער, דערפֿאַרענער אַקטיאָר, האָט געקענט גוט די בינע, און געהאַט אַ שאַרפֿן אויער פֿאַר מוזיק.

מר״ס סיימאָן איז געווען אַ קאָרפּולענטע פֿרוי, מיט זייער אַ שיין פּנים און נאָך אַ שענערער שטים. און דאָך האָט סיימאָן דעמאָלט געאַרבעט ביי ציגאַרן אין באָסטאָן און מר״ס סיימאָן האָט געקאָכט וועטשערע (שפּעטער איז זי געוואָרן די פּרימאַדאָנע פֿון אַ ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער).

געווען אויך דאָרט דער שפּעטערדיקער מאַנטרעאַלער אַקטיאָר־מענעדזשער ל. מיטניק. מיטניק האָט געהאַט אַ פּנים מיט אַ פיגור, וואָס וואָלט געפּאַסט פֿאַר אַן איצטיקן פֿילם־אַקטיאָר. ער האָט אָנגעגעבן, אַז ער האָט געשפּילט טעאַטער אין לאָנדאָן. אויך צוויי דאָרטיקע שניידערס האָבן געזאָגט, אַז אין דער היים האָבן זיי פּורים געשפּילט „מכירת יוסף".

אָט די אַלע מענטשן האָבן דעמאָלט געאַרבעט ביי זייערע פּראָפֿעסיעס און געזוכט צו שפּילן פֿון צייט צו צייט טעאַטער אין באָסטאָן.

אין האַנאָווער סטריט, לעבן דער אַמאָליקער „יידישער" גאַס, סאַלעם סטריט, איז געווען אַ זאַל, וואָס האָט זיך גערופֿן „פּאַטרידזש האָל". האָבן מיר דאָרט געמאַכט אַ בינע 3 „פֿוס" די טיף און 10 „פֿוס" די ברייט, מיט אַ ראַמפּע, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט גאַז, אַמאָל אָבער אויך מיט לאָמפּן, אָדער פּשוטע ליכט. אַזוי ווי מיר האָבן מער ניט געהאַט אין דער טרופּע ווי איין פֿרוי, די מר״ס סיימאָן, האָבן מיר געשטעלט „שולמית", און מר״ס סיימאָן האָט געשפּילטביידע ראָלן, שולמית און אַביגיל (זיי קומען זיך ניט צוזאַמען אויף דער בינע). סיימאָן, מיט אַ

פּנים צו שפּילן כאַראַקטער־ראָלן, האָט געמוזט שפּילן דעם שיינעם ליב־האָבער, אַבשלום. איך האָב געשפּילט דעם אַלטן פֿאָטער, מנוח. דאָס איז געווען די ערשטע פֿאָטער־ראָלע מיינע. די, וואָס האָבן מיך געקענט, האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי איך, אַ 20־יעריקער בחור, האָב זיך געקאָנט פֿאַרשטעלן פֿאַר אַזאַ אַלטן מאַן. איך האָב אויך געזונגען — געהאַט אַ באַ־ריטאָן. אין מיין שפּעטערער קאַריערע פֿלעג איך מקנא זיין דעם טענאָר, וועלכער פֿלעגט שטענדיק שפּילן מיט די יינגסטע און שענסטע אַקטריסעס אין דער טרופּע, בעת מיר איז אָפֿט אויסגעקומען צו שפּילן מיט עלטערע „פּאַרטנערינס"..., מיטניקן האָבן מיר געמאַכט פֿאַרן מענעדזשער. אָבער ער האָט אויך געשפּילט אַלס יואב הגדעוני. די צוויי שניידער האָבן געשפּילט נתן הכהן און דעם צוויטן חתן עבינודב. אין באָסטאָן איז דעמאָלט אויך געווען אַ געוויסער זילבערמאַן, וואָס איז פֿריער געווען אַ כאָריסט אין אָריענטאַל־טעאַטער אין ניו־יאָרק. האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ כאָר און האָט איינגעשטודירט די מוזיק.

די פֿאָרשטעלונג וואָלט געווען דורכגעגאַנגען גלאַטיק, ווען ניט אַ זייער קאָמישער אינצידענט: מר"ס סיימאָן, וועלכע איז שוין געווען אַ מאַמע פֿון דריי קינדער, האָט אין דער נאַכט פֿון דער פֿאָרשטעלונג ניט געהאַט וואו די קינדער איבערצולאָזן. האָט זי זיי מיטגענומען אין טע־אַטער אַריין און זיי געהאַלטן הינטער די קוליסן. אין דריטן אַקט, ביי דער דראַמאַטישער סצענע, ווען אַביגיל (מר"ס סיימאָן) געזעגנט זיך מיט אַבשלומען, איז איר דריי־יעריק מיידעלע, לאָהקע, אַרויפֿגעלאָפֿן אויף דער בינע און פֿאַרן גאַנצן פּובליקום אַ זאָג געטאָן:

— מאַמע, איך וויל „נאַמבער טו"...

דאָס פּובליקום האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און אַפּלאָדירט דאָס מיידעלע. צום גליק איז באַלד דער פֿאָרהאַנג געפֿאַלן.

„קעניג ליר" פֿירט צו דער „גאָלדענער עפּאָכע" פֿון יידישן טעאַטער

ווען אין באָסטאָן איז אויסגעגאַנגען דער רעפּערטואַר פֿון די גע־דרוקטע פּיעסן, האָט אונדזער טרופּע מיך געשיקט קיין ניו־יאָרק, איך זאָל ברענגען נאָך אַ פּאָר נייע, ניט־געדרוקטע פּיעסן. אָבער מיט וואָס צוריקצופֿאָרן קיין באָסטאָן האָב איך שוין ניט געהאַט, מחמת מיין חבר מאָלץ האָט ביי מיר געבאָרגט די לעצטע צען דאָלער און עס פֿאַרשפּילט „אויף פֿערדלעך".

סיימאָן, וועלכער איז מיט זיין פֿרוי שוין געווען אין ניו־יאָרק ביי

אַדלערן אין דעם „פּולס"־טעאַטער, האָט מיר געעצהט איך זאָל גיין צו אַדלערן און אים בעטן, אפשר קאָן ער מיר געבן עפּעס אַ באַשעפטיקונג אין טעאַטער. אַדלער האָט דעמאָלט געוואוינט אויף סעינט־מאַרקס־פּלעיס. דריי מאָל בין איך צוגעגאַנגען צו אַדלערס הויז, און יעדעס מאָל האָב איך זיך אומגעקערט. איך בין געווען אַדלערס „פּאַטריאָט" נאָך פון לאָנדאָן, אָבער גערעדט מיט דעם „נשר הגדול" האָב איך נאָך קיינמאָל ניט. שטיין מיט מיין „גאָט" פּנים־אל־פּנים, קוקן אים גלייך אין זיינע גרויסע אויגן אַריין, אויף דעם האָב איך זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן. ענדלעך האָב איך זיך איינגעשטעלט און האָב אָנגעקלונגען. — די, אין די טעאַטער־קרייזן, באַוואוסטע פרוי רחל, וועלכע איז געווען ביי אַדלערן די קעכין, הויז־פרוי, זיין גאַנצע באַלעבאַסטע, וועלכע האָט איבער דעם גרויסן אַרטיסט קאָמאַנדעוועט און אויף אים אַכטונג געגעבן ווי אַ צערטלעכע מאַמע איבער איר קינד, האָט מיר געעפנט די טיר. איך בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

מר"ס אַדלער, וואָס פלעגט געוויינטלעך פאַרציען אַדלערס ערשטן נאָמען אויף „יאַקובטשיק", און האָט דערביי דעם נאָמען כמעט ווי אַרויס־געזונגען אויף אַ הויכער נאָטע, אין וועלכער ס'איז געלעגן פרייד, וואַרעמקייט, ליבלעכקייט, האָט ביי מיין צומאַכן די טיר געזאָגט פראָסט און טרויעריק: — יאַקוב! עפּעס אַ יונגערמאַן וויל דיך זען — און מיך אַריינגעפירט אין עס־צימער.

אַדלער איז געזעסן איבער אַ וויגל, וואו עס איז געלעגן זיין מער־באַליבטע פון אַלע זיינע שפּעטערדיקע קינדער, פרענסיס, אָדער ווי אַדלער פלעגט זי רופן „ביוני". די גרויסע אויגן זיינע האָבן געקוקט טרויעריק אויף דעם קינדס פּנים. דאָס קינד האָט דעמאָלט געליטן אויף „דאַיעריאַ", אַן אונטערגאַנג, פון וועלכן אַ גרויסע צאָל קינדער זיינען אין יענער צייט געשטאָרבן. אַדלער האָט זיך אויפגעהויבן און שטייענדיקערהייט געשווינד אַ זאָג געטאָן: „וואָס איז, יונגערמאַן, איר ווילט אפשר ווערן אַן אַקטיאָר?"

איך האָב מיך נישט פאַרלוירן און אים באַלד אויפן שטעל געענט־פערט: — אַ האַלבער אַקטיאָר בין איך שוין, אָבער איך וויל ווערן אַ גאַנצער. אין אייער טעאַטער, אויב איר וועט מיך צונעמען, האָף איך עס צו ווערן.

פאַרוואָס איך האָב מיך דעמאָלט ניט פאַרלוירן און באַלד אַזוי אָפּ־געענטפערט, קאָן איך צושרייבן צו מיין שוישפּילערישער אייגנשאַפט: ווען עס קומט צו אַ נייער ראָל, ציטער איך. די מורא האַלט ביי מיר אָן ביז איך דאַרף אַרויסטרעטן אויף דער בינע. אָבער בין איך שוין אויף דער

בינע, פיל איך מיך מיטן פובליקום פריי, ווי איך וואָלט געשטאַנען און גערעדט מיט מיינס גלייכן, מיט מיינעם אַן אַלטן אינטימען פריינט.

מיין דרייסטער ענטפער איז אים אַפּנים געפעלן געוואָרן, און ער האָט מיר געהייסן זיך אָוועקזעצן. איך האָב געדענקט, אַז ער וועט מיך פרעגן וואו איך האָב געשפּילט, וואָס פאַר אַ ראָלן איך האָב געשפּילט — אָבער אַדלער פרעגט מיך גאָר, צי איך האָב אַ שטימע צו זינגען.

— וועלכער ייד דענקט ניט, אַז ער קאָן זינגען? — ענטפער איך אים מיט אַ פראַגע און דערצייל אים, וואָס פאַר אַ ראָלן איך האָב געשפּילט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב געשפּילט מנוח אין „שולמית" מיט מ"ר און מר"ס סיימאָן, אין באָסטאָן, האָט ער, מיט אַ טאָן, ווי אַקטיאָרן נעמען אַמאָל איינעם אויף זיכער, אַ זאָג געטאָן:

— טאַקע? אַזוי? מנוח האָט איר שוין געשפּילט? אויב אַזוי, — דערביי האָט ער געמאַכט אַ לאַנגע פּויזע, און איך האָב געמיינט, אַז אָט אַנגאַזשירט ער מיך שוין צו שפּילן ביי אים אַ ראָל, — אויב אַזוי וועט איר קאָנען זינגען אין כאָר.

די כאָריסטן־יוניאָן האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט, אָבער זיי האָבן ניט געשטערט אַ קלענערן אַקטיאָר מיטצוזינגען אין כאָר.

— קומט מאָרגן 12 אַזייגער אין טעאַטער.

אַדלער האָט זיך אויפגעהויבן — אַ צייכן, איך זאָל אים מער ניט נודיען...

ווען איך בין 12 אַזייגער געקומען אין טעאַטער, האָב איך אויף דער בינע קיינעם ניט געטראָפן. לעבן דער „לאָבי" (פאָרהויז) פון טעאַטער איז געווען אַ ביר־סאַלון, וואָס דער באַלעבאָס פון „פּולס"־טעאַטער, אַ דייטש מיטן נאָמען „הענגעט", האָט געהאַלטן. בין איך אַריין אין סאַלון און דאָרטן געטראָפן די גאַנצע טרופּע ביי אַ טישל, מיט אַדלערן בראָש. אַדלער האָט פאַר זיי פאָרגעלייענט אַ פּיעסע.

די טרופּע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון בערל בערנשטיין, שמואל טאָ־באַטשניקאָוו (סעמועל טאָביאַס), אַברהם פישקינד, לייזער גאָלדשטיין, בערנאַרד און מערי ווילענסקי, סאָלאָמאָן און עני מאָגע, מ"ר און מר"ס סיימאָן, אַ געוויסער בדחן גרודבערג, אַן אונגאַריש־יידישער אַקטיאָר קאָנראַד, אַברהם־יצחק און בערטאַ טאָנצמאַן.

ווען אַדלער האָט געענדיקט לייענען און די טרופּע איז אַרויס פון סאַלון, האָב איך געהערט ווי בערנשטיין האָט געחוזקט:

— וואָס וועל איך טאָן ביי דער פּיעסע? כאַפּן פליגן? האַם! —

דערביי האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן מויל און אונטערגעשפּרונגען, — יעדע פּאָר מינוט וועל איך כאַפּן אַ וויץ!

טאַבאַטשניקאָוו איז גאָר געוועזן אויסער זיך:

— אויף דעם האָט מיך אַדלער געבראַכט קיין אַמעריקע? איך האָב דאָך אַפילו ניטשט וואו צו זינגען אַ נומער. און אַדלער אַליין וואָס שפּילט? עפּעס אַן אַלטן קרעכצער...

— די פּיעסע וועט גיין אַ גאַנצע נאַכט, — האָט זיך אַן אַנדערער געוויצלט.

— אַט דאָס וויל אַדלער שפּילן? — האָבן אַלע געלאַכט און געהאַט טענות צום סופלאָר ווילענסקי.

ווילענסקי אָבער, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ שיינע פּאָר יאָר דער־פאַרונג וועגן פּיעסן, איז געוועזן דער איינציקער אין דער טרופּע, וואָס האָט געזען, אַז אַדלער וועט אויפטאָן וואונדער אין דער ראָל. ווילענסקי איז געוועזן אַ גוטמוטיק און שטיל מענטשעלע און שטענדיק געשמייכלט אונטער זיינע קליינע דינע וואָנצעלעך. האָט ער מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל זיך אָנגערופן:

— אַ יאָ, קינדער, אייך געפעלט ניט די פּיעסע? און איך זע, אַז די פּיעסע וועט מאַכן אַ גרויסן סוקסעס. איך זאָג אייך, אַז די פּיעסע וועט גיין אַ סך וואָכן, מען דאַרף נאָר דעם נאָמען פון דער פּיעסע ענדערן. אָבער לײדער וועט דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד ניט לאָזן ענדערן דעם נאָמען.

מיט „דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד” האָט ער געמיינט יעקב גאָרדינען.

ווען אַדלער איז צוריק אַריינגעקומען אין סאַלון, האָט ער מיך באַמערקט און מיר געהייסן זיך ווענדן צום ביזנעס־־מענעדזשער (געשעפטס־פאַרוואַלטער).

דער מענעדזשער איז געוועזן אַ געוועזענער אַקטיאָר, מ״ר קוראַזש, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ דעליקאַטעסן־געשעפט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל באַקומען אַ דאָלער אַ פאַרשטעלונג (7 דאָלער אַ וואָך, שבת נאָכמיטאָג אַריינגערעכנט. זונטאָג האָט מען ניט געטאָרט שפּילן) און איך דאַרף אויך זינגען אין כאָר. אַז איך ווער ניטשט פאַררעכנט אַלס מיטגליד פון דער טרופּע, האָב איך שוין אַליין פאַרשטאַנען, ווייל געהאַלטן האָבן באַקומען נאָר די כאָריסטן. די אַקטיאָרן האָבן געאַרבעט אויף דעם „מאַרקן”־סיסטעם, קאָאָפּעראַטיוו. זייער טאַקע געוועזן וואָכן, ווען איך האָב

מער פֿאַרדינט ווי אַן אַקטיאָר. — אָבער מיין ציל צו ווערן אַ פֿולקאָמענער אַקטיאָר האָב איך נאָך נישט געהאַט דערגרייכט...

אין ניו־יאָרק האָבן דעמאָלט, אין סעזאָן 1893—1892, עקזיסטירט דריי טעאַטערס:

„טהאַליאַ"־טעאַטער אויף דער באַוערי, אַ פּאָר טריט פֿון קאַנעל סט., מיט באָריס און בעסי טאָמאַשעווסקי, מ"ר און מר"ס קאַרפּ און היינע־חיימאָוויטש אַלס קאָמיקער. מען האָט אויפֿגעפֿירט טאָמאַשעווסקיס גרעסטן דערפֿאָלג פֿון זיין קאַריערע, „אַלעקסאַנדער דער קרוינפּרינץ פֿון ירושלים", פֿון לאַטיינערן, וואו טאָמאַשעווסקי איז געווען אַ „היסטאָרישער ראָמעאָ" און האָט געטראָגן „לייב־קאָלירטע טאַיטס" (טריקאָ).

אין „רומעניען אָפּערע־הויז", אויך אויף באַוערי, צווישן העסטער און גרענד סטריטס, זיינען געווען קעסלער, פֿיינמאַן, מיט מאָגולעסקאָ און רודאָלף מאַרקס אַלס קאָמיקערס. קעסלער האָט געשפּילט דעם העלד „חלקיהו", אויך אין „טאַיטס", אין הורוויצעס היסטאָרישער אָפּערעטע „בת כהן", וואו ער האָט געזונגען דאָס דעמאָלט־באַרימטע ליד „טראַך־טראַך".

אין „פּולס"־טעאַטער, אויף דער 8טער סטריט, האָט מען טאַקע אויפֿ־געפֿירט יעקב גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר".

די צוויי אָפּערעטן, אין „טהאַליאַ"־טעאַטער און אין „רומעניען אָפּע־רע־הויז", מיט זייערע רייכע אויסשטאַטונגען, פּאַלאַצן, גלאַנצנדיקע קליי־דער, קאַסקעס, שילדן, פּיקעס, מיט דעם שיינעם פֿאַרליבטן טאָמאַשעווסקי און מיט דעם העלדישן קעסלער, זיינען געווען גרויסע „סוקסעסן" — אָבער נאָר ביי אַ געוויסן קלאַס פּרויען און מענער. בעת שעקספּירס „קעניג ליר", וועלכן יעקב גאָרדין האָט פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַלטן יידישן טאַטן, וואָס וואוינט אין אַ געוויינטלעכער יידישער שטוב און טראָגט אַ חסידישע קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל אויפֿן קאָפּ אַנשטאָט אַ קרוין, געשפּילט פֿון יעקב פּ. אַדלער, איז געווען אויף די ליפּן פֿון אַלע קלאַסן יידן פֿון ניו־יאָרק.

טאַטעס האָבן געבראַכט זייערע קינדער אין טעאַטער אַריין, זיי זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר; הונדערטער דאַנק־בריוו זיינען אָנגעקומען צו אַדלערן פֿון יידישע מאַמעס: זייערע שלמהלעך און משהלעך זיינען געוואָרן בעסערע קינדער, זינט זיי האָבן געזען די פּיעסע — האָבן זיי געשריבן. אַפֿילו דזשייקאָב שיף איז געקומען מיט זיין פֿאַמיליע אין „פּולס"־טעאַטער זען אַדלערן אין דעם „יידישן קעניג ליר".

„קעניג ליר" איז געגאַנגען אַ שטיק צייט מיט דעם גרעסטן דערפֿאָלג.

געשפּילט אין דער ערשטער אויפֿפֿירונג האָבן: „דוד משהלעס" (דער יידישער קעניג ליר) — אַדלער; „טייבעלע" — סערע אַדלער; „יאַפּע" — טאַבאַטשניקאָוו; „חריף" — לייזער גאָלדשטיין; „משה חסיד" — גרודבערג; „עטעלע" — מערי ווילענסקי; „חנה־לאה" — עני מאָגע; „גיטעלע" — מר"ס סיימאָן; און „שמאי" — בערל בערנשטיין, וועמען מען האָט גערופֿן „בערעלע האָפּ", ווייל מען האָט געדענקט, אַז ער קאָן נאָר שפּרינגען און האָפּקען און זיין אַ פּאַיאַץ. ערשט אין דער ראָל פֿון „שמאי" איז בערנשטיין אָנערקענט געוואָרן ווי אַן ערשט־קלאַסיקער כאַראַקטער־קאָמיקער; זיין נאָמען איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז חיימאַ־וויטש האָט אים נאָך אינמיטן סעזאָן אויסגעכאַפּט ביי אַדלערן פֿאַר זיין „טהאַליאַ"־טעאַטער.

מיין ראָל ביי „קעניג ליר" איז געווען, צופֿירן דעם „בלינדן" אַדלערן צו דער וואַנט און זאָגן: „קום, אַלטער, איך וועל דיר ווייזן וואו די טיר איז"... אָבער ווי זאָגט מען: קליינע ראָלן זיינען טרעפּ צו גרויסע ראָלן...

איך ווייס, אַז עס איז דאָ אַ סך צו קריטיקירן גאָרדינען פֿאַר דער פּיעסע „קעניג ליר", אַז זי איז איינע פֿון זיינע שוואַכסטע פּיעסן; אָבער בלי ספֿק האָט „דער יידישער קעניג ליר" פֿון יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש גאָר־דין געמאַכט דעם ערשטן שריט צו דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין יידישן טעאַטער, און אויך צו יעקב פּ. אַדלערס גרויסער אַרטיסטישער קאַריערע.

איך געדענק נישט, וואָס עס איז געווען די אורזאַך, וואָס אייניקע אַקטיאָרן האָבן אין יענעם סעזאָן נישט געוואָלט שפּילן מיט אַדלערן. אָבער די אַקטיאָרן האָבן עס גערופֿן אַ „סטרייק".

דער שפּעטער באַקאַנטער שוישפּילער יעקב זילבערט, וועלכער האָט געהאַט אַ ריזיקע פֿיגור און אַ שיינע טענאָר־שטימע, איז דעמאָלט אויך געהאַט אָנגעקומען צו אַדלערן צוזאַמען מיט מיר צו זינגען אין כאָר און שפּילן קליינע ראָלן.

די סטרייקערס האָבן אונדז געבעטן מיר זאָלן זיך אַנשליסן אין זייער סטרייק און פֿאָרן מיט זיי קיין באָסטאָן שפּילן „קעניג ליר": ערשטנס, וועלן זיי מיט דעם מאַכן אַ סך געלט, און צווייטנס, האָבן זיי געוואָלט גלאַט אַדלערן אָפּטאָן און אים „אָפּשפּילן" די פּיעסע, מיט וועלכער ער האָט זיך געקליבן פֿאָרן קיין באָסטאָן. איך און זילבערט האָבן אין אָנפֿאַנג געצעגערט און מיר האָבן געשטעלט אַ באַדינג: זילבערט זאָל שפּילן די ראָל פֿון „קעניג ליר", און איך די ראָל פֿון „חריף". זיי האָבן איינגעשטימט און מיר זיינען מיט זיי געפֿאָרן.

נאָך פּסח האָט אַדלער צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע פֿאַר שיקאַגאָ. אַזוי

װי איך האָב שױן געהאַט געשפּילט „חריף“ אין „קעניג ליר“, האָט ער מיך אַנגאַזשירט פֿאַר דער זעלביקער ראָל און מיר באַשטימט אַ „מאַרקע“. דאָס האָט באַטײט, אַז אַדלער האָט מיך אַנגאַזשירט װי אַ „פּאַלנע“ אַקטיאָר, — איך בין געװאָרן אַ מיטגליד אין דער טרופּע.

אין שיקאַגאָ

אין שיקאַגאָ האָבן מיר געשפּילט אין „מעטראָפּאָליטען האָל“, אױף דזשעפֿערסאָן סטריט. די באַלעבאַטים פֿון האָל זײַנען געװען די ברידער רובענשטײן. אײנער פֿון זײ איז געלאָפֿן פֿאַר „אָלדערמאַן“ (אַ דעלעגאַט צום שטאָט־ראַט) און האָט געװאָלט װערן פּאָפּולער בײַ דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָט ער געעפֿנט אַ טעאַטער...

אָנגעהױבן האָבן מיר, פֿאַרשטײט זיך, מיט „קעניג ליר“.

מיר האָבן אױך געשפּילט אַנדערע פּיעסן, װאָס זײַנען געװען נײַ פֿאַר מיר, און אַדלער האָט זײ מיט מיר אײַנגעשטודירט. די ראָלן מײַנע זײַנען געװען, װי גאָרדאָן קרעיג דריקט זיך אױס, „אַ פֿוס פֿון אַ טיש“, דאָס הײסט, אַ ראָל, אױף װעלכער די פּיעסע האַלט זיך און דער סטאַר קאָן זיך זעצן אױף איר, אָבער לאַנג קוקן אױף איר קאָן מען ניט...

אָבער איך האָב שױן געשפּילט אױך גרעסערע ראָלן און זיך געפֿילט װי אַ פֿולשטענדיקער אַקטיאָר — װי אַ 22־יעריקער יונגערמאַן, פֿול מיט לעבן, ענערגיע און האָפֿענונג, מיט אױסזיכטן אױף אַ קאַריערע בײַ דער ייִדישער בינע; װי אַן אַקטיאָר, װאָס איז דעם ערשטן סעזאָן מיט אַ רעגולערער טרופּע, מיט דעם גרױסן יעקב פּ. אַדלער, און שפּיל דעסאַנטאָס בײַ „אַקאָסטאַ“, דעם פֿאָטער בײַ „אסתּר עין גדי“; אליעזר בײַ „בר־כּוכבא“, האָב איך זיך געפֿילט שטאָלץ, אױפֿן זיבעטן הימל, און בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ יונג פֿלאַמענדיק האַרץ, פֿול מיט ליבע צו דער װעלט בכלל און צו אַ מײדל בפֿרט. „ליבע איז אַ טײל פֿון קונסט, און איך האָב ליב די קונסט ביז צום שטאַרבן“, האָט געזאָגט ד׳אַנונציאָ. האָב איך זיך טאַקע פֿאַרליבט אין אַ געװיסער אַקטריסע, װאָס װען איך באַגעגן זי איצט, טראַכט איך: איז עס אַ מוז פֿון דער נאַטור צו זײַן אַזױ גרױזאַם צו אַלטע מענטשן?...

*

װען אַדלער האָט אין ניו־יאָרק צוזאַמענגעשטעלט די טרופּע פֿאַר שיקאַגאָ, האָט ער אונדז פֿאַרזיכערט, אַז מיר װעלן מאַכן אַ סך געלט:

— מיר װעלן פּשוט רײַך װערן! װינציקער װי אַ דאָלער אַ מאַרקע

וועט נישט שטיין, — האָט ער געזאָגט (אַזוי ווי מיין געהאַלט איז געווען 60 מאַרקעס, וואָלט אויסגעקומען אויף מיין חלק זעכציק דאָלער אַ וואָך), — ווייל עס קומט איצט פֿאַר די „וועלט־אויסשטעלונג” אין שיקאַגאָ („קאָ־לאַמבוסעס אויסשטעלונג”, — 400 יאָר זינט קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע). מענטשן קומען איצט קיין שיקאַגאָ פֿון דער גאַנצער וועלט, וועט דאָס טעאַטער זיין געפּאַקט יעדע נאַכט. איבערהויפּט ווען מיר קומען מיט אַזאַ סוקסעס־פּיעסע, ווי דער „יידישער קעניג ליר”.

אַלע אַקטיאָרן פֿון ניו־יאָרק האָבן אונדז מקנא געווען — אַ קלייניקייט, מיר וועלן מאַכן אַ סך געלט און זיין ביי דער „וואָירלדס פֿעיר” אין שיקאַגאָ!

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז „קעניג ליר” איז טאַקע געווען אַ סוקסעס, אָבער די קאַסע נישט. וויניק יידן זיינען געקומען אין טעאַטער, ווייל — האָט מען געזאָגט — אַלע זיינען איצט באַשעפֿטיקט מיט דער „פֿעיר”. ווי נאָר דער עולם וועט זיך אָנזעטיקן מיט דער אויסשטעלונג, וועלן מיר אָנהויבן מאַכן געלט... אָבער די יידן האָבן זיך נים איבערגעגעסן, און מיר, אַקטיאָרן, אַוודאי נים...

מעגלעך, אַז די סיבה איז געלעגן אין דעמאָלטדיקן אַלגעמיינעם עקאָ־נאָמישן קריזיס. סיי־ווי, אונדזער טרופּע איז זיך צעפֿאַלן.

אין שיקאַגאָ האָט דעמאָלט געשפּילט אַ דייטשע טרופּע, וואו ס'האָט אויך געשפּילט דער באַקאַנטער יידיש־דייטשער שוישפּילער מאָריס מאָריסאָן. האָט אונדז אַדלער איבערגעלאָזט און געשפּילט מיט זיי אַ פּאָר פֿאָרשטעלונגען (אַדלער האָט געשפּילט אין יידיש).

די יידישע אַקטיאָרן זיינען זיך צעפֿאָרן. אַזוי ווי איך האָב נים געהאַט אויף הוצאות קיין ניו־יאָרק, האָב איך זיך פֿאַרדונגען פֿאַר אַן „אָקסן־טרייבער”, און בין געפֿאָרן קיין ניו־יאָרק אין אַ פֿראַכט־וואַגאָן מיט די אָקסן.

אַקטיאָרן אין די דעמאָלטדיקע ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערס...

אין ניו־יאָרק האָב איך ערשט דערפֿילט דעם קריזיס. קיין געלט אויף עסן איז נישט געווען, און אויף דירה־געלט אַוודאי נישט. בין איך געשלאָפֿן אין פּאַרק און געוואַרט אויפֿן טאָג, מען זאָל עפֿענען אַ בעקעריי־געשעפֿט, איך זאָל אַריין בעטן אַ שטיקל ברויט. האָט מיך איינמאָל טאַקע דער אייגנטימער פֿון אַזאַ געשעפֿט (אַ דייטש) גאַנץ שיין אַרויסגעיאָגט און מיך געמוסרט פֿאַרוואָס איך גיי נישט אַרבעטן. אָבער גיי דערצייל אַ דייטש,

אַז שױן דרײ יאָר װי איך שעפּ און טרינק דעם שטאַרקן טעאַטער־װײַן און קאָן שױן נישט לעבן אָן אים...

אָבער „װען די נױט איז אַמהעכסטן, איז די הילף אַמנעכסטן"... אַדלער האָט געדונגען דאָס „רומעניען אָפּערע־הױז" און ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע, בין איך געװען פֿון די ערשטע, װעמען ער האָט אַנגאַזשירט.

דאָס „רומעניען אָפּערע־הױז" אױף דער באַװערי האָט געהאַט אַ זיבן־אַכט הונדערט זיץ־פּלעצער. און אַדלער האָט באַלד געביטן דעם נאָמען אױף „אַדלערס טעאַטער". קײן אַקטיאָר האָט נישט אַזױ פֿאַרשטאַנען די קונסט פֿון רעקלאַמירן זיך און אױך פֿון אױסניצערײ אין געשעפֿט — װי דער „בשר הגדול", יעקב פּ. אַדלער. מיר דאַכט, אַז דאָס איז געװען דאָס ערשטע יידישע טעאַטער, װאָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון אַן אַקטיאָר. אַדלער האָט גענומען דירה־געלט פֿאַרן טעאַטער; ער איז אױך געװען דער גאַרדעראָבער, װאָס האָט צוגעשטעלט די קאָסטיומען פֿאַר דער טרופּע (די פֿרױ אַדלער פֿלעגט אַלײן נײען די קאָסטיומען); ער האָט גענומען געלט פֿאַר עלעקטריק (געװען אַ מאַשין אין טעאַטער, װאָס האָט פּראָדוצירט די עלעקטריק) — ער האָט גענומען פֿאַר יעדער זאַך באַזונדער, און װען עס איז געקומען צום אָפּרעכענען זיך, איז אַ סך מאָל פֿאַר דער טרופּע גאָרנישט געבליבן.

אױף דער באַװערי זײַנען דעמאָלט געװען נאָך צװײ יידישע טעאַטערס: דאָס „טהאַליאַ"־טעאַטער און דאָס „װינדזאָר"־טעאַטער — יעדעס מיט אַרום 1400 זיץ־פּלעצער („װינדזאָר"־טעאַטער מער). געשפּילט האָבן אין די טעאַטערס, — אַחוץ די סטאַרס: קעסלער, פֿײנמאַן, טאָמאַשעװסקי, מאָגולעסקאָ, רודאָלף מאַרקס, חײמאָװיטש, בערענשטײן, מ"ר און מר"ס קאַרפּ, קעני ליפּצין, דאַיען און שײנגאָלד, — די אַקטיאָרן: טאָבאַטשני־קאָװ, לײבוש גאָלד, לעאָן בלאַנק, לײזער גאָלדשטײן, מענדל און בינע אַבראַמאָװיטש, פֿרױ עפּשטײן, פּאַולינאַ עדעלשטײן, לעאָן און סאָניאַ נאַדאָלסקי, פֿרידמאַן, נאַכאַמקוס לײבעלע שװאַרץ — לױטער באַקאַנטע אַקטיאָרן. בעת אַדלער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע פֿון מײסטנס אומבאַקאַנטע, אָדער גאָר דילעטאַנטן־שױשפּילער. אַזױ איז דעמאָלט צוגעקומען אין אַדלערס טעאַטער מאָריס מאָשקאָװיטש, װעלכער האָט געאַרבעט בײ אַ זײגערמאַכער אין ניו־יאָרק און געשפּילט מיט דילעטאַנטן אין רוסיש. געקומען איז ער צו אַדלערן דורך גאָרדינס רעקאָמענדאַציע. אַדלער, װעלכער האָט ליב געהאַט הױכע פֿיגורן אױף דער בינע (מאָשקאָװיטש איז געװען אַרום זעקס „פֿוס" הױך), האָט אים באַלד צוגענומען, און איבער־

הויפּט ווייל ער האָט גערעדט רוסיש, וואָס אַדלער האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן.

מאַשקאָוויטש פלעגט בייטאָג אַרבעטן און ביינאַכט שפּילן טעאַטער. ער האָט אויך שפּעטער געהאַט אַ קאַפע־הויז אין אַ קעלער אויף עלען סטריט, ווייל פון טעאַטער אַליין האָט ער ניט געקאָנט מאַכן קיין לעבן. שפּע־טער איז ער געוואָרן אַ סטאַר, געשפּילט אין לאָנדאָן אויף דער ענגלישער בינע „שיילאָק" און אין אַנדערע פּיעסן, אויך אין פילם. דאָס אַלץ האָט ער דערגרייכט מייסטנס מיט זיינע אויסערלעכע מיטלען: פיגור, פּנים און אויסשפּראַך. עס האָט אים אָבער געפעלט נשמה... ערשט שפּעטער האָט זיך אין אים צעפלאַקערט דאָס אַרטיסטישע פייערל. ער איז אויך געווען אינטעליגענטער ווי דער דורכשניטלעכער דעמאָלטדיקער יידישער אַקטיאָר.

סעמועל טאָרענבערג, וועלכער האָט געשריבן ראָלן פאַר אַדלערן, איז דעמאָלט אויך געוואָרן אַן אַקטיאָר. טאָרענבערג איז געווען אַ קלוגער און אינטעליגענטער יונגערמאַן (ער האָט שפּעטער אויסשטודירט אויף פאַרמאַציסט), און מיט אינטעליגענץ און קלוגשאַפט האָט ער געשפּילט זיינע כאַראַקטער־קאָמישע ראָלן. קיין נאַטירלעכן קאָמיזם און חן, ווי אַ שטייגער זיגמונט מאָגולעסקאָ, האָט ער נישט פאַרמאָגט. ער איז געווען גרויס אין עפּיזאָדן־ראָלן, אָבער ווען אַן אַקטיאָר קאָן גרויס מאַכן אַ קליינע ראָלע, איז ער מער ווערט ווי דער סטאַר... ער האָט געהאַט „צעשפּרייטע עלנבויגנס", וואָס איז דאָס בעסטע מיטל צו ווערן אַ סטאַר. מען האָט אים טאַקע שפּעטער געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כאַראַקטער־אַקטיאָר.

ביי אַדלערן זיינען אויך דעמאָלט געווען פאָגל, קאַליך און ראָזענוואַסער, וועלכער האָט געשפּילט קליינע ראָלן (שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן מיט דער ראָל „מ"ר גאָלדבערג" אין דעם ראַדיאָ־סקעטש „דער אויפשטייג פון די גאָלדבערגס" פון מר"ס בוירג); ר. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט גע־זונגען דייטשישע קופּלעטן אין דעם „אַטלאַנטיק גאַרדען" אויף דער באַוערי און פלעגט פאַרפאַסן שיינע קופּלעטן (ער האָט אויך געשריבן די מוזיק צו אַ פּאָר לאַטיינערס אָפּערעטן); אויך עליאַס גליקמאַן, דער שפּעטער באַקאַנטער מענעדזשער פון שיקאַגאָ. אַזוי אַרום איז יעקב פּ. אַדלער געווען דער איינציקער באַקאַנטער אַקטיאָר אין זיין טעאַטער.

די אַקטיאָרן פון די אַנדערע יידישע טעאַטערס האָבן אונדז, אַדלערס אַקטיאָרן, ניט פאַררעכנט פאַר קיין שוישפּילער.

אַזוי ווי מיר האָבן געשפּילט גאָרדינס פּיעסן, גערעדט מער־וויניק יידיש, נישט דעם יידיש־דייטש פון לאַטיינער־הורוויצעס פּיעסן, און האָבן

געזוכט צו רעדן נאַטירלעך, האָבן זיי געלאַכט פֿון אונדזער שפּילן און דער אַקטיאָר לייזער גאָלדשטיין, פֿון „טהאַליאַ"־טעאַטער, האָט טאַקע גע־טענהט: „וואָס פֿאַר אַן אַקטיאָרן זייט איר? איר רעדט דאָך אויף דער בינע אַזוי ווי איר רעדט ביי זיך אין דער היים!..."

אַבאַ שיינגאָלד, מאַקס ראָזענטאַל, יעקב קאַצמאַן און מ. ל. מייערסאָן

דורך די סעזאָנען, וואָס איך בין געווען אין אַדלערס טעאַטער, האָבן אויך געשפּילט מיט אונדז אבא שיינגאָלד (דער פֿאָטער פֿון דעם שוי־שפּילער יאָזעף שיינגאָלד), מאַקס ראָזענטאַל, קאַצמאַן און מייערסאָן.

שיינגאָלדן האָט די נאַטור ניט געקאַרגט צו געבן אַלץ, וואָס דער צושויער האָט ליב צו זען אין אַן אַקטיאָר: ער איז געווען הויך, מיט שיינע געזיכטצינן, געהאַט אַן אָנגענעמע לירישע שטים, וואָס האָט געגלעט דאָס אויער, און טאַלאַנט אויך. איינס נאָר האָט אים געפֿעלט, וואָס יעדער מענטש מוז האָבן אום צו זיין דערפֿאָלגרייך אין לעבן: אַמביציע... ער האָט מער אין זינען געהאַט ביליקע עולם־הזה. ער האָט געהאַט ראָלן, אין וועלכע ער איז געווען זייער גרויס, און געווען פֿאַררעכנט ווי אַן ערשט־קלאַסיקער אַקטיאָר, אָבער קיין ערשט־קלאַסיקער סטאַר איז ער אין ניו־יאָרק ניט געווען.

ראָזענטאַל איז געווען מער אַ נערוון־שפּילער, אַ נעוראַסטעניקער, עפּעס אין סאָרט פֿון אַן אָרליעבאָו. ער האָט געהאַט העגרי אוירוויגגס שולע פֿון לאָנדאָן — פֿלעגט „עקטן" איידער ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, און אויך נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיקט רעדן.

עס איז געווען אָנגענומען אין יידישן טעאַטער, אַז כּדי צו ווערן אַ סטאַר, מוז אַן אַקטיאָר האָבן אַ שיינע פֿיגור, אַ שיין פּנים און אַ שטאַרקע שטים. מאַקס ראָזענטאַל האָט די אַלע מעלות נישט געהאַט, און דאָך איז ער געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ סטאַר. ער איז ניט געווען קיין „נאַטירלעכער" שוישפּילער, אָבער די שטרענגסטע אָנהענגער פֿון רעאַליזם האָבן אים געגלויבט. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויף דער יידישער בינע אַרויפֿגעבראַכט דעם אַריסטאָקראַט: ער האָט זיך געקאָנט האַלטן אין קאָסטיום מיט אַ ריטערלעכער שווערד און זיין האַלטונג איז געווען אַ ווירדיקע. ער האָט ניט געהאַט דעם אָרגאַן פֿון קעסלער, טאָמאַשעווסקי, אָפּילו ניט פֿון אַדלערן, דאָך איז זיין שטים דערגאַנגען צום עולם. ער האָט אין זיין שפּילן פֿאַרמאָגט אַ סך קינסטלערישן טאַקט. מען האָט אים

שטאַרק אַפּלאָדירט, ווען ער האָט געזונגען אַ ליד, כאָטש קיין שטים צום זינגען האָט ער נישט געהאַט. ער האָט נישט „פאַרגעשטעלט“ דעם כאַראַקטער, נאָר ער האָט דעם כאַראַקטער פאַרוואַנדלט אין ראָזענטאַלן... און אַלץ, וואָס ראָזענטאַל האָט געטאָן אויף דער בינע, איז געווען שיין, איידל, עס איז געווען אַקטיאָרישע שאַפונג.

קאַצמאַן, וועלכער איז געווען אַ נאַטירלעכער כאַראַקטער־קאָמיקער און געהאַט אַ נאַאיוו־אומשולדיקן אויסזען, האָט באַקומען די ראָל פון דעם „גרינעם“ יידישן פעדלער מיט דעם אויסטערלישן נאָמען „כאַלדיק“ אין גאָרדינס פּיעסע „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע“, וואָס מען האָט אין יענע סעזאָנען אויפגעפירט אין אַדלערס טעאַטער אויף דער באַוערי. און סיי קאַצמאַן און סיי די פּיעסע האָבן געהאַט גרויסן דערפאָלג.

קאַצמאַן איז דעמאָלט אָנערקענט געוואָרן אַלס ערשט־קלאַסיקער כאַראַקטער־קאָמיקער. ווען קאַצמאַן האָט מיט יאָרן שפּעטער געשפּילט מיט עדוואַרד דזש. ראָבינסאָן אין דער ענגלישער פּיעסע „דער קיביצער“, האָט אַן ענגלישע צייטונג געשריבן, אַז די יידן האָבן גאָרנישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסן טאַלאַנט זיי האָבן ביי זיך.

מייערסאָן איז געקומען צום יידישן טעאַטער פון דער רוסישער בינע, פון וועלכער ער האָט מיטגעבראַכט אַביסל קולטורעלן באַגאַזש. ער האָט שטאַרק אויסגענומען מיטן שפּילן דעם אַלטן שוסטער שטיוולזאָן אין גאָרדינס „צוויי וועלטן“.

מייערסאָן האָט געהייראַט אין ניו־יאָרק אַ כאָריסטקע פון אַדלערס טעאַטער, מ״רס יאַפע. זי איז געווען די מוטער פון דעם איצט באַוואוסטן ענגלישן אַקטיאָר, דעם ראַדיקאַל, סעם יאַפע.

גאָרדינס רעפּערטואַר אין אַדלערס טעאַטער

אין יענער צייט האָט מען אין אַדלערס טעאַטער אויפגעפירט מייסטנס יעקב גאָרדינס פּיעסן (אַחוץ דעם „רב הכולל“ — פון היינריך הייגעס „רבי פון באַכעראַך“): „שלמה חכם“, „דער שוואַרצער ייד, אָדער מאיר יוזעפאָוויטש“, „רייזעלע, אָדער זעליג־איציק דער קלעזמער“, „די צוויי וועלטן“, „דער יידישער גלות“, „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע“, „דער פרנס חודש“. די אַלע פּיעסן זיינען געבליבן אין אַדלערס רעפּערטואַר און איך האָב אין זיי געשפּילט — פון אַן עפּיזאָדן־ראָל ביז דער צווייטער ראָל נאָך אַדלערן.

אַ סצענע אין „רוסישן ייד אין אַמעריקע“ האָט געפירט צום ערשטן

צוזאַמענשטויס צווישן אַב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין. טאָרנבערג האָט געשפּילט אין דער פּיעסע אַן אַרבעטער, אַ זעצער, מיטן נאָמען „הוזדיק", וואָס איז דער שאָפּ־דעלעגאַט פון דער שריפטזעצער־יוניאָן. אין צווייטן אַקט דאַרף פאָרקומען אַ סטרייק צוליב דעם באָס, ווייל ער אַרבעט אויך אין שאָפּ. (עס איז געווען אַ געזעץ ביי דער שריפטזעצער־יוניאָן, אַז אַ באָס טאָר נישט אַרבעטן). ווען דער רוסישער ייד קאָן נישט איינזען די גערעכטיקייט פון דעם סטרייק און זאָגט צו דעם דעלעגאַט הוזדיק — גוט, איר האָט טאַקע אַ געזעץ, אַז אַ באָס איז נישט דערלויבט צו אַרבעטן, אָבער מען דאַרף דאָך אויך האָבן שכל; וואו איז שכל? — ענטפערט אים הוזדיק: וואָס דאַרף איך שכל, אַז איך האָב אַ „קאָנסטיטושאָן" מיט אַ באַ־שלוס פון דער „מאַדזשאָריטי" (פון דער מאַיאָריטעט)? אין פערטן אַקט איז הוזדיק שוין אַליין דער באַלעבאָס פון אַ דרוקעריי, און ווען דער רוסישער ייד פרעגט אים: — ווי גייט עס אייך, מ"ר הוזדיק, מיט אייערע בייע ביזנעס? — ענטפערט אים הוזדיק, דער פריערדיקער הייסער יוניאָן־מאַן: „עס וואָלט געגאַנגען אַלרייט, ווען נישט די יוניאָן..." אַב. קאַהאַן, וועלכער איז געזעסן ביי דער פאָרשטעלונג, האָט אַ געשריי געטאָן אויפן קול אין רוסיש: „עטאָ לאָזש!" (עס איז אַ ליגן). אין טעאַטער איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. אָבער זייט דעמאָלט איז גאָרדינס ווערטל געוואָרן זייער פּאָפּולער.

באַזונדער כאַראַקטעריסטיש איז די פּרעמיערע פון יעקב גאָרדינס „דער פּרנס חודש". די פּיעסע איז אַ באַאַרבעטונג פון גאָגאָלס „רעוויזאָר". דער „פּרנס חודש" איז גאָגאָלס באַקאַנטער טיפּ „גאָראָדניטש"; און פון די צוויי דינער „באָבטשינסקי" און „דאָבטשינסקי" האָט גאָרדין געמאַכט צוויי שמשים. ווען מיר האָבן געמאַכט פּראָבע פון דער קאָמעדיע, האָבן מיר, אַלע אַקטיאָרן מיט אַדלערן, זיך געקאַטשעט פון געלעכטער פון די קאָמישע טיפּן אין דער פּיעסע, און מיר האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז „דער פּרנס חודש" וועט האָבן אַן אומגעהויערן ביי׳פאַל. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג האָבן זיך די אַקטיאָרן געגרייט ווי צו אַ גאָר גרויסער געשעעניש. אָבער אַנשטאָט צו זיין ערנסט אין זייערע ראָלן, האָבן זיי געשפּילט „קאָמיש", פאַרס־מעסיק, און זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן שמייכלען. וואָס מער מיר האָבן געשפּילט „קאָמיטשנע", אַלץ ווייניקער האָט עס גע־ווירקט אויפן פּובליקום. וואָס מער מיר האָבן אַליין געלאַכט, אַלץ ווייניקער האָט דער עולם געלאַכט, — אַפילו קיין שמייכל ניט געטאָן. פון קאָמעדיע ביז פאַרס איז בלויז איין שריט, פון פאַרס צו לעכערלעכקייט איז שוין נאָר אַ האַלבער. איז טאַקע די גאַנצע קאָמעדיע געוואָרן אַזוי לעכערלעך,

אַז אַדלער איז געצוואונגען געווען אין מיטן צווייטן אַקט הייסן אַרונטער־לאָזן דעם פֿאָרהאַנג און איז אַרויס פֿאַרן פּובליקום בזה הלשון:

„מיין ליבעס, האָכגעשעצטעס פּובליקום! מיר זעען, אַז די קאָמעדיע געפֿעלט אייך נישט. אונדז געפֿעלט עס איצט אויך נישט. מיר קאָנען ווייטער מיט דער פֿאָרשטעלונג נישט אָנגיין. גייט איצט אַהיים און קומט מאָרגן מיט די האַלבע „טיקעטס", וואָס איר האָט ביי זיך. מאָרגן וועלן מיר פֿאַר אייך שפּילן דעם „יידישן קעניג ליר".

דאָס פּובליקום איז זיך שטיל און רואיק אַהיימגעגאַנגען...

אָבער גאָרדין האָט דורך דעם דורכפֿאַל פֿון „פּרנס חודש" נישט פֿאַרלוירן די פֿאַרערונג פֿון יידישן פּובליקום. אויך מיר, אַקטיאָרן פֿון אַדלערס טעאַטער, האָבן אַלץ אַרויפֿגעקוקט צו אים ווי צו אַ גאָט. גאָר־דין איז דעמאָלט געקומען לייענען זיין נייע פּיעסע „די צוויי וועלטן". ווען עס האָט זיך באַוויזן זיין „הערצל־פֿיגור" מיטן טעקסט אונטערן אָרעם און מיטן שטעקן אין האַנט, האָבן מיר אַלע ספּאָנטאַן זיך אויפֿגעשטעלט און אַ הייליקע שטילקייט האָט באַהערשט די בינע. גאָרדינען האָט מען דע־מאָלט גערופֿן דער יידישער שעקספּיר, און מיר אַקטיאָרן האָבן יעדע פּיעסע זיינע באַטראַכט ווי אַ נייע תורה. איז טאַקע יעדע נייע אויפֿ־פֿירונג פֿון זיינס אַ פּיעסע געווען פֿאַר אונדז אַ יום־טוב.

איך פֿלעג דענקען, אַז גאָרדין איז ניט קיין פֿריינטלעכער. אָבער די, וועלכע האָבן אים בעסער געקענט, פֿאַרזיכערן, אַז ער איז געווען זייער צוגעלאָזן צו מענטשן. ער האָט קיינמאָל נישט באַשולדיקט די אַקטיאָרן, ווען זיינע אַ פּיעסע איז דורכגעפֿאַלן. ווען מען האָט אויפֿגעפֿירט אין „טהאַליאַ"־טעאַטער „אויף די בערג" און די פּיעסע איז שטאַרק דורכ־געפֿאַלן, איז גאָרדין געקומען הינטער די קוליסן און געזאָגט צו די אַקטיאָרן: „רעיאַטאַ! יאַ..." דאָ האָט ער באַנוצט אַ ניט־דרוקבאַר רוסיש וואָרט... ער האָט גענומען דעם גאַנצן דורכפֿאַל אויף זיך. שטאַרק אויפֿגערעגט איז ער בלויז געוואָרן, ווען אַן אַקטיאָר האָט אויף דער בינע געוואַגט צו זאָגן ווערטער, וואָס זיינען נישט געווען אין זיין טעקסט. דעמאָלט האָט גאָרדין זיך געקאָכט מיטן שטעקן אין דער האַנט...

יעקב פּ. אַדלער — דער אַקטיאָר און מענטש

אַדלערס גרויסער דערפֿאָלג איז געוואַקסן מיט יעדן סעזאָן, מיט יעדער נייער פּיעסע, וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט. דער דערפֿאָלג פֿון זיין טעאַטער איז, קאָן מען זאָגן, באַשטאַנען אין דריי ווערטער: „יאַקאָב פּ. אַדלער".

דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָט ער געהאַט אין גאָרדינס „שלמה חכם“, דעם דערפֿינדער פֿון דאַמף־קראַפֿט. אין דער ראָל האָט ערווירקלעך אַרויס־געוויזן זיין גאַנצע אַרטיסטישע פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט, פֿאַרשטענדעניש און דעם טיפּישן אַדלעריזם... די ענגלישע קריטיקער האָבן געשיקט די אַקטיאָרן פֿון בראָדוועי אין אַדלערס טעאַטער אויף דער באָוערי, זיי זאָלן זען דעם גרויסן יידישן אַרטיסט שפּילן, כּדי ביי אים עפּעס צו לערנען.

אַדלער איז געווען אַ גרויסער מעלאָדראַמאַטישער אַקטיאָר, און די פּיעסן, וואָס גאָרדין האָט דעמאָלט פֿאַר אים געשריבן, האָבן אין זיך אַ סך מעלאָדראַמאַטישקייט. אַ מעלאָדראַמע (איך האָב אין זינען דעם בע־סערן סאָרט מעלאָדראַמע) איז אַ געזונטער, שטאַרקער קערפּער מיט אַ שוואַ־כער נשמה און אַן פֿאַרשטאַנד. דער שטאַרקער קערפּער פֿון דער מע־לאָדראַמע וויל אַרבעטן מיט אַלע אברים, וואָס די סצענע פֿאַרמאָגט; דאַרף מען האָבן אַ קלוגן קינסטלער, וואָס זאָל זי באַהערשן. און אַדלער איז דאָס געווען — ער האָט אין דער מעלאָדראַמע אַריינגעבלאָזן נשמה.

אַדלער האָט קיינמאָל נישט געשפּילט היינט, וואָס זאָל זיין אַ קאָפּיע פֿון נעכטן. ביי יעדער פֿאָרשטעלונג האָט ער געזוכט אויסצוגעפֿינען עפּעס נייעס אין דער ראָלע. „איך בין היינט קליגער ווי נעכטן“, פֿלעגט ער אונדז זאָגן. דער קלוגער קינסטלער אַדלער האָט אויסגענוצט יעדע מעלאָ־דראַמאַטישע סצענע אַרויסצואווייזן זיינע אַרטיסטישע פֿעאיקייטן. ער פֿלעגט לאָזן שפּילן מוזיק ביי יעדער מעלאָדראַמאַטישער סצענע. די מוזיק ברענגט אים אין אַ באַגייסטערטער שטימונג, פֿלעגט ער זאָגן. ביים „יידישן קעניג ליר“ האָט דער אָרקעסטער געשפּילט אַפֿילו אַ „טוש“, ווען ער איז אויפֿגעטראָטן. דאָס האָט אָנגעצייגט, אַז אָט קומט ער, דער גרויסער אַרטיסט, קוקט אייך צו! און דאָס פּובליקום האָט אים טאַקע שטאַרק אַפּלאָדירט און עס איז געוואָרן יום־טובדיק אויף דער בינע ביי זיין דערשיינען.

דאָס איז נישט נאַטירלעך, וועט איר זאָגן, נישט מאָדערן. אַזוי שפּילן כּינעזער: ווען דער העלד דערשיינט אויף דער בינע קלאַפּט דער צימבל; דאָס באַטייט, אַז מען וועקט אויף די געטער, זיי זאָלן זיין וואַך, ווען דער העלד איז אויף דער בינע. אָבער דאָס פֿלעגט אויך טאָן דער גרויסער ענגלישער שוישפּילער סער הענרי אירווינג, ווען ער האָט געשפּילט אַזעלכע מעלאָדראַמעס ווי „דהי בעלס“ א״אַנד.

דער בינע־עסטעט אַדלער איז געווען „נישט נאַטירלעך“ אַפֿילו אין זיין קאָסטיום: ווען ער האָט געשפּילט אַן אָפּגעריסענעם בעטלער, האָבן די קליידער געמוזט זיין ריין און נישט אָפּשטויסנד פֿאַרן אויג. ער האָט גע־

שפּילט טעאַטער אַפילו גייענדיק אין גאַס. ער האָט געהאַט פאַרגעניגן, ווען מען פלעגט אים נאָכקוקן. אַדלער איז געווען אַן אַקטיאָר מיט אַלע 248 אברים. אין יעדן אָטעם זיינעם איז געווען טעאַטער. ער האָט נישט גע־טרונקען, נישט געדויכערט און נישט געשפּילט אין קאָרטן. זיין גאַנצע ענערגיע און צייט פלעגט ער אָפּגעבן צו דער בינע. ער פלעגט זיך אַליין אויסשרייבן זיינע ראָלן — פריער מיט בליישטיפט, דערנאָך פלעגט ער זיי אייניקע מאָל איבערגיין מיט טינט. אין גרימירן זיך איז אַדלער געווען אַ מייסטער, און דאָס האָט ער אַ סך געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין שיין, ברייט, ווייס פּנים. ער האָט געקאָנט פון זיין געזיכט אויסקנעטן, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער האָט נאָר געוואָלט, אָבער דער אַדלער־חן האָט אַלעמאָל אַרויסגעשיינט פון אונטערן גרים. אַ סך שוישפּילער האָבן געפּרואווט אים קאָפּירן אין גרים. אַדלער האָט דערפון געוואוסט, און איז ניט געווען שטאַרק צופרידן מיט דעם. איך בין אַמאָל געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, ווי ער גרימירט זיך. „וואָס קוקט איר? — פרעגט ער מיך ביז — איר וועט צייט האָבן מיך צו קאָפּירן, ווען איך וועל שטאַרבן".

אַדלער איז געווען זייער גרויס אין כאַראַקטער־קאָמישע ראָלן. ער האָט געהאַט קאָמישע איינפאַלן ביים שפּילן אַזעלכע ראָלן. אָבער ווען מען האָט באַדאַרפט, האָט ער געקאָנט מאַכן, אַז דאָס פּובליקום זאָל כליפּען מיט טרערן. זיינע טענער זיינען געווען זייער ווייכע, כאָטש זיי זיינען ביי אים אָפּט געקומען פון האַלדז. זיין געשריי איז געווען מעכטיק, זיין געוויין — האַרצרייסנדיק, זיין קרעכץ — אמת־יידישלעך.

זאָל אַ שוישפּילער נאָר „עקטן", אָדער זאָל ערווירקלעך פילן די ראָלע, וואָס ער שפּילט? די דאָזיקע פראַגע איז שוין דיסקוטירט געוואָרן דורך גאַנצע דורות שוישפּילער און קריטיקער. אייניקע פאַרגלייכן דאָס „דורכפילן פון אַ ראָלע" צו אַ „לעבעדיקן פלאַם", וואָס פאַרצערט זיין אייגענעם ברען־שטאָף — בעת דאָס „קאַלטע, דורכגעטראַכטע" שפּילן ווערט פאַרגליכן צו אַ פּריזמע, וואָס קאָן מיט די אָנגעזאַמלטע זון־שטראַלן צע־פלאַקערן יעדן ברען־שטאָף, אָבער אַליין בלייבט זי קאַלט און נישט באַשע־דיקט. איך האַלט, אַז פינף פּראָצענט וואַרעמקייט דאַרף דער שוישפּילער נעמען פון דעם „לעבעדיקן פייער". דאָס איז נויטיק ביים אָנצינדן זיך. דאָס איבעריקע קאָן און דאַרף שוין גענומען ווערן פון דעם קאַלטן ברען־גלאָז... איך האָב עס אַמאָל געפּילט „אויף מיין אייגענער הויט", אַזוי צו זאָגן:

איך בין געווען ביי דער שווערער גסיסה פון אַקטיאָר מענדל אַבראַ־מאָוויטש. ער איז געשטאָרבן כמעט אויף מיינע הענט. אַגב, האָט זיך

דערביי אויך אָפּגעשפּילט אַ מאָמענט פון „קינסטלערישן אמת”. אין איר גרויסער פאַרצווייפלונג און צעמישעניש, האָט זיין פרוי, די באַרימטע „מאַמע” פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע, בינע אַבראַמאָוויטש, אויסגעשריגן ביי איר מאַנס אָפּשטאַרבן: „מענדל, מיין מאַן, דו ביסט דאָך נישט געווען אַזאַ גרויסער אַקטיאָר, אָבער דו שטאַרבסט איצט ווי דער גרעסטער קינסטלער!...”

דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָב איך באַדאַרפט שפּילן אין יאָזעף לאַטיינערס „רומענישער ייד” אַן אַלטן פּויער און זינגען אַ ליד, אין וועלכן איך דערצייל, ווי מיין איינציק קינד איז געשטאָרבן אויף מיינע הענט. דאָס אָפּשטאַרבן פון אַבראַמאָוויטשן איז נאָך געשטאַנען פריש פאַר מיינע אויגן, האָב איך דורכגעלעבט דאָס ליד הונדערט פּראָצענט און זיך באַגאָסן מיט אמתע טרערן. דער סופלאָר, ראובן וויסמאַן, האָט געשריגן צו מיר, איך זאָל זיך באַהערשן. דאָס בעמלעכע מאַנע, דער בינע-פאַרוואַלטער. אָבער איך האָב געקראָגן היסטעריע פון וויינען, און מען איז געווען געצוואונגען אין מיטן אַקט אַרונטערצולאָזן דעם פאַרהאַנג.

אַט-וואָס עס קאָן פּאַסירן, ווען אַן אַקטיאָר „פילט” די ראָלע גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

סיי-ווי — אַדלער האָט געשפּילט הונדערט פּראָצענט מיט אויסגערעכנטקייט. יעדע באַוועגונג זיינע, יעדע מימיק איז געווען פריער אויסגערעכנט. די „נאַטירלעכקייט” האָט ער געוואוסט איבערצוגעבן דורך קינסטלערישע „אַדלערישע” מיטלען (אַ סך מאָל איז עס אים אויך נישט געלונגען) — די וואַרעמקייט, דעם קינסטלערישן פלאַם האָט ער גענומען פון דער אייביקער זון.

מען האָט אַדלערן באַשולדיקט, אַז ער רינגלט זיך אַרום מיט דריטקלאַסיקע שוישפּילער — ער מיידט אויס צו שפּילן מיט גרויסע אַקטיאָרן. דער מאָדערנער רעזשיסער גאָרדאָן קרעיג דערציילט, אַז ווען ער האָט געפרעגט אַ געוויסן גרויסן שוישפּילער, פאַרוואָס ער זוכט נישט צו שפּילן מיט אַנדערע גרויסע קינסטלער, האָט ער אים געענטפערט: „איך קען נישט זיין אין אַ בוקעט, וואָס שטייט אין אַ וואַזע. איך בין אַ גרויסער בוים. נעמט אַ בוים און פּרוּווט אים אַריינשטעלן אין אַ וואַזע, וועט די וואַזע צעבראָכן ווערן. אָבער דאָס וועט ניט זיין די שולד פון בוים, — די וואַזע איז צו שוואַך”. אַ פּיעסע, געשפּילט פון לויטער סטאַרס, האָט איינער געזאָגט, איז ווי אַ שלאַכט, וואו ס'נעמען אָנטייל בלויז גענעראַלן. „ווי אַ משוגעים-הויז”, האָט זיך קאַברין אויסגעדריקט, „האָט אַ פּנים געהאַט די בינע,

ווען עס איז געשפּילט געוואָרן פֿון לויטער סטאַרס מיין פּיעסע 'בערטשעק אין אַמעריקע'"...

ווען אַן אַקטיאָר פֿון דעם פֿריער דערמאָנטן ענגלישן אַקטיאָר־מע־נעדזשער העגרי אירוויגגס טרופּע האָט נישט באַלד געכאַפּט דעם רעפּליק און האָט געשטערט די פֿאָרשטעלונג, האָט אירוויגג געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם אַקטיאָר דערלייגן צו די „ווײַדזשעס", ער זאָל זיך פֿאַרגיבען בעסער צו עסן.

— פֿעטע קעץ כאַפּן בעסער — האָט אירוויגג געזאָגט.

אַדלער דאַקעגן האָט נישט געשאָנעוועט זיין טרופּע. ווען אַן אַקטיאָר האָט ביי פּראָבע נישט פֿאַרשטאַנען, אָדער נישט געקאָנט שפּילן, ווי אַדלער האָט אים געוויזן, איז ער באַלד באַטיטלט געוואָרן פֿון אַדלערן מיטן נאָמען „פּורצי", וואָס מיינט — אַ טאַלאַנטלאָזער אַקטיאָר. אַגב שטאַמט דער צו־נאָמען פֿון אַדלערן. ער האָט אַמאָל געהערט, ווי אַ שלעכטער אַקטיאָר בעט זיך ביי אַ צווייטן: „לאָז מיר איבער אַ פּאָר צי פֿון דיין ציגאַרעטל" — זייט דעמאָלט האָט אַדלער (און דערנאָך אויך די גאַנצע פּראָפֿעסיע) יעדן שלעכטן אַקטיאָר באַצייכנט מיטן וואָרט „פּורצי".

איך האָב געשפּילט מיט אַדלערן אין די יאָרן, ווען ער האָט געגלאַנצט אין זיין פֿולער פּראַכט. איך פֿלעג אָפֿט אַריינקומען צו אים אין שטוב, אויסצושרייבן מיינע ראָלן, און אַדלער פֿלעגט זיי מיט מיר איבערגיין. איך בין דעמאָלט געווען באַקאַנט מיט אַ סך זאַכן פֿון זיין לעבן און וואָלט געקאָנט אַ סך וועגן דעם דערציילן...

„יעדער אַרטיסט", האָט וואָלטעיר געזאָגט, „ווען ער וויל, אַז זיין קונסט זאָל אַרויסקומען פּערפֿעקט, מוז באַזיצן אין זיך דעם טייוול".

אַדלער האָט פֿאַרמאָגט אין זיך דעם געטלעכן אַרטיסטישן טייוול. אָבער ער איז אַ סך מאָל געווען צו שוואַך צו האַלטן זיין אייגענעם טייוול ביי די הערנער, מיט אים צו קאָמאַנדעווען, און דער דאָזיקער טייוול האָט אים אַ סך מאָל פֿאַרפֿירט.

יעקב גאָרידן האָט עס אויף זיין אופֿן אויסגעדריקט, זאָגנדיק אַדלערן צו זיין 48טן געבורטסטאָג: „וועט איר האַנדלען ווי אַ מענטש, איז אַ סימן, אַז איר האָט אַ מוח, און 'מח' באַטרעפֿט וויפֿל אייערע יאָרן, — 48; אויב ניט, איז דער מח אייערער איבערגעקערט און עס מאַכט חם [כאַם], וואָס באַטרעפֿט אויך 48"...

צווייטער טייל

מיין זון־אויפגאַנג

„ווי גוט וואָלט געווען, מאַי דיער, [מיין טייערע],
ווען די עלטער קומט פריער
און די יוגנט נאָך איר..."

(פון מיינעם אַ טעאַטער־ליד).

עס וואָלט אפשר געווען ראַטזאַם, אַז אַן אויטאָביאָגראַפער זאָל אָנהויבן שרייבן זיינע דערינערונגען אויף צוריק. ווייל עס טרעפט אָפט, אַז ביז דער בעל־זכרונות קומט צו דער צייט, ווען ער האָט באמת צו דערציילן עפּעס וויכטיקס וועגן זיינע אויפטוען און זיין סביבה — איז אָדער עס פעלן אים יאָרן, אָדער ער איז בכלל מער נישט בכוח דאָס צו טאָן. אָבער מיט דעם איצטיקן טייל פון מיינע דערינערונגען הויבט זיך אָן אַ קאַפּיטל אין מיין לעבן, וואָס האָט געהאַט אפשר די גרעסטע ווירקונג אויף מיר ביז היינט־צו־טאָג — די צייט, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט מר"ס הערמאַן, די שפּעטער באַרימטע יידישע שוישפּילערין קלאַראַ יאַנג.

אין מיטן די 90ער יאָרן האָב איך אין שטוב פון דעם שוישפּילער סעמועל טאָרענבערג געטראָפן אַ בחורל — בלוט און מילך, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער איז נאָר־וואָס אַוועק פון דער מאַמעס פאַרטוך. דאָס ייִנגל האָט געהאַט אַ מיידלעש פנים, האָט אויסגעזען ווי פון אַ יאָר זעכצן—זיבעצן, אָנגעטאָן אין אַ „פרינץ־אַלבערט", די שפּיצן פון קאָלנערל ברייט־אָפּגעטיילט מיט אַ שניפּס, וואָס איז געווען אַרטיסטיש אויסגעבונדן, און אַ צילינדערהוט. טאָרענבערג האָט אים מיר פאָרגעשטעלט: „דאָס איז דזשייקל קאָהן, אַ ביאַליסטאָקער. ער וועט אַמאָל זיין אַ גוטער ליבהאָבער־ראָליסט".

דער יונגער קאָהן האָט אונדז דערציילט, אַז ער קומט פון פּראָווידענס, וואו ער האָט געשפּילט די ראָל פון דעם לערער יאַפּע אין „יידישן קעניג ליר". „קעניג ליר" האָט געשפּילט דער מענעדזשער פון דער טרופּע איציקל זאָלאָטאַרעפסקי (דער שפּעטערדיקער דערפאָלגרייכער דראַמע־שרייבער). די ראָל פון שמאי — אַ געוויסער הערמאַן, און די ראָל פון „טייבעלע" (קעניג לירס יינגסטע טאָכטער) האָט געשפּילט מר"ס קלאַראַ הערמאַן.

אַליין נאָך אַ בחור פֿון אַרום 25, איז מיין ערשטע פֿראַגע געווען: „איז זי עפּעס אַ שיינע, די מר"ס הערמאַן?" „זייער אַ שיינע", האָט גע־ענטפֿערט דזשייקל קאָהן.

זומער, ווען איך בין געפֿאָרן קיין באָסטאָן, האָב איך דאָרט געטראָפֿן אַ יידישע טרופּע, וואָס האָט געשפּילט יעדע צווייי וואָכן אַ פֿאָרשטעלונג. די טרופּע איז באַשטאַנען פֿון בערטאַ און א. י. טאַנצמאַן, אַבאַ שיינגאָלד, אַ געוויסער ניו־יאָרקער קאָמיקער וואַכטעל, וועלכער האָט געהאַלטן אין באָסטאָן אַ רעסטאָראַן, מיטניק, שענקמאַן און אויך מ"ר און מר"ס הערמאַן. געקליבן האָט מען זיך צו שפּילן די קאָמעדיע „די פֿאַרבלאָנדזשעטע נשמה", אין וועלכער איך האָב מיטגעשפּילט. די ראָל פֿון דעם יונגן אַמעריקאַנער באַי סעם (שמואליקל), האָט מען געגעבן צו שפּילן דער פֿרוי הערמאַן. אַלע אַקטיאָרן זיינען מיר געווען באַקאַנט, איך האָב מיט זיי געשפּילט אין ניו־יאָרק. אומבאַקאַנט פּערזענלעך זיינען מיר געווען בלויז מ"ר און מר"ס הערמאַן. קלאַראַ הערמאַן איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַמע פֿון אַ קינד. געזאָגט האָט מען, אַז זי איז אַלט 17 יאָר. אָבער אויסגעזען האָט זי פֿיל יינגער. אַ פֿיגורל פֿון אַ פֿערצן־יעריק מיידעלע, מיט אַ פּנימל, ווייס ווי מילך, און אויגן... אויגן, זאָגט מען, זיינען פֿענצטער פֿון דער נשמה, מען קאָן דורך זיי זען דאָס, וואָס עס טוט זיךביים מענטשן אין האַרצן. קלאַראַ הערמאַנס גרויסע, בלויע אויגן זיינען געווען קלאָר ווי קריש־טאָל, פֿול מיט יונגנטלעכן פֿייער. זיי האָבן דערמאָנט אָן די עראָטיש־פֿאַר־פֿירערישע אויגן פֿון דער יידיש־ענגליש־פֿראַנצויזישער אַקטריסע אַננאַ העלד; ווען אָט די אויגן זיינען אויף אייך אָנגעשטעלט געוואָרן, האָבן זיי היפּנאָטיזירט און איר האָט געמוזט טאָן זייער ווילן. דורך פֿרוי הערמאַנס אויגן האָט איר געקאָנט זען, אַז זי איז אומגליקלעך געווען (זי איז פֿאַר־הייראָט צו אַ קליין־געוואַקסענעם מאַן, אַ בינע־פֿאַרוואַלטער און אַן עפּיזאָדן־ראַליסט, עלטער פֿון איר מיט זעכצן יאָר. זי האָט קיינמאָל ניט געפֿילט קיין אמתע ליבע צו אים). איר שפּילן האָט מיך נישט איבערראַשט. אַנטציקט בין איך אָבער געוואָרן פֿון איר יוגנטלעכער פֿרישקייט, גראַציע, און איר קינדעריש קול פֿון אַ 14־יעריק יינגל.

אין באָסטאָן האָב איך דערהאַלטן פֿון יעקב פּ. אַדלערן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט וואָס איך טו און ווי די געשעפֿטן זיינען אין טעאַטער אין באָסטאָן, אָבער איך זאָל אים ענטפֿערן אָן „ווענס" און אָן „אַדערקעס" (עס הייסט, איך זאָל אים נישט שרייבן „ווען" עס וואָלט נישט געגאַנגען קיין רעגן, „אַדער" „ווען" עס וואָלט געווען „גוט אַדווערטאַיזט", וואָלט געווען אַ פֿול הויז). האָב איך אים געענטפֿערט, אַז איך סאַרטיר־אויס

מיינע פֿאַרשיידענע ראָלן, וואָס איך האָב ביי אים געשפּילט דעם לעצטן סעזאָן: קעניגן לייג איך צו קעניגן, גראַפֿן — צו גראַפֿן, לאָרדן — צו לאָרדן; שניידערישע און שוסטערישע ראָלן מיש איך אויס צוזאַמען, ווייל איך וויל זיי זאָלן זיין פֿאַראייניקט, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן עקס־פּלואַטירן... „איר, מ״ר אַדלער — האָב איך געשריבן, — סאָרטירט אויך אוודאי אַ הונדערט דאָלער צו אַ הונדערטער, און אפֿשר סאָרטירט איר אויך פֿינף־הונדערטערס...״

וועגן שפּילן דעם קומענדיקן סעזאָן ביי אים האָב איך אים אַפֿילו נישט דערמאָנט, ווייל קלאַראַ הערמאַנס אויגן האָבן שוין גערעדט צו מיר, איך זאָל ניט אַוועקפֿאָרן... איך זאָל פֿאַרבלייבן אין באָסטאָן...

הגם איך האָב געזוכט צו פֿאַרגעסן, און זי אַפֿילו געהאַסט פֿאַר איר שטאָלצקייט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז אַ קליין שלענגעלע... אָבער ווי האָט היינע געזאָגט: „איך טראָג אַ טויזנט שלאַנגען אין מיין בוזעם, און צווישן זיי אויך ליבע פֿאַר דיר״... איזידאָראַ דאָנקאָן דערציילט, אַז זי האָט אַמאָל זיך פֿאַרליבט אין אַ מוזיקער, ווען זי האָט פֿריער, פֿאַר עקל, נישט געקאָנט פֿאַר די אויגן אַנזען.

וואָס מען זוכט מיט געוואַלד צו פֿאַרגעסן, גייט אפֿשר אַרויס פֿון באַ־וואוסטזיין, נאָר עס קריכט אַריין אין דעם מענטשנס אונטערבאַוואוסטזיין. קלאַראַס אויגן זיינען אַריין אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין ביז... ביז די ריכטיקע צייט איז געקומען, און זיי זיינען פֿאַר מיר אויפֿגעגאַנגען ווי די זון...

דאָס פֿייער אין באַלטימאָר

פֿון דער פֿאָרשטעלונג „די פֿאַרבלאָנדזשעטע נשמה״ איז אונדז פֿאַרבליבן וואַסער אויף קאַשע, און די טרופּע האָט באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן פֿון באָסטאָן. די טאַנצמאַנס האָבן געוואָלט מיר זאָלן פֿאָרן קיין באַלטימאָר; אַבאַ שייב־גאָלד האָט זיך געריסן צו פֿאָרן קיין שיקאַגאָ; אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין באַלטימאָר. קלאַראַ הערמאַן און איר מאַן זיינען פֿאַרבליבן אין באָסטאָן.

אין באַלטימאָר זיינען דעמאָלט געווען דער באַוואוסטער קאָמיקער סעם קעסטין מיט זיין פֿרוי און נאָך אייניקע אַקטיאָרן. האָבן מיר גע־שריבן אַ בריוו צו קעסטינען, ער זאָל זיך פֿאַררעכענען ביי אונדז אין דער טרופּע און אַז די טעג וועט אָנקומען קיין באַלטימאָר אונדזער מע־נעדזשער פֿון באָסטאָן. דער מענעדזשער האָט באַדאַרפֿט אויסלייגן דאָס

געלט צום שפּילן און אויך געבן די אַקטיאָרן אַ פּאָר דאָלער „פּאַרשוס״. אַזוי ווי אונדזער אָפיציעלער געשעפטס־פירער, מיטניק, האָט נישט געקאָנט אַוועקפאָרן פון באָסטאָן (ער פלעגט ארומגיין אין די הייזער אָננעמען קליינע בילדער צום פּאַרגרעסערן), איז דער גורל געפאַלן אויף מיר צו פאָרן קיין באַלטימאָר און קריגן דאָרט אַ מענעדזשער. נאַטירלעך האָב איך געדאַרפט אויסזען ווי אַ פאַרטרעטער פון נישט עפּעס אַ „שלעפּערישער״ טרופּע. האָב איך אָבער נישט געהאַט קיין לייטישן אָנצוג און די געלאַ־טעטע שיך מיינע זיינען אויך ניט געווען אַזוי איי־איי־איי... האָט מיר מיט־ניק געבאָרגט זיינעם אַן אָנצוג, וואָס איז געווען מיט צוויי נומערן גרעסער פון מיינעם, אויף די שיך האָב איך אַרויפגעלייגט נאָך אַ לאַטע, אַן אַלטע פּאַלערינע מיט אַ שטעקן האָב איך געהאַט מיין אייגענע, אַ צילינדער האָט מיר געגעבן טאַנצמאַן, און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט קיין באַלטימאָר צו קריגן אַ יידן, וואָס איז ווילי׳ק איינצולייגן אַ פּאָר הונדערט דאָלער און ווערן אַן אימפּרעסאַריאָ ביים יידישן טעאַטער.

סעם קעסטין האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם מענע־דזשער פון באָסטאָן, ער זאָל קאָנען דערוויל כאַפּן ביי אים אַ פּאָר דאָלער אויף צו עסן ביז צום שפּילן. ער איז געקומען צו דער באַן מיך באַגעגענען אין זיין בעסטן אָנצוג — אַ טאַקסידאָ.

ווען קעסטין האָט מיך דערזען אין דער אַלטער, אָפּגעריבענער פּאַלע־רינע (וואָס דער אויבערשטער טייל איז געווען צוגעטשעפּעט מיט שפּיל־קעס) און מיט דעם צעקנייטשטן צילינדער, האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. נאָר ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז קיין מענעדזשער איז נישטאָ און אַז איך וועל דאַרפן זען צו קריגן אין באַלטימאָר אַ מענעדזשער מיט אַ פּאָר הונדערט דאָלער, האָט ער שוין מער נישט געלאַכט.

איך האָב ענדלעך געקראָגן אַ יידן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו ווערן דער מענעדזשער און אַריינלייגן וויפל געלט מען דאַרף.

דאָס ערשטע געלט, וואָס דער ייד האָט אַריינגעלייגט אין געשעפט, איז געווען די פּאָר דאָלער, וואָס קעסטין האָט ביי אים גענומען אויף צו עסן און זיך געטיילט מיט מיר (מיר איז נישט אָנגעשטאַנען צו בעטן ביים יידן, כדי ער זאָל נישט דענקען, אַז מיר זיינען אויך ווי יענע פּראָווינץ־טרופּעס, וואָס זוכן ביים מענעדזשער בלויז אויסצונאַרן געלט).

איך האָב דעמאָלט גענומען דאָס אַלטע „פאָרד אָפּערע־הויז״, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט גאַז, און האָב אָנאָנסירט, אַז מען וועט שפּילן לאַ־טיינערס „היסטאָרישע אָפּערע״ —„אַלעקסאַנדער, דער קרוינפּרינץ פון ירושלים״, מיט שיינגאָלדן אַלס אַלעקסאַנדער; מר״ס טאַנצמאַן — נעמי;

בועז יאַנג — איר פֿאָטער מנחם; מיטניק — דעם אינטריגאַנט; און דעם בוף־קאָמיקער — אַברהם טאַנצמאַן; סוזי קעסטין (קעסטינס פֿרוי) אַלס זלפה; סעם קעסטין, דער שפּעטערדיקער בוף־קאָמיקער פֿון ניו־יאָרק, איז בעת דער פֿאָרשטעלונג געשטאַנען בײַ דער טיר, און געקוקט ווי טאַנצמאַן שפּילט זײַנס אַ ראָלע און אַכטונג געגעבן, אַז די באַלטימאָרער יידן זאָלן זיך נישט אַרײַנכאַפּן אין טעאַטער אומזיסט.

אַ פּאָר טעג פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג איז געווען דרײַ־פֿערטל טעאַטער אויספֿאַרקויפֿט. איך האָב זיך געוואונדערט, ווײַל מיט אַ שטיקל צײַט צוריק האָב איך געשפּילט אין באַלטימאָר טאַקע מיט דעם זעלבן טאַנצמאַנען און טשאַרלס נאַטאַנזאָן און מען האָט פֿאַר מיר געדאַרפֿט צוזאַמענגעמען אויף אַ בילעט צוריק קיין ניו־יאָרק...

אין אָוונט פֿון דער פֿאָרשטעלונג איז דאָס גאַנצע טעאַטער, וואָס האָט געהאַט צוויי טויזנט פּלעצער, געווען אויספֿאַרקויפֿט. מען האָט שוין פֿאַר־קויפֿט בלויז שטיי־פּלעצער, און נאָכאַמאָל אַזוי פֿיל מענטשן זײַנען גע־שטאַנען אינדרויסן אָן בילעטן.

האַלב נאָך אַכט האָט די מוזיק אָפּגעשפּילט די אָווערטורע, דער פֿאָר־האַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן און דער כאָר האָט אָנגעפֿאַנגען זינגען.

ווען שיינגאָלד האָט דערהערט, אַז מען האָט אָנגעהויבן שפּילן, האָט ער געשריגן, אַז מען זאָל דעם פֿאָרהאַנג צוריק אַראָפּלאָזן, ווײַל ער איז נאָך נישט פֿאַרטיק מיטן אָנטאָן זיך. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געמוזט דעם „סטאַר" פֿאָלגן. מען האָט צוריק אַרונטערגעלאָזט דעם פֿאָרהאַנג, און אין טעאַטער איז ווידער געוואָרן ליכטיק.

אויף דעם באַלקאָן איז געווען אַ גאַז־רער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין „קנאַפּ" און דער פֿלאַם האָט אַרויסגעשאָסן זייער הויך. אַ ייד אַ חכם האָט געוואָלט דעם גאַז פֿאַרלעשן און האָט אויפֿן פֿלאַם אַרויפֿגעוואָרפֿן זײַן אויי־בעררעק. איינער האָט אַ געשריי געטאָן „פֿייער!" דאָס פּובליקום האָט אָנגעַ־הויבן לויפֿן צו דער טיר, אָבער האָט נישט געקאָנט אַרויס, ווײַל דאָס דרויסנדיקע פּובליקום האָט זיך געשפּאַרט אַרײַנצוגיין אין טעאַטער. קיין אַנדערער אַרויסגאַנג איז נישט געווען. דערווײַל האָט מען אויף דער בינע פֿאַרדרייט די גאַז־באַלייכטונג, כּדי דער פֿלאַם אויף דעם באַלקאָן זאָל ווערן קלענער. אין טעאַטער איז געוואָרן טונקל און מען האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען פֿון באַלקאָן, פֿון דער גאַלעריע, און פֿון דער גאַס האָט מען זיך אַליץ געשטופּט אין טעאַטער אַרײַן. פֿרויען, קינדער און מענער האָבן געטראָטן איינס אויף דאָס אַנדערע — ביז די פֿייערלײַט זײַנען געקומען און מען האָט באַפֿרייט די מענטשן פֿון טעאַטער.

פֿון שפּילן אַ פֿאָרשטעלונג האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין. מיר, אַקטיאָרן, האָבן זיך אָנגעטאָן און זיינען דורך דער בינע אַוועק אין האָטעל. דער קאַסירער האָט געזאָגט, אַז אין גערדראַנג האָט מען ביי אים דאָס גאַנצע געלט צוגענומען. קעסטין, וועלכער האָט ביי דער טיר גענומען צו דאָלער אַ שטיק פֿאַר אַריינגיין אין טעאַטער, האָט אויסגעליידיקט זיינע קעשענעס אין אונדזער אַנוועזנהייט און מיר האָבן איבערגעציילט קנאַפּע הונדערט און פֿופֿציק דאָלער.

ערשט אינדערפֿרי האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן דעם גרויסן אומגליק: 34 לויות פֿון צעטראָטענע, צעדריקטע מענער, פֿרויען און קינדער זיינען צומאָרגנס געווען אין שטאָט, און אַלץ דערפֿאַר, ווייל אַ ייד, אַ שוטה האָט געוואָלט מיט זיין ראָק אויסלעשן דעם גאַז־פֿלאַם.

אין אַכט טעג אַרום האָט די שטאָט־רעגירונג פֿאַראַנשטאַלטעט אַ בענעפֿיט־פֿאָרשטעלונג פֿאַר די פֿאַמיליעס פֿון די קרבנות, און די יידישע טרופּע האָט אויך אָנטיילגענומען: מיר האָבן געשפּילט דעם ערשטן אַקט פֿון דער זעלבער פּיעסע, וואָס פֿיר טויזנט יידן זיינען געלאָפֿן זען און 34 פֿון זיי האָבן געפֿונען דעם טויט אין טעאַטער.

איך פֿאָר אַהין, וואו קלאַראַ הערמאַן געפֿינט זיך

נאָך דעם אומגליק אין באַלטימאָר האָבן מיר, נאַטירלעך, נישט געטראַכט אַפֿילו מער צו שפּילן אין דער שטאָט. די אַקטיאָרן זיינען זיך צעפֿאָרן. איך און סעם קעסטין זיינען געפֿאָרן קיין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק זיינען די טרופּעס שוין געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿאַרן קומענדיקן סעזאָן און איך האָב נישט געזען קיין פּלאַץ פֿאַר מיר. קיין אָפּגעשפּאָרט געלט האָב איך נישט געהאַט, איז מיר אויסגעקומען צו שלאָפֿן אין אָפֿענע פּאַרקס. אָבער עסן? — זיצן מיר אַ געוויסן טאָג, איך און סעם קעסטין, אין פּאַרק, הונגעריק און שלעפֿעריק, ווי אין גאָלדפֿאַדענס „קאַבצענזאָן און הונגערמאַן", און טראַכטן, וואו נעמט מען אַ פּאָר סענט צו קויפֿן אַ זעמל. און אָט אַזוי קלערנדיק, האָבן מיר זיך דערטראַכט צו אַ פּלאַן: אויף גרענד סטריט, עק באָוערי, איז געווען אַ „סאַלון", וואו מען האָט געקאָנט עסן אַ גוטן „פֿרי לאָנטש" (אַ פֿרייען צובייס), מיט זופּ און פֿלייש אַפֿילו, ווען מען האָט נאָר געטרונקען אַ גלאָז ביר. זיינען מיר אַריינגעגאַנגען אין אָט דעם „סאַלון". קעסטין, אַ נידעריקער, איז צוגעגאַנגען צום בופֿעט, און איך, אַ הויכער, האָב אים פֿאַרשטעלט מיט מיין פּלייצע

און זיך געווישט די ליפּן, ווי איך וואָלט נאָר וואָס געהאַט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ביר. קעסטין האָט נישט טועם געווען, נאָר געפּאַקט אין די קעשענעס, וואָס ער האָט נאָר געזען אויפן „קאַנטער", און אויף דער גאַס וואָלטן מיר זיך שוין געטיילט מיטן רויב. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז אַ באַטרונקענער האָט אַוועקגעוואָרפן כמעט נאָך אַ גאַנץ סיגאַרעטל, און איך, וואָס האָב נאָך אין דעם טאָג נישט געהאַט גערויכערט, האָב זיך איינגעבויגן עס אויפצוהייבן. דאָ האָט דער „באַרטענדער", מיט אַ פּנים רויט ווי אַ בורעק און מיט אַ בויך פון אַ דייטשן מיכעל, דערזען קעס־טינען, ווי ער שטייט ביים קאַנטער און ער רוקט אין די קעשענעס. נו, נו... דער באַרטענדער האָט גענומען אויספּאַקן פון קעסטינס קעשענעס שטיקלעך הערינג, ברויט, וואורשט, אַרבעס, רעטעכלעך, און גיט זיך דערנאָך אַ לאָז צו מיר:

— דו לאַנגער הינטישער זון, אַרויס פון דאַנען!

און צו קעסטינען זאָגט ער:

— דו, קליינער, קאָנסט עסן וויפל דו ווילסט, אָבער גיב גאָרנישט דעם לאַנגן!

ווען איך וואָלט איצט פאַרמאָגט דאָס געלט און די דערפאָלגן פון אַמאָל, וואָלט איך עס מיט פאַרגעניגן אַוועקגעגעבן פאַר יענע הונגעריקע טעג און די שלאָפלאָזע נעכט, פול מיט יוגנטלעכע האָפענונגען...

דאָס האַרץ האָט געצויגן צו קלאַראַ הערמאַן און איך בין צוריקגעפאָרן קיין באָסטאָן.

אָפּזייענדיק אַ צוויי טעג אין באָסטאָן, באַקום איך אַ טעלעגראַם פון איציק זאָלאָטאַרעפסקין, איך זאָל קומען קיין מאָנטרעאָל, וואו ער גייט אויפפירן „שולמית". ווען פרוי הערמאַן האָט געהערט, אַז איך פאָר אַוועק, מאַכט זי צו מיר:

— ר' קוני לעמל, וואָס זייט איר געקומען און וואָס פאָרט איר אַוועק?

ענטפער איך:

— איך בין אַליין נישט געקומען, ליבע האָט מיך געבראַכט אַהער.

קלאַראַ האָט געשמייכלט און אַנגעשטעלט אירע אויגן אויף מיר:

— און ווער נעמט אייך איצט אַוועק פון דאַנען?

איך האָב נישט געוואוסט וואָס איר צו ענטפערן — און בין פאָרט אַוועקגעפאָרן קיין מאָנטרעאָל (קאַנאַדע).

די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע פאָרשטעלונג אין מאָנטרעאָל

ערשט אין מאָנטרעאָל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער מענעדזשער, יצחק זאַלאַטאַרעפסקי, רעכנט אַליין צו שפּילן די ראָל פון אבשלום. איך האָב געזוכט אים אָפּצורעדן פון דעם: „נישט דו קענסט זינגען און נישט דו האָסט די פיגור פאַר דעם". נאָר זאַלאַטאַרעפסקי איז דורכאויס באַשטאַנען, אַז ער מוז שפּילן דעם ליבהאָבער און העלד אבשלום און קיין אַנדערער. וואָס טוען אָבער די געטינס פון קונסט? ליגקט זיך אויס זאַלאַטאַרעפסקי אַ פוס און מען מוז שיקן נאָך מיטניקן פון באָסטאָן.

„שולמית" האָט דעמאָלט געשפּילט אַ כאָריסטקע פון ניו־יאָרק, פרוי נוסענבלאַט; „אביגיל" — פרוי ברוין (שפּעטער פרוי ריינהאַרט); איך — אלס מנוח; פאַר דער ראָל פון צינגעטאַנג האָט זאַלאַטאַרעפסקי געבראַכט פון ניו־יאָרק סעמועל טאַרענבערגן.

„שולמית" האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג. איך דענק, אַז דאָס איז געווען די ערשטע פאָרשטעלונג, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין מאָנטרעאָל פון פּראָפעסיאָנאַלן. דאָס איז געווען אין יאָר 1896.

מאָנטרעאָל האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג פון אַרום צען טויזנט און האָט זיך געגויטיקט אין אַ יידיש טעאַטער. נאָך „שולמית" שפּילט מען געוויינלעך „בר־כוכבא"; און אַזוי ווי די „שולמית"־שפּילערין איז אַוועקגעפאָרן, האָב איך נישט גערוט, ביז מען האָט געשיקט קיין באָסטאָן נאָך מ"ר און מר"ס הערמאַן.

נאָך אַכט טעג וואַרטן, וואָס ביי מיר האָט עס אויסגעזען ווי אַכט יאָר, זיינען קלאַראַ הערמאַן און איר מאַן אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל.

די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּרימאַדאָנע־ראָלע, וואָס קלאַראַ הערמאַן וועט דאַרפן שפּילן, האָב איך גענומען אויף זיך. דריי וואָכן כסדר האָב איך יעדן טאָג פאַרבראַכט דריי־פיר שעה מיט קלאַראַן, איינגעשטו־דירט מיט איר דאָס געזאַנג און אויך די „פּראָזע" פון דער ראָל „דינה" — פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעט איז מיר געווען ליב און אָנגענעם.

קלאַראַ האָט געהאַט אַ הויכן סאָפּראַן און פלעגט אָפּט „אַרויפּציען", אַמאָל מיט אַ גאַנצן טאָן. איך פלעג ווערן נערוועז און אויפגערעגט, אָבער ווען זי האָט אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן און געשמייכלט, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער כרובים זינגען...

קלאַראַ איז געווען מיין ערשטע אמתע ליבע. די ליבע, וואָס איך האָב געפילט צו מיין שטיפשוועסטער חיהלע, ווען איך בין געווען פופצן־זעכצן יאָר אַלט, איז געווען פון אַ יינגל, וואָס ווערט רייף געשלעכטלעך.

אָבער צו קלאַראַן האָב איך, שוין אַ בחור פֿון 26 יאָר, געפֿילט אַ גײַסטיקע, נשמהדיקע ליבע. דער געדאַנק, אַז קלאַראַ וועט פֿון מיר האָבן אַ קינד, זי וועט זײַן די מאַמע פֿון מײַן צוקונפֿטיקן „איך", האָט זי געמאַכט אין מײַנע אויגן ווי אַ טייל פֿון מיר. איך האָב שוין אין דער פֿאַנטאַזיע געקושט דאָס נאָך נישט־געבוירענע קינד. ווען איך האָב קלאַראַן געקושט, איז מײַן האַרץ געווען אָנגעפֿילט מיט פֿרייד און נחת פֿאַר דער צוקונפֿט...

„בר־כּוכבא" האָט געמאַכט נאָך אַ גרעסערן רושם ווי „שולמית". מיטניק האָט געשפּילט די ראָל פֿון „בר־כּוכבא"; קלאַראַ — „דינה"; „פּאַפּוס" — הערמאַן; דעם צעזאַר — אַ דילעטאַנט פֿון מאָנטרעאָל, ראַבינאָוויטש, און איך — דעם אַלטן „אליעזר". קלאַראַ האָט זיך געפֿרייט, ווען זי האָט געהערט, אַז מען לויבט מיך מער פֿון אַלע.

מיר האָבן אַלע געוואוינט בײַ אַ געוויסער פֿרוי גאָלדבערג, וועלכע האָט אויך געהאַט אַ רעסטאָראַן. מר"ס גאָלדבערג איז געווען אַ יונגע, שיינע פֿרוי, האָט אַליין ראַמאַנסירט מיט אַ פֿרעמדן מאַן, און האָט מיטגעפֿילט מיט קלאַראַ הערמאַן... ווען מיר האָבן אויפֿגעפֿירט לאַטײַנערס „יוסף מיט די ברידער" און קלאַראַ האָט געשפּילט יעקבס מוזיניקל, בנימינדל, האָב איך געוואָלט קלאַראַן געבן בלומען אויף דער בינע; איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז איר געזעצלעכער מאַן וועט זיך עפּעס אַנשטויסן... כאָטש די אַקטיאָרן און אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט אין טעאַטער, אַפֿילו די געסט פֿון פֿרוי גאָלדבערגס רעסטאָראַן, האָבן שוין געוואוסט, אַז איך שפּיל אַ ליבע מיט פֿרוי הערמאַן. דאָך הערמאַן אַליין האָט דערווײַל גאָרנישט פֿאַרדעכטיקט. ווי זאָגט שעקספּיר: „דער מאַן איז דער לעצטער געוואָר צו ווערן..." האָב איך דער פֿרוי גאָלדבערג אָוועקגעגעבן מײַן לעצטן דאָלער מיט פֿופֿציק סענט, זי זאָל קויפֿן בלומען, זיך אַליין אונטערשרײַבן אויפֿן קאַרטל און עס אַרויפֿגעבן קלאַראַן אויף דער בינע. דאָס זײַנען געווען די ערשטע בלומען, וואָס איך האָב ווען עס איז געגעבן אַ פֿרוי... (פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אַ פֿאַרגעניגן צו געבן אַ פֿרוי בלומען — עס דערמאָנט מיך שטענדיק אין דעם ערשטן בוקעט...).

קלאַראַ איז מיט דעם זייער שטאָלץ געווען. ווען זי איז נאָך דער פֿאָרשטעלונג אַרײַנגעקומען אין רעסטאָראַן, האָט זי אַרומגעכאַפּט מר"ס גאָלדבערג און זי האַרציק געקושט. מר"ס גאָלדבערג האָט איר אויסגעזאָגט, אַז דאָס זײַנען מײַנע בלומען. קלאַראַ האָט אויסגעגלאָצט אירע גרויסע אויגן... שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך ביידע געפֿונען אין פֿאָדערהויז, האָט קלאַראַ מיך באַשאָטן מיט הייסע קושן, פֿאַר וועלכע איך וואָלט דעמאָלט געווען אָוועקגעגעבן אַ פּאָר יאָר פֿון מײַן יונג לעבן.

אויפֿן מאָנטרעאָלער באַרג

„אַנאַרכיסטיש געזאָגען", האָב איך במילא געהאַלטן פֿון „פֿרייער ליבע". איך האָב אָבער אויך געהאַלטן, אַז מיר דאַרפֿן וועגן דעם דערציילן הער־מאַנען. ווען קלאַראַ האָט דאָס דערהערט, האָט זי מיך אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט אַראָפּ פֿון זינען.

אָבער הערמאַן האָט זיך במילא דערוואוסט וועגן אונדזער ליבע און האָט געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל אין רעסטאָראַן, אין קעגנוואַרט פֿון אַלע געסט, אַז מען האָט געמוזט רופֿן פּאָליציי.

נאָך דעם סקאַנדאַל פֿלעגן מיר זיך טרעפֿן כמעט יעדן טאָג אויף דעם באַרימטן מאָנטרעאָלער באַרג, וואוהין מיר פֿלעגן אַרויפֿפֿאָרן מיט אַן „עלעוויטאָר" דורך אַ קייבל. דאָרטן האָבן מיר פֿריי שפּאַצירט, אויסגעגאָסן אונדזערע געפֿילן און זיך דערציילט וועגן אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט; קלאַראַ איז פֿון זלאָטשעוו, גאַליציע (איצט מערב־אוקראַינע, סאָוועטן־פֿאַרבאַנד). איר פֿאָטער האָט מען גערופֿן שלמה שפּיקעליצער, אַ משכּיל, וועלכער האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן. נפֿתּלי הערץ אימבער (דער מחבר פֿון „התּקוה") איז געווען אַן אינטימער חבר פֿון איר פֿאָטער. ווען דער פֿאָטער איז געשטאָרבן, האָט מען קלאַראַן אַוועקגעשיקט צו אַ מומען קיין אַמעריקע, וואו זי איז אַריינגעטראָטן אין דעם אַקטיאָר פֿיינמאַנס „דראַמאַ־טיק־קלאַב". איר ערשטע ראָלע איז געווען צו זינגען „הייסע באַבקעלעך" אין דער „כּישוף־מאַכערין". זי איז אויך געגאַנגען אין דער טאַנץ־סטודיאָ פֿאַר באַלעט ביי די ברידער קאַראַלפֿאַ, וועלכע זיינען געווען גרויסע טעאַטער־אונטערנעמער אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן.

ווען אַן אַקטיאָר גיט אויף די בינע, איז אַ סימן, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין קינסטלער מיט אַן אַרטיסטישער נשמה. ווי עס ווייזט אויס, האָט קלאַראַ הערמאַן נישט געהאַט קיין געטלעכן אַרטיסטישן פֿונק אין האַרצן, וואָס קלאַראַ יאַנג האָט שפּעטער פֿאַרמאָגט. ווייל ווען איך האָב איר דערציילט, אַז איך האָב אַ רייכן טאַטן אין איראָפּע, האָט זי געוואָלט אויפֿגעבן די בינע און פֿאָרן מיט מיר צו מיין פֿאַמיליע. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געזאָגט צו מיר:

— איך בין אַזוי יונג און אַזוי מיד... איך האָב נאָך קיין איין גוטן טאָג נישט געהאַט. כ'האָב נאָך קיין איין מאָל אין מיין לעבן נישט געהאַט גענוג געלט, איך זאָל קאָנען אַריינגיין אין אַ געשעפֿט און קויפֿן זיך אַ קלייד, זיך אָנטאָן ווי אַן אַקטריסע. דאָס, וואָס איך טראָג אויף דער בינע, האָב איך אַליין זיך געמאַכט. איך מוז זיך שטענדיק אַרויסגנבֿענען פֿון

דער וואוינונג, ווייל מיר האָבן קיינמאָל נישט צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט, און איצט נאָך, מיטן קינד, איז מיר זייער שווער צו שפּילן טעאַטער. איך וואָלט שוין געוואָלט פּטור ווערן פֿון דעם.

דאָס באַקלאָגן זיך אויף איר לאַגע האָט אויף מיר געווירקט. נישט איין מאָל האָב איך זיך אַליין אַרויסגעגנבעט מיטן פּעקל ביינאַכט, ווייל ס'איז נישט געווען אויף קיין דירה־געלט. איך בין דאָך אַליין געשלאָפֿן אין פּאַרק און אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער, ווען איך האָב שוין געהאַט געשפּילט אין ניו־יאָרק קעניגן, גראַפֿן און לאָרדן. און וואָס דערוואַרט מיך איצט? איך וויל דאָך ווערן אַ פֿאַמיליע־מאַן מיט אַ קינד... איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן — אפֿשר האָט זי רעכט? אפֿשר דאַרף איך אויך פּטור ווערן פֿון דעם אָרעמען געפּלאָגטן אַקטיאָרישן לעבן?...

און דאָך האָב איך געזוכט ווערטער זי צו טרייסטן:

— איך וועל זיין דער לעצטער דיך צוצורעדן, אַז דו זאָלסט בלייבן ביים טעאַטער און זיך מוטשען. אָבער איך בין אפֿשר דער ערשטער דיר צו זאָגן, אַז אויב דו וועסט דאָך פֿאַרבלייבן ביי דער בינע, וועסטו זיין אַ גאַר־גאַר גרויסע אַקטריסע און וועסט פֿאַרדינען אַ סך געלט.

— דו ביסט דער ערשטער מענטש, וואָס זאָגט עס מיר — האָט זי אויפֿלייכטנדיק געזאָגט און מיך געגומען קושן.

מיר האָבן באַשלאָסן איך זאָל אַוועקפֿאָרן קיין טאָראָנטאָ. הערמאַן וועט דענקען, אַז איצט וועט זי פֿאַרגעסן אין מיר און וועט זי נישט מער היטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַזוי גיך ווי זי וועט דערהאַלטן פֿון מיר אַ בריוו אויף פּאָסט־רעסטאַנט, מיט מיין אַדרעס אין טאָראָנטאָ, זאָל זי קומען צו־פֿאָרן צו מיר מיטן קינד.

אָבער נישט איין בריוו האָב איך איר געשיקט פֿון טאָראָנטאָ און נישט איין טאָג איז אַוועק און זי איז אַלץ נישט געקומען צו מיר. האָט זי חרטה אויף איר שריט?... האָב איך זיך געפֿילט פֿאַרלאָזן, איינזאַם, איינער אַליין אין דער גרויסער וועלט.

הערמאַן קומט צופֿאָרן

ווען קלאַראַ איז געקומען מיטן קינד צו מיר קיין טאָראָנטאָ, האָב איך שוין געמאַכט שלום מיט דער מאַשין (פֿאַר זיבן דאָלער אַ וואָך), אויף וועלכער איך האָב שוין נישט געאַרבעט די לעצטע זעקס יאָר. איך האָב באַגריפֿן, וואָס פֿאַר אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט איך האָב אויף זיך גענומען. די אַרבעט איז מיר איצט ליב געווען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז עס

דערוואַרט מיך נאָך דער אַרבעט אַ פּרוי, וואָס האָט געבראַכט פֿאַר מיר אַזאַ קרבן און אָפּגעשניטן איר וועג אויף צוריק...

פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר זיבן דאָלער אַ וואָך האָב איך און קלאַראַ מיטן קינד נישט געקאָנט גיין עסן אין אַ רעסטאָראַן און מיט דער קיך האָט קלאַראַ נישט געלעבט אַזוי גוט... אָבער זי האָט מיר געוואָלט ווייזן, אַז זי קאָן מאַכן מאכלים. איין אָוונט באַגעגנט זי מיך אַ צעשטראַלטע: „אַן איבעררעשונג פֿאַר סאַפּער!"

— וואָס פֿאַר אַן איבעררעשונג?

זי דערלאַנגט כרעמדזלעך צום טיש. ווען איך האָב אין זיי אַרייַנגעשטעקט מייַנע ציין, האָב איך זיי מער נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן... קלאַראַ איז געבליבן אַ פֿאַרשעמטע. איך האָב זי געטרייסט:

— דערפֿאַר קלאַרעשי (דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב זי גערופֿן „קלאַרעשי", און אַזוי האָב איך זי גערופֿן די גאַנצע צייט פֿון אונדזער צוזאַמענלעבן) וועלן מיר מאָרגן, ווען איך וועל אָפּנעמען מייַנע „ווייַדזשעס", גיין אין רעסטאָראַן עסן.

אויף מאָרגן האָב איך מיין שאַפּ געפֿונען פֿאַרשלאָסן. אויך אַנדערע אַרבעטער זייַנען געשטאַנען אינדרויסן און מיר האָבן באַלד אויסגעפֿונען, אַז אונדזער באָס איז אַנטלאָפֿן מיט אַלעמענס שכירות, צוזאַמען מיט מייַנע זיבן דאָלער פֿאַר זעכציק שעה אַרבעט.

אין ניו־יאָרק פֿלעגט דאָס אַנטלויפֿן מיט דעם אַרבעטערס לוין פֿאָרקומען זייער אָפֿט. אַנטלויפֿן פֿלעגן זיי קיין קאַנאַדע; און די קאַנאַדער פֿלעגן לויפֿן קיין ניו־יאָרק.

ווען איך בין אַהיימגעקומען אַ פֿאַרצווייפֿלטער, האָט מיך קלאַראַ געטרייסט:

— זאָרג נישט. איך בין שוין געוואוינט דערצו. הערמאַן האָט שוין אַמאָל געהאַט אַ טעאַטער־מענעדזשער, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט דער קאַסע. איך בין זיכער, אַז מאָרגן וועלן מיר האָבן פֿינף דאָלער.

קלאַראַ האָט געבאָרגט ביי דער באַלעבאָסטע פֿון אונדזער דירה אַ האַלבן דאָלער און געשיקט אַ טעלעגראַמע קיין מאָנטרעאָל, און אויף מאָרגן איז פֿון דער פּרוי גאָלדבערג אָנגעקומען טעלעגראַפֿיש פֿינף דאָלער.

מיט איציקל זאַלאַטאַרעפֿסקי האָב איך די גאַנצע צייט קאָרעספּאָנדירט. זאַלאַטאַרעפֿסקי פֿלעגט זיין אַ מאַדים צו קריגן אַ יידן, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ פּאָר הונדערט דאָלער, און אים איינרעדן, ער זאָל ווערן אַ מענעדזשער פֿון יידישן טעאַטער. אַזוי פֿלעגט ער אַרומפֿאָרן אין די קלייַנע שטעטלעך מיט אַ פּאָר מענטשן און שפּילן יידיש טעאַטער.

זאַלאַטאַרעפּסקי האָט מיר געשריבן, אַז אָט־אָט נעמט ער אַ טעאַטער און שיקט מיר אַרויס צװײ בילעטן מיט אַ פּאָר דאָלער. דערװײַל איז אַװעק נישט אײן טאָג, װאָס ביים אויפשטיין איז נישט געװען קיין זעמל אין שטוב, און נישט איין נאַכט האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן אָן אַ ביסן און דאָס קינד האָט געזויגן אַ טרוקענע ברוסט...

אָבער װען די אויגן זײַנען פאַר דער צוקונפט, פילט מען נישט די נויט אין דער קעגנװאָרט.

אין אַ געװיסן טאָג האָט זאַלאַטאַרעפּסקי אונדז געשיקט צװײ בילעטן און אַ פּאָר דאָלער, מיר זאָלן קומען קיין סיראַקיוז. ער האָט אַנאָנסירט גאָרדינס „יידישער גלח", װאו איך דאַרף שפּילן ר׳ אַהרנצי (די ראָל האָב איך שוין געהאַט געשפּילט אין ניו־יאָרק מיט אַדלערן, דער ערשטער נאָך אַבא שײנגאָלדן, װעלכער איז געװען זײער גרויס אין דער ראָל) און קלאַראַ װעט שפּילן „בלומע". נאָך דעם זעלבן טאָג זײַנען מיר אַװעקגעפאָרן פון טאָראָנטאָ.

ביי דער באַן אין סיראַקיוז האָט זאַלאַטאַרעפּסקי מיט נאָך אַ יידן אונדז אָפּגעװאַרט. דעם יידן האָט ער פאַר אונדז פאָרגעשטעלט װי דעם מע־נעדזשער פון דער טרופּע, מ״ר העקער, און אונדז האָט ער פאָרגעשטעלט אַלס מ״ר און מר״ס יאַנג. דאָס איז געװען דאָס ערשטע מאָל, װאָס איך האָב געהערט פאַרשטעלן קלאַראַן אַלס מר״ס יאַנג. ס׳האָט געקלונגען אין מײַנע אויערן אַביסל מאָדנע.

דער מענעדזשער, מ״ר העקער, איז געװען אַ געזונטער מאַן פון אַ יאָר פופציק און האָט טאַקע אויסגעזען װי אַ העקער ביי בשר כשר. אפשר איז ער נאָך אין דער היים געװען אַ קצב, װײל ער פלעגט שפּעטער אָפט דער־מאָנען דאָס װאָרט טרײַבערן. אָבער איצט, אין סיראַקיוז, איז ער געװען אַ מענעדזשער פון טעאַטער.

װען אָט דער מענעדזשער האָט געקוקט אויף קלאַראַן, האָט מען גע־קאָנט זיך משער זײַן, אַז דער ייד איז געװאָרן אַ מעצענאַט ביים טעאַטער מער צוליב די אַקטריסעס, װי צוליב קונסט...

פון דער גאַנצער טרופּע, װאָס איז דעמאָלט דאָרט געװען, איז מיר געבליבן אין זכרון אײנער, װאָס האָט געשפּילט ביי דעם „יידישן גלח" משהלעס ברודער, מײַן צװײטן זון, מנשה. ער האָט געהייסן אַבראַמאָװ, געהאַט אַ װאונדערלעכן באַריטאָן־באַס, און װען ער װאָלט שטודירט, װאָלט ער געװען אַן אָפּערע־זינגער.

זאַלאַטאַרעפּסקי האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ שיין צימער, אַפילו מיט

אַ וויגעלע פֿאַר קלאַראַס קינד, און אַלץ האָט אויסגעוויזן צו זיין אין אָר־דענונג. מיר האָבן גערעכנט צו מאַכן אַ סך געלט אין סיראַקיוז.

אַ געוויסן אָוונט קומט צו אונדז מיטאַמאָל אַריין זאַלאַטאַרעפֿסקי, און נאָך אים דער מענעדזשער העקער — פֿאַרצווייפֿלט און שטאַרק אויפֿגערעגט. זאַלאַטאַרעפֿסקי זוכט אים צו באַרואיקן:

דאָס איז נישט אַזוי ווי איר דענקט, מ״ר העקער, עס וועט גאָרנישט זיין!

— וואָס איז געשען? — פֿרעגט קלאַראַ אומגעדולדיק.

— מיר האָבן אַ גאַסט אין שטעטל, — לאַכט זאַלאַטאַרעפֿסקי, — הערמאַן איז געקומען פֿון מאָנטרעאַל.

ביי די ווערטער האָט קלאַראַ אימפּולסיוו אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אויף די הענט.

איך בין געבליבן קאַלט. אייגנטלעך, זיך געמאַכט קאַלט און האָב געזאָגט:

— נו, אַז ער איז דאָ, איז וואָס?

— מ״ר העקער האָט מורא, אַז הערמאַן וועט מאַכן אַ סקאַנדאַל און דאָס קאָן זיך שלעכט אָפּרופֿן אויף דער איינגאַמע — האָט זאַלאַטאַרעפֿסקי געלאַכט.

— יאָ, יאָ! — רופֿט זיך אָן דער מענעדזשער גאַנץ ערנסט. — לאַכט נישט, ווען די יידן וועלן זיך דערוויסן, אַז די אַקטיאָרן שלאָגן זיך און איין אַקטיאָר האָט צוגענומען ביים צווייטן דאָס ווייב, וועלן זיי צוריקברענגען די „טיקעטס״, וואָס זיי האָבן שוין געקויפֿט. איך קען די סיראַקיוזער יידן!

— וואָס־זשע ווילט איר זאָלן מיר טאָן, מ״ר העקער? זאָל ער אים אָפּגעבן דאָס ווייב, אַבי מען זאָל אייך נישט אָפּגעבן די „טיקעטס״? — ווי־צלט זיך זאַלאַטאַרעפֿסקי. — אַז איך זאָג אייך, מ״ר העקער, אַז עס וועט גאָרנישט זיין, ווייס איך וואָס איך רעד. איך קען אים גוט. זי איז ביי אים נישט די ערשטע פֿרוי, וואָס איז ביי אים אַנטלאָפֿן. זי איז, ברוך השם, שוין די דריטע. ער איז שוין געוואוינט צו די צרות. אַי, צו וואָס ער איז געקומען? ער דענקט, אפֿשר...

— פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז ער איז דאָ? — פֿרעג איך.

— איך האָב אַליין גערעדט מיט אים, — זאָגט דער מענעדזשער.

— ער איז אַ קליינער, אַ שוואַרצער, מיט אַ בראָדעווקע אויפֿן פּנים.

קלאַראַ איז געזעסן אין אַ ווינקל מיטן קינד ביי דער ברוסט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. איך האָב נישט געוואוסט

וואָס צו זאָגן. זאַלאַטאַרעפּסקי האָט פֿאַרשטאַנען די לאַגע און האָט געזוכט אַוועקצוגײן מיטן מענעדזשער:

— קומט, מ״ר העקער, איך וועל מאָרגן אַלײן רעדן מיט אים און אויסגעפֿינען די אורזאַך „צוליב וואָס ער איז געקומען״.

אַרויסגײענדיק, זאָגט צו מיר זאַלאַטאַרעפּסקי שטיל:

— נו, האָסט עס נויטיק באַדאַרפֿט...

ווען מיר זײַנען געבליבן אַלײן, האָט זיך קלאַראַ שטאַרק צעווײנט און בײַ מיר בלויז געפֿרעגט צי ער קאָן מיט געוואַלד אַוועקנעמען פֿון איר דאָס קינד.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך דעמאָלט געטראַכט: הלוואי טוט ער דאָס. נישט חלילה, ווײַל דאָס קינד איז געווען פֿאַר מיר אַ לאַסט, נאָר פּשוט צוליב מײַן עגאָאיזם: איך האָב געוואָלט עס זאָל פֿאַרשווינדן יעדע שפּור פֿון קלאַראַס מאַן...

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז הערמאַן איז געקומען צופֿאָרן נישט צו מאַכן אַ סקאַנדאַל, און אויך נישט זי איבערצורעדן, אַז זי זאָל פֿאָרן מיט אים צוריק אַהײם — ער האָט בלויז געהאַט פֿאַרלאַנגט פֿון איר אַ יידישן גט. מיט פֿאַרגעניגן האָט אים קלאַראַ געגעבן דעם גט, בײַם דעמאָלטדיקן סיראַקיוזער ראַבאַי הערץ, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אויבער־ראַבינער אין ענגלאַנד. וועגן דעם קינד האָט הערמאַן אַפֿילו נישט פּרובירט אַרגו־מענטירן. ער האָט נאָר אַ זאָג געטאָן צו מיר חבריש:

— יאַנג, זאָלסט געדענקען מײַנע איצטיקע ווערטער: דו וועסט שרעק־לעך חרטה האָבן...

חרטה האָב איך ביז איצט אויף יענעם שריט נישט געהאַט. איך גלויב קוים, צי איך וואָלט מיטגעמאַכט אַזאַ רײַך, שטורמיש לעבן אָן קלאַראַ יאַנג... איבערהויפּט, ווען קלאַראַ האָט מיר געשאָנקען אַזאַ קינד, ווי אונדזער טאָכטער לוסי איז.

דער קאָנצערט אין יוטיקאַ

I

איך און קלאַראַ האָבן זיך נאָך אַלץ געפֿונען אין סיראַקיוז (זאַלאַ־טאַרעפּסקי און אַבראַמאָוו זײַנען אַוועק), און מיר האָבן געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי מיר זאָלן קענען קומען קיין ניו־יאָרק, אָדער זיך פֿאַרבינדן מיט אַ

טרופּע אויף דער פּראָווינץ. וואָס דען זאָל מען טאָן? צוריק זיך נעמען צו שניידעריי, האָט ניט געפּאַסט... און וועלכער „באָס" וועט וועלן צונעמען אַן „עקטער" צו דער אַרבעט? איך בין געווען פאַרצווייפלט.

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט קלאַראַ אַרומנעמען דאָס קינד, זיך צעוויינען, און טענהן צו מיר: „בערנאַרד, אויב איך מיטן קינד זיינען פאַר דיר אַ לאַסט, וועל איך אַוועקגיין. איך האָב צו דיר גאָרניט. פאַרקערט, איך דאַנק דיר, וואָס דורך דיר האָט הערמאַן מיך געג׳גט". ווען איך האָב דערזען טרערן אין אירע אויגן, פלעג איך זיך נעמען בעטן ביי איר:

„זיי מיר מוחל, קלאַרעשי, אונדזער לאַגע האָט עס געבראַכט דערצו. איך וועל דיך ניט לאָזן אַוועקגיין... און איך שווער דיר, אַז איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן".

איך האָב ניט געקענט זען קיין טרערן אין אירע אויגן — אַזוי די אַלע יאָרן, וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען.

פּלוצים באַקום איך אַ בריוו פון פילאַדעלפיע, פון מיין פריינט אברהם טאָנצמאַן, אַז ווען איך וואָלט איצט געווען אין פילאַדעלפיע, וואָלט איך אפשר געקענט אַריין אין דער טרופּע. אָבער וואו נעמט מען אויף הוצאות צו פאָרן?

מיין פאַרצווייפלונג איז איצט געוואָרן נאָך גרעסער.

ווען מעפּיסטאָ דער טייוול קומט דעמאָלט צו מיר מיט אַ פאָרשלאָג, איך זאָל אים פאַרקויפן אַ פּאָר יאָר פאַר צוויי באַן־בילעטן פון סיראַקיוז קיין פילאַדעלפיע, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן מיט אים געמאַכט דאָס געשעפט... מאַכט זיך, אַז עס קומט אַריין אַ שיינער באַלעבאַטישער ייד און פרעגט, אויב איך און קלאַראַ וואָלטן געוואָלט פאָרן קיין יוטיקאַ מיט אַ קאָנצערט פאַר אַ געוויסער „סאָסייעטי", אָבער — זיי קאָנען מער ניט צאָלן, ווי פופציק דאָלער. איך האָב מיך באַהערשט, ניט אַרויסצואווייזן מיין איבערראַשונג.

פופציק דאָלער פאַר אַ קאָנצערט, איז דעמאָלט געווען אַ גאַנצער פאַרמעגן...

קלאַראַ, זיצנדיק אָן אַ זייט, פאַרצירעוועדיק אירע צעריסענע זאָקן, האָט אָנגעהויבן צו ברומען אַ פריילעכן ניגון.

„פופציק דאָלער? — חזר איך איבער און זיך עס צו מאַכן צו קלייגעלט.

— ווען דער קאָנצערט וואָלט געווען מאָרגן, דאָ אין שטאָט, וואָלט זיך מיר אפשר געלוינט; אָבער איר ווילט דאָך אַוודאי פאַרקויפן בילעטן אין גאַס, וועט עס אויסקומען אין אַכט־צען טעג אַרום. עס לוינט ניט".

קלאַראַ מאַכט צו מיר מיט די אויגן, ווי איינער זאָגט — ביסט משוגע געוואָרן?...

זי הויבט אויף אירע צוויי אויגן צום יידן, גיט אים די האַנט, און איך זע ממש, ווי דער ייד צעגייט ווי פּוטער אונטערן דרוק פון איר הענטל — ער עסט זי אויף מיט די אויגן. רופט ער זיך אָן: „אַוודאי, ווען עס וואָלט זיך געוועגדט נאָר אין מיר אַליין, וואָלט איך אייך געגעבן הונדערט דאָלער פאַר דעם קאָנצערט. סיי ווי — פאַר באַן־בילעטן און פאַר אַ צימער מיט עסן אין יוטיקאַ וועלן מיר באַצאָלן. אויב די „סאָסייעטי" וועט ניט וועלן, צאָל איך פון מיין קעשענע. אָדער ווייסט איר גאָר וואָס: איך פאָר היינט צוריק קיין יוטיקאַ און וועל איבעררעדן מיט זיי, און מאָרגן וועל איך אייך לאָזן וויסן".

„ביין, ביין," ענטפער איך געשווינד, „איך מוז עס היינט וויסן אויף באַשטימט. איך דערוואַרט יעדע מינוט אַ טעלעגראַמע פון יאַקוב פּ. אַדלער. עס קען זיין, איך זאָל נאָך היינט דאַרפן פאָרן קיין ניו־יאָרק, נאָר אויב איר וועט מיר געבן אַ פופצן־צוואַנציק דאָלער האַנטגעלט, וועל איך מיט אייך אָפּמאַכן".

ווען דער ייד האָט מיר דערלאַנגט דריי פינפערלעך, האָב איך לייכטער אָפּגעאָטעמט און אים געזאָגט, אַז איך וועל קומען אַ דריי טעג פאַר דעם קאָנצערט.

„יאָ, יאָ," איז ער איינשטימיק, „קומט טאַקע פריער, זאָלן די יוטיקער יידן זען, אַז די אַקטיאָרן זיינען דאָ אין שטאָט. מען האָט שוין ניט איין מאָל אָפּגענאַרט..."

ווען דער ייד איז אַוועק, האָבן מיר זיך אַרומגעכאַפּט און געטאַנצט פאַר שמחה.

„לאָז מיך אָנקוקן די דריי פינפערלעך — האָט קלאַראַ זיך געבעטן — מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז ס'איז אַ חלום"...

איך בין באַלד אַרויסגעלאָפן און געקויפט מילך פאַרן קינד און עסן פאַר אונדז...

אויפן וועג טראַכט איך: מעגלעך אפשר, ווען קלאַראַ איז ניט מיט מיר, וואָלט דער ייד מיך אַליין ניט אָנגאַזשירט, ווייל איך אַליין וואָלט ניט געקענט אויספילן דעם אָוונט. מיט איר קען איך שפּילן אַן „איין־אַקטער" און זינגען אַ דועט — און מיר אַליין וואָלט מען ניט געגעבן קיין 50 דאָלער. די מורא, אַז איך האָב אויף זיך גענומען אַ שווערע לאַסט איז פון מיר אינגאַנצן פאַר־שוואונדן געוואָרן — איך בין ווידער געווען גליקלעך...

צומאַרגנס האָב איך באַצאָלט דער באַלעבאָסטע פֿאַר לאָזשי, געקויפֿט אַ קופֿערט, און מיר זײַנען געקומען קיין יוטיקאַ מיט פֿינף טעג פֿריער. דער ייד וועט דאָך באַצאָלן פֿאַרן צימער און עסן...

פֿון יוטיקאַ האָב איך געשיקט אַ טעלעגראַמע צו טאָנצמאַנען, אַז איך קום קיין פֿילאַדעלפֿיע קומענדיקע וואָך. קלאַראַ האָט גענומען ביים יידן נאָך אַ פֿינפֿערל, זיך געמאַכט אַ קליידל און געקויפֿט אַ פּאָר שיך צום קאָנצערט, און פֿאַרן איבעריקן געלט האָב איך געפּלאַנט זיך צו קויפֿן אַ נייעם „סעקאָנד־הענדיקן" אָנצוג (דער, וואָס איך האָב געטראָגן, איז אויך געווען אַ „סעקאָנד־הענדיקער"), אַ שטעקן און אפֿשר נאָך אַ פּעלערינע אויך. קלאַראַ האָט נאָר געבעטן איין זאַך: אַז ווען מיר וועלן קומען קיין פֿילאַדעלפֿיע, זאָל איך איר קויפֿן פֿאַרן קינד — אַ וויגעלע...

II

ווען מיר זײַנען געזעסן אין גאַרדעראָב־צימער און זיך גרימירט צום קאָנצערט, זאָג איך צו קלאַראַן, אַז איך וועל אַרויסשיקן זאָגן, מען זאָל אונדז אַרויסשיקן דאָס איבעריקע געלט פֿאַרן קאָנצערט — נאָך 30 דאָלער. עפּעס האָב איך אָנגעהויבן דעם לעצטן טאָג פֿילן, אַז דער ייד, וואָס האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט אין סיראַקיוז, זוכט מיך אויסצומיידן... קלאַראַ האָט מיך באַרואיקט און געזאָגט, מיר זאָלן וואַרטן ביז נאָך דער ערשטער אָפּטיילונג, אָבער איך האָב מיינס געטאָן...

אין אַ 15 מינוט אַרום קומען אַרײַן אין גאַרדעראָב צוויי יונגעלייט. זיי האָבן אַפֿילו ניט אָנגעקלאַפּט. קלאַראַ גיט אַ לייכטן אויסגעשריי: „אוי!" און כאַפּט אַרויף אויף זיך עפּעס. איינער פֿון זיי זאָגט וואוילעריש: — ביש׳קשה, מען האָט שוין געזען אַזעלכעס... און צו מיר זאָגט ער אויף זײַן וואַרשעווער לשון: מיר זײַנען אַ „קאָמיטע" פֿון דעם קאָמיטעט, וואָס האָט אַראַנזשירט דעם קאָנצערט. די סאָסייעטי האָט פֿאַרקויפֿט זייער ווייניק „טיקעטס". מיר קענען אייך קיין 50 דאָלער ניט צאָלן. מיר וועלן אייך צוצאָלן ביז 25 דאָלער און „דהאַטס אָל"! 20 דאָלער האָט איר גענומען, קומט אייך נאָך 5 דאָלער — און ער לייגט אַוועק פֿאַר מײַן שפּיגל די פֿינף דאָלער.

איך בין בלאַס געוואָרן אונטערן שמינק; — קלאַראַ קוקט אויף מיר, איך אויף איר. אונדזערע שטומע בליקן האָבן גערעדט... ווי אַזוי וועלן מיר איצט קומען קיין פֿילאַדעלפֿיע?...

דער וואַרשעווער יונגערמאַן וויל שוין אַוועקגיין און איך זאָג צו אים:
— וואַרט אויס אַ מינוט, איך קום באַלד צוריק.

איך לויף אַרויף אויף דער סצענע און גיב אַ קוק דורכן לעכל פֿון פֿאָר־האַנג. דער זאַל איז כּמעט פֿול מיט מענטשן און עס איז נאָך ניט קיין 9 אַזייגער... איך האָב געוואוסט, אַז אין די שטעטלעך קומט דאָס פּובליקום אַפֿילו נאָך 9. ווען איך בין צוריק אַריין אין גאַרדעראָב־צימער, הער איך, ווי ער וויצלט זיך מיט קלאַראַן אויף אַ ציניש אופֿן.

— מיסטער, — זאָג איך שוין מיט כּעס — מיר קומט נאָך 30 דאָלער. איר וועט ביי מיר ניט אַראָפּרייסן קיין 25 דאָלער!

און דער וואַרשעווער זאָגט צו מיר: — אַקטיאָרטשיק! קאָכט אייך ניט. עס איז ניטאָ קיין געלט. איר קענט מער ניט קריגן!

— אויב אַזוי, — ענטפֿער איך אַנטשלאָסן, — וועט מען ניט אויפֿהויבן דעם פֿאָרהאַנג, ביז איך וועל ניט האָבן די גאַנצע 30 דאָלער ביי מיר אין קעשענע.

דער וואַרשעווער, אַ פּנים פֿון דער באַניפֿראַטן גאַס, האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיאוסע ווערטער, און ווען איך האָב אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, ער זאָל רעדן אַביסל אַנשטענדיקער — עס זיצט אַ דאַמע אין צימער, האָט ער מיר געענטפֿערט אויף דער אמתער לאַבוסעוואַטער שפּראַך: — איך האָב דיך אין... מיט איר צוזאַמען...

איך בין געוואָרן אָנגעצונדן, האָב אויפֿגעהויבן מיין פֿויסט און מיט מיין גאַנצער יוגנטלעכער קראַפֿט אים געגעבן אַזאַ זעץ אין די אויגן, אַז ער איז אַוועקגעפֿאַלן אויף דער ערד און מיין פֿראַק איז באַשפּריצט געוואָרן מיט בלוט. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. דער וואַרשעווער ליגט אויף דער ערד און שרייט, אַז איך האָב אים בלינד געמאַכט, און דער צווייטער קאָמיטע־מאַן שרייט, אַז מיט אַן אייזן האָב איך אים געגעבן אַ קלאַפּ אין די אויגן. דאָס גאַרדעראָב־צימער איז געוואָרן פֿול מיט מענטשן. מען האָט מיך פּשוט געוואָלט לינטשן...

איך האָב מיך דערשראָקן. קלאַראַ האָט זיך געמאַכט ווי זי חלשט, אָבער מען האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט. איך זאָג צום צווייטן קאָמיטע־מאַן, אַז איך וועל שפּילן אַן דעם געלט, און ער ענטפֿערט מיר, אַז מען דאַרף ניט מער מיין שפּילן, איך זאָל צוריקגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב גענומען, און — מען נעמט זיך צו מיינע קעשענעס... איך מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך פֿיל ניט גוט, אָבער מען הערט מיך ווי דעם קאַטער, מען וואַרפֿט מיך אַריין אין אַ צימער און מען פֿאַרהאַקט די טיר...

דאָס פּובליקום אין זאַל קלאַפּט מען זאָל אָנהויבן. מען האָט שוין גערעדט צווישן פּובליקום, אַז אויף דער בינע האָט אַן אַקטיאָר דערהרגעט אַ מענטשן מיט אַ שטיק אייזן און איז אַנטלאָפֿן...

נאָך פֿיל בעטן און וויינען האָט קלאַראַ קוים געפּועלט, אַז מען זאָל אָפּשפּילן דעם קאָנצערט.

ווען מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט פֿון צימער און קלאַראַ האָט דערזען, אַז איך בין אויסגעשמירט אין בלוט און אַלץ איז אויף מיר צעריסן, האָט זי שיער אויף אַן אמת געחלשט... מ׳קאָן זיך פֿאַרשטעלן וואָס פֿאַר אַ פּנים דער קאָנצערט מיט דעם „איינאַקטער", וואָס מיר האָבן געשפּילט, האָט שוין געקאָנט האָבן. נאָכן שפּילן איז דער ייד, וואָס האָט אונדז אַנגאַ־זשירט, אַרויפֿגעקומען צו אונדז און דערלאַנגט דריי דאָלער. דאָס, זאָגט ער, איז פֿון זיין אייגענער קעשענע, און ער הייסט אונדז גיין אַהיים, קיינער זאָל אונדז ניט זען, ווייל מען וויל מיך שלאָגן...

מיר האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פֿון טעאַטער און דורך אַ הינטער־וועג אַהיים־געגאַנגען. די האָפֿענונג צו קענען קומען קיין פֿילאַדעלפֿיע איז פֿאַר־שוואונדן געוואָרן, און קלאַראַס קינדס וויגעלע איז „צעבראָכן" געוואָרן... מיר זיינען ווידער געווען פֿאַרצווייפֿלט. פּלוצים זאָגט צו מיר קלאַראַ: — ווילסט מיך פֿאָלגן, בערנאַרד, הויב זיך אויף מאָרגן פֿרי, נעם די ערשטע באַן, פֿאָר אָפּ צוויי סטאַנציעס און וואַרט דאָרט אויף מיר. איך מיטן קינד וועלן אונטערקומען.

— וואָס הייסט איך וועל פֿאָרן אָן דיר?

— דער מאַן וועט קומען דיך אַרעסטירן. איך האָב מורא, אַז דו האָסט אים טאַקע בלינד געמאַכט אויף אַן אויג — זוכט זי מיך צו שרעקן...

גאַנץ פֿרי האָט מיך קלאַראַ פּשוט אַרויסגעשטופּט פֿון שטוב. איך גיי צו דער באַן, הער איך ווי די צייטונגס־ייִנגלעך שרייען: „עקסטראַ! עקס־טראַ! אַ גרויסער ׳פֿייט׳ נעכטן אין טורן האָל ביי אַ יידישער פֿאַרשטעלונג. אַ מאַן איז דערהרגעט געוואָרן".

איך קויף אַ צייטונג און געפֿין אויס, אַז — איך זיץ אין „פּריזאָן" און בין אָנגעקלאָגט אין מאָרד...

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. — אפֿשר איז דער וואַרשעווער טאַקע געשטאָרבן? איך בין געלאָפֿן אָן אָטעם צו דער באַן.

ווען איך בין שוין געזעסן אין וואַגאָן און די באַן האָט זיך גערירט, האָב איך געזען דעם וואַרשעווער אַרויסקוקן פֿון וואָקזאַל. איין אויג איז געווען ביי אים באַנדאַזשירט און אַ הויכער פֿעטער מאַן איז געגאַנגען ביי זיין זייט. ביידע האָבן געקוקט אויף די וואַגאָנעס...

ווי קלאַראַ האָט מיר שפּעטער דערציילט, איז דער וואַרשעווער גע־קומען צו איר מיט אַ דעטעקטיוו. זי האָט געזוכט זיי צו פֿאַרהאַלטן, אָבער

דענקענדיק, אַז דער צוג איז שוין אַוועק, האָט זי געזאָגט, אַז איך בין אַוועק־געפֿאָרן.

— וואו איז ער געפֿאָרן? — האָט געפֿרעגט דער דעטעקטיוו.

קלאַראַ האָט זיך ניט דערשראָקן און געענטפֿערט: — דאָס דאַרפֿסט איר אַליין אויסגעפֿינען. איר זענט דאָך אַ דעטעקטיוו...

אַפּוואַרטנדיק אויף דער סטאַנציע דאָס אָנקומען פֿון קלאַראַן מיט איר קינד, האָב איך דערווײַל אָנגעשריבן אַ בריוו צו מײַן פֿרײַנט אַברהם טאָנצמאַן אין פֿילאַדעלפֿיע. איך האָב אים באַשריבן די גאַנצע טרויעריקע געשיכטע מיט דעם קאָנצערט און אים געבעטן, ער זאָל אונדז ראַטעווען און אַרויסשיקן טעלעגראַפֿיש געלט אויף צוויי בילעטן קיין פֿילאַדעלפֿיע.

ווען דער צווייטער צוג איז אָנגעקומען און איך האָב קלאַראַן ניט געזען, האָבן פֿאַרשיידענע מחשבות זיך אָנגעהויבן דרייען אין מײַן קאָפּ: אפֿשר האָט מען זי פֿאַרהאַלטן, אַרעסטירט? אפֿשר איז זי, חלילה, קראַנק געוואָרן? און אפֿשר וויל גאָר קלאַראַ ניט פֿאָרן מיט מיר קיין פֿילאַדעלפֿיע?... דער ייִד, וואָס האָט אונדז געשאָנקען די דרײַ דאָלער, איז רײַך און נישט קיין אַלטער, און אויך נישט קיין מיאוסער... האָט זי דאָך געזאָגט, אַז זי וואָלט געוואָלט אויפֿגעבן דאָס טעאַטער, עס איז איר שוין נמאס אַזאַ לעבן...

איך האָב געוואָלט שיקן צו איר אַ טעלעגראַמע, האָב איך מורא געהאַט, אַז מען זאָל ניט אויסגעפֿינען וואו איך געפֿין זיך.

אין אַט אַזעלכע געדאַנקען בין איך אָפּגעזעסן אויף דער סטאַנציע אַ גאַנצע נאַכט. ערשט פֿאַרטאָג האָב איך דערזען קלאַראַן אַראָפּגיין פֿון צוג, האַלטנדיק דאָס קינד אויף אירע הענט. זי איז געקומען מיט דער זעלבער באַן, וואָס איך בין מיט אַ מעת־לעת צוריק געקומען. אַז אַ מענטש קען אַמאָל פֿאַרשפּעטיקן אַ באַן איז מיר די גאַנצע צײַט אויפֿן זינען ניט געקומען.

דעם זעלבן טאָג האָב איך אויך דערהאַלטן צען דאָלער (אויפֿן נאָמען פֿון דעם קאַסירער פֿון דער סטאַנציע), וואָס טאָנצמאַן האָט מיר געשיקט פֿון פֿילאַדעלפֿיע, און איך בין ווידער געוואָרן פֿול מיט האָפֿענונג. מיר האָבן לאַנג ניט געוואַרט און זײַנען באַלד אַריבערגעפֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע.

דאָס אַרטש־סטריט־טעאַטער

דאָס אַרטש־סטריט־טעאַטער אין פֿילאַדעלפֿיע איז שוין בײַם סוף פֿון די 90ער יאָרן געווען אַן אַלטע טעאַטער־געבײַדע. די גרעסטע אַמעריקאַנער אַקטיאָרן פֿון די זעכציקער, זיבעציקער און אַכציקער יאָרן האָבן געשפּילט

אין אַרטש־סטריט־טעאַטער, און די גרעסטע באַרימטקייטן פֿלעגן באַזוכן דאָס טעאַטער: איבערהעם לינקאָלן (זיין פֿריינדין מר"ס דריו האָט דאָרט געשפּילט), טשאַרלס דיקענס (ווען ער איז געווען אין אַמעריקע), וואָלט וויט־מאַן און אַנדערע. אָבער אַזוי ווי די דייטשע אימיגראַנטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין יענער געגנט און די אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג האָט אַוועקגע־צויגן, איז דער אַרטש־סטריט־טעאַטער, וואָס איז געווען פֿאַר אַ לאַנגער צייט פֿאַררעכנט ווי אַן אַמעריקאַנער אינסטיטוציע, געשטאַנען אַ געוויסע צייט ליידיק, ביז מען האָט אָנגעהויבן דאָרט שפּילן טעאַטער אין דער דייטשער שפּראַך. ווען קיין פֿילאַדעלפֿיע האָט אָנגעהויבן שטראָמען די יידישע אי־מיגראַציע און יידן האָבן זיך באַזעצט אין יענער געגנט, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זיך אַרויסציען און דאָס טעאַטער איז צום צווייטן מאָל פֿאַרלאָזט געוואָרן.

מאָריס פֿינקעל, וועמען די אַקטיאָרן אין ניו־יאָרק האָבן געמאַכט פֿאַר אויס דיקטאַטאָר־דירעקטאָר, איז איצט געווען געצוואונגען אַריינלייגן געלט אין אַ טעאַטער, און ער האָט גענומען אין פֿילאַדעלפֿיע דאָס אַרטש־סטריט־טעאַטער, צו שפּילן אויף יידיש אויף אַזאַ פֿאַרנעם ווי אין ניו־יאָרק.

אַזוי איז אַרטש־סטריט געווען דאָס ערשטע רעגולערע יידישע טעאַ־טער אין פֿילאַדעלפֿיע, וואו מען האָט געשפּילט יעדע נאַכט אין דער וואָך (אַחוץ זונטאָג) און מען האָט פֿאַרקויפֿט „בענעפֿיטס".

די טרופּע איז דעמאָלט באַשטאַנען פֿון: פֿינקעל — כאַראַקטער־שויש־פּילער און דירעקטאָר; מאַקס ראָזענטאַל — סטאַר און רעזשיסאָר; בוים — פֿאַטער־ראַליסט; מייערסאָן — כאַראַקטער־קאָמיקער; טאַנצמאַן — קאָמי־קער; פֿרוי טאַנצמאַן — פּרימאַדאָנע; מ"ר און מר"ס אַבראַמאָוויטש; סאַ־בינאַ וויינבלאַט און עמאַ פֿינקעל — סוברעטינס; ישראל וויינבלאַט — כאַראַקטער־שוישפּילער; דער „בלינדער" קאָהן — סטיידזש־מענעדזשער, און מיס גודינסקי — דראַמאַטיסטין. ישראל וויינבלאַט, איז געווען זייער אַ גוטער כאַראַקטער־שוישפּילער און אַן אינטעליגענטער אַקטיאָר. אין פֿילאַדעלפֿיע האָבן מיר שפּעטער אַפֿילו געשפּילט זיינע אַ פּיעסע „פֿרייע ליבע". עס איז געווען אין דער עפּאָכע, ווען די אַנאַרכיסטן מיט עמאַ גאָלדמאַן האָבן פּראָפּאַגאַנדירט פֿרייע ליבע... דער פֿאָרהאַנג איז גע־פֿאַלן אין פֿערטן אַקט מיט די ווערטער, וואָס דער מאַן האָט נאָך אַ קרי־גערייַ געזאָגט צו דער פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט אַ שיינע פּאָר יאָר אין פֿרייער ליבע: „אונדזער חתונה איז געווען אַ קוש, וועט אונדזער גט זיין אַ פּאַטש!" און די פּיעסע האָט זיך געענדיקט...

אין דער טרופּע האָבן אויך געשפּילט די צוויי שײנע יונגע ליבהאָבער־ראַליסטן, חיים יונה גינזבערג און דזשייק קאָהן, און כאָטש בײדע זײנען געװען אויף אײן עמפּלואַר, זײנען זײ דאָך געװען אינטימע פרײנט, וואָס איז זעלטן צו טרעפן בײַ דער בינע. זײ האָבן געוואוינט צוזאַמען, געגעסן צו־**זאַמען און ניט געגאַנגען אײנער אָן דעם אַנדערן. מען האָט זײ דערפאַר גע־רופן ויקהל־פּקודי. חיים יונה האָט געהאַט אַ שײנעם לירישן טענאָר, און** געשפּילט לײַכטע ליבהאָבער־ראָלן מיט געזאַנג; די שווערע דראַמאַטישע ליבהאָבער־ראָלן פלעגט שפּילן דזשייקל קאָהן.

אַזוי אַרום איז די טרופּע אין אַרטש־סטריט־טעאַטער געװען פאַרפולט. מ״ר בוים איז געװען דער אָפיציעלער פאָטער־ראַליסט און איך האָב מיך געמוזט באַנוגענען מיט וואָס פאַר אַ ראָלן און וואָס פאַר אַ מאַרקע מען האָט פאַר מיר באַשטימט...

פינקעל האָט געהײסן ברוידין, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער כאָר־דיריגענט אין דעם פילאַדעלפיער אַרטש־סטריט־טעאַטער (קײן קאָמפּאָזי־טאָר האָט מען ניט באַדאַרפט, ווײַל מען האָט געשפּילט די פּיעסן פון ניו־יאָרק), אַז ער זאָל קלאַראַן פאַרהערן און זאָגן, צי זי האָט אַ שטים צו זינגען אין כאָר.

ווען ברוידי האָט געזאָגט פינקלען, אַז זי וועט זײַן אַ גוטע כאָריסטקע, האָט פינקעל באַשלאָסן, אַז מײַן פרוי, קלאַראַ יאַנג, זאָל באַקומען זעקס דאָ־לער אַ וואָך.

אַזוי זײַנען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. קלאַראַ האָט אָפּגענומען יעדע וואָך אירע זעקס דאָלער און איך האָב פאַרדינט אויף מײַנע מאַרקעס צען און צוועלף דאָלער אַ וואָך. מאַטעריעל האָט זיך אונדז געלעבט גאַנץ נישקשה־דיק, אָבער „לא על הלחם לבדו יחיה האדם״ (ניט אויף ברויט אַלײן לעבט דער מענטש), און אַ פּשיטא שוין אַ יונגער, אַמביציעזער און פאַרליבטער אַקטיאָר...

צוויי סיבות האָבן געווירקט, אַז איך זאָל ניט זײַן צופרידן מיט מײַן לאַגע: וואָס מער איך בין צוגעוואוינט געוואָרן צו קלאַראַן, אַלץ מער האָב איך זי ליב באַקומען און ניט געקענט פאַרטראָגן איר גרויסע ליבע צו איר קינד פון הערמאַנען. איך האָב אויפן קינד רחמנות געהאַט — איך האָב דאָך אָוועקגעריבט פון דעם קינד די ליבע פון אַ פאָטער. אָבער איך האָב געפילט, ווי דאָס איז עפּעס אַ מחיצה צווישן מיר און קלאַראַן. דאָס צווייטע, וואָס האָט מײַן געמיט שווער געמאַכט איז געווען דאָס, וואָס איך האָב ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו שפּילן גרעסערע ראָלן, ווײַל בוים, מיט דעם גרויסן, שײנעם באַריטאָן איז געווען אין דער טרופּע.

דאָס קינד און בוים זיינען געווען די אורזאַך פאַרוואָס איך בין אַרומ־געגאַנגען שטענדיק געערגערט; אין זיי ביידן האָב איך געזען מיינע קאָנ־קורענטן — דאָס קינד אין דער היים און בוים אויף דער בינע.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט ביי זיך: ווען גאָט העלפט און בוים ווערט קראַנק אויף אַ פּאָר טעג, און איך זאָל דאַרפן שפּילן זיינע ראָלן, וואָלט איך ערשט געוויזן פינקלען און דעם פילאַ־דעלפיער פּובליקום ווי אַזוי מען דאַרף שפּילן טעאַטער — איך בין דאָך עפּעס פון דער גרויסער אַדלער־שולע... און וועגן דעם קינד האָב איך גע־טראַכט: איי, ווען הערמאַן קומט פּלוצים און נעמט אַוועק פון קלאַראַן זיין קינד (געזעצלעך האָט ער עס געקאָנט טאָן)!... די דאָזיקע עגאָאיסטישע מחשבות מיינע באַדויער איך נאָך איצט זייער שטאַרק... בוים איז קראַנק געוואָרן אינמיטן סעזאָן, איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק און דאָרט אין אַ פּאָר טעג אַרום געשטאָרבן. און אויך דאָס קינד איז שפּעטער קראַנק גע־וואָרן און געשטאָרבן...

נאָך בוימס טויט האָט מען מיר איבערגעגעבן אַלע זיינע ראָלן.

קלאַראַ האָט נאָך אַלץ געזונגען אין כאָר און זי האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו שפּילן אַ ראָל. עס זיינען געווען צוויי „אַפּיציעלע" סוברע־טינס אין אַרטש־סטריט־טעאַטער: עמאַ פינקעל און סאַבינאַ וויינבלאַט. אָבער קלאַראַ האָט זיך עס ניט גענומען צום האַרצן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט שוין געהאַט געשפּילט פּרימאַדאָנע־ראָלן און ערשטע סוברע־טינס. זי איז געווען צופרידן וואָס איך שפּיל גרויסע ראָלן.

מיר זיינען ווידער אין ניו־יאָרק

אַדלער, טאָמאַשעווסקי און עדעלשטיין האָבן (אין 1899) איבערגענומען דעם פּיפּלס־טעאַטער פון אַ געוויסן מ״ר מיינער, וועלכער האָט געהאַט נאָך צוויי טעאַטערס אויף דער באַוערי: „מיינערס־טעאַטער" און „לאָנדאָן־טעאַ־טער". אין ביידע האָט מען געשפּילט ענגלישן בורלעסק, בעת אין פּיפּלס־טעאַטער האָט מען געשפּילט די אַמאָליקע ענגלישע מעלאָדראַמעס.

אין ווינדזאָר־טעאַטער זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים חיימאָוויטש און פּראָפעסאָר הורוויץ. זיי האָבן אויך צוגעצויגן פינקלען, וועלכער האָט פאַרלאָזט דאָס אַרטש־סטריט־טעאַטער אין פילאַדעלפיע און איז צוריקגע־קומען קיין ניו־יאָרק. די טרופּע אין ווינדזאָר־טעאַטער איז באַשטאַנען — אַחוץ חיימאָוויטש און פינקלען — פון מאַקס ראָזענטאַל, בערל בערנשטיין, טאַבאַטשניקאָף, ליאַנסקי, מר״ס עפּשטיין, עמאַ פינקעל און רעגינאַ פּראַגער.

די פּראַגער איז דעמאָלט געווען אין גלאַנץ פֿון איר קאַריערע. ביז איצט איז נאָך אַזאַ שטאַרקע פּרויען־שטים ניט געהערט געוואָרן ביים יידישן טעאַטער.

אין טהאַליאַ־טעאַטער זיינען געווען: קעסלער, פֿיינמאַן, מאָגולעסקאָ, בערטאַ קאַליש, דאִינע פֿיינמאַן, סעמועל טאָרענבערג און „ויקהל פקודי" — דזשייק קאַהן און גינזבערג.

אין יענעם סעזאָן (1899—1900) בין איך אַנגעקומען אין טהאַליאַ־טעאַטער — אָבער אַליין, אָן קלאַראַן. פֿאַר קלאַראַ יאַנג איז דעמאָלט אין ניו־יאָרק אין יידישן טעאַטער קיין פּלאַץ ניט געווען — אַפֿילו ניט צו זינגען אין כאָר.

אַ שטערן אין הימל ווערט ניט „געבוירן" פּלוצים. ער איז געווען אויך פֿריער, נאָר מיר האָבן אים ניט באַמערקט. דאָס איז די שולד פֿון אונדזערע אויגן. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן קלאַראַ יאַנג...

געוויס בין איך געווען אומצופֿרידן אָן קלאַראַן, און אויך צוליב דעם, וואָס סעמועל טאָרענבערג האָט ביי מיר צוגענומען אַ ראָל, און איך האָב געזוכט אַוועקצוגיין. אָבער די הויפּט־אורזאַך איז געווען, וואָס בערטאַ קאַ־ליש האָט מיך באַליידיקט. איז ווען פֿינקעל האָט מיט אַ וואָך שפּעטער מיר פֿאָרגעשלאָגן, איך זאָל פֿאַרלאָזן דאָס טהאַליאַ־טעאַטער און אַריבערגיין צו אים אין ווינדזאָר־טעאַטער, און אַז ער וועט זען די כאָריסטן־יוניאָן זאָל דערלויבן קלאַראַן צו זינגען אין כאָר, האָב איך זיין פֿאָרשלאָג מיט פֿאַר־געניגן אָנגענומען.

אין ווינדזאָר־טעאַטער האָט מען זיך דעמאָלט געגרייט אויפֿצופֿירן פּראָפֿעסאָר הורוויצעס „היסטאָרישע" אָפּערעטע „בית־דוד". הורוויץ האָט אין דער פּיעסע געהאַט אַ ראָל, אַן אינטריגאַנט, אַ מין פּאַפּוס, מיט דעם תּלמודישן נאָמען בר־הינא, געשריבן פֿאַר חיימאָוויטשן אָדער פֿאַר פֿינקלען. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ניט חיימאָוויטש און ניט פֿינקעל געוואָלט אָננעמען די ראָל צו שפּילן: חיימאָוויטש האָט בעסער געוואָלט זיין אין „דרויסן", אַכטונג צו געבן אויף דער קאַסע, און פֿינקעל האָט זיך גע־פֿילט צו שוואַך פֿאַר דער ראָל. די ראָל פֿון בר־הינא האָט געהאַט אין זיך שטאַרקע מעלאָדראַמאַטישע עלעמענטן, אויך קאָמישע, און אַ שוישפּילער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אויסצוצייכענען אין איר. האָט פֿינקעל מיך אַנגאַזשירט פֿאַר אָט־דער ראָל און די כאָריסטן־יוניאָן האָט קלאַראַן דער־לויבט מיטצוזינגען אין כאָר.

מיין ראָל בר־הינא אין בית־דוד

ווען אַן אַקטיאָר ווייזט זיך ניט אויף דער בינע אַ לענגערע צייט, ווערט ער ווי אָפּגעשטאָרבן פֿאַרן פּובליקום. זייענדיק אַוועק פֿון ניו־יאָרק אַריבער דריי יאָר, בין איך אינגאַנצן שוין געווען אַ פֿאַרגעסענער.

ווען איך האָב באַקומען די ראָל פֿון בר־הינא אין „בית דוד", האָב איך געזען, אַז איך האָב בלויז דריי אַקטן. ווען איך האָב געפֿרעגט אויפֿן פֿערטן אַקט (מיר דאַכט, אַז עס איז שפּעטער געוואָרן פֿינף אַקטן), האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער „פּראָפֿעסאָר" שרייבט ערשט דעם פֿערטן אַקט. פֿרייטאָג, צו דער לעצטער פּראָבע, האָט הורוויץ אונדז געבראַכט דעם פֿערטן אָדער פֿינפֿטן אַקט.

הורוויץ איז געווען אַ מאָדים צו דראַמאַטיזירן וויכטיקע פּאַסירונגען פֿון דער וועלט פֿאַר דעם יידישן טעאַטער. מורא האָבנדיק, אַז אַ צווייטער יידישער טעאַטער זאָל עס ניט „אויסכאַפּן", פֿלעגט ער הייסן אַנאָנסירן אויף דער קומענדיקער וואָך דעם נאָמען פֿון דער פּיעסע, ווען ער האָט אַפֿילו נאָך ניט געהאַט איינגעטונקען די פֿעדער צו שרייבן די אַנאָנסירטע פּיעסע. (אגב, האָט אַזאַ מין „קאָנקורענץ" אין די טעאַטערס עקזיסטירט אַפֿילו נאָך אין שעקספּירס צייטן...). עס האָט שוין אַמאָל ביי אים געהאַט פּאַסירט, אַז ער האָט געבראַכט דעם לעצטן אַקט, ווען מען האָט שוין געשפּילט דעם ערשטן, און אַמאָל האָט מען געענדיקט די פּיעסע אַן דעם לעצטן אַקט.

ווען איך האָב איבערגעשריבן די ראָל, האָב איך זי אויך איבערזעצט אויף יידיש...

איך דענק, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט געוואָגט צו רעדן ביי אַ „היסטאָרישער" פּיעסע ניט האַלב־דייטש, נאָר פּראָסט מאַמע־לשון. אָבער איך גלויב קוים, צי ווען די ראָל פֿון בר־הינא וואָלט געווען פֿון אַ קעניג, אָדער אַ „ליבהאָבער", וואָלט פּראָפֿעסאָר הורוויץ מיר דערלויבט צו רעדן פּראָסטן „זשאַרגאָן".

ביי די פּראָבעס האָט זיך די ראָל אַרויסגעוויזן צו זיין נאָך וויכטיקער; און נאָך דער ערשטער פֿאָרשטעלונג האָבן דער באַלעבאָס פֿון טעאַטער און דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט דעם רעזשיסאָר־סטאַר, מאַקס ראָזענטאַל, אַז אַנשטאָט וואָס ער ענדיקט דעם דריטן אַקט, זאָל ער לאָזן בר־הינאַן ענ־דיקן, דאָס הייסט מיך.

ביים יידישן טעאַטער איז אָנגענומען משנים קדמוניות, אַז שליסן אַן אַקט מוז דער סטאַר פֿון טעאַטער. אָבער ביי פּראָפֿעסאָר הורוויצעס פּיעסע

„בית דוד" בין איך געווען דער סטאַר צום שלוס פֿון דריטן אַקט... איך האָב געשלאָסן דעם פֿאָרהאַנג מיט אַזאַ סצענע:

„בלויז איך האָב אַ רעכט אויפֿן טראָן און ניט קיין אַנדערער" — דער־קלער איך דעם פֿאָלק. — „די אַנהענגער פֿון קעניג זוכן מיך צו פֿאַרגיפֿטן. ווען איך קום צום קעניג אין פּאַלאַץ, איז מען מיך מכבד מיט אַ געווסן סאָרט עפּעלעך, וואָס זיינען פֿאַרסמט. איך האָב עפּעס אַ חשד און פֿרעג זיך אַליין: עסן די עפּעלעך אָדער ניט? דאָס פּובליקום ווייסט, אַז די עפּעלעך זיינען באַשמירט מיט סם, און איז זיך מחיה, ווען איך וויל אָנהויבן צו עסן (אין געוויסע אָוונטן האָט דאָס פּובליקום מיט מיר מיטגעשפּילט: אייניקע האָבן געשריגן, אַז איך זאָל ניט עסן, און אַנדערע האָבן געהייסן יאָ עסן). און אַזוי קלערנדיק — יאָ עסן, ניט עסן — דערשמעק איך דעם סם. איך האָב געמאַכט אַ לאַנגע פּויזע, און האָב מיט מיין פּנים אויסגעדריקט, אַז איך פֿאַרשטיי שוין וואָס דאָ טוט זיך. זאָג איך קאַלטבלוטיק און שמייכלענ־דיק: „ניין, די עפּעלעך עס איך ניט!" (ביי די ווערטער האָט דאָס פּובלי־קום שטאַרק אַפּלאָדירט). און באַלד דערויף האָב איך געזאָגט די פֿראַזע: „גאָט האָט מיר צופֿיל שכל געגעבן, אַז ער, אויבן אין הימל, זאָל מיך קענען אָפּנאַרן". און אַרויפֿלויפֿנדיק אויפֿן טראָן, בין איך געבליבן שטיין אין אַ קעניגלעכער פּאָזע און מיט גרויס פּאַטאָס אויסגעשריגן: „איך מוז און זאָל ווערן דער קעניג פֿון ישראל!" דאָ איז דער פֿאָרהאַנג געפֿאַלן (די גאַנצע סצענע האָב איך זיך אַליין געהאַט צוגעשריבן). דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן אייניקע מאָל. ווען דער „פּראָפֿעסאָר" איז אַרויפֿגעקומען אויף דער בינע צו פֿאַרנייגן זיך פֿאַרן פּובליקום, האָט ער מיר געמאַכט אַ קאָמ־פּלימענט און געזאָגט, אַז דאָס האָט ער טאַקע געמיינט...

דאָס בילד האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זכרון פֿון דעם צושויער, אַז מיט פֿופֿציק יאָר שפּעטער האָט דער אַלטער פּאַטריאָט פֿון פּרוי פּראַגער, „גימפּל" (באַרנעט פּעקאָף), מיר דערמאָנט די דאָזיקע איינדרוקספֿולע סצענע.

אָט די ראָל האָט געעפֿנט פֿאַר מיר די טיר פֿון דעם שיינעם פּיפּעלס־טעאַטער, וואו אַדלער און טאָמאַשעווסקי האָבן געקעניגט. אַנצוקומען אין דעם טעאַטער איז געווען אַזוי שווער, ווי פֿאַר אַן אָפּערע־זינגער אַריינגע־נומען צו ווערן אין דער מעטראָפּאָליטען אָפּערע.

אין ווינדזאָר־טעאַטער האָט מען יענעם סעזאָן אויפֿגעפֿירט אויך פּראָ־פֿעסאָר הורוויצעס „חכמת נשים". אין דער פּיעסע האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם דייטשיש־יידישן פֿילאָזאָף משה מיימאָן און דער באַקאַנטער דייטש־

יידישער סאַלאָן־דאַמע פֿרוי הערצאָג — נאַטירלעך אין דעם ליכט ווי דער פּראָפֿעסאָר האָט זי געזען.

דער אַמאָל באַרימטער רוסיש־יידישער אָפּערע־אַרטיסט מעדוועדיעוו, וועלכער איז יענעם יאָר געקומען קיין אַמעריקע, איז אויפֿגעטראָטן אין יידיש אין ווינדזאָר־טעאַטער. זיין ערשטן אויפֿטריט האָט ער געמאַכט אין זיין דערפֿאָלג־ראָל יאַנעק, אין דער אָפּערע „האַלקאַ" פֿון מאָניושקאָ. מיר האָבן נאַטירלעך געשפּילט בלויז די ליברעטאָ. מעדוועדיעוו האָט בלויז געזונגען (דאַכט זיך אין פּויליש) די באַרימטע אַריע „אָך האַלינאָ, אָך יעדינאָ, דזיעווטשינאָ מאָיאָ". ער האָט אויך געשפּילט מיט אונדז די ראָל אליעזר פֿון „זשידוואָוקאָ", וואו ער האָט געזונגען די באַקאַנטע אַריע (אין רוסיש) „ראַכעל, טי דאָטש מאָיאָ", און איז אויך אויפֿגעטראָטן אין „חכמת נשים" און אין „אוריאל אַקאָסטאַ". ער האָט פּרובירט פֿאַרשיידענע וועגן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט... פּונקט ווי זיין קאָפּ און זיינע אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ מאַן, וואָס גרעפֿינס זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון זיין שיינקייט און מענלעכן אויסזען — אַזוי האָט אויך זיין שטים באַשטעטיקט, אַז אַמאָל האָט זי געהאַט קראַפֿט און אַ סך גלאַנץ... און אינגאַנצן איז דער מענטש מעדוועדיעוו דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי עטלעכע און פֿערציק יאָר...

ווי אַזוי די יידישע אַקטיאָרן יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרן

אין סעזאָן 1899—1900 זיינען פֿאָרגעקומען געשעענישן אַרום יידישן טעאַטער, וואָס האָבן געפֿירט צו דער גרינדונג פֿון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן — „די היברו עקטאָרס יוניאָן" — און געבראַכט אַן ענדערונג אין דעם לעבן פֿון דעם יידישן אַקטיאָר אין אַמעריקע.

קאַרגע 25 יאָר (זינט גאָלדפֿאַדען האָט געגרינדעט דעם יידישן טעאַטער) האָבן יידישע אַקטיאָרן מערסטנס געשפּילט „אויף מאַרקעס", און פּלוצים ווילן זיי גרינדן אַ יוניאָן און פֿאַרלאַנגען שכירות, אַנשטאָט צו זיין אויף מאַרקעס!

ניט בלויז עקאָנאָמישע סיבות האָבן דערצו געפֿירט. האָבן די אַקטיאָרן צו ווייניק פֿאַרדינט? זיינען דאָך געווען וואָכן, ווען דער קלענסטער אַקטיאָר האָט פֿאַרדינט אויף זיינע מאַרקעס 30 ביז 40 דאָלער אַ וואָך — וואָס איז פּלוצים פֿאָרגעקומען אין זייערע מוחות?...

ווען אַדלער, עדעלשטיין און טאָמאַשעווסקי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דעם שיינעם פּיפּעלס־טעאַטער, זיינען זיי געוואָרן „אַריסטאָקראַטן"

פֿאַר די אַקטיאָרן. אַן „איינפֿאַכער" אַקטיאָר האָט ניט געטאָרט זיצן אין טעאַטער ביי פּראָבע; צו דער פֿאָרשטעלונג האָט דער אַקטיאָר געמוזט אַריינקומען און אַרויסגיין דורך דער בינע־טיר (דאָס איז דעמאָלט געווען ביי די יידישע אַקטיאָרן אַ נייעס); ווען אַן אַקטיאָר האָט ניט געשפּילט און געוואָלט אַריינגיין מיט זיין פֿרוי צו דער פֿאָרשטעלונג, האָט דער טיר־מאַן זיי ניט אַריינגעלאָזט.

דאָס האָט אַרויסגערופֿן גרויס צאָרן ביי די אַקטיאָרן. מען האָט גע־מורמלט, אָבער פּראָטעסטירן האָט קיינער ניט געוואַגט.

די טרופּע פֿון פּיפּעלס־טעאַטער איז דעמאָלט באַשטאַנען — אַחוץ די מענעדזשערס אַדלער, עדעלשטיין און טאָמאַשעווסקי — פֿון בלאַנק, לע־ווענזאָן, נאַטאַנזאָן, קאָנראַד, גאָלד, פּישקינד, גאָלדשטיין, אַבראַמאָוויטש, פּערלמוטער, מאַנע און דער פּאָרפֿאָסער יאָזעף לאַטיינער; פֿון פֿרויען: סאָפֿי קאַרפּ, בעלאַ גודינסקאַ, סאַבינאַ וויינבלאַט, בינע אַבראַמאָוויטש און פֿרוי מאַנע.

יענעם סעזאָן האָט מען געשפּילט אין פּיפּעלס־טעאַטער לאַטיינערס פּיעסע „פֿיר הונדערט יאָר". נאָכמאָכנדיק אַן ענגלישער מעלאָדראַמע, האָט מען אויף דער בינע אינסצענירט אַ טייך וואַסער. טאָמאַשעווסקי איז אַריינ־געשפּרונגען אין טייך און אַרויסגעראַטעוועט זיין געליבטע (סאָפֿי קאַרפּ); די סצענע מיטן שפּרינגען אין וואַסער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן בייפֿאַל ביים יידישן עולם.

די האַנדלונג פֿון דער פּיעסע קומט פֿאָר אין שפּאַניע מיט 400 יאָר צוריק. פֿאַר דעם קעניג קומען זיך פֿאָרשטעלן פֿיר אַמבאַסאַדאָרס פֿון פֿאַר־שיידענע לענדער. דער קאָמפּאָזיטאָר פֿרידזעל האָט געמאַכט די מוזיק און די פֿיר אַמבאַסאַדאָרס האָבן באַדאַרפֿט זינגען אַ קוואַרטעט. דער רעזשי־סאָר טאָמאַשעווסקי, דעמאָלט אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר 36, פֿול מיט רע־זשיסאָרישע אַמביציעס, האָט באַשטימט, אַז אין דעם קוואַרטעט פֿון די אַמבאַסאַדאָרס זאָלן אַריין די אָנערקענטע אַקטיאָרן גאָלד, לייזער גאָלדשטיין, מאַניע און פּערלמוטער.

מען פֿלעגט זאָגן, אַז אַן אַקטיאָר קאָן ניט האָבן קיין יוניאָן, ווייל צו־ליב זיין ביסעלע כבוד וועט ער פֿאַרקויפֿן די גאַנצע יוניאָן; גיט אים אַ גוטע ראָל, איז ער אייך מוחל די „ווייזשעס"... און מערקווירדיק! טאַקע צוליב דעם ביסעלע כבוד איז געגרינדעט געוואָרן די יוניאָן. די אַקטיאָרן, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט באַשטימט, זיי זאָלן זינגען דעם קוואַרטעט, האָבן פּראָטעסטירט און זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין קוואַרטעט, — פֿריער איינ־

ציקוויץ און דערנאָך אַלע פיר צוזאַמען, — און צום לעצט האָבן פּראָטעס־טירט דריי פערטל פון דער טרופּע: זיי ווילן ניט טאָן די אַרבעט פון די כאָריסטן, זיי זיינען אַקטיאָרן...

די דריי באַלעבאַטים פון טעאַטער, — אַדלער, עדעלשטיין און טאָמאַ־שעווסקי, — זיינען דערשטוינט געוואָרן: היתכן, וואָס הייסט? ווי וואַגן גאָר אַקטיאָרן זיך אַנטקעגנשטעלן דעם באַפעל פון אַ סטאַר?

— אויב איר וועט ניט גיין אין קוואַרטעט, קענט איר גיין פון טע־אַטער! — האָבן די סטאַרס געסטראַשעט.

די איבעריקע אַקטיאָרן האָבן באַלד באַגריפן די סיטואַציע. אויב אַזוי, קאָן מען דאָך מאָרגן יעדן איינעם פון זיי אַפּזאָגן!... די גאַנצע טרופּע האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם „לאָקאַוט” פון די פיר, און אַלע זיינען אַוועק פון פּראָבע.

אַזוי אַרום זיינען זיי אומדירעקט געווען פאַראייניקט צו באַשיצן דעם כבוד פון עם אַקטיאָר.

דער באַוואוסטער יוניאָן־פירער אין יענער צייט, יאָזעף באַראָנדעס, וועלכער האָט געהאַט אַ נשמה פון אַ קינסטלער (ער האָט אַמאָל געשטרעבט צו ווערן אַ יידישער אַקטיאָר) און איז געווען באַקאַנט מיט די אַקטיאָרן, האָט באַלד דערשמעקט, אַז דאָ וועט זיין פאַר אים אַ פעלד פאַר אַרבעט און ער איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט צוויי פון די הויפּט־סטרייקערס: גאָלד און לייזער גאָלדשטיין.

ווי מילמאַן, דער מאַן פון דער דראַמאַטישער אַקטריסע בעלאַ גודינסקאַ, האָט מיר איבערגעגעבן, איז ער געווען אַנוועזנד, ווען באַראָנדעס האָט זיך געטראָפן מיט די צוויי שוישפּילער. זיי האָבן אַרומגערעדט די לאַגע און באַראָנדעס האָט זיי געהייסן ביינאַכט גיין שפּילן, אָבער נישט קומען צו פּראָבע. אין אָוונט פון שפּילן האָבן די שוישפּילער זיך צוזאַמענגערעדט און באַשלאָסן צומאָרגנס יאָ קומען צו פּראָבע.

מיר איז ניט באַקאַנט, פאַרוואָס זיי האָבן באַשלאָסן צו קומען צו פּראָבע און אַז די פיר אַקטיאָרן זאָלן יאָ גיין אין קוואַרטעט. אָבער פון בעלאַ גודינסקאַס ווערטער נעם איך אַרויס, אַז די געשעפטן אין פּיפּעלס־טעאַטער זיינען דעמאָלט ניט געווען פויגלדיק, די אויסגאָבן פון דער טרופּע זיינען געווען גרויסע און די אַקטיאָרן האָבן פשוט ניט געהאַט קיין כוח צו שטרייקן... אויך האָבן זיי געוואָלט זיין גוט אָרגאַניזירט, און כדי די מענעדזשער־סטאַרס זאָלן ניט געוואויר ווערן, אַז זיי אָרגאַניזירן זיך, איז

מען אַראָפּ „אונטער דער ערד", אין געהיים. די אַקטיאָרן זײַנען געוואָרן „פּאַרטיזאַנען" און מען האָט זיך געגרייט צום גרויסן מאָמענט...

די „פֿיר הונדערט יאָר" זײַנען אויפֿגעפֿירט געוואָרן מיט צוויי וואָכן שפּעטער. די פּיעסע האָט געהאַט אַן אומגעהויערן דערפֿאָלג און די אַקטיאָרן האָבן גוט פֿאַרדינט, אָבער די מענעדזשערס האָבן געמאַכט גאָר גרויס געלט — אַזוי אויף די מאַרקעס, וואָס זיי האָבן גענומען, אַזוי ווי „באָסעס". „ווען די געשעפֿטן גייען גוט, דעמאָלט איז די בעסטע צײַט צו באַנקראָטירן", זאָגט מזיק צו הערשעלע דובראָוונער אין „גאָט, מענטש און טײַוול". און די אַקטיאָרן האָבן דעמאָלט געזאָגט, אַז ווען די געשעפֿטן בײַם מענעדזשער גייען גוט, איז די בעסטע צײַט פֿאַר דעם אַקטיאָר צו שטרײַקן.

מען האָט געמאַכט געהיימע מיטינגען און מען האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אַקטיאָרן פֿון די אַנדערע יידישע טעאַטערס. באַראַנדעס איז געוואָרן זייער אַקטיוו און ער האָט געהאַלטן אַ רעדע פֿאַר די אַקטיאָרן, זיי דערקלערט, אַז זיי זײַנען אַרבעטער מיט אַלע אַרבעטער גלײַך און זיי ווערן עקספּלואַטירט ווי דער פּראָסטער אַרבעטער; די מענעדזשערס ווערן רײַך פֿון זייער אַרבעט, פֿון זייער שווייס און זיי זײַנען הפֿקר אַרויסגעוואָרפֿן צו ווערן צו יעדער צײַט. ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועט מען זיי אַרויסוואַרפֿן, ווי מען וואַרפֿט אַרויס אַן אויסגעקוועטשטע לימענע און יינגערע וועלן פֿאַרנעמען זייערע פּלעצער. דעריבער מוזן זיי גרינדן אַ יוניאָן און זיך פֿאַראייניקן מיט אַלע אַרבעטער, וואָס ווערן עקספּלואַטירט.

די רעדע זײַנע האָט דעמאָלט אויף די אַקטיאָרן שטאַרק געווירקט, און בײַ אייניקע האָט מען געקענט זען טרערן אין די אויגן. פֿון דעמאָלט־אָן האָט מען דעם מענעדזשער־סטאַר באַטראַכט ווי אַ באָס, ווי אַ בלוטזויגער, אַ שונא פֿון אַן אַנדערן קלאַס, און די מערסטע פֿון דער טרופּע האָבן באַשלאָסן צו אַגיטירן פֿאַר גרינדן אַ יוניאָן פֿון יידישע שוישפּילער — „איינער פֿאַר אַלע אַקטיאָרן און אַלע אַקטיאָרן פֿאַר איינעם", איז דעמאָלט געווען דאָס שלאָג־וואָרט פֿון דער פּיפּעלס־טעאַטער־טרופּע. און ווען די גרינדונג איז געוואָרן אַ פֿאַקט, האָט מען שוין, נאַטירלעך, ניט געקאָנט זײַן אויף מאַרקעס, און מען האָט שוין געמוזט באַשטימען, אַז אַקטיאָרן זאָלן פֿון איצט־אָן אַרבעטן פֿאַר אַ באַשטימטן לוין.

דער דאָזיקער היסטאָרישער מיטינג איז פֿאָרגעקומען אין אַ „האָל" אויף פֿאָרסײַט סטריט, עק גרענד סטריט.

איצט האָט זיך אָבער געשאַפֿן אַן אַנדערע לאַגע. דאָס ביסל כבוד פֿון דעם אַקטיאָר האָט איצט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. „סטייטש", האָט לעאָן בלאַנק געטענהט, „מיר וועלן ווערן גלײַך מיט דעם

שניידער, מיט דעם שוסטער? מיר זיינען קינסטלער, ניט קיין פּראָסטע אַרבעטער״.

די, וואָס האָבן געצוימען גרעסערע מאַרקעס און האָבן גוט פֿאַרדינט, האָבן שוין חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן עסק. זיי האָבן ניט געוואָלט קיין גאַזשע, נאָר אויך ווייטער זיין אויף מאַרקעס. „אַ יוניאָן״, האָבן זיי צוגעגעבן, „איז זייער גוט, אָבער מיר ווילן בלייבן שפּילן אויף מאַרקעס״.

דאָ איז שוין געקומען צוהילף די גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפֿט פֿון יוסף באַראָנדעס, און אַדאַנק זיין איינפֿלוס האָט קיינער ניט געוואַגט אָפּצושטיין. מען האָט באַשלאָסן, אַז די טרופּע פֿון פּיפּעלס־טעאַטער זאָל דערווייל פֿאָדערן, אַז די אַקטיאָרן זאָלן מער ניט זינגען אין קוואַרטעט און נאָך איניקע דעטאַלן.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען מען האָט באַדאַרפֿט שפּילן די „400 יאָר״, זיינען אַלע אַקטיאָרן געקומען אין טעאַטער און געלאָזט וויסן דעם מענעדזשער עדעלשטיין זייערע פֿאָדערונגען — אויב מען וועט ניט נאָכגעבן, וועלן זיי היינט נאַכט ניט שפּילן.

אַדלער, עדעלשטיין און טאָמאַשעווסקי זיינען זיך באַלד צוזאַמענגעקומען און האָבן געזאָגט, אַז אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום וועלן זיי געבן אַ תשובה; דערווייל זאָלן זיי שפּילן די פֿאָרשטעלונג.

מיט דריי טעג שפּעטער האָט שוין אַדלער געשפּילט טשאַרלי נאָטאַנזאָנס ראָל — דעם חכם, און מר״ס עדעלשטיין האָט געשפּילט די ראָל, וואָס מר״ס מאָגע האָט געשפּילט. דעם יידיש־דייטשן קאָנראַד איז זיי געלונגען איבערצורעדן, ער זאָל בלייבן שפּילן די ראָל פֿון „טאָרקוועמאַדאַ״, און נאָך איניקע זיינען געבליבן דעמאָלט שפּילן. פֿאַר די איבעריקע ראָלן האָט מען געבראַכט פֿון דער פּראָווינץ די אַקטיאָרן פֿרענק, קאַצמאַן, ווייַנבלאַט און מ״ר און מר״ס סיימאָן וויינטרויב. סעם קעסטין און זיין פֿרוי זיינען אויך געבראַכט געוואָרן פֿון דער פּראָווינץ, אָבער ווען זיי האָבן אויסגעפֿונען, אַז עס איז אַ שטרייק, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו „סקעבן״.

די פֿאָרשטעלונגען זיינען אָנגעגאַנגען. איצט האָט עס שוין אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַ שטרייק אין פֿולן זין פֿון וואָרט — מיט שטרייק־ברעכערס, מיט באָסעס קעגן אַ געפּלאַנטער, אָרגאַניזירטער יוניאָן, וואו עס האָבן שוין געהערט דריי־פֿערטל פֿון דער פּראָפֿעסיע אין ניו־יאָרק, מיט יאָזעף באַראָנדעס אַלס אָנפֿירער פֿון שטרייק און „אָרגאַנייזער״ פֿון דער אַקטיאָרן־יוניאָן. דער פֿאָרשטאָרבענער שוישפּילער, דער שטענדיקער הייסער יוניאָן־מאַן משה סימאָנאָף, האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט.

אין די צייטונגען איז אָנגעגאַנגען אַ פּאָלעמיק, צי אַקטיאָרן האָבן אַ רעכט צו האָבן אַ יוניאָן, אָדער ניט. די ניין־זאָגער האָבן געהאַלטן, אַז קונסט דאַרף זיין פריי פון רעגולאַציעס. איין ניין־זאָגער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אַקטיאָרעריי איז ניט קיין פּיזישע אַרבעט, עס איז נשמה־אַרבעט — און אַ יוניאָן פון נשמות קען מען ניט אָרגאַניזירן; און ווען די אַרבעט ווערט פּיזיש, איז עס מער ניט קיין קונסט... די מערסטע אָבער האָבן געהאַלטן מיט באַראָנדעסן, אַז יעדע באַשעפטיקונג, וואָס ווערט עקספּלואַטירט, האָט אַ רעכט צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ יוניאָן.

אַב. קאַהאַן איז דעמאָלט געווען צווישן די ניין־זאָגער. און יאָרן שפּעטער, ווען די יוניאָן האָט שוין אַ צייט לאַנג פונקציאָנירט, איז ער אויך געווען מיט דער זעלבער מיינונג.

דערווייל האָט מען אין פּיפּעלס־טעאַטער געשפּילט „די 400 יאָר" און אַקטיאָרן האָבן געהאַלטן מיטינגען. מען האָט באַשלאָסן, אַז אַקטיאָרן זאָלן ווערן איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: פאַר דעם ערשטן קלאַס אַקטיאָר זאָל זיין דער מינימום שכירות 27 דאָלער אַ וואָך; פאַר דעם צווייטן — 22 דאָלער מיט 50 סענט; פאַר דעם דריטן קלאַס — 18 דאָלער אַ וואָך. יעדער אַקטיאָר האָט געהאַט אַ רעכט אַליין צו באַשטימען צו וועלכער קאַטעגאָריע מען זאָל אים צושרייבן, אָבער נאָר אויף אַ העכערער און ניט אויף אַ נידעריקערער קאַטעגאָריע — דאָס מיינט, אַז דער אַקטיאָר, וועלכן מען האָט געקענט אַלס דריטער קלאַס אַקטיאָר, האָט זיך געקענט פאַרשרייבן אין דער ערשטער קאַטעגאָריע. אָבער דער ערשטער־קלאַס־אַקטיאָר האָט זיך נישט געקענט צושרייבן צו דער צווייטער אָדער דריטער קאַטעגאָריע. דאָס איז געמאַכט געוואָרן, כּדי צו באַשיצן דעם שוואַכערן. עס איז אָבער ניט נויטיק געווען, ווייל סיי ווי האָט יעדער אַקטיאָר זיך געשטעלט העכער, ווי ער האָט באַלאַנגט אין דער ווירקלעכקייט...

די סיבה, פאַרוואָס די יוניאָן האָט געשטעלט אַזעלכע קליינע שכירות, איז געווען, כּדי די מענעדזשערס זאָלן זיך ניט דערשרעקן און זאָלן „סעטלען" דעם ערשטן פאָרמעלן שטרייק, איבערהויפּט זיי זאָלן אָנערקענען די יוניאָן.

דורך דער צייט פון שטרייק האָט מען באַוויזן צו שפּילן פאָרשטעלונגען לטובת די שטרייקנדיקע אַקטיאָרן. מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צוויי מאָל אַ טאָג. עס האָט זיך געטומלט אויף דער יידישער גאַס.

אין פּיפּעלס־טעאַטער האָט מען מיט דער איינער פּיעסע „400 יאָר" ניט געקענט אויסקומען — מען האָט באַדאַרפט שפּילן רעפּערטואַר אין די מיטנוואָך־טעג פאַר די בענעפיטן. דאָ איז שוין דער גרויסער כּבוד פון

דעם סטאַר־שוישפּילער געקומען צוהילף דער יוניאָן. אַדלער האָט ניט געוואָלט, אָדער עס האָט אים ניט געפּאַסט צו שפּילן טאָמאַשעווסקיס רעפּערטואַר, און טאָמאַשעווסקי האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון אַדלערס רעפּערטואַר. טאָמאַשעווסקי האָט, ווי שטענדיק, געוואָלט זיין דער „גוטער“ און האָבן דעם כּבוד צו זיין דער ערשטער צו אָנערקענען די פֿאָדערונגען פֿון דער יוניאָן. עדעלשטיין, ווידער, ווען ער האָט דערהערט, אַז די יוניאָן האָט באַשטימט פֿאַר די אַקטיאָרן אַזעלכע נידעריקע פּרייזן, האָט געטראַכט, אַז ער וועט גאָר פּראָפֿיטירן, ווען ער וועט זיך אויסגלייכן מיט דער יוניאָן (זיי האָבן טאַקע פּראָפֿיטירט — אויף מאַרקן וואָלטן די אַקטיאָרן מער פֿאַרדינט).

און אַזוי איז דער ערשטער אָפֿיציעלער שטריק פֿון די יידישע אַקטיאָרן געוואונען געוואָרן און די „היברו־עקטאָרס־יוניאָן“ איז אָנערקענט געוואָרן פֿון די מענעדזשערס. („היברו“, און ניט „דזשואיש“ — ווייל „היברו“ האָט פֿאַר אַ סך יידישע אַמעריקאַנער געקלונגען מער „אַריסטאָקראַטיש“)...
די אַקטיאָרן פֿון פּיפּעלס־טעאַטער האָבן באַדאַרפֿט באַקומען גאַזשע (אין אַנדערע טעאַטערס איז מען געבליבן אַרבעטן ווייטער אויף מאַרקעס ביזן קומענדיקן סעזאָן), און אַלע שטרייקערס, מיט יאָזעף באַראָנדעס בראש, האָבן אַריינמאַרשירט אין פּיפּעלס־טעאַטער דווקא דורך דער פֿראָנט־טיר, און די „סקעב“־אַקטיאָרן פֿון דער פּראָווינץ זיינען אַוועק דורך דער הינטער־טיר.

דאָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויס געשעעניש אין לעבן פֿון יידישן אַקטיאָר אין אַמעריקע.

נאָך אַ פּאָר נעכט שפּילן האָבן די אַקטיאָרן ווידער אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג, אַז די ניו־יאָרקער שוישפּילער, וואָס זיינען פֿאַרבליבן שפּילן אין צייט פֿון שטריק, זאָלן באַלד אַריין אין דער יוניאָן. און ווען זיי האָבן זיך געקווענקלט (זיי האָבן זיך פּשוט געשעמט), האָבן די מענעדזשערס געצוואונגען זיי זאָלן ווערן יוניאָן־לייט — און אין דעצעמבער פֿון יאָר 1900 זיינען מיר לעגאַליזירט געוואָרן און באַקומען אַ „טשאַרטער“ פֿון אַלבאַני. (דער סעקרעטאַר פֿון די געווערקשאַפֿטן, ב. ווײַנשטיין, גיט־אָן אין זיין בוך „יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע“ — אַרויסגעגעבן אין 1929 — אַז די יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרן אין 1888 און איז באַלד אַריינגענומען געוואָרן אין די געווערקשאַפֿטן. קיינער פֿון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן אין ניו־יאָרק קען זיך וועגן דעם ניט דערמאָנען. אָבער אַלע געדענקען, אַז ביז אַרום 1900 האָט מען אין אַלע יידישע טעאַטערס געשפּילט אויף אַ מאַרקע־סיסטעם, וואָס מיינט, אַז די אַקטיאָרן זיינען

דעמאָלט אַליין געווען די באַלעבאַטים. מעגלעך, אַז דער טעות ביי וויינ־שטיינען נעמט זיך דערפון, וואָס אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרן די אַלטע כאָריסטן־יוניאָן. ס׳איז מאָדנע, וואָס וויינשטיין פאַרשווייגט אינ־גאַנצן באַראַנדעסעס טעטיקייט... סיי ווי — אין 1900 זיינען אָנגעגאַנגען היסיע דיסקוסיעס צי זאָל מען די „היברו עקטערס יוניאָן" בכלל אַריינגעמען אין די געווערקשאַפטן).

אויס דאַנקבאַרקייט, האָט די יוניאָן שפּעטער געמאַכט באַראַנדעסן אַ באַנקעט, צו וועלכן עס זיינען געקומען אַלע סטאַר־מענעדזשערס. מען האָט זיי ניט געגעבן דעם „אובנאָן", — זיי זיינען געזעסן אויסגעמישט צווישן אַנדערע אַקטיאָרן. אויך דער פּרעזידענט פון דער „אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר", מר. גאָמפּערס, און אַנדערע אַרבעטער־פירער זיינען אַנוועזנד געווען.

אַקטיאָרן האָבן זיך דעמאָלט אַליין אַמוזירט אויף אַ חברישן שטייגער, אימיטירנדיק איינער דעם צווייטן.

די יוניאָן האָט דעמאָלט באַראַנדעסן געגעבן אַ מתנה — אַ ביוסט פון אים אַליין, און ער האָט דעם ביוסט אַוועקגעשענקט דער יוניאָן. דער ביוסט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם אַמאָליקן יידישן אַקטיאָרן־קלוב און שפּעטער איז ער אויך געשטאַנען אינעם נייעם לאָקאַל פון דער יוניאָן. אָבער די לעצטע יאָרן איז באַראַנדעסעס ביוסט פאַרשוואונדן פון דער יוניאָן...

ווען איך האָב לעצטנס גערעדט מיט באַראַנדעסעס טאָכטער און מיט איר מאַן, האָבן זיי מיך געפרעגט וואו עס איז אַהינגעקומען דער ביוסט פון באַראַנדעסן. איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, האָב איך גע־ענטפערט: הכול תלא במזל, אַפילו ספר־תורה שבהיכל...

מאָריס פינקעל — דער צאַר פון יידישן טעאַטער אין די 90ער יאָרן...

אין ניו־יאָרק איז דאָס יידישע טעאַטער זיך צעוואַקסן. יעדעס יאָר האָבן שיפן געבראַכט טויזנטער נייע באַזוכער פאַרן טעאַטער. און דער אַקטיאָר מאָריס פינקעל איז געווען דער „צאַר" פון טעאַטער. אַלע אַקטיאָרן האָבן פאַר פינקלען מורא געהאַט, אַפילו סטאַרס. פינקעל איז געווען אַ גוטער ערלעכער כאַראַקטער־שוישפּילער, אָבער נאָך אַ בעסערער גע־שעפטסמאַן.

דער אַמעריקאַנער מענעדזשער אויגוסטוס דעילי האָט אַמאָל געזאָגט,

אַז נאָר דער מענטש מעג זיין אַ דירעקטאָר ביים טעאַטער, וועלכער קאָן האַלטן די אַקטיאָרן אין צוים און פאַרשטייט ווי אַזוי צו „קעסטן" אַ פּיעסע. איך ווייס נישט צי פּינקעל האָט געוואוסט ווי אַזוי איינצוטיילן ראָלן, אָבער ווי אַזוי צו האַלטן אַקטיאָרן אין צוים, האָט ער פאַרשטאַנען. ער איז געווען אַ קאַלטער, אַן אויסגערעכנטער, פּינקטלעך און איבערגעלייגט, האָט זייער ווייניק גערעדט. פון אים האָט מאַגולעסקאָ גענומען דאָס ווערטל „שלעכט", וואָס ער האָט גענוצט ביי לאַטיינערס סוקסעס־פּיעסע „דאָס יידישע האַרץ".

געלט האָט פּינקעל אין קיין טעאַטער נישט אַריינגעלייגט. ער פלעגט אַנגאַזשירן אַקטיאָרן נישט, חלילה, אויף געהאַלט, נאָר אויסטיילן אַ מאַרקע (פּינקעל האָט געהאַט זיין אייגענע גאַרדעראָב פאַר „היסטאָרישע" פּיעסן און פלעגט נעמען אַן עקסטרע מאַרקע דערפאַר), און דאָך איז ער געווען דער גאַנצער „באָס" פון טעאַטער.

פּינקעל איז געווען אַ שיינער, הויכער מאַן, אַ ברונעט, האָט שטענדיק געטראָגן וואָנצעס און איז געווען אַזוי אַנגעזען אין דער טעאַטער־פּראָפע־סיע, אַז ווען ער האָט געמאַכט אַ הייראַט־פאַרשלאַג דער חנעוודיקער, 17־יעריקער סוברעטין עמאַ, אַ שוועסטער פון באָריס טאָמאַשעווסקי, איז זי געווען גליקלעך, כאָטש פּינקעל איז שוין דעמאָלט געווען אין די טיפע פערציקער און איר גאַנצע פאַמיליע איז געווען קעגן דעם שידוך.

אַזוי האָט פּינקעל געקעניגט און דיקטאַטאָרעוועט אַ שיינע פאָר יאָר אין ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער, ביז עס איז געקומען צו אַן „אויפשטאַנד" קעגן אים און מען האָט דעם דיקטאַטאָר אַראָפּגעזעצט.

דער אָנפירער פון יענער „רעוואָלוציע" איז געווען דער קאָמיקער רודאָלף מאַרקס, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אויסשטודירט אויף „לאַיער" און האָט נאָך געשפּילט יידיש טעאַטער. (ער איז געווען אַ זון פון דעם באַוואוסטן העברייאישן שרייבער ראַדקינזאָן, וועלכער האָט איבערגע־זעצט דעם תּלמוד אויף ענגליש און אַרויסגעגעבן אַ העברייאישע צייטונג). מאַרקס איז געווען זייער אַ טאַלאַנטירטער מענטש, ער פלעגט באַאַרבעטן פּיעסן פון ענגליש פאַר דער יידישער בינע און איז געווען מער ערנסטער שוישפּילער ווי קאָמיקער. ער האָט געהאַט גרויסן בייפאַל מיט דער דראַמאַטישער ראָל פון דעם אַלטן קאַרגן גאַספּאַר אין דער אָפּערעטע „די גלאָקן פון קאָרנעוויל", וואָס ער האָט איבערגעזעצט פאַר דער יידישער בינע; אויך מיט „בערעלע שייגעץ" אין לאַטיינערס אָפּערעטע „בלימעלע". אָבער די מענעדזשערס האָבן נאָר געוואָלט, ער זאָל שפּילן קאָמישע ראָלן און קאָנקורירן מיט דעם אומפאַרגלייכלעכן מאַגולעסקאָ, — וואָס איז

אים נישט געלונגען. מאַרקס האָט עס אַלײן צוגעגעבן, זאָגנדיק אַמאָל: „איך זע, אַז אַ מאַגולעסקאָ װעל איך שױן נישט װערן, איך װעל מיך בעסער נעמען צו אַדװאָקאַטור".

פּינקעל האָט נאָכאַמאָל געמאַכט אַ פּאַרזוך צו הערשן איבערן טעאַטער; איז אַפילו געװאָרן אײנער פֿון די גרינדער און בױער פֿון דעם „גרענד"־טעאַטער, — אָבער שױן אָן דער אַבסאָלוטער מאַכט, װאָס ער האָט פֿריער געהאַט. און װען ער איז שפּעטער געװען געצװאונגען צו װערן אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן־יוניאָן, װאָס האָט געמײנט, אַז ער איז נישט מער קײן באַלעבאָס, נאָר אַן אײנפאַכער אַקטיאָר, האָט ער ביסלעכװײַז אויך פֿאַרלוירן דעם רעספּעקט פֿון זײַן יונגער פֿרוי עמאַ. דאָס אַלץ האָט געפֿירט צו דעם, װאָס איז באַקאַנט אין דער ייִדישער טעאַטער־װעלט װי „די פּינקעל־טראַגעדיע" (פּינקעל האָט צוליב אײפֿערזוכט געשאָסן אויף זײַן פֿרוי עמאַ און דערנאָך זיך אַלײן דערשאָסן).

מיר װערן „ליציטירט" אין דער יוניאָן

צום סעזאָן פֿון 1900—1901 זײַנען כּמעט אַלע אַקטיאָרן, װאָס האָבן געשפּילט אין ניו־יאָרק, שױן געװען אין דער יוניאָן און אַלע זײַנען זײ אַנגאַזשירט געװאָרן צום ערשטן מאָל אויף „װײדזשעס". יעדער אַקטיאָר האָט אַלײן אונטערהאַנדלט מיט דעם מענעדזשער און האָט נאָר באַדאַרפֿט אַרײַנברענגען אין דער יוניאָן דעם צעטל, װאָס דער מענעדזשער האָט אים אונטערגעשריבן (איצט אונטערהאַנדלט דער „אָפֿיס" פֿון דער יוניאָן מיט דעם מענעדזשער פֿאַר דעם אַקטיאָר; דער מענעדזשער גיט אַרײַן אַ צעטל, אַז ער װיל די און די אַקטיאָרן אַנגאַזשירן און דער „ביזנעס־מענעדזשער" אונטערהאַנדלט).

דער אַקטיאָר־מענעדזשער הײמאָװיטש האָט מיך געװאָלט אַנגאַזשירן אויך פֿאַר דעם צװײטן סעזאָן פֿאַרן װינדזאָר־טעאַטער, אָבער ער האָט ניט געקענט דורכקומען מיט מיר צוליב דעם פּרײַז. פֿאַר דעם דערפֿאָלג, װאָס איך האָב געהאַט מיט דער ראָליע פֿון „בר הינא", האָב איך פֿאַרלאַנגט פֿון אים מיט... אַ דאָלער אויף דער װאָך מער, װי עס איז געװען באַשטימט פֿאַר אַ צװײטן־קלאַס שױשפּילער. דאָס מײנט 23 דאָלער מיט 50 סענט. דאָס אַנגאַזשירן אַקטיאָרן האָט שױן געהאַלטן בײַ נעילה, און צװײ „פֿאָטער־ראַליסטן", װי מען האָט אונדז דעמאָלט גערופֿן, זײַנען נאָך ניט געװען אַנגאַזשירט — איך און משה סימאָנאָף. דער מענעדזשער הײמאָװיטש איז אַרױפֿגעקומען אין דער יוניאָן, װען מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג, און

דערקלערט עפּנטלעך פֿאַר דעם פֿאַרזיצער לייבוש גאָלד, אַז ער וויל איינעם פֿון אונדז ביידן, מיך אָדער סימאַנאָפֿן אַנגאַזשירן. ער גיט, זאָגט ער, יאַנגען 21 דאָלער. דער פֿאַרזיצער פֿרעגט מיך, צי איך נעם אָן. איך האָב געשוויגן. חיימאָוויטש זאָגט צום צווייטן מאָל: „איך גיב יאַנגען 21 דאָלער אַ וואָך.״ איך שווייג...חיימאָוויטש זאָגט: „איך גיב סימאַנאָפֿן 21 דאָלער״. סימאַנאָף שווייגט אויך. חיימאָוויטש קוקט אויף סימאַנאָפֿן, וואונדערט זיך און שרייט אויס: — איך גיב יאַנגען 21 דאָלער מיט 50 סענט. איך שווייג. — 21 דאָלער מיט 50 סענט צום צווייטן מאָל! — איך שווייג אַלץ. — סימאַנאָף, — ווענדט זיך חיימאָוויטש צו אים, מעשה אַלטער באַקאַנטער, — איך גיב דיר 21 דאָלער מיט 50 סענט. נעמסט אָן? — סימאַנאָף שווייגט אויך. חיימאָוויטש ווערט שוין אויפֿגערעגט און שרייט אויס אויף אַ העכערן טאָן, ציילנדיק די ווערטער: — איך גיב יאַנגען 22 דאָלער אַ וואָך, (פּויזע) צום ערשטן מאָל.

די ליציטאַציע ווערט געשפּאַנט — אַלע אַקטיאָרן זיינען, ווי מען זאָגט אויף טעאַטער־לשון, אָנגעצויגן און מען קוקט אויף מיר און אויף סימאַנאָפֿן — ווער פֿון אונדז ביידן וועט פֿריער אָנהויבן צו רעדן. איינעקע ווינקען צו מיר מיט די אויגן און שאָקלען מיטן קאָפּ אויף „יאָ״. איך אָבער שווייג נאָך אַלץ.

— סימאַנאָף, 22 דאָלער אַ וואָך גיב איך דיר — בעט זיך כּמעט חיימאָוויטש ביי אים.

סימאַנאָף האָט באַטראַכט חיימאָוויטשן מיט פֿאַראַכטונג און געשמייכלט סאַרקאַסטיש צו די אַקטיאָרן, ווי איינער רעדט: אַזאַ חזיר. איבער 50 סענט שטעלט ער זיך ... ענדלעך האָט חיימאָוויטש אויסגעשריגן, אַז ער גיט מיר דעם יוניאָן־פּרייז — 22 דאָלער מיט 50 סענט. האָב איך ביי זיך געטראַכט: ער ווייסט דאָך, אַז איך וויל אַ פּאָר סענט איבער דעם פּרייז; וועט ער מסתּמא באַלד זאָגן צו מיר, אַז ער גיט מיר 23 דאָלער, און איך וועל צוקלאַפּן. חיימאָוויטש האָט זיך אָבער געווענדט צו סימאַנאָפֿן און געזאָגט: — סימאַנאָף, איך גיב דיר דעם יוניאָן־פּרייז פֿון צווייטן קלאַס. און סימאַנאָף האָט געגעבן אַ געשריי: — מר. טשערמאַן, איך נעם אָן!

דער פֿאַרזיצער האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיטן האַמער, — דאָס מיינט, אַז „אָפּגעמאַכט״, און חיימאָוויטש האָט „געקויפֿט״ סימאַנאָפֿן...

מיר איז פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן. איך האָב געפֿילט, ווי אַן אָנגעקלאָגטער, ווען דער פֿאַרזיצער פֿון „דזשורי״ זאָגט דאָס וואָרט „שולדיק״. דער מיטינג האָט זיך געשלאָסן. אַלע זיינען אַוועק און איך בין געבליבן אַליין אין זאַל אַ פֿאַרצווייפֿלטער, אַ דערשלאָגענער. וואָרעם אויס־

זיכטן צו ווערן אַנגאַזשירט אויף דעם נײַעם סעזאָן האָב איך ניט געהאַט — אַלע טעאַטערס האָבן שוין געהאַט זײערע טרופּעס פֿאַרפּילט.

איך ווער אַנגאַזשירט אין פּיפּעלס טעאַטער

קלאַראַ איז דעמאָלט געווען אין אַנדערע אומשטענדן און איך האָב געדאַרפֿט זײַן דער אײנציקער פֿאַרזאָרגער. איך האָב געזען פֿאַר מיר אַ יאָר פֿון הונגער און נויט. אַרויסקומענדיק פֿון דער יוניאָן אויף דער גאַס, האָב איך מקנא געווען דעם „פּושקאַרט־פּעדלער". ער, טראַכט איך, האָט אַזוי פֿיל גאַסן אין ניו־יאָרק, וואו צו פֿאַרקויפֿן זײַן סחורה, און איך — בלויז דרײַ טעאַטערס, אויף דער אײן און אײנציקער גאַס, די באָוערי.

געוואוינט האָב איך דעמאָלט אויף מאָנראָ סטריט, בײַ אַ געוויסן מר. גאָלדשטײן, אין דרײַ צימערלעך, אויפֿן אונטערשטן עטאַזש, צום הויף־צו; דאָס שלאָף־צימער האָט נישט געהאַט קײן פֿענצטער, געצאָלט האָב איך 12 דאָלער אַ חודש, און שולדיק בין איך געווען שוין פֿאַר צוויי חדשים. ווען איך בין געקומען צום הויז, וואו איך האָב געוואוינט, האָב איך זיך אומגעקערט צוריק — וואוהין? דער קאָפּ האָט ניט געוווּסט וואוהין די פֿיס שפּאַנען. פּלוצים קומט מיר אַנטקעגן דער קאָמפּאָזיטאָר פֿרידזועל פֿון פּיפּעלס־טעאַטער, און ער גיט אַזאָג: — איך זוך איך טאַקע, מר. יאַנג. יאָסעלע (יאָזעף עדעלשטײן) וויל אײַך זען. בלאַנק איז אַרײַן אין טהאַליאַ־טעאַטער, האָב איך רעקאָמענדירט צו עדעלשטײנען. איר וועט זײַן אין פּיפּעלס־טעאַטער אויף בלאַנקס פּלאַץ.

איך האָב שוין געהאַט געשפּילט אַ פּאָר יאָר מיט אַדלערן. אָבער ווען עמעצער זאָגט מיר, אַז איך וועל זײַן אין דעם שענסטן, בעסטן טעאַטער אין ניו־יאָרק, וואו אַדלער, טאָמאַשעווסקי און מאָגולעסקאָ זײַנען, וואָלט איך ניט געגלויבט. איך מיט פֿרידזולען האָבן אויסגעטרונקען צוויי גלעזער לעמאָנאַדע, פֿאַר וועלכע איך האָב באַצאָלט 3 סענט, און מיר זײַנען אַוועק אין פּיפּעלס־טעאַטער.

יאָזעף עדעלשטײן, דעמאָלט אין זײַנע פֿערציקער יאָרן, האָט געפֿירט דאָס פּיפּעלס־טעאַטער ווי אַ „דעפּאַרטמענט־סטאָר". מען האָט געקענט זען אַדלערן אין גאָרדאָנס פּיעסן און אין איבערזעצונגען פֿון וועלטלעכע שרײַבער; מיידלעך און ווײַבלעך האָבן געקענט קומען זען דעם „מאַטינע־אײדל" טאָמאַשעווסקין אין לאַטײַנערס פּיעסן; אַנדערע — ראָזענטאַלן אין אַ מעלאָדראַמע, אָדער מאָגולעסקאָן אין אַ קאָמעדיע. אַלץ, וואָס רופֿט זיך טעאַטער, האָט מען געשפּילט אין פּיפּעלס־טעאַטער. יאָזעף עדעלשטײנס

פֿונקציע אין פּיפּעלס־טעאַטער איז אויך געווען צו אַנגאַזשירן די אַקטיאָרן פֿאַר אַדלערן און טאָמאַשעווסקין. אַפּנים פֿאַר אַדלערן, דעם קינסטלער, און פֿאַר טאָמאַשעווסקין דעם גרויסן ספּאָרט, האָט ניט געפּאַסט זיך צו דינגען מיטן אַקטיאָר. פֿאַר עדעלשטיינען, דעם ביזנעסמאַן, האָט עס יאָ געפּאַסט.

עדעלשטיין האָט, ניט פֿרעגנדיק וויפֿל איך פֿאַרלאַנג, מיר פֿאַרגעשלאָגן אַ דאָלער מיט 50 סענט מער ווי די יוניאָן האָט געהאַט באַשטימט פֿאַר אַ צווייטן־קלאַס שוישפּילער. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים גלייך געהייסן שרייבן אַ צעטל. נאָכן אונטערשרייבן, דערלאַנגט ער מיר אַ טשעק: — דאָ האָסטו פֿאַר דעם זומער — זאָגט ער צו מיר, און צו פֿרידזלען גיט ער אַ מאַך: „איצט, ווען דער בערלאַדער שמש (בלאַנק) וועט וועלן צוריקקומען אין פּיפּעלס־טעאַטער, וועט ער מוזן ביי מיר קומען דורכן קוימען". (ערשט מיט אַכט יאָר שפּעטער, ווען איך בין אַוועק פֿון פּיפּעלס־טעאַטער, איז בלאַנק צוריקגעקומען).

ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָב איך באַקוקט דעם טשעק, אויב דאָס איז ניט קיין חלום...

ווען איך בין אַריין אין שטוב, האָב איך געטראָפֿן קלאַראַן ליגן אויפֿן דיל מיט אַ שיסל וואַסער און זייף, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל — זי האָט געוואַשן די פּאָדלאָגע.

— דו טאָרסט די אַרבעט ניט טאָן, — זאָג איך צו איר מיט אַ פֿאַר־וואורף.

— ווען דו ביסט אַנגאַזשירט און מיר זיינען ניט אַזוי געענגט, וואָלט איך אַריינגענומען אַ פֿרוי, זי זאָל עס טאָן. אָבער אַזוי...

איך האָב אַרויסגענומען דעם טשעק און איר געוויזן: — הונדערט דאָלאַר!

— ביסט געוואָרן אַנגאַזשירט אין ווינדזאָר־טעאַטער?

— ניין, אין פּיפּעלס־טעאַטער, ביי אַדלער און טאָמאַשעווסקי. און עדעלשטיין האָט מיר געגעבן אַ טשעק אויף הונדערט דאָלער פֿאָראויס.

— אין פּיפּעלס־טעאַטער? — איז קלאַראַ אויסער זיך פֿאַר איבער־ראַשונג.

— אָט איז דאָס צעטל, וואָס עדעלשטיין האָט מיר אונטערגעשריבן: „איך, דער אונטערגעצייכנטער, האָב אַנגאַזשירט מר. בערנאַרד יאַנג פֿאַר דעם סעזאָן 1900—1901 פֿאַר דער סומע פֿון 24 דאָלאַר אַ וואָך. איך דאַרף אים אויך געבן פֿאַר צוויי הונדערט דאָלאַר טיקעטס צו זיין בענעפֿיט פֿריי. יאָזעף עדעלשטיין".

מיין ערשטער אויפטריט אין פּיפּעלס־טעאַטער

מיט 50 יאָר צוריק פלעגט מען אָנהויבן דעם נייעם סעזאָן אין די ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערס סוף חודש יולי (איך געדענק אַפילו, אַז מען האָט אַמאָל אָנגעהויבן דעם 4טן יולי). די מערסטע אימיגראַנטן פלעגן קומען דורך די זומער־מאָנאַטן, און אַזוי גיך ווי זיי האָבן איינגענומען זייער פּאַרציע „ביטערזאַלץ" און מ'האָט זיי געפּירט אין באָד אַריין, איז מען מיט זיי געגאַנגען אין יידישן טעאַטער. יעדע פּיעסע אין דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער איז פאַר זיי געווען ניי, און מען האָט ניט באַדאַרפט אָנ־הויבן דעם סעזאָן מיט אַ נייער פּיעסע. (יאָזעף עדעלשטיין האָט זיך דעמאָלט פאַר מיר באַרימט: „נאָך מאַטינע גיס איך אויס דאָס שעפּעלע, און אויף דער נאַכט פיל איך עס ווידער אָן", מיינענדיק דאָס טעאַטער). האָט מען ביז סוכות געשפּילט רעפּערטואַר פינף מאָל אַ וואָך: פרייטיק, שבת און זונטיק מאַטינע און אָוונט. אויף סוכות ערשט האָט מען געשטעלט די נייע פּיעסע. און אַזוי ווי אין „פּיפּעלס־טעאַטער" איז געווען אַדלער מיט טאָ־מאַשעווסקין, האָט אַדלער געשפּילט זיין רעפּערטואַר (גאָרדינס פּיעסן) אין די אָוונטן, און טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט לאַטיינערן מיט זאָלאָ־טאַרעפסקין אין די צוויי מאַטינעס. אין אַדלערס רעפּערטואַר בין איך געווען „רעפּערטואַרנע", אָבער טאָמאַשעווסקיס פּיעסן זיינען מיר געווען פרעמד.

נאָר פּונקט האָט טאָמאַשעווסקי געשטעלט צוויי פּיעסן צו דער דער־עפענונג, וואָס איך האָב שוין געהאַט געשפּילט אין זיי — לאַטיינערס „דודס פידעלע" און זאָלאָטאַרעפסקיס „ישיבה בחור". איך האָב באַדאַרפט שפּילן בלאַנקס צוויי ראָלן, אין וועלכע ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט: ביי „דודס פידעלע" — „טוביה", און ביים „ישיבה בחור" — „טודרוס". די צוויי ראָלן האָב איך נאָך ניט געהאַט געשפּילט. „דודס פידעלע" האָט צוויי הויפּט־ראָלן — די ברידער דוד און טוביה. כאָטש „טוביה" איז אַ גרעסערע און אַ שווערערע ראָל ווי „דוד", שפּילט דער „סטאַר" שטענדיק די טיטל־ראָל, „דוד". ביי „דודס פידעלע" שליסט אין דריטן אַקט דעם פאָרהאַנג דודס ברודער „טוביה", און „דוד", דער סטאַר פון דער פּיעסע, זיצט דעמאָלט אין גאַרדעראָב־צימער און הערט זיך צו וויפל מאָל דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף פאַר טוביהן...

ווען מען האָט געמאַכט פּראָבע פון „דודס פידעלע", האָט דער בינע־פאַרוואַלטער, דער אַקטיאָר מאַגיע, מיט גענויער פּינקטלעכקייט מיר איי־בערגעגעבן יעדע סצענע לויט בלאַנקס אויפפאַסונג פון דער ראָל „טוביה". דאָס מענעדזשמענט איז געווען זייער פאַראינטערעסירט איך זאָל ניט דורכ־פאַלן קעגן בלאַנקן. בעסי טאָמאַשעווסקי, וועלכע האָט דעמאָלט געשפּילט

„יענקעלע", האָט מיר אויסגעזאָגט אַלע „סודות" פֿון בלאַנקן, וואָס ער האָט ביי דער און דער סצענע געטאָן, און ווי אַזוי ער האָט עס געמאַכט, אַפֿילו מיט וועלכן פֿינגער בלאַנק האָט זיך געקראַצט אונטער זיין גרויסער באָרד. איך געדענק, ווען איך האָב שוין געהאַט אייניקע מאָל אָפּגעשפּילט די ראָל, האָב איך, אין אַ וויץ, שטיל געזאָגט אויף דער בינע: — בעסי, וואָס טוט מען? איך האָב פֿאַרגעסן מיט וועלכן פֿינגער בלאַנק האָט זיך געקראַצט...

אויף דעם שלוס פֿון דריטן אַקט, האָב איך געוואוסט, וואָרט אין טע־אַטער דאָס מענעדזשמענט צו זען וויפֿל מאָל דער פֿאָרהאַנג וועט זיך אויפֿ־הייבן. די אַקטיאָרן אויף דער בינע, האָב איך פֿאַרשטאַנען, זיינען נייגעריק צו זען, ווי איך וועל מיך ספּראַווען מיטן ענדיקן דעם אַקט, און טאָמאַ־שעווסקי אין גאַרדעראָב־צימער וועט אוודאי וועלן וויסן, ווי אַזוי איך האָב געשפּילט די סצענע... האָב איך מיך פּאַרקאַטשעט פֿאַר דער ראָל פֿון „טוביה", און מיין גאַנצע ענערגיע האָב איך רעזערווירט פֿאַר דעם שלוס פֿון דריטן אַקט... איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיין צוקונפֿט אין „פּיפּעלס־טעאַטער" הענגט אָפּ פֿון דער איינער דראַמאַטישער סצענע. אויב איך פֿאַל דורך מיט „טוביה", וועט מען מיר מער קיין ערשטע ראָל ניט געבן. און דאָ האָט פּאַסירט עפּעס אויף דער בינע, אַט טאַקע ביי דער סצענע, וואָס — אַז איך בין ניט אַראָפּ פֿון זינען יענעם אָוונט, האָב איך געהאַט צו פֿאַרדאַנקען נאָר מיינע יוגנטלעכע שטאַרקע נערוון:

אין דער סצענע קומט פֿאָר, ווי „טוביה" (איך), אַ ייד פֿון איבער זעכציק, ווערט אַ חתן פֿאַר אַ מיידל פֿון עטלעכע און צוואַנציק (געשפּילט פֿון מרס. גודינסקי). ווען מען פּראַוועט די תנאים, געפֿינט אויס טוביה, אַז מען האָט צוגעגנבעט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. ווען דאָס מיידל דערוויסט זיך, אַז איר אַלטער חתן טוביה איז געוואָרן אַן אָרעמאַן, האָט זי חרטה אויפֿן שידוך, און אויס תנאים. טוביה ווערט זייער אויפֿגערעגט. ער זעט ערשט איצט, אַז דאָס מיידל האָט מיט אים געוואָלט חתונה האָבן נאָר צוליב זיין געלט — צערייסט ער די תנאים, וואָס אַ געוויסער גביר „איצעלע בעבזיק" האָט מיט 15 מינוט פֿריער געענדיקט לייענען, און ענדיקט מיט די ווער־טער: „אַזוי ווי איך האָב איצט צעריסן די תנאים, אַזוי צערייס איך דעם בונד, וואָס איז געווען צווישן אונדז ביידן"; ער טרייבט אַרויס די כּלה פֿון שטוב, און דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

אַן אַקטיאָר מיט טעמפּעראַמענט און פֿאַרשטאַנד האָט אַ געלעגנהייט מיט דער סצענע זיך צו ווייזן פֿאַרן פּובליקום. די ראָל פֿון „איצעלע בעבזיק" האָט געשפּילט דער דעמאָלט באַקאַנטער שוישפּילער מייזעל (דער פֿאָטער פֿון דער פּרימאַדאָנע בעלאַ מייזעל). ער איז געווען אַ גוטער, אינטעליגענטער

װישפּילער, געשריבן פּיעסן, פֿאַרפֿאַסט לידער, אָבער אַ מענטש אַן עקס־צענטריק: האָט זיך געקענט באַגײסטערן ביז צום העכסטן עקסטאַז פֿון גאַרניט און איז געװען אַ „צעטראָגענער פּראָפֿעסאָר״.

בעת איך האָב גערעדט דעם מאָנאָלאָג, האָב איך שױן באַמערקט, אַז די תּנאָים ליגן ניט אױפֿן טיש. און װען ס׳איז געקומען צו דער סצענע, װאו איך דאַרף צערײסן די תּנאָים, האָב איך אָנגעהױבן זוכן אױפֿן טיש, בין געװאָרן נערװעז און געגנומען שרײַען — מענטשן, גיט מיר אָפּ די תּנאָים! — אָבער אַזױ װי אױך צו להכעיס האָט קײנער אױף דער בינע ניט געהאַט אַפֿילו אַ לײדיק שטיקל פּאַפּיר מיר צו געבן. אַלע װישפּילער אױף דער בינע, קוקנדיק אױף מײַן פֿאַרלעגנהײט, האָבן אָנגעהױבן מורמלען אײנער צום צװײטן. איך, אַן אױפֿגערעגטער, האָב ניט געװאוסט װאָס צו טאָן און װאָס צו רעדן. דער סופֿלער, ראובן װײסמאַן, שרײַט צו מיר פֿון סופֿליאָר־קאַסטן: „גיט אַ זעץ מיט אַ בענקל, מאַכט עפּעס אַ טומל, און איך װעל לאָזן דעם פֿאָרהאַנג״.

איך האָב געכאַפּט אַ פֿלעשל פֿון טיש, געװאָלט עס צעברעכן און זאָגן צו מײַן כּלה: „אַזױ װי איך צעברעך דאָס פֿלעשל, אַזױ צעברעך איך אונדזער בונד״, — האָב איך אָבער אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז דאָס פֿלעשל איז פֿול מיט װאַסער. אױפֿהײבנדיק דאָס פֿלעשל, האָב איך מיך אָפּגעגאָסן. איך האָב געמוזט אױסזען זײער קאָמיש מיט אַ נאַסער באָרד, װאָרעם די אַקטיאָרן אױף דער בינע האָבן זיך צעלאַכט, אַזױ אױך דאָס פּובליקום אין טעאַטער, און דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן...

נאָר אַן אַקטיאָר, װאָס האָט אַמאָל איבערגעלעבט אַזאַ ענלעכע סצענע, קען פֿילן, װאָס איך האָב דעמאָלט געפֿילט... איך בין אַװעקגעפֿאַלן אַ דערשעפּטער, אַ מידער, אַ פֿאַרשעמטער...

ערשט איצט האָט זיך מײַן פֿרײַנט און צעטראָגענער קאָלעגע, מײזעל, געכאַפּט, אַז אָנשטאָט ער זאָל לאָזן ליגן די תּנאָים אױפֿן טיש, האָט ער זײ אַרײַנגעלײגט צו זיך אין בוזים־קעשענע...

אַ שיף מיט נײַע אַקטיאָרן

אין יענעם סעזאָן, װען די יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן איז געגרינדעט געװאָרן, האָט דער אַקטיאָר־מענעדזשער חײמאָװיטש געשיקט דעם פּראָ־פֿעסאָר הורװיץ קײַן אײראָפּע, ער זאָל ברענגען אַ יידישן װישפּילער, װעלכן מען קען אַרױסשטעלן פֿאַר אַ סטאַר אין װינדזאָר־טעאַטער, װאָס איז געװען אַנטקעגנאיבער דעם טהאַליאַ־טעאַטער.

קלמן יאַוועליר, וועלכער איז געווען דער הויפּט פֿון אַ טרופּע, וואָס איז אַרומגעפֿאָרן איבער די שטעט פֿון רומעניע און געשפּילט יידיש טעאַטער, איז דעמאָלט געווען אין די דרייסיקער יאָרן און געהאַט אַ שטאַרקע טענאָר־שטים. אויף אים האָט עס דער „פּראָפֿעסאָר" געוואָרפֿן אַן אויג, צו ברענגען אים ווי דעם סטאָר פֿון ווינדזאָר־טעאַטער, צו קאָנקורירן מיטן טהאַליאַ־טעאַטער, וואו דוד קעסלער האָט געשפּילט. אָבער יאַוועליר האָט געשטעלט איין „קליינע" באַדינגונג: אַז הורוויץ זאָל אַנגאַזשירן די גאַנצע טרופּע און זיי אַלעמען, מיט די פֿרויען און קינדער, ברענגען קיין אַמעריקע. חיימאָוויטש, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיך שרעקן פֿאַר דער אַקטיאָרן־יוניאָן, האָט צוגעשטימט און געקייבלט הורוויצן, ער זאָל אַנגאַזשירן די גאַנצע טרופּע און מיט איר קומען קיין ניו־יאָרק.

ווען די אַקטיאָרן האָבן זיך דערוואוסט, אַז פּראָפֿעסאָר הורוויץ ברענגט קיין ניו־יאָרק אַ גאַנצע שיף מיט אַקטיאָרן, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם אין דער יוניאָן. יעדן טאָג האָט מען געבראַכט נייע פּאַטשטן: איינער האָט דערציילט, אַז אויף דער שיף געפֿינען זיך צוויי פּרימאַדאָנעס, קעגן וועלכע רעגינאַ פּראַגערס שטים קלינגט, ווי אַ פֿייגעלע וואָלט געפּישטשעט... די צוויי ליבהאָבער, וואָס הורוויץ ברענגט, וועלן צודעקן קעסלערן; דעם טענאָר האָט דער פּראָפֿעסאָר געקידנעפּט פֿון דער בודאַפּעסטער אָפּערע; און דעם טענאָרס פֿרוי איז אַ גרויסע שיינקייט, וואָס וועט באַצויבערן גאַנץ ניו־יאָרק, און וועט „מאַכן אַ וואַנע" (צונישט מאַכן) דער מאַדאַם קאַליש... אויף דער שיף איז אויך פֿאַראַן אַ האַלבער טוץ פֿאַטעראַליסטן און אַ גאַנצער טוץ קאָמיקערס — האָט דער אַקטיאָר געהערט.

ווען יאָזעף באַראַנדעס האָט זיך דערפֿון דערוואוסט, איז ער, פֿאַרשטייט זיך, באַלד געקומען צולויפֿן אין דער יוניאָן (מיר האָבן געהאַט מיטינגען יעדן טאָג). ווען די מיטגלידער האָבן דערזען באַראַנדעסן, איז די אויפֿרעגונג צווישן זיי געוואָרן נאָך שטאַרקער:

— איר האָט געגרינדעט אַן אַקטיאָרן־יוניאָן צו פֿאַרבעסערן אונדזער לאַגע און צום סוף וועלן מיר בלייבן אינגאַנצן אָן ברויט! — האָבן אייניקע געשריגן צו באַראַנדעסן. און אַנדערע ווידער: — ווען מיר האָבן געשפּילט אויף מאַרקעס, האָבן מיר אַ סך מער פֿאַרדינט ווי איצט אויף „ווידזשעס".

באַראַנדעס, דער גרינדער פֿון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, האָט געפֿילט דעמאָלט ווי משה רבינו, ווען די יידן האָבן געהאַט צו אים טענות, און ס'האָט אים גענומען אַ גאַנצע שעה צו רעדן, ביז די געמיטער פֿון די יוניאָן־מיטגלידער האָבן זיך באַרויקט.

איינער פֿון די אַקטיאָרן האָט דערציילט, אַז — לויט ווי ער האָט געהערט — פֿירט גאָר „די שיף מיט צדיקים״, וואָס הורוויץ ברענגט, ניט קיין „צדיקים״ (סטאַרס), נאָר פּראָסטע צווייט־ און דריט־קלאַסיקע אַקטיאָרן, און אַז מען ברענגט זיי, כּדי צו צעברעכן די יוניאָן. דאָס איז אַ קאָנספּיראַציע פֿון אַלע מענעדזשערס קעגן דער יוניאָן. דאָ איז געפֿאַלן אַ פֿאָרשלאָג, מען זאָל דערווייַלן אַ קאָמיטעט, מיט באַראָנדעסן בראש, זיי זאָלן זיך ווענדן צום „קאָמישאָנער אָוו לייבאָר״ און אים דערקלערן, אַז מען ברענגט אַהער אַקטיאָרן — ניט קיין סטאַרס צו גאַסטראָלירן, נאָר פּשוט אַרויסצואוואַרפֿן פֿון טעאַטער די אַקטיאָרן; דאָס איז קאָנקורענץ אויף אַרבעט, און זיי בעטן דעריבער דעם קאָמישאָנער, מען זאָל די שיף מיט די אייראָפּייאישע אַקטיאָרן צוריקשיקן.

איצט קלינגט עס ניט יידיש און ניט מענטשלעך, אָבער דעמאָלט האָט עס אויסגעזען פֿאַר די אַקטיאָרן גאַנץ נאַטירלעך.

וכך הווא: ווען די אַקטיאָרן זייַנען אָנגעקומען אין ניו־יאָרקער האַפֿן, האָט מען זיי ניט אַרונטערגעלאָזט. מען האָט די אַקטיאָרן געהאַלטן אויף דער שיף, ביז מען האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ „דזשורי״.

מיט דער שיף זייַנען דעמאָלט געקומען: קלמן יאָוועליר און זיין פֿרוי, סעמיועל ראָזענשטיין, פּיטער גראַף, מר. און מרס. פֿאַרקויף, מר. און מרס. שאַר, גילטמאַן, מר. און מרס. שראַגא, און יעקב זילבערט מיט זיין פֿרוי ליזאַ זילבערט (די לעצטע צווי האָט הורוויץ אָנגאַזשירט אין בודאַפּעסט, אונגאַרן).

ווען עס איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרהער פֿאַר דער „דזשורי״, האָט הורוויץ געוויזן די קאָנטראַקטן, אַז יעדערער פֿון זיי איז אַ סטאַר און זיי וועלן ברענגען „פּראָספּעריטי״ אין טעאַטער, און אַז מען קען זיי ניט פֿאַרבייטן מיט אַנדערע אַקטיאָרן. די אַקטיאָרן האָבן באַוויזן באַשטעטיקונגען, אַז זיי האָבן געשפּילט סטאַר־ראָלן אין אייראָפּע. ליזאַ זילבערט האָט געהאַלטן פֿאַר דער דזשורי אַ רעדע אין דייטש און דערציילט איר יחוס: איר פֿאָטער איז אַ דירעקטאָר שוין פֿון לאַנגע יאָרן און איר מאַן, יעקב זילבערט, איז אַ סטאַר אין אייראָפּע. דאָס זעלבע האָט זי דערציילט וועגן יאָוועלירן, גראַף און ראָזענשטיין.

דער קאָמיטעט פֿון דער יוניאָן האָט דאָס אַלץ געלייקנט און געזאָגט, אַז קיינער פֿון זיי איז ניט און וועט ניט זיין קיין סטאַר אין אַמעריקע, נאָר זיי זייַנען געקומען צעברעכן די ניי־געגרינדעטע יוניאָן.

אָבער די דזשורי האָט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פֿון דעם דירעקטאָר, פּראָפֿעסאָר הורוויץ, אַז די „גרינע״ אַקטיאָרן וועלן ברענגען „פּראָס־

פּעריטי״ און ניט קיין שאַדן די אַמעריקאַנער אַקטיאָרן, און מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

אויפגעטראָטן איז די טרופּע אין דער אייראָפּייאישער אָפּערעטע „דער ציגיינער־באַראָן״. יאָוועליר האָט געשפּילט דעם ציגיינער־באַראָן, וואָס קעסלער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשפּילט אין ניו־יאָרק. צום בעסטן האָט זיך ביים „ציגיינער־באַראָן״ דעמאָלט אויסגעצייכנט שמואל ראָזענשטיין. ער איז געווען יונג, שיין, מיט זייער פיל חן און געהאַט אַ שיינעם, לירישן טענאָר. יעקב זילבערט איז אויפגעטראָטן אין „הכמת נשים״, אין דער ראָל פון שלמה מיימאָן, ליזאַ זילבערט איז שפּעטער אויפגעטראָטן אין „חנהלע די פינישערין״ (נייטאָרין).

דורך דער צייט, וואָס די טרופּע האָט געשפּילט רעפּערטואַר, האָט הורוויץ אָנגעשריבן פאַר זיי „בן הדור״, וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג.

אָפּשפּילנדיק אַ צוויי חדשים, איז די גאַנצע טרופּע אַריינגענומען געוואָרן אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן.

יידישער וואָדעוויל

ווען איך האָב געשפּילט אין פּיפּעלס־טעאַטער, איז קלאַראַ געזעסן אין דער היים — געקאָכט וועטשערע און אַכטונג געגעבן אויפן קינד. איך האָב איר געבראַכט יעדע וואָך גאַזשע, און גענומען ביי איר אַ דאָלער און פופציק סענט אַ וואָך אויף צו ראַזירן זיך, ציגאַרעטן און אַ גלאָז סאָדע־וואַסער. איך האָב זיך געפילט ווי דער באַלעבאָס אין שטוב, דער פּרנסה־געבער און דער טאַטע, און בין געווען גליקלעך. דאָס איז שוין געוואָרן ביי אונדז אַ כלל: כל זמן מען האָט געזאָגט: „אָט גייט בערנאַרד יאַנגס פּרוי״ — איז די קאַסע איינגעשטאַנען ביי קלאַראַן; ווען מען האָט אָנגעהויבן צו זאָגן: „אָט גייט קלאַראַ יאַנגס מאַן״ — זיינען די שליסלען פון דער קאַסע געווען ביי מיר.

אָבער קלאַראַ האָט ניט געקאָנט זיצן אין דער היים, זי האָט געמוזט זיין אויף דער בינע. אַזוי גיך ווי עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, האָט זי זיך אַנגאַזשירט. און די געלעגנהייט האָט זיך איר דעמאָלט געמאַכט אין פילאַדעלפיע:

אייבראַמסאָן, דער מאַן פון דער ערשטער שולמית־שפּילערין, מאַדאַם איינהאָרן, האָט גענומען אַ טעאַטער אין פילאַדעלפיע, אין גרין סטריט, און האָט קלאַראַן אַנגאַזשירט אַלס אַקטריסע, וואָס דאַרף שפּילן אַלץ, וואָס מען גיט איר: מאַמעס, באָבעס, אַלטע קעכינס — נאָר ניט קיין סוברעטינס. אויף אָט־דעם זשאַנער האָט ער אַנגאַזשירט אַן אַנדערע סוברעטין.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזוינע ראָלן איז קלאַרא ווייט ניט דערגאַנגען. איר „שטערן״ האָט זיך ערשט באַוויזן אין ניו־יאָרקער יידישן וואָדעוויל.

אָנפֿאַנג פֿון יאָר 1900 האָבן אָנגעהויבן אויפֿצוקומען אין ניו־יאָרק יידישע „מוזיק־האָלס״. זיי זיינען געוואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. אין איין צייט האָט איר געקענט אָפּציילן אין ניו־יאָרק, אויף דער איסט־סייד, 15 יידישע מוזיק־האָלס, אויב ניט מער. ווי דער סופֿלער יצחק אָבער־מאַן גיט איבער, זיינען דעמאָלט געווען קאַפֿלאַנס, אַגידס און סאָפּאָלק סטריט מוזיק־האָלס, אָריענטאַל־, קלינטאָן־ריווינגטאָן סטריט־, קענאָן סטריט־, האָוסטאָן סטריט און לידער־קראַנץ מוזיק־האָל, פּיפּעלס־ מוזיק־האָל און גרענד סטריט מוזיק־האָל, די „עלדאָראַדאָ״ און נאָך. דער דייטשער „פֿאָלקס־גאַרדען״ אויף דער בוערי, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אַ דייטשער מוזיק־האָל, איז אויך אויף אַ קורצער צייט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישן. די „עלדאָראַדאָ״ איז געווען די ערשטע, און איר ערשטער דירעק־טאָר איז געווען אַ רומענישער ייד, מאַשקאָוויטש, דער מאַן פֿון דער יידיש־ענגלישער אַקטריסע מרס. מאַשקאָוויטש.

די פּראָגראַמען זיינען געווען ענלעך ווי אין די איצטיקע יידישע וואָדעוויל־טעאַטערס. אָבער דעמאָלט איז די הויפּט־אַטראַקציע געווען דער „סקעטש״, אַ קורצער איין־אַקטער. די סקעטש־אַרטיסטן זיינען געווען: מאַקס געבעל, לואיס קרעמער, וויינטרויב, די אַפּעלס, די קופּערסמיטס, די סאָלאָ־אַרטיסטן זיינען געווען די קאַנערס, און די טענצער — די היידעבורי־פֿאַמיליע. דער באַוואוסטער ליריק־שרייבער איזידאָר ליליען פֿלעגט שוין דעמאָלט זינגען זיינע אייגענע לידער אין די סקעטשעס, וואָס ער פֿלעגט שפּילן מיט מרס. דזשייקאָבס. איינטריט איז געווען פֿריי. איר האָט אָבער געמוזט עפּעס טרינקען פֿאַר צען סענט. מען האָט דאָרט אויך געקענט באַקומען אַ געבראָטענע לעבער, אַ „קאַרנאַצל״, אַ „סטייק״. דער בראָט־אַ.יוון איז געשטאַנען טאַקע אין טעאַטער־זאַל, אַזוי אויך טישלעך צום עסן און טרינקען. האָט איר אַמאָל געקענט אויסשרייען דעם קעלנער — פּונקט ווען די מרס. אַפּעל האָט געזאָגט אויף דער בינע: איך בין הונ־געריק, איך האָב נאָך היינט ניט געגעסן — „אַ לעבער־סטייק, גוט גע־בראָטן!״ . . .

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו רעכענען איינטריט־געלט—15 סענט.

אַגב, האָט וואָדעוויל טאַקע זיך אָנגעהויבן ביים עסן: ווען די מיל איז געווען דער איינציקער פּלאַץ, וואו צו מאָלן קאָרן, פֿלעגן אַ סך פּויערים אין פֿראַנקרייך שטיין מיטן קאָרן און וואַרטן אויף זייער ריי. איז איין מילנער געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן: כּדי די פּויערים זאָלן זיך ניט לאַנגווייליקן

און ניט גיין צו אַ צווייטן מילנער, האָט ער פֿאַר זיי געשטעלט טישלעך און בענקלעך מיט איבערבייסן און טרינקען. ער האָט טאַקע געלאָזט זיך באַצאָלן דערפֿאַר און דערביי געמאַכט אַ גוט געשעפֿט. איינמאָל זיינען פֿאַר־בייגעפֿאָרן דורך דער געגנט קיין פּאַריז אַ גרופּע זשאָנגלערס, אַקראָבאַטן, מאַלפּע־דרעסירער, זינגערס. דער קלוגער מילנער האָט געגעבן די שפּילער אַפּצועסן און אַ פּלאַץ צו שלאָפֿן, און דערפֿאַר האָבן זיי אונטערהאַלטן די פּוי־ערים, וואָס זיינען געזעסן ביי די טישלעך און געגעסן. ווען די אַנדערע מילנערס האָבן זיך דערפֿון דערוואוסט, האָבן זיי אויך געטאָן דאָס אייגענע, און אַזוי האָט זיך וואָדעוויל אַנגעהויבן ביים עסן. מעגלעך דערפֿאַר האָט דער וועלט־־באַרימטער מוזיק־האָל אין פּאַריז אַ מיל אויף דער געביידע און רופֿט זיך „מאָלען רוזש״ (די רויטע מיל).

אויף אַן ענלעכן, צופֿעליקן אופֿן האָט מען אַנגעהויבן שפּילן „סקעטשעס״ אין די יידישע מוזיק־האָלס:

אין יענער צייט, ווען די יידישע מוזיק־האָלס האָבן געבליט, האָט מיין לאַנגיאָריקער אינטימער פֿריינט שמוקלער, וואָס האָט געהאַט אַ קאַפֿע־הויז און איז שפּעטער געוואָרן אַ שותּף צו מילערס צייטונג „די וואָרהייט״, איבערגענומען (פֿון אַ געוויסן ליוואַי, וועלכער איז אַמאָל געווען קאַסירער אין אָריענטאַל־טעאַטער) דעם פּיפּעלס־מוזיק־האָל אויף דער באָוערי, צוזאַמען מיט אייזיק ליפּשיץ, דעם דרוקער פֿון יידישע טעאַטער־אַפֿישן. שמוקלער האָט אַנגאַזשירט קלאַראַ יאַנג פֿאַר פֿופֿצן דאָלער אַ וואָך, זי זאָל זיין אין דער טרופּע, און מען האָט איר אויך געגעבן אַ געלעגנהייט זי זאָל אַליין זינגען אַ נומער, אין אָנפֿאַנג פֿון פּראָגראַם. קלאַראַ האָט די געלעגנהייט אויסגענוצט און מען האָט אַנגעהויבן צו זען, ווי אַ שטערנדל גייט־אויף אויף דער באָוערי... איך האָב געקויפֿט פֿאַר איר אַ ליד פֿאַר דריי דאָלער ביי דעם זינגער און סופֿליאָר קאַפּעלמאַן. דאָס ליד האָט גע־הייסן „די דאַמע פֿון בראָדוויי״, און שילדערט ווי אַ שיין, יונג מיידל פֿון דער איסט סאַיד ווערט אויפֿגענומען פֿון דער בראָדווייער לוסטיקער גע־זעלשאַפֿט, און שטאַרבט שפּעטער אין אַ שפּיטאָל ווי אַ רעזולטאַט פֿון איר אויסגעלאַסן, פֿאַרשווענדעריש לעבן. קלאַראַ האָט אין דעם ליד אַריינגעלייגט איר גאַנצע לירישקייט און ראַפֿינירטקייט. אירע נומערן זיינען געוואָרן דער „אַטרעקשאַן״ פֿון אָוונט און דאָס מענעדזשמענט האָט זי שוין גע־שטעלט פֿאַרן „סקעטש״, דאָס הייסט — דער לעצטער נומער אויפֿן פּראָ־גראַם, וואָס איז אַ גרויסע אויסצייכענונג. שפּעטער האָט דאָס מענעדזשמענט געדרוקט אויפֿן פּראָגראַם מיט פֿעטע בוכשטאַבן „וועיט פֿאַר מר״ס יאַנג״

(ווארט אויף מר"ס יאנג). דאס איז געווען דער ערשטער שטויס, זי זאל ווערן די קלארא יאנג...

די „גאליארקע" און קלארא יאנגס ערשטער אויפטריט אין פיפעלס־טעאטער

אין זיין בוך וועגן טעאטער, דערציילט דער ענגלישער מענעדזשער דעניעל פראמאן ווי מען האט געשפילט ביי אים א געוויסע דראמע, וואס האט ניט געהאט קיין קאסע־דערפאלג. דאך האט ער די פיעסע געהאלטן אויף דער בינע א צייט לאנג, ווייל דעם אינטעליגענטן פובליקום, איבערהויפט אים אליין איז די דראמע געפעלן. יענע ענגלישע מענעדזשערס האבן זיך ניט פארלאזט אויפן סטאר, ער זאל אויסקלויבן די פיעסע פארן טעאטער. זיי האבן אליין געהערט די דראמע און אנגאזשירט דעם סטאר פאר דער הויפט־ראל, אפילו ווען דער סטאר איז געווען א שותף; זיי זיינען געפארן אפילו קיין אייראפע זען פיעסן און זיי געלאזט באארבעטן פאר דער אמעריקאנער בינע.

דער יידישער טעאטער־מענעדזשער יאזעף (יאסעלע) עדעלשטיין, וועלכער האט געקעניגט ביים יידישן טעאטער אין ניו־יארק איבער א האלבן יארהונדערט, האט זיך אינגאנצן פארלאזט אויפן סטאר, אפילו ווען דער סטאר איז ניט געווען זיין שותף. הערן לייענען א פיעסע האט ער קיין צייט, אדער קיין געדולד ניט געהאט — כאטש די פיעסע האט אים געקאסט טויזנטער דאלערס. ער פלעגט יא אמאל זיך אריינכאפן אין טעאטער און קוקן אויף דער בינע, אבער ניט מער ווי א מינוט פינף; מער האט ער קיין געדולד ניט געהאט. פארשטייט זיך, אז ער האט קיין באגריף ניט געקענט האבן פון דעם ווערט פון אן אויטאר און פון דעם אקטיאר. דעם ווערט פון דער פיעסע האט באשטימט פאר אים דאס פענצטערל פון דער קאסע, און פונעם אקטיאר — דאס, וואס א צווייטער האט אים געזאגט. אבער געשעפטס־מעטאדן האט ער געהאט גוטע און ערלעכע; ער איז געווען א מאן פון ווארט און געהאנדלט מיט די אקטיארן ווי אן ערלעכער געשעפטס־מאן. ווען עדעלשטיין האט געפרעגט אייזיק ליפשיצן ווי די געשעפטן גייען אים, האט ליפשיץ געזאגט: זייער גוט; קלארא יאנג, די פרוי פון בערנארד יאנג, וואס שפילט ביי אים, מאכט א גרויסן סוקסעס... עדעלשטיין, וועלכער האט אלץ געזען דורך די ברילן פון ביזנעס, האט לאנג ניט געטראכט און האט מיט מיר באלד גערעדט וועגן אן אנגאזשמענט פארן קומענדיקן סעזאן. ער האט מיר פארגעלייגט 56 דאלער א וואך, פאר מיר מיט מיין פרוי, אויף וואס איך בין אויפן ארט איינגעגאנגען. אזוי איז קלארא

ענדלעך, נאָך אַ פּאָר סעזאָנען, וואָס זי איז געווען צעשיידט פון דער בינע, אַנגאַזשירט געוואָרן אין פּיפּעלס־טעאַטער. קלאַראַס „ווײַדזשעס" האָט עדעל־שטיין דעמאָלט גערעכנט צוואַנציק דאָלער אַ וואָך.

אין יענער צייט האָט די „גאַליאַרקע" (דער דריטער שטאָק פון טע־אַטער) געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל. די גאַלעריע איז ניט געווען נומע־רירט. עס זיינען געווען בענק צום זיצן, און ווער ס'איז געקומען פריער, האָט פאַרכאַפּט דעם בעסטן זיץ־פּלאַץ. האָט מען אַמאָל געקענט זען אַ שורה, צוויי גאַסן די לענג, ביי דער גאַלעריע־קאַסע. די גאַלעריע איז גע־ווען דער באַראָמעטער פון דער קאַסע. ווען אַ פּיעסע האָט אויסגענומען ביי דער גאַלעריע, האָט מען געוואוסט, אַז זי איז אַ סוקסעס. האָט מען דע־מאָלט טאַקע געשריבן „פאַר דער גאַליאַרקע" און די גאַלעריע־מענטשן זיינען געווען די מבינים אויף דער פּיעסע און אויפן אַקטיאָר. היינט זיי־נען עס קלאַמפּערשט די אָרקעסטער־באַזוכער...

געקאָסט האָט פריער 15 סענט אַ בילעט אויף דער גאַלעריע, דערנאָך 20 סענט און נאָך שפּעטער 25 סענט. און אַז מען האָט געגעבן 5 סענט דעם טיר־מאַן, איז מען אויך אַריין.

איך געדענק, אַז ווען עדעלשטיינען האָט זיך פאַרגלוסט צו העכערן דעם פּרייז פון דער גאַלעריע און ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ שילד „20 סענט", האָבן די גאַלעריע־מענטשן דערקלערט אַ שטרייק. קיינער האָט זיך ניט גענומען צו די קעשענעס, ביז עדעלשטיין איז געווען געצוואונגען אַרויסצושטעלן די אַלטע שילד פון 15 סענט.

אין גאָט האָט זיך געמעגט מרחם זיין אויף דעם אַקטיאָר אָדער אַק־טריסע, וואָס איז דער גאַלעריע ניט געפעלן געוואָרן, איבערהויפּט, ווען אַן אַקטיאָר האָט „געוואַגט" צו שפּילן אַ ראָל פון זייערן אַ באַליבטן סטאַר... זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט הוקען און בוקען און שרייען — מען האָט געוואָרפן אייער, קאַרטאָפל, שאָלעכץ פון באַנאַנעס.

בעסי טאָמאַשעווסקי איז דעמאָלט נאָך ניט געווען קיין פולנער סטאַר (בעסי איז ערשט געוואָרן אַ סטאַר, ווען טאָמאַשעווסקי האָט פאַר איר אָנ־געהויבן שרייבן דאָס „בינטעלע גרינס": דער „גרינער בחור", די „גרינע קינדער" אאַז"וו). אָבער ביי די גאַלעריע־פּאַטריאָטן איז זי געווען באַליבט ווי אַ סטאַר און אויך ביי פרויען איז בעסי געווען אַ גרויסער ליבלינג. די מערסטע פּאַטריאָטן בעסיס זיינען געווען פרויען. קלאַראַ האָט געמאַכט איר ערשטן אויפטריט אין פּיפּעלס־טעאַטער ביי אַ מאַטינע, אין טאָמאַ־שעווסקיס סוקסעס־פּיעסע „אַלעקסאַנדער דער קרוינפּרינץ", אין דער ראָל פון דער וואולגאַרער משרתטע „זילפּה", וואָס די באַליבטע בעסי האָט גע־

שפּילט יאָרן־לאַנג. בעסי איז דעמאָלט געװען אין אירע בליענדע יאָרן פֿון דער בינע, און שױן איז בעסי דעמאָלט געװען ביז גאָר, מיט אַ ביסל פֿלײש אויף זיך, װאָס מען האָט דעמאָלט געזוכט בײַ דער פֿרוי. דאַקעגן קלאַראַ איז געװען זײער דאַר און האָט געמוזט טראָגן אױסגעבעטע טריקאָ און קישעלעך אַרום איר טאַליע.

װען איך בין מיט קלאַראַן געגאַנגען צו דער מאַטינע, און זי האָט געזען די מענטשן, װאָס זײַנען געשטאַנען בײַ דער קאַסע פֿון דער גאַלעריע, האָט זי מיט אַ זיפֿץ אַ זאָג געטאָן: „אױ, בערנאַרד, װי מײַן האַרץ קלאַפּט... איך װאָלט שױן אַזױ געװאָלט איבערקומען די מאַטינע־פֿאָרשטעלונג!"...

ביז צום שלוס פֿון דריטן אַקט האָב איך ניט געװאוסט, װאָס פֿאַר אַן אײַנדרוק קלאַראַ האָט געמאַכט אויפֿן פּובליקום, איבערהויפּט אויף דער גאַלעריע. אָבער װען דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן, װי געװײנטלעך, צום ערשטן מאָל, װען דער גאַנצער אַנסאַמבל איז אויף דער בינע, און אַ פֿרײַנדין קלאַראַס, מר"ס עלשטײַן (די מוטער פֿון דער שרײַבערין מר"ס בוירנס) האָט איבערגעגעבן קלאַראַן אַ בוקעט בלומען, האָט די גאַליאָרקע אָנגעהויבן צו קװיטשען און צו פֿײַפֿן, ליאַרעמען און קלאַפּן מיט די פֿיס און געשריגן „בו! בו! בו!" איך, אויף דער בינע, האָב געמײנט, אַז איך װער אײַנגעזונקען פֿון בושה... קלאַראַ איז געװען אַזױ צעמישט, אַז זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בוקעט, און װען זי האָט אים געװאָלט אויפֿהויבן, זײַנען די קװיטשערײַען מיט דעם געשרײַ „בו" געװאָרן נאָך שטאַרקער.

טאָמאַשעװסקי האָט געװאָלט אַרויס פֿאַר דעם פֿאָרהאַנג און רעדן אַ פּאָר װערטער צו דער גאַלעריע, האָב איך אים אָפּגעהאַלטן, מורא האָבנדיק אַז דער „מאַנסטער" װעט נאָך מער צערײַצט װערן און זײ װעלן זיך אָפּרעכענען מיט מיר...

די „פּערזענלעכקײט", װאָס מאַכט, אַז דאָס פּובליקום זאָל די אַקטריסע ליב האָבן, זי געדענקען און אַרײַנגעמען זי אין האַרצן, האָט קלאַראַ דע־מאָלט אויך געהאַט. אָבער בײַ יענער ערשטער אומגליקלעכער מאַטינע־פֿאָרשטעלונג אירער איז דאָס פֿאַרשװוּנדן. די פּראָסטקײט פֿון דער ראָל האָט עס צוגענומען... און קלאַראַס גרויסע, שײנע, בלױע אויגן, װעלכע האָבן שפּעטער פֿאַרכּישופֿט דאָס פּובליקום, זײַנען געװאָרן אָנגעפּילט מיט טרערן פֿון שאַנד... דאָס איז שױן געװען אײן מאָל אַ „ברוך האַ־בו"!...

אין אַ געװיסן זין האָט די גאַלעריע רעכט געהאַט: קלאַראַ האָט ניט געטאָרט אויפֿטרעטן אין אַזאַ װולגאַרער ראָל װי „זילפּה". זי איז געװען פּונקט דער היפּוך פֿון דעם, װאָס די ראָל פֿאָדערט.

ווען קלאַרא וואָלט געהאַט באַלד אַ געלעגנהייט צו שפּילן אַ ראָל, וואָס איז אין איר זשאַנר, וואָלט מען פֿאַרגעסן דעם ערשטן דורכפֿאַל. אָבער בײַם טעאַטער, ווען אַן אָנפֿאַנגער גליטשט זיך אויס, איז זייער שווער מען זאָל אים געבן נאָך אַ געלעגנהייט און פֿאַרטרויען נאָך אַ ראָל (דערפֿאַר קען מען בײַם טעאַטער איבערנאַכט ווערן באַרימט, וואָס בײַ אַנדערע קונסטן מוז עס נעמען יאָרן). עדעלשטיין האָט דעמאָלט „נביאות" געזאָגט: „דײַן ווײַב וועט קיינמאָל ניט שטײַגן, איבער איר קוויטשעדיקן אָרגאַן, וואָס **מאַכט זייער אַ שלעכטן אײַנדרוק. פֿאַר וואָדעוויל איז זי אפֿשר אַלרייט, אָבער פֿאַר** שפּילן **טעאַטער טויג זי ניט"...**

מיט זײַן „נביאות" האָט עדעלשטיין ניט געטראָפֿן. **אָבער וועגן קלאַראַס שטים איז ער ניט** געווען **אויסן וועג. זי האָט ווירקלעך גערעדט אויפֿן** „קוויטש" (הויכער סאָפּראַן), וואָס מאַכט פֿאַרן אויער פֿונעם צוהערער אַן **אומגעהויער שלעכטן אײַנדרוק.**

דאָס פּאַסירט ניט זעלטן בײַ שוישפּילער. די באַרימטע ענגלישע אַקטריסע עלען טערי, וועלכע איז געווען סער הענרי אירווינגס „ערשטע **דאַמע"**, שרײַבט אין איר ביאָגראַפֿיע: „הענרי אירווינג האָט געהאַט אַ סך פֿיזישע פֿעלערן, וואָס האָבן אים געשטערט צו ווערן אַ סטאַר. זײַן גאַנג איז געווען מעכאַניש, זײַן דיקציע שוואַך, ער האָט עס אַליין צוגעגעבן, אָבער הענרי האָט געאַרבעט איבער זיך שווער און האָט די פֿעלערן באַזיגט". אויך קלאַרא האָט זיך צוגעהערט, ווען איך האָב זי אויפֿמערקזאַם געמאַכט וועגן איר אָרגאַן. איך פֿלעג שטיין הינטער די קוליסן, ווען זי איז געווען אויף דער בינע, און האָב דיריגירט מיט די פֿינגער: „ווען דו וועסט זען מײַן גראָבן פֿינגער, זאָלסטו וויסן, אַז דו דאַרפֿסט רעדן אויף די אונטערשטע טענער", האָב איך איר אָנגעזאָגט, „און ווען איך וועל דיר ווײַזן אַ צווייטן פֿינגער, מעגסטו רעדן אויף די אויבערשטע טענער. אַ פֿויסט וועט דיך אויפֿמערקזאַם מאַכן, אַז דו דאַרפֿסט דעם וויץ אַרויסזאָגן מיט אַמאָל, שטאַרק!" — און נאָך ענלעכע צייכנס.

זי האָט מיך געפֿאָלגט ווי אַ גוטע שילערין. אַפֿילו ווען זי האָט שוין פֿיגורירט ווי אַ גרויסער סטאַר, פֿלעגט זי מיך בעטן איך זאָל שטיין אין טעאַטער, זיך צוקוקן צו אירע סצענעס און איר זאָגן וועלכע סצענע איז בײַ איר אַרויסגעקומען שוואַך. ווען איך האָב איר אַמאָל געזאָגט, אַז איך האָב די סצענע ניט געזען, ווײַל איך האָב געהאַט עפּעס צו באַזאָרגן, האָט זי מיר געענטפֿערט: „דאָס קומט צוערשט! אַז דו וועסט מיר ניט אויסבעסערן **אַ סצענע אָדער אַ ליד, וועסטו ניט האָבן וואָס צו באַזאָרגן"...**

אַזוי האָט קלאַרא געאַרבעט איבער זיך און איז בײַגעקומען אַלע אירע

שוואַכקייטן אויף דער בינע — אַזוי ווייט, אַז ווען י. ל. פּרץ האָט שפּעטער געזען קלאַראַ יאַנג שפּילן אין װאַרשע און געהערט איר קלינגענדיקן אָרגאַן, האָט ער זיך אויסגעדריקט: „ווען איך הער קלאַראַ יאַנג אויף דער בינע רעדן ייִדיש, בין איך פֿאַרליבט אין דער ייִדישער שפּראַך"... און דער ערשטער סאָוועטישער בילדונגס־מיניסטער, לונאַטשאַרסקי, האָט געשריבן: „קלאַראַ יאַנג באַזיצט אַ מוזיקאַלישע דיקציע, וואָס איך האָב זעלטן ווען געהערט!"

קלאַראַס קאַריערע איז געבוירן געוואָרן

קלאַראַ האָט אַ צייט לאַנג, נאָך איר שרעקלעכן דורכפֿאַל, ניט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָלע — מען האָט פּשוט מורא געהאַט צו פֿאַרטרויען איר װעלכע עס איז ראָל. אָבער ענדלעך האָט זי באַקומען אַ ראָל, וואָס מען האָט זיך אין איר געקענט אויסצייכענען, ווען די אַקטריסע האָט נאָר אַביסל טאַלאַנט און באַזיצט צאַרטקייט — אַ ראָל, וואָס מען רופֿט „אנזשענו".

אַדלער האָט דעמאָלט אויפֿגעפֿירט אין פּיפּעלס־טעאַטער אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער טאַטע", פֿון הערמאַלין, דעם מיטאַרבעטער פֿון דער אַמאָליקער „וואָרהייט". „דער טאַטע" איז געווען ווי „דער פֿאָטער" פֿון סטרינדבערגן, נאָר אַנשטאָט אַ מיליטערישער מאַן, איז ער ביי הערמאַלינען געווען אַ רייכער ייִד, אַ בעל־תּורה.

אַדלער, וועלכער האָט שטענדיק ליב געהאַט אויף דער בינע דאָס שיינע, האָט געפֿונען קלאַראַן פּאַסיק פֿאַר דער ראָל פֿון דער 17־יעריקער טאָכטער, וואָס זי איז די גאַנצע טראַגעדיע פֿון דעם פֿאָטער.

איך געדענק שוין ניט, ווי אַזוי זי האָט געהייסן ביי הערמאַלינען, אָבער אין סטרינדבערגס „פֿאָטער", געדענק איך, הייסט זי בערטאַ, און אַזוי וועל איך זי רופֿן.

קלאַראַ האָט נאָך ביז דעמאָלט כּמעט ניט געהאַט געשפּילט אין אַדלערס פּיעסן, און ווען זי האָט איצט באַקומען אַזאַ וויכטיקע ראָל און באַדאַרפֿט שטיין אויף דער בינע מיטן גרויסן יעקב פּ. אַדלער, איז זי אַרומגעגאַנגען נערוועז, ניט געשלאָפֿן קיין נעכט, בפֿרט אַז נאָך איר לעצטן דורכפֿאַל איז זי געווען געפֿאַלן ביי זיך.

איך, ווי געווייטלעך, בין מיט איר איבערגעגאַנגען די ראָל, אויסגעבעסערט די באַטאָנונגען, און זי האָט געהאַלטן אין איין בעטן: נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל!

— וועט דיר גאָרניט נמאס איבערצוקייען אַזוי פֿיל מאָל די טויטע ווערטער? — האָב איך געפֿרעגט.

און קלאַראַ האָט מיר דעמאָלט געענטפֿערט:

— וואָס מער איך זאָג איבער די טויטע ווערטער, אַלץ מער לעבעדיק ווערט בערטאַ פֿאַר מיינע אויגן, אַלץ מער זע איך, אַז די ראָל איז פֿאַר מיר ווי געוואונטשן. איך הויב אָן צו פֿילן בערטאַן אין מיין בלוט. און פֿאַרגעס ניט, בערנאַרד, אַז אויב איך פֿאַל, חלילה, דורך איצט, וועל איך ניט וואַרטן אויף נאָך אַ געלעגנהייט. איך וועל מער ניט בלייבן אין פּיפּעלס־טעאַטער, און אויב דו ווילסט פֿאַרבלייבן, קאָנסטו דאָרט זיין אָן מיר.

אַלס די מוטער האָט דעמאָלט געשפּילט מר״ס עפּשטיין. זי איז געווען אַ גוטע אַקטריסע, מיט אַ שיינעם, שטאַרקן אָרגאַן, קנאַפּע זעקס „פֿוס״ הויך און האָט געהאַט אַ היפּש ביסל פֿלייש אויף זיך. פֿאַר יענע „היסטאָרישע״ פּיעסן און ראָלן פֿון „גרענד־דאַמעס״, ווי אַ קעניגין אָדער אַ גרעפֿין, איז דאָס געווען ביי אַ יידישער אַקטריסע אַ געווינס, אַ גרויסע מעלה.

מר״ס עפּשטיין האָט קלאַראַן צוגעגעבן מוט:

— קינד, דו וועסט זיין זייער גוט אין דער ראָל. זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבן. הער זיי ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי (דאָס האָט זי געמיינט די אַנדערע אַקטריסעס).

און אָט איז געקומען די „פּרעמיערע״ פֿון „דער טאַטע״, און פֿאַר קלאַראַן — די ערשטע נאַכט פֿון איר אויפֿטריט אין אַ וויכטיקער ראָל.

עס זיינען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע „פֿירסט־נאַיטערס״ — ווי מען זאָגט אויף ענגליש: אַ טייל אַקטיאָרן זיינען ביי דער ערשטער פֿאָרשטעלונג אַזוי אויפֿגערעגט און שפּילן מיט אַזוי פֿיל פֿייער, אַז דאָס פֿייער פֿאַרברענט זיי און עס בלייבט בלויז אַש פֿון דעם כאַראַקטער, וואָס זיי דאַרפֿן פֿאָרשטעלן; אַנדערע קענען זיך קאָנטראָלירן, זיינען רואיק, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי דעם ציטער פֿון דער פּרעמיערע, און זייער שפּילן קומט אַרויס בעסער, ווי ביי די שפּעטערדיקע פֿאָרשטעלונגען (איך האָב תמיד ליב צו גיין צו אַן ערשטער פֿאָרשטעלונג און זיך צוקוקן צו דער נערוועזקייט, צו דעם הייליקן ציטער פֿון מיינע קאָלעגן).

אין טאָג פֿון דער ערשטער פֿאָרשטעלונג האָב איך צו קלאַראַן ניט גע־קענט רעדן, אַזוי נערוועז איז זי געווען; און איך בין געווען נערוועז מיט איר. און ווען דער בינע־פֿאַרוואַלטער, מאַניע, האָט אַנגעקלאַפּט אין איר גאַרדעראָב־צימער: „מר״ס יאַנג, סטיידזש״, וואָס מיינט, אַז זי דאַרף אַרויף אויף דער בינע, בין איך איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ קו אַ קעלבל.

די ערשטע צוויי אַקטן האָט קלאַראַ געמאַכט אַן איינדרוק מיט איר פֿריילעכקייט, מיט איר יוגנטלעכקייט און שפּילעוודיקייט. נאָך דער סצענע, ווען דער פֿאָטער (יעקב פּ. אַדלער) האָט געוואָרפֿן דעם ברענענדיקן לאָמפּ,

האָט זי גערעדט צו אים מיט אַזויפיל וויטיק, אַז איך, וועלכער בין געשטאַנען צווישן די קוליסן, בין מיטגעריסן געוואָרן. און ווען טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן, זייַנען אויך אַדלערס אויגן פאַרלאָפן געוואָרן און געגלאַנצט... ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען מיט ביידע הענט איר קאָפּ, געקוקט איר גלייך אין די אויגן — זיין מויל האָט שיער ניט באַרירט אירע ליפּן. מען האָט געקענט זען און פילן, אַז ער וויל זי קושן... אָבער מיט אַמאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— דו זעסט? איך בין אַ „קאַניבאַל", אַ מענטשן־פרעסער און איך וועל דיך אויפעסן! דיין מאַמע וויל מיך אויפעסן! פאַרצער יענעם, אָדער ווער אַליין פאַרצערט!

ווען קלאַראַ האָט אויסגעשריגן מיט אַ שטאַרקער שטים (שוין גאָרניט יענע קוויטשעדיקע שטים, וואָס מען פלעגט אָפט הערן פון איר):

— מאַמע, מאַמע, העלף! ראַטעווע מיך! דער טאַטע וויל מיך דער־הרגענען! — און איז אַראָפּגעלאָפן פון דער סצענע, האָט דאָס פובליקום קלאַראַן שטאַרק אַפּלאָדירט.

אַדלער האָט דערנאָך אַרומגעכאַפּט קלאַראַן און זי געקושט:

— דו האָסט מיך גערירט צו טרערן מיט דיין שפּילן...

פון יענער נאַכט אָן האָבן אַלע אויף איר געקוקט שוין גאָר אַנדערש — קלאַראַס קאַריערע איז געבוירן געוואָרן.

*

ווען טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט „די גרינע קינדער", אַ באַאַרבע־טונג פון אַן ענגלישער מעלאָדראַמע, אין וועלכער בעסי טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט דעם „גרינעם באָי", האָט קלאַראַ געשפּילט דאָס „גרינע מיידל", וואָס איז געווען כמעט אַזאַ ראָל ווי דער „באָי". און ווען דער קאָמפּאָזיטאָר פרידזעל האָט געגעבן קלאַראַן אַן ערנסט לידל צו זינגען, האָט בעסי פּראָ־טעסטירט. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי „פּראָפעשאַנעל דזשע־לאָסי" — אַרטיסטישע קנאה, פון וועלכער קיין שוישפּילער, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, קען זיך ניט באַפרייען. קלאַראַ האָט זיך ביי דער פּראָבע פון „די גרינע קינדער" זייער אָנגעזעצן, און דאָס האָט דענערווירט בעסיס קינסטלערישע געפילן... אָבער קלאַראַ האָט אויף איר קיין שנאה ניט געטראָגן.

— איך האָב פון בעסיס חסרונות אַ סך געלערנט, — האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט, — און נאָך מער פון אירע מעלות.

נאָר צומאָרגנס ביי דער פּראָבע, ווען קלאַראַ האָט זיך געשטעלט

אויף דער אוואַן־סצענע, האָט טאָמאַשעווסקי איר געהייסן אינגאַנצן אַראָפּ־גיין פֿון דער בינע.

קלאַראַ איז אַריין צו זיך אין גאַרדעראָב־צימער און זיך שטאַרק צע־וויינט. אָבער וואָס פֿאַר אַ אונטערשייד זיינען עס געווען די איצטיקע טרערן אירע פֿון יענע, ווען זי האָט געמאַכט איר ערשטן אויפֿטריט: דעמאָלט האָט די „גאַלעריע" איר געהייסן אַראָפּגיין פֿון דער בינע, ווייל זי איז ניט געווען פּאַסיק פֿאַר דער ראָל; איצט האָט טאָמאַשעווסקי איר געהייסן אַראָפּ־גיין פֿון דער בינע, מורא האָבנדיק, אַז קלאַראַ וועט ציען די גאַנצע אויפֿ־מערקזאַמקייט פֿון פּובליקום אויף זיך און עס וועט גאָרניט פֿאַרבלייבן פֿאַר זיין געליבטער בעסעלע.

צווישן פּיפּעלס־ און גרענד־טעאַטער

נאָכן אינצידענט, וואָס קלאַראַ האָט געהאַט מיט באָריס און בעסי טאָמאַשעווסקי, האָב איך באַשלאָסן, אַז דעם קומענדיקן סעזאָן זאָל איך ניט זיין מער אין דעם פּיפּעלס־טעאַטער. איך האָב שוין פֿריער געוואָלט אַוועק־גיין, ווייל איך האָב געוואָלט שפּילן אין בעסערע פּיעסן. איך האָב גענומען אַלסביישפּיל בלאַנקן: אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אין פּיפּעלס־טעאַטער, האָט מען פֿון אים ווייניק געהערט. ווען ער איז אַוועק און באַקומען אַ ראָל אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", איז ער געוואָרן אַ גרויסער אַק־טיאָר. אָבער ביי יעדן אַנגאַזשמענט איז עדעלשטיין געשטאַנען איבער מיר מיט אַ זעקעלע גאָלד, און מיר געגעבן אַזעלכע „קאָנדיציעס", ווי: אַז מיינס אַ קליין בילד וועט שטיין אין דער ציטונג צוזאַמען מיט ראָזענטאַלס, און דאָס האָט דעמאָלט באַטייט, אַז דער אַקטיאָר איז כּמעט אַ סטאַר... נאַ־טירלעך האָב איך אונטערגעשריבן דעם צעטל, אַז איך בין אַנגאַזשירט ביי אים אויפֿן קומענדיקן סעזאָן.

ווען יאָסל עדעלשטיין האָט ניט געקענט באַקומען דעם אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, וואָס טאָמאַשעווסקי אָדער אַדלער האָבן געוואָלט האָבן, האָט ער זיך געפֿילט זייער געפֿאַלן, וואָרעם אַ רעפּערטואַר־אַקטיאָר איז דעמאָלט געווען זייער וויכטיק. ווען עדעלשטאַט האָט שוין פֿאַרמאָגט אַ פֿערטל מיל־יאָן דאָלער, איז ער אַרויפֿגעקומען צו מיר אין שטוב אַריין אויפֿן דריטן שטאָק, געזעסן מיט מיר צוויי שעה און איינגעטענהט, איך זאָל אים אונ־טערשרייבן דעם צעטל אויפֿן קומענדיקן סעזאָן. און ווען ער האָט געזען, אַז ער קען מיך ניט באַוועגן, אַז די 15 דאָלער אַ וואָך, וואָס ער דערלייגט מיר, העלפֿן ניט; די 500 דאָלער „באָנוס", וואָס ער גיט מיר — העלפֿן אויך

ניט, האָט ער צו מיר געזאָגט: „יאַנג, איך מוז דיר זאָגן אָפן, אַז איך קען ניט עפענען דאָס פּיפּעלס־טעאַטער אָן דיר". הערנדיק די דאָזיקע ווערטער פון דעם „באָס" עדעלשטיין, וואָס האָבן געקלונגען אין מיינע אויערן שטאַרקער און שענער ווי זיין „זעקעלע געלט", האָב איך געזאָגט: „מ"ר עדעלשטיין, שרייבט אָן אַ צעטל, שרייבט, וואָס איר ווילט, איך וועל אונטערשרייבן".

אין יענער צייט האָבן די אַקטיאָרן בערנשטיין, פּינקעל, מר"ס קאַרפּ און דער קאָמפּאָזיטאָר פרידזעל געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט הערי פישל, ער זאָל פאַר זיי בויען דאָס גרענד־סטריט־טעאַטער, — דאָס ערשטע טעאַטער ספּעציעל געבויט פאַר יידישע פאָרשטעלונגען (1903). יעדערער פון זיי האָט געגעבן צו דריי טויזנט דאָלער. פרידזעל, וועלכער איז געווען מיינער אַ פריינט (ער האָט דאָך מיך טאַקע אַריינגענומען אין פּיפּעלס־טעאַטער), האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג, איך זאָל אויך ווערן אַ שותּף צום גרענד־סטריט־טעאַטער און אַריינלייגן ניט מער ווי טויזנט דאָלער. איך האָב אים געפאָלגט, געגעבן טויזנט דאָלער און בין געוואָרן איינער פון די שותּפים צום גרענד־טעאַטער, מיט אַ קלענערן פּראָצענט פון די פאַרדינסטן, ווי די אַנדערע האָבן געהאַט.

ווען עדעלשטיין האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער געקומען צום יוניאָן־מיטינג און געפאָדערט, אַז איך זאָל ביי אים שפּילן. ביי מיר האָט ער אויסגעזען ווי „שיילאָק", — נאָר ס'האָבן ניט געהאָלפן די אַרגומענטן פון די באַלעבאָטים פון גרענד־טעאַטער, אויך ניט מיינע טענות. אַ סך מיטגלידער האָבן געוואָלט וויזן עדעלשטיינען, אַז זיי זייִנען מיט אים, און איניקע האָבן מיר פשוט ניט פאַרגינען איך זאָל ווערן אַ „באָס"... די יוניאָן האָט באַשלאָסן, אַז גרענד־טעאַטער זאָל מיר צוריקגעבן די טויזנט דאָלער און איך מוז אויף דעם גייעם סעזאָן ווייטער שפּילן אין פּיפּעלס־טעאַטער ביי עדעלשטיינען. דער אַקטיאָר יעקב וועקסלער האָט דעמאָלט אויסגעשריגן צו מיר אויף דייטש (פון אַ פּיעסע): „יונגע, דו בלייבסט היר מיט מיר אין דער יוניאָן..." אָט אַזוי איז אַוועק איין סעזאָן נאָכן צווייטן אין פּיפּעלס־טעאַטער. כ'האָב דאָרט געשפּילט ניין מאָל אַ וואָך, צוויי און פערציק וואָכן יעדן סעזאָן, און פיר וואָכן אויף דער פּראָווינץ.

איך געדענק ניט, אַז אַוועלכע עס איז פּיעסע, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט, זאָל ניט האָבן געווען אַ דערפאָלג. אַלע פּיעסן זיינען געווען איין לאַנגע קייט פון דערפאָלגן. פון די איבערזעצונגען פונעם וועלטלעכן רעפּערטואַר, וואָס אַדלער און טאָמאַשעווסקי האָבן דעמאָלט אויפגעפירט און האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג, שווימען איצט אויף אין מיין זכרון

„די וועבער" פֿון האופּטמאַן, טאָלסטאָיס „די מאַכט פֿון פֿינצטערניש", „דער פֿאַרזונקענער גלאָק" פֿון האופּטמאַן, „די יידן" פֿון טשיריקאָוו — אפֿשר דערפֿאַר, ווייל איך האָב אין די פּיעסן געהאַט גוטע ראָלן. מיר האָבן אויך געשפּילט געטעס „פֿאַוסט" און וואַגנערס „פּאַרסיפֿאַל", פֿאַרשטייט זיך* — נאָר דעם טעקסט, בלויז באַגלייט פֿון וואַגנערס מוזיק.

דורך דער צייט פֿון מיין זיין אין פּיפּעלס־טעאַטער בין איך געוואָרן אַן אָנגעזעענער אַקטיאָר אין ניו־יאָרק. איך האָב מיך געפֿילט גליקלעך אין מיין פֿאַמיליע־לעבן, אָבער איך בין געווען אומצופֿרידן מיטן פּיפּעלס־טעאַטער. אין תוך דאַרף איך זיין צופֿרידן מיט מיין דעמאָלטיקער אומצופֿרידנקייט — ווען ניט, וואָלט איך ניט געווען געשטרעבט צו דערגרייכן עפּעס גרעסערס.

באָריס טאָמאַשעווסקי

טאָמאַשעווסקי איז פֿון דער נאַטור באַשאָנקען געוואָרן מיט אַלע פֿיזישע מתנות, וואָס אַן אַקטיאָר דאַרף האָבן צו זיין אַ גרויסער אַקטיאָר. ער איז געווען שיין, געהאַט (אין דער יוגנט) אַ גראַציעזע פֿיגור, עלאַסטישע באַוועגונגען, געהאַט אַ שיינעם, קלינגענדיקן אָרגאַן, אַ שטים צו זינגען און אויך געקענט אַביסל טאַנצן. ער האָט אויך געהאַט טאַלאַנט און צייטנווייז געפֿילט די ראָל. נאָר איין זאַך האָט טאָמאַשעווסקי ניט געהאַט: אַ רעזשיסער איבער זיך. זינט ער האָט באַטראָטן די בינע איז ער געווען זיין אייגענער „באָס" און במילא אויך זיין אייגענער רעזשיסער — און טאָמאַשעווסקי איז געוואָרן אַ „ד"ר דזשעקל און מ"ר האַיד" אויף דער בינע: אַט, דאַכט זיך, האָט ער גערעדט ווי אַ מענטש, געשפּילט ווי אַ קינסטלער, און פּלוצים האָט ער זיך פֿאַרוואַנדלט אין דעם טייוולשן, פֿאַרקריפּלטן מ"ר האַיד, און איר האָט אים געהערט רעדן „אַלאַ טאָמאַשעווסקי" און געזען שפּילן ווי אַן אַקטיאָר פֿון די גאָר אַמאָליקע, ביליקע מעלאָדראַמעס, וואו דער אינטריגאַנט פֿלעגט זאָגן: „ררררעווענדזש" (מיט אַ סך ריש'ן). ווען אָבער אַ ריכטיקער רעזשיסער וואָלט אים אָנגעוויזן וואָס ניט צו טאָן, וואָלט זיין נאָמען איצט דערמאָנט געוואָרן אין איין אָטעם מיט דוד קעסלער, יעקב פּ. אַדלער, רודאָלף שילדקרויט אד"גל.

טאָמאַשעווסקי האָט זיך ווי אַ רעזשיסער זייער גוט געפּאַסט פֿאַר לאַטיינערס פּיעסן: ער האָט זייער גוט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי צו מאַכן פּאָזיציעס אויף דער בינע, אָבער אָנווייזן דעם אַקטיאָר דעם כאַראַקטער, וואָס ער דאַרף שפּילן — דאָס האָט ער ניט געקענט. דערפֿאַר האָט ער געקענט

האַלטן דיסציפּלין אויף דער בינע און זיצן אויפֿן רעזשיסער־בענקל פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט געהאַט דרך־ארץ פֿאַר אים, און אין דעם דרך־ארץ און מורא האָט געשטעקט אויך ליבע צו אים, און דאָס איז זייער אַ סך, וואָס אַקטיאָרן קענען זאָגן וועגן אַן אַקטיאָר, אַ „באָס" און אַ רעזשיסער.

ווי די מייסטע טעאַטער־מענטשן, האָט אויך טאָמאַשעווסקי ליב געהאַט אַ קיבעץ צו טאָן. ביי טאָלסטאָיס „די מאַכט פֿון פֿינצטערניש" האָב איך געשפּילט די ראָל פֿון אַן אַלטן גוי, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, מיט דעם נאָמען „דימיטרי".

די דעמאָלדיקע צייטונג „די וואַרהייט" איז אויף צומאָרגנס נאָך דער אויפֿפֿירונג אַרויס מיט אַ קריטיק וועגן דער פּיעסע און אַרונטער־געריסן די גאַנצע טרופּע, יעקב פּ. אַדלערן און מאַקס ראָזענטאַלן אַריינ־גערעכנט. צום סוף פֿון דער רעצענזיע האָט דער קריטיקער געשריבן: „אַן אויסנאַם מוז געמאַכט ווערן מיט דעם אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פֿון ׳דימיטרי׳. אים האָט מען געזען מיט פֿאַרגעניגן. ער איז דער איינציקער אין דער פּיעסע, וואָס איז אָלרייט". אונטערגעשריבן האָט זיך דער קריטיקער „מעם".

מיינע קאָלעגן אין טעאַטער האָבן מיך אָנגעהויבן קיבעצן — טייל אויס קנאה, אַנדערע האָבן גלאַט אַזוי געוואָלט זיך לוסטיק מאַכן — און אויך טאָמאַשעווסקי האָט מיך גוטמוטיק געקיבעצט: „ווער איז ער דער קריטיקער, וואָס שרייבט זיך אונטער מיט אַ ׳מעם׳? ווען איך וויים ווער דאָס איז, וואָלט איך אים ניט אַריינגעלאָזט אין טעאַטער... פֿאַרוואָס האָט ער ניט דערמאָנט אייער נאָמען?" — איך האָב צוריקגעקיבעצט: „אַז איך בין צופֿרידן, וואָס איר, מיינע טייערע קאָלעגן, ווייסט ווער עס האָט געשפּילט ׳דימיטרי׳"...

אויף דער עצה פֿון סופֿלער ראובעלע ווייסמאַן האָב איך דעמאָלט אָנגעשריבן דאָס פֿאָלגנדיקע בריוול צו דער „וואַרהייט":

„געערטע רעדאַקציע:

„איך, אַן אַקטיאָר אָן אַ נאָמען, בעט פּלאַץ פֿאַר אַ פּאָר ווערטער צו דעם קריטיקער פֿון טאָלסטאָיס ׳די מאַכט פֿון פֿינצטערניש׳. איך האָף, אַז איר וועט ניט אָפּזאָגן אַ שוישפּילער, וואָס כאָטש מען האָט אים גע־לויבט, דאָך האָט מען אים בעוולהט...

„ליבער קריטיקער ׳מעם׳, נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט אייער קריטיק איבער דער פּיעסע ׳די מאַכט פֿון פֿינצטערניש׳, וואו איר האָט מיט דער שאַרפֿער האַק פֿון קריטיק רעכטס און לינקס פֿאַרניכ־

טעט אַלטע, געזונטע, איינגעוואָרצלטע בוימער: אַדלער, מרס. אַדלער, ראָזענטהאַל און נאָך. האָב איך זיך געטראַכט, ווי מען זאָל ניט זיין איינשטימיק מיט דעם קריטיקער, איינס מוז מען צוגעבן, קיין נושא פּנים איז דער קריטיקער ניט. לייענענדיק ווייטער, וואו איר ענדיקט ׳אַן אויסנאָם מוז געמאַכט ווערן מיט דעם אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט דעם גוי דימיטרי׳, האָב איך זיך געפרעגט: ווער איז דאָס דער גליקלעכער אַקטיאָר, וועלכער איז געווען אַזוי גליקלעך באַגנעדיקט צו ווערן פונעם שטאַרקן, שטרענגען משפּט פון דעם קריטיקער? און אַז ער איז שוין געווען אַזוי גנעדיק, פאַרוואָס האָט ער אים באַלד ניט מיטגעגעבן זיין באַגנעדיקונגס־אַקט? אַהאַ, — האָב איך זיך געטראַכט, — קריטיקער ׳מעם׳ האָט אוודאי ניט געזען מיין נאָמען... מען האָט דאָך געשפּילט ׳די מאַכט פון פינצטערניש׳... ווייס איך דאָך אָבער, אַז אין פּיפּעלס־טעאַטער איז אַזוי ליכטיק, אַז מען קען זען אַ מייל די ווייט... איך ווייס שוין פאַרוואָס ער האָט ניט דערמאָנט מיין נאָמען, האָב איך ווייטער געדענקט — ווייל איך האָב גענומען אַזאַ שיינעם ביבלישן נאָמען ווי ׳בועז׳ און אים אויסגעטוישט אויף אַזאַ פּראָזאַאיש־דייטשן נאָמען ווי ׳בערנאַרד׳... איך האָב געהאַט אַ סך תירוצים — נאָר ווייל איך בין אַ ייד, וואָס איז יעדן דן לכף זכות, גלויב איך, אַז קריטיקער ׳מעם׳ האָט ביים שרייבן זיין קריטיק ווירקלעך פאַרגעסן מיין נאָמען. כדי אָבער ער זאָל אויך אויף ווייטער ניט פאַרגעסן, שיק איך אים צו אַ ׳פּאָוסטער׳ מיט אַ פּראָגראַם. אַז ער וועט זיך נעמען די מי, וועט ער לייענען: דימיטרי, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט — מר. בערנאַרד (בועז) יאַנג..."

מיין בריוול איז געווען געדרוקט אין דער „וואָרהייט", צוזאַמען מיט דעם קריטיקער „מעמס" ענטפער:

„קיינער איז ניט אַזאַ פּאַטריאָט פון מר. יאַנג, ווי איך, ווען ער שפּילט זיין ראָל גוט. איך האָב ווירקלעך דעמאָלט ביים שרייבן ניט געהאַט קיין פּראָגראַם פאַר מיר, און זיין נאָמען איז מיר אַראָפּ פון מיין זכרון. איך דאַנק מר. יאַנגן, וואָס ער האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט אים דאָס צו ענטפערן... לואי מילער."

איצט האָב איך שוין מיינע קאָלעגן געקיבעצט, און צו טאָמאַשעווסקין האָב איך געזאָגט: „איר מעגט שוין לואי מילערן אַריינלאָזן אין טעאַטער, ער האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט..."

דאָס זיינען געווען די ערשטע געשריבענע ווערטער מיינע, וואָס איך האָב געזען געדרוקט...

די גאַסטראָליאָרן אין פּיפּעלס־טעאַטער יענע סעזאָנען זײַנען געװען: דער דײַטש־ייִדישער אַקטיאָר מאָריס מאָריסאָן און די רומעניש אַקטריסע גאָטי בורזשעסקאַ (אַן אינטימע פֿרײַנדין פֿון דער רומענישער קעניגין און שריפֿטשטעלערין קאַרמען סילוואַ). זי פֿלעגט שפּילן אין דרײַ שפּראַכן: פֿראַנצויזיש, רומעניש און דײַטש. אין פּיפּעלס־טעאַטער איז זי אויפֿגעטראָטן אין „קאַמיל", פֿון דיומאַ, אויף דײַטש.

מיט מאָריס מאָריסאָן האָב איך געשפּילט אײניקע סעזאָנען און האָב זײער גוט געקענט זײַן אַרט שפּילן (ער איז אויך געװען אַ רומענישער און געשפּילט אין דער דײַטשער שפּראַך). ער פֿלעגט בלויז שפּילן שעקס־פּירן. אין דער מאָדערנער דראַמע האָט ער זעלטן געשפּילט. איך האָב אים געזען אין שעקספּירס „קעניג ליר". מיט זײַן מאַיעסטעטישער פֿיגור און קרעפֿטיקן אָרגאַן האָט ער טאַקע געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ קעניג. אָבער — איך האָב שפּעטער געזען רודאָלף שילדקרויטן אין דער זעלבער ראָל...

וואָס פֿאַר אַ גרויסער אונטערשייד עס איז געװען צווישן די צוויי דײַטשע שוישפּילער, וועלכע האָבן גאַסטראָלירט אויף דער ייִדישער בינע! רודאָלף שילדקרויטס נאָמען וועט נאָך לאַנג בלײַבן אויף די ליפּן פֿון אונדז, שוישפּילער, און אין זכרון פֿון יענעם פּובליקום, וואָס האָט געהאַט די זכיה און דאָס גליק אים צו זען אויף דער בינע — בעת מאָריס מאָרי־סאָנס נאָמען הער איך זעלטן דערמאָנען. מאָריסאָן האָט געריסן קוליסן, שילדקרויט האָט געריסן די הערצער פֿון פּובליקום. דאָך מוז צום קרעדיט פֿון מאָריסאָנען צוגעשריבן ווערן די ראָל פֿון קינען און פֿון די „צוויי שותּפֿים", און פֿראַנץ מאָר אין „די רויבער".

אַ טייל פֿון אַנסאַמבל אין פּיפּעלס־טעאַטער

איך ווייס ניט צי אַן אויטאָביאָגראַפֿער מעג זײַן אַ „קאַוואַליר" אין זײַן שרײַבן... אָבער דאָס מאָל וועט מען מיר מוחל זײַן — די אַקטריסעס, וועלכע האָבן מיט אַ צײַט לאַנג צוריק געשפּילט אין פּיפּעלס־טעאַטער, נויטיקן זיך אפֿשר שוין אין אַ קאָמפּלימענט...

אין יענע סעזאָנען זײַנען פֿון אײראָפּע געקומען אין דעם פּיפּעלס־טעאַטער די אַקטריסעס: מאַלווינאַ לאָבעל, גאָלדע שאַפּיראָ, פּעסי לאַוויץ און רעגינאַ צוקערבערג.

אָט זע איך זי, די שײנע, יונגע פּרימאַדאָנע רעגינאַ צוקערבערג (וועלכע איז נאָר־וואָס אַראָפּ פֿון שיף) בײַ טאָמאַשעווסקין אין גאַרדעראָב־צימער,

אויפֿן קאָפּ אַ גרויסער הוט מיט אַ רויטער פֿעדער. בעת מיר אַלע אַקטיאָרן באַוואונדערן איר שלאַנקע פֿיגור און איר שיין, רויטלעך, געזונט פּנים, שיסט שוין אַריין „אַפּאָלאָן" (טאָמאַשעווסקי) זיינע פֿיילן אין רעגינעס האַרץ. און שפּעטער מיט אַכט טעג, ביי איר ערשטן אויפֿטריט פֿון יהודית אין „האָלאָפֿערנעס", ווען זי קומט צו האָלאָפֿערנעסן אין לאַגער, האַלט זיין קאָפּ אַרומגענומען און זי זינגט אים אַ שלאָף־ליד, כּדי אים דעם קאָפּ אָפּצוהאַקן און ברענגען צו איר פֿאָלק, — באַמערק איך שוין, ווי די פֿיילן האָבן געטראָפֿן אין ציל...

פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט איין מאָל זיינען איינגעטראָטן „קאָמפּליקאַציעס". ווען איך בין אַמאָל געשטאַנען אין קאַסע פֿון פּיפּעלס־טעאַטער, האָט מען געבראַכט אַ פּעקל פֿון אַ געשעפֿט און דער קאַסירער עפּשטיין (טאָמאַשעווסקיס שוואָגער) האָט באַדאַרפֿט דערפֿאַר באַצאָלן. עפּשטיין האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מתּנה פֿאַר דער שיינער פּרימאַדאָנע, מאַדאַם צוקערבערג. אין דער זעלבער צייט זיינען אָנגעקומען באָריס טאָמאַשעווסקי און זיין פֿרוי, בעסי. ווען בעסי האָט דערזען דאָס פּעקל, האָט זי עס געעפֿנט, און געפֿינענדיק דאָרט טייערן פּערפֿום, פּודער און אַנדערע טייערע זאַכן, האָט זי אויסגערופֿן מיט פֿרייד: — דאָס איז פֿאַר מיר, באָריס? טאָמאַשעווסקי האָט זיך ניט פֿאַרלוירן און געענטפֿערט: — אַוודאי פֿאַר דיר, בוזעלע (טאָמאַשעווסקי פֿלעגט אין יענע צייטן רופֿן בעסין — „בוזעלע").

און בוזעלע־בעסי האָט אַרומגעכאַפּט באָריסן און אים געהאַלדזט און געקושט פֿאַר דער מתּנה, וואָס איז געווען געקויפֿט פֿאַר רעגינע צוקערבערג, און געזאָגט: — איצט, מיין מאַן, זע איך, אַז דו האָסט מיך טאַקע אין זינען.

דער קאָמיקער, דער גוטער, ליבער לייזער צוקערמאַן, איז געקומען אין פּיפּעלס־טעאַטער אין יענע יאָרן. צוקערמאַן איז אויפֿגעטראָטן אין דער ראָל פֿון פּינקע אין „גבריאל". אין די יונגע יאָרן, אין אַדעס, איז לייזער צוקערמאַן געשטאַנען אויף איין שטופֿע מיט דעם גרויסן זיגמונד מאָגולעסקאָ. אָבער ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט צוקערמאַן שוין געהאַט פֿאַרלוירן זיין גלאַנץ...

יאָזעף עדעלשטיין, וועלכער האָט געקענט צוקערמאַנען נאָך פֿון אייראָפּע, האָט אים געזאָגט: — לייזער, אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיין דירעקטאָר פֿון יידישן טעאַטער, זאָלסטו וויסן, אַז דו דאַרפֿסט קומען אין טעאַטער אַריין...

גאָלדעלע שאַפּיראָ, דאָס יונגע ווייבעלע מיט די חן־גריבעלעך און

מיט דעם קלײנעם מײלעכל און דינע ליפּעלעך, װאָס האָבן זיך געבעטן מען זאָל זײ קושן, איז דעמאָלט אויך אויפגעטראָטן אין דער פּיעסע „גבריאל" אין דער ראָל פון דינהלען.

אין פּיפּעלס־טעאַטער האָבן אויך געשפּילט: די שװאַרצע, מיט די טיף־אײנגעגראָבענע ציגײנער־אויגן, פּעפּי לאָװיץ, װעלכע איז אויפגעטראָטן אַלס פּרימאַדאָנע; בינע אַבראַמאָװיטש, װעלכע טראָגט דעם טיטל „די מאַמע פון יידישן טעאַטער"; די כאַראַקטער־שױשפּילערין מערי װילענסקי, װעלכע פלעגט זײן מײן װײב, מײן שװעסטער, מײן שװיגער אין די פּיעסן; די אַל־טיטשקע חנה לאה פון „קעניג ליר", די מרס. מאַנע װעלכע האָט מיט מיר געשפּילט אַ צײט־לאַנג; און מײן ליבע בעלאַ גודינסקי, װעלכע איז מיט מיר געװען די גאַנצע אַכט יאָר אין פּיפּעלס־טעאַטער און האָט פיגורירט װי די דראַמאַטישע שױשפּילערין און גרענד־דאַמע — װעמען די פרױען פלעגן קומען זען און קאָפּירן אירע קלײדער, װאָס זי האָט געטראָגן אויף דער בינע, און װעלכע האָט ניט געװאָרט, ביז די בינע װעט איר זאָגן „גוד־באַי", נאָר זי האָט זיך אַלײן פאַרבויגט און דער בינע געזאָגט אַ „זײ־געזונט" אין דער ריכטיקער צײט.

מיט דער לאַבעל בין איך געװען אַ פינף־זעקס סעזאָנען אין פּיפּעלס־טעאַטער (האָב איר אַפּלאָדירט בײ איר ערשטן אויפטריט), געװען מיט איר אין טהאַליאַ־טעאַטער, ליריק־טעאַטער, סעקאָנד־עװעניו־טעאַטער, און געשפּילט מיט איר אין אירע קרױן־ראָלן: אין „פאַרלױרענער גן־עדן", „יום החופה", „דאָס ײדישע האַרץ", „תחית המתים". איך האָב געקענט איר יעדן קער, יעדע באַװעגונג אויף דער בינע, זיך געפרײט מיט איר צוזאַמען, װען זי האָט געהאַט דערפאָלג, און עס האָט מיר װײ געטאָן, װען קעסלער האָט געהאַנדלט קעגן איר ניט דזשענטעלמעניש. און איצט, װען איך באַגעגן זי בײ אַ לװיה פון אַ באַקאַנטן אַקטיאָר, דערמאָן איך זיך אָן דער לװיה פון װאָלטער בראַונס אַלעגאָרישער פּיעסע „יעדע פרױ", אין װעלכער מאַדאַם לאַבעל האָט געשפּילט די טיטל־ראָל — װאו „יעדע פרױ" באַגראָבט אײנציקװײז אירע טײערסטע דרײ פרײנדינס אין לעבן: „אומשולד", „יוגנט" און „שײנקײט"...

אָט די אַלע שױשפּילערינס, װאָס אײניקע פון זײ האַלטן שױן בײם סאַמע סוף פון האַרבסט און בײם אָנפאַנג פון װינטער, און אַנדערע שױן אין טיפן װינטער און האָבן זיך שױן לאַנג געזעגנט מיט דער בינע — זײ אַלע האָבן געהאַט אין מײן צײט זײער פרילינג און זומער, זײער שײנעם, ליכטיקן, זוניקן מאָרגן אין פּיפּעלס־טעאַטער.

אַברהם גאָלדפאַדענס לעצטער אויפטריט

ווי שוין פריער באַמערקט, האָב איך יעדן סעזאָן געוואָלט אַוועקגיין פון „פיפעלס"־טעאַטער. איך האָב שוין אַפילו געהאַט געגעבן טויזנט דאָלער אַן אויפגאָב צו אַ פריינט מיינעם, מר. שערמאַן, פאַר אַ פּלאַץ אין פילאַדעלפיע אויף דער סאָוט פערטער גאַס, צו בויען אַ יידיש טעאַטער אין פילאַדעלפיע. האָט זיך אַריינגעמישט דער גרויסער אַמעריקאַנער מענעדזשער אָסקאַר האַמערשטיין און האָט קאָנקורירט מיט מיר. ער האָט אויך געוואָלט דעם פּלאַץ פאַר אַ טעאַטער און האָט עס אויסגעדונגען. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ניט האַמערשטיין און ניט איך האָבן געבויט דאָרט אַ טעאַטער, — מען האָט אויף יענעם אָרט אויפגעבויט אַ פאַבריק. איך ווייס ניט וויפל האַמערשטיין האָט דערביי פאַרלוירן, אָבער איך האָב דעמאָלט פאַרלוירן פינף הונדערט דאָלער אין דער ספּעקולאַציע.

ווען טאָמאַשעווסקי איז געוואויער געוואָרן וועגן דעם, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— וואָס האָט איר אַזוי קיין צייט נישט? איר האָט נאָך צייט צו האָבן אַן אייגענעם טעאַטער, צו ווערן אַ „באָס".

— מ"ר טאָמאַשעווסקי — זאָג איך צו אים — איר האָט פאַרגעסן, אַז איר זענט געווען פאַר זיך אַליין, ווען איר זענט געווען יונגער פון מיר?

אויף דעם האָט טאָמאַשעווסקי געענטפערט:

— איך האָב דאָך שוין דעמאָלט געהייסן טאָמאַשעווסקי...

אָבער דער סעזאָן פון 1907—1908 איז שוין טאַקע געווען דער לעצטער סעזאָן מיינער אין „פיפעלס"־טעאַטער. עדעלשטיין האָט עס פאַרשטאַנען און ער האָט אַנגאַזשירט פיטער גראַפן און געזאָגט טאָמאַשעווסקין, אַז ער זאָל גראַפן געבן אַלע נייע ראָלן, וואָס איך דאַרף שפּילן.

איך האָב יענעם סעזאָן קיין איין נייע ראָלע ניט געשפּילט; ניט אין „די שטיפמאַמע" פון יעקב גאָרדין, ניט ביי אַסיפ דימאָווס „שמע ישראל" און אויך ניט אין גאָלדפאַדענס „בן עמי". אַוודאי האָט עס מיך פאַרדראָסן; און עדעלשטיין האָט עס פאַרשטאַנען און געשמייכלט... דערפאַר, אַז עס איז געקומען זונטיק און מען האָט מיר דערלאַנגט דעם „ענוועלאָפּ" מיט דער גאַזשע, בין איך צוגעגאַנגען צו עדעלשטיינען, און ווייזנדיק אויף די גרויסע שכירות, האָב איך צו אים געזאָגט:

— דאָס איז דער פּלאַסטער, וואָס איך לייג־צו יעדן זונטיק צו מיין האַרצן...

אין יענעם סעזאָן בין איך געווען מער אַ גאַסט צווישן עולם ווי אויף דער בינע.

אַזוי בין איך אײנמאָל געזעסן אין טעאַטער מיט אַברהם גאָלדפאַדענען, ווען מען האָט געשפּילט עפּעס אַן איבערגעאַרבעטע ענגלישע מעלאָדראַמע. האָט גאָלדפאַדען געזאָגט צו מיר מיט אַ שווערן זיפץ:

— ניין, מײַן קינד (גאָלדפאַדען פֿלעגט רופֿן אַלע אַקטיאָרן „מײַנע קינדער"), דאָס איז ניט דאָס יידישע טעאַטער, וואָס איך האָב געוואָלט. דאָס איז אַ שלעכט גויאיש טעאַטער...

דאָס האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט דורכצושמועסן זיך מיטן פֿאָטער פֿון דער יידישער בינע:

— איר ווייסט, מ"ר גאָלדפאַדען, ווען איך האָב אײַך צום ערשטן מאָל געזען? אין יאָר 1886, אין דעם „עלדאָראַדאָ", אין וואַרשע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין געגאַנגען זען טעאַטער. מען האָט געשפּילט אײַער „בר־כּוכבא". איך האָב אײַך דעמאָלט קריטיקירט: ווען בר־כּוכבא האָט געשטאָכן אליעזרן אין לעצטן אַקט, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז ניט ריכטיק, ווייל בר־כּוכבא האָט געטויט אליעזרן נאָך אין ערשטן אַקט, אין שול אויפֿן באַלעמער. אַזוי האָב איך געלייענט אין קלמן שולמאַנס „הריסת ביתר".

גאָלדפאַדען האָט געשמייכלט:

— ווי אַלט זייט איר דעמאָלט געווען?

— אַ יאָר 15—16 — זאָג איך. — איך געדענק אויך ווי צום שלוס פֿון דער פֿאָרשטעלונג זייט איר אַרויסגעקומען זיך נייגן פֿאַרן פּובליקום. איך געדענק אַפֿילו, אַז איר זייט געווען אָנגעטאָן אין אַ פֿראַק, מיט דעם צילינדער אין דער האַנט, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט איר געטראָגן ווײַסע האַנטשו.

גאָלדפאַדען האָט געגעבן אַ שווערן זיפץ, פאַרלייגט די הענט אויף דעם גאָלדענעם שטעקן און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ האָט ער געזאָגט: „יאָ, יאָ, בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי..."

ווי באַקאַנט האָט גאָלדפאַדען געליטן נויט אין אַמעריקע, ביז מען האָט אויפֿגעפֿירט זײַן „בן עמי".

דער אַקטיאָר צוקערמאַן, וועלכער איז געווען ביי גאָלדפאַדענען אַ בן־בית, האָט דאָס געזאָגט טאָמאַשעווסקין. טאָמאַשעווסקי האָט גלייך צו־זאַמענגערופֿן די מענעדזשערס פֿון אַלע יידישע טעאַטערס און מ'האָט באַשלאָסן, אַז יעדעס טעאַטער זאָל געבן דעם „פֿאָטער" פֿון דער יידישער

בינע אַ סומע — אַזש פֿינף דאָלער אַ וואָך, אין דער צייט, ווען די מענער־דזשערס פֿון די יידישע טעאַטערס זיינען געפֿאָרן אין קאַרעטעס און האָבן געמאַכט פֿאַרמעגנס פֿון יידישן טעאַטער. און אַפֿילו די פֿינף דאָלער אַ וואָך איז געווען שווער אַרויסצובאַקומען פֿון זיי. 50—60 „זיינע קינדער" אין ניו־יאָרק האָבן זייער פֿאָטער ניט געקענט באַזאָרגן, אַז ער זאָל ניט דאַרפֿן לעבן אין דחקות.

גאָלדפֿאַדען האָט די פּיעסע „בן עמי" פֿריער געהאַט געלייענט פֿאַר אַדלערן און מאַשקאָוויטשן. אָבער נאָך דעם ערשטן אַקט לייענען איז מאַשקאָוויטש אַוועק: „דער אַלטער גאָלדפֿאַדען איז עובר בטול", האָט מאַשקאָוויטש זיך אויסגעדריקט. און „בן עמי" מיט טאָמאַשעווסקין איז געוואָרן אַ דערפֿאָלג.

ס'איז מערקווירדיק ווי ווייט גאָלדפֿאַדען האָט פֿאַרשטאַנען צוצופּאַסן אַפּערע־געזאַנג צו דעם טעקסט, וואָס ער האָט געשריבן, אַז ס'זאָל קלינגען יידישלעך, אַזוי אָריגינעל פֿאַרפּאַסט צו די ווערטער. חזנישע שטיקלעך האָבן מיט זיינע ווערטער געהאַט אַ תּיקון.

ביי דער פּרעמיערע פֿון „בן עמי" איז גאָלדפֿאַדען געווען אַזוי נערוועז, ווי אַן אָנפֿאַנגער, וואָס זעט זיין ווערק צום ערשטן מאָל אויף דער בינע... און ווען ער איז געגאַנגען זיך נייגן פֿאַרן פּובליקום, האָט מען געקענט זען, ווי די פֿיס האָבן זיך אים געבויגן.

די בינע איז געווען פֿול מיט בלומען. טאָמאַשעווסקי האָט אים אָנגעטאָן אויפֿן האָלדז אַ זילבערנעם קראַנץ, אָבער גאָלדפֿאַדען אַליין איז געשטאַנען אַן פּאַמפּ, אַן דעם גלאַנץ, וואָס איך האָב אין אים געזען מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך געגייגט פֿאַרן וואַרשעווער עולם אין טעאַטער „עלדאָראַדאָ". קיינער פֿון אונדז אַקטיאָרן, אויך ניט דאָס פּובליקום, האָט דעמאָלט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז דאָס האָט דער טויט אָנגענומען ביי דער האַנט דעם „פֿאָטער" פֿון יידישן טעאַטער און אים אַרויפֿגעפֿירט אויף דער בינע, ער זאָל זיך נייגן פֿאַרן עולם צום לעצטן מאָל און אָפּשייד נעמען פֿון זיינע „קינדער", די אַקטיאָרן... מער איז שוין גאָלדפֿאַדען אין טעאַטער ניט געקומען.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זיך גאָלדפֿאַדען אויך פֿאַרנייגט אויף דער וועלט־בינע, וואָס מיר רופֿן אַן לעבן...

ווען מיר, זיינע „קינדער", זיינען נאָכגעגאַנגען זיין לוויה, האָבן נאָך געקלונגען אין מיינע אויערן זיינע ווערטער, ציטירט פֿון ישעיה הנביא: „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי..."

איך געזעגן זיך מיטן „פּיפּעלס"־טעאַטער

ווען דער לאַיער, דער באַקאַנטער טעאַטראַל, טשאַרלי ווײַנבלאַט, האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז איך זאָל ווערן אַ שותּף צו קעסלער און מאַקס ווילנער, וועלכער האָט גענומען דאָס „טהאַליאַ"־טעאַטער אויף דעם קומענ־דיקן סעזאָן, און מען דאַרף אַרײַנלייגן אין געשעפט ניט מער ווי דרײַ טויזנט דאָלער, האָב איך אָנגעהויבן ערנסט צו דענקען דערפון.

צוויי מאָל האָב איך געפּרוּווט צו האָבן אַליין אַ טעאַטער, און בײדע מאָל איז מיר ניט געלונגען. איצט, האָב איך געדענקט, מוז עס געשען. איך וועל די געלעגנהייט ניט אַדורכלאָזן.

אויסער דער אַמביציע צו האָבן אַ טעאַטער, איז איצט געקומען צו הילף דער אַקטיאָר אין מיר. איך האָב געזען „אוריאל מזיק" פון „גאָט, מענטש און טייוול" פאַר מײַנע אויגן; ווי איך שפּיל „גרעגואַר" אין „קרייצער סאָנאַטאַ"; דעם „פישער מלך" אין „סאַפאָ" — קורץ, אַלע מאַשקאָוויטשעס ראָלן, וואָס ער האָט געשפּילט מיט קעסלערן. הײַנט, קלאַראַ, — זי וועט דאָך זײַן די ערשטע סוברעטין אין טהאַליאַ־טעאַטער (ניט די צווייטע נאָך מר"ס טאָמאַשעווסקי). און ווען טשאַרלי ווײַנבלאַט האָט מיר געזאָגט, אַז קעסלער און ווילנער זײַנען ווילִיק מיט מיר צו מאַכן שותּפות, האָב איך מיט פאַרגעניגן אײַנגעשטימט. דער טרוים מײַנער איז געוואָרן אַ פאַקט.

איך האָב פאַרלאָזט דאָס "פּיפּעלס"־טעאַטער, וואו איך בין אָפּגעווען אַכט יאָר, — די בליענדיקסטע אין מענטשנס לעבן, די רײַפסטע פאַר דער פּראָפעסיע.

ווען איך בין יאָרן שפּעטער פאַרבײַגעגאַנגען די „באַוערי" און דאָרט דערזען צוויי פאַרבליבענע אויסגעקריצטע ווערטער „פּיפּעלס טעאַטער", בין איך אַרײַן אינעווייניק אין טעאַטער און האָב דערזען דאָס אַלטע פאַר־זשאַווערטע אײַזן, דעם „דזשאַנק", וואָס ליגט דאָרטן אויף די זיץ־פּלעצער, און האָב געטראַכט, אַז די מענטשן, וואָס זײַנען אַמאָל דאָ געזעסן, זײַנען איצט אויך שוין „דזשאַנק"...

די ווענט דאָ האָבן אַמאָל געציטערט פון דעם לײַבן־געשרײ פון מאָריס מאָריסאָן אין „אָטעלאָ"; פון יעקב פּ. אַדלערס אויסגעשריי „גאַלילעי! און די ערד באַוועגט זיך דאָך!" (ביי „שלמה חכם"); זיי האָבן מיטגעוויינט מיט שילדקרויטן, און האָבן אויך פאַרנומען די געזאַנגען פון „פּינטעלע ייד", „דאָס תּורהלע", „קום ישראליק, קום אַהיים", דעם „קדיש" אין „ישיבה־בחור" פון באָריס טאָמאַשעווסקין; זיי האָבן זיך

געשאָקלט פֿון די געלעכטערס פֿון זיגמונד מאָגולעסקאָ און בעסי טאָמאַ־שעווסקי, און פֿון די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס איך האָב באַקומען ביי פּאַרשיידענע פּיעסן, וואָס עס איז ביי מיר געווען, ווי קלאַנגען פֿון אַ סימפאָניע און נויטיק ווי לופֿט צו אָטעמען; טייערער פֿון דעם גרויסן געהאַלט, וואָס איך האָב באַקומען. — אָט־די ווענט זיינען איצט געווען פאַרשטעלט מיט אַלטע ברעטער, ציגל... און ווען איך האָב שוין דאָרט בכלל קיין בינע ניט געפֿונען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די אַלע קינסטלער־אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט מיר געשפּילט דורך דער צייט פֿון מיינע אַכט יאָר זיין אין „פּיפּעלס"־טעאַטער... זיי זיינען אַוועק, און מיט זיך אויך די בינע מיטגענומען...

דער יידישער אַקטיאָרן־קלוב אין 108 סעקאָנד עוועניו

די „היברו עקטאָרס יוניאָן" האָט אין יענער צייט געשאַפֿן פֿאַר דעם יידישן אַקטיאָר אַ קלוב אויף 108 סעקאָנד עוועניו. דער קלוב האָט דעמאָלט אויסגעפֿילט אַ שטיק פֿון מיין לעבן. איך בין דעמאָלט געווען דער קאַסירער פֿון קלוב און האָב אַכטונג געגעבן, אַז ער זאָל געמאַכט ווערן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פֿאַרן אַקטיאָר.

אין אונדזער יידישן „עקטאָרס קלאַב" איז געווען אַ באַזונדער צימער אויף צו שפּילן פּינאָקל, דאָמינאָ און שאָך (אָבער קיין האַזאַרד־שפּיל איז ניט געווען דערלויבט) און דער הויפּט־זאַל איז געווען אָפּגעגעבן פֿאַר לייע־נען צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער, פֿאַר לעקציעס און קאָנצערטן, וואָס די יוניאָן פֿלעגט אָפּט מאַכן. אַ שיינער, גרויסער רעסטאָראַן האָט זיך גע־פֿונען ביים קלוב, וואו די מערסטע אַקטיאָרן האָבן געגעסן. יעדער יידישער מחבר און יעדער אַקטיאָר האָט געשאָנקען דעם קלוב ביכער. איך האָב געשאָנקען דעם קלוב אָן ענציקלאָפּעדיע פֿון 24 גרויסע בענד. אַלע גע־דרוקטע יידישע פּיעסן, אויך מאַנוסקריפּטן, האָבן זיך געפֿונען אין קלוב, און אַקטיאָרן האָבן דעמאָלט אַ סך געלייענט. יידישע שרייבער, מאָלער, סקולפּטאָרס פֿלעגן אָפּט מיט אונדז פֿאַרברענגען און האַלטן לעקציעס. אויך דער פֿירער און גרינדער פֿון „אַמעריקען פֿעדערעישאָן אָוו לעיבאָר", דער ייד סעמועל גאָמפּערס, פֿלעגט אָפּט באַזוכן אונדזער קלוב; און פֿאַר־שטייט זיך יאָזעף באַראָנדעס, דער גרינדער פֿון דער יוניאָן. דער וועלט־באַרימטער זינגער, קייזער ווילהעלמס ליבלינג, יאָדלאָווקער, וועלכער האָט דעמאָלט געזונגען אין דער מעטראָפּאָליטען אָפּערע, איז אַמאָל געווען אין קלוב, און איך האָב אים דערמאָנט אין יענער צייט, ווען ער האָט אין יאָר

1886 געזונגען אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער „עלדאַראַדאָ", אויף דער לאַנגער גאַס, די ראָל פֿונעם וועכטער אויפֿן טורעם ביי „בר כּוכבא".

איך געדענק אויך, ווי דער זייער רעליגיעזער דייטשער ייד, וואָס האָט דעמאָלט געקענט זייער ווייניק יידיש און איז געווען אַ הייסער יידי־שיסט, ד"ר נתן בירנבוים, האָט געהאַלטן אַ לעקציע אין קלוב וועגן יידיש און אונדז „געשטראָפֿט", פֿאַרוואָס מיר רעדן צווישן זיך ענגליש — אַזוי גיך ווי מיר גייען אַראָפּ פֿון דער בינע: „אין יידישן טעאַטער דאַרף אַלץ און אומעטום זיין יידיש" — האָט ער געזאָגט. מיר פֿלעגן אויך געבן צוויי מאָל אין חודש קאָנצערטן אין קלוב פֿאַרן פּובליקום.

ווען עמעצער איז געגאַנגען אָנקוקן אינטערעסאַנטע זאַכן פֿון דער יידישער „איסט סאַיד", האָט ער ניט געקאָנט דורכלאָזן צו זיין אויך אין „היברו עקטאָרס קלאַב", 108 סעקאָנד עוועניו.

מיר האָבן אויך געוואָלט שאַפֿן אין קלוב אַן אַפּרו־פּלאַץ, אַ היים פֿאַר אַלטע אַקטיאָרן, זיי זאָלן זיך קאָנען אויסלעבן צווישן אייגענע.

ליידער!... ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן אין יאָר 1913, ווען איך בין געווען אין איראָפּע, איז דער קלוב שפּעטער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿולשטענדיקן „געמבלינג"־הויז. מען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן האַ־זאַרד־שפּילן, ווי פּאָוקער, און אַפֿילו „דאַיס", — אַקטיאָרן האָבן פֿאַרשפּילט זייערע שכירות אין קלוב. עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין קלוב „טונקעלע פּאַרשוינען", און עס איז געקומען צו סקאַנדאַלן: איינער איז געצוואונגען געוואָרן צו פֿאַרלאָזן אַמעריקע, אַ צווייטער פּאַרשוין האָט זיך שפּעטער דערשאָסן.

איך דערמאָן דאָס אַלץ איצט, ווייל איך וויל, אַז דאָס זאָל זיין אַ וואָר־נונג, אַז אַקטיאָרן זאָלן וויסן, וואָס עס האָט געפֿירט צום חורבן פֿון דעם ערשטן קלוב פֿון דער „היברו עקטאָרס יוניאָן", וועלכן מיר האָבן דעמאָלט, די ערשטע צייט, ממש פֿאַרהייליקט...

גאַרדינס „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" — לאַטיינערס „דאָס יידישע האַרץ"

אין סעזאָן 1908—1909 בין איך מיט קלאַראַ אַריין אין „טהאַליאַ"־טעאַטער, ווי אַ שותף צו דוד קעסלער און מאַקס ווילנער. איך בין געווען דער ערשטער אַקטיאָר, און ניט קיין סטאַר, וואָס איז געוואָרן אַ טעאַטער־מענעדזשער אין ניו־יאָרק. מיר האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן אַ טרופּע פֿאַר דעם סעזאָן און זוכן אַ פּיעסע. דאַ האָט זיך אָנגעהויבן מיין ערשטע

זאָרג. איך האָב באַלד איינגעזען, אַז אויף קעסלערן קען מען זיך ניט פֿאַר־לאָזן. ער האָט ניט קיין שטאַנדהאַפֿטיקייט אין זיך און פֿון געשעפֿט איז ער זייער ווייט. און מיין צווייטער שותף, דער שפּעטערדיקער גרויסער יידישער טעאַטער־מענעדזשער, וואָס האָט געבויט דעם סעקאַנד־עווניו־טעאַטער און האָט אין אַ געוויסער צייט געהאַט דעם שליסל פֿון אַלע יידישע טעאַ־טערס (ער האָט אויך גורם געווען, אַז מיר זאָלן היינט האָבן דעם מאָריס שוואַרץ קונסט־טעאַטער), מיין ליבער, גוטהאַרציקער פריינט מאַקס וויל־נער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ מענעדזשער אויף בראָדוויי, האָט אויפגעפירט ענגלישע פּיעסן, געוואָרן אַ שותף מיט דעם קאָמפּאָזיטאָר בראָמבערג און האָט אין איין צייט קאָנטראָלירט דריי בורלעסק־טעאַטערס אויף בראָדוויי — אָט דער גרויסער טעאַטער־קאָפּ מאַקס ווילנער האָט דע־מאָלט פֿאַרשטאַנען טעאַטער (איך רעד שוין ניט וועגן יידישן), ווי איך פֿאַרשטיי איצט ווי אַזוי מען צעשפּאַלט אַן אַטאָם...

די טרופּע איז באַשטאַנען פון דוד קעסלער, זיגמונד מאָגולעסקאָ, בערנאַרד און קלאַראַ יאַנג, די פּרימאַדאָנע מאַלווינאַ לאָבעל, ראַפֿאַלאָ, בינע אַבראַמאָוויטש, גינזבערג, גילטמאַן, מ״ר און מר״ס נאַדאָלסקי, מ״ר און מר״ס שנייער און דזשעני גאָלדשטיין פֿאַר קינדער־ראָלן.

מ״ר שנייער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גאַנץ גוטן אַקטיאָר. אַן ענגלישער מענעדזשער האָט אים שפּעטער געזען שפּילן מיט אונדז אין דעם ברוקלינער ליריק־טעאַטער און אים אַנגאַזשירט אַלס סטאַר אין אַן ענגלישער אויפֿפֿירונג.

ב. גאָרין שרייבט אין זיין „געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער“, אַז לאַטיינערס פּיעסע „דאָס יידישע האַרץ“ האָט געגעבן אַ גרויסן קלאַפּ דער בעסערער דראַמע. איך בין זיך דאָ מודה: את חטאתי אני מזכיר היום! איך בין געווען די סיבה פֿון יענעם קלאַפּ...

מערקווירדיק: איך האָב שטענדיק געוואָלט אַוועק פֿון לאַטיינערן, כּדי צו שפּילן אין בעסערע פּיעסן, און ווען איך בין געוואָרן אַ שטיקל באָס, האָב איך אים געזוכט... ווי האָט אַמאָל דער מענעדזשער יאָסעלע עדעלשטיין געזאָגט צו אַן אַקטיאָר, וואָס איז געווען אַנגאַזשירט ביי אים:— „ליטע־ראַטאַציע“ וועסטו שפּילן פֿאַר דיין אייגן געלט!...

מיר האָבן געדענקט סוכּות אָנצוהויבן מיט גאָרדינס אַ פּיעסע, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן. אָבער ווען גאָרדין האָט פֿאַר אונדז פֿאַרגע־לייענט זיין „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“ („דאָס משוגעת פֿון אַמעריקע“), און עס האָט אויף אונדז קיין גרויסן איינדרוק ניט געמאַכט, האָב איך געזען,

אַז מײַנע דרײַ טויזנט דאָלער זײַנען אין געפֿאַר. האָב איך געשריבן צו גאַרדינען אַ בריוו, אַז דוד קעסלער איז אַוועקגעפֿאָרן און אַז ער זאָל האָבן געדולד אַ צוויי וואָכן. גאַרדין האָט מיר געענטפֿערט און געפֿאָדערט איך זאָל אים אָנגעבן אַ באַשטימטן טאָג. אַגב וויל איך באַמערקן, אַז „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" האָט טאָמאַשעווסקי שפּעטער אויפֿגעפֿירט אין זײַן „פּי־פּעלס"־טעאַטער, און קיין גרויסן דערפֿאָלג האָט די פּיעסע ניט געהאַט. גאַרדין האָט עס זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן. „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" איז געווען גאַרדינס לעצטע פּיעסע.

צומאַרגנס 9 אַזייגער אינדערפֿרי בין איך שוין געווען בײַ לאַטײַנערן אין שטוב. איך האָב געוואוסט, אַז לאַטײַנער שרײַבט אַ פּיעסע (פּאַולינאַ עדעלשטיין האָט אים געגעבן אַ רומעניש ביכל, וואָס זי האָט געבראַכט פֿון רומעניע). לאַטײַנער האָט אַפֿילו מיט מיר ניט געוואָלט רעדן וועגן דער פּיעסע:

— די פּיעסע האָב איך געשריבן פֿאַרן „פּיפּעלס"־טעאַטער, עדעלשטיין און טאָמאַשעווסקי וויסן פֿון דער פּיעסע.

ווען איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז מאָגולעסקאָ איז מיט אונדז אין „טהאַליאַ"־טעאַטער, איז ער געוואָרן ווייכער און האָט שוין אײַנגעוויליקט צו קומען לייענען פֿאַר אונדז זײַן פּיעסע. לאַטײַנער פֿלעגט שטענדיק לייענען זײַן פּיעסע נאָך מיטיק — איך האָב פֿײַנט צו לייענען פֿאַר אַ הונגעריקן מאָגן, פֿלעגט ער זאָגן.

ווען איך בין דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען פֿון לאַטײַנערן, האָב איך אויף זײַן שוועל אָנגעטראָפֿן עדעלשטיינס אַ מענטשן, וואָס איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „קאַקסי". האָב איך בײַ זיך געטראַכט: דו האָסט געדאַרפֿט אויפֿשטיין אַביסעלע פֿריער, ביסט מיט אַ פּאָר מינוט צו שפּעט געקומען...

דעם זשורנאַליסט און טעאַטער־רעפּאָרטער יעקב קירשענבוים, וועל־כער איז דעמאָלט געקומען מיך אינטערוויואירן, האָב איך געזאָגט, אַז כדי צו קאָנען האָבן די מעגלעכקייט צו שפּילן ליטעראַרישע פּיעסן, וועלן מיר מוזן אויפֿפֿירן אויף סוכּות לאַטײַנערס „דאָס יידישע האַרץ".

געעפֿנט דאָס „טהאַליאַ"־טעאַטער האָבן מיר מיט גאַרדינס פּיעסן: „גאָט, מענטש און טײַוול" און „קרייצער סאָנאַטאַ". אין „גאָט, מענטש און טײַוול" האָב איך געשפּילט די ראָל פֿון „אוריאל מזיק" און אין „קרייצער סאָנאַטאַ" — „גרעגואַר".

מאַגולעסקאָ אַלס מענטש און אויף דער בינע

אין דער „נאַרישער וואָך" האָבן מיר אויפגעפירט לאַטיינערס „דאָס יידישע האַרץ". די „נאַרישע וואָך" האָט מען דעמאָלט גערופן די סוכות־וואָך. דעם נאָמען האָט די וואָך באַקומען פון דעם פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד, ווייל אין יענער וואָך האָט מען אויפגעפירט די נאַרישסטע פּיעסן. אין די ימים־טובים פון פּסח און סוכות פלעגט קומען דאָס אומקולטורעלסטע פּובליקום. אָבער מיט מיין באַקומען „דאָס יידישע האַרץ" פון לאַטיינערן האָב איך פאַר דער „נאַרישער וואָך" אויפגעטאָן אַ גרויסע חכמה: „דאָס יידישע האַרץ" האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג און מיר האָבן עס געשפּילט אַ גאַנצן סעזאָן, פון סוכות ביז נאָך פּסח. דאָס איז דעמאָלט געווען דער לענגסטער רעקאָרד פון אַ פּיעסע אין יידישן טעאַטער.

די פּיעסע האָט צוויי אָפּטיילונגען אין יעדן אַקט: איין טייל באַשטייט פון לויטער דראַמע; דער צווייטער טייל — פון קאָמעדיע. אָבער עס איז דאָ זייער ווייניק צוזאַמענהאַנג פון דער קאָמישער מיט דער דראַמאַטישער זייט פון דער פּיעסע.

דוד קעסלער האָט געשפּילט די ראָל פון דעם יונגנמאַן יעקב; מאַל־ווינאַ לאָבעל — די מאַדאַם פּאַפּעסקאָ; ראַפּאַלאָ — דינה; סאַמועל שניידער — דעם רומענישן שייגעץ; גינזבערג — הערמאַן; בינע אַבראַמאָוויטש — אַלס סערקעלע; קלאַראַ יאַנג — אַלס איר טעכטערל; דזשעני גאָלדשטיין — דאָס צען־יעריקע מיידעלע לידאַ; איך — משה פון ביטשוטש; מאַ־גולעסקאָ — אַלס למך.

איך האָב מיט מאַגולעסקאָן געשפּילט עטלעכע סעזאָנען אין „פּיפּעלס"־טעאַטער. יעדע ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט, האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם דערפאָלג פון דער פּיעסע. אין די „אימיגראַנטן", פון נחום מאיר שייקעוויטש (שמ"ר), וואו ער האָט געשפּילט די ראָל פון „פּיטל פּאַוואַליע", האָט ער געהאַט אַ ווערטל: „פּאַוואַליע, פּעטער", וואָס מ'האָט נאָכגעזאָגט אין אַלע שעפּער. אָבער אין דער פּיעסע „דאָס יידישע האַרץ" האָט מאַ־גולעסקאָ אַלס למך געהאַט גאַנצע 60 פּראָצענט חלק פאַרן דערפאָלג פון דער פּיעסע. אויך אין דער פּיעסע האָט ער געהאַט אַ ווערטל: „אוי, שלעכט", וואָס מען האָט אומעטום נאָכגעזאָגט (ווי שוין באַמערקט, האָט מאַ־גולעסקאָ גענומען דאָס ווערטל „אוי, שלעכט" פון מאָריס פינקל).

מאַגולעסקאָס ווערטלעך, וועלכע ער האָט אַליין אַריינגעשטעלט אין די ראָלן, וואָס ער האָט געשפּילט, זיינען געוואָרן פּאָפּולער צווישן פאָלק, ווי חיים גריידיקערס, אָדער ווי די מעשיות פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

אַדלער האָט אַמאָל געזאָגט אויף מאַגולעסקאָן, אַז ער נעמט בלאַטע און וואַרפֿט אויף דער וואַנט, און פֿון דעם קומט אַרויס אַ שײן בילד. מאַגולעס־קאָן פֿלעגט פֿאַרדריסן, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז ער טוט אַלץ אומבאַ־וואוסטזיניקערהייט.

— איך שטודיר מײַנע ראָלן — פֿלעגט מאַגולעסקאָ זאָגן.

איך וויל ניט איבערחזרן וואָס אַנדערע האָבן שוין וועגן דעם גרויסן מאַגולעסקאָ געשריבן. איך וויל נאָר דערציילן וועגן אים אַלס מענטש.

מאַגולעסקאָן האָט קײנמאָל ניט געגעסן דער וואָרעם פֿון "פּראָפּע־שאָנעל דזשעלעסי" (בינע־אײפֿערזוכט). ער האָט פֿאַרגונען יעדן אַקטיאָר זײַנס.

בײַ די „אימיגראַנטן" האָט מאַגולעסקאָ געהאַט אַ וויץ צו זאָגן אין צווייטן אַקט, האָט מען שטאַרק געלאַכט און אַפּלאָדירט. אַ געוויסן אָוונט האָט דאָס פּובליקום ניט שטאַרק געלאַכט פֿון וויץ. מאַגולעסקאָ האָט מיך שפּעטער געפֿרעגט: — וואָס איז עפּעס היינט געווען מיט זיי (מיטן פּוב־ליקום)? זיי האָבן גאַרניט געלאַכט פֿון דעם וויץ. — איך האָב דעמאָלט געשפּילט דעם באַלעגאָלע. האָב איך אים געזאָגט, אַז דעם וויץ האָט מען שוין אָפּגעזאָגט אין ערשטן אַקט, וואָס האָט מיך אַליין שטאַרק פֿאַרדראָסן.

איך האָב געמיינט, אַז ער וועט ווערן שרעקלעך אין כּעס און מאַכן אַפֿילו אַ סקאַנדאַל דער אַקטריסע. יעדער אַקטיאָר, אויף זײַן אָרט, וואָלט עס געוויס געטאָן. אָבער מאַגולעסקאָ האָט מיך געלאָזן געפֿרעגט: — האָט מען כאָטש געלאַכט בײַ דעם?

זאָג איך: — יאָ.

— נו, — זאָגט ער גוטמוטיק, — אויב מען האָט געלאַכט, זאָל עס איר וואויל באַקומען.

ווי באַקאַנט האָט מאַגולעסקאָ אַ געוויסע צײַט פֿאַרלוירן זײַן שפּראַך, דעם כּוח הדיבור, טאַקע ווען ער האָט געשפּילט די ראָל פֿון „פּיטל פּאָ־וואָליע" אין די „אימיגראַנטן". ער האָט לחלוטין ניט געקענט אַרויסרעדן קײן וואָרט. דער פּראָפֿעסאָר האָט געזאָגט, אַז קײן זאַך קאָן אים ניט העלפֿן, אַחוץ די נאַטור אַליין. פֿלעגט ער זיצן יעדן טאָג אין סענטראַל־פּאַרק שעהן־לאַנג אויף דער לופֿט און וואַרטן אויף אַ נס. צוויי יאָר זײַנען אַוועק און די נאַטור איז אים ניט געקומען צו הילף...

„אין אַ געוויסן טאָג, — האָט מיר מאַגולעסקאָ דערציילט, — זיץ איך אַזוי אויף אַ באַנק און טראַכט. אַ מענטש, ווען ער זעט שוין ניט פֿאַר זיך קײן צוקונפֿט, קומט אים אויפֿן זינען די פֿאַרגאַנגענהייט: איך דערמאַן מיך ווי איך האָב נאָך געשפּילט אין רומעניע מיט גראָדנערן, אין רוסלאַנד

מיט שענגאַלדן, מיט קעסלערן, מיט פיינמאַנען, און אויף מיין זכרון שווימט אויף דער אַקטיאָר ראָזענבערג, וועלכער איז פּאַראַליזירט געוואָרן און איז געזעסן אויף דער דעריבאַסאָווסקי אין אַדעס און געבעטן אַ נדבה... איך גיב אַ ציטער ביי דעם געדאַנק, און זאָג צו זיך אין מיינע געדאַנקען: ניין, איך וועל פֿריער באַגיין זעלבסטמאָרד! און ווי דאָס וואָרט זעלבסטמאָרד איז מיר אויף די געדאַנקען געקומען, גיב איך אַ הוסט. האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער אַ קלאַנג אין דעם הוסט. איך גיב נאָך אַ הוסט, און איך הער אין הוסט דייטלעך אַ קלאַנג. איך טראַכט ביי זיך: זאָל איך עס גלויבן? זאָל עס מעגלעך זיין?... איך וויל עפֿענען דאָס מויל און רעדן אַ צוויי ווערטער צו זיך אַליין און זיך איבערצייגן, אַז איך חלום ניט, און איך האָב מורא פֿאַר דער ווירקלעכקייט... זאָג איך שטיל: מאַגולעסקאַ, און איך הער מיך. זאָג איך שוין העכער, מאַגולעסקאַ! און איך הער דייטלעך, אַז מיין שטימע האָט אַ קלאַנג, אָבער איך גלויב מיר נאָך אַלץ ניט...

„איך בין אויפֿגעשטאַנען פֿון דער באַנק, וואו איך בין אָפּגעזעסן צוויי יאָר אַ פּאָר שעה יעדן טאָג און געוואַרט, אַז די נאַטור זאָל קומען צו הילף — און האָב אָנגעהויבן צו גיין. וואו — האָב איך אַליין ניט געוואוסט. איך האָב מיך אַלע ווילע אָפּגעשטעלט און גערעדט צו זיך אַן איינציק וואָרט — מער האָב איך זיך ניט פֿאַרגונען... ענדלעך האָב איך אַרויסגערעדט: מאַגולעסקאַ, זאָל דאָס אמת זיין? ביסט צוריק לעבעדיק געוואָרן? ווען איך האָב געהערט דעם קלאַנג פֿון די ווערטער, האָב איך אָנגעהויבן לויפֿן אַהיים, ווי איינער, וועלכער איז פֿאַראורטיילט צום טויט, און פֿינף מינוט פֿאַר דער הינריכטונג באַפֿרייט מען אים. איך בין געלאָפֿן אַהיים צו מיין מאַלי און קינדער, זיי אָנזאָגן די בשורה. ווען איך בין אַריבער די שוועל פֿון מיין הויז, האָב איך אַ געשריי געטאָן 'מאַלי!' מיין פֿרוי איז געבליבן שטיין, ווי פֿאַרשטיינערט און מיך אָנגעקוקט. צוויי יאָר האָט זי ניט געהערט פֿון מיר איר נאָמען אַרויסרעדן. 'יאָ, יאָ, דאָס בין איך, מאַגולעסקאַ' — זאָג איך, — 'די נאַטור האָט זיך ענדלעך דערבאַרעמט און איך בין צוריק מאַגולעסקאַ'. מאַלי איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף מיר און מיר האָבן ביידע גע־ווײנט פֿאַר פֿרייד..."

„משה פֿון ביטשושטש" טענהט זיך אויס מיט מיר

אַ גרויסער ענו איז געווען אַט־דער גרויסער מאַגולעסקאַ. הגם דאָס איז אפֿשר ניט זייער פּראַקטיש, בפֿרט פֿאַר אַ קינסטלער. אַפֿילו די חכמים זאָגן, אַז אַ תּלמיד־חכם מעג האָבן אין זיך אַ מקצת הגאווה.

און האָבנדיק אָט־דעם הכשר, מעג איך זיך דערלויבן צו דערמאָנען, אַז אויך איך הקטן האָב געהאַט דערפֿאָלג אין דער ראָל פֿון „משה פֿון ביטשוטש" אין לאַטײנערס „דאָס ײדישע האַרץ". אָט טענהט צו מיר דער משה:

— פֿון מײן קאַמיש בערדל, וואָס איר, מ"ר יאַנג, האָט מיר צוגעקלעפּט, האָט מען װײניק געלאַכט? דאָס בערדל איז דאָך געװען קלאַסיש... װען אַ ײדישער רעזשיסער זאָגט צום אַקטיאָר, ער זאָל זיך אָנקלעפּן אַ ביטשור־טשער בערדל, װײסט שױן דער אַקטיאָר װאָס דער רעזשיסער מײנט... איך געדענק, מ"ר יאַנג — זאָגט ער װײטער — די געלעכטערס צװישן מיר און „סערקעלע" (בינע אַבראַמאָװיטש). הײנט, די סצענע, װי איך פֿאָר צוריק אַהײם קײן ביטשוטש אָן אַפּגעשמיסענער, אָן אַ כּלה, האָט זיך דאָרט װײניק אָפּגעטאָן צװישן פּובליקום?...

ענטפֿער איך אים אין מײן געדאַנק:

— איך װעל דיר זאָגן דעם אמת, משה. דעמאָלט האָב איך מורא געהאַט, איך זאָל ניט פֿאַרלירן מײנע דרײַ טױזנט דאָלער, װאָס איך האָב אַרײַנ־געלײגט אין „טהאַליאַ"־טעאַטער. האָב איך מיך נאַריש געמאַכט מיט דיר. איצט אָבער, װעסט מיר מוחל זײן, אַלטער פֿרײַנט, שעם איך זיך מיט דיר...

װען אַ ײד זאָגט צו מיר: מ"ר יאַנג, איך געדענק אײַך נאָך פֿון „ײדישן האַרץ", װען איר האָט געשפּילט משה פֿון ביטשוטש, — װער איך אין כּעס און װיל אים זאָגן: ר' ײד, נו, און פֿון „דעם זײגערמאַכער" אין די „ײדן" פֿון טשיריקאָװ; דעם אַרבעטער אָן אַ האַנט אין „די װעבער" פֿון הױפּטמאַן און דעם פֿױער „דימיטרי", װאָס ליגט אױפֿן פּעקעליק אין „די מאַכט פֿון פֿינצטערניש" פֿון טאָלסטאָי, פֿון „סימאָן לעגרי" אין „אָנקל טאָמס קעבין", דעם „מלאך" פֿון „גאָט אין טראָסט" פֿון לעאָן קאָברין און נאָך און נאָך, פֿון יענע ראָלן אין „פּיפּעלס"־טעאַטער געדענקט איר מיך ניט, ר' ײד?

אָט אַ פּנים, אַז פֿון זינט מען האָט געשפּילט „דאָס ײדישע האַרץ", איז דער דאָזיקער ײד אַלײן געבליבן דער זעלביקער משה...

די אַמאָליקע זונטיק־קאָנצערטן אין ײדישן טעאַטער

קײן געלט האָבן מיר מיט דעם „ײדישן האַרץ" ניט געמאַכט. די פּאָליציי האָט זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז מען נאַרט זי אָפּ, אַז מיר שפּילן פֿולשטענדיק טעאַטער זונטיק — װאָס איז געװען פֿאַרבאָטן.

אָבער דאָס יידישע טעאַטער האָט אָן די צוויי זונטיק־פאָרשטעלונגען, מאַטינע און אָוונט, ניט געקאָנט עקזיסטירן. האָבן מיר געשפּילט. דאָס הייסט — דער פּאָליציי־קעפּטן האָט אונדז געהייסן שפּילן. איז יעדן זונטיק געקומען אין טעאַטער אַ דעטעקטיוו, געוואַרט ביז נאָך דער פאָרשטעלונג און גע־פרעגט ביים מענעדזשמענט, וועמען פון די אַקטיאָרן אָדער אַקטריסעס, וואָס האָבן געשפּילט, זאָל ער אַרעסטירן. מיר פּלעגן הייסן אַרעסטירן די מער באַקאַנטע אַקטריסעס, ווייל אויף צומאָרגנס איז דאָס בילד פון דער אַרעסטירטער געווען אין די צייטונגען. און מיר פּלעגן דערנאָך מיט פאַר־געניגן באַצאָלן אַ געלט־שטראָף פון 25 דאָלער... מיר פּלעגן זיך אַפילו וויצלען וועגן דעם: איך שטיי מיט טשאַרלי ווייבלאָט און דעם דעטעקטיוו און וואַרט אויף קלאַראַן ביי איר גאַרדעראָב־צימער, זי זאָל אַרויסקומען און זיך לאָזן אַרעסטירן... טשאַרלי קלאַפּט אָן אין איר טיר: „מר״ס יאַנג, מאַכט עס שנעלער, אַז ניט וועלן מיר אַרעסטירן די לאָבעל...״

אַלע טעאַטערס האָבן זונטיק אָנגעהויבן צו שפּילן פּיעסן אין פראַק: מיר אין „טהאַליאַ״־טעאַטער האָבן געשפּילט „דאָס יידישע האַרץ״ אין פראַק; טאָמאַשעווסקי אין „פּיפּעלס״־טעאַטער פּלעגט שפּילן די „הוגענאָטן״, „האַמלעט״ אין פראַק; און ווען אַ דעטעקטיוו איז פּלוצלינג אָנגעקומען, ווען האַמלעט האָט גערעדט זיין מאָנאָלאָג „זיין אָדער ניט זיין״, האָט זיך האַמלעט געשטעלט זינגען „קום, קום ישראליקל אהיים״, כּדי דער דע־טעקטיוו זאָל קאָנען זאָגן, אַז ער האָט געהערט זינגען אַ קאָנצערט... דאָס פּובליקום האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ניט רעאַגירט דערויף — זיי זיינען שוין געווען געוואוינט דערצו. אָבער די איינבאַמעס זיי־נען געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז מען האָט אָנגעהויבן שפּילן אום זונטיק טאַקע בלויז קאָנצערטן.

די קאָנצערטן זיינען דעמאָלט באַשטאַנען אַממייסטן פון אַנסאַמבלען מיט לידלעך פון די געשפּילטע פּיעסן. זייער וויניק אַקטיאָרן זיינען דעמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט סאָלאָ־נומערן געזאַנג. נאָך וויניקער האָבן דעקלאַמירט אָדער פאָרגעלייענט. די אַקטיאָרן פון דער „עסטראַדע״ האָבן ניט געהערט צו דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן. ראָזענפעלדן, עדעלשטאַטן און אַנדערע פּאָעטן האָבן דעקלאַמירט דילעטאַנטן פון די דראַמאַטישע פאַראיינען. דאָס זיינען געווען די „וואָרט־קינסטלער״. קעסלער האָט געהאַט איין־איינציקע דעקלאַמאַציע — „דער בעל־עגלה״, אַדלער — „וועך לאַכט״, מאָשקאָוויטש האָט געהאַט צוויי זאַכן, וואָס גאָרדין האָט פאַר אים געשריבן: „בערל דלפונזאָן״ און „אַרונטער מיט די פּיאַטעס״. זיינען די זונטיק־קאָנצערטן געווען זייער אָרעם און די קאַסע נאָך אָרעמער... ענדלעך האָט

„טאַמעני האָל" ווידער צוגעמאַכט אַן אויג און מען האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן טעאַטער אום זונטיק.

ווען דער סעזאָן האָט געהאַלטן ביים ענדיקן זיך, האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי: „קלאַראַ, איך וועל מער ניט זיין אין טהאַליאַ־טעאַטער מיט קעסלערן. עס איז ניט דאָס, וואָס איך האָב מיר פאָרגעשטעלט... איך ווער אויס אַקטיאָר, און דערוויילל מאַך איך אַ לעבן אַלס אַקטיאָר, ניט אַלס מענע־דזשער. איך וועל זען, מען זאָל מיר אַרויסצאָלן דאָס געלט, וואָס איך האָב אַריינגעלייגט". קלאַראַן האָט עס ניט געשמעקט. זי האָט געשפּילט אַלע אינזשענו־ראָלן מיט קעסלערן, געהאַט גרויס דערפאָלג מיטן ליד „איך האָב עס דאָ און האָב עס דאָרט", וואָס מאַגולעסקאָ האָט פאַר איר אָנגעשריבן אין „יידישן האַרץ"; און ווען קעסלער האָט אויפגעפירט „די היימאַט" פון זודערמאַן, וואו ער האָט געשפּילט דעם פאָטער, אויבערלייטענאַנט שוואַרצע, האָט קלאַראַ געשפּילט „מערי".

אַגב, וויל איך באַמערקן, אַז קעסלער איז אין דער ראָל פון פאָטער געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך געקענט פאַרגלייכן מיט דעם גרויסן רוסישן שוישפּילער בראַוויטש; קעסלער איז געשטאַנען גלייך מיט אים, אויב ניט מיט אַ שטאָפּל העכער...

אַ דייטשער קריטיקער האָט דעמאָלט געשריבן: „איך בין געגאַנגען אין טהאַליאַ־טעאַטער זען דעם סטאַר דוד קעסלער און האָב דאָרט אַנט־דעקט צוויי נייע שטערן: מר"ס לאַבעל אַלס מאַגדאַ און קלאַראַ יאַנג אַלס איר שוועסטער מערי".

פאַרשטייט זיך, אַז קלאַראַ האָט זיך דערפילט דערהויבן און ניט גע־וואָלט אַוועק פון „טהאַליאַ"... ווען קלאַראַ האָט געהאַט דעם שרעקלעכן דורכפאַל אין „פּיפּעלס"־טעאַטער און געוואָלט פון דאָרטן אַוועקגיין, האָב איך דעמאָלט דערקלערט, אַז איך גיי מיט איר מיט... איצט האָט קלאַראַ געשוויגן... ענדלעך האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן און געזאָגט: „טו עס ניט, איך בעט דיך, בערנאַרד, מיר צוליב". און איך בין געבליבן.

אסתר רחל קאַמינסקי

אין דעם איינעם סעזאָן פון 1908—1909 האָט דער יונגער מאַקס ר. ווילנער זיך אויסגעלערנט די תורה אויף איין פוס, צו פאַרוואַלטן אַ יידישן טעאַטער, וואָס אַנדערע האָט עס גענומען יאָרן. ער האָט זיך אַפילו פאַר־מאָסטן צו גיין אין אַ „רעיס" (אַ געיעג) מיט דעם גרויסן, אַלטן יידישן טעאַטער־מענעדזשער יוסף עדעלשטיין, ווען דער לעצטער איז געפאָרן

קיין איראָפּע צו אַנגאַזשירן אַ נייע קראַפט פאַר זיין „פּיפּעלס"־טעאַטער.

די צייטונגען האָבן זייער פיל געשריבן וועגן יענעם „רעיס". דער „פאָרווערטס" האָט אַפילו געהאַט וועגן דעם געיעג אַ קאַרטון.

מיר זיינען יענעם סעזאָן געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַלע טעאַטערס. אַ קלייניקייט, אַ פּיעסע איז געגאַנגען דעם גאַנצן סעזאָן! יאָסעלע עדעל־שטיין, דער באַלעבאָס פון „פּיפּעלס"־טעאַטער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז זיין טעאַטער איז דאָס בעסט־באַצאָלטע פון אַלע, האָט זיך מתקנא געווען אין אונדז. ער האָט אויך געהאַט פאַרדרוס אויף מיר, וואָס איך האָב ביי אים אויסגעכאַפּט „דאָס יידישע האַרץ" פון לאַטיינערן.

אין אַ געוויסן טאָג, אום זומער פון סעזאָן 1909—10, איז יאָסעלע עדעלשטיין פאַרשוואונדן געוואָרן פון ניו־יאָרק. ווען ווילנער האָט זיך דערוואוסט, אַז טאָמאַשעווסקי האָט געשיקט עדעלשטיינען קיין איראָפּע צו ברענגען אַ געוויסן סטאַר פאַר זיין טעאַטער, איז ער מיט דער נאָענטס־טער שיף אויך אָפּגעפאָרן קיין איראָפּע, צו זען וועמען ער קאָן ברענגען פאַרן „טהאַליאַ"־טעאַטער. ווילנער האָט אין איראָפּע אונטערהאַנדלט מיט מישאַ פישזאָן און זיין פרוי. די פישזאָנס זיינען געווען אַן אַלט־באַקאַנטע טעאַטער־פירמע אין איראָפּע. אָבער ווען ווילנער האָט זיך דערוואוסט אין וואַרשע, אַז עדעלשטיין אונטערהאַנדלט מיט אסתּר רחל קאַמינסקי, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן אויך מיט דער קאַמינסקי און אָנגעפרעגט טעלעגראַפיש וועמען פון זיי ער זאָל אַנגאַזשירן. קעסלער האָט אים דעמאָלט געענטפערט טעלעגראַפיש:

„לאָז אָפּ די קאַמינסקי און ברענג מיר מ"ר און מר"ס פישזאָן".

אָבער ווילנער איז אַלץ ניט געווען זיכער ביי זיך און אויך אָנגעפרעגט טעלעגראַפיש ביי מיר.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען וואו דער טשוואָק ליגט: אַז קעסלער וויל ניט די קאַמינסקי, ווייל ער האָט מורא פאַר איר צו גרויסן דערפאָלג. און אפשר האָט ער ווייניק געוואוסט אָדער געלייענט וועגן איר, און פון אַברהם פישזאָנען האָט ער געהערט נאָך זייענדיק אין איראָפּע. סיי ווי, איך האָב ווילנערן געקייבלט: „אומבאַדינגט די קאַמינסקי"...

און וועמען, דענקט איר, ליבע לייענער, האָט ווילנער דעמאָלט גע־פאָלגט?

עס דערמאָנט אין דער גמרא: זי פרעגט, ווען דער טאַטע הייסט ברענ־גען אַ גלאָז וואַסער און אין דער זעלבער צייט די מאַמע — וועמען זאָל מען ברענגען פריער? עס איז דאָך אַ כיבוד אב ואם... די גמרא ענטפערט

וויציק: מען ברענגט אַ פּוילן עמער וואַסער און מען גיט זיי ביידן זיך אָנצוטרינקען.

ווילנער האָט געבראַכט די קאַמינסקי און די פּישזאַנס פֿאַר אונדזער „טהאַליאַ״־טעאַטער.

אַ קאַרטון אין „פֿאָרווערטס״ האָט דעמאָלט פֿאַרגעשטעלט, ווי די קאַמינסקי לויפֿט און עדעלשטיין און ווילנער לויפֿן איר נאָך זי צו כאַפּן; עדעלשטיין פֿאַלט אין מיטן וועג און ווילנער פֿירט אַריין מיט טריאומף די קאַמינסקי אין „טהאַליאַ״־טעאַטער.

עדעלשטיין האָט זיך געשעמט פֿאַר דער טעאַטער־פּראָפֿעסיע, וואָס אַזאַ יונגערמאַן ווי ווילנער, וואָס איז ערשט אַ יאָר ביים טעאַטער, האָט זי געקענט ביי אים אויסכאַפּן, בפֿרט אַז אין די ניו־יאָרקער צייטונגען איז שוין געווען געמאָלדן, אַז עדעלשטיין ברענגט אסתּר רחל קאַמינסקי פֿאַרן „פּיפּעלס״־טעאַטער. איבערהויפּט האָט זיך עדעלשטיין געשעמט פֿאַר זיין שותּף באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט איצט געזוכט פּטור צו ווערן פֿון עדעלשטיינען, אַזוי ווי פֿון אַדלערן.

*

די קאַמינסקי איז אויפֿגעטראָטן אין „טהאַליאַ״־טעאַטער אין גאָרדינס רעפּערטואַר: אַלס „עטעניו״ אין „קרייצער סאָנאַטע״, אין „סאַפֿאָ״ און אין דער „וואָרהייט״, — אין אַלע ראָלן, וואָס די פֿרוי קאַליש האָט געשפּילט. זי איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פֿערציק און איר פֿיגור האָט זי געמאַכט אויסזען נאָך עלטער.

די צייטונגען האָבן זייער פֿיל געשריבן איבער אסתּר רחל קאַמינסקי. אַב. קאַהאַן האָט אַ סך „קאָלומס״ איר געווידמעט. כאַראַקטעריסטיש איז, ווי בלינד די מאַסן זיינען דעמאָלט קאַהאַנען נאָכגעגאַנגען... קאַהאַן האָט געשריבן: „ווען די קאַמינסקי שפּילט אַ יידענע, זעט מען פֿאַר זיך אויף דער בינע די בערדיטשעווער יידענע״. מיר האָבן איינמאָל געשטעלט „תּחית המתים״ („רעזורעקשאַן״) פֿון טאָלסטאָי פֿאַר אַ סאָסייעטי־בענעפֿיט. די קאַמינסקי האָט געשפּילט די עכט־רוסישע כאַראַקטער־פֿרוי „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ״. ווען איך בין נאָך יענער פֿאָרשטעלונג אַרויס פֿון טעאַטער מיטן פּובליקום, האָב איך געהערט, ווי אַ פֿרוי זאָגט גאַנץ ערנסט: — אַב. קאַהאַן האָט רעכט, מען זעט אין איר באַשיינפּערלעך די באַרדיטשעווער יידענע...

דער אונטערשייד צווישן די צוויי אַקטריסעס, אסתּר רחל קאַמינסקי און בערטאַ קאַליש (אויב מען קאָן אַזוי אונטערשיידן), איז געווען ווי דער

אונטערשייד פֿון דער דוזע און סאַראַ בערנאַרד. דוזע איז געווען די נאַטירלעכסטע גרויסע אַקטריסע צו יענער צייט; זי האָט געריהרט הערצער מיט איר איינפֿאַכקייט, מיט איר נאַטירלעכקייט. דאַקעגן בערנאַרד — מיט איר ראָמאַנטישקייט, מיט דעם אידעלן אויסזען, מיט איר שיין רעדן, מיט איר אויפֿברויזנדיקן טעמפּעראַמענט.ביידע האָבן געהאַט דעם געטלעכן אַרטיסטישן פֿלאַם אין האַרצן, נאָר די דוזע האָט גענומען די באַגייסטערונג, דעם פֿלאַם פֿון דעם נאַטירלעכן פֿייער פֿון לעבן. און ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט דאָס פֿייער אָנגעהויבן זיך צו לעשן. בערנאַרד האָט אָבער גענומען איר פֿייער פֿון דער אייביקער זון, און דאָס האָט ביי איר אָנגעהאַלטן ביז זי איז אַליין אויסגעלאָשן געוואָרן... די קאַמינסקי איז געווען די יידישע דוזע, און ביי די מאַסן האָט פרוי קאַליש־סאַראַ בערנאַרד געהאַט מער דערפֿאָלג אין די ראָלן.

מ״ר און מר״ס פּישזאָן (זאַסלאַווסקאַיאַ) זיינען אויפֿגעטראַטן אין שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה״. מ״ר פּישזאָן אַלס דער יונגער אַלפֿאָנס שלמה, די זאַסלאַווסקאַיאַ אַלס מאַנקע. ביידע האָבן זיך געפֿילט אומבאַקוועם צו שפּילן מיט קעסלערן... און נאָך אינמיטן סעזאָן זיינען זיי אָפּגעפֿאָרן פֿון אַמעריקע.

אָבער דאָ האָט זיך אונטערגערוקט דער טעאַטער־אַגענט עדווין רעלקין. געקומען אַ יינגל פֿון שיקאַגאָ, האָט ער אַן ערך פֿון איבער פּערציק יאָר אָנגעפֿירט מיט די ניו־יאָרקער יידישע טרופּעס, וועלכע פֿאָרן איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע און שפּילן אויף דער פּראָווינץ, און אַפֿילו אין איירעפּע. און דער וואונדער דערפֿון איז, וואָס ער פֿירט זיינע געשעפֿטן, וועלכע דערגרייכן אין די צענדליקער טויזנטער דאָלאַר, אָן אַן אָפֿיס, אָן אַ סעקרעטאַר און אָן אַ טעלעפֿאָן... אָט דער ניו־יאָרקער טעאַטראַל, דער „וואָקי־טאָקי״, האָט באַלד דערשמעקט, אַז מיט דער קאַמינסקי קען ער מאַכן אַ סך געלט אויף דער פּראָווינץ, ווייל די צייטונגען אין ניו־יאָרק האָבן זייער פֿיל געשריבן וועגן איר. איז ער געקומען צו ווילנערן, ער זאָל באַפֿרייען די קאַמינסקי. קעסלער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער וועט אויף דעם אופֿן איינשפּאָרן צוויי הונדערט און פֿופֿציק דאָלאַר אַ וואָך. אָבער רעלקין האָט דעמאָלט ביי דער אונטערנעמונג אויף דער פּראָווינץ, וואו קאַמינסקי האָט געשפּילט, אין גאָר אַ קורצער צייט פֿאַרדינט פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלאַר...

רעלקין האָט די קאַמינסקי אויך פֿאַרדונגען צום מענעדזשער מ. מינץ אויף פֿינף פֿאָרשטעלונגען צו שפּילן „מירעלע אפרת״ פֿון יעקב גאָרדין. מינץ איז געווען דער מאַן פֿון דער באַרימטער יידישער אַקטריסע

קעני ליפּצין. און זי איז געװוען פאַר אים זײן גאָט, װען זי האָט זיך געפונען אויף דער בינע. זי איז באמת געװוען גאָר אַ גרויסע קראַפט בײם יידישן טעאַטער: זייער טעמפּעראַמענטפול — פאַרמאָגט אַ װאולקאַן מיט פייער אויף דער בינע — מיט אַ קרעפטיקער שטים פאַר דראַמאַטישע ראָלן. זי איז אָבער געװוען אומװויסנד און צו מעלאָדראַמאַטיש. באַזונדערס באַרימט איז זי געװוען אין דער ראָל פון „מירעלע אפרת״, װאָס גאָרדין האָט ספּעציעל פאַר איר געשריבן. די קאַמינסקי װידער האָט אין דער ראָל פון „מירעלע אפרת״ געמאַכט אַ גרויסן פוראָר אין אייראָפּע.

װען מינץ האָט געדונגען די קאַמינסקי אויף די פינף פאָרשטעלונגען, פאַר זײן ליפּצין־טעאַטער, האָט ער אין זינען געהאַט, אַז ער װעט מיט איין קלאַפּ כאַפּן צװיי האָזן: ערשטנס װעט ער מאַכן געלט מיט דער קאַ־מינסקי, און צװייטנס װעט ער װייזן דעם פּובליקום, אַז די קאַמינסקי קאָן זיך גאַרניט פאַרגלייכן צו זײן פרוי קעני ליפּצין אין דער ראָל פון „מירעלע אפרת״... אָבער מינץ האָט נאָר געכאַפּט איין האָז און דער צװייטער האָט זיך אַרויסגעגליטשט אים פון דער האַנט. בײ דעם אינטעליגענטן עולם האָט די קאַמינסקי געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אין דער ראָל פון „מירעלע אפרת״ מיט איר נאַטירלעכן שפּילן, איינפאַכקייט, אָן דעקלאַמאַציע, אָן דעם פּאָמפּ, װאָס עס האָט זיך געפילט אין דער ליפּצינס „מירעלע אפרת״.

אַברהם שאָמערס קאָמעדיע „די אָלרייטניקעס״

פאָלגנדיקע פּיעסן האָבן מיר אויפגעפירט אין „טהאַליאַ״־טעאַטער דעם צװייטן סעזאָן: „די אָלרייטניקעס״ פון אַברהם שאָמער; „מוטערס זינד״ פון ד״ר אַ. שניצער; „יענקל דער שמיד״ פון דוד פּינסקי; מאַלנאַרס „טייפל״; „סאַנין״ פון אַרציבאַשעװ.

אינטערעסאַנטע געשעענישן זײנען פאָרגעקומען אַרום שאָמערס פּיעסע „די אָלרייטניקעס״:

שאָמער האָט פאַר אונדז — קעסלער, װילנער און איך — געלייענט בײ זיך אין הויז זײן פּיעסע „די אָלרייטניקעס״. װילנער האָט זיך אינטערעסירט צו הערן פאָרלייענען יעדע פּיעסע, װאָס אַלטע, געניטע מענעדזשערס האָבן עס ניט געטאָן. װען שמ״ר האָט געענדיקט לייענען דעם ערשטן אַקט, האָט קעסלער זיך אויפגעהויבן פון בענקל, געטאָן אַ טיפן זיפץ און געװאָלט פאַרלאָזן שאָמערס הויז. שאָמער איז אים פאַרלאָפן דעם װעג, פאַרשלאָסן די טיר, אַרויסגענומען דעם שליסל און געזאָגט:

— מ״ר קעסלער, ביז איר װעט ניט אויסהערן מײן פּיעסע ביז דער

לעצטער שורה, וועט מיין טיר זיין פאַרשלאָסן פאַר אייך און איר וועט ניט קענען אַרויסגיין.

קעסלער, ניט האָבנדיק קיין ברירה, האָט זיך לאַכנדיק צוריק אַוועק־געזעצט.

איך ווייס ניט אויב קעסלער האָט געהערט וואָס שאָמער האָט געלייענט; ער האָט געהאַלטן אין איין דרייען זיך אויפן בענקל. אָבער ווילנערן איז די קאָמעדיע „די אַלרייטניקעס" יאָ געפעלן געוואָרן, און ער האָט כמעט געצוואונגען קעסלערן די פּיעסע אויפצופירן.

נאָך דער פּרעמיערע זיינען מיר געוואָרן זיכער, אַז די פּיעסע איז שטאַרק דורכגעפאַלן און אַז קעסלער האָט געהאַט רעכט, וואָס ער האָט געוואָלט אַוועקגיין פון דער פאָרלעזונג. נאָך אַלעמען איז דאָס ניט קיין פּיעסע פאַרן גרויסן עולם, ווייל עס איז אַ קאָמעדיע, און דאָס פּובליקום האָט ליב אַ קאָמעדיע געמישט מיט דראַמע, אַזוי ווי „דאָס יידישע האַרץ". אמת, די קאָמעדיע „די אַלרייטניקעס" באַשטייט ניט פון לויטער וויצן; האָט אויך סיטואַציעס, אָבער עס פעלט אין איר דראַמע. און קאָמעדיעס זיינען צו יענער צייט געווען אַ שטיפקינד אין יידישן טעאַטער. מען האָט דערצויגן דאָס יידישע פּובליקום אויף היסטאָריש־דראַמאַטישע אָפּערעס, וועלכע זיינען געווען באַשפּרינקלט מיט הומאָר, ווי עסנוואַרג מיט זאַלץ, בלויז צום טעם. אין דער דעמאָלטדיקער מעלאָדראַמע איז די קאָמעדיע געווען ווי אַ ביי־זאַך און האָט זיך מערסטנטייל אַפילו ניט אָנגעקערט מיט דער סיטואַציע און מיטן סוזשעט פון דער פּיעסע. אַ פּיעסע פון לויטער קאָמעדיע — צו דעם זיינען דעמאָלט אַפילו די אַקטיאָרן אַליין ניט געווען צוגעגרייט (גאָלדפאַדנס קאָמעדיעס דאַרף מען ניט רעכענען). געדענק איך דאָך ווי י. פּ. אַדלער האָט באַלד ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג געמוזט אַראָפּנעמען גאָרדינס קאָמעדיע „דער פּרנס חודש", וואָס ער האָט אויפגעפירט אין 1894.

קורץ, מיר האָבן באַשלאָסן אַרונטערצונעמען „די אַלרייטניקעס" און קאָמענדיקע וואָך שפּילן רעפּערטואַר: „גאָט, מענטש און טייוול", „קרייצער סאָנאַטע" אאַז"וו.

מיר זיינען געזעסן אין קאַפּע־ראַיאַל, ווען דער דרוקער, מ"ר ליפשיץ, האָט אונדז געבראַכט דעם אַפיש צו קאָרעגירן.

עס איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז קאַפּע־ראַיאַל עקזיסטירט שוין אַ פערציק יאָר (פריער אונטער אַן אַנדערן נאָמען). דעמאָלט האָבן נאָר געציילטע אַקטיאָרן באַזוכט דעם פּלאַץ. קאַפּע־ראַיאַל איז שוין דער פינפטער פּלאַץ, וואָס אַקטיאָרן האָבן געמאַכט פאַר זייער צוזאַמענקונפט־אָרט. ווי איך געדענק, איז דער ערשטער פּלאַץ געווען „בוימס קאַפּע", אויף ברום סטריט;

דערנאָך שרייבערס „מאַרקיז", אויף גרענד און עק פּאַרסאַיט; „שטאַרקס קאַפּע", סעקאַנד עוועניו און האָוסטאָן סטריט; „מאָנאָפּאָל", ניינטע סטריט און איצט האַלטן מיר נאָך ביי קאַפּע־ראָיאַל, אויף סעקאַנד עוועניו און עק 12טע סטריט.

אַגב, קאַפּע־ראָיאַל איז אַזוי באַקאַנט, אַז מען האָט געשפּילט אויף בראָדוויי אַ פּיעסע מיטן נאָמען „קאַפּע קראַון", (ראָיאַל).

ווילנער און איך קוקן־איבער דעם אַפּיש, און אַברהם שאָמער, וועלכער איז אויך געווען אין קאַפּע, איז צוגעקומען צו אונדז. באַמערקנדיק דעם אַפּיש, און גלויבנדיק, אַז דאָס האָבן מיר אַרויסגעלאָזט אַ פּרישן „פּאָוסטער" פאַר זיין פּיעסע, גיט ער צו אונדז אַ זאָג מיט באַגייסטערונג: „איר וועט זען, מיין פּיעסע 'די אַלרייטניקעס' וועט גיין און גיין! זאָל קעסלער זיך נאָר איינשפּילן". ווילנער און איך האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל.

ווען שאָמער האָט באַמערקט אויפן אַפּיש „גאָט, מענטש און טייוול", האָט ער ביי מיר אַרויסגעכאַפּט דעם אַפּיש און גענומען שרייען ווי אַ מאַמע, וואָס זעט, ווי מען גייט באַגראָבן איר לעבעדיק קינד:

— ניין, איר וועט מיינע „אַלרייטניקעס" ניט אַרונטערנעמען! איך פאַרזיכער אייך, אַז די פּיעסע וועט האָבן גרויס דערפאָלג. פּראָוווט נאָך אַ וואָך — האָט ער ביי אונדז געבעטן.

שאָמער האָט איבער אונדז אַזוי לאַנג גערעדט, אַז מיר האָבן זיך אונ־טערגעגעבן, און מיר האָבן געמאַכט אַ צווייטן אַפּיש מיט „די אַלרייט־ניקעס"...

אויף דער צווייטער וואָך האָט די פּיעסע באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. די געלעכטערס פון מאָגולעסקאָ אין דער סצענע אויפן מיטינג פון דער חברה אנשי שמאַרדאָווע זיינען געווען אומגעהויער גרויס. מען האָט אויך שטאַרק געלאַכט ביי קעסלערס סצענעס, ביי מיין „ספּיטש" אויפן מי־טינג, און ביי דער סצענע פון אַקטיאָר גרשון רובין, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פּרעסער. ווען ער האָט געהאַלטן זיין פּרעסערישע רעדע אויפן מיטינג, זיינען ביי יעדן וואָרט און שפּיל די געלעכטערס און קולות פון פּובליקום געווען אומגעהויער. אַפילו מיר, די אַקטיאָרן, האָבן זיך ניט געקענט באַהערשן און האָבן מיטגעלאַכט מיטן פּובליקום פון רובינס רעדע. קורץ, די פּיעסע „אַלרייטניקעס" איז געווען איין שטיק געלעכטער. וואָס מער מיר האָבן די פּיעסע געשפּילט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער דערפאָלג; די קאַסע האָט מיט יעדער נאַכט אַלץ מער איינגענומען, און מיר האָבן זי געשפּילט אַ צען־צוועלף וואָכן.

„די אַלרייטניקעס" איז, דאַכט מיר, די ערשטע ריינע יידישע קאָמעדיע

פֿון אַמעריקאַנער יידישן לעבן, וואָס האָט געהאַט דערפֿאָלג אויף דער יידישער בינע, און דאָס נאָר אַדאַנק דעם אויטאָר, וואָס האָט געגלויבט אין זיין ווערק.

דוד קעסלער

ווען דוד קעסלערן איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן. אייניקע האָבן אים באַצייכנט ווי „אַ נאַטור־מענטש“, אַנדערע ווי אַ „רויען טאַלאַנט“... איך וואָלט צוגעגעבן: „אַ ניט־געשליפֿענער דימענט“ אויף דער בינע, און אַ שטיק „עמך“־מענטש — אָן אַ פּאָר מעלות פֿון עמך... זיין „דאַרלינג־וויב“ פֿלעגט אים צוימען, ווי מען צוימט אַ לייב... אין טעאַטער־לעבן, אויף דער בינע, איז ער געווען פֿולשטענדיקער באַלעבאָס איבער זיך, און האָט געהאַנדלט ווי זיין אינסטינקט האָט אים דיקטירט.

עס איז קיין ספֿק ניט, אַז ווען אַן אַקטיאָר שפּילט אַפֿילו צום פֿופֿציקסטן מאָל אַ ראָל, קען דער רעזשיסער נאָך אַלץ אויף עפּעס אים אויפֿמערקזאַם מאַכן. אַ קולטורעלער רעזשיסער וועט עס אָבער קיינמאָל ניט טאָן, ווען ער איז מיט אים אויף דער בינע, אָדער בעת דער פֿאָרשטעלונג, כדי דער אַקטיאָר זאָל ניט ווערן צעטומלט און זיך ניט אָראָפּשלאָגן פֿון מוט. ווען די פֿאָרשטעלונג איז געענדיקט, וועט דער רעזשיסער אים אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף די פֿעלערן, און דער אַקטיאָר וועט אים דאַנקבאַר זיין...

דער באַקאַנטער רעזשיסער מיכל ווייכערט האָט אַמאָל געזאָגט: — איך ראַנגל זיך מיט מיינע אַקטיאָרן ביי פּראָבע, ווי יעקב אָבינו האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך, ביז ער איז אים בייגעקומען; דערנאָך האָט דער מלאך יעקבן געבענטשט... דוד קעסלער האָט זיך געראַנגלט מיטן אַקטיאָר, אָבער דער אַקטיאָר האָט אים פֿאַר דעם ניט געבענטשט... אפֿנים צו זיין אַ דזשענטלמען איז פּונקט אַזוי שווער ווי צו זיין אַ גרויסער אַקטיאָר. איך גלויב קוים, צי ס'איז דאָ איין אַקטיאָר (אַריינרעכנענדיק דעם גרויסן יעקב פּ. אַדלער און באָריס טאָמאַשעווסקי), מיט וועלכן קעסלער האָט געשפּילט, אַז קעסלער זאָל אים ניט האָבן געמאַכט באַמערקונגען אויף דער אָפֿענער סצענע... אַן אויסנאַם איז ביי אים אפֿשר געווען זיגמונט מאָגולעסקאָ.

די הויפּט־סיבה איז געווען וואָס קעסלער האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן אויף דער בינע קיין טענער, וועלכע האָבן ניט געקלונגען נאַטירלעך... ווען מאַשקאָוויטש איז צוריקגעקומען פֿון לאָנדאָן, וואו ער איז שוין געווען דער גרויסער ענגלישער סטאַר, און האָט גאַסטראָלירט מיט קעסלערן אין

אַ פּאָר ראָלן, האָט קעסלער אויף דער בינע אַ זאָג געטאָן: — הערט נאָר די טענערלעך, וואָס ער האָט געבראַכט פון דעם פּרינץ אָוו וועילס (דער פּרינץ אָוו וועילס איז אַנוועזנד געווען, ווען מאַשקאָוויטש האָט געשפּילט שיילאָק). בעת י. פּ. אַדלער האָט געשפּילט מיט קעסלערן אין גאַרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", האָט קעסלער צו אים אַ זאָג געטאָן אויף דער בינע: „הערט אויף צו מאַכן קינצעלעך — שפּילט טעאַטער"...

ווען איך האָב דערהערט פון קעסלערן די ערשטע באַמערקונג אויף דער בינע, האָב איך מיך ניט ווויסנדיק געמאַכט; ווען איך האָב דאָס דערהערט אין אַ צווייטער פּיעסע, טראַכט איך ביי זיך, ווי מאַגולעסקאָס ווערטל איז געגאַנגען: „אײַ, שלעכט"...

איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איך וועל דאַרפן זיך צעקריגן מיט קעסלערן און דאָס געשעפט וועט דערפון ליידן, האָב איך בעסער באַשלאָסן וואָס ווייניקער שפּילן צוזאַמען מיט אים. און אַזוי בין איך באַלד געוואָרן מער מענעדזשער ווי אַקטיאָר.

איך האָב אָבער פּאָרט געמוזט מיט אים שפּילן אין איניקע פּיעסן. אין דער פּיעסע „דער מוטערס זינד" האָב איך געשפּילט אַ רב פון אַכציק יאָר. דער קאָמפּאָזיטאָר ברוידי האָט פאַר מיר געשריבן אַ „ווידוי", צו זינגען, ווען איך שטאַרב, זיצנדיק אין אַ שטול.

איך האַלט, אַז ביי אַ פּראָבע דאַרף אַן אַקטיאָר זיך פאָרשטעלן, אַז ער זעט פאַר זיך אַ פּובליקום און ביי דער פאָרשטעלונג דאַרף ער פאַרגעסן אין פּובליקום. האָב איך ביי פּראָבע געזונגען די „ווידוי" און „געשטאָרבן" פּונקט ווי איך דאַרף שפּילן ביינאַכט ביי אַ פאָרשטעלונג.

דער רעזשיסער דוד קעסלער האָט זיך צוגעקוקט, ווי איך מאַך די סצענע. ווען איך האָב געענדיקט, זאָגט קעסלער צו מיר: „נאָ גוד" (ניט גוט), מ"ר יאַנג. זאָג איך צו אים: „אַדרבה, שאָו מי דהי וועי" (ווייז מיר ווי אַזוי), ווי זיין ווערטל פלעגט זיין. און קעסלער זעצט זיך אַוועק, און זינגט און שפּילט אָפּ מיין גאַנצע סצענע, אַ־לאַ דוד קעסלער. אָפּגעמאַכט די סצע־נע, זאָגט ער צו מיר: „נאָו אַי'ל שאָו יו האָו יו דו איט" (איצט וועל איך אייך ווייזן ווי איר מאַכט עס; קעסלער פלעגט אין לעבן רעדן נאָר ענגליש). קעסלערן פלעגט מען רופן „די מאָנקי" (די מאַלפּע), ווייל ער פלעגט קענען קאָפּירן, נאָכמאַכן יעדן מענטשן... און קעסלער מאַכט איבער די גאַנצע סצענע מיטן זינגען, מיטן כאָרכלען מיטן האַלדז, ווי אַזוי איך בין געשטאָרבן. ווען קעסלער האָט געענדיקט, זאָג איך אים:

— איז דאָס מעגלעך, מ"ר קעסלער, אַז איך האָב אַזוי געזונגען און בין אַזוי געשטאָרבן, ווי איר האָט מיך איצט קאָפּירט?

— שור, זאָגט קעסלער — טאַטש אָון טאַטש [פּונקט אַזוי].

— ניין, — זאָג איך צו אים נאָכאַמאָל, — איך קאָן עס ניט גלויבן.

— פרעגט די אַקטיאָרן, — זאָגט ער.

זאָג איך שוין אַ באַגייסטערטער:

— מיסטער קעסלער! אויב איך האָב געמאַכט פּראָבע ווי איר האָט מיך קאָפּירט, בין איך אַ גרויסער אַקטיאָר! אַ קעסלער! דאָס, וואָס איר האָט מיר פאָריער געוויזן, טויג נישט, מיסטער קעסלער! אַזוי זענט איר געשטאָרבן אין דער פּיעסע „חורבן ירושלים" אין דער ראָל פון העלד „חלקיהו", וואָס איך האָב אַייך געזען שפּילן מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק! אָבער ווי איר האָט מיך קאָפּירט — אַזוי וויל איך ביינאַכט ביי דער פאָרשטעלונג שפּילן...

קעסלער האָט ברייט געעפנט זיינע קאַצישע אויגן, לאַנג אויף מיר געקוקט מיט דערשטוינונג, און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זיך פאַנאַנדערגע־לאַכט...

און אָט איז אַ סצענקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער בינע, ווען קעסלער האָט געשפּילט „אוריאל אַקאָסטאַ". מ"ר שנייער האָט געשפּילט בן יוחאי, יהודיתעס חתן. אין לעצטן אַקט זאָגט מען אָן דעם חתן, אַז יהודית האָט זיך פאַרסמט ביי דער חופּה. בן יוחאי לויפט אַרויף אויף דער בינע און געפינט זיין כּלה טויט. קעסלער איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און זיך צוגעקוקט צו שנייערס סצענע. ווען דער פאָרהאַנג איז אַרונטער אין לעצטן אַקט, זאָגט קעסלער צו שנייערן מיט אַ טאָן פון מיטלייד: — מ"ר שנייער, איך האָב אייך עפּעס צו זאָגן, איר זאָלט ניט ווערן אויפגערעגט, ע... — און ער צעגערט דערביי. — אייער פרוי, ע..., שרעקט זיך ניט, עס איז חלילה ניט געפערלעך. אייער פרוי...

שנייער ווערט פאַרצווייפלט און פול מיט שרעק שרייט ער: „זאָגט, מ"ר קעסלער, וואָס איז געשען מיט מיין פרוי?!" — און קעסלער מאַכט צו אים: — דו פּורצע, דו, פאַרוואָס ביסטו ניט געווען אַזוי פאַרצווייפלט און מיט אַזוי פיל שרעק, ווען מען האָט דיר אָנגעזאָגט, אַז דיין כּלה יהודית האָט זיך פאַרסמט?...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי קעסלערס אַן אָנשטעל. די אַקטיאָרן האָבן זיך צעלאַכט און געקלאַפּט בראַוואָ קעסלערן... שנייער אַליין האָט געדריקט די האַנט קעסלערן און געזאָגט: „מ"ר קעסלער, איר זענט אַ וואונדער".

דוד פּינסקיס „יענקל דער שמיד"

ווען דוד פּינסקי האָט אין דעם סעזאָן 1909־1910 פאַר אונדז פאַר־געלייענט זיין „יענקל דער שמיד", האָבן מיר געזאָגט, אַז דוד קעסלער וועט דאָ האָבן אַ ראָלע, וואָס וועט זיין נאָך אַ בלום אין זיין בוקעט, צווישן וועלכע עס געפינען זיך: רפאל פרידלענדער, יענקל שאַבשאָוויטש, לייטענאַנט שוואַרצע (פון „היימאַט"), שפּעטער אַלס דער מיליאָנער (פון „געקויפט און באַצאָלט"), שלמה שאַרלאַטאַן און נאָך אַזעלכע ראָלן. אָבער צי די פּיעסע אַליין, פאַר זיך, וועט זיין אַ דערפאָלג, אין דעם איז קיינער ניט געווען זיכער. אַפילו קעסלער אויך ניט.

פּינסקי האָט פאַרלאַנגט פאַר „יענקל דער שמיד" טויזנט דאָלער. מיר האָבן אים פאַרגעשלאָגן, ער זאָל אונדז געבן די פּיעסע אויף „האָנאָראַר", מיר וועלן אים צאָלן 25 דאָלער פאַר יעדער נאַכט, וואָס מיר וועלן די פּיעסע שפּילן. פּינסקי האָט עס צוריקגעוויזן. פאַראינטערעסירט זיינען מיר געווען זייער שטאַרק צו קריגן די פּיעסע פאַר אונדזער „טהאַליא"־טעאַטער, אָבער מיר האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אויסצוגלייכן מיט פּינסקין.

נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָב איך זיך אָנגערופן צו פּינסקין:

— אויב איר ווילט ניט געבן די פּיעסע אויף „ראָיאַלטיס", איז אַ סימן, אַז איר אַליין, דער פאַרפאַסער פון אייער אייגן ווערק, זייט ניט זיכער מיט איר. און אַז איר אַליין האָט ניט קיין צוטרוי צו דער פּיעסע, ווי אַזוי זאָלן מיר ריזיקירן מיט טויזנט דאָלער?

איך געדענק ניט באַשטימט אויף וויפל — צי 750 דאָלער אָדער נאָר 550 דאָלער — אָבער מיר האָבן זיך מיט פּינסקין אויסגעגלייכט.

קעסלער האָט זיך גענומען צו די פּראָבן פון „יענקל דער שמיד" מיט גרויס ענערגיע. מען האָט אויף אים ביי פּראָבע ניט געדאַרפט וואַרטן...

מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט די ראָל פון דעם שלומיאל, רבקהס מאַן, און זיך געמאַכט אַ געלעכטערל, וואָס האָט געהאַט אַלע חנען. ער איז געווען זיס אין דער ניט־גרויסער ראָלע. די קאַמינסקי האָט געשפּילט אַלס טאַמאַראַ און מר"ס שנייער — רבקהן. אין דער סצענע פון דער קוזשניע, ווען רבקה וויל געווינען יענקלען פאַר זיך און פאַרקאַטשעט די אַרבל, און יענקל דערזעט אירע שניי־ווייסע בריסטן, ווערט ער אַזוי אויפגערעגט און פאַר־ציטערט, אַז פון גרויס ליידנשאַפט גראָבט ער איין זיינע ציין אין איר קערפּער און גיט איר אַ ביס.

די דאָזיקע סצענע האָט זיך זייער שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון פון די צושויער.

לואיס היימאַן האָט געשפּילט דעם פּעטער, און איך האָב געשפּילט די ראָל פֿון דעם בעל־עגלה שמחה, מיט מר"ס נאַדאָלסקי אַלס מיין ווייב.

די פּיעסע „יענקל דער שמיד" האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג ביי דעם אינטעליגענטן מענטשן, פּונקט ווי ביי די מאַסן. און קעסלער אַלס „יענקל דער שמיד" האָט אַריינגעשטעלט נאָך אַ בלום אין בוקעט פֿון זיינע בעסטע ראָלן. ער איז אויסגעוואַקסן אויפֿן לאַטיינער־הורוויץ־באָדן, אָבער קינסט־לעריש האָט ער זיך אַנטוויקלט אין דער גאָלדענער עפּאָכע פֿון יעקב גאָרדין.

איך געדענק ניט ווי אַזוי קאַהאַנס קריטיק אין „פֿאָרווערטס" איז געווען, אָבער איך געדענק ווי איך האָב קאַהאַנען באַגעגנט אין אַ „סטריט־קאַר" (טראַמוויי) און ער האָט פֿאַר מיר אַרויסגעזאָגט זיין קריטיק איבער „יענקל דער שמיד". איניקע זאַכן זיינען אים אין דער פּיעסע ניט געפֿעלן געוואָרן. וועגן מיין שפּילן שמחה בעל־עגלה האָט ער מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

די פּיעסע איז בלויז יענעם סעזאָן אַליין געגאַנגען אַ מאָל זעכציק, און ווען פּינסקי וואָלט דעמאָלט געווען האָבן אַ ביסל מער גלויבן אין „יענקלען", וואָלט „יענקל" אים געווען געגעבן אַ סך מער געלט וויפֿל ער האָט פֿאַר אים גענומען.

אַ שטרייק אין „טהאַליאַ"־טעאַטער

אין יענער צייט האָבן מיר נאָך ניט געהאַט קיין „סי־איי־אָ" און ניט קיין „לייבאָר באָרד" און מען האָט דעמאָלט ניט גערעדט פֿון קיין 30־טאָגיקן „קולינג־אָף" (ביידע צדדים זאָלן זיך „אָפּקילן"). מען האָט פּשוט גענומען און געשטרייקט.

אין אַ געוויסן אָוונט איז געווען אַנאָנסירט פֿאַר אַ בענעפֿיט־פֿאָר־שטעלונג גאָרדינס „די געברידער לוריע". קעסלער אַלס גדליה לוריע. איך האָב געדאַרפֿט שפּילן זיין ברודער, דעם מילנער טוביה. אָבער די „סאָסייעטי" האָט געפּונען פֿאַר נויטיק נאָר קעסלערן אַליין צו אַנאָנסירן (אָפּילו ניט מאַגולעסקאָן אַלס רב). האָב איך נישט געוואָלט שפּילן דעם אָוונט, אָבער איך האָב מיך איבערגעבעטן און בין געקומען שפּילן. ווען דער עולם איז געזעסן אין טעאַטער, און מיר אַלע זיינען שוין געווען גרי־מירט און אָנגעטאָן, לאָזט מען אונדז פּלוצים וויסן, אַז די מוזיקער וועלן ניט אַריינגיין אין „פּיט" שפּילן די פֿאָרשטעלונג, ביז אַ געוויסער פּונקט אין זייער קאָנטראַקט וועט ניט אונטערגעשריבן ווערן. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עס געווען דער פּונקט פֿון צאָלן פֿאַר „עקסטרע

מאַטינעס". זיי האָבן געקראָגן געצאָלט פֿון דער וואָך, ניט פֿון דער פֿאָר־שטעלונג.

מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. און דאָ איז צוגעקומען אַ קאָ־מיטעט פֿון די בילעטערן, וועלכע האָבן אויך געפֿאָדערט, אַז מען זאָל זיי עפּעס אונטערשרייבן. קעסלער האָט צו זיי געטענהט:

— פֿאַרוואָס האָט איר עס אונדז ניט געלאָזט וויסן מיט אַ פּאָר טעג פֿריער? פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג, ווען מען דאַרף אָנהייבן שפּילן, שטרייקט מען?

דער באַקאַנטער „דראָמער" (פּויקן־שפּילער) וואַטמאַן האָט דעמאָלט געענטפֿערט קעסלערן:

— וואָס־זשע האָט איר געוואָלט, מ"ר קעסלער, מען זאָל אייך געבן אַכט טעג „נאָטיס", אַז איר זאָלט זיך קענען פֿאַרברייטן מיט סקעבס (סטרייק־ברעכער)?

ווען ווילנער האָט געהערט די פֿאָדערונג, איז ער אַרויפֿגעקומען הינ־טער דער בינע און געזאָגט צו מיר און קעסלערן, אַז דער שטרייק האָט ניט די ווערט, מיר זאָלן זיךביידע איצט אַרונטעררייסן די (געקלעפּטע) בערד.

ווען ווילנער האָט דערקלערט, אַז ער גיט נאָך די פֿאָדערונגען, האָבן די שטרייקערס פֿאַרלאַנגט מען זאָל פֿאָרן אין קלינטאָן־סטריט, וואו עס זיצט דער קאָמיטעט פֿון די פֿאַראייניקטע געווערקשאַפֿטן, און דאָרט עס אונטערשרייבן.

איך קאָן זיך ניט דערמאָנען די אורזאַך פֿאַרוואָס ווילנער האָט ניט געקאָנט, אָדער ניט געוואָלט פֿאָרן אין קלינטאָן־סטריט, און דער גורל איז אויסגעפֿאַלן אויף מיר. מען האָט געבראַכט אַ טעקסי און איך, אָנגעטאָן און גרימירט אַלס טוביה מילנער פֿון „די געברידער לוריע", בין געפֿאָרן מיט די שטרייקערס אין קלינטאָן־סטריט אונטערצושרייבן זייערע פּונקטן און פֿאָדערונגען.

ווען איך האָב אונטערגעשריבן אויפֿן אויסגלייך מיין נאָמען, ב. יאַנג, האָב איך צוגעשטעלט די ווערטער אין גרויסע אותיות: „אין דער ראָל פֿון טוביה מילנער".

דער טעאַטער־מענעדזשער מאַקס ווילנער

אין יענעם סעזאָן איז אויפֿגעקומען די אידייע וועגן „איין שיסל" (ווי דער „לאַיער" טשאַרלי וויינבלאַט האָט עס דעמאָלט גערופֿן), דאָס הייסט, אַז אַלע סטאַרס און מענעדזשערס פֿון די יידישע טעאַטערס זאָלן

זיך פֿאַראייניקן און בשותּפֿות אָנפֿירן מיט וויפֿל טעאַטערס זיי אַליין וועלן באַשטימען. די „לאָיערס" האָבן פֿאַר זיי געמאַכט אַ חשבון, אַז זיי וועלן ווערן מיליאָנערן דורך דער פֿאַראייניקונג.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק זוכן אַ פּלאַץ, וואו מען זאָל קאָנען בויען אַ טעאַטער פֿאַר מיר. מיין אויג איז געפֿאַלן אויף הייזקעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף סעקאָנד עוועניו, צווישן דער ערשטער און צווייטער גאַס. איך האָב אויסגעזוכט דעם אייגנטימער פֿון זיי, אַ געוויסער מיסטער דזשאָנסאָן, און האָב אים פֿאָרגעשלאָגן, ער זאָל אויף דעם פּלאַץ בויען אַ טעאַטער. מיין פּלאַן איז מ"ר דזשאָנסאָנען שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, אָבער ווען דזשאָנסאָן האָט מיר געזאָגט וויפֿל טויזנטער איך זאָל אים געבן „סעקיוריטי" [פֿאַרזיכערונג], האָב איך געזען, אַז דאָס איז ניט פֿאַר מיין קעשענע און איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ קלענערן פּלאַץ, ניט אויף סעקאָנד עוועניו.

ווילנער האָט דעמאָלט אונטערהאַנדלט צו בויען אַ טעאַטער פֿאַר קעסלערן אויף דעלענסי סטריט — דאָרט, וואו עס איז איצט לאָוס טעאַטער. אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ מאַן, וואָס איז וויליק צו בויען אַ טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו, האָט ער באַלד געשיקט צו אים אַלס אַגענט דעם ד"ר בראָף, דער מאַן פֿון דער אַקטריסע לאָוויץ, און דעם אין יענער צייט באַקאַנטן מ"ר שרייבער, וועלכער איז גע־ווען קעסלערס פֿריינט. אַט דער מ"ר שרייבער איז געווען אַן אינטערעסאַנ־טער מענטש: אַמאָל האָט ער געהאַלטן דאָס קאַפֿע־הויז אויף גרענד־סטריט, וואו אַקטיאָרן פֿלעגן זיך דעמאָלט צוזאַמענקומען. אַ פּראָסטער עמך, האָט ער אָבער פֿאַרמאָגט, ווי מען זאָגט אויף ענגליש, „קאָמען סענס", געווען „וועלטלעך" און האָט אָנגעשפּאַרט אין די גרעסטע הייזער. אויס־געזען האָט ער ווי אַן אַריסטאָקראַט. זיין שפּיציק בערדל האָט אים גע־מאַכט אויסזען ענלעך צום געוועזענעם ענגלישן קעניג עדוואַרד. ער איז געווען אַ קהלשע קליאַמקע, געווען פּרעזידענט פֿון אַ האַלבן טוץ „סאָסייעטיס" און געטראָגן אַ גאַנצן טוץ מעדאַלן פֿון זיי. געווען אַ לאַנדס־מאַן פֿון קעשענאָוו.

דער מ"ר שרייבער האָט זיך גלייך פֿלייסיק אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט צונויפֿצופֿירן די פֿאַראינטערעסירטע. אויך ווילנער האָט אַוועקגעשיקט אַ מענטשן קיין פּאַריז אויסצוגעפֿינען אַן אייגנטימער פֿון אַ קליינעם הויז, וואָס איז געשטאַנען דאָרט, וואו עס האָט באַדאַרפֿט זיין דער אַריינגאַנג אין טעאַטער, און דאָס געשעפֿט מיט דזשאָנסאָנען איז גע־מאַכט געוואָרן.

ווילנער האָט מיט גרויס שוועריקייט צוזאַמענגעקליבן די קאָלאָסאַלע סומע פֿון 65 טויזנט דאָלער און דערלאַנגט דזשאַנסאָנען פֿאַר אַ יאָר פֿאַרויס דירה־געלט, און באַקומען אַ „ליס" אויפֿן טעאַטער פֿאַר 20 יאָר.

אַט אַזוי האָט מאַקס ווילנער געלאָזט בויען דאָס טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו (פֿאַר זיין שטיפֿטאָטן דוד קעסלער), וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „קעסלערס סעקאָנד עוועניו טעאַטער".

ווילנער באַדויערט איצט יענעם שריט. „עס האָט ניט געבראַכט קיין גליק פֿאַר מיר און אויך ניט פֿאַר קעסלערן", האָט מיר ווילנער לעצטנס געזאָגט.

אין דער צייט, ווען ווילנער האָט אונטערהאַנדלט וועגן דעם פּלאַץ אויף סעקאָנד עוועניו, האָב איך אונטערהאַנדלט מיט אַ געוויסן אייגנטימער פֿון אַ ליידיקן פּלאַץ אויף דער 116טער סטריט, לעבן לענאָקס עוועניו, ער זאָל בויען פֿאַר מיר אַ טעאַטער מיט צווישן אַכט הונדערט און ניין הונדערט זיץ־פּלעצער. דער אייגנטימער איז אויך געווען אַ „בילדער". דורכגעקומען פֿאַר גאָר ווייניק דירה־געלט, און מיט אַ „סעקיוריטי" פֿון פֿינף טויזנט דאָלאַר, אויף וועלכע איך האָב אים געגעבן פֿופֿצן הונדערט דאָלאַר האַנט־געלט, האָט ער מיר געגעבן אַ קאָנטראַקט. דאָס טעאַטער האָט געזאָלט טראָגן מיין נאָמען.

שטאָלץ בין איך געגאַנגען מיטן קאָנטראַקט אין קעשענע צום „טהאַליאַ"־טעאַטער, צו ווייזן ווילנערן, אַז איך האָב אויך אַ טעאַטער.

מען זאָגט, אַז דער געשעפֿטסמאַן, וואָס האָט שטענדיק אַ שמייכל אויפֿן פּנים, איז דערפֿאָלגרייך. ווילנער האָט דעם שמייכל שטענדיק געטראָגן מיט זיך. וואָס עס זאָל ניט האָבן פֿאַרגעקומען אין דער טיפֿעניש פֿון זיין נשמה, האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט באַמערקן וואָס ביי אים אין האַרצן קומט פֿאָר. דער שמייכל אויף זיין פּנים האָט פֿאַרשטעלט זיין האַרץ.

ווען ווילנער האָט פֿון מיר דערהערט, אַז איך נעם זיך בויען אַ טעאַטער, האָט ער מיט זיין אַלטן שמייכל מיר געוואונטשן גליק. אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער וויזט מיר אַ פֿריינט מיינער אין אַן ענגלישער צייטונג, אַז מאַקס ווילנער האָט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט דעם אייגנטימער פֿון דעם ליידיקן פּלאַץ אויף דער 116טער סטריט ביי לענאָקס עוועניו, צו בויען אַ טעאַטער פֿון ניין הונדערט פּלעצער און אַז דער טעאַטער וועט זיין פֿאַרטיק צום קומענדיקן סעזאָן. איך האָב ניט געגלויבט וואָס איך האָב געלייענט.

— ווי קאָן עס מעגלעך זיין? — זאָג איך צו מיין פֿריינט און ווייז אים מיין קאָנטראַקט. — דאָ מוז זיין אַ טעות! מסתמא האָט מען דאָ פֿאַרמישט

די יוצרות. אַזוי ווי איך בין ווילנערס אַ שותּף, האָט מען דאָס צוגעשריבן צו אים — דערקלערט איך עס דעם פֿריינט און זוך זיך אַליין צו באַרואיקן.

איך בין גלייך אַוועק צום אייגנטימער פֿון דעם פּלאַץ און ווייז אים די צייטונג. ענטפֿערט ער מיר גלייכגילטיק, אַז דאָס איז אמת. איך בין געבליבן שטיין, ווי איינער, וואָס מען האָט אים געהאַט אַנגעזאָגט, אַז ער האָט געוואונען אויף דער לאָטעריע אַ גרויסע סומע געלט און דערנאָך געפֿינט ער פּלוצים אויס, אַז דאָס איז געווען אַ טעות.

— נו, אַז איך וועל אייך אַנקלאָגן פֿאַר ברעכן דעם קאָנטראַקט, וואָס איר האָט אונטערגעשריבן, איז אייך גאָר אויפֿן זינען ניט געקומען? — פֿרעג איך מיט איינגעהאַלטענעם כּעס.

— איך האָב עס גאַנץ גוט פֿריער באַרעכנט, — ענטפֿערט דער אייגנ־טימער מיט אַ שמייכל — אין דעם קאָנטראַקט מיט ווילנערן שטייט אויס־דריקלעך געשריבן, אַז מ״ר ווילנער נעמט אויף זיך אַלע הוצאות, אויב איר וועט מיך אַנקלאָגן אין געריכט, און אַפֿילו די פֿופֿצן הונדערט דאָלאַר, וואָס איר האָט מיר געגעבן האַנט־געלט. מסתּמא ווייסט ווילנער, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן...

ווען ווילנער האָט מיך באַגעגנט מיט זיין געוויינטלעכן שמייכל און ווען איך האָב געוואָלט אַנהויבן רעדן, האָט ער מיך געבעטן ניט צו זאָגן אַ וואָרט, ביז איך וועל אים אויסהערן.

ער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין „אַטלאַנטיק גאַרדען״, וואוהין מען האָט געקאָנט אַריינגיין דורך אַ טיר פֿון „טהאַליאַ״־טעאַטער, האָט גע־הייסן געבן צוויי „קאַקטעילס״ און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— הערט, מ״ר יאַנג, דאָס 116טע סטריט טעאַטער איז זייער אַ גוט געשעפֿט. איך בין מיט דעם זיכערער ווי מיט דעם סעקאָנד עוועניו־טעאַ־טער. איך גיב אייך 50 פּראָצענט אין דעם 116טער סטריט טעאַטער, וואו איר און אייער פֿרוי וועלן שפּילן, און איך גיב אייך 15 פּראָצענט פֿון דעם סעקאָנד עוועניו־טעאַטער.

איך האָב גלייך אין געדאַנק באַרעכנט, אַז דאָס איז אַ גאַנץ גוטער פֿאָרשלאָג; בעסער ווי פֿאַרפֿירן אַ געריכט־פּראָצעס, בפֿרט, אַז איך וועל ניט דאַרפֿן שפּילן צוזאַמען מיט קעסלערן. איך וועל אַליין אויפֿפֿירן פּיעסן און „מ״ר און מר״ס יאַנג״ וועלן זיין די סטאַרס פֿון דעם טעאַטער. אָבער איך האָב געשוויגן.

ווילנער האָט שוין פֿון פּראַקטיק געוואוסט, אַז שוויגן ביי אַזאַ מאָ־מענט מיינט, אַז איך בין צופֿרידן מיט זיין פֿאָרשלאָג.

האָבן מיר גענומען די „קאַקטעילס״ און געטרונקען פֿאַר די געשעפֿטן

פֿון בײדע טעאַטערס: ער פֿאַר דעם 116טע סטריט טעאַטער, און איך — פֿאַר דעם סעקאַנד עווענױ־טעאַטער.

אַפּנים, אַז אין װילנערס „קאַקטעיל", װאָס ער האָט געטרונקען פֿאַר דעם 116טע סטריט־טעאַטער, האָט געמוזט זײן פֿול װאַסער, װײל װען מען האָט זיך גענומען גראָבן דעם פֿונדאַמענט אויף דער 116טער סטריט, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַזױ פֿיל װאַסער, אַז עס האָט געדאַרפֿט דעם אײגנטימער פֿון דעם פּלאַץ קאָסטן זײער אַ סך געלט צו בויען דעם פֿונדאַמענט. איז געבליבן נאָר דער סעקאַנד עווענױ־טעאַטער און אַזױ בין איך װידער געבליבן און געשפּילט צוזאַמען מיט קעסלערן נאָך צװײ סעזאָנען.

מאָריס שוואַרץ װערט נתגלה אין ניו־יאָרק

נאָך פּסח איז קעסלער מיט דער טרופּע געפֿאָרן אויף דער פּראָװינץ און די מאַדאַם לאָבעל און איך זײנען געבליבן אין „טהאַליאַ"־טעאַטער צו שפּילן װײטער די פּיעסע „מאַדאַם עקס".

אַלע ראָלן האָב איך געהאַט באַזעצט, נאָר פֿאַר דעם יונגן אַדװאָקאַט איז מיר שווער געװען צו געפֿינען אַן אַקטיאָר.

אויף דער ענגלישער בינע האָט געשפּילט די ראָל אײנער, כּמעט נאָך אַ ייִנגל, מיט אַ זיסן לירישן אָרגאַן. עס איז שוין געװען אַ צװײ, דרײ טעג פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג און די ראָלע איז נאָך ניט געװען באַזעצט. באַקלאָג איך זיך װעגן דעם פֿאַר דעם דײטשיש־ייִדישן שױשפּילער מאָריס מאָריסאָן.

— איך האָב אַ יונגן שױשפּילער פֿאַר דיר — זאָגט מאָריסאָן — ער איז זײער אַ טאַלאַנטפֿולער שױשפּילער.

— װאו איז ער? — פֿרעג איך אומגעדולדיק.

— ער איז ניט אין ניו־יאָרק; אין פֿילאַדעלפֿיע איז ער.

— װעט ער קומען, װען איך זאָל שיקן נאָך אים?

— װאָס פֿאַר אַ פֿראַגע! דער קערל האָט חוצפּה, אָבער אויך טאַלאַנט, — פֿאַרזיכערט מיר מאָריסאָן. — דער קערל איז געװען בײ מיר אין האָטעל, געפֿאַלן מיר צו די פֿיס און געבעטן איך זאָל אין ניו־יאָרק רעדן פֿאַר אים אַ גוט װאָרט בײ די מענעדזשערס. ער איז זיכער, האָט דער קערל, געזאָגט, אַז װען ער װעט נאָר אײן מאָל אָפּשפּילן אין ניו־יאָרק, װעט ער אַרײן אין דער יוניאָן. זײן נאָמען איז, זאָגט ער, מאָריס שוואַרץ.

— מאָריס שוואַרץ, — חזר איך איבער, — קיינמאָל ניט געהערט פֿון אַזאַ שוישפּילער. וואוהין זאָל איך טעלעגראַפֿירן?

— אין אַרטש סטריט־טעאַטער, פֿילאַדעלפֿיע.

איך בין מיטן אַקטיאָר לואיס בירנבוים אַוועק צום טעלעגראַף־אָפּיס און אַוועקגעשיקט צו שוואַרצן אַ טעלעגראַמע, אַז ער זאָל תּיכּף קומען קיין ניו־יאָרק. אין עטלעכע שעה אַרום איז דער „קערל" שוין געווען אין ניו־יאָרק.

ווען איך האָב דערזען מאָריס שוואַרצן, בין איך דערשטוינט געוואָרן פֿון זיין ענלעכקייט צו מיין פֿאַרשטאָרבענעם ברודער. נאָך איצט, ווען איך קוק אויף אים, זע איך די געשטאַלט פֿון מיין ברודער ראובן פֿאַר מיינע אויגן.

שוואַרץ האָט געוואָלט אויף מיר מאַכן אַן איינדרוק אַלס אַקטיאָר און האָט גערעדט אויף זיינע ברייטע שטאַרקע ברוסט־טענער. הערנדיק זיין באַריטאָן־באַס אָרגאַן און זעענדיק זיין פּנים, האָב איך געטראַכט ביי זיך, אַז אַזעלכע צוויי אייגנשאַפֿטן פּאַסן זיך זייער גוט פֿאַר אַ יידישן כאַראַקטער, אָבער ניט פֿאַר דעם לירישן, איידעלן, פֿראַנצויזישן יינגל, הגם שוואַרץ איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר יונג. דאָך האָב איך אים געגעבן די ראָלע און אים באַקענט מיט די סצענעס.

שוואַרץ האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויפֿן פּובליקום מיט זיין רעדע פֿאַרן געריכט, אָבער איך האָב אַלץ געדענקט, אַז פֿאַר אַ טאַטן אין אַ באָרד וועט ער זיין מיט הונדערט פּראָצענט בעסער.

און ווען מען האָט גענומען דעם ליריק־טעאַטער אין ברוקלין פֿאַר דעם קומענדיקן סעזאָן, האָב איך זייער שטאַרק געאַרבעט מיט קעסלערן, אַז מען זאָל שוואַרצן אַנגאַזשירן, און ער איז געבליבן מיט אונדז פֿאַר דער סומע פֿון 27 דאָלער אַ וואָך.

און ניט נאָר אין דעם ערשטן סעזאָן האָב איך באַדאַרפֿט מיט קעסלערן שטאַרק איינטענהן, אַז מען זאָל שוואַרצן אַנגאַזשירן (קעסלער האָט אים נאָך ניט געהאַט געזען אויף דער בינע), נאָר אַפֿילו ווען שוואַרץ האָט שוין געהאַט געשפּילט מיט אים אַ סעזאָן אין ליריק־טעאַטער, האָב איך אויך געהאַט שוועריקייטן ביז קעסלער האָט איינגעוויליקט, אַז מען זאָל שוואַרצן אַנגאַזשירן פֿאַרן סעקאַנד עוועניו־טעאַטער.

עס דערמאָנט מיך וואָס דעניעל פֿראָמאַן שרייבט וועגן טשאַרלי טשאַפּלין: ווען טשאַפּלין איז נאָך ניט געווען באַוואוסט, האָט ער באַקומען אַ בריוו פֿון האָליוואוד, ער זאָל קומען שפּילן אַ געוויסע ראָלע. אָבער ווען דער דירעקטאָר האָט אים דערזען, האָט ער צו אים געזאָגט: „ניין,

ניט דיך האָב איך געמײנט״. און ער האָט טשאַרלין אומגעקערט דאָס געלט פֿאַר דעם באַן־בילעט, באַצאָלט פֿאַר צװײ װאָכן גאַזשע — און גענומען פֿאַר דער ראָלע אַן אַנדערן. אָבער טשאַרלי טשאַפּלין איז שױן פֿון דע־מאָלט אָן פֿאַרבליבן אין האָליװאָוד און איז געװאָרן „ביזי״ (באַשעפֿטיקט) ביז הײַנט צו טאָג — און שװאַרץ איז „ביזי״ אין ניו־יאָרק ביז הײַנטיקן טאָג.

מײַן „זײַטן־שפּרונג״

איך װעל דאָ אױפֿהײבן דעם פֿאַרהאַנג פֿון מײַן פּריװאַטן פֿאַמיליע־לעבן — אַזױ פֿרײ און אָפֿן, װי װען דער פֿאַרהאַנג גײט אַרױף אױף דער בינע אין טעאַטער.

װען קעסלער איז אַװעק אױפֿן „ראָוד״ (און איך בין געבליבן אין ניו־יאָרק װײַטער צו שפּילן „מאַדאַם עקס״), איז קלאַראַ מיטגעפֿאָרן מיט דער טרופּע ביז פֿריסקאָ. די רײַזע זײַערע האָט געדױערט איבער צװײ חדשים.

מען זאָגט, אַז װען אַ ייִד לאָזט זיך אין װעג אַרײַן, זאָל ער מיטנעמען צװײ זאַכן: אַ שירם און דאָס װײַב. אין מיטל־אַלטער, װען אַ נאָבלמאַן, אַ ריטער האָט זיך געלאָזט אין װעג אַרײַן, פֿלעגט ער זײַן װײַב פֿאַרשליסן אין אַ „צנועה־גאַרטל״... אָבער װי איז דער דין, װען אַ פֿרױ פֿאָרט אַװעק פֿון אַ מאַן? װאָס זאָל זי טאָן מיט אים?...

דאָס סעקסועלע לעבן פֿון אַ מאַן ברעכט אַלע צױמען פֿון געזעץ. בפֿרט איז דער װעג פֿון אַן אַקטיאָר און אַן אַקטריסע פֿול מיט שטרויכ־לונגען, זײ זאָלן טרײַ בלײַבן אײנער דעם אַנדערן. דער הונגער פֿאַר ליבע געפֿינט זײַן שפּײַז זײער לײַכט אױף דער בינע.

װען קלאַראַ איז אַװעקגעפֿאָרן, איז מיר געװען שטאַרק אומעטיק. געלט האָב איך געהאַט אַ סך און יאָרן ניט פֿיל, האָב איך ניט באַדאַרפֿט „ברעכן קײן צױמען״ און איך האָב געפֿונען אַ „טרײסט״ אין אַ פֿרױ, װעלכע איך האָב געקענט, װען זי האָט נאָך געשפּילט קינדער־ראָלן און איז איצט געװען אַ כאַריסטקע אין ייִדישן טעאַטער.

געװײנטלעך האָב איך איר געקױפֿט קלײדער און אַנדערע פּרעזענטן, געגאַנגען מיט איר אין פֿאַרשײדענע פֿאַרגעניגנס־פּלעצער. אָבער װען איך האָב דערהאַלטן פֿון מײַן קלאַראַן אַ בריװ, אַז זי קומט צופֿאָרן, האָב איך יענער פֿרױ געזאָגט גאַנץ אָפֿן, אַז אַלץ איז צװישן אונדז געענדיקט. איך האָב עס באַטראַכט װי בלױז אַ פֿאַרבײַגײענדיקן עפּיזאָד, אָדער װי

מען רופֿט עס אַ „זייטן־שפּרונג״, און האָב געזוכט עס צו פֿאַרגעסן. ווי עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, איז עס ביי יענער פֿרוי ניט געווען קיין פֿאַרבייגייענדיק ווינטל. זי האָט עס גענומען אַביסל צו ערנסט, פֿלעגט אָפֿט טעלעפֿאָנירן צו מיר אַהיים — און קלאַראַ האָט איבערגענומען אירן אַ טעלעפֿאָן...

אייפֿערזוכט, די מיאוסערע שוועסטער פֿון ליבע, נאָגט די פֿרוי, ניט אַזוי צוליב אירע פֿאַרלעצטע געפֿילן צום מאַן, ווי מער צוליב דעם מאַנס רעספּעקט, וואָס זי האָט פֿאַרלוירן. אַ פֿרוי קען אייפֿערזיכטיק זיין אויף דעם מאַן אַפֿילו ווען זי ליבט אים ניט.

איצט, ווען קלאַראַ האָט געפֿילט, אַז איר פּאָזיציע אויף דער בינע ווערט שטאַרקער, האָט די אייפֿערזוכט זי דאָפּלט גענאָגט: אי דורך איר ליבע צו מיר און אי דורך מיין פֿאַרלוירענעם רעספּעקט צו איר. קלאַראַ איז שטענדיק געווען אַ שטאָלצע און געפֿאָדערט רעספּעקט צו זיך.

זי האָט מיך גענומען אויף אַ „פֿאַרהער״ און דורכגעפֿירט איבער מיר אַ „טוירד דעגרי״ מיט אירע טרערן (נעמט אַוועק די טרערן פֿון אַ פֿרוי, פֿאַרשאַפֿט זי איך ווייניק מיטלייד — האָט איינער אַמאָל געזאָגט). זי פֿלעגט שטענדיק זיצן אין צימער, וויינען, קרעכצן און אַרומגיין פֿאַרזאָרגט, אַזוי ווי עס וואָלט געשטאָרבן אירער אַ נאָענטער מענטש. איך האָב ניט געקאָנט איבערטראָגן אירע טרערן, האָב זיך מודה געווען פֿאַר איר און איר אויך געזאָגט ווער די פֿרוי איז.

דאָס האָט זי אַביסל באַרואיקט און זי האָט מיך גענומען אין פּאַרק צו האָבן מיט מיר אַ געשפּרעך (איך האָב קיינמאָל ניט דערלאָזט, אַז אונדזער קינד זאָל הערן אַ קריגעריי צווישן אונדז). נאָך פֿיל רעדעריי האָט זי, מיט טרערן אין די אויגן, צו מיר געזאָגט:

— בועז, האָסטו מיך נאָך אַזוי ליב ווי פֿריער? וועסטו קאָנען אין אונדזער ווייטערדיקן צוזאַמענלעבן מיך נאָך שעצן און ליבן?

— ווי קאָנסטו דערוואַרטן, — האָב איך איר געענטפֿערט — אַז נאָך 14 יאָר צוזאַמענלעבן זאָל דאָס לעבן זיין ווי אין די האָניק־וואָכן?

און ווען זי האָט מיך געבעטן איך זאָל איר כאָטש צוזאָגן, אַז איך וועל עס מער ניט טאָן, האָב איך געשוויגן. איך האָב ניט געקאָנט נעמען אויף זיך אַזאַ „גרויסן קרבן״... אויך קלאַראַ האָט געשוויגן און איר שווייגן האָט דעמאָלט גערעדט מער, ווי ווערטער. ענדלעך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— געדענק, בועז, דו וועסט אַמאָל שטאַרק חרטה האָבן!...

אַ פֿרוי וועט פֿאַרגעבן דעם מאַן זיין אומטריישאַפֿט, אויב ער האַנדלט

נאָכדעם װי אַ דזשענטלמאַן. אָבער די װאונד, װאָס איך האָב געמאַכט אין אונדזער פֿאַמיליע־לעבן, האָט זיך אַזױ לײַכט ניט פֿאַרהײלט...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, װען זי איז געװאָרן די באַרימטע קלאַראַ יאַנג, װען מיליאָנערן זײַנען געשטאַנען אױף די קני פֿאַר איר, בעטנדיק ליבע, און זי האָט מיך געמאַכט אײפֿערזיכטיק — אַ געפֿיל, װאָס איך האָב דערפֿון ניט געװאוסט די גאַנצע 14 יאָר פֿון אונדזער צוזאַמענלעבן — האָבן מיר גאַנץ אָפֿט געקלונגען אין די אױערן אירע װערטער: „געדענק, בועז, דו װעסט אַמאָל שטאַרק חרטה האָבן!"...

קלאַראַ װערט אַ סטאַר אין מײַנער אַן אױפֿפֿירונג

אין סעזאָן פֿון 1910—1911 האָט מען געבויט דעם סעקאָנד עװעניו־טעאַטער. עס האָט געהײסן, אַז עס מוז פֿאַרטיק װערן פֿאַר דעם סעזאָן 1911—1912 און דערװײל האָבן מיר זיך אַרײַנגעקליבן אין ליריק־טעאַטער, ברוקלין. יאָזעף לאַטײַנער האָט אונדז געבראַכט זײַן פּיעסע „יום החופה".

אַלע מענער האָבן געשפּילט אין „יום החופה". נאָר פֿאַר דעם, װאָס האָט זיך שפּעטער אױסגעצײכנט אין אַזעלכע ראָלן װי טוביה דער מילכיקער, שימעלע סאָראָקער, שאַפּיראָ, סענדער בלאַנק און נאָך — פֿאַר מאָריס שװאַרץ האָט קעסלער ניט געפֿונען קײן ראָלע אין דער פּיעסע „יום החופה"...

אין זעלבן סעזאָן האָב איך אױפֿגעפֿירט אַ פּיעסע, װעלכע האָט גורם געװען, אַז אַ נײַער סטאַר זאָל געבוירן װערן — קלאַראַ יאַנג.

די פּיעסע, אין װעלכער קלאַראַ יאַנג האָט זיך אַנטפּלעקט, האָב איך אױפֿגעפֿירט אין ליריק־טעאַטער, ברוקלין. דאָס איז געװען מײַן ערשטע אױפֿפֿירונג.

נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פֿריער, װען איך בין געװען צוזאַמען מיט דעם אַקטיאָר מײזעל אין „פּיפּעלס"־טעאַטער, האָט ער מיר פֿאַרגעלײגט, איך זאָל קױפֿן בײַ אים אַ פּיעסע, „די ביגאַמיסטן", װאָס ער האָט אָנגעשריבן, איך זאָל זי שפּילן צו מײַן בענעפֿיט. ער האָט פֿון מיר פֿאַרלאַנגט פֿופֿציק דאָלאַר פֿאַר איר. װען איך האָב די פּיעסע איבערגעלײענט, האָב איך צו מײזלען געזאָגט: — איך װעל דיר געבן די פֿופֿציק דאָלאַר מיט דעם באַדינג, דו זאָלסט מיך לאָזן די פּיעסע איבעראַרבעטן; װי זי איז קאָן איך זי ניט שפּילן.

מײזעל האָט זיך געפֿונען באַלײדיקט און מיר אַרײַנגעזאָגט מיט זײַנע

כאַראַקטעריסטיש־ציניִשע מייזעלשע ווערטער... האָב איך אים דערציילט אַ טעאַטער־עפּיזאָד:

דעניעל פֿראָמאַן האָט אויפֿגעפֿירט זאַנגווילס אַ פּיעסע. נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָט פֿראָמאַן געזען, אַז די פּיעסע וועט זיך לאַנג ניט האַלטן אויף דער בינע, ווייל נאָכן ערשטן אַקט פֿעלט אין איר „סוספּענס" (שפּאַנונג). רופֿט ער זיך אָן צו זאַנגווילן:

— אייער פּיעסע קאָן מען נאָך ראַטעווען, ווען דאָס מיידל „מערי" זאָל פֿאַרפֿירט ווערן אין ערשטן אַקט און דאָס פּובליקום זאָל עס ניט וויסן ביזן לעצטן אַקט.

ווען זאַנגוויל האָט עס דערהערט, איז ער געוואָרן זייער אויפֿגערעגט און זאָגט צו פֿראָמאַנען:

— אָט דאָס פֿאַרלאַנגט איר פֿון מיר? דעם נאָבעלן כאַראַקטער מערי, אָט דאָס אומשולדיקע קינד ווילט איר מען זאָל פֿאַרפֿירן? ניין, מ"ר פֿראָמאַן! דאָס וועל איך קיינמאָל ניט טאָן!

האָט אים פֿראָמאַן געענטפֿערט:

— וועל, איינס פֿון די ביידע — אָדער דאָס מיידל פֿאַרלירט איר אומשולד, אָדער איר, מ"ר זאַנגוויל, פֿאַרלירט אייערע „ראָיאַלטיס"...

און מייזעל האָט דעמאָלט פֿאַרלוירן די פֿופֿציק דאָלאַר.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען מיר זיינען געווען אין ליריק־טעאַטער, זאָגט צו מיר ווילנער, אַז זיי האָבן געקויפֿט אַ פּיעסע ביים שוישפּילער מייזעל.

— „די ביגאַמיסטן"? — פֿרעג איך פֿאַרוואונדערט.

— יאָ — ענטפֿערט ווילנער — מען האָט אייך ניט גערופֿן צו דער פֿאַרלעזונג, ווייל מייזעל האָט ניט געוואָלט איר זאָלט הערן זיין פּיעסע. „ער איז צעקריגט מיט אייך", האָט ער געזאָגט.

— און די פּיעסע איז קעסלערן אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז איר האָט זי באַלד אויפֿן פּלאַץ געקויפֿט? — וואונדער איך מיך.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער דיריגענט ברודי געווען דער מעקלער; ברודי האָט געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אויף קעסלערן. קעסלער איז צוגעטראָטן אויפֿצופֿירן די פּיעסע. ער האָט גענומען דעם ראָלן־שרייבער גאָסטווירט, ער זאָל אים די פּיעסע פֿאַרלייענען און ער וועט שוין זען וואָס ער האָט צו טאָן. גאָסטווירט איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש. גאָלדבערג, דער ראָלן־שרייבער פֿון „פּיפּעלס"־טעאַטער, און גאָסטווירט זיינען געווען די „אוטשאָניע יעווריי" ביים יידישן טעאַטער. גאָלדבערג האָט אַליין געשריבן איינקע פּיעסן און

איבערזעצונגען און גאַסטווירט האָט איבערגעזעצט אַלע ענגלישע פּיעסן, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין „טהאַליאַ"־טעאַטער. בײדע זײנען געווען צוויי גוטע, אײדעלע מענטשן, און גאָלדבערגן האָט מען דערפֿאַר אָ נאָמען געגעבן „דער גזלן".

לײענט גאַסטווירט פֿאַר קעסלערן מײזעלס „די ביגאַמיסטן", און פֿון יעדן בלעטל הײסט אים קעסלער אױסמעקן דרײ־פֿערטל און מײזלען גיט ער דערבײ אַ „ברכה"...

— איך האָב אַזױ פֿיל געמעקט און גאַרניט צוגעשריבן — האָט גאַסטווירט שפּעטער דערצײלט — ביז פֿון דער פּיעסע איז געוואָרן ניט מער ווי אַ צען בלעטלעך און „ברכות" פֿאַר מײזלען אַ גאַנצער טוץ...

ענדלעך איז קעסלער געוואָרן אומגעדולדיק און זאָגט צו גאַסטווירטן:

— נײן, איך קאָן מיט דעם „מײסטערווערק" גאַרניט מאַכן. וואַרפֿט עס אַרײן אין מיסטקאַסטן. אַזאַ ממזר (מײנענדיק מײזעלן).

ווען די געשעפֿטן פֿון „יום החופּה" זײנען געוואָרן שוואַכער, האָט מיך ווילנער געפֿרעגט, אויב איך קאָן עפּעס טאָן מיט מײזעלס פּיעסע, ווײל קעסלער האַלט, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבעט. איך האָב גע־נומען בײ ווילנערן די פּיעסע און אים געזאָגט, אַז מאָרגן וועל איך אים געבן אַן ענטפֿער.

קלאַראַס פּאָזיציע אין טעאַטער, און אויך מײנע, איז שוין דעמאָלט געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי צוריק מיט פֿיר־פֿינף יאָר. איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן פֿון דער „געפֿערלעכער" דראַמע אַן אָפּערעטע, און די הויפּט־ראָלן זאָלן זײן: דאָס מײדל „בעלאַ", וואָס קלאַראַ וועט דאַרפֿן שפּילן, און דער באָי „סעמקע", וואָס סעם קעסטין וועט שפּילן, און איך זאָל ענדיקן די אַקטן מיט „דראַמע".

ווען ווילנער האָט מיך אויף צומאָרגנס געפֿרעגט, וואָס איך האָב באַשלאָסן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל אויפֿפֿירן די פּיעסע מיט אײן באַדינג: קעסלער זאָל אין דער פּיעסע ניט שפּילן. איך האָב געמײנט, אַז ווילנער וועט ווערן איבערראַשט פֿון מײן פֿאָדערונג: וואָס הײסט קעסלער זאָל ניט שפּילן פֿרײטיק, שבת און זונטיק? קעסלער, דער „סטאַר" פֿון טעאַטער?

אָבער ווילנער האָט מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק געזאָגט, אַז אויב איך דענק, אַז עס וועט בעסער זײן פֿאַר דער פּיעסע און די קאַסע וועט ניט לײדן, וועט ער קעסלערן אַוועקשיקן מיט אַ טרופּע קײן שיקאַגאָ שפּילן „יום החופּה".

איך האָב געשטעלט נאָך אַ באַדינג: — קעסלער קאָן מיטנעמען

קיין שיקאַגאָ וועמען ער וויל פֿון דער טרופּע, מיר זאָל ער גאָר איבער־לאָזן מיין פֿרוי און סעם קעסטינען.

קעסלער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין שיקאַגאָ מיט דער טרופּע און מיט מיר זיינען געבליבן: קלאַראַ, קעסטין, גודינסקאַ, לואי היימאַן און, דאַכט מיר, אויך קאָנראַד. שווארצן האָט דעמאָלט קעסלער אויך מיטגענומען, ווייל קעסלער האָט געדענקט, אַז פֿאַר דער פּראָווינץ וועט ער קאָנען „מיטגיין״...

דער מוזיקער, וואָס האָט געמאַכט מוזיק צו פּיעסן, פֿון וועלכע עדעל־שטיין און טאָמאַשעווסקי זיינען רייך געוואָרן: דער ערשטער, וואָס האָט דיריגירט אין יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק מיטן באַטאָן (שטעקעלע) און ניט מיטן בויגן פֿון פֿידל (ווי קאַראַנטמאַן, יאַריכאָווסקי, העלמאַן און פּערלמוטער), דער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר לואי פֿרידזעל איז דע־מאָלט געזעסן אין אָרקעסטער פֿון „ליריק״־טעאַטער און געדרימפּלט אויף דער צווייטער פֿידל, הגם ער האָט קיין פֿידל ניט געקאָנט שפּילן. דער יידישער קלוב פֿון די מוזיקער האָט אים גלאַט אַריינגעשטעלט אויף דער עלטער... האָב איך באַשלאָסן, אַז מיין פֿריינט פֿרידזעל זאָל שרייבן די מוזיק פֿאַר דער פּיעסע און ברודי זאָל אים העלפֿן.

פֿרידזעל און ברודי פֿלעגן מיר ברענגען יעדן נומער, וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן, אָבער די הויפּט־נומערן האָט געמאַכט פֿרידזעל. די ראָלן זיינען געווען פֿאַרטיילט ווי פֿאָלגט: איך האָב געשפּילט דעם בעקער; בעלאַ גודינסקאַ — מיין פֿרוי; מר״ס נאַדאָלסקי — מיין מוטער; לואי היימאַן — ראָבערט; דער דייטש קאָנראַד — דעם פֿאַרפֿירער; קלאַראַ — בעלאַ; סעם קעסטין — סעמקע.

פֿון יעקב פּ. אַדלערן האָב איך געלערנט צו קומען צו פּראָבע מיט אַ פֿאַרטיקן פּלאַן, צו האָבן אויסגערעכנט פֿריער יעדע פּאָזיציע פֿון דעם אַקטיאָר און אָנגעצייכנט וואו ער זאָל שטיין און גיין, ווען דער אַקטיאָר זאָל געבן אַ זיפֿץ און ווען ער זאָל געבן אַ לאַך.

פֿון טאָמאַשעווסקין האָב איך געירשנט ווי אַזוי צו האַלטן דיסציפּלין ביי פּראָבע און זיצן אין טעאַטער ביי אַ באַלויכטן טישל בעת דער גענעראַל־פּראָבע און אַלץ פֿאַרצייכענען, און דערנאָך אויפֿמערקזאַם מאַכן דעם אַקטיאָר וואָס ער זאָל יאָ טאָן און וואָס ניט. (ווען טאָמאַשעווסקי איז געווען אין אייראָפּע, האָט ער דאָס געזען ביי ריינהאַרטס אַ פּראָבע אין בערלין, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער דאָס פּראַקטיצירט אין „פּיפּעלס״־טעאַטער).

פֿון קעסלערס רוגזה האָב איך געלערנט, אַז פֿאַרקערט — איך דאַרף

געווינען די אַקטיאָרן, זיי זאָלן האָבן צוטרוי צו מיר; איך האָב אויך אַריינ־גענומען קעסלערס געוויסע פּירונגען ביי פּראָבע — אָבער מיט רעזער־וואַציעס. הכלל, איך בין געקומען צו פּראָבע פּאַרטיק מיט דער גאַנצער רעזשי. איך געדענק ווי סעם קעסטין האָט זיך געוואונדערט:

— גיט נאָר אַ קוק, — האָט ער געזאָגט צו די אַקטיאָרן — ביי דער ערשטער פּראָבע ווייסט ער שוין וואו איך שטיי און וואָס איך טו...

אין צווייטן אַקט קומט פאָר אַ שטרייק. האָב איך געהייסן פרידזעלן מאַכן מוזיק פאַר דער גאַנצער סצענע בעת מען שטימט וועגן שטרייק. (אַגב, דער פאָרזיצער פון שטרייק־מיטינג האָט דערנאָך, אין דער וואָר־שעווער אויפפירונג, געזונגען ניט קיין קלענערער, ווי אַלעקסאַנדער קיפּניס, שפּעטער דער באַס פון דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע אין ניו־יאָרק).

די סצענע האָט דעמאָלט געמאַכט גרויס דערפאָלג, בפרט האָט זיך אין איר אויסגעצייכנט אַן אַלטער כאָריסט, מ״ר שאַפּיראָ: ער האָט פאָרגעשטעלט אַ יידל, אַ ליטוואַק, וואָס וויל ניט שטרייקן — „איך האָב אַ ווייב מיט זיבן קינדער״ — האָט ער געזונגען.

איך האָב אַנגאַזשירט אַ טאַנץ־מייסטער צו די טענץ, דעם אַמאָליקן באַוואוסטן פּראָפעסאָר באַראַבאַן, ווי ער פלעגט זיך רופן (ער איז געווען מיין קינדס טאַנץ־לערער). אַחוץ די זעקס כאָריסטקעס פון דער כאָריסטן־יוניאָן, האָב איך אַנגאַזשירט זעקס שיינע, יונגע מיידלעך, אָנגעטאָן אין באַד־קאָסטיומען, זיי זאָלן טאַנצן אין דער ראַקאָוועי־ביטש־סצענע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין יידישן טעאַטער, וואָס מען האָט אַנ־גאַזשירט טענצערינס, און דעם דאַמען־כאָר אַוועקגעשטעלט אין הינ־טערגרונט, זיי זאָלן נאָר זינגען...

קלאַראַ האָט זיך געמאַכט צו דער פּיעסע פיר נייע קליידער מיט אַ באַד־קאָסטיום, און דאָס מאָל האָב איך ניט געהאַט קיין פּאַראיבל אויף מיר, וואָס זי גיט אויס אַזוי פיל געלט...

סעם קעסטין האָט זיך געקויפט אין בלויען אַנצוג און אין ווייסן צום טאַנץ מיט קלאַראַן און מיט די זעקס מיידלעך. ער האָט אַריינגעלייגט זיין „גאַנץ״ געלט און טאַלאַנט אין דער פּיעסע און איז געווען גליקלעך. אַלע אַקטיאָרן האָבן געבעטן גאָט פאַר דעם סוקסעס פון דער פּיעסע — זיי האָבן געוואָלט ווייזן, אַז מען קאָן מאַכן סוקסעס אָן אַ סטאַר, ווען די פּיעסע איז נאָר אַ גוטע...

די פּיעסע האָב איך גערופן „מיין ווייבס מאַן״, — אַ נאָמען, וואָס פּאַסט פאַר אַ קאָמעדיע.

ווען די נאַכט פון דער פּרעמיערע איז אָנגעקומען, בין איך געווען

נערוועז פֿאַר דריי מענטשן: פֿאַר דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַן אויפֿפֿירער, פֿאַר מיר, ווי אַן אַקטיאָר און בפֿרט פֿאַר דעם „דאָקטערן" די פּיעסע — איך האָב מורא געהאַט, אַז דער פּאַציענט זאָל חלילה ניט שטאַרבן פֿון דער אָפּעראַציע...

איך האָב מיך אַריינגעצויגן אין קעסלערס גאַרדעראָב־צימער און אַלע האָבן מיך באַטראַכט פֿאַרן „סטאַר" פֿון טעאַטער. סטאַר־ראָלן האָב איך שוין געהאַט געשפּילט אַ סך, אי אין „פּיפּעלס"־טעאַטער און אי אין „טהאַליאַ"־טעאַטער: איך האָב געשפּילט אַדלערס ראָלע „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע"; דעם „יידישן קעניג ליר"; און דעם רעוואָלוציאָנער אין „צוויי וועלטן"; אויך יושקעוויטשעס „קעניג"; אַ סך טאָמאַשעווסקיס פּאָטער־ראָלן, — אַלץ אין מיטנוואָך, אָבער פֿרייטיק, שבת און זונטיק, ווען עס פֿלעגט קומען גאָר אַן אַנדער פּובליקום, צו זיין דער סטאַר און נאָך דערצו, ווען קעסלער איז אין דער זעלביקער טרופּע — איז עס געווען צום ערשטן מאָל, און איך האָב זיך געגרייט צו דער פֿאָרשטעלונג ווי אַ כהן צו דער עבודה...

דער גרויסער אַמעריקאַנער שוישפּילער ריטשאַרד מאַנספֿילד האָט זיך אויסגעדריקט: „די אויפֿפֿירונג פֿון אַן ערשטער פֿאָרשטעלונג איז פֿאַר אַן אַקטיאָר ניט צו דערטראָגן; די נערוועזקייט איז אַ מאַרטער; דאָך, ווען איך גיי אין טעאַטער און זע די רואיקע געזיכטער פֿון די פֿאַרבייגייער, מוז איך מודה זיין צו זיך אַליין, אַז איך וואָלט זיך ניט געביטן מיט זיי פֿאַר קיין זאַך אין דער וועלט. איך האָב עפּעס, וואָס פֿילט אויס מיין לעבן ביזן ברעג. די ערשטע פֿאָרשטעלונג פֿאַרן אַקטיאָר איז ווי אַ מלחמה: איך מוז געווינען, אָדער איך שטאַרב..."

ווען עדמאָנד קיען האָט באַדאַרפֿט צום ערשטן מאָל אויפֿטרעטן אין „שיילאָק", האָט ער זיך געוואונטשן: „בעסער גיין וואו מען זאָל מיך שיסן, איידער איצט גיין אין טעאַטער".

אָבער קיין אַקטיאָר איז נאָך קיינמאָל ניט אַנטלאָפֿן פֿון אַ פּרעמיערע...

ווען דער סצענאַריום־־האַלטער האָט אויסגערופֿן „סטעידזש!" (צייט צו גיין אויף דער בינע), האָב איך דערפֿילט אין זיך דעם הייליקן ציטער, וואָס יעדער שוישפּילער דאַרף און זאָל אים פֿילן פֿאַר דעם ערשטן אויפֿטריט אויף דער בינע.

איך בין אַריין צו קלאַראַן אין גאַרדעראָב־צימער, איר געגעבן אַ קוש אין קאָפּ (זי איז שוין געווען גרימירט) און בלויז געבעטן זי זאָל מיר ווינטשן סוקסעס.

װען דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אױפֿגעהױבן, האָט זיך די װעלט פֿאַר מיר אָפּגעשטעלט. געלעבט פֿאַר מיר האָבן נאָר די אַקטיאָרן אױף דער בינע און די מענטשן אין טעאַטער, און איך בין אַרױף אױף דער סצענע װי אַ כּהן צום מזבח. מיטאַמאָל איז די נערװעזיטעט און אױפֿרעגונג פֿון מיר אינגאַנצן פֿאַרשװאונדן. איך האָב פֿאַרגעסן אין פּובליקום, אינגאַנצן זיך קאָנצענטרירט אױפֿן כאַראַקטער פֿון מײן ראָלע, דער בעקער, און באַלד דערפֿילט, אַז די מענטשן אױף יענער זײט ראַמפּע זײנען מיט מיר און מיט דער פּיעסע.

צו מאַכן, אַז דאָס פּובליקום זאָל דיר אַפּלאָדירן, קאָן מען אָנװענדן פֿאַרשײדענע קונצן; אָבער צו מאַכן, אַז דאָס פּובליקום זאָל זיצן שטיל און געשפּאַנט, איז דער גרעסטער אַפּלאָז...

איצט בין איך שױן געװען אױפֿגערעגט בלױז פֿון צופֿרידנקײט, װי מען זאָגט אײנעם אָן אַ גוטע בשורה. און װען דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן נאָכן דראַמאַטישן פּראָלאָג און ס'איז געקומען אַ שטורמישער אַפּלאָז, האָב איך שױן אָנגעהױבן טראַכטן: װי װעט ערשט זײן בײ די אַנדערע דרײ אַקטן, — די מוזיק, די אַנסאַמבלען און די טענץ, די קופּלעטן און די דועטן פֿון קלאַראַן און סעם קעסטינען?... װען קלאַראַ איז אַרױף אױף דער בינע אין איר רױטן קאָסטיום, אַ רױט היטעלע און מיט אַ רױטן שירם, איז דאָס פּובליקום פֿאַרגאַפֿט געװאָרן פֿון איר יוגנטלעכקײט און פֿעריזנלעכקײט; און װען זי האָט געזונגען דעם קופּלעט „אַ קשיא אױף אַ מעשה, װאָס קאָן זיך מאַכן", האָט מען זי ניט אַרונטערגעלאָזן פֿון דער בינע. פֿרידזעלס דועט „מײדלעך, איר זאָלט ניט שטאָלצירן", געזונגען פֿון קלאַראַן און קעסטינען, האָט געהאַט אַן אױסערגעװײנטלעכן בײפֿאַל. אַזױ איז אין יעדער סצענע, יעדעס שטיקל מוזיק געגאַנגען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. װען דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן בײם דריטן אַקט, האָט גע־הערשט אַ שטילקײט אין פּובליקום. די אַקטיאָרן אױף דער בינע האָבן זיך איבערגעקוקט, װי אײנער װאָלט געפֿרעגט בײם צװײטן — װאָס איז דאָס? די שטילקײט האָט אָנגעהאַלטן אַ זעקס, זיבן סעקונדן. פּלוצים, װי אַ װאַסער װאָלט זיך דורכגעריסן דורך אַ דאַמבע, האָט אױסגעבראָכן אַ שטורעם פֿון אַפּלאָז, פֿון אונטן ביז אַרױף. דער פֿאָרהאַנג האָט געמוזט זיך אױפֿהײבן אַ זיבן, אַכט מאָל. קעסטין האָט פֿאַר גרױס שׂמחה זיך צעקושט מיט די אַקטריסעס; קלאַראַ האָט פֿאַר אױפֿרעגונג פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ פֿרעמדן גאַרדעראָב. בעלאַ גודינסקי האָט מיט באַדױערן געזאָגט: „אַ שאָד װאָס דער טשיף (קעסלער) זעט דאָס ניט"... און בײ מיר האָבן

זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן; דער דערפֿאָלג פֿון „מיין ווייבס מאַן" איז געווען זיכער.

ווילנער האָט גלייך נאָך דער פֿאָרשטעלונג געשיקט קעסלערן אַ טע־לעגראַמע קיין שיקאַגאָ: „פּלעי עי ווערי ביג סוקסעס" (די פּיעסע איז זייער אַ גרויסער דערפֿאָלג).

יענע נאַכט נאָך דער פֿאָרשטעלונג איז פֿאַר מיר געווען איינע פֿון די גליקלעכסטע. איך האָב געפֿילט ווי אַן אומבאַקאַנטער דאָרפֿס־דאָקטאָר, וואָס האָט געמאַכט אַ געלונגענע אָפּעראַציע איבער אַ פּאַציענט, וועמען דער גרעסטער פּראָפֿעסאָר האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן...

קעסלער האָט ניט געקאָנט פֿאָרשטיין פֿאַרוואָס די פּיעסע האָט געהאַט דערפֿאָלג. ווי די אַקטיאָרן, וואָס זיינען מיט אים אין יענער צייט געווען אין שיקאַגאָ, האָבן מיר איבערגעגעבן, האָט זיך קעסלער אויסגעדריקט: „וואָס האָט דער ממזר (מיינענדיק מיך) אַזוינס געטאָן אין דער פּיעסע?" ער איז אויך אַזוי פֿיל געווען נייגעריק צו זען די פּיעסע, אַז ער האָט פֿאַר־שנעלערט דעם טור און איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק.

די פּיעסע איז געגאַנגען אַ שיינע פּאָר וואָכן אין „ליריק"־טעאַטער. עס איז געווען אַ רעקאָרד־פּיעסע פֿאַר ברוקלין. ווען קעסלער האָט געזען שפּילן „מיין ווייבס מאַן", האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל שפּילן מיין ראָלע, דעם בעקער. און באַלד טאַקע איז ער געפֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע שפּילן מיין ראָלע.

דער מחבר מייזעל האָט, נאָכדעם, ווי ער האָט געזען די פּיעסע אויפֿ־געפֿירט, מיר געדריקט די האַנט און געזאָגט: „האָסט פֿאַר דיין ווייב געמאַכט אַ סטאַר־ראָלע, האָסט אַרויסגעוואָרפֿן מיינע סצענעס און זיך אַריינגעשטעלט מאַכערייקעס — טהענק יו, יאַנג! איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב געזוכט עפּעס אין דער פּיעסע איך זאָל זיך קאָנען טשעפּען צו דיר, נאָר איך בין צופֿרידן"...

סעם קעסטין האָט באַקומען אַ גרויסן נאָמען צוליב דער ראָלע פֿון „סעמקע". און קלאַראַ האָט יענע נאַכט געמאַכט אויף דער קליינער בינע פֿון „ליריק"־טעאַטער איר גרויסן טריט צו אַ גרויסער, לאַנגער, דער־פֿאָלגרייכער קאַריערע פֿון געלט, כבוד, פֿאַרערער, — אָבער אויך צו אַ גרויסער ענדערונג אויף דער „בינע" פֿון איר פּריוואַטן לעבן...

דער פּיעסע האָב איך אַ נאָמען געגעבן „מיין ווייבס מאַן". אָבער שפּעטער, צום באַדויערן, בין איך אַליין אַלץ מער און מער באַוואוסט גע־וואָרן ווי בלויז „מיין ווייבס (קלאַראַ יאַנגס) מאַן"...

דער אָנזאָג פאַר דעם שפּעטערדיקן מאָריס שוואַרץ

ביים טעאַטער שפּילט דער צופאַל, די געלעגנהייט, אַ הויפּט־ראָלע. גרויסע קינסטלער קאָנען אַרומגיין יאָרן־לאַנג און ניט אָנערקענט ווערן, ווייל זיי האָבן ניט קיין געלעגנהייט זיך צו ווייזן. מאַכט זיך אָבער אַ געלעגנהייט — אַן אַקטיאָר ווערט קראַנק און מ׳דאַרף אים פאַרטרעטן, אָדער אַן אַנדערער צופאַל — קאָן אַזאַ אַקטיאָר בארימט ווערן איבער נאַכט.

ווען קעסלער איז צוריקגעקומען פון שיקאַגאָ מיט דער טרופּע, אין וועלכער ס׳האָט אויך געשפּילט דער יונגער מאָריס שוואַרץ, האָב איך אין „ליריק״־טעאַטער נאָך געשפּילט „מיין ווייבס מאַן״. לואי היימאַן, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון ראָבערט, איז אַ געוויסן אָוונט קראַנק געוואָרן און איך האָב געהייסן שוואַרצן שפּילן די ראָלע פון ראָבערט. אין אַ צוויי שעה צייט האָט שוואַרץ אויסגעלערנט די ראָלע און איז אַרויף שפּילן.

מאַקס ר. ווילנער פלעגט שטענדיק קוקן אויף אַ פאָרשטעלונג, איי־בערהויפּט ביי אַזאַ צופאַל. שוואַרץ איז אים זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט געהאַט טענות צו קעסלערן פאַרוואָס ער גיט שוואַרצן ניט קיין ראָלן, און צו מיר האָט ווילנער דעמאָלט געזאָגט:

— הי איז עי דעם גוד עקטאָר, גיוו הים פּאַרטס (ער איז דאָך אַ פאַרדאַמט גוטער אַקטיאָר, גיט אים ראָלן).

שוואַרץ איז שוין דעמאָלט געבליבן ביי דער ראָלע פון ראָבערט, און ווילנער האָט געזאָגט, אַז מען זאָל שוואַרצן אַנגאַזשירן פאַר דעם קומענדיקן סעזאָן פאַר דעם נייעם סעקאָנד עוועניו־טעאַטער, און דאָ האָב איך ווידער געהאַט שוועריקייטן מיט קעסלערן, ביז ער האָט איינגעוויליקט צו שוואַרצס אַנגאַזשמאַ... אָבער פון דעמאָלט אָן איז שוין שוואַרץ געוואָרן אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דער טרופּע. אין זיין ראָלע אין „מיין ווייבס מאַן״ איז שוין געווען דער אָנזאָג פאַר דעם שפּעטערדיקן מאָריס שוואַרץ.

איינמאָל איז שוואַרץ געקומען אין גאַרדעראָב זייער פאַרשוויצט — ער האָט געמיינט, אַז ער איז שפּעט:

— איך האָב געשריבן, בין איך געווען אַזוי אַריינגעטאָן, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך שפּיל היינט. — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר מיר.

— וואָס האָט איר געשריבן, אַ בריוו? — פרעג איך אים לאַכנדיק.

— איך זעץ איבער אַן ענגלישע פּיעסע אויף יידיש, — האָט שוואַרץ געזאָגט אַביסל שעמעוודיק...

מערקווירדיק ווי ס'האָט מיר דעמאָלט אַ בליץ געטאָן אויפֿן געדאַנק, אַז דער זעלבער מאָריס שוואַרץ וועט אַפשר שפּעטער באַלויכטן די יידישע בינע, וואָס איז פֿינצטער געוואָרן מיט יעקב גאָרדינס טויט.

— שוואַרץ, — האָב איך צו אים געזאָגט, — איר האָט אַ גרויסע צוקונפט ביים יידישן טעאַטער. אַרבעט איבער זיך, און איר וועט אַ סך דערגרייכן.

און עס פֿרייט מיך, וואָס איך בין געווען דער ערשטער, וועל־כער האָט נביאות געזאָגט וועגן מאָריס שוואַרצס צוקונפֿט ביים יידישן טעאַטער.

מען רעדט זייער פֿיל וועגן שוואַרצס ענערגיע ביים טעאַטער. אָבער ענערגיע אַליין איז ניט גענוג; מען דאַרף זי אויך קאָנען אויסנוצן. און שוואַרץ האָט אַ סך אויסגענוצט זיין שטאַרקע ענערגיע...

עס קומט מיר איצט אויפֿן זינען אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאָט מיט אַן אַקטיאָר, ווען מיר האָבן געמאַכט פּראָבע פֿון „קידוש השם" אין יידישן קונסט־טעאַטער. שוואַרץ איז געשטאַנען מיטן טעקסט און אָפּ־געשפּילט אַלעמענס ראָלן ביי דער פּראָבע — אַזוי בייטאָג און ביינאַכט. קומט צו מיר אַ געוויסער אַקטיאָר, וואָס האָט געהאַט געציילטע עטלעכע שורות צו רעדן אין דער פּיעסע, און קלאָגט זיך פֿאַר מיר:

— דער שוואַרץ מוטשעט מיך אויס. איך האָב שוין מער קיין כּוח ניט!

רוף איך זיך אָפּ צום אַקטיאָר:

— דו דערמאָנסט מיך אָן דעם „דאָר־קיפּער" (טיר־היטער) פֿון סאַראַ בערנאַרדס פֿאָרשטעלונגען. ווען סאַראַ בערנאַרד, שוין אַ זיבעציק־יעריקע פֿרוי, האָט גאַסטראָלירט אין ניו־יאָרק, האָט זי געשפּילט ניין פֿאָרשטעלונגען אַ וואָך (זעקס אָוונטן און דריי מאַטינעס). האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז דער מענעדזשער האָט אָנאָנסירט אַן עקסטרע פֿאָרשטעלונג, אַ מאַטינע, דאָס הייסט אַ צענטע פֿאָרשטעלונג. ווען דער „דאָר־קיפּער" פֿון טעאַטער האָט עס דערהערט, האָט ער אויסגעשריגן פֿאַרצווייפֿלט: „מאַי גאָד, דהאַט וואומען וויל קיל מי!" (גאָט מיינער, אָט די פֿרוי וועט מיך דערהרגענען).

דער אַקטיאָר האָט פֿאַרשטאַנען דעם וויץ און זיך צעלאַכט.

צוזאַמען מיט שוואַרצס ענערגיע איז אויך געגאַנגען זיין שטאַרקער גלויבן אין זיך. אַזוי דערציילט מיר שוואַרצס אַמאָליקער אינטימער

פּריינט, וועלכער האָט מיט אים געוואַנדערט, געהונגערט, דער מענעדזשער סאָול דיקשטיין:

„אין יענער צייט, בעת מיר האָבן געהונגערט, ווען שוואַרץ האָט געזען קעסלערן אין גאַס, איז ער געקומען צו מיר מיט אַ גדולה, אַז ער האָט באַגעגנט קעסלערן; ווען ער האָט געזען אַדלערן, איז ער אים נאָכגעגאַנגען עטלעכע גאַסן, ער זאָל אים קאָנען גוט אָנקוקן; אַפילו ווען שוואַרץ האָט איך, מ״ר יאַנג, געזען ביי מאַרקין אין קאַפע־הויז אויף גרענד סטריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צו מיר געזאָגט: ׳זעסט, דאָרט זיצט בערנאַרד יאַנג׳; און ער האָט ניט געוואַגט אַריינצוגיין אין קאַפּע־הויז. אין יענער שפּלדיקער צייט זיינער האָט מיין חבר שוואַרץ געהאַט דעם מוט צו זאָגן צו מיר: ׳דיקשטיין, דו וועסט זען, וואָס איך וועל אויפטאָן פאַר דער יידישער בינע׳. איך האָב אים דעמאָלט אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ, האָב צוגעלייגט מיין האַנט צו זיין שטערן און מיט באַדויערן געזאָגט: ׳שוואַרץ, דו רעדסט נעבעך פון היץ!׳ ער איז ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן און געזאָגט נאָך מיט מער דרייסטקייט: ׳איך וועל אויפטאָן ביים טעאַטער מער ווי אַדלער!׳

„׳גיי, ביסט אַ פאַנטאַזיאָר׳, זאָג איך אים, און שוואַרץ זאָגט מיט אַ טאָן פון איבערצייגונג: ׳איך וועל פאַר דעם יידישן טעאַטער טאָן דאָס, וואָס טאָמאַשעווסקי און קעסלער האָבן נישט געטאָן׳.

„דאָ האָב איך אַ געשריי געטאָן אויפן העכסטן טאָן: ׳משוגענער!׳ שוואַרץ דערשרעקט זיך ניט פאַר מיר און שרייט אויס נאָך העכער פאַר מיר: ׳איך וועל אויפטאָן פאַרן יידישן טעאַטער מער ווי אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעווסקי צוזאַמען!׳״

און אַז שוואַרץ האָט אויפגעטאָן גאַר אַ סך פאַרן יידישן טעאַטער, בפרט אין די יינגערע יאָרן פון קונסט־טעאַטער, מוז איצט יעדער צוגעבן. און דאָס איז מעגלעך געווען נאָר אַדאַנק זיין ענערגיע און דעם גרויסן גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות.

ווידער אין לאָנדאָן

דערוויל האָט זיך סעקאָנד עוועניו־טעאַטער געבויט. ווען די דער־עפענונג פון טעאַטער וועט פאָרקומען, האָט מען באַשטימט ניט געוואוסט. און אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ סוקסעס־פּיעסע, אין וועלכער קלאַראַ קען זיך ווייזן פאַר אַ פרעמדן פּובליקום, און איך האָב אויך אַ ראָלע, האָב איך אָנגעהויבן צו קלערן וועגן פאָרן אויף די זומער־מאָנאַטן קיין איראָפּע

שפּילן, ביז דער סעקאַנד עוועניו־טעאַטער וועט פֿאַרטיק ווערן. איך האָב דעמאָלט שוין אָנגעהויבן גלויבן אין מיינע אייגענע כּוחות — און ווער ווייסט ווי דער גאַנג פֿון מיין לעבן וואָלט זיך פֿאַרקערעוועט, ווען איך פֿאָר ניט יענעם זומער קיין איראָפּע מיט קלאַראַן און דערפֿיל ניט די גרויסע קראַפֿט פֿון קלאַראַן אַלס שוישפּילערין, און אויך מיין וויניקייט אַלס גאַסטראָליאָר־שוישפּילער, און ווען איך זע ניט וויפֿל געלט עס איז אָנגעגרייט פֿאַר אונדז אין איראָפּע...

עס קאָן מעגלעך זיין, אַז מיין פֿריינט מאַקס ר. ווילנער וואָלט געוועזן גענומען דעם אירווינג־פּלעיס־טעאַטער ניט פֿאַר שוואַרצן (וואו שוואַרץ האָט געמאַכט דערפֿון אַ דראַמאַטיש קונסט־טעאַטער), נאָר ער וואָלט מיך מיט קלאַראַן דאָרט אַריינגעשטעלט. ווייל ווען איך בין געקומען מיט זיבן יאָר שפּעטער פֿון איראָפּע, האָט ווילנער צו מיר געזאָגט: „איר ווייסט, מ״ר יאַנג, ווען איר פֿאָרט ניט אַוועק דעם לעצטן מאָל פֿון אַמעריקע, האָב איך געדענקט צו נעמען אַ טעאַטער פֿאַר אייך, אַן קעסלערן, וואו איר וואָלט אויפֿגעפֿירט מוזיקאַלישע קאָמעדיעס מיט קלאַראַן״. און איך האָב אים געקאָנט גלויבן, ווייל ער האָט דאָך שוין געהאַט גענומען אַ טעאַטער אויף 116טע גאַס פֿאַר מיר מיט קלאַראַן.

מיט פֿיר־און־צוואַנציק יאָר צוריק בין איך אַוועק פֿון לאָנדאָן. און ווען איך בין אין 1911 צוריקגעקומען, האָב איך קיין ענדערונגען ניט געפֿונען. די זעלביקע ברייטע גאַס וואַיטשעפּעל מיט די קליינע, שמאָלע געסלעך ביי דער זייט. דערפֿאַר האָב איך אין דעם כאַראַקטער פֿון דעם יידישן אימיגראַנט יאָ געפֿונען אַן ענדערונג. לאָנדאָן איז פֿאַר אים ניט געוועזן מער ווי אַן אַכסניה איבערצושלאָפֿן אַ פּאָר נעכט און פֿאָרן ווייטער — קיין אַמעריקע, אַפֿריקע, אויסטראַליע. ביז אַ ייד האָט, אין 1887, באַשלאָסן צו גיין אין יידישן טעאַטער, האָט ער שוין דערווייל באַדאַרפֿט ווידער אַוועקפֿאָרן. די יידן, וואָס איך האָב איצט געטראָפֿן אין לאָנדאָן, זיינען געקומען אַהין צו פֿאַרבלייבן. האָב איך טאַקע געפֿונען אין האַרץ פֿון דער יידישער געגנט אַ גרויס טעאַטער, דעם „פּאַוויליאָן״, מיט דריי מאָל אַזוי פֿיל זיץ־פּלעצער, ווי אין אַמאָליקן פּרינץ סטריט־קלוב־טעאַטער, וואו עס האָט געשפּילט אַ יידישע טרופּע.

אויך נאָך אַ יידישע צייטונג איז צוגעקומען — „דער יידישער זשורנאַל״, רעדאַקטירט פֿון דעם שפּעטערדיקן רעדאַקטאָר פֿון „טאָג״, ס. דינגאָל, צוזאַמען מיט דעם פֿאַרשטאָרבענעם מאָריס מייער (פֿריער איז געווען בלויז דער „אַרבעטער פֿריינט״).

וואַיטשעפּל האָט געהאַט אַ יידישן רעסטאָראַן, אַנטקעגנאיבער

דעם „פּאַוויליאָן", וואָס איז געווען ווי דאָס סעקאַנד עוועניו „קאַפע ראָיאַל" אין ניו־יאָרק. ענגלישע און יידישע אַקטיאָרן פון אַמעריקע פלעגן קומען צו שטיינוואָלפן אין רעסטאָראַן. סאָפי טאָקער פלעגט זיין דאָרט אַזוי היימיש, ווי ביי איר טאַטן אין רעסטאָראַן אין האַרטפאָרד. אָבער די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין דעם גרויסן „פּאַוויליאָן"־טעאַטער, זיינען געווען אַזוי קליין אין טאַלאַנט אַנטקעגן יענע פון פּרינץ סטריט־טעאַטער, ווי דאָס פּרינץ סטריט־טעאַטער איז געווען קליין אַנטקעגן דעם גרויסן „פּאַוויליאָן"־טעאַטער.

איך האָב מיך געמוזט צופּאַסן צו דער טרופּע. פאַר דעם פּאַט־קאָמיקער „סעמקע" (קעסטינס ראָלע ביי „מיין ווייבס מאַן") האָב איך געמוזט נעמען אַן אַקטיאָר פון דער אַנדערער טרופּע, יאָזעף שערמאַן. (ער האָט שפּעטער געשפּילט אַ סעזאָן אין ניו־יאָרק). שוין ביי די פּראָבן זיינען די אַקטיאָרן געווען אַנטציקט פון קלאַראַן. אַלע סוברעטינס פון יענער צייט האָבן געהאַט קליינע שטימעלעך, און ווען זיי האָבן דערהערט ווי קלאַראַ האָט גענומען אַן אויבערשטע „דאָ", זיינען זיי איבערראַשט געוואָרן.

די פּיעסע „מיין ווייבס מאַן" האָט געהאַט אין לאָנדאָנער „פּאַוויליאָן"־טעאַטער דעם זעלביקן בייפאַל ווי אין „ליריק"־טעאַטער, ברוקלין, און קלאַראַ נאָך אַ גרעסערן... ליידער איז פּאַרלוירן געגאַנגען אַ גאַנץ בוך מיט רעצענזיעס אויף מיינע וואַנדערונגען.

איך האָב איצט געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען זייער גוט, ווען מיר זאָלן דערעפענען דאָס סעקאַנד עוועניו־טעאַטער אין ניו־יאָרק מיט אַ פּיעסע פון אַ שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען. ס'איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער נאָמען ישראל זאַנגוויל. ער האָט דעמאָלט געוואוינט הינטער לאָנדאָן און איך בין געפאָרן צו אים. זאַנגווילס הויז איז געשטאַנען אין אַ גאָר שיינער געגנט, אין אַ גאָרטן־הויף מיט פּרעכטיקע בלומען. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, און אַ הויכע, שלאַנקע, עלטערע דאַמע פון ניט־יידישן אויסזען האָט מיר געעפנט (דאָס איז געווען זאַנגווילס פרוי).

— קען איך זען מ"ר זאַנגוויל?

— יעס, ער איז אין שטוב — ענטפערט זי זייער העפלעך און פירט מיך אַריין אין אַ צימער, וואָס איך וואָלט עס אָנגערופן אַן עס־צימער (דאַיינינג רום).

ווען איזראַעל זאַנגוויל איז אַריינגעקומען, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם יידישן אַקטיאָר ישראל גראַדנער, און באַלד טאַקע אויך אין דעם העברייאישן דיכטער נפתלי הערץ אימבער — אַזוי ענלעך איז ער געווען צו זיי מיט זיין סעמיטישן אויסזען... (אַלע דריי האָבן טאַקע עפּעס מחדש

געווען פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק: אימבער מיט זיין „התקוה“, ישראל זאַנג־וויל מיט זיין טעריטאָריאַליזם, און ישראל גראַדנער ווי דער ערשטער יידישער אַקטיאָר).

איך האָב מיך פֿאַר זאַנגווילן פֿאָרגעשטעלט אַלס יידישער אַקטיאָר און דירעקטאָר פֿון אַמעריקע און אים געזאָגט, אַז איך האָב געשפּילט אין זיין פּיעסע „די קינדער פֿון דער געטאָ“ אין ניו־יאָרק.

זאַנגוויל האָט מיר אַנגעוויזן אַ שטול זיך צו זעצן און דערביי באַ־מערקט, אַז אויף דעם שטול איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק געזעסן דער מיליאָנער דזשייקאָב שיף...

— איך בין טאַקע געקומען צו אייך, מ״ר זאַנגוויל, איך זאָל ווערן אַ מיליאָנער — האָב איך ספּאָנטאַן געזאָגט. און איך דערציייל אים, אַז מען בויט איצט אין ניו־יאָרק אויף סעקאָנד עוועניו אַ יידיש טעאַטער פֿאַר דעם גרעסטן יידישן אַקטיאָר, מ״ר דוד קעסלער, און מיר וואָלטן געוואָלט האָבן דעם כּבֿוד צו עפֿענען דעם טעאַטער מיט זיינער אַ פּיעסע.

— און איר דענקט, אַז איר וואָלט געוואָרן אַ מיליאָנער פֿון מיינער אַ פּיעסע? ביז איצט איז עס נאָך ניט געשען! — האָט זאַנגוויל שמייכלענ־דיק געזאָגט.

ער האָט מיך אַרויפֿגעפֿירט אין אַ צימער, פֿון וועלכן עס האָט זיך געזען דער ים פֿון דער ווייטנס און אַרום האָט געהערשט אַ געהיימע שטילקייט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין שרייב־צימער. איך האָב אָבער ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן, קוקנדיק אויף אַזאַ פּרעכטיקן פּייסאַזש, אָנשרייבן „די קינדער פֿון דער געטאָ“ אין לאָנדאָן מיט דעם שמוציקן מאַרק...

מיר האָבן דערנאָך שפּאַצירט אין גאָרטן (איך האָב באַשריבן דעם וויזיט ביי זאַנגווילן אין דער אַמאָליקער „וואָרהייט“), און זאַנגוויל האָט מיר דעמאָלט צוגעזאָגט אָנצושרייבן אַ פּיעסע פֿאַר דעם סעקאָנד עוועניו־טעאַטער און זי מיר צושיקן. ליידער האָב איך ניט געקאָנט פֿאַרבלייבן צו „טי־טאַים“ — איך האָב געמוזט צוריקפֿאָרן. איך האָב זיך אַנטשולדיקט, אַז איך מוז זיך פֿאַרברייטן צו דער פֿאָרשטעלונג פֿאַר דעם אָוונט.

*

אין לאָנדאָן האָבן מיר צום ערשטן מאָל אין איין וואָך פֿאַרדינט 500 דאָלאַר, און ווען ניט אַ געוויסער מ״ר בראָון, וואָס האָט פֿאַרהאַנדלט פֿאַר קלאַראַס גאַסטראָלן מיט די באַקאַנטע מענעדזשערס ראַפּעל און עפּלבערג, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען די באַלעבאַטים פֿון וואַרשעווער טעאַטער

„עליזעאום" אויף דער קאַראַווע גאַס, וואָלטן מיר פֿאַרבליבן שפּילן אין לאָנדאָן אַ לאַנגע צייט.

ווען דער מ"ר בראַון האָט געפֿרעגט קלאַראַן, אויב זי וועט פֿאָרן אַליין קיין וואַרשע, האָט זי געענטפֿערט, אַז זי וועט פֿרעגן איר מאַן. און אַ מאַן צעגייט זיך פֿון נחת, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיין פֿרוי האָט געזאָגט, עס ווענדט זיך אָן מיין מאַן, וואָס ער וועט זאָגן... אַחוץ דעם האָט נאָך דעמאָלט מיין פֿאַמיליע — מיין טאַטע, מיינע דריי ברידער און צוויי שוועס־טער, וועלכע איך האָב שוין ניט געזען 24 יאָר — געלעבט אין וואַרשע, און דער פֿאַרלאַנג, אַז קלאַראַ זאָל זיך באַקענען מיט זיי, און דורך דעם וועט איר ליבע צו מיר ווערן נאָך שטאַרקער, איז געווען זייער גרויס. איך האָב אויך געוואָלט מיין פֿאַמיליע זאָל זען, וואָס פֿאַר אַ גרויסע אַקטריסע איך האָב פֿאַר אַ פֿרוי. אויך דער „סטאַר" אין מיר האָט רע־וואָלטירט. ווי זאָגט מען: „צוויי שטערן לייכטן נישט". און כאָטש איך האָב אין לאָנדאָן אויפֿגעפֿירט „דער לייב און די מייז", „סיביריאַ", אויך אַברהם שאָמערס „אַלרייטניקעס" און געשפּילט קעסלערס ראָלן, האָב איך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן פֿילן, אַז איך הויב אָן צו ווערן פֿאַרטונקלט פֿון מיין פֿרוי — צוליב איר קאָן איך ניט שטעלן קיין פּיעסן, וואו איך אַליין האָב די הויפּט־ראָלע. אָט דאָס, און אויך שטערונגען מיט מיין אַמעריִ־קאַנער פּאַס, האָבן מיך געטריבן דערצו, אַז איך זאָל לאָזן קלאַראַן פֿאָרן קיין וואַרשע גאַסטראָלירן אָן מיר.

דער שוישפּילער משה וואַקסמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער „סטאַר" פֿון דעם „פּאַוויליאָן", האָט צו מיר געזאָגט אין קעגנוואַרט פֿון קלאַראַן: „וואָס טוט איר, מ"ר יאַנג, איר נעמט אַ שיינע, יונגע, גוטע אַקטריסע און שיקט זי אַוועק אַליין צווישן אַ כאַפּטע אַקטיאָרן? מען וועט זי דאָרט איינשלינגען! וואו איז אייער שכל, מ"ר יאַנג? איך, אויף אייער פּלאַץ, וואָלט אַזאַ נאַרישקייט ניט געטאָן. איך וואָלט זי ניט אָפּ־געלאָזט פֿון מיין אויג; איך וואָלט זי געהיט, ווי מען היט אַ טייערן דימענט, און ווען איך וואָלט געמוזט אַוועקגיין אָן איר, וואָלט איך זי צוגעבונדן צום בעט..."

אָבער די שלאַנג פֿון אייפֿערזוכט האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאַט כּוח גענוג צו לאָזן אין מיר איר גיפֿט. איך בין אַלט געווען אַ פֿערציק יאָר, זיך אַליין באַטראַכט פֿאַר אַ סטאַר, פֿאַר אַ גאַנצן אויפֿטוער ביים טעאַטער, און דערצו האָב איך נאָך דעמאָלט געדענקט, אַז ווען קלאַראַ זאָל קומען צו מיר און זאָגן: „בועז, איך ליב דיך ניט מער, איך האָב ליב אַ צווייטן", וואָלט איך איר געגעבן אַ קוש און געזאָגט: „זאָל דיר זיין מיט גליק און

זאָלן מיר פֿאַרבלייבן פֿריינט אויף אונדזער גאַנץ לעבן...״ האָב איך דען ניט געוואָלט, אַז קלאַראַס ערשטער מאַן זאָל אַזוי האַנדלען קעגן מיר? אָבער טעאָריע און פּראַקטיק זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. יענע ווערטער קלאַראַס אין פּאַרק: „געדענק בועז, דו וועסט אַמאָל שטאַרק חרטה האָבן״ זיינען געלעגן ערגעץ אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין און איך האָב זיי אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

ווען וואַקסמאַן האָט עס מיר געזאָגט, האָב איך זיך צעלאַכט און געזאָגט: „דו האָסט געהערט, קלאַרישי, וואָס מ״ר וואַקסמאַן האָט באַמערקט?״ אָבער זיינע ווערטער האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ ווירקונג און עס האָט זיך אָנגעהויבן אין מיר אַ קאַמף צווישן שכל און געפֿיל... נאָר דער באַגער, אַז קלאַראַ זאָל זיך באַקענען מיט מיין פֿאַמיליע און אויך איך אַליין זאָל זיין דער סטאַר אין אייראָפּע און טאַקע פֿאַרדינען אַליין אַ סך געלט, איז געווען שטאַרקער און געזיגט איבערן שכל...

מיר זיינען געפֿאָרן צוזאַמען ביז בערלין און דאָרט האָבן מיר זיך צעשיידט: קלאַראַ איז געפֿאָרן קיין וואַרשע מיטן אַקטיאָר שערמאַן, ער זאָל פֿאַר איר אויפֿפֿירן די פּיעסע „מיין ווייבס מאַן״, און אויך מיט איר מיטשפּילן, און איך בין אַוועקגעפֿאָרן קיין לעמבערג.

מיינע גאַסטראָלן אין אייראָפּע

אין לעמבערג איז אין יענער צייט (אין 1911) שוין געווען דירעקטאָר פֿון יידישן טעאַטער עמיל גימפּעל, דער זון פֿון דעם באַקאַנטן גאַליציאַנער דירעקטאָר יעקב־בער גימפּעל. איך האָב עס גאָרניט געקענט פֿאַרשטיין ווי אַזוי איך וועל קענען שפּילן אין אַן אָפֿענעם גאָרטן: וואָס טוט מען, ווען עס הויבט־אָן אינמיטן דער פֿאָרשטעלונג צו רעגענען? איבערהויפּט האָב איך זיך גאָרניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז מען קען שפּילן אויף אַזאַ קליינער בינע. די „טהאַליאַ״־טעאַטער־בינע איז געווען איינע פֿון די גרעסטע בינעס אין ניו־יאָרק, מיט קאַרעטן פֿלעגט מען אויף איר אַרויפֿפֿאָרן. און ווי קליין „ליריק״־טעאַטער איז געווען, האָט עס געהאַט אַ בינע פֿון אַ דרייסיק „פוס״ די ברייט און אַזוי פיל אין דער טיף. אָבער די בינע פון גאָרטן אין לעמבערג האָט געוויס ניט געהאַט מער ווי פופצן „פוס״ די ברייט און אַזוי פּיל „פוס״ די טיף. אין קליינעם טעאַטערל לעבן גאָרטן, וואו מען האָט באַדאַרפֿט שפּילן, ווען עס האָט גערעגנט, איז די בינע געווען נאָך פֿיל קלענער. דער דירעקטאָר גימפּעל האָט מיך געטרייסט, אַז אויב דער ניו־יאָרקער גאַסטראָלער מאָריס מאָשקאָוויטש האָט געקענט

שפּילן אויף דער בינע, װעל איך אויך קענען. און װען דער דירעקטאָר גימפּעל האָט מיר געזאָגט, אַז מאַשקאָװיטש איז אויפגעטראָטן אין גאָרדינס „קעניג ליר", האָב איך אים געזאָגט, אַז איך װעל אויפטרעטן אין גאָרדינס „שלמה חכם"...

„שלמה חכם" איז געװען אײנע פון אַדלערס בעסטע און שטאַרקסטע ראָלן. און אַזױ װי איך האָב געשפּילט בײ דער אויפפירונג און געזען אַד־לערן מער װי אַ הונדערט מאָל אין דער ראָלע, האָב איך אים ביט־װילנ־דיק אין אַ סך סצענעס קאָפּירט, כאָטש איך האָב שוין געהאַט דערפאַרונג מיט אַ ראָלע און האָב שוין געװאוסט, אַז דער ערגסטער אָריגינאַל איז בעסער װי די בעסטע קאָפּיע, און אַז דער אַקטיאָר, װאָס קאָפּירט אַלעמען, קען זעלטן זיך אַלײן שפּילן... אָבער בײ „שלמה חכם" זײנען אַדלערס באַטאָנונגען, זײן גרים בײ דער משוגעת־סצענע און זײן געשרײ „גאַלילײ! און די ערד באַװעגט זיך דאָך!" — נאָך געװען פריש אין מײן זכרון און איך האָב מיך ניט געקאָנט באַפרײען פון דעם.

צו מײן גליק האָט זיך ניט געפונען קײן אײן מענטש אין גאַנץ לעמ־בערג, װאָס האָט אַדלערן געזען אין ניו־יאָרק שפּילן „שלמה חכם", און איך, װי די פּיעסע, האָבן געהאַט גאָר אַ גרױסן דערפאָלג. די אַקטיאָרן האָבן באַװאונדערט מײן גרים און דאָס פּובליקום האָט מיך באַלױנט מיט די גרעסטע אַפּלאָזן.

פון די אַקטיאָרן, װאָס האָבן דעמאָלט מיט מיר מיטגעשפּילט אין לעמ־בערג, איז אין מײן זכרון פאַרבליבן לעמבערגס ליבלינג, דער אַקטיאָר יודל גוטמאַן, דער שפּעטער באַרימטער, און דעמאָלט נאָך גאַנץ יונגער לודװיג זאַץ, און דער טויבער ראָזענבערג, װאָס האָט געשפּילט דעם קאַרדינאַל „רישעליע", די צװײטע הויפּט־ראָלע פון דער פּיעסע. ראָזענ־בערג איז געװען אינגאַנצן טויב אויף בײדע אויערן און מערקװירדיק װי ער האָט געכאַפּט זײנע רעפּליקן בעסער װי אַלע אַקטיאָרן; דורך די באַװעגונגען פון דעם אַקטיאָרס ליפּן האָט ער דערקענט זײן רעפּליק...

איך האָב אויך אין לעמבערג געשפּילט דעם „יידישן קעניג ליר" און „זשידאָװקאַ".

דער מיליטערישער אָרקעסטער, װאָס האָט געשפּילט אין לעמבערגער גאָרטן, איז געװען די אײנציקע גוטע דעקאָראַציע פון לעמבערגער יידישן טעאַטער.

װען די יידישע דירעקטאָרן פון די שטעט טשערנאָװיץ, בוקאַרעסט און יאַס האָבן זיך דערװאוסט פון מײנע גאַסטראָלן אין לעמבערג, האָבן זײ מיר געשריבן, אַז איך זאָל אויך צו זײ קומען אויף גאַסטראָלן.

אין טשערנאָוויץ איז דעמאָלט געווען דער דירעקטאָר פֿון דעם גאָרטן־טעאַטער דער כאַראַקטער־קאָמיקער אַברהם אַקסעלראָד, דער מאַן פֿון דער, צווישן די אייראָפּייִאישע אַקטיאָרן באַקאַנטער אַקטריסע, רחל, וועלכע האָט געהערשט איבער אירע אַקטיאָרן ווי די קייזערין קאַטערינע איבער רוסלאַנד.

טשערנאָוויץ איז געווען אַ יידיש שטעטל, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ סך אינטעליגענטן, צווישן זיי דער איינציקער בוקאָווינער יידישער דעפּוטאַט צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, ד״ר שטרויכער, וועלכער האָט געוואוינט אין טשערנאָוויץ.

אויך אין טשערנאָוויץ בין איך אויפֿגעטראָטן אין „שלמה חכם״ און אויך דאָ האָט די פּיעסע געוואונען אַ גרויסן בייפֿאַל ביי די טשערנאָוויצער יידן, ביי די אינטעליגענטן בפֿרט, נאָך מער ווי אין לעמבערג. נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָט מען מיך גענומען אין אַ רעסטאָראַן, וואו דער דע־פּוטאַט ד״ר שטרויכער האָט מיך באַגריסט אין אַ וואַרעמער רעדע. איך האָב אויך דאָרט געשפּילט „קעניג ליר״.

פֿון טשערנאָוויץ בין איך געפֿאָרן קיין בוקאַרעסט. דער דירעקטאָר דאָרט איז געווען דער גוט־באַקאַנטער רומעניִשער אַקטיאָר איציקל גאָל־דענבערג, וועלכער איז געווען דער אָנפֿירער פֿון דער טרופּע. גאָלדענ־בערג האָט אַמאָל געשפּילט אין ניו־יאָרק. צווישן די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך מיט מיר באַטייליקט אין דער פֿאָרשטעלונג דאָרט איז געווען דער אַלטער אַקטיאָר (נאָך פֿון גאָלדפֿאַדענס צייטן) מרדכי סעגאַלעסקאָ מיט זיינע צוויי באַגאַבטע זין אַלבערט און חיים־מאיר סעגאַלעסקאָ, און די אַקטריסע פֿאַסקעוויטש, וועלכע איז דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ יונג מיידל און געשפּילט מיט מיר אַלע פֿרויען הויפּט־ראָלן.

אַלבערט סעגאַלעסקאָ איז שוין דעמאָלט געווען אַ גוטער אַקטיאָר, האָט געענדיקט אַ קאָנסערוואַטאָריע און פֿלעגט אָרקעסטרירן די מוזיק פֿאַר דער טרופּע. נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז ער געקומען קיין אָדעס און איז איצט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַן אָנגעזעענער אַקטיאָר. אויך חיים־מאיר האָט געהאַט טאַלאַנט פֿאַר דער בינע; ליידער איז ער זייער יונג געשטאָרבן.

פֿון בוקאַרעסט בין איך געפֿאָרן קיין יאַס, — „דאָס וויגעלע פֿון יידישן טעאַטער״, וואו גאָלדענפֿאַדעם (גאָלדפֿאַדענס ריכטיקער נאָמען) האָט געבראַכט צו די יידישע קלעזמער־זינגער די „תורה״ פֿון יידישן טעאַטער און די קלעזמער־זינגער האָבן געזאָגט דעם באַקאַנטן „נעשה ונשמע״. און אויפֿגעטראָטן בין איך אין טאַקע אין דעם היסטאָרישן גאָרטן פֿון שמעון

מאַרק אין „פּאַמול ווערדע״, אויף דער זעלביקער בינע, וואו דער ערשטער ייִדישער אַקטיאָר האָט געמאַכט זײַנע ערשטע טריט, וואו גאָלדענפֿאָדעם האָט געלערנט ישׂראל גראָדנערן און משה טײַכן מיט מאָריס פּינקל צו גיין איבער דער סצענע.

איך האָב אויפֿגעפֿירט דעם „ייִדישן קעניג ליר״, און דער דירעקטאָר אײַזיק אַשכּנזי האָט געשפּילט דעם כאַראַקטער־קאָמיקער „שמאַי״. אַ זייער טשיקאַווער טיפּ איז געווען אָט דער אַשכּנזי: אַ מענטש אָן אַפּגעלאָזענער, מיט אַן עכט־ייִדישער נאָז (נאָך מיט אַן עודף), שטענדיק פּאַרטאָן אין טעאַטער־געשעפֿט, אַ נערוועזער, אַ גרויסער ווײַצלער אין לעבן און אויך ניט קיין שלעכטער כאַראַקטער־קאָמיקער אויף דער בינע.

קלאַראַ יאַנגס דערפֿאָלג אין וואַרשע

אַזוי ווי עס איז מיר פֿאַרלוירן געגאַנגען אויף מײַנע וואַנדערונגען דאָס בוך, וואו עס זײַנען געווען אַרײַנגעקלעפּט אַלע רעצענזיעס וועגן קלאַראַ יאַנג, ברענג איך דאָ די פֿאַרצייכענונגען פֿון נחמיה צוקער וועגן קלאַראַ יאַנגס ערשטע אויפֿטריטן אין לאָנדאָן און אין וואַרשע, ווי די פֿאַרשטאָר־בענע אַקטריסע זינאַ ראַפּעל האָט עס אים איבערגעגעבן פֿאַר דעם זייער אינטערעסאַנטן בוך „פֿיר דורות ייִדיש טעאַטער״, געשריבן אין סטיל פֿון אַ פֿאַכמאַן און אינטעליגענט.

זינאַ ראַפּעל דערציילט אין נחמיה צוקערס בוך פֿאָלגנדעס (זינאַ ראַפּעל איז געווען די פֿרוי פֿון דעם אַקטיאָר־מענעדזשער ראַפּעל):

„קאָרעספּאָנדענטן אין לאָנדאָן האָבן שוין געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט זייערע אָפּהאַנדלונגען אין די וואַרשעווער צײַטונגען וועגן קלאַראַ יאַנגס גאַסטראָלן, און דאָס אַליין האָט שוין אויך געמיינט אַ סך, ווײַל די קאָ־רעספּאָנדענטן האָבן זעלטן ווען געפֿונען פֿאַר נויטיק צו שרײַבן וועגן אַן אָפּערעטן־אויפֿפֿירונג אַחוץ קיין וואַרשע...

„האָבן טאַקע די וואַרשעווער ייִדישע טעאַטער־באַזוכער מיט נײַ־געריקייט געוואַרט אויף דעם אָנקומען פֿון דער קינסטלערין. אָבער אין די הײמישע טעאַטער־קרײַזן, צווישן די אַקטיאָרן, האָט מען צוביסלעך געחוזקט... אַנדערע האָבן דעם ענין גענומען כּלומרשט ערנסט און זיי האָבן געחשבונט: מילאַ אסתּר־רחל קאַמינסקי, זי שפּילט דראַמע און זי קען דורכפֿילן און מאַכן דורכפֿילן אַזעלכע איבערלעבענישן און קאָן ווײַזן אַזאַ מאַיעסטעטישע ‚מירעלע אפֿרת׳, וואָס קיין אַנדערע אַקטריסע האָט עס

דערווייל ניט באַוויזן. אָבער וואָס, למשל, קאָן מען אַזוינס באַווייזן אין אַ לייכטער פּיעסע פֿון פֿריילעכן זשאַנער אין דער ראָל פֿון אַ סוברעטין?...

„הערנדיק די קיבעצערייען, האָב איך שוין אַליין אָנגעהויבן צווייפֿלען און איך האָב שוין זיך אַליין אָנגעהויבן פֿרעגן: וואָס אַזוינס קאָן מען דאָס זען גרויסעס אין אַ סוברעטין? און איך האָב שוין אַפֿילו אָנגעהויבן מיט־לאַכן מיט די איבעריקע קיבעצער...

„אָבער שנעל זיינען די אַלע קיבעצערייען און חוזק־מאַכעריי פֿאַר־שטומט געוואָרן, ווי נאָר קלאַראַ יאַנג איז געקומען קיין וואַרשע און זי האָט זיך פּרעזענטירט מיט איר ערשטן אויפֿטריט.

„דער אויפֿטריט פֿון קלאַראַ יאַנג איז געווען אַן איבעררעשונג ניט נאָר פֿאַר די טעאַטער־באַזוכער, נאָר אויך פֿאַר אונדז אַקטיאָרן. דאָס איז געווען עפּעס גאָר אַן אַנדער מין סוברעטין, פֿון וועלכער קיינער פֿון אונדז האָט קיינמאָל ניט געחלומט. ראַפּעל האָט געזאָגט דעם אמת...

„ניט מיט קיין 'זעקס צעפּלאַך', ווי אַקטיאָרן האָבן זיך געוויצלט, איז זי דערשינען אויף דער בינע, נאָר ווי אַן עלעגאַנטע דאַמע, און די עלעגאַנץ האָט אַזוי אַראָפּגעשימערט פֿון דער בינע, אַזוי אַראָפּגעגלאַנצט, אַז שוין ביי איר ערשטן דערשיינען איז דער עולם געבליבן פֿאַרגאַפֿט. און איצט איר לייכטע באַוועגלעכקייט, איר אויסערגעוויינלעך ראַפֿינירטער, פֿיינער מאַניער, וועלכן זי האָט ניט פֿאַרלוירן אויף קיין איין סעקונדע, אַפֿילו ביי אירע טעמפּעראַמענטפֿולע סצענעס! און אַ טעמפּעראַמענט האָט זי געהאַט, אַז זי האָט מיטגעריסן מיט זיך, און אַ לידל האָט זי אויס־געזונגען, אַפֿילו אַ קופּלעט, אַזוי אַנדערש ווי אַלע ביז איר. אין אירע איבערגאַנגען פֿון די טעמפּעראַמענטפֿולסטע פֿריידיקע סצענעס צו דינער דראַמאַטישער עמפֿינדונג האָט זי ממש אַלעמען פֿאַרכשופֿט.

„איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט געזען אַ סך סוברעטינס, גרויסע קינסטלערינס מיט פֿייערדיקע טעמפּעראַמענטן, אָבער אַזוי אויסנוצן טאַ־לאַנט און טעמפּעראַמענט, אַזוי געשולט אונטערשטרייכן די דינסטע ניואַנסן פֿון מענטשלעכן געפֿיל און אַזוי פֿאַרטושירן אַ צווידייטיקן וויץ, אַז ער זאָל קלינגען אָנגענעם אַפֿילו פֿאַר דעם אויער פֿון דעם פּרעטענציעזן פֿיינשמעקער, דאָס האָבן די סוברעטינס ביז איר ניט באַוויזן...

„דער אַנסאַמבל, וואָס האָט מיטגעשפּילט מיט קלאַראַ יאַנג, איז געווען אַ געקליבענער, אָבער די יידן און ניט־יידן, וואָס זיינען געקומען דעמאָלט אין טעאַטער, האָבן ניט געוואוסט פֿון זיי... איין נאָמען איז ביי זיי גע־בליבן, איין קינסטלערין — דאָס איז געווען קלאַראַ יאַנג".

איך בין באמת דאַנקבאַר דעם שרייבער נחמיה צוקער און דער פֿאַר־

שטאַרבענער קינסטלערין זינאַ ראַפּעל פֿאַר זייער וואָרעמער, קאָלעגיאַלער באַציאונג.

די פּיעסע „מיין ווייבס מאַן“ האָט זינאַ ראַפּעל געשפּילט אין וואַרשע נאָך קלאַראַ יאַנג — זעקס חדשים צייט כסדר.

מיין באַגעגעניש מיט דער שוועסטער און מיט מיין טאַטן

ווען איך האָב געענדיקט מיינע גאַסטראָלן אין רומעניע, גאַליציע און בוקאָווינע, און קלאַראַ אירע גאַסטראָלן אין לאָדזש און אין וואַרשע, האָבן מיר טעלעגראַפּיש אָפּגערעדט זיך צו טרעפֿן אין טאָרן, דייטש־לאַנד, וואָס איז געלעגן האַרט ביי דער פּוילישער גרענעץ. איך האָב אַריבערגעקוקט צו פּוילן און געטראַכט: אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט...

מיין בענקעניש צו זען מיין פֿאַמיליע, דעם טאַטן, ברידער און שוועסטער איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און איך האָב באַשלאָסן אַריינצוגיין צום רוסישן קאָנסול, אונטערשרייבן מיין אַמעריקאַנער פּאַס און אַריינפֿאָרן קיין וואַרשע. זאָל איך נאָר אַריבערפֿאָרן די גרענעץ, וועל איך שוין זען, וואָס איך האָב צו טאָן.

דער קאָנסול איז, אַפּנים, געווען זיכער, אַז איך בין נישט קיין ייִד און האָט אָן שוועריקייטן מיר אונטערגעשריבן דעם פּאַס. דערווייל איז קלאַראַ אָנגעקומען קיין טאָרן. אָבער מיר האָבן באַלד זיך ווידער צעשיידט און אָפּגערעדט זיך צו טרעפֿן שפּעטער אין בערלין און פֿאָרן קיין ניו־יאָרק.

פֿיר־און־צוואַנציק יאָר זיינען אַוועק פֿון דער צייט, ווען איך בין אַנטלאָפֿן פֿון דער היים, אַלס בחור פֿון זיבעצן יאָר, נעמענדיק ביים טאַטן אַ פּאָר הונדערט רובל צו שטודירן אין אויסלאַנד אויף דאָקטאָר אָדער אינזשעניר, און איצט קום איך גאָר אַהיים אַלס אַקטיאָר. איך וואָלט מיך אוודאי געשעמט צו ווייזן זיך פֿאַר מיין פֿאַמיליע אַלס פּשוטער אַקטיאָר. אָבער אַזוי ווי מיין פּרויס נאָמען איז שוין געווען אויף אַלעמענס ליפּן אין וואַרשע, די גרויסע פּלאַקאַטן אויף יעדן עק־גאַס האָבן אַראָפּגעשריגן „קלאַ־ראַ יאַנג“, און איך אַליין בין אַ שותּף צו דעם נייעם טעאַטער, וואָס מען בויט אין ניו־יאָרק פֿאַר איבער אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, האָב איך מיך ניט באַדאַרפֿט שעמען מיט מיין אַקטיאָרעריי...

ווען איך בין אויסגעשטיגן פֿון וואַגאָן אויפֿן וואַרשעווער וואָקזאַל, האָב איך קיינעם פֿון מיין פֿאַמיליע נישט געזען. איך בין געווען דערשטוינט — האָב איך דאָך געשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז איך קום אָן מיט דעם דאָזיקן צוג... אַ יונגערמאַן איז ענדלעך צוגעקומען צו מיר און געזאָגט:

— שלום עליכם, בועז.

— עליכם שלום. ווער זענט איר? — און איך קוק אים גוט אָן, אפשר איז דאָס מיין אייגענער ברודער, וועלכן איך דערקען נישט?

— איר קאָנט מיך ניט קענען, ניט פאַר אייערע צייטן — זאָגט דער יונגערמאַן — איך בין שלומס אייניקל פון נאָווידוואָר, אָט דער, וואָס איז געווען ביי אייך אין שטוב (שלום איז געווען ביי אונדז אַזוי ווי אַ פאַר־וואַלטער), סענדערס ברודער.

— ווער? — וואונדער איך מיך — דאָס קליינע יצחקל, וואָס איך פלעג ליב האָבן צו האַלטן אויף מיינע הענט? דו ביסט אויסגעוואַקסן אַזאַ ייד מיט אַ באָרד...

יצחק נעמט מיך אָוועק אָן אַ זייט און זאָגט מיר, אַז מיין יינגסטע שוועסטער, פעסעלע, וואַרט אויף אונדז אין וואָקזאַל, און אָנווייזנדיק מיר אויף אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון אונדז, זאָגט ער: — אייער שוועסטער האָט נישט געוואָלט צוגיין צו אייך, זי האָט מורא פאַר יענעם מאַן, ער זאָל זיך ניט דערוויסן, אַז איר זייט געקומען קיין וואַרשע. ער איז אַ נאָווידוואָרער...

און יצחק דערציילט מיר, אַז גאַנץ נאָווידוואָר ווייסט שוין, אַז די גרויסע אַקטריסע קלאַראַ יאַנג, וואָס האָט געשפּילט אין וואַרשע, איז בועז יונגוויצעס פרוי.

איך האָב מיך אַליין אָנגעשטויסן פאַרוואָס מיין משפחה איז נישט געקומען צו דער באַן.

ווען איך בין אָוועק פון דער היים איז מיין יינגסטע שוועסטער געווען אַ דאַר מיידעלע פון ניין יאָר אין אַ פּראָסט, קורץ, ציצענע קליידל, מיט צוויי צעפּלעך אַרונטערגעלאָזט, און געריבדט אונטערן נעזעלע... און איצט האָב איך פאַר זיך דערזען אַ הויכע, שיינע דאַמע מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען...

אָט די יינגסטע שוועסטער מיינע מיט איר זון, אַ באַרימטער אַדוואָ־קאַט אין וואַרשע, מיט אַ צווייטן זון אַן אינזשעניר, און דער לעצטער ברודער מיינער, פסח, מיט זיין פרוי און טאָכטער, ציילן זיך איצט צווישן די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זיינען אומגעקומען דורך היטלערן...

איינער פון מיינע ברידער, בנימין יונגוויץ, איז דעמאָלט געווען דער ווירט פון איינעם פון די שענסטע זעקס־שטאָקיקע הייזער אין וואַרשע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע הויז אין יענער געגנט, וואָס האָט געהאַט אַ ווינדע (עלעוויטאָר) מיט באָד־צימערן, אויף פּשעביעג נומער 2. דאָס הויז האָט מען שפּעטער גערופן „קלאַראַ יאַנגס הויז", — אַגב, דער

רעזשיסער יעקב ראַטבאַום, וועלכער איז נאָכן חורבן געווען אין וואַרשע, האָט מיר געבראַכט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿונעם הויז — עס איז דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן אַרום מאַראַנאָוו כּמעט ניט צעשטערט.

ווען מען האָט מיך געבראַכט צו מײַן ברודער בנימין אין שטוב, האָב איך געטראָפֿן דעם טאַטן ליגן אויפֿן בעט. ער האָט געדרימלט.

איך האָב צו מײַן טאַטן קיינמאָל ניט געפֿילט די ליבע, וואָס אַ זון דאַרף פֿילן צו אַ פֿאָטער. אָבער דערזעענדיק דעם טאַטן ליגן אויפֿן בעט אַ קראַנקן, די באָרד ווײַס ווי שניי, די באַקן אײַנגעפֿאַלן, זײַן גאַנצע ריזן־פֿיגור אײַנגעשרומפּן, האָב איך זיך פּלוצים דערמאָנט אין אַ קוש, וואָס דער טאַטע האָט מיר איין מאָל געגעבן. האָב איך געקלערט — ווען איז דאָס געשען? ווען האָט דער טאַטע מיר געגעבן אַ קוש? און איך האָב זיך ענדלעך דערמאָנט, אַז ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר, בין איך קראַנק געוואָרן אויף טיפֿוס. דעמאָלט איז דער טאַטע צוגעקומען צום בעט און מיר געגעבן אַ קוש. אָט יענער קוש האָט מיט דרײַסיק יאָר שפּעטער מײַנע אויגן נאַס געמאַכט...

ווען דער טאַטע האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן און מיך דערזען, האָט ער לאַנג און שטאַר אויף מיר געקוקט, און ענדלעך אַרויסגעשעפּטשעט דאָס איינציקע וואָרט „בועז"... איך האָב מיך, אָן ווערטער, אַריבערגעבויגן איבער אים, צוגעלייגט מײַנע ליפּן צו זײַן באַק און געפֿילט, ווי מײַנע ליפּן זײַנען נאַס געוואָרן... אונדזערע בײדנס טרערן האָבן זיך פֿאַראייניקט, אָבער געררונען זײַנען זיי פֿון צוויי פֿאַרשיידענע קוואַלן: מײַנע טרערן זײַנען געקומען אויס רחמנות צו אַן אַלטן, קראַנקן, הילפֿלאָזן מענטשן, וועלכן מען האָט געבראַכט פֿון נאָווידוואָר אויף אַ שטול מיך אָנצוקוקן אײדער ער שטאַרבט; און דער טאַטע האָט געוויינט אויף זײַן אייגענעם צאָנ־קענדיקן לעבן.

די דערעפֿענונג פֿון קעסלערס סעקאָנד עוועניו־טעאַטער

ווען מיר זײַנען צוריקגעקומען פֿון אײראָפּע, בין איך דאָס ערשטע געלאָפֿן זען וואו מען האַלט מיטן בויען דעם סעקאָנד עוועניו־טעאַטער. די געבײדע איז געווען פֿאַרטיק, אָבער אינעווייניק, אין טעאַטער, זײַנען נאָך נישט געווען קיין זיץ־פּלעצער, די פּאָדלאָגע איז נאָך געווען נאַקעט און נאָך קלייניקייטן האָבן געפֿעלט. אָבער מען האָט שוין געקענט באַשטימען דעם טאָג פֿון דער דערעפֿענונג.

דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1911, איז שוין געווען אָנאָנסירט אין די

ציטונגען, אַז באַלד, נאָך געציילטע טעג, וועט געפּייערט ווערן דער גרויסער חנוכּת הבית, און עס איז אָנגעגעבן געוואָרן, אַז אַ בענעפּיט־פאָרשטעלונג אין דעם טעאַטער קאָן אַריינברענגען 1,235.80 דאָלאַר (וואָס קיין אַנדער יידיש טעאַטער האָט דעמאָלט ניט געקענט באַווייזן; איצט פּאַסט דאָס סעקאָנד עוועניו־טעאַטער אַ זבאַר פון איבער 3,600 דאָלאַר).

די טרופּע אין קעסלערס סעקאַנד עוועניו־טעאַטער איז באַשטאַנען פון דוד קעסלער, בערל בערנשטיין, קלמן יאַוועליר, בועז יאַנג, שמואל טאָ־באַטשניקאָף, סעמועל ראָזענשטיין, מאָריס שוואַרץ, משה סימאַנאָף, לואי היימאַן, איזידאָר גילטמאַן און לעאָן נאַדאָלסקי (פון זיי געפינען זיך איצט נאָר צוויי צווישן די לעבעדיקע), און פון די פרויען: מאַלווינאַ לאָבעל, קלאַראַ יאַנג, מערי ווילענסקי, נעטי טאָביאַס, סאָניאַ נאַדאָלסקי, און פאַר קינדער־ראָלן פּעני לובריצקי.

אַנאַנסירט האָט מען רעפּערטואַר פאַר די ערשטע פינף פאָרשטעלונגען, און די דערעפענונגס־פאָרשטעלונג איז געווען „גאָט, מענטש און טייוול“. יאָזעף באַראָנדעס האָט איינגעלאַדן דעם דעמאָלטדיקן ניו־יאָרקער מעיאָר (בירגערמייסטער) געינאָר צו האַלטן די דערעפענונגס־רעדע. מיר האָבן זיך געגרייט צו דעם דערעפענונגס־אָוונט, ווי צו אַ גאָר גרויסער געשעעניש.

די דערעפענונג איז געווען אַ פייערלעכע. די בילעטן זיינען געווען געהעכערט פאַר דעם ערשטן אָוונט און עס איז געווען געפּאַקט.

פון מעיאָר געינאָרס רעדע געדענק איך די דאָזיקע ווערטער:

— דער גרויסער אַרטיסט דוד קעסלער האָט מיר געגעבן אַ גאָלדענעם שליסל צו עפענען דעם גרויסן טעמפּל פון קונסט. איך האָף, אַז אַלץ וואָס דאָ וועט געשפּילט ווערן אויף דער בינע, וועט זיין גאָלד.

אויך דער גרינדער פון דער אַקטיאָרן יוניאָן, יאָזעף באַראָנדעס, האָט גערעדט צו דער דערעפענונג.

אין יענעם סעזאָן האָט דער פאַרשטאָרבענער דראַמאַטורג לעאָן קאָברין פאַר אונדז (קעסלער, מאַקס ווילנער און איך) פאַרגעלייענט זיין „יענקל בוילע“. קעסלערן איז עס געפעלן געוואָרן און מיר — נאָך מער. אָבער איך האָב געזען, אַז צו מיר וועט מוזן אַריינפאַלן די ראָלע פון הירש־בער און איך וועל דאַרפן מיט קעסלערן מאַכן סצענעס צוזאַמען אויף דער בינע, — וואָס איך פלעג אויסמיידן, אויף וויפל איך האָב נאָר געקאָנט.

ווען ווילנער האָט מיך געפרעגט וואָס איך דענק וועגן קאָברינס „יענקל בוילע“, האָב איך געשוויגן, כאָטש איך האָב אין דער ראָלע פון הירש־בער געזען פאַר מיר אַ גרויסן דערפאָלג. ווילנער האָט געמיינט, אַז איך בין

נישט באַגייסטערט פֿון דער פּיעסע, און ער האָט קעסלערן אָפּגערעדט זי צו קויפֿן. אַזוי אַרום בין איך געווען די סיבה פֿון דעם.

ווען איך האָב שפּעטער ביי קאָברינס יובילייַ אין „איקוף" גענומען דאָס וואָרט און דאָס אַלץ דערציילט, האָט קאָברין מיר געדריקט די האַנט און מיר געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דעמאָלט לטובה... ווי באַקאַנט, האָט קאָברין דערנאָך אויפֿגעפֿירט זיין „יענקל בוילע" אין אַ קליין טעאַטערל מיט איינעם משה גאַנז אַלס יענקל. ער האָט געהאַט אַ דערפֿאָלג און קעסלער האָט ערשט דעמאָלט געשפּילט די ראָלע פֿון יענקל.

אויך פּרץ הירשביין האָט פֿאַר אונדז פֿאָרגעלייענט זיין פּיעסע „די פּוסטע קרעטשמע". ווען הירשביין האָט געענדיקט לייענען דעם ערשטן אַקט, האָט ער פֿאַרמאַכט דעם טעקסט און געזאָגט צו קעסלערן:

— איך זע, אַז די פּיעסע אינטערעסירט אייך ניט. איך וועל בעסער אויפֿהערן לייענען.

קעסלער האָט בשעת דעם פֿאַרלייענען געהאַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט און הירשביין האָט געהאַט אַ חשד, אַז קעסלער איז איינגעשלאָפֿן.

קעסלער האָט געזאָגט, אַז ער שלאָפֿט נישט און געהייסן לייענען ווייטער. אינמיטן צווייטן אַקט האָט הירשביין צוגעמאַכט דעם מאַנוסקריפּט און גוטמוטיק געזאָגט:

— קינדערלעך, איך זע דאָך פֿאָרט, אַז אייך אינטערעסירט ניט. אפֿשר וועט עס אייך אַמאָל אינטערעסירן — און ער איז אַוועקגעגאַנגען...

די בעסטע, די אינטעליגענטסטע צווישן אונדז אַקטיאָרן האָבן צו יענער צייט נאָך נישט געהאַט דעם חוש צו דערפֿילן די דופּטיקייט פֿון אַזאַ פּיעסע.

שפּעטער, אין 1921, ווען איך בין געקומען פֿון רוסלאַנד, און געזען די זעלביקע פּיעסע „די פּוסטע קרעטשמע", געשפּילט פֿון יעקב בן עמי, לאַזאַר פֿריד, מנשה סקולניק און מר"ס שניצער, אין „גאַרדן"־טעאַטער, בין איך אַזוי אַנטציקט געוואָרן פֿון איר, אַז טרערן זיינען מיר געקומען אין די אויגן פֿאַר באַגייסטערונג.

ווידער אין וואַרשע

ווען דער סעזאָן איז געווען צו ענד, האָב איך אַלעמען איבערגעלאָזט, געקויפֿט דריי שיפֿסקאַרטן (אויך מיין קינד איז מיטגעפֿאָרן) און מיר זיינען אַוועק קיין וואַרשע.

אויפֿגעפֿירט האָב איך דאָרט (1912—1913) „די אַמעריקאַנערין" מיט

קלאַראַ יאַנג אין טעאַטער „עליזעאום״, אויף קאַראָווע גאַס, ביי די זעלביקע דירעקטאָרן ראַפּעל און עפּלבערג. באַטייליקט האָבן זיך די פֿאָלגנדיקע איי־ראָפּייאישע אַקטיאָרן: נאַטאַן דראַנאָוו (דער מאַן פֿון דער ניו־יאָרקער אַקטריסע נאַדיאַ דראַנאָוו — איינער פֿון די בעסטע יידישע אַקטיאָרן אין פּוילן און אין רוסלאַנד); דער ליטוואַק — אַדאָלף בערמאַן; דער גאַליציאַנער — יצחק סאַמבערג; דעם ליבהאָבער, דעם לערער, האָט געשפּילט דער אַמאָליקער וואַרשעווער ליבלינג הערמאַן סיעראַצקי, און דעם קאָמיקער בעני — אַהרן לעבעדיעוו, וועלכן איך האָב געדעכנט צו ברענגען קיין אַמעריקע. ווען דער בוף־קאָמיקער סעם קעסטין פֿלעגט אַמאָל רעדן צו מיר אַ הויך וואָרט, האָב איך אים באַלד אַ סטראַשע געטאָן: איך וועל ברענגען דאָס ליטוואַקל...

פֿון די פּרויען געדענק איך סאָניע שלאָסבערג און העלענאַ גאָטליב. די־ריגענט איז געווען יצחק שלאָסבערג, וועלכער איז דעמאָלט געווען אָנער־קענט אַלס דער בעסטער דיריגענט ביים יידישן טעאַטער אין פּוילן — ממש אַ טאָסקאַניני ביים יידישן טעאַטער. ער האָט אַרויסגעריסן יעדן טאָן, וואָס דער מוזיקער האָט געקענט אַרויסברענגען פֿון זיין אינסטרומענט; האָט דער אַקטיאָר אָדער כאָריסט נישט געמעגט האָבן קיין שטימע, — אונטער שלאָסבערגס האַנט האָט ער געזונגען. הגם, ווי יעדער קינסטלער, האָט ער אויך געהאַט קאַפּריזן.

ער איז געווען דער זון פֿון דעם באַרימטן חזן אַריה לייב שלאָסבערג, באַקאַנט אונטערן נאָמען שאגת ארי (דאָס געשריי פֿון לייב), דער פֿאָטער פֿון דער אַקטריסע מאַניע שלאָסבערג.

רומשינסקיס מוזיק פֿון „די אַמעריקאַנערין״ האָט געהאַט אַזאַ דערפֿאָלג, אַז נישט נאָר יידן האָבן עס נאָכגעזונגען, נאָר אויך פּאָליאַקן. אין אַלע קאַ־באַרעטן האָט מען די מוזיק געזונגען.

צו זאָגן, אַז קלאַראַ יאַנג אין „די אַמעריקאַנערין״ און די גאַנצע טרופּע, וואָס האָט אַנטייל גענומען, האָבן געהאַט גרויס דערפֿאָלג דעמאָלט אין וואַרשע, איז ווי איך וואָלט איצט זאָגן, אַז דער „אַטאָם״ האָט אַ גרויסע קראַפֿט אין זיך. עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז ביי הונ־דערטער טויזנטער יידן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין וואַרשע, איז דער נאָמען קלאַראַ יאַנג, „די אַמעריקאַנערין״, נישט אַראָפּ פֿון די ליפּן. אַ בילעט האָט געקאָסט צוויי רובל מיט 50 קאָפּיקעס (דאָס איז דעמאָלט געווען אויף אַמעריקאַנער געלט איין דאָלאַר מיט 35 סענט). אין ניו־יאָרק האָט מען דעמאָלט אין יידישן טעאַטער גערעכנט נישט מער ווי אַ דאָלאַר מיט פֿופֿציק סענט אַ בילעט.

מאַסן פּאַליאַקן זײַנען געקומען זען „די אַמעריקאַנערין״; װאַרשעװער אַסימילאַטאָרן האָבן זיך דעמאָלט נישט געשעמט צו קומען אין ייִדישן טעאַטער „עליזעאום״; חסידישע יונגעלײַטלעך פֿלעגן זיך בגנבה אַרײַנ־כאַפּן אין „עליזעאום״־טעאַטער; און אַ ייִדישער סוחר פֿון דער פּראָווינץ איז נישט צוריקגעפֿאָרן פֿון װאַרשע, ביז ער האָט נישט געזען קלאַראַ יאַנג אין דער „אַמעריקאַנערין״. די ייִדישע ליטעראַטן האָבן אין קלאַראַ יאַנגס אױפֿטריטן געזען אַן אױפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דער באַקאַנטער טעאַטער־קריטיקער ד״ר מוקדוני האָט דעמאָלט געשריבן: „קלאַראַ יאַנגס גרױסקײט באַשטײט אין דעם, װאָס זי אַמוזירט דעם אינ־טעליגענט, דעם פֿײַנשמעקער, אױך דעם אַסימילאַטאָר אַזױ גוט װי די דינסט״.

מיר באַזוכן נאָװידװאָר

װען מיר זײַנען געװען אין װאַרשע, האָב איך זײער געװאָלט, אַז מיר זאָלן פֿאָרן זען מײַן געבורטשטעטל נאָװידװאָר. קלאַראַ האָט זיך אַביסל געקװענקלט, װײַל זי האָט בײַנאַכט באַדאַרפֿט שפּילן. האָב איך צו איר געזאָגט:

— מיר װעלן שפּילן אין לעמבערג, און װען מיר װעלן זײַן אין לעמבערג, װעסטו דאָך אַװדאַי װעלן אַרײַנפֿאָרן אין דײַן שטעטל זלאָטשעװ, און אַז דו װעסט נישט באַזוכן מײַן שטעטל, װעל איך נישט פֿאָרן אין דײַן שטעטל.

און זלאָטשעװ האָט זיך אונטערגעגעבן צו נאָװידװאָר — מיר האָבן זיך אַלע דרײַ אַרײַנגעזעצט אין מײַן ברודערס אױטאָמאָביל און געפֿאָרן קײן נאָװידװאָר.

27 זומערס און װינטערס זײַנען אַװעק, זײַט איך האָב מײַן שטעטל נישט געזען. עס האָט זיך געװאָלט װידער זען דעם באַרג, פֿון װעלכן איך פֿלעג זיך מיט אַ שליטעלע אַראָפּגליטשן; דעם טײַך נאַרעװ, װאו איך פֿלעג זיך זומער באָדן; די שול מיטן באַלעמער, אױף װעלכן איך בין געשטאַנען װען כאַצקעלע שמש האָט מיך אױפֿגערופֿן צו מפֿטיר; דעם בית־המדרש מיט די שאַפֿעס ספֿרים, אין װעלכע איך האָב אַרײַנגעקוקט, װען איך האָב גע־לערנט בײַ דעם מורה־הוראה הירש־בער; איך האָב געװאָלט נאָך אַ מאָל אין מײַן לעבן הערן דעם שײנעם גמרא־ניגון, װאָס גיט דעם ייִדישן ייִנגל חשק און דבקות צו לערנען; געװאָלט װידער זײַן אין טאַטנס הויז,

בפּרט אין דעם צימער, וואו די מאַמע האָט צום לעצטן מאָל אַרויסגעשעפּ־טשעט איר „שמע ישראל״...

ווען דער אויטאָמאָביל איז געקומען נאָענט צו נאָווידוואָר, איז דאָס ערשטע מיר אַקעגן געקומען דאָס וועלדל, וואו איך פּלעג קומען יעדן שבת נאָכמיטיק. יעדער בוים האָט מיר אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן שלום־עליכם און מיך דערמאָנט, אַז הינטער איין בוימס שאָטן בין איך געלעגן און גע־לייענט דעם „אהבת ציון״; אין אַ צווייטן האָב איך אַריינגעשאָסן אַ פּייל, ווען מיין דרדקי־מלמד איז מיט אונדז, יינגלעך, געגאַנגען ל״ג בעומר אין וועלדל אַריין און מיר האָבן געטראָגן הילצערנע בויגנס מיט אַן אָנגעצויגן שטריקל אין איין האַנט און אונטער דער פּאַכווע פֿון דער צווייטער האַנט געהאַלטן אַ שקאַרמיצל מיט ראָזינקעס און מאַנדלען, אַ האַרט איי און אַן אייער־קיכל.

ווען איך בין פֿאַרבייגעפֿאָרן די פּוילישע קירך, דעם קאָשטשול, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ווען איך בין אַלס יינגל פֿאַרבייגעגאַנגען די קירך, האָט אַ שייגעצל צו מיר געשריגן איך זאָל אַרונטערנעמען דאָס היטל; און ווען איך האָב אים נישט געפֿאָלגט, האָט ער עס מיר אַליין אַרונטערגעריסן.

ווען איך האָב באַטראָטן די ערד פֿון מיין שטעטל, האָב איך געפֿילט ווי די פֿיס זיינען ביי מיר לייכטער און יינגער געוואָרן און עס האָט זיך מיר געוואָלט לויפֿן איבער דער גאַס...

מיר זיינען אַריין צום טאַטן, וועלכער האָט שוין צוריק געוואוינט אין נאָווידוואָר מיט אַ דריט ווייב, אין אַ צווייטער דירה. ווען מיין קינד האָט ביי מיר געפֿרעגט וואָס זי זאָל זאָגן, ווען זי וועט צום ערשטן מאָל זען דעם זיידן, האָב איך איר געזאָגט:

— דאָס ערשטע זאָלסטו אים געבן אַ קוש אין האַנט.

און זי, ווי אַ שטאָלצע אַמעריקאַנערין, האָט מיר געענטפֿערט:

— נאָו, פּאַפּאַ, איט׳ס יומיליאייטינג (עס דערנידעריקט)!

דער טאַטע ווידער האָט זי פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט, ווייל זי האָט גערעדט צו אים (אויף יידיש), „פּער דו״.

ווען איך בין אַרויס באַקוקן מיין שטעטל און געקומען אויפֿן מאַרק, האָט שוין גאַנץ נאָווידוואָר געוואוסט, אַז בועז, יונגוויצעס זון, וואָס איז געוואָרן אַן „אַקטער״ אין אַמעריקע, און די „אַקטיאַרשע״ קלאַרע יאַנג, וואָס שפּילט אין וואַרשע, זיינען געקומען צופֿאָרן. יידן האָבן מיך אַרומגערינגלט און געגעבן שלום־עליכם און יעדערער האָט מיר געזאָגט ווער ער איז. און ווען איך האָב זיי געפֿרעגט אויף זייערע זיידעס, איז דער ענטפֿער געווען: געשטאָרבן.

איינער מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, קוקט אויס ווי אַ ייד פֿון פּערציק, זאָגט מיר, אַז ער איז יוספֿס זון.

— יוסף, מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געלערנט ביי אביגדור מלמד?

— פֿרעג איך, — דאָס קאָן נישט זיין. יוסף אַליין דאַרף איצט זיין אַ יאָר פּערציק, טאָ ווי קומט צו אים אַ זון פֿון פּערציק?

ענטפֿערט ער מיר, אַז דעם ווינטער דאַרף ער ערשט שטיין צום פּריזיוו...

— וואָס טוט דער טאַטע? — פֿרעג איך.

— געשטאָרבן.

— די מאַמע?

— אויך געשטאָרבן.

און דאָ איז צוגעקומען אַן אַלטער ייד און יוספֿס זון זאָגט צו אים:

— זיידע, דאָס איז בועז, אברהם יונגוויצעס זון פֿון אַמעריקע, דעם טאַטנס אַ חבר.

— דו ביסט בועז? — וואונדערט זיך דער אַלטער, — וואָס פֿלעגט זיך חברן מיט מיין יוספֿן ע״ה? נישט באַשערט געווען יוספֿן דיך איצט צו זען. איך לעב און מיין יוסף ליגט אין דער ערד — זיפֿצט דער אַלטער.

איך האָב זיך דערמאָנט אַן פּונקט אַזאַ סצענע אויף דער בינע, אין דער ראָלע, וואָס איך האָב אַמאָל געשפּילט אין „פּיפּעלס״־טעאַטער אין לאָטיי־נערס אַ פּיעסע:

אַ ייִנגל איז אַוועק פֿון שטעטל און איז געוואָרן אַ באַרימטער סקולפּטאָר. מיט יאָרן שפּעטער קומט ער צוריק אין שטעטל, געפֿינט נישט קיינעם פֿון זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע און קיינער געדענקט אים נישט. אַן איינציקער אַל־טער ייד קומט צו אים און גיט אים שלום־עליכם. דער אַלטיטשקער גע־דענקט אים. אויף ווען דער סקולפּטאָר פֿרעגט, ענטפֿערט אים דער אַלטער:

— געשטאָרבן, געשטאָרבן.

— ווער איז ביי אייך געבליבן לעבן? — פֿרעגט דער סקולפּטאָר.

און דער אַלטיטשקער ענטפֿערט:

— געבליבן לעבן זיינען די (און ער ווייזט אויף זיך), וואָס האָבן נישט צוליב וואָס צו לעבן און ווילן נישט לעבן...

איך האָב זיך אויך דערמאָנט, אַז שפּילנדיק דעם סקולפּטאָר, האָב איך דעם אַלטיטשקן געגעבן צען גילדן. האָב איך אויך מיין חבר יוספֿס טאַטן געגעבן אַ פּאָר רובל און זאָג צו מיין ברודער, וואָס איז מיט מיר מיטגעגאַנ־גען: — קום מיט מיר אין בית־המדרש אַריין, איך וויל הערן דעם אַלטן, גוטן

גמרא־ניגון, ווערכן — ווען איך האָב געלערנט גמרא אויף דער בינע — איך פֿלעג אויסזינגען מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ פֿייער, אַז די אַקטיאָרן האָבן זיך געוואונדערט...

דער וועג צום בית־המדרש איז נאָך אַלץ געווען בלאָטיק, נאָך אַלץ נישט ברוקירט. מיר זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען די שטוב פֿון אביגדור מלמד, וואו כ׳האָב אָנגעהויבן צו לערנען גמרא, די שטוב, וואו אַכט ייִנגלעך זיינען געזעסן אויף צוויי לאַנגע בענק אַרום אַ לאַנגן, שמאָלן טיש, און דער רבי אביגדור אויבן־אָן מיטן קאַנטשיק ביי דער זייט. אין דעם איינעם חדר זיי־נען געשטאַנען צוויי בעטן, וואו דער רבי און די רביצן זיינען געשלאָפֿן; אַן אויוון, וואו פּעשע די רביצן האָט געקאָכט, און אַ פּיעקעליק, וואָס האָט אויך געדינט אַלס בעט אין ווינטער, און אויך אַ גרויס פֿאַס מיט וואַסער און אַ פּאָמעיניצע.

ווען איך בין צוגעקומען צום בית־המדרש, האָב איך פֿון דער וויטנס באַמערקט כאַצקעלע שמש שטיין ביי דער טיר פֿון הויז מיט דער ליולקע אין מויל. איך האָב געוואָלט זען צי כאַצקעלע וועט מיך דערקענען, און איך האָב זיך געמאַכט ווי איך באַמערק אים אַפֿילו נישט. ערשט איך הער ווי ער שרייט:

— בועז!

כאַצקעלע שטרעקט אויס זיין קליין הענטל און גיט מיר אַ ברייטן שלום־עליכם:

— וואָס־זשע, דו דערקענסט מיך נישט? געדענקסט שבת צו מפֿטיר מיט דער ציבעלע...

זיבן־און־צוואַנציק יאָר זיינען אַוועק און כאַצקעלע איז נאָך אַלץ געווען דער שמש אין נאָווידוואָר. (כאַצקעלע האָט געירשנט דאָס שמשות פֿון זיין טאַטן, ר׳ שמואל שמש).

איך האָב געוואָלט אין איין שעה איינזאַפּן אין זיך דאָס גאַנצע שטעטל, און מיר זיינען אַריין אין בית־מדרש.

ערשט מיט איין דור צוריק האָט דאָס געזאַנג פֿון גמרא־ניגון זיך געהערט אַפֿילו אויסער די ווענט פֿון נאָווידוואָרער בית־מדרש, אָבער ווען איך בין איצט אַריינגעקומען אין דעם זעלבן בית־המדרש, איז דאָרט געווען שטיל און פּוסט. קיין געזאַנג איז נישט געווען צו הערן. איין איינ־ציקער ייִד איז געשטאַנען ביי דער שאַפֿע ספֿרים און אַריינגעקוקט אין אַ ספֿר, און דעם גמרא־ניגון, וואָס איך האָב אַזוי געגאַרט נאָכאַמאָל צו הערן, האָב איך מער ניט געהערט.

װען מײַן ברודער האָט באַמערקט מײַן אַנטױשונג, האָט ער מיט באַ־דױערן צו מיר געזאָגט:

— דעם גמרא־ניגון האָט די יוגנט פֿון נאָװידװאָר פֿאַרביטן אױף דער בונדיסטישער שבֿועה...

װען איך בין צוריק אַרײַן צום טאַטן אין שטוב, האָב איך געטראָפֿן זיצן אַ מאַן, בײַ װעמען אין שטוב די בחורים משׂכּילים פֿלעגן זיך אָפּט טרעפֿן.

ער האָט מיר דערצײלט זײַן טרויעריקע לאַגע און איך האָב אים געגעבן פֿופֿציק רובל. דער מענטש איז געבליבן זיצן פֿאַרגאַפֿט — ער האָט אַזאַ סומע נישט דערװאַרט! װען איך האָב דערזען די פֿרײד אױף דעם מענטשנס פּנים, האָב איך אַלײן דערפֿילט עפּעס אַ דאַנקבאַרקײט צו אים. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז דער געבער האָט מער הנאה, װי דער נעמער...

איך האָב נאָך געװאָלט גײן אױף דער מאַמעס קבֿר, געװאָלט באַזוכן דעם נאָװידװאָרער רבֿ, רבי נײַפֿעלד, װעלכער — װי מײַן ברודער האָט מיר איבערגעגעבן — איז געװען אַ העכסט אינטעליגענטער מענטש, האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן (דאָס „אָנדענק־בוך“, װאָס די נאָװידװאָרער רע־ליף־סאָסײַעטי פֿון לאָס־אַנדזשעלעס האָט אַרױסגעגעבן, גיט אָן, אַז דער רבי נײַפֿעלד מיט דער גאַנצער משפּחה זײַנען אומגעקומען אין דער װאַרשעװער געטאָ) — אָבער קלאַראַ האָט מיך דערמאָנט, אַז זי שפּילט דעם אָװנט אין װאַרשע, האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט און זײַנען צוריקגעפֿאָרן קײן װאַרשע שפּילן „די אַמעריקאַנערין“.

יעקבֿ דינעזאָן און י. ל. פּרץ באַזוכן אונדזער פֿאָרשטעלונג

זײַענדיק אין װאַרשע, האָב איך געזוכט צו באַקענען זיך מיט אונדזערע גײַסטיקע שפּײַזער פֿון יענער צײַט, אױך מיט די, װאָס איך האָב זײערע װערק געלײענט נאָך װען איך בין געװען אַ ײנגל. אָבער מער װי אַלץ האָב איך געגאַרט זיך צו באַקענען מיט י. ל. פּרצן, דעם כּהן־גדול פֿון דער נײַער ײדישער ליטעראַטור.

אַ געװיסן אָװנט זאָגט מיר מײַן געשעפֿטס־פֿירער, אַז יעקבֿ דינעזאָן קומט הײַנט אָװנט אין טעאַטער זען קלאַראַ יאַנג אין „די אַמעריקאַנערין“. דערהערנדיק דעם נאָמען דינעזאָן, איז מיר באַלד אַרױף אױפֿן געדאַנק זײַן באַרימטער ראָמאַן „הנאהבֿים והנעימים“ אָדער „דער שװאַרצער יונגער־מאַנטשיק“, װעלכן איך האָב געלײענט אַלס ײנגל.

ווען איך פֿלעג לייענען שמ״רן (שייקעוויטש), האָט זיך דער מחבר באַוויזן אין מיין ייִנגלשער פֿאַנטאַזיע ווי אַ הויכער, שיינער מאַן מיט אַ פּאָר „פּענסנע״, געקליידט דייטשמעריש, ווי אַ מאַן, וואָס ער פֿאַרשטייט שוין ווי צו מאַכן ליבע... דערזעענדיק צום ערשטן מאָל שמ״רן אין אָפּיס פֿון „פּיפּעלס״־טעאַטער, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז מיין ייִנגלשע פֿאַנטאַזיע האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. דינעזאָנען האָט מיין ייִנגלשע פֿאַנטאַזיע זיך אַנדערש פֿאָרגעשטעלט, ווייל אין דער הקדמה צום „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק״ רעדט ער צום לייענער הכנעהדיק — ער בעט זיך ביי אים, ער זאָל אים מוחל זיין פֿאַר פֿעלערן און דאַנקט אים פֿאַר דער מחילה. און כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז אַ גרויסער גייסט קאָן וואוינען אין אַ קליינעם קערפּער, בין איך דאָך געווען אַביסל אַנטוישט, ווען דער געשעפֿטס־פֿירער, הער פֿראָמאַן, האָט פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט יעקב דינעזאָנען. אָבער וואָס לענגער איך האָב גערעדט מיט אים, אַלץ גרעסער האָט ער אויסגעזען אין מיינע אויגן. הייִנט די גוטסקייט, וואָס דאָס קליינע מענטשעלע האָט פֿאַרמאָגט! ער איז געווען גאָלע רוחניות. איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב פֿאַרגאָסן טרערן ביי זיין „הנאהבים והנעימים״, ווען איך בין נאָך 15 יאָר אַלט געווען, און אַז זיין „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ האָט מיך סטימולירט צו בילדונג; אַז אין נאָווידוואָר האָט מען אַ געוויסן יונגנמאַן, אַן איידעם פֿון דעם גביר ר׳ מאָטל פּרץ, אַ נאָמען געגעבן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״, — האָט זיין פּנים אָנגעהויבן צו שטראַלן פֿון פֿרייד. ער איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז ער וואָלט געקענט דעמאָלט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט...

דינעזאָנען האָט מען גערופֿן דער שאָטן פֿון י. ל. פּרץ. איז פּרץ ערגעץ געקומען, האָט מען געוואוסט, אַז דינעזאָן מוז אויך זיין. און נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָט דינעזאָן צוגעזאָגט צו ברענגען פּרצן אין טעאַטער אַריין. ביי דער געלעגנהייט האָט דינעזאָן מיר דערציילט, אַז ווען קלאַראַ יאַנג איז געווען אין וואַרשע דאָס ערשטע מאָל און געשפּילט „מיין ווייבס מאַן״, האָט פּרץ אים איינמאָל געזאָגט: — דינעזאָן, מיר מוזן גיין זען די אַקטריסע פֿון אַמעריקע, וואָס די צייטונגען מאַכן פֿון איר אַזאַ צימעס. — און ער איז טאַקע אַ געוויסן אָוונט אַוועק מיט פּרצן אין ייִדישן טעאַטער „עליזעאום״. פּרץ האָט אָנגעקוואָלן פֿון דעם זינגען און טאַנצן. אָבער ווען עס איז געקומען צום דראַמאַטישן טייל פֿון דער מעלאָדראַמע, האָט זיך פּרץ אויפֿגעהויבן און דעמאָנסטראַטיוו פֿאַרלאָזט דאָס טעאַטער, און מיט אים איז אַ פֿערטל פֿון עולם דעמאָלט מיטגעגאַנגען. צוריק אַריינגעקומען איז פּרץ, ווען מען האָט אויף דער בינע ווידער געזונגען און געטאַנצט.

פֿון דעם האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער אינטעליגענטער װאַרשעװער עולם װיל נישט זען אַ פּיעסע, װאָס איז אַ געמיש פֿון דראַמע מיט פֿאַרס, טראַגעדיע מיט בורלעסק.

עס זײַנען אַװעק אַ פּאָר װאָכן. אײנמאָל איז דער אַקטיאָר דראַנאָװ, װעלכער האָט געשפּילט דעם פֿאַרמער אין „די אַמעריקאַנערין", קראַנק געװאָרן און איך האָב געמוזט שפּילן זײַן ראָלע. אַ געװיסן אָװנט, שפּילנדיק אויף דער בינע, שושקעט צו מיר דער אַקטיאָר יצחק סאַמבערג:

— פֿאַניע יונגװיץ, װײסט איר װער עס זיצט אין טעאַטער? פּרץ און דינעזאָן.

איך בין צעטומלט געװאָרן מיט מײַן פּראָזע און איך האָב געמאַכט אַ „בולבע". עס האָט מיך פֿאַרדראָסן, פֿאַרװאָס איך דאַרף דעם אָװנט שפּילן אין אַ פֿאַרס.

װען מיר האָבן געענדיקט און איך בין אַרײַן אין מײַן גאַרדעראָב־צימער, האָב איך שױן געטראָפֿן פּרצן און דינעזאָנען זיצן און װאַרטן אויף מיר. כאָטש איך האָב פּרצעס בילד שוין פֿיל מאָל געהאַט געזען, דאָך האָט זײַן פֿיגור און זײַן גרויס, ברײט פּנים אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויערן אײַנדרוק. פֿיל מענטשן האָבן געזאָגט, אַז פּרץ זעט אויס װי אַ פּוילישער שלאַכטשיץ — אין מײַנע אויגן האָט ער אויסגעזען װי אַ מאַן פֿון אָריענט. װען נישט דער שמײכל, װאָס האָט זיך געזען אין זײַנע אויגן, װאָלט ער געװען מער ענלעך צו אַ טערקישן פּאַשאַ. דאָס ביסל פּוילישקײט, װאָס איז געלעגן אויף אים, האָט געשטעקט אין זײַנע גרויסע, שװאַרצע, מיט גרוי געמישטע װאָנצעס, װאָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען.

— שלום־עליכם, ר' ײד, — זאָגט פּרץ צו מיר, אויפֿהױבנדיק זיך און אויסשטרעקנדיק זײַן האַנט. שטײענדיקערהײט, מיט דינעזאָנען בײַ דער זײַט, האָט פּרץ אויסגעקוקט װי אַ ריז אויף קערפּערלעך.

— עליכם שלום ושלום על כּל ישׂראל, — ענטפֿער איך אים.

דאָס װאָרט „כּל ישׂראל" האָב איך באַטאָנט מיט אַ זיפֿץ, װײל איך האָב געװאָלט מיט אים פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך, אָבער פּרץ האָט מיר קורץ געענטפֿערט:

— נישט דאָ אין דער גאַרדעראָבע איז צײַט און פּלאַץ צו רעדן װעגן כּלל ישׂראל. איך האָף, אַז איר װעט נאָך פֿאַרװײלן בײַ אונדז אין װאַרשע אַ פּאָר װאָכן. װען איך װעל צוריקקומען פֿון באָד אין אויסלאַנד, װעלן מיר צוזאַמען מיטאָג עסן און איר װעט מיר אָפּגעבן אַ גרוס פֿון די ײדן מעבר לים.

װען איך האָב זיך געװאָלט פֿאַר אים פֿאַרענטפֿערן, אַז איך בין

פלוצלינג אַריינגעפאַלן אין דער ראָלע, און אַז איך שפּיל איבערהויפּט נישט קיין פאַרס, איך בין אַ דראַמאַטישער שוישפּילער, האָט פּרץ באַמערקט:

— איך גיי ליבערשט זען אַ שיינעם שפּאַס אין יידישן טעאַטער, ווי די זאָגענאַנטע פּיל־רעקלאַמירטע אַמעריקאַנישע „ליטעראַרישע פּיעסן”...

קלאַראַן האָט פּרץ דעמאָלט געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, ווי אַן אמתער קאַוואַליר, און ער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די אָפּערעטע און די מוזיקאַלישע קאָמעדיע זיינען אַ נויטווענדיקייט. די זאַך איז נאָר, אַז מען מוז עס שפּילן גוט און מען דאַרף עס אויפפירן קינסטלעריש.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער בין איך און קלאַראַ איינגעלאַדן געוואָרן צו פּרצן אין הויז.

ביי פּרצן אויף שבת־אויבס

ווען מיר זיינען געווען אין פּאַריז און געגאַנגען זען שפּילן סאַראַ בערנאַרד, האָב איך מיטגענומען מיין טעכטערל און צו איר געזאָגט: „לו־סילע, מיין קינד, איך נעם דיך מיט זען די גרעסטע אַקטריסע פון דער איצטיקער צייט. זאָלסטו דיר גוט אַריינבעמען אין זכרון ווי זי זעט אויס, כדי דו זאָלסט מיט אַ פערציק־פופציק יאָר שפּעטער קענען זאָגן, אַז דו האָסט געזען שפּילן די גרויסע סאַראַ בערנאַרד.

ווען מיר זיינען געגאַנגען צו פּרצן, האָב איך מיין קינד אויך מיטגענומען און איר דערקלערט ווער פּרץ איז, וואָס פאַר אַ ראָלע ער שפּילט ביי אונדז יידן, און איר אויך געזאָגט, אַז זי זאָל זען אים צו געדענקען. און יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זי געפרעגט צי זי געדענקט פּרצן, האָט זי מיר געענטפערט: — אַוודאי געדענק איך פּרצן. איך געדענק אַפילו, ווי ער האָט געזאָגט, אַז די בעסטע צייט פאַר אים צו שרייבן איז פון פינף אינדערפרי ביז ניין, ווען ער דאַרף גיין צו דער אַרבעט.

ביים עפענען די טיר ביי פּרצן, צעגליאַנאַ נומער איינס, איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַ שלאַנקע פרוי מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען, וועלכע פּרץ האָט פאַר אונדז פאָרגעשטעלט ווי זיין „בעסטע העלפט”. דינעזאָן האָט דערביי באַמערקט: — און איך בין זיין ערגערע העלפט!

און מעשה קאַוואַליר זאָגט פּרץ:

— איר ווייסט, מאַדאַם יאַנג, ווען איך הער אייך רעדן אויף דער סצענע, בין איך פאַרליבט — (קלאַראַ יאַנג קוקט שעלמיש אויף פּרצן) און פּרץ ענדיקט: — אין דער יידישער שפּראַך...

מאַדאַם פּרץ האָט כּלומרשט אַ זיפֿץ־אָפּ געטאָן, און מיר אַלע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

בײַ פּרצן אין שטוב האָב איך דעמאָלט געטראָפֿן נאָמבערגן, דוד פֿרישמאַנען און מרדכי ספּעקטאָרן, מיט װעלכע איך בין שױן געװען באַקאַנט פֿון פֿריער.

— ספּעקטאָר — רופֿט זיך אָן פּרץ — זאָל איך אױסזאָגן דער דאַמע [קלאַראַ יאַנג] װעגן דיר?

און אײדער ספּעקטאָר האָט נאָך געהאַט צײַט אַ טראַכט צו טאָן, װאָס פּרץ װיל װעגן אים „אױסזאָגן", נעמט פּרץ דערצײלן:

— מיר זײַנען בײדע געזעסן אין ציטאַדעל (אַרעסטירט אַלס פּאָליטישע) און געװאַרט מען זאָל אונדז רופֿן צום סליעדאָװאַטעל (אױספֿאָרשונג־ריכטער). אײנמאָל באַמערק איך װי בײַ מײַן ספּעקטאָרן װערן די האָר גרױ. זאָג איך: „ספּעקטאָר, װאָס ערגערסטו זיך אַזױ? דו װערסט דאָך גרױ. זאָרג זיך נישט, מיר װעלן באַפֿרײַט װערן". ספּעקטאָר ענטפֿערט נישט. עס גײען אַװעק נאָך אַ פּאָר טעג, איך זע װי ספּעקטאָר הױבט אָן צו װערן װײַסלעך. טרײסט איך אים װידער. עס גײען אַװעק נאָך אַ פּאָר טעג. איך זע װי ספּעקטאָר איז געװאָרן װײַס װי אַ טױב. „ספּעקטאָר", שרײַ איך שױן צו אים, „װאָס װעט װערן פֿון דיר? װאָס זאָרגסטו זיך אַזױ? ביסט דאָך שױן װײַס װי שנײ!" מײַן ספּעקטאָר ענטפֿערט מיר אַלץ נישט. נו, גאָט האָט געהאָלפֿן, מיר זײַנען ענדלעך באַפֿרײַט געװאָרן. אין אַ פּאָר טעג אַרום באַגעגן איך ספּעקטאָרן אין גאַס, ערשט איך האָב אים קױם דערקענט: מײַן ספּעקטאָר איז שװאַרץ װי קױל...

מיר האָבן נאַטירלעך אַלע זיך צעלאַכט אױף ספּעקטאָרס רעכענונג.

װען איך האָב אין לױף פֿון געשפּרעך באַמערקט, אַז מיר האָבן אין ניו־יאָרק גרױסע ײדישע קינסטלער און גוטע ײדישע דראַמען, האָט פּרץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, װי אײנער, װאָס זוכט מבטל צו מאַכן, און געזאָגט:

— אונדזערע ײדישע שױשפּילער װײסן אַפֿילו נאָך נישט װי צו שטײן און צו גײן אױף דער בינע!

דינעזאָן האָט מיט אַ שמײכל צוגעגעבן:

— פּרץ מײנט די היגע, די אײראָפּײאישע ײדישע שױשפּילער.

— װאָס דענקט איר, פּאַניע פּרץ, װעגן דעם רוסישן טעאַטער? — האָב איך געפֿרעגט — גײען זײ נישט אַביסל צו װײַט? איך מײן מיט דער „פֿערטער װאַנט".

דעמאָלט האָט אין פּױלן גאַסטראָלירט אַ רוסישע טרופּע. אין פֿראָנט

פֿון דער בינע־עפֿענונג, וואָס מיר רופֿן די „פֿערטע וואַנט", איז ביי זיי געווען אַראָפּגעלאָזט אַ טיול, כדי די שוישפּילער זאָלן נישט זען דאָס פּובליקום. אויף דער בינע זיינען נישט געווען קיין רעקוויזיטן (פּראָפּס) און נישט קיין דעקאָראַציעס, בלויז קוליסן. ווען אַ שוישפּילער האָט באַדאַרפֿט דערשיינען אויף דער בינע דורך אַ טיר, האָט מען הינטער די קוליסן געגעבן אַ קלאַפּ, מען זאָל זיך פֿאָרשטעלן, אַז דאָס האָט זיך די טיר צוגעמאַכט ביים אַריינקומען. דער הויפּט־טעם פֿאַר דעם איז געווען, אַז די גאַנצע קאָנצענטראַציע פֿון פּובליקום זאָל זיין געווענדט אויף דעם שוישפּילער.

אַזאַ פֿאָרשטעלונג האָב איך שפּעטער אויך געזען אין מאָסקווע אין אָנפֿאַנג פֿון דער רעוואָלוציע.

און פּרץ האָט מיר דעמאָלט געענטפֿערט, אַז דער רוסישער טעאַטער שטייט פֿיל העכער ווי דער אַמעריקאַנער — דאָס איז ידוע לכול. ביי אייך איז די טעכניק זייער אַנטוויקלט, אָבער די אמתע קונסט איז דאָ. ווען איך זאָג דאָ, מיין איך ביי אונדז אין וואַרשע, אין פּוילישן טעאַטער. אָט דאָס זיינען אַקטיאָרן, אָט דאָס הייסט קונסט!

ער האָט גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג וועגן דער פּוילישער בינע, אַז ווען איך וואָלט נישט געווען זיכער, אַז פּרץ איז אַ יידישער נאַציאָנאַליסט, וואָלט איך געגלויבט, אַז דאָס רעדט אַ פּוילישער פּאַטריאָט.

דורך דער צייט, וואָס איך האָב גערעדט מיט פּרצן, איז פֿרישמאַן געווען פֿאַרנומען אין אַ געשפּרעך מיט דער מאַדאַם פּרץ, נאָמבערג האָט אַרומגעשפּרייזט איבער דער שטוב, ספּעקטאָר איז געזעסן ביים טיש און עפּעס געקייעט, און דינעזאָן האָט ביים זעלבן טיש געמאַכט פּאַפּיראָסן פֿאַר פּרצן און זיך פֿון צייט צו צייט אַריינגעמישט אין אונדזער געשפּרעך מיט אַ באַמערקונג.

— און וואָס דענקט איר, הער פּרץ, וועגן אונדזער יעקב גאָרדין? — פֿרעג איך ביי אים מיט אַ געוויסן שטאָלץ.

— ער איז נישט אָריגינעל.

דאָ האָט זיך דינעזאָן אַריינגעמישט און האָט געפֿרעגט ביי פּרצן:

— אָבער וואָס זאָגסטו, פּרץ, צו „מירעלע אפֿרת"?

— „מירעלע אפֿרת" — גיט צו פּרץ — איז באמת אַ גוטע יידישע פּיעסע.

— הער פּרץ, — ווענד איך זיך צו אים נאָך אַ קורץ שטילשווייגן, — פֿאַרוואָס באַזוכט איר נישט אַמעריקע? מיר דאַכט, אַז יעדער ייד, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער יידישער לאַגע, דאַרף באַזוכן אַמעריקע, ווען

ער האָט, נאַטירלעך, די מיטלען און די צייט. איבערהויפּט איר. ווי איך ווייס, וואַרטן די יידן אין ניו־יאָרק מיט גרויס אומגעדולד צו זען זייער באַליבטן פּרץ און הערן פֿון זיין אייגן מויל פֿאַרלייענען זיינע שריפֿטן.

ביי די ווערטער האָט פּרץ געמאַכט אַ מינע, ווי אַ יונג מיידל, ווען מען זאָגט איר אַ קאָמפּלימענט, אַז זי איז שיין, און זי ענטפֿערט: „ווירקלעך?״...

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט אויף אַ פּאָר סעקונדן און דערנאָך האַסטיק צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט גאָרנישט, מיין ליבער ייד, ווי שטאַרק מיין פֿאַרלאַנג איז צו זען ווי אַזוי אונדזערע יידן לעבן ביי אייך אין אַמעריקע. איך חלום פֿון אַמעריקע, אַזוי ווי אַ פֿרומער ייד חלומט פֿון ארץ־ישראל. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? איך בין אַ פֿאַרקויפֿטער מענטש אין דער היגער גמינע. די פּאָר וואָכן אורלויב, וואָס מען גיט מיר אום זומער, מוז איך האָבן, כּדי מיין געזונט צו דערהאַלטן, און קיין אַנדערע צייט קען איך מיר נישט דערלויבן.

עס האָט אויסגעזען, ווי ער האָט פֿאַרלוירן זיין גאַנצע האָפֿענונג צו זיין ווען עס איז אין אַמעריקע.

וועגן די פֿירער פֿון דער גמינע האָט ער גערעדט מיט ניט קיין גאַנץ שטאַרקער ליבע. ווי באַקאַנט, איז אין יענער צייט פּרץ אַרויס קעגן די אַסימילאַטאָרן, און די גמינע האָט אים געוואָלט אָפּזאָגן.

— הער פּרץ — האָב איך געזאָגט — איך וויל זיין אייער אימפּרעסאַריאָ. איך וויל אייך געבן אַ מעגלעכקייט צו קאָנען קומען קיין אַמעריקע.

ביי די דאָזיקע ווערטער מיינע האָט פּרץ געקוקט אויף דינעזאָנען, ווי איינער פֿרעגט: „וואָס זאָגסטו?״ — און ענדלעך רופֿט ער זיך אָפּ:

— אויב געשעפֿט, „ביזנעס״, דאַרפֿט איר זיך ווענדן צו מיין געשעפֿטס־פֿירער, צו הער דינעזאָן.

איך האָב דעמאָלט צוגעזאָגט דינעזאָנען, אַז ווען איך וועל קומען קיין ניו־יאָרק, וועל איך אַרבעטן, אַז פּרץ זאָל קריגן די מעגלעכקייט צו קומען קיין אַמעריקע.

יעדער קעגנשטאַנד זעט אויס קלענער פֿון דערווייטנס און ווען מען קומט נענטער, זעט עס אויס גרעסער. מיט אַ סך שרייבער איז די זאַך פֿאַרקערט: ווען מען קומט מיט זיי אין באַרירונג, זעען זיי אויס קלענער, ווי מען האָט זיך פֿאַרגעשטעלט. אָבער פּרץ איז געווען אַן אויסנאַם. ווען מען האָט זיך מיט אים נענטער באַקענט, איז ער אויסגעוואַקסן מיט הונדערט קעפּ גרעסער.

*

דעם לעצטן אָוונט פֿון אונדזער שפּילן האָב איך געמאַכט אַ שמחהלע ביי מיין ברודער, דעם גביר, פֿאַר אַלע יידישע ליטעראַטן. עס זיינען גע־קומען: דוד פֿרישמאַן, ספּעקטאָר, מרדכילע, מנחם, דינעזאָן, דער טונ־קעלער און נאָך. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער אויפֿן צעטל איז געווען י. ל. פּרץ. אַלע זיינען געקומען און מען וואַרט אויף פּרצן, אָבער ער איז נישט געקומען. ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז פּרץ נישט געקומען צוליב פֿרישמאַנען...

ווען מיר האָבן באַדאַרפֿט אָפּפֿאָרן, איז צו דער באַן געקומען דינעזאָן און איך פֿרעג ביי אים:

— וואו איז פּרץ? (פּרץ האָט געהאַט צוגעזאָגט צו קומען צו דער באַן אונדז באַגלייטן).

— ער וועט, אפשר, נאָך קומען — ענטפֿערט מיר דינעזאָן.

ווען מיר זיינען שוין געזעסן אין וואַגאָן און די באַן האָט זיך גערירט, האָב איך געזען פּרצן שטיין אויף דער פּלאַטפֿאָרם, און פֿאָכענדיק מיט זיין ברייטן, שוואַרצן הוט אין דער האַנט, האָט ער אונדז נאָכגעשריגן:

— גיט אָפּ אַלע יידן פֿון ניו־יאָרק אַ גרוס פֿון מיינעטוועגן!

אין אַ געשפּרעך מיט אַניטאַ בלומענטאַל (געדרוקט אין „דער יידישער פּראָוויען־זשורנאַל" פֿון יאָר 1922) דערציילט קלאַראַ יאַנג: „פּרץ האָט אויסגעזען ווי אַ פּריץ, אַן אַריסטאָקראַט. ער איז געווען פֿון אַ זייער ברוגזנדיקער נאַטור. זיין קול איז געווען אַזאַ זיכערער און אַ פֿעסטער, אַ מעכטיקער. ער איז געווען אין דער אמתן אַ שטאַרקער מענטש. אָט וואָס איך האָב אַליין בייגעוואוינט: איך בין געפֿאָרן מיט פּרצן אין איין וואַגאָן ערשטע קלאַס פֿון לאָדזש נאָך וואַרשע. איך האָב זיך געפֿילט שוואַך און קראַנק. איך בין געלעגן אויף דער באַנק. מיך האָט געשטיקט די לופֿט פֿון וואַגאָן און איך האָב געעפֿנט דאָס פֿענצטער. אַ פּאָר פּאָליאַקן, וויסנדיק, אַז איך בין אַ יידישע, האָבן מיר געוואָלט אָפּטאָן אויף צו להכעיס און פֿאַרמאַכט דאָס פֿענצטער. איך האָב ווידער געעפֿנט און זיי האָבן ווידער פֿאַרמאַכט. פּרץ האָט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע און געשוויגן. אָבער פּלוצים האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און מיטן פֿויסט אויסגעזעצט אַ שויב און ווענדנדיק זיך צו די פּאָליאַקן, האָט ער געזאָגט מיט פֿלאַ־מענדיקע אויגן פֿון כּעס: „אָט איצט פּרוּווט פֿאַרמאַכן!".

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך געשריבן אין מילערס „וואָרהייט" וועגן דעם גרויסן חוב, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק איז שולדיק צו איר גרויסן פּרץ:

„איך וויל נישט מאַכן קיין עפּנטלעכן פאַרשלאַג, נאָר איך וויל באַ־מערקן, אַז איצט איז די געלעגנהייט צו באַצאָלן דעם חוב, וואָס מיר זיינען שולדיק צו איינעם פון אונדזערע גרעסטע, וועלכער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן צו קעמפן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן רעכט. ווען דאָס זאָל אים אויך קאָסטן זיין ברויט. מיר דאַ קענען קיין באַגריף ניט האָבן, וואָס עס הייסט פאַר פרצן אַרויסצוטרעטן קעגן די וואַרשעווער אַסימי־לאַטאָרן און זאָגן צו די יידן אין וואַרשע: 'זייט ניט קיין מה־יפּיתניקעס! קעמפט פאַר אייער נאַציאָנאַל רעכט!' — דאָס האָט דעמאָלט געהייסן נישט נאָר צו פאַרלירן דאָס ברויט, נאָר אויך דער ערשטער באַפאַלן צו ווערן פון פּאָגראָמטשיקעס. הער פרץ פאַרלאַנגט ניט, חלילה, קיין באַלוינונג פון יידישן פאָלק, אַ ווילאַ, כאָטש דאָס וואָלט אים מיט רעכט געקומען. מיר דאַרפן נאָר זען אים צו געבן אַ מעגלעכקייט צו קומען צו אונדז, און מיר זאָלן האָבן פאַרבאַרייט אָפענע אָרעמס אים אויפצונעמען און אים געבן אַ קבלת פּנים, ווי עס פּאַסט פאַר דעם פּרינץ פון דער יידישער ליטעראַטור, און דאַ וועט ער זיך שוין אַליין פאַרזאָרגן".

ווער ווייסט, — ווען מען וואָלט פרצן דעמאָלט געבראַכט קיין אַמעריקע, וואָלטן די שווערע איבערלעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אפשר נישט געווען אים מקצר געווען די יאָרן...

צוריק אין אַמעריקע

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, איז דער יידישער טעאַטער־סעזאָן שוין געווען אין פולן גאַנג, און אַלע טעאַטער־מענעדזשערס האָבן דעמאָלט שוין געגעסן פון איין שיסל: טאָמאַשעווסקי, עדעלשטיין, קעסלער, ווילנער און יעקב פּ. אַדלער — זיינען אַלע געווען שותּפים.

מאַקס ר. ווילנער האָט זיך מיט מיר צערעכנט אויף אַן אָרנטלעך־אַנשטענדיקן שטייגער, מיר געגעבן אַ טשעק און דערביי געזאָגט:

— איצט, מ"ר יאַנג, וויל איך אייך עפּעס פרעגן: ווי קומט עס, וואָס איר האָט די גאַנצע פיר יאָר, וואָס איר זייט מיט מיר געווען, געהאַט צו מיר אַזוי פיל צוטרוי? ווייסט איר, אַז איך האָב געקאָנט אַזוי מאַכן, איך זאָל איצט אייך נישט דאַרפן אויסצאָלן קיין פּעני? זאָגט מיר, וואָס האָט אייך געמאַכט אַזוי גלויבן אין מיר?

ווען מען האָט גערעדט צו ווילנערן, פלעגט ער ווייניק ענטפערן, נאָר קוקן אויף דעם מענטשן און שטודירן זיין יעדע באַוועגונג...

האָב איך ווילנערן געענטפערט:

— איך האָב געהאַט צוטרוי צו אייך, ווייל איך, פונקט ווי איר, האָב ליב צו שטודירן מענטשן. אַנשטאָט צו „שטודירן" די ביכער אייערע, האָב איך בעסער שטודירט אייער כאַראַקטער, אייער נשמה, און איך זע, אַז איך האָב מיך ניט אָפּגענאַרט.

די „סטאַר־שותּפים" האָבן אויך געדונגען טעאַטערס אויף דער פּראָ־ווינץ, און זיי האָבן קלאָראַן און מיך געשיקט קיין שיקאַגאָ צו עפֿענען זייער טעאַטער דאָרט, ביז איינער פֿון די סטאַרס וועט קאָנען קומען אַהין גאַסטראָלירן.

אַחוץ „מיין ווייבס מאַן" האָב איך אין שיקאַגאָ אויפֿגעפֿירט גאַרדינס „סיביריאַ" און „דער לייב און די מויז", און שאָמערס „אַלרייטניקעס". איך בין אין אַלע פּיעסן געווען דער סטאַר. מיר זיינען אויך געפֿאָרן מיט דער טרופּע אין אַנדערע שטעט, וואו די מענעדזשערס פֿון ניו־יאָרק האָבן גע־האַט טעאַטערס. אָבער קלאָראַ האָט געבענקט נאָכן אייראָפּייאישן פּוב־ליקום, נאָך דער אייראָפּייאישער טעאַטער־אַטמאָספערע — דאָרטן, וואו דאָס באַציִען זיך פֿון פּובליקום צום קינסטלער איז וואַרעם און פּאַרערע־ריש; וואו די ליבשאַפֿט פֿון באַזוכער צום אַקטיאָר דויערט נישט אַזוי קורץ, ווי לאַנג דאָס אויג זעט אים אויף דער בינע, נאָר ער נעמט מיט זיך מיט זיין ליבשאַפֿט און פֿאַרערונג צום קינסטלער אויך ווען ער גייט אַוועק פֿון טעאַטער. און איך האָב פּשוט געבענקט נאָכן אָפּנעמען יעדע נאַכט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר...

קורץ, ווען מיר זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק, האָבן מיר באַשלאָסן צום דריטן מאָל צו פֿאָרן קיין אייראָפּע. געזאָגט און געטאָן — מיר האָבן געקויפֿט דריי שיפֿסקאַרטן (אויך דאָס מאָל האָבן מיר מיטגענומען אונ־דזער קינד), איינגעפּאַקט און געפֿאָרן.

אויף דער שיף מיט מאָריס געסטן

אויף דער שיף האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט דעם באַוואוסטן יידיש־אַמעריקאַנישן טעאַטער־דירעקטאָר מאָריס געסט. ער איז געפֿאָרן ברענגען באַרימטע אייראָפּייאישע קינסטלער, זיי פֿאַרצושטעלן פֿאַרן אַמעריקאַנער פּובליקום, און איך בין געפֿאָרן פֿאַרשטעלן קלאָראַן פֿאַרן פּובליקום פֿון גאַנץ אייראָפּע.

אַ מערקווירדיקע קאַריערע האָט דורכגעמאַכט אָט דער מאָריס געסט. אין יענער צייט, ווען איך פֿלעג אָפֿט קומען מיט טרופּעס קיין באָסטאָן, האָט מ"ר מיטניק, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער איינוואוינער אין

באָסטאָן און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, מיר פֿאָרגעשטעלט (אין שפּאַס) צוויי אָפּגעריסענע ייִנגלעך, וואָס האָבן געקלעפּט אַרום זײַן טעאַטער: אײנער האָט אויסגעזען, פּשוט גערעדט, ווי אַן אידיאָט (און איז עס טאַקע געווען); דער צווייטער איז געווען אַ זשוואַווע בחורל מיט קלוגע אויגן און מיט אַ ברייטן שמייכל. די צוויי זײַנען געווען ווי אַ „סיאַם־צווילינג״ — אַלעמאָל האָט מען זיי געזען צוזאַמען. זיי האָבן זיך געטיילט מיטן ביסן, האָבן געוואוינט צוזאַמען און זײַנען געווען נישט אָפּצוטיילן אײנער פֿון צווייטן. דעם אידיאָט האָט מען גערופֿן שייקע, און דעם זשוואַוון בחורל — משה. שייקען פֿלעגן די אַקטיאָרן שיקן אַ גאַנג. משה פֿלעגט נאָכטראָגן דעם עמער מיט קלעפּעכטס דעם אַפּישן־קלעפּער מיטן נאָמען קעסעלמאַן. ווען מיטניק האָט באַמערקט, אַז אין אַ געוויסער געגנט זײַנען די אַפֿישן פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג נישט אויסגעקלעפּט, פֿלעגט ער געבן משהן פֿלאַמיקע פּעטש (פֿאַר קעסעלמאַנען האָט ער מורא געהאַט, ווײַל ער איז געווען אַ געוועזענער פּרייז־פֿײַטער). משה און שייקע פֿון באָסטאָן זײַנען געווען באַקאַנט צווישן אַלע ייִדישע אַקטיאָרן און טעאַטראַלן, וואָס האָבן געוואָגלט איבערן לאַנד.

יאָרן זײַנען אַוועק און איך האָב פֿון משהן נישט געהערט. אײנמאָל, אַ שבת בײַטאָג, בין איך געגאַנגען זען אַ פּאָפּולערע ענגלישע פּיעסע אויף בראָדוויי. אין דער „לאַבי״ (פֿאָרהויז פֿון טעאַטער) האָב איך באַמערקט אַ יונגנמאַן מיט בילעטן און דאָלאַרן אין די הענט — אַ בילעטן־ספּעקולאַנט, ווי אַלע ספּעקולאַנטן אויף בראָדוויי. דער יונגערמאַן איז מיר פֿאָרגעקומען קענטלעך. איך האָב לאַנג ניט געדאַרפֿט וואַרטן, ווײַל ער האָט מיך אויך דערקענט און זיך גלײַך געמאָלדן:

— יאָ, דאָס בין איך, משה; פֿון באָסטאָן.

יאָרן שפּעטער איז מאָריס געסט שוין געווען דער באַרימטער „פּראָדיוסער״, — זײַן נאָמען אויף בראָדוויי איז געווען בײַ אַלעמען אויף די ליפּן. אין משך פֿון אַ דרײַ צענדליק יאָר איז מאָריס געסט געווען אַ צויבער־נאָמען אין אַמעריקאַנער טעאַטער. די „אַטראַקציעס״, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון אייראָפּע, האָבן געמאַכט אַ רושם און געהאַט אַ טיפֿן אײַנפֿלוס אויף דער אַמעריקאַנער טעאַטער־קונסט. ער האָט געבראַכט קיין אַמעריקע אויך מאַקס ריינהאַרטן מיט זײַן „מיראַקל״.

אַרויסגייענדיק מיט קלאַראַן פֿון טעאַטער נאָך אַ פֿאָרשטעלונג פֿון „מיראַקל״, האָבן מיר באַגעגנט מאָריס געסטן, וועלכער האָט אונדז וואַרעם באַגריסט. ווען קלאַראַ האָט זיך צו אים געווענדט בלשון „מ״ר געסט״, האָט ער פּראָטעסטירט:

— פֿאַר מײַנע באַסטאָנער פֿרײַנט װעל איך שטענדיק פֿאַרבלײַבן משה. בפֿרט נאָך, אַז מ״ר יאַנג האָט מיך נישט אײנמאָל באַשיצט פֿון מיטניקס פּעטש.

װען איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר שטאָלצירן מיט אים, האָט ער מיט אַ טרויעריקן שמײכל געענטפֿערט, אַז ער װאָלט אַלע זײַנע דער־פֿאָלגן אװעקגעגעבן פֿאַר יענע טעג מיט שײקען אין באַסטאָן. ער פֿילט זיך שװאַך, האָט ער זיך באַקלאָגט — דאָס האַרץ.

איצט, אויף דער שיף, איז מאָריס געסט געפֿאָרן מיטן ערשטן קלאַס און זיכער מיט אַ סך טויזנטער אין קעשענע, און איך בין געפֿאָרן מיטן צװײטן קלאַס און מיט װײניקער געלט, אָבער מיט אַן אַרטיקל, װאָס הייסט קלאַראַ יאַנג, װאָס איז װערט געװען פֿאַר אײראָפּע הונדערטער טויזנטער דאָלאַר...

מיר בײדע, מאָריס געסט און איך, האָבן איצט געקוקט מיט שפּאַס און געלעכטער אויף יענער ניט־לאַנג פֿאַרגאַנגענער צײַט, װען ער איז געשלאָפֿן אין פֿאָדערהויז בײַ זײַן חבר שײקע אין באַסטאָן, און איך — אין פּאַרק אין ניו־יאָרק. אָבער בײדע האָבן מיר געבענקט נאָך יענע יאָרן.

איך װער דירעקטאָר אין װאַרשע

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן, װאו דער דירעקטאָר פֿון „פּאַװיליאָן״־טעאַטער איז דעמאָלט געװען דער אַקטיאָר דזשאָו קעסלער. מיט אים איז אויך געװען זײַן „פּערזענלעכער סעקרעטאַר״ יעקב קאַליך (איצט דער מאַן פֿון מאַלי פּיקאָן), װעלכער איז געװען דער „אוטשאָגני יעװורעי״ פֿון דער טרופּע.

אונדז איז אויך אויסגעקומען צו זײַן אין פּאַריז, אָבער שפּילן האָבן מיר צוערשט געװאָלט אין װאַרשע, און מיר זײַנען טאַקע באַלד אַהין געפֿאָרן.

די דירעקטאָרן פֿון װאַרשע און פֿון דער פּראָװינץ האָבן מיר פֿאַר־געלײגט, קלאַראַ זאָל בײַ זײ גאַסטראָלירן, אָבער איך האָב זײ דערקלערט, אַז אַזוי װי איך בין שוין נישט קײן „גרינער״ דאָ, װיל איך אַלײן װערן אַ דירעקטאָר פֿון אַ טעאַטער אין װאַרשע.

אין בערלין האָט מען אין יענעם סעזאָן געשפּילט די אָפּערעטע „פּופּ־פּכען״ מיט גאָר אַ גרויסן דערפֿאָלג. דער נאָמען „פּופּכען״ האָט מיך פֿאַראינטערעסירט, דענקענדיק, אַז דאָ קען זײַן אַ ראָלע פֿאַר קלאַראַן, און איך בין ספּעציעל געפֿאָרן קײן בערלין זען די אָפּערעטע.

אין בערלין האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם איצט באַוואוסטן שי־קאַגער זשורנאַליסט ד״ר מאַרגאָלין, באַקאַנט אַלס „אברהמל״. אין דער ידישער טעאַטער־אַטמאָספערע פילט זיך ד״ר מאַרגאָלין אַזוי היימיש, ווי ער וואָלט אַליין געווען אַן אַקטיאָר; זיין באַליבטסטע טעמע איז מיט יעדן איינעם וועגן טעאַטער — יידיש טעאַטער.

די אָפּערעטע איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, אָבער די ראָלע פון „פּופּכען״ האָט מיך אַנטוישט. איך האָב דערוואַרט צו זען אין דער ראָלע אַן אַקטיאָר מיט אַ מיניאַטור־פיגור, און דאָ שפּילט אַן אַקטיאָר, וואָס איז געווען איבער זעקס „פוס״ הויך, דער קאָמיקער פון דער טרופּע און אַ באַ־קאַנטער ליבלינג פון בערלין.

איך האָב ווידער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם ווי אַזוי צו מאַכן, אַז „פּופּכען״ זאָל זיך פּאַסן פאַר קלאַראַן. ווען איך האָב דעם פּלאַן דער־קלערט אַברהמלען, האָט ער מיט מיר איינגעשטימט, און איך האָב גע־קויפט די פּיעסע מיט דער מוזיק און זי אויפגעפירט אין וואַרשע מיט קלאַראַ יאַנג. אין יידיש האָט די אָפּערעטע געהייסן „פּופּסיק״.

די אָפּערעטע, איבערגעזעצט פון פּסח קאַפּלאַן און וואַקסמאַן, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און קלאַראַ יאַנג אַלס „פּופּסיקל״ איז געווען ווי געבוירן פאַר דער ראָלע. אַ סך ביט־יידן זיינען דעמאָלט געקומען זען די אָפּערעטע. דער דירעקטאָר פון דער פּוילישער אָפּערעטע אין וואַרשע, וואָס האָט זיך ערשט געקליבן אויפצופירן „פּופּסיק״, האָט געשיקט זיינע אַקטיאָרן אין יידישן טעאַטער צו זען „פּופּסיק״.

גאַסטראָלן אין מײַן וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער

די געשעפטן אין קאַמינסקי־טעאַטער אונטער מיין מענעדזשמענט זיינען געווען אַזוי גוט, אַז בעסער האָב איך זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט, און דאָך האָב איך געהייסן קלאַראַ יאַנג זיצן אין דער היים און האָב אַנגאַזשירט אַ גאַסטראָלער, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע, ווייל דער גאַסטראָלער־אַקטיאָר, כאָטש ער איז געווען מיין „באָס״ אין ניו־יאָרק זיבן־אַכט יאָר, האָט ער זיך צו מיר שטענדיק באַצויגן קאָלעגיאַל. דאָס איז געווען באָריס טאָמאַשעווסקי. ווען ער האָט ביי מיר געפרעגט וויפל פּראָצענט פון דער איינּנאַמע ער וועט באַקומען, האָב איך אים געענט־פערט, אַז ער וועט באַקומען וויפל ער וועט פאַרלאַנגען.

טאָמאַשעווסקי איז אויפגעטראָטן אין קאָברינס „פאַרלוירענער גן־

עדן", אין דער ראָלע פֿון בעניִן, און וועלכער ער האָט אין אַמעריקע געהאַט גרויס דערפֿאָלג.

טאָמאַשעווסקי האָט ניט געקענט דאָס אייראָפּייִשע פּובליקום, בפרט דעם וואַרשעווער אינטעליגענטן עולם. אַן אַקטיאָר דאַרף קענען זיין פּוב־ליקום און לערנען פֿון פּובליקום. טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט אין אייניקע סצענעס נאָך מער מעלאָדראַמאַטיש ווי אין ניו־יאָרק, און אַנשטאָט וואָס אין ניו־יאָרק פֿלעגט ער ביי דער שטאַרקער סצענע מיט זיין פֿרוי אויסזעצן אַ שויב פֿון פֿענצטער, האָט ער אין וואַרשע אויסגעשלאָגן אַלע שויבן. זיינען טאָקע צומאָרגנס אַלע צייטונגען אַרויס מיט ניט קיין געהויבענער קריטיק איבער אים. דוד פֿרישמאַן האָט געשריבן, אַז דער אַמעריקאַנער אַקטיאָר איז געקומען קיין וואַרשע צו מאַכן אַ פּאַגראָם אין דעם קאַמינסקי־טעאַטער...

איך האָב געפּילט אפֿשר נאָך ערגער ווי טאָמאַשעווסקי; איך האָב אויך שטאַרק געפּילט זיין דורכפֿאַל אין דער קאַסע.

די געשעפֿטן זיינען געוואָרן מיט יעדער נאַכט ערגער, און טאָמאַ־שעווסקי האָט אַליין אויפֿגעהערט צו שפּילן. איך האָב אַרויסגעלאָזט אַן אַפֿיש מיט קלאַראַ יאַנג, אַנזאָגנדיק דעם וואַרשעווער עולם, אַז קלאַראַ יאַנג שפּילט ווידער אין דעם קאַמינסקי־טעאַטער — און די בילעטן זיינען צעכאַפּט געוואָרן.

קוים האָט קלאַראַ אָפּגעשפּילט אַ פּאָר פֿאָרשטעלונגען, הער איך, אַז דוד קעסלער מיט זיין פֿרוי קומען קיין וואַרשע. טראַכט איך: קעסלערן מוז איך דאָך אַוודאי געבן אַ געלעגנהייט צו שפּילן אין וואַרשע. וואָרים, ערשטנס, וואָלט עס געווען פֿון מיין זייט אַ פֿאַרשווערונג קעגן דער דראַמאַ־טישער קונסט, ווען דאָס וואַרשעווער פּובליקום זאָל ניט קאָנען זען און הערן דעם גרעסטן יידישן שוישפּילער פֿון אַמעריקע; צווייטנס, מיט דעם גאַסטראָלערס אויפֿטריט וועט די קאַסע געוויס ניט ליידן, און דריטנס, בין איך דאָך געווען זיין שותּף פֿיר יאָר כּסדר! — האָב איך ווידער אַרונ־טערגענומען קלאַראַ יאַנג פֿון דעם אַפֿיש און אַרויפֿגעשטעלט דוד קעס־לערן.

אויפֿגעטראָטן איז דעמאָלט קעסלער אין דער ראָלע פֿון „שאַפּשאַ־וויטש" אין שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה". ער האָט געהאַט גאָר אַ פֿיינע אויפֿנאַמע, אָבער אַן דעם ענטוזיאַזם, וואָס איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט.

די צווייטע פּיעסע איז געווען „יאַנקל דער שמיד", פֿון דוד פּינסקי, און קעסלערס דערפֿאָלג איז געווען אַ סך קלענער. די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז ער ווידערהאָלט זיך, אַז זיין „יאַנקל" דערמאָנט אין „שאַפּ־

שאַוויטשן". מ׳האָט געמאַכט אַ פֿאַרגלײך פֿון קעסלערס „יאַנקל" מיט דעם אַמאָליקן בעסטן אײראָפּיִאישן שױשפּילער יעקב ליבערט, װעלכער איז איצט אַ פֿאָלקס־אַקטיאָר אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד. אין „שלמהקע שאַרלאַטאַן", װאָס איז געװען קעסלערס „קאָניאַק", האָט ער געהאַט דערפֿאָלג, אָבער אויך אָן דעם ניו־יאָרקער ענטוזיאַזם.

מיט „בר־כּוכבא", װאָס איך האָב דעמאָלט געמאַכט קעסלערן צו שפּילן, כּדי מען זאָל אויך הערן זײַן שטימע, האָט ער ניט איבעררעשט (ער איז געװען אַביסל הײזעריק).

דערפֿאַר אָבער האָט קעסלער געהאַט אַ שטורמישן בײַפֿאַל בײַ די לאָדזשער ײדן, און דווקא אין אַ פּיעסע, װאָס איז איבערגעזעצט געװאָרן פֿון ענגליש, „געקויפֿט און באַצאָלט", װאָס קעסלער האָט געהאַט אויפֿגעפֿירט אין סעקאָנד עװעניו־טעאַטער.

די לאָדזשער ײדן האָבן דוד קעסלערן באַדאַנקט אויך פֿאַר די װאָרשעװער, און די אַקטיאָרן, װאָס האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען אין לאָדזש, האָבן קעסלערן פֿאַרגעטערט. און דאָס איז זײער אַ סך.

נאָך קעסלערס אָפּפֿאָרן פֿון װאַרשע איז קלאַראַ יאַנג װידער אַרויף אויף די אַפֿישן.

דער אַמתער װאַרשעװער, בערל בערנשטײן, איז פּלוצים געקומען אין זײַן הײם־שטאָט װאַרשע, און אים ניט געבן קײן אויפֿטריט אין מײן טעאַטער װאָלט געהײסן זיך אײַנרײַסן מיט די װאַרשעװער „שטאַרקע". איז — װידער „אַרונטער" מיט קלאַראַ יאַנג, „עס לעבע" בערל בערנשטײן!

— און בערל בערנשטײן האָט אויך גאַסטראָלירט אין קאַמינסקי־טעאַטער.

די אורזאַך, פֿאַרװאָס אין יענעם יאָר איז אין װאַרשע געװען אַ גערעטעניש אויף סטאַר־מענעדזשערס, איז די: אין ניו־יאָרק איז בײַ זײ די „שותּפֿות־שיסל" צעבראָכן געװאָרן. און צעבראָכן איז די שיסל געװאָרן, װײַל די לעפֿל פֿון די סטאַר־מענעדזשערס זײַנען געװען צו גרויס פֿאַר דער צו קלײנער שיסל...

יענעם סעזאָן איז צו מיר אין שטוב אַרײַנגעקומען אַ יונג לאָדזשער װײַבל מיט איר מאַן און מיך געבעטן, איך זאָל זי געבן אַ געלעגנהײט אויפֿצוטרעטן אין קאַמינסקי־טעאַטער. דאָס װײַבעלע האָט געהאַט נאַטירלעכע פֿײער־רויטע האָר, אַ שנײ־װײַסע הויט און שײנע פּנים־שטריכן, אויך אַ פּערפֿעקטע פֿיגור. און גערעדט האָט דאָס שײנע װײַבעלע אַביסל אונטערן צינגעלע, װאָס האָט זי געמאַכט קינדעריש און איר צוגעגעבן חן בײַם רעדן. איך האָב געטראַכט בײַ זיך, אַז דאָס אַלײן איז פּאָפּציק פּראַצענט דערפֿאָלג אויף דער בינע. איך פֿרעג זי, צי זי זינגט. ענט־

פּערט זי מיר, אַז זי איז אַ פּרימאַדאָנע. איך בעט זי, זי זאָל עפּעס זינגען. זינגט זי, און איך הער אַ שיינעם, אַנגענעמען הויכן סאָפּראַן. נו, קאָן מען אָפּזאָגן?

דאָס פּאָרל איז געווען הער און פרוי יאַקובאָוויטש. זיי האָבן ביי מיר אין קאַמינסקי־טעאַטער גאַסטראָלירט אין די אָוונטן, ווען קלאַראַ יאַנג האָט ניט געשפּילט.

אָט די אַלע גאַסטראָלערן האָב איך געגעבן אַ געלעגנהייט זיך צו ווייזן פאַרן וואַרשעווער עולם, כאָטש די קאַסע האָט זיי ניט באַדאַרפט...

אין לאָדזש

דער קאָנטראַקט מיט דעם קאַמינסקי־טעאַטער האָט געהאַלטן ביים אויסגיין און איך האָב אַנאַנסירט די לעצטע פינף פאָרשטעלונגען מיט קלאַראַ יאַנג.

אין לאָדזש איז די יידישע טרופּע דעמאָלט באַשטאַנען, — אונטער דער דירעקציע פון זאַנדבערגן — פון די אַקטיאָרן: מיכאַל מיכאַלעסקאָ, אַהרן לעבעדיעוו, זאַסלאַווסקי און נאָך באַקאַנטע אַקטיאָרן, וואָס יעדן פון זיי האָט מען שפּעטער געבראַכט קיין אַמעריקע אַלס אַ סטאַר, וואו זיי האָבן געבראַכט איינגאָמעס. אָבער דעמאָלט, אין לאָדזש, האָבן זיי אַלע צוזאַמען ניט געקענט ברענגען אין דער קאַסע קיין צוויי הונדערט רובל אַ פאָרשטעלונג. איז זייער דירעקטאָר, זאַנדבערג, געקומען קיין וואַרשע און געבעטן, אַז קלאַראַ יאַנג זאָל אויפטרעטן ביי אים. איך האָב אים אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב געוואָלט, אַז קלאַראַ זאָל זיך אָפּרוען. אָבער קלאַראַ האָט מער ווי איין וואָך ניט געקענט לעבן אָן דער סטאַר־אַטמאָספערע, אָן דער קורצער צייט פון צוויי און אַ האַלבע שעה, אין וועלכע עס איז געלעגן פאַר איר פאַרערונג, אַפּלאָז, אָוואַציעס — און קלאַראַ האָט געוואָלט פאָרן קיין לאָדזש שפּילן טעאַטער.

ווען דער דירעקטאָר איז ווידער געקומען קיין וואַרשע און איז צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל קומען מיט קלאַראַן קיין לאָדזש, האָב איך, — כדי פון אים פּטור צו ווערן, — אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט געבן פערציק פּראָצענט פון די איינגאָמעס, וועט קלאַראַ יאַנג שפּילן ביי אים אין לאָדזש.

זאַנדבערג איז געווען אַ צוויית־קלאַסיקער אַקטיאָר, אָבער אַלס דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לאָדזש. ער איז געווען אויסגעבונדן מיטן פּאָליצמייסטער, זיך געחברט

מיט די גרויסע לאָדזשער פֿאַבריקאַנטן, געווען אַ גרויסער „ספּאָרט", אויסגעגעבן גרויסע סומען אין די קאַבאַרעטן (דער איינער סעזאָן פֿון „פֿינטעלע ייִד" האָט אים געגעבן אַ פּראָפֿיט פֿון פֿופֿציק טויזנט רובל). זײַן טעאַטער האָט ער באַטראַכט ווי אַ גרויסע טעקסטיל־פֿאַבריק פֿון לאָדזש. ער האָט זיך אָבער געפֿילט שטאָלץ, וואָס ער איז דירעקטאָר פֿון אַ טעאַטער, און ווען מען האָט אים ניט אַדרעסירט מיט „פּאַניע דירעקטאָזשע", האָט ער זיך געפֿונען שטאַרק באַליידיקט.

ווען דער דירעקטאָר האָט דערהערט, אַז איך פֿאַרלאַנג פֿערציק פּראָצענט פֿון זבאָר (אײַננאַמע), האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק.

אין אייניקע טעג אַרום זײַנען געקומען צו מיר זאַנדבערגס געשעפֿטס־פֿירער בעזמאַן און דער קאַסירער גודמאַן, און מיר געזאָגט, אַז זיי ווילן שרײַבן אַ קאָנטראַקט און זיי גייען אײַן אויף די באַדינגונגען, וואָס איך האָב געשטעלט זאַנדבערגן. איך האָב אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט — און קלאַראַ יאַנג האָט גאַסטראָלירט אין לאָדזש.

שלום־עליכם שרײַבט אין „פֿאַרבלאָנדזשעטע שטערן": „שיכּורים, וואָס האָבן לאַנג ניט פֿאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן, און הונגעריקע, וואָס האָבן שוין לאַנג אין מויל ניט געהאַט, דאַרפֿן זיך ניט אַרויפֿוואַרפֿן אויפֿן טרינקען און עסן מיט אַזאַ יצר־הרע". די לאָדזשער ייִדן האָבן זיך דעמאָלט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן טעאַטער ווי נאָך אַ תּענית פֿון טעאַטער־באַזוך... די פּרײַזן האָט מען געהעכערט אויף טאָפּלט און די אײַננאַמעס זײַנען געווען, אַנשטאָט הונדערט אָדער צוויי הונדערט רובל אַ נאַכט אַן קלאַראַ יאַנג, צוועלף און פֿערצן הונדערט רובל אַ נאַכט! דעם דירעקטאָר זאַנדבערג האָט זיך דאָס געשעפֿט גאַנץ גוט געלוינט.

די פּראָצענטן, וואָס קלאַראַ יאַנג האָט דעמאָלט גענומען אַלס גאַסט־ראָלערין, זײַנען געווען די גרעסטע, וואָס אַן אַקטריסע האָט ווען עס איז באַקומען אין לאָדזש.

דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן

מיט דעם אַמאָליקן יונגן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן פֿון לאָדזש האָב איך זיך באַקענט, ווען קלאַראַ יאַנג האָט נאָך געשפּילט אין וואַרשע.

זיצנדיק אַמאָל מיט אים אין אַ קאַוויאַרניע, זאָגט ער צו מיר:

— איר ווייסט, הער יונגוויץ, אײַער פּרויס שפּילן האָט מיך פֿאַר־אינטערעסירט און פֿאַראינטריגירט, אַז איך זאָל עפּעס אָנשרײַבן פֿאַר איר.

— אַ דראַמע? — פֿרעג איך ביי אים.

— ניין, — ענטפֿערט ער מיר לאַכנדיק, — אַ קאָמעדיע מיט לידער, און מיט אַלע זיבן זאַכן אייערע פֿאַר אַן אָפּערעטע. דאָס איז פֿונעם קאַבאַרעטן־לעבן.

איך האָב זיך געוואונדערט. ער האָט אַפּנים פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס איך וואונדער זיך און ער זאָגט צו מיר לאַכנדיק:

— איר דענקט אפֿשר, אַז אַ העברייאישער לערער טאָר ניט אַמאָל זיך אַריינכאַפּן אין אַ קאַפֿע־שאַנטאַן?

— און איר דענקט, אַז אַ יידישע שאַנסאָנעטקע איז אינטערעסאַנט? — פֿרעג איך ביי אים שמייכלענדיק.

— זייער אינטערעסאַנט, — ענטפֿערט ער מיר ערנסט. — ביי די גויים איז פֿאַראַן אַ מאָנאַסטיר און ביי אונדז יידן פֿאַרנעמט די בינע פֿונעם קאַפֿע־שאַנטאַן דעם פּלאַץ פֿון אַ מאָנאַסטיר.

און ער דערקלערט מיר:

— דאָס איז אַ מעשה וועגן אַ שיין יידיש מיידל, וואָס ווערט אָפּגעפּנאַרט אין ליבע און אַנטוישט פֿון לעבן, גיט זי אַ שפּיי אויף דער וועלט און גייט אַריין אין אַ קאַפֿע־שאַנטאַן, ווערט אַ שאַנסאָנעטקע און פֿאַרטרינקט אירע יאָרן אין קאַבאַרעי.

דערביי נעמט ער אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר און זאָגט:

— איך וועל פֿאַר איך פֿאַרלייענען דאָס ליד פֿון דער שאַנסאָנעטקע, וועט איר פֿאַרשטיין איר גאַנץ לעבן און כאַראַקטער:

איך בין פֿון די, וואָס ווילן, אַז דער ווייַן זאָל שוימען;\
פֿון די, וואָס ווילן און וואָס קאָנען וואַכנד טרוימען.\
איך בין פֿון די, וואָס האַלטן האַרץ און אויגן אָפֿן;\
פֿון די, וואָס קענען ניכטער ניט גיין שלאָפֿן.\
איך בין פֿון די, וואָס קענען זיך ניט אויף דער וועלט קיין אָרט געפֿינען.\
פֿון די, וואָס לעבן הפֿקר, פֿריי, אָן זינען.\
איך בין פֿון די, וואָס זינגען הויך און לאַכן העכער;\
פֿון די, וואָס וויינען אין ווינקעלעך און לעכער.\
איך בין פֿון די, וואָס טוען שטענדיק וואָס מען טאָר ניט;\
פֿון די, וואָס גיבן אַלץ אַוועק און האָבן גאָרניט.\
איך בין פֿון די, וואָס דו'צט אַ פֿרעמדן און טרינקט מיט אים געמיינזאַם;\
פֿון די, וואָס לעבן קורץ און שטאַרבן איינזאַם.

אין דעם ליד האָב איך ווירקלעך דערזען דעם גאַנצן כאַראַקטער פֿון דער העלדין, וואָס קלאַראַ יאַנג דאַרף שפּילן, און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ווען קלאַראַ יאַנג וועט שפּילן אין לאָדוש, זאָל ער די פּיעסע פֿאַרלייענען. ווען מיר זיינען געווען אין לאָדוש, האָט ער פֿאַר מיר זיין פּיעסע פֿאַרגעלייענט און איך האָב זיך אין איר זייער שטאַרק פֿאַראינטערעסירט.

— וואָס פֿאַר אַ נאָמען וועט איר געבן דער פּיעסע? — פֿרעג איך ביי אים.

— די פּיעסע וועט טראָגן דעם נאָמען נאָך דעם לייט־מאָטיוו, „אַ, אַננאַ, בלייב".

ווען איך האָב די פּיעסע געגעבן צו לייענען דעם כאָר־דיריגענט פֿון דער טלאָמאַצקער שול, דעם איצט באַוואוסטן דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין אַמעריקע, לעאָ ליאָוו, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס איז די פּיעסע, וואָס באַוועגט אים צו שרייבן מוזיק פֿאַרן יידישן טעאַטער.

אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אַ כאַראַקטער אין דער דאָזיקער פּיעסע: אַ מאַן, אַן אויסגעשפּיגענער פֿון דער נאַטור, אַ פֿאַרשפּאָטעטער פֿון מענטשן, אַ הויקער — אָט דער אומגליקלעכער זעט זיין גאַנצע וועלט אין דעם שאַנטאַן, אין געזעלשאַפֿט פֿון שאַנסאַנעטקעס. ער רופֿט זיך דער „פּאָטער" פֿון זיי. פֿאַר אָט דער שטאַרקער ראָלע האָב איך אַנגאַזשירט דעם דעמאָלט בעסטן יידישן שוישפּילער אין רוסלאַנד, דעם שפּעטערן פֿאָלקס־אַרטיסט יעקב ליבערט.

ווען איך בין, אין סוף 1920, צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק און האָב באַזוכט דעם נעשאַנעל־טעאַטער, וואו באָריס טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט די פּיעסע „דאָס שטעטל", מיט לעאָ ליאָוו אַלס דיריגענט און פֿאַרפֿאַסער פֿון דער מוזיק, האָב איך אין טאָמאַשעווסקיס „שטעטל" דערקענט יצחק קאַצענעלסאָנס פּיעסע „אַ, אַננאַ, בלייב", און אין טאָמאַשעווסקיס פֿאַרמאַסקירטער ראָלע האָב איך געזען דעם הויקער, וואָס ליבערט האָט געשפּילט.

יצחק קאַצענעלסאָן איז דעמאָלט געווען פֿול מיט הומאָר, שטענדיק אַ פֿריילעכער, פֿלעגט לאַכן און אַנדערע געמאַכט צום לאַכן. איך בין מיט אים שטאַרק באַפֿריינט געוואָרן אין לאָדוש.

איך האָב אים אַמאָל געפֿרעגט:

— יצחק, פֿאַרוואָס לאַכט איר אַזוי פֿיל?

האָט ער מיר געענטפֿערט:

— דערפֿאַר האָט מען דאָך מיר אַ נאָמען געגעבן יצחק...

איבערלייענענדיק זיין אַפּגעראַטעוועט ליד „זינג!", וואו ער קלאָגט: „ווי קען איך זינגען, ווי קען איך עפֿענען אַ מויל, אַז איך בין געבליבן איינער אַליין. מיין ווייב, מיינע עופֿעלעך די צוויי. אַ גרויל! מיך גרוילט אַ גרויל" — און ענדיקט: „און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרפֿע, איך שפּיל" — איז מיר געקומען אויפֿן זכרון מאָזענטאַלס פּיעסע „דעבאָראַ", וואו די העלדין פֿאַרשעלט איר קריסטלעכן געליבטן: ווען מיר זיינען געזעסן ביי די טייכן פֿון בבל און אויפֿגעהאַנגען אונדזערע האַרפֿן... און דאָס געזאַנג פֿון האַס וואַנדערט מיט אונדז דורך דורות"...

אומאָפּגעשיידטער פֿריינט מיינער, יצחק קאַצענעלסאָן, ווען דו וואָלסט איצט נאָכאַמאָל געקענט נעמען די האַרפֿע און זינגען, וואָלט דיין געזאַנג פֿון האַס צו אונדזערע פּייניקער געווען אַ סך מוראדיקער און צאָרנדיקער פֿון דעם געזאַנג פֿון האַס, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אַמאָל געזונגען ביי די טייכן פֿון בבל...

פֿון בערלין ביז מאָנטע קאַרלאָ

ווען איך בין מיט קלאַראַן און מיט מיין קינד געפֿאָרן צו דער ריוויעראַ, פֿראַנקרייך, האָבן מיר זיך אָפּגעשעלט אין בערלין. פּלוצלינג, גייענדיק „אונטער דען לינדען", באַגעגנען מיר דעם רעדאַקטאָר פֿון דער דעמאָלטדיקער „וואָרהייט", לואי מילער. ווען מען איז איבער דריי טויזנט מייל פֿון ניו־יאָרק, וואו מען האָט פֿאַרבראַכט אַזוי פֿיל יאָרן און מען איז דורכגעזאַפּט מיט דער אַמעריקאַנער אַטמאָספֿערע, און מען דערזעט נישט נאָר אַ לואי מילער, נאָר גלאַט אַזוי אַ מענטש פֿון אַמעריקע, דערפֿרייט מען זיך מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם... מיר זיינען באַלד אַריין אין אַ רייכן רעסטאָראַן און געוויינטלעך גערעדט וועגן טעאַטער. איך דערציילט מילערן וועגן קלאַראַ יאַנגס גרויסן דערפֿאָלג אין אייראָפּע און פֿון די גרויסע געשעפֿטן, וואָס מיר מאַכן; אַז עס זיינען דאָ אָוונטן, ווען מיר פֿאַרדינען אויפֿן אַמעריקאַנער געלט דריי הונדערט דאָלאַר אַ נאַכט.

פֿרעגט מיך מילער:

— וואו האַלט איר אייער געלט, מ"ר יאַנג?

וויצל איך זיך:

— וואָס הייסט וואו? אין קעשענע ביי זיך געוויס נישט! דאָס געלט ליגט אין אַ זיכערער באַנק אין וואַרשע, ביי דעם באַנקיר גאָלדפֿעדער; זיין ברודער איז דער קאָנסול אין יאַפּאַן. איך רעכן צו בויען אַ טעאַטער אין

וואַרשע. וואַרשע בויטיקט זיך אין אַ שיין, גרויס יידיש טעאַטער, אַזוי ווי דאָס סעקאָנד עוועניו־טעאַטער אין ניו־יאָרק. און נישט נאָר אין וואַרשע פעלט־אויס טעאַטערס, נאָר אין גאַנץ פוילן און אין רוסלאַנד אויך! איך האָב זיך גוט נאָכגעפרעגט.

און באַגייסטערט פון מיינע אייגענע רייד, זאָג איך צו אים:

— איר ווייסט, מ"ר מילער, וואָס איך דענק צו טאָן? איך וויל גרינדן אַ „קאָרפּאָריישאָן" פון אַ מיליאָן רובל און בויען טעאַטערס אין פוילן און אין רוסלאַנד. איך האָב אַ קוזין אין וואַרשע, וועלכער בויט פעסטונגען פאַר דער רוסישער רעגירונג. ער וועט אויסבויען די טעאַטערס, און דער פרעזידענט פון דער אַקציע־געזעלשאַפט וועט זיין מיין רייכער ברודער פון וואַרשע, בנימין יונגוויץ.

קלאַראַ יאַנג האָט מיך דעמאָלט באַטראַכט פאַר אַ גאַנצן מאַכער, פאַר אַ גרויסן געשעפטסמאַן און איז געווען זיכער אין מיין צוקונפטיקער אונטער־נעמונג.

אָבער מילער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון מיין רעדן געקוקט אויף מיר ווי אויף שלום־עליכמס „מנחם־מענדל", זאָגט צו מיר גאַנץ קאַלט:

— איר ווילט מיך פאָלגן, מ"ר יאַנג, נעמט אייער געלט און שיקט עס אַוועק קיין אַמעריקע. אייראָפּע שטייט אויף אַ וואולקאַן. היינט־מאָרגן וועט אין אייראָפּע אויסברעכן אַ קריג, און איר זייט נישט זיכער מיט אייער געלט.

די דאָזיקע ווערטער האָט מיר לואי מילער געזאָגט זעקס חדשים איידער דער ערשטער וועלט־קריג האָט אויסגעבראָכן... און מיט מיין געלט האָט ער אויך געטראָפן.

אויך אונדזער גוטן, ליבן אַברהם רייזען האָבן מיר באַגעגנט צו יע־נער צייט אין בערלין. מיט אים האָבן מיר זיך געטראָפן אין קאַפע „ראָמאַנאָ" — אַזאַ מין קאַפע ווי די ניו־יאָרקער „ראָיאַל". (מיט זיין שוועס־טער, צו יענער צייט די יונגע, שיינע שרה, זיינען מיר געווען באַפריינדט נאָך אין וואַרשע. זי פלעגט קומען צו אונדז אין קאַמינסקי־טעאַטער). ווען קלאַראַ האָט געבעטן רייזענען, ער זאָל איר עפּעס אָנשרייבן צום אָנ־דענק פון איר טרעפן זיך מיט אים אין בערלין, זי זאָל עס קענען דעקלאַ־מירן, האָט רייזען באַלד אויפן פלאַץ איר פאַרלאַנג דערפילט. ער בעט ביי מיר אַ שטיקל פּאַפּיר און שרייבט אָן פאַר איר אַ קורץ לידל, „דאָס נאַ־איווע מיידעלע", וואָס האָט שטענדיק אַרויסגערופן אַ לאַך ביים פּובליקום, ווען קלאַראַ האָט עס אויף אַ „ביס", ביים אַפּלאָדירן איר, פאָרגעטראָגן.

אין דער ריוויערא האָבן מיר אויסגעקליבן זיך אָפּצושטעלן אין מענטאָן, וואָס איז אַ דרייסיק־פֿערציק מינוט רייזע פֿון דעם באַוואוסטן פּלאַץ מאָנטע־קאַרלאָ. איז ווי פֿאָרט מען ניט אַהין דאָס אָנקוקן? און אַז מען איז שוין אין מאָנטע קאַרלאָ, ווי גייט מען ניט אַריין אינעווייניק, אין דער וועלט־באַרימטער קאַסינאָ פֿון מאָנטע קאַרלאָ, וואו מענטשן פֿאַרשפּילן מיליאָנען און אויך אָפֿט זייער לעבן?

ביים קויפֿן דעם בילעט אויף אַריינצוגיין אַהין, פֿרעגט מען אויס, ווי אין אַמעריקע ביים ווערן אַ בירגער. אויב דו זאָגסט, אַז דו גייסט אַריין שפּילן, פֿאַרטיקט מען דיך אָפּ איינס און צוויי. קוים אָבער זאָגסטו, אַז דו ביסט געקומען נאָר קוקן, הויבט מען דיך אָן אָפּצומעסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

מיך מיט קלאַראַן, די פּלימעניקעס פֿון אָנקל סעם, האָט מען גלייך אַריינגעלאָזט (זיי האָבן אַפּנים געדענקט, אַז מיר האָבן מיטגעבראַכט די אַמעריקאַנער שאַץ־קאַמער). מיין קינד אָבער האָט מען ניט אַריינגעלאָזט, ווייל זי איז צו יונג געווען.

אין קאַסינאָ האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן אַממערסטן רייכע, עלטערע פֿרויען, וואָס זיינען געזעסן שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין שפּיל. די פֿרויען האָבן נאָך געהאַט שפּורן פֿון שיינקייט אויף זייערע פּנימער, אָבער דעם ראָמאַן האָבן זיי שוין אַפּנים געהאַט אָפּגעשפּילט, און איצט האָבן זיי געזוכט אויך אָפּצושפּילן זייער לעבן. ביי די טישן אין גרויסן זאַל איז דאָס שפּילן אָנגעגאַנגען פֿאַרהעלטנישמעסיק זייער קליין. מען האָט געקענט איינשטעלן אַזוי ווייניק ווי אַ פֿינף פֿראַנק־שטיק. פֿאַר די גרויסע, רייכע האַזאַרד־שפּילער, פֿאַר גראַפֿן, באַראָנען, זיינען געווען באַזונדערע צימערן, וואו מען האָט געשפּילט אין די שווערע הונדערטער טויזנטער פּראַנקן אין באַקאַראַט. אָבער די הויפּט־שפּיל איז די רולעטקע. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער קאַסינאָ פֿאַר קוריאָזיטעט וועגן, בלויז קוקן. אָבער מיט אונדז איז פֿאָרגעקומען ווי מיט יענעם סקאָטישן רעוורענד און זיין פֿאַמיליע: ווען זיי האָבן געזען ווי מענטשן האַלטן אין איין פֿאַרשפּילן, האָט דער רעוורענד געהאַלטן פאַר זיין פאַמיליע אַ דרשה, זיי זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר, ווי נישט פֿאַרכאַפּט צו ווערן פֿון טייוול. — דער טייוול, — האָט דער רעוורענד זיי געזאָגט, — נעמט צו ביים מענטשן דאָס געלט מיטן לעבן. — ווען דאָס רעדל האָט זיך אָבער פלוצלינג געטאָן אַ דריי־איבער און אַ יונגערמאַן פון דעם רעוורענדס פאַמיליע האָט געזען ווי דער „קופּיער" האַלט אין איין שאַרן צו אַ מאַן די טויזנטער פֿראַנקן, וואָס ער האָט געוואונען, האָט ער זיך נישט געקענט באַהערשן

און אַרויפֿגעלייגט אַ פֿינף פֿראַנק־שטיק. און ווען די איבעריקע פֿון דער פֿאַמיליע האָבן געזען ווי דער יונגערמאַן האָט שוין געוואונען אַ הונ־דערט פֿראַנק, האָט די גאַנצע גרופּע (מיטן רעוורענד אינאיינעם) אָנ־געהויבן צו שפּילן. דער סוף איז געווען, אַז דער „טייוול" האָט ביי זיי צוגענומען ביזן לעצטן גראָשן...

קלאַראַ האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און איינגעשטעלט אַ פֿינף פֿראַנק־שטיק, און באַלד האָב אויך איך אָנגעהויבן צו שלעפּן פֿון קעשענע פֿינף, צען, צוואַנציק, און הונדערטער פֿראַנקן, — ביז מיר האָבן זיך ענד־לעך דערמאָנט, אַז מיר האָבן אינדרויסן געלאָזט אַליין אַ קינד... און ווען איך האָב איבערגעציילט וויפֿל געלט איך האָב אין קעשענע, האָב איך געזען, אַז ס׳פֿעלט מיר אַ קנאַפּער טויזנטער...

צוריקפֿאָרנדיק אין האָטעל אַריין, האָבן מיר בײדע אָפּגעמאַכט ביי זיך — ניט מער שפּילן אין רולעט!

אָבער אויפֿשטייענדיק אינדערפֿרי, זעענדיק די שיינע נאַטור, פֿי־לנדיק די וואַרעמע זון, האָט זיך געגלוסט צו פֿאָרן ערגעץ, און דער יצר־הרע האָט גלאַט אַזוי אומשולדיק געזאָגט: — וואו איז נאָך דאָ אַ שענער פּלאַץ צו פֿאָרן, ווי אין מאָנטע קאַרלאָ?... און אַז דער יצר־הרע האָט מיך שוין געהאַט אין מאָנטע קאַרלאָ, האָט שוין דער שטן גאַנץ דרייסט געזאָגט: פֿאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט אַריינגיין אין דער קאַסינאָ און אָפּנעמען די נעכטיקע טויזנט פֿראַנק? מיר האָבן פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט און גענומען שטעלן ניט פֿינף פֿראַנק, נאָר גאַנצע הונ־דערטער, און צום סוף האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב אין קעשענע דריי טויזנט פֿראַנק ווייניקער...

אין קלאַראַס געבורט־שטעטל זלאָטשעוו

ווען מיר זיינען צוריקגעפֿאָרן פֿון דער ריוויערע, האָבן מיר זיך אָפּ־געשטעלט אין ווין. זאָגט צו מיר קלאַראַ:

— געדענקסט, בועז, וואָס דו האָסט מיר אַמאָל צוגעזאָגט, ווען מיר זיינען געפֿאָרן קיין נאָווידוואָר?

— איך פֿאַרשטיי שוין, — דערמאָן איך זיך, — דו ווילסט, אַז איך זאָל מיט דיר פֿאָרן אין דיין שטעטל, ווייל דו האָסט באַזוכט מיט מיר מיין שטעטל.

— אָט דאָס מיין איך טאַקע, — איז קלאַראַ דערפֿרייט.

אויף מאָרגן זיינען מיר און אונדזער לוסילע שוין געזעסן אויף דער

באַן, וואָס האָט אונדז געפֿירט אין דער גאַליציאַנער שטאָט זלאָטשעוו.
ווען מיר זיינען אויף אַ דראָשקע געפֿאָרן פֿון דער באַן אין שטאָט אַריין, האָט קלאַראַ צו מיר געזאָגט:
— לייג צו דיין האַנט, וועסטו פֿילן ווי דאָס האַרץ קלאַפּט ביי מיר פֿון אויפֿרעגונג.
מיטאַמאָל גיט קלאַראַ אַ געשריי:
— אָט איז דער מאַרק! — און זיפֿצנדיק זאָגט זי: — וויפֿל מאָל בין איך, אַלס קינד, דעם מאַרק דורכגעגאַנגען...
איך האָב געהייסן דעם בעל־עגלה פֿאָרן לאַנגזאַם. ווען מיר זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן אַ גאַלאַנטעריע־געשעפֿט, האָט זי אַזש אויסגעשריגן:
— זעסט, בועז, אָט די קראָם האָט געהערט אַמאָל צו אונדז, נאָר זי איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן... איך מוז אַריינגיין עפּעס קויפֿן. כאָטש אָנקוקן די ווענט און זען צי די איצטיקע אייגנטימער וועלן מיך דערקענען.
— גוט, — זאָג איך — לאָמיר שפּילן אַביסל טעאַטער. איך וועל דיר „אונטערשפּילן".
אַלע דריי זיינען מיר אַריין אין דעם געשעפֿט. אַן עלטערע פֿרוי איז געשטאַנען אין קראָם. קלאַראַ האָט עפּעס אויסגעזוכט, די פֿרוי זאָגט אַ פּרייז. קלאַראַ דינגט זיך ניט, נעמט אַרויס געלט און באַצאָלט.
— זייער ביליק, — זאָג איך.
די פֿרוי קוקט מיך אָן און שמייכלט. איך קלויב אויס עפּעס אַ זאַך, פֿרעג דעם פּרייז, דינג זיך ניט, באַצאָל, און קלאַראַ זאָגט:
— עס איז זייער ביליק ביי אייך.
(מיין קינד האָב איך אָנגעזאָגט, עס זאָל ניט רעדן צו אונדז קיין איין וואָרט ענגליש אין געשעפֿט).
ווען קלאַראַ האָט אַ דריטע זאַך אויסגעקליבן און זיך ניט געדונגען, איז דער פֿרוי געוואָרן אַביסל פֿאַרדעכטיק און זי רופֿט זיך אָן:
— איך זע, אַז איר זייט ניט קיין היגע, איך מיין, אַז איר זייט ניט פֿון גאַליציע.
— פֿון וואַנען נעמט איר דאָס? — פֿרעג איך ביי דער פֿרוי גאַנץ גלייכגילטיק.
— אייער פּנים זעט אויס ווי פֿון אַמעריקאַנער, — זאָגט די פֿרוי, — און די אַמעריקאַנער דינגען זיך ניט.
קלאַראַ קען זיך מער ניט באַהערשן און זאָגט צו דער פֿרוי:
— מיר זיינען טאַקע אַמעריקאַנער, אָבער פֿאַרוואָס מיר דינגען זיך ניט, איז ניט דערפֿאַר, ווייל מיר זיינען אַמעריקאַנער, נאָר ווייל אין

דעם געשעפֿט האָט זיך קיינמאָל אַ קונה ניט געדונגען. דער קונה האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע מיינער וועט אים ניט אָפּנאַרן. דער קונה האָט געמעגט זיין אַ ייד, אַ גוי, אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי.

האָט די פֿרוי אַ געשריי געטאָן:

— אוי, איך וועל מיר דאָס לעבן נעמען! חייקע, שלמה שפּיקעליצערס טאָכטער פֿון אַמעריקע!

— יאָ, יאָ, — שאָקלט צו קלאַראַ מיטן קאָפּ, — חייקע, איך בין חייקע, ריוועלעס טאָכטער.

די פֿרוי האָט איר געזאָגט איר נאָמען, און קלאַראַ האָט מיך מיטן קינד פֿאַרגעשטעלט און איר אָפּגעגעבן אַ גרוס פֿון איר מוטער, וואָס איז געבליבן אין אַמעריקע.

— איך האָב געהערט, — זאָגט די פֿרוי, — אַז דו ביסט אַ שפּילעריין אין אַמעריקע. ווען די מאַמע איז דאָ געווען פֿון אַמעריקע, האָט זי דערציילט, וואָס פֿאַר אַ גרויסע אַקטאַרקע דו ביסט דאָרטן.

באַלד האָט זיך גאַנץ זלאָטשעוו דערוואוסט, אַז חייקע ריסיע, שלמה שפּיקעליצערס טאָכטער, די „אַקטאַרקע" פֿון אַמעריקע, איז דאָ אין שטאָט.

מיטן זעלבן פֿיאַקער זיינען מיר געפֿאָרן באַקוקן דאָס שטעטל פֿון אַרום 14,000 איינוואוינער, פֿון וועלכע מער ווי אַ העלפֿט זיינען אַמאָל געווען יידן. אין אָט־דעם שטעטל האָט קלאַראַ יאַנג, נאָך אַ קליין מיידעלע, געהערט צום ערשטן מאָל רחל אַקסעלראָד זינגען „שלומית", און „פֿון דעמאָלט אָן" — דערציילט קלאַראַ יאַנג — „איז ניט אַוועק קיין איין מינוט אין מיין לעבן, אַז איך זאָל ניט טראַכטן וועגן טעאַטער"...

טאָקע מיטן לעמבערגער שטראָס זיינען מיר געפֿאָרן אויפֿן זלאָטשעווער בית־עולם און קלאַראַ האָט זיך דאָרט גוט אויסגעוויינט אויפֿן קבר פֿון איר טאַטן. זי האָט אויך אַראַנזשירט, אַז מען זאָל אַכטונג געבן אויפֿן קבר.

ווען מיר זיינען צוריקגעפֿאָרן פֿון בית־עולם, האָב איך געזאָגט צו קלאַראַן:

— ווען מיין מאַמע איז געלעגן אויף שטרוי אויף דער ערד, האָב איך ביי מיין טויטער מאַמען געבעטן, אַז איך זאָל אויפֿוואַקסן אַן ערלעכער ייד. וואָס האָסטו ביי דיין טאַטן געבעטן?

— דו וועסט לאַכן פֿון מיר, — האָט קלאַראַ געזאָגט, — איך האָב געבעטן, אַז איך זאָל קיינמאָל ניט... דורכפֿאַלן אין אַ ראָלע.

ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט און אָפּגעפֿאָרן פֿון זלאָטשעוו, האָט קלאַראַ צו מיר געזאָגט: — היינט האָב איך אַליין דורכגעלעבט אַט

יענע קינדעריש־גליקלעכע פרייד, וואָס איך האָב געזען ביי דיר, ווען מיר זיינען געווען אין דיין שטעטל נאָווידוואָר...

אוי, ווי עס בענקט זיך נאָך יענע שטעטלעך...

ווי האָט געשריבן דער דיכטער, אַקטיאָר און רעזשיסער, קלאַראַ יאַנגס בן־עיר, מיין ליבער פריינט יעקב מעסטל — ווען ער האָט פאַרלאָזט זלאַטשעוו:

„אין יענער נאַכט, דער לעצטער נאַכט,
ווען אָפּגעזעגנט כ'האָב מיין היים —
דעם רב ר' פּיוולס ציגלמויער
און באָבע ליבעס שטוב פון ליים —
מיר דוכט,
אַז קיין שום לעבנס־פרייד וואָלט נישט פאַרגעסן מיך געמאַכט
דעם קינדיש־צאַפּלנדיקן טרויער פון יענער נאַכט".

אין יעקאַטערינאָסלאַוו

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען קיין פוילן, האָבן מיר ווידער געשפּילט אין ווילנע. שפּעטער האָט דער דירעקטאָר גענפּער אַריבערגעפירט קלאַראַ יאַנג מיט דער גאַנצער טרופּע קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

ווען מיר האָבן דאָרט געשפּילט די דייטשע אָפּערעטע „פּופּכען", איז פּלוצים אַ געוויסן אָוונט, אין אָנפאַנג פון ערשטן אַקט, אַריינגעלאָפן אין טעאַטער דער פּאָליציימייסטער שטאַרק אויפגערעגט. נאָך אים אַ צען פּאָליציאַנטן און קאָזאַקן. איך האָב מיך דערשראָקן. דאָס פּובליקום איז געוואָרן אומרואיק, די אַקטיאָרן אויף דער בינע האָבן זיך פאַרלוירן. דער פּאָליציימייסטער איז אַריין אין לאָזשע און געהייסן די מענטשן פון דאָרט אַרויסגיין. אין טעאַטער איז באַלד אַריינגעקומען דער יעקאַטערינאָסלאַווער גובערנאַטאָר מיט זיין פרוי און נאָך אַ באַאַמטער. דער פּאָליציימייסטער האָט זיי אַריינגעפירט אין דער לאָזשע. אַלע האָבן זיך בארואיקט און די פאָרשטעלונג איז אָנגעגאַנגען ווייטער. דער גובערנאַטאָר איז אויסגעזעסן די גאַנצע פאָרשטעלונג און האָט שטאַרק אַפּלאָדירט.

צומאָרגנס האָט גאַנץ יעקאַטערינאָסלאַוו גערעדט, אַז דער גובערנאַטאָר איז געווען אין יידישן טעאַטער זען קלאַראַ יאַנג.

געשפּילט האָבן מיר דעמאָלט אין אַ גאָרטן, וועמענס אייגנטימער איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען כיטרין.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט אויך דעמאָלט גאַסטראָלירט די מאָסקווער טרופּע פֿון קינסטלערישן טעאַטער, מיט קאַטשאַלאָוו, מאָסקווין, טשעכאָווא, בלומענטאַל־טאַמאַראַ, געאָרגיעווסקי. זיי האָבן געשפּילט אין שטאָטישן טעאַטער, אָדער אין שטאָטישן גאָרטן. די אַקטיאָרן פֿון דער קונסט־טרופּע פֿלעגן ביי יעדער געלעגנהייט קומען צו אונדז אין טעאַטער זען אַ יידישע פֿאָרשטעלונג.

אַ געווויסן אָוונט האָט די מאָסקווער קונסט־טרופּע אונדז איינגעלאַדן מיר זאָלן מיט זיי נאָך דער פֿאָרשטעלונג עסן אַ מאָלצייט, וואָס זיי האָבן באַשטעלט אין שטאָטישן גאָרטן. ווען מיר זיינען אַהין געקומען, האָבן די מאָסקווער אונדז באַגעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע. מ׳האָט געגעסן, געטרונקען. מאָסקווין האָט מער פֿון אַלע גערעדט און נאָך מער געטרונקען... מיר האָבן פֿיל גערעדט וועגן אַמעריקע. קלאַראַ יאַנג האָט אַ חוש פֿאַר שפּראַכן. ווען זי איז געווען אין פֿראַנקרייך, האָט זי געלערנט אַביסל פֿראַנצויזיש. אין מעקסיקע האָט זי דערלערנט שפּאַניש אויף אַזוי פֿיל, אַז זי האָט געהאָלפֿן איבערזעצן אין שפּאַניש איין אַקט פֿון מיין קאָמעדיע־„דזשייקעלע בלאָפֿער״. אָבער דעמאָלט האָט זי נאָך קיין רוסיש נישט געקענט. האָט זי זיך אַזוי „פֿאַרבולבעט״, אַז אַפֿילו דער שטילער קאַטשאַלאָוו האָט געקייכט פֿון געלעכטער. מיר האָבן זיך דעמאָלט געפֿילט ווי „כּל אַקטיאָרן חברים״. קיינער האָט נישט געמאַכט קיין אָנשטעל פֿון אַ סטאַר און קיינער האָט זיך נישט געפֿילט נידעריקער פֿון קאַטשאַלאָוון אָדער מאָסקווינען. ס׳איז געווען דערפֿאַר — ווייל, ווי גייט דאָס ווערטל אין האָליוואָוד: „אין אַ פּלאַץ, וואו אַלע זיינען יחסנים, איז קיינער נישט קיין יחסן...״

מײַן באַזוך ביי שלום־עליכמען

ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז שלום־עליכם געפֿינט זיך אין וואַרשע און ער שטייט־איין אויף ביעלאַנסקע גאַס אין אַ האָטעל, בין איך צו אים געגאַנגען מיט דעם געדאַנק, צו פֿרעגן צי ער האָט אַ פּיעסע פֿאַר דעם ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער און צי ער וויל, אַז איך זאָל פֿאַר אים אונטערהאַנדלען מיט די ניו־יאָרקער יידישע טעאַטער־מענעדזשערס. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב געשפּילט מיט טאָמאַשעווסקין אין זיין „סטעמפּעניו״, אָבער איך געדענק נישט איצט ווי די ראָלע האָט געהייסן. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב געשפּילט אַ שיינעם יידן, דאַכט זיך, דעם פֿאָטער פֿון רבקהלען.

איך האָב אים אויך דערציילט, אַז יעדעס מאָל, ווען עס איז געקומען

צו דער סצענע, ווי רבקהלע ליגט אין בעט, חלומט פֿון סטעמפּעניון און הערט סטעמפּעניוס פֿידעלע שפּילן, האָט עס מיך אָוועקגעפֿירט צום עבֿר, פֿון דרייסיק יאָר צוריק, ווען איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער אין נאָווידוואָר אַלס יינגל און געטראַכט פֿון מיין שטיפֿשוועסטער, חיהלע, אין וועלכער איך בין געווען פֿאַרליבט. דעמאָלט האָב איך אויך געהערט ווי דער נאָווידוואָרער „סטעמפּעניו", איציק קלעזמער, האָט באַגלייט חתן־כּלה אַהיים מיט זיין פֿידעלע, און זינדיקע געדאַנקען זיינען מיר שוין דע־מאָלט געקומען אין קאָפּ אַריין...

שלום עליכם האָט דערביי געשמייכלט און דערנאָך מיך בלויז געפֿרעגט וואָס פֿאַר אַן אורזאַך איך האָב צו וועלן פֿאַרהאַנדלען פֿאַר אים מיט די אַמעריקאַנער מענעדזשערס. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז איך זוך ניט קיין נוצן דערפֿון, נאָר איך וויל עס טאָן פֿאַר שלום־עליכמען. ער האָט מיר געדאַנקט און געזאָגט, אַז ער קען זיי שוין זייער גוט, די אַמעריקאַנער יידישע טעאַטער־מענעדזשערס... איך האָב דעמאָלט געדענקט, אַז ער וועט קיין אַמעריקע אַזוי גיך שוין ניט פֿאָרן... ער האָט גערעדט מיט זייער פֿיל ביטערקייט וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, און מיט סאַר־קאַזם וועגן די יידישע פּיעסן, וואָס ווערן געשפּילט אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף אַ סך יידישע אַקטיאָרן, איבערהויפּט אויף דזשייקאָב פּ. אַדלער.

— ער איז אַ גרויסער אַקטיאָר, אָט דער אַדלער, — האָט שלום־עליכם געזאָגט, — אַ שאָד נאָר, וואָס ער שפּילט מאַנכעס מאָל זאַכן, וואָס פּאַסן גאָרנישט פֿאַר אַזאַ אַרטיסט...

איך דענק, אַז יענער געשפּרעך מיט אים אין וואַרשע איז טאַקע גע־ווען די אורזאַך, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו יעקב פּ. אַדלערן אַ בריוו.

איך ציטיר דעם בריוו (בקיצור), ווי ער איז געדרוקט אין בערקאָ־וויטשעס (שלום־עליכמס איידעם) בוך „שלום־עליכם", ווייל כמעט די אייגענע ווערטער האָט שלום־עליכם צו מיר גערעדט. (אין דעם בריוו ווערט גערעדט וועגן דער שפּעטערדיקער דראַמאַטיזאַציע פֿון „טוביה דער מילכיקער"):

„לוזאַן, פּענסיאָן העליאָס,
דעם 20טן יאַנואַר.

דעם גרויסן קינסטלער און מייסטער פֿון דער יידישער בינע, מ״ר דזשייקאָב פּ. אַדלער.

גרויסער מייסטער! איך שיק אײַך, דורך מײַן פֿרײַנט דזשייקאָב סאַפּערשטיין, אַ פּלעי, וואָס איך האָב איבערגעאַרבעט פֿון מײַנע ווערק אין משך פֿון צוואַנציק יאָר... וואָס איז פֿול מיט טראַגעדיע... שוין צייט, שוין צייט, גרויסער מייסטער, איר זאָלט אויפֿטרעטן אויף דער בינע, אין דעם הערבסט פֿון אײַער אַרטיסטישער קאַריערע, אין אַ שטיק פֿון אמתן ייִדישן, אַלטעגלעכן לעבן. לייענט אים נאָר גוט אַריין. איר וועט באַוווּנדערן. איר וועט זיך שאַפֿן אײַנע פֿון אײַערע בעסטע, באַליבטסטע ראָלן, וואו איר וועט זײַן סימפּאַטיש און באַליבט און אַרויסרופֿן דעם געזונטן געלעכטער, דעם מיטפֿילנדן זיפֿץ, די ניט געצוואונגענע, שטילע, פֿאַרבאָרגענע טרער. איך וויל דענקען, אַז דאָס זאָל ווערן אײַער קרוינדל אויף אײַער לאַנגן אַרטיסטישן וועג, אײדער איר געזעגנט זיך אָפּ מיט אײַער פּראָפֿעסיע, הלוואי נאָך לאריכת ימים, אָמן ואָמן.

אײַנער פֿון אײַערע שטאַרקסטע פֿאַרערער
שלום־עליכם."

בערקאָוויטש דערציילט, אַז דער דאָזיקער בריוו איז אָנגעשריבן געוואָרן און ניט אָוועקגעשיקט געוואָרן צו אַדלערן. שפּעטער האָט שלום־עליכם איבערגעאַרבעט די דראַמאַטיזאַציע און עס איז אַרויסגעקומען „טוביה דער מילכיקער".

הייסט עס, אַז דאָס, וואָס עס האָט געזאָלט זײַן דזשייקאָב פּ. אַדלערן, איז אָנגעקומען מאָריס שוואַרצן.

עם ברעכט־אויס די ערשטע וועלט־מלחמה

זומער 1914 האָב איך אָנגעהויבן אינטענסיוו צו אַרבעטן וועגן בויען אַ טעאַטער אין וואַרשע. איך האָב געוואָלט זײַן דער ערשטער, וואָס זאָל בויען אַ טעאַטער אין וואַרשע ספּעציעל פֿאַר ייִדישע פֿאָרשטעלונגען, פּונקט ווי איך בין געווען אײנער פֿון די ערשטע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין בויען דעם גרענד־טעאַטער און דעם סעקאָנד עוועניו־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

איך האָב געדענקט, אַז ביז מײַן מיליאָנערסקע אַקציע־געזעלשאַפֿט וועט זײַן געגרינדעט צו בויען אַ קייט טעאַטערס אין פּוילן און אין רוסלאַנד, לאָמיך דערווײַל אַליין, מיט מײַנע אײגענע מעגלעכקייטן, פּרוּוון בויען דעם ערשטן טעאַטער. פֿערציק טויזנט רובל צו געבן דעם בוי־

אונטערנעמער האָב איך געהאַט. און עס וועט נאָך בלייבן גענוג געלט אין דער באַנק אויף אָנצופּירן דעם טעאַטער — וואָס־זשע איז דאָ צו וואַרטן? האָב איך באַשטימט אַ דאַטע צו גיין צום אַדוואָקאַט נח פּרילוצקי, צו שרייבן דעם קאָנטראַקט.

דאָס ספּעציעלע טעאַטער פֿאַר יידישע פֿאָרשטעלונגען האָט געזאָלט געבויט ווערן אויף לעשנאָ גאַס. עס האָט באַדאַרפֿט זיין פּלאַץ פֿאַר צוועלף הונדערט מענטשן, געבויט אין דעם סטיל ווי סעקאַנד עוועניו־טעאַטער.

אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. די פּלענער פֿון דעם נייעם טעאַטער האָב איך שוין אויך געהאַט געזען. אָבער פּלוצים האָט אויך אין וואַרשע אָפּ־געהילכט דער שאָס פֿון דעם סערב אויף דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ און זיין פֿרוי, און מען האָט אָנגעהויבן מורמלען וועגן מלחמה.

איך האָב שוין באַדאַרפֿט אָנשרייבן דעם טשעק אויף פֿערציק טויזנט רובל, דערזע איך דורך דעם פֿענצטער פֿון מיין האָטעל, ווי סטודענטן טראָגן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטנס אָן אומגעהויער גרויס בילד, נאָך זיי גייט נאָך עפּעס אַ המון און מען זינגט עפּעס אַזאַ טרויעריקע מעלאָדיע, וואָס האָט געוואָרפֿן אַ שרעק אויף אַלעמען. די דעמאָנסטראַציע איז געווען אינסצענירט פֿון דער רעגירונג, ווי אַ פּראָלאָג צו דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס האָט אין אייראָפּע זיך אָנגעהויבן אָפּשפּילן אין אויגוסט 1914. נאַטירלעך האָבן מיר מער ניט געטראַכט פֿון שרייבן אַ קאָנטראַקט.

אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי רוסלאַנד האָט דערקלערט מלחמה דייטשלאַנד, איז געוואָרן אַ געלויף אויף די באַנקען אין וואַרשע, און אין צוויי טעג אַרום האָט מיין „זיכערער באַנקיר״, גאָלדפּעדער, פֿאַרשלאָסן די טירן פֿאַר זיינע קליענטן און איך בין געבליבן מיט ניט מער ווי פֿינף טויזנט רובל, וואָס איך האָב געבאָרגט מיין שוואָגער. לואי מילערס נביאות איז מקוים געוואָרן.

אין יענער צייט פֿלעגט מען יעדע שעה ברענגען אַנדערע „פּאָטשטן״ וועגן דער דייטשער אַרמיי: אַט זיינען זיי שוין דאָ און אַט דאָרטן, און אַט שטייען זיי שוין הינטער וואַרשע און מען הערט שוין דאָס שיסן פֿון די דייטשן. די צאַרישע רעגירונג איז דעמאָלט געווען אַזוי פֿאַרהאַסט ביי די יידן, אַז מען האָט פּשוט געהאַט „טענות״ צום דייטש: „וואָס האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט? זאָל ער שוין אַריינקומען קיין וואַרשע!״

איינמאָל זאָגט צו מיר דער אַקטיאָר יצחק סאַמבערג, דער שפּעטערער קדוש:

— קומט, מ״ר יאַנג, קיין פּאַוואָנזעק, וועלן מיר הערן שיינע מוזיק.

— וואָס פאַרא מוזיק? — פרעג איך.

— איר ווייסט גאָר ניט? מען הערט דאָך שוין אין פּאַוואָנזעק דעם דייטש שיסן!

איך האָב ניט געהאַט וואָס צו טאָן און בין מיט אים געגאַנגען, אוועק־געזעצט זיך אויף אַ באַנק און געהערט די „מוזיק"...

זיצן מיר אין פּאַוואָנזעק, איך און סאַמבערג, אויף אַ באַנק און מיר וואַרטן, אַז דער דייטש זאָל זיך לאָזן הערן. ענדלעך האָט סאַמבערג דער־הערט אַ שוואַכן שאָס פון ווייטן און זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן אויסדרוק, און ווען ער האָט דייטלעך דערהערט אַ צווייטן שאָס, האָט זיין פּנים געשטראַלט פון פרייד:

— יעדער שאָס איז פאַר מיינע אויערן ווי אַ שיינער טאָן פון אַ גוטער פּרימאַדאָנע, ווי אַ סימפאָניע... מיר וועלן פּטור ווערן פון צאָר. יידיש טעאַטער וועט האָבן גאָר אַן אַנדער פּנים ביי די דייטשן. אַ זעקסט־חלק וועט דער דייטש ניט נעמען פון דער יידישער טעאַטער־קאַסע! אַ קליינינקייט, וואָס דער דייטש וועט אויפטאָן פאַר פוילן!

סאַמבערג, וועלכער האָט זיך אַליין באַטיטלט „דער קעניג פון די יידישע אַקטיאָרן אין פוילן", איז דעמאָלט געווען מער פּראָ־דייטש, ווי דייטשלאַנדס פאַרבינדעטע... שפּעטער, אין דער וואַרשעווער געטאָ, איז ער געווען צווישן די ערשטע, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך די זעלבע דייטשן... ווען זיי האָבן אים געפירט צום שיסן, איז ער געגאַנגען שטאָלץ ווי אַ קעניג. אין זיינע הענט האָט ער געהאַלטן צוויי רענצלעך, אין וועלכע עס זיינען געלעגן די אַלע פּיעסן, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר דעם אַרטיסטישן „קעניג" פון פוילן... די געדאַנקען שוין צעמישט, האָט דער קדוש אויף זיין לעצטן גאַנג אויסגערופן דראַמאַטיש: „מאַכט פּלאַץ פאַר דעם קעניג פון די יידישע אַרטיסטן אין פוילן!"...

אין אָדעס

אַ פּאָר חדשים זיינען מיר געזעסן אין וואַרשע און האָבן געדענקט, אַז אָט־אָט וועט זיך ענדיקן די מלחמה.

אַ סך אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַרשע, זיינען שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס. אויך וואַרשעווער ליטעראַטן זיינען דע־מאָלט אַוועק קיין אָדעס.

געהערט פון אָדעס האָב איך זייער פיל. איך האָב געוואוסט, אַז אַ סך חכמי־ישראל וואוינען אין אָדעס: מענדעלע מוכר ספרים, ביאַליק, פרוג

און אַנדערע. אַדלער פֿלעגט דערציילן פֿיל מעשיות וועגן זיינע אַוואַנטורעס מיט ראַזענבערגן אין אַדעס.

איך האָב געוואוסט, אַז אַדעס איז די שטאָט, וואו דאָס יידישע טעאַטער איז אַרויס פֿון וויגעלע און אָנגעהויבן צו גיין. אַדעס איז געווען אַ פּרובט־בארער באָדן פֿאַר יידיש טעאַטער נאָך אין סוף זיבעציקער און אָנהויב אַכציקער יאָרן. אַ סך פֿון די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן זיינען אין אַדעס צו־געשטאַנען צום יידישן טעאַטער. איך האָב אַ סך זאַכן געוואוסט וועגן דער שטאָט, וואָס מען האָט גערופֿן „די יוזשנאַיאַ קראַסאַוויצאַ״, אָבער איך האָב זי נאָך ניט געהאַט געזען.

אַ געוויסן טאָג זיינען צו אונדז אין האָטעל, אין וואַרשע, אַריינגעקומען די צו יענער צייט צוויי גרעסטע אַקטיאָרן פֿון אייראָפּע, ליבערט און זאַס־לאַווסקי, און זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי קומען נאָר וואָס פֿון אַדעס, וואו זיי שפּילן מיט אַ חברים־טרופּע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, און די טרופּע האָט באַשלאָסן צו ברענגען קלאַראַ יאַנג קיין אַדעס פֿאַר גאַסט־ראָלן.

נאָכדעם ווי די באַנקן אין וואַרשע האָבן זיך פֿאַרמאַכט און מיר זיינען געזעסן אַ פּאָר חדשים און גאָרנישט פֿאַרדינט, האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען דעם אָנבאָט און מיר זיינען מיט זיי אָפּגעפֿאָרן קיין אַדעס.

און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ ניי קאַפּיטל פֿון אונדזער לעבן אין יידישן טעאַטער. מיר זיינען אין „אַדעסאַ מאַמאַ״, און ווי אַ מאַמע האָט אונדז אַדעס אויפֿגענומען. די שטאָט איז געוואָרן אונדזער היים פֿאַר אַ לאַנגער צייט. געשפּילט האָט די חברים־טרופּע אין דעם בול־גאַרעווסקי טעאַטער, וואו ליבערט און זאַסלאַווסקי זיינען געווען די אָנ־פֿירער.

די געשעפֿטן ביי דער חברים־טרופּע זיינען דעמאָלט געווען אַזוי שלעכט, אַז ווען איך האָב געזאָגט דער כאָר זאָל גיין מאַכן פּראָבע, האָט אַ כאָריסט („די לאַנגע נאָז״ האָט מען אים גערופֿן) געזאָגט:

— מיר האָבן קיין כּח ניט, מיר הונגערן.

איך האָב זיי דעמאָלט געשאָנקען 25 רובל, און דער כאָריסט האָט געזאָגט:

— פֿון איצט אָן ווען מיר מאַכן בלויז פּראָבע, אַז פֿאַרן שפּילן באַקומען מיר דאָך קיין געלט נישט...

און כאָטש דאָס טעאַטער איז געשטאַנען אין אַ שלעכטער געגנט, איז געווען קליין, אַלט, אָפּגעלאָזן און שמוציק, איז דאָך באַלד נאָך די ערשטע

פֿאַר פֿאָרשטעלונגען, וואָס קלאַראַ יאַנג האָט דאָרט געשפּילט, געקומען אין טעאַטער די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז קיינמאָל פֿריער אין יענעם טעאַטער ניט געגאַנגען.

דוד פֿרישמאַן דער אייראָפּייער, דער שטענדיקער בײַן־זאָגער, דער נעגירער, דער איראָניקער אין דער יידישער און העברייאישער ליטעראַ־טור, דער וואָס איז געווען פֿול מיט פּאַראַדאָקסן, וואָס דערמוטיקן איז נישט געווען אין זיין כאַראַקטער, — ער האָט דווקא געהאַט טענות צו די יידישע טעאַטער־קריטיקער, פֿאַרוואָס זיי רייסן אַרונטער דאָס יידישע טעאַטער. „וואָס ווילן זיי פֿון יידישן טעאַטער”, האָט ער אַמאָל צו מיר געזאָגט. „דאָס יידישע טעאַטער איז דאָך נאָך קיין פֿערציק יאָר ניט אַלט! ווי זאָגט מען ביי אייך אין אַמעריקע, אַ ׳גרינער׳! זאָלן זיי האָבן געדולד. עס וועט נאָך וואַקסן! זיי דענקען, די קריטיקער פֿון יידישן טעאַטער, אַז זיי וואָלטן עס בעסער געמאַכט ווי אַברהמל גאָלדענפֿאַדים”.

איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז ער איז דער שטענדיקער איפּכא־מסתברניק, און זאָג צו אים: „דאָס דערמאָנט מיך, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט וועגן אַ מענטשן, וואָס אים איז קיין זאַך ניט געפֿעלן געוואָרן אין דער וועלט, ווי אַזוי גאָט האָט דעם בראשית באַשאַפֿן. ׳איך וואָלט די וועלט אַנדערש באַשאַפֿן׳, זאָגט דער ביין־זאָגער, — ׳ניט מיט ווערים־מענטשן, ווי דער, וואָס זיצט דאָרטן אויבן אין הימל, האָט עס גע־טאָן׳. ביי די דאָזיקע ווערטער פֿון דעם ניט־צופֿרידענעם פֿון דער וועלט־באַשאַפֿונג, האָט פֿון הימל אַ דונער געטאָן, און די גאַנצע ערד האָט זיך איבערגעקערט און איז חרוב געוואָרן; עס האָט אַ צווייטער דונער געטאָן, און די הימלען מיט אַלץ וואָס עקזיסטירט, וואָס איז געווען מאַטעריע, איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן. געבליבן איז נאָר אַ קליין בערגעלע, אויף וועלכן דער איינציקער מענטש, וועמען עס געפֿעלט ניט קיין זאַך פֿון גאָטס באַשאַפֿונג, איז אויף דעם געזעסן. און עס הערט זיך אַ קול, וואָס זאָגט: ׳מענטש, אַלץ וואָס האָט געלעבט, וואָס האָט עקזיסטירט, איז מער נישטאָ. געבליבן ביסטו מיט דעם קליינעם בערגעלע, אויף וועלכן דו זיצסט. פֿון דעם קליינעם בערגעלע אָבער קאָנסטו צוריק באַשאַפֿן אַ וועלט און אַלץ, וואָס דו וועסט נאָר וועלן. דיר געפֿעלט ניט, ווי אַזוי איך האָב באַשאַפֿן דעם מענטשן, — אַנו, לאָמיר זען, מאַך דו בעסער׳. עס האָט ווידער אַ דו־נער געטאָן, און דאָס קול האָט אַ געשריי געטאָן: ׳שאַף!׳ — און דער מענטש אויפֿן בערגעלע האָט גענומען אַביסל ערד און צוערשט באַשאַפֿן דעם מענטש, אָבער ניט קיין וואָרעם־מענטש, נאָר אַ ריזן־מענטש, אַ סופּער־מענטש. און דער סופּער־מענטש האָט זיך זייער שנעל פֿאַרמערט און האָט

רעוואָלטירט, געמאַכט אַ רעוואָלוציע קעגן דעם מענטש, וואָס האָט אים באַשאַפֿן, און זיי, די סופֿער־מענטשן, האָבן אים אומגעבראַכט, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו באַשאַפֿן דאָס איבעריקע"...

און איך זאָג צו פֿרישמאַנען: ווען גאָלדפֿאַדען וואָלט ניט באַשאַפֿן דאָס יידישע טעאַטער מיט אומוויסנדע קעלער־זינגער און ניט געשריבן פֿאַר זיי אין אָנפֿאַנג אָט די פּרימיטיווע פֿאָלקס־פּיעסן, — ווער ווייסט, אויב די אַקטיאָרן וואָלטן אים מיטן יידישן טעאַטער באַלד ניט צעשטערט.

פֿרישמאַן איז מסכּים און גיט צו:

— און די קריטיקער פֿון יידישן טעאַטער וואָלטן נישט געהאַט וואָס צו קריטיקירן.

*

דער עלטערער דור טעאַטער־גייער געדענקט געוויס ליליען ראָסעל, אַמעריקעס גרעסטע אָפּערן־אַרטיסטין צו יענער צייט. מיס ראָסעל איז געווען אַ הויכע, שיינע, קאָרפּולענטע פֿרוי מיט אַ זייער גרויסער שטימע. אירע פֿאַרערער זיינען געווען ניט נאָר פֿון פּובליקום; אויך די פּרימאַדאָ־נעס פֿון דעם מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע־הויז, ווי די מעלבאַ, זעמבריטש, שומאַן־העינק האָבן זי פֿאַרערט.

אַ געוויסן אָוונט האָט ליליען ראָסעל באַקומען אויף דער בינע אַ פּרעזענט — אַ בריליאַנט פֿון אַ צען קאַראַט, וואָס מען האָט געשאַצט אין די שווערע טויזנטער. אַ צעטעלע איז געלעגן אין שאַכטל, וואָס האָט זיך געלייענט: „פֿון אַ פֿאַרערער, וואָס האָט נאָך ניט פֿאַרפֿעלט קיין איין פֿאָרשטעלונג דיינע". (אונטערגעשריבן „מ"ר עקס").

ווען מיס ראָסעל האָט זיך דערוואוסט, אַז דער „מ"ר עקס" איז אַ גרייז־גרויער מאַן פֿון אַ יאָר זיבעציק, איז זי איבערראַשט געוואָרן: וואָס פֿאַר אַן אורזאַך קען אַזאַ מאַן האָבן צו געבן איר אַזאַ טייערן פּרעזענט? ביי אַ געלעגנהייט האָט איר דער אַלטער מאַן דערקלערט:

— דאָס איז דערפֿאַר, אַז דו זאָלסט ניט פֿאַלן אַלס אַ קרבן צו אַ שאַרלאַטן פֿאַר בריליאַנטן...

ווען איך בין געווען אין וואַרשע, האָב איך קלאַראַ יאַנג געקויפֿט אַ פּאָר בריליאַנטענע אויערינגלעך, וואָס האָבן געקאָסט צען טויזנט רובל — איך האָב עס געקויפֿט אויך צוליב דער זעלביקער אורזאַך...

אין אַדעס האָב איך קלאַראַן געקויפֿט אויך אַ בריליאַנטענעם רינג, אָבער דאָס מאָל בין איך שוין געצוואונגען געוואָרן דורך דער באַוואוסטער באַלאַדן־זינגערין איזאַ קרעמער.

איזאַ קרעמער פֿלעגט אָפֿט באַזוכן די פֿאָרשטעלונגען פֿון קלאַראַ יאַנג אין אָדעס. ווען איזאַ קרעמער איז געזעסן אין לאָזשע מיט איר מאַן, חפֿץ, דער רעדאַקטאָר פֿון „אָדעסקי נאָוואָסטי״, פֿלעגן אירע בריליאַנטן, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, פֿינקלען איבערן גאַנצן טעאַטער. זי איז געווען די אַטראַקציע צווישן פּובליקום... קלאַראַ האָט עס באַמערקט פֿון דער בינע. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז קלאַראַ איז זיך מתקנא אין איזאַס בריליאַנטן, האָב איך געקויפֿט נאָך אַ גרעסערן שטיין פֿון דעם, וואָס איזאַ האָט געטראָגן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען איזאַ איז ווידער געזעסן אין דער לאָזשע, האָט זי געטראָגן נאָך אַ גרעסערן שטיין פֿון קלאַראַס. און ווען קלאַראַ איז אַרויפֿגעקומען אויף דער בינע אַלס קאָקעטע מיט אירע בריליאַנטן, האָבן די פֿרויען פֿון פּובליקום געקוקט צו איזאַן אין דער לאָזשע, צו זען, וועלכע בריליאַנטן זיינען גרעסער, פֿינקלען שטאַרקער. — און איך מוז מודה זיין, אַז דעם „פֿאַרוועט״ מיט די בריליאַנטן האָט דעמאָלט איזאַ געוואונען...

די חנעוודיקע איזאַ קרעמער איז אויך אַ היפּשלעך קלוגע. זי האָט געהאַט אַ סך פֿאַרערער אין אָדעס, און אויך אין אַנדערע שטעט, וואו זי האָט געזונגען. איין פֿאַרערער אירער פֿלעגט אויך אָפֿט באַזוכן די פֿאָרשטעלונגען פֿון קלאַראַ יאַנג. ווען דער דזשענטלמען־פֿאַרערער האָט ביי דער קרעמער געבעטן, זי זאָל אים שענקען אירס אַ ניי בילד און זי זאָל עפּעס אויפֿשרייבן אויפֿן בילד, האָט איזאַ קיין אַנדערע זאַך ניט געפֿונען אים אָנצושרייבן, ווי: „צו דעם פֿאַרערער פֿון קלאַראַ יאַנג... פֿון איזאַ קרעמער״.

ביי יואל לינעצקי און ביים זיידן מענדעלע

ווען מען האָט מיך אין אָדעס פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם גרויסן אינזשעניר לינעצקי, האָב איך איבערגעפֿרעגט: „לינעצקי? זייט איר ניט עפּעס אַ פֿריינטל צו דעם מחבר פֿון ׳פּוילישן יינגל׳ יואל לינעצקי?״ „ניין, — ענטפֿערט מיר דער אינזשעניר לינעצקי. — ער איז ניט מיינס גלאַט אַ פֿריינטל, ער איז מיין פֿאָטער״.

איך האָב אים וואַרעם געדריקט די האַנט, ווי ער וואָלט געווען מיין יוגנט־חברס אַ זון, און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אין אַ געוויסן טאָג זאָל ער קומען און מיך נעמען צו זיך. יואל לינעצקי האָט געוואוינט ביים זון.

ווען דער זון האָט מיך אַריינגעפֿירט אין צימער, וואו דער פֿאָטער זיינער איז געווען, האָב איך יואל לינעצקין געזען שטיין מיט אַ ספֿר אין

האַנט און זײַנע געדאַנקען שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין דעם ספֿר. זײַן קלײדונג האָט מיך איבעראַשט. דער מחבר פֿון „פּױלישן ייִנגל", װאָס האָט אָפּגעלאַכט פֿון חסידיזם, פֿון די פּױלישע מנהגים, פֿון זײער קלײדונג, אָט דער הױכער ייִד, יואל לינעצקי, איז דעמאָלט געװען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער טוכענער קאַפּאָטע מיט אַ פּאָר שטיװול און מיט אַ טוכן היטל אױפֿן קאָפּ. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע, װײַסע, קאַנטיקע באָרד, װאָס האָט אױסגעזען װי צוגעקלעפּט.

װען דער זון האָט דעם פֿאָטער געזאָגט װער איך בין, האָט לינעצקי געשאָקלט מיטן קאָפּ, װי אײנער זאָגט: איך װײס, איך װײס. װען איך האָב אים געפֿרעגט, אױב ער גײט אַמאָל אין ייִדישן טעאַטער, האָט ער געמאַכט אַ מינע, װי עס אינטערעסירט אים ניט. אַפֿילו װען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אַלס בחור געלײענט זײַן „פּױליש ייִנגל", איז ער אױך געװען גלײַכגילטיק (גאָר נישט אַזױ װי דער ליבער דינעזאָן). װען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב געלײענט זײַן „שװאַרצער יונגערמאַנטשיק") און קײן װאָרט ניט אױסגערעדט. איך האָב געדענקט, אַז ער װיל ניט, מען זאָל אים באַלעסטיקן און בין אַרױס פֿון צימער. דער זון זײַנער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז די לעצטע צײַט רעדט זײַן פֿאָטער זײער װײניק, איבערהױפּט מיט פֿרעמדע מענטשן. ער פֿאַרשטײט אים נישט. דערבײַ האָט ער מיר דערצײלט אַן עפּיזאָד פֿון זײַן פֿאָטער מיט אברהם גאָלדפֿאַדען:

װען גאָלדפֿאַדען און זײַן טרופּע האָבן געשפּילט אין אָדעס, זאָגט גאָלדפֿאַדען צו לינעצקין: „יואל, פֿאַרװאָס קומסטו ניט צו מיר אין טעאַטער זען מײַנע אַ פּיעסע?" לינעצקי איז געקומען. נאָך דער פֿאָרשטעלונג פֿרעגט בײַ אים גאָלדפֿאַדען: „נו, יואל, װי געפֿעלט דיר עפּעס מײַן פּיעסע?" זאָגט צו אים לינעצקי: „אָט דאָס, אברהמל, הײסט בײַ דיר אַ פּיעסע? אַ פּיעסע דאַרף האָבן צוערשט אַ גוטן שטאַרקן סוזשעט. דאָס צװײטע מוז אַ פּיעסע אַנטהאַלטן אַן אידײע. דריטנס דאַרף זי האָבן אַ שטאַרקע דראַמאַטישע האַנדלונג, קאָנפֿליקטן. די כאַראַקטערן דאַרפֿן זײַן נאַטירלעך געשילדערט. עס דאַרף זײַן אַ שטאַרק ליטעראַריש װערק, געשריבן פֿאַר דער סצענע".

גאָלדפֿאַדען, אױסהערנדיק אים, האָט די גאַנצע צײַט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אים אַלץ צוגעגעבן און צולעצט געזאָגט:

— זאָג־זשע מיר, מײַן ליבער יואל, פֿאַרװאָס שרײַבסטו טאַקע ניט אַן אַזאַ פּיעסע?

און יואל ענטפֿערט אים:

— הערסטו, אַט אַזאַ פּיעסע אָנשרײַבן דאַרף מען דאָך צוערשט קענען!

האָבנדיק געזען יואל לינעצקין, איז מײַן נײַגעריקײַט צו זען דעם ייִדן, מענדעלע מוכר ספרים, געוואָרן נאָך שטאַרקער. איך האָב געטראַכט: אפשר װעט דער זיידע ניט זײַן אין דער לאַגע פֿון לינעצקין און האָבן מער געדולד צו רעדן אַ פּאָר װערטער מיט אַ ייִדישן אַקטיאָר. מיט אַן אייניקל האָט מען געדולד, זאָגט מען. אַ זיידע לאָזט אַן אייניקל אַפֿילו אויפֿן קאָפּ קריכן...

אַלס ייִנגל נאָך, גײענדיק אַמאָל אין װאַרשע אויף די נאַלעװקעס, האָב איך באַמערקט װי ייִדן שטופּן זיך אַרײַנצוגײן אין אַ הויף. װען איך האָב געפֿרעגט װאָס עס איז אַזױנס דאָס שטופּעניש, האָט מען מיר געענטפֿערט, אַז דאָס שטופּן זיך ייִדן צו געבן שלום־עליכם מענדעלע מוכר ספרים...

מענדעלע איז מיר שוין דעמאָלט געװען באַקאַנט. װעלכער לײענער פֿון ייִדיש און העברעיִש האָט דעמאָלט ניט געלײענט מענדעלעס „קליאַטשע”?

איך האָב מיר דעמאָלט פֿאַרגעשטעלט מענדעלען אין געשטאַלט פֿון אַ דאַר, קלײן ייִדל, דעם מוכר ספרימניק, װאָס פֿלעגט אַרומפֿאָרן אין די קלײנע שטעטלעך מיט אַ פֿערד און װעגעלע פֿאַרקױפֿן אין בית־המדרש די מעשיות פֿון שמ״ר און העברעיִשע ביכלעך. ער רופֿט זיך דאָך „מענדעלע מוכר ספרים״!...

סוף 1915, שטײענדיק מיט מרדכי ספּעקטאָר אין אָדעס בײַם סקווער, אויף דערעבאַסאָסקע גאַס, גיט ספּעקטאָר צו מיר אַ זאָג: „זעט נאָר, הער יונגוױץ, װי דער זיידע שפּאַנט דאָרט”. „װער?” — פֿרעג איך נײַגעריק. „דער זיידע מענדעלע”, — ענטפֿערט ספּעקטאָר — „ער איז שוין אין די טיפֿע אַכציקער און זעט נאָר װי ער לױפֿט נאָך װי אַ יונגערמאַנטשיק”.

פֿאַרברענגענדיק אין אָדעס, האָב איך, נאַטירלעך, נאָך מער געהערט װעגן דעם ייִדן. פֿרישמאַן פֿלעגט מיר אָפֿט דערציילן דעם זיידנס חכמות... און דאָ, הערנדיק, אַז דער זיידע גײט, אַנטשולדיק איך זיך פֿאַר ספּעקטאָרן און לױף אָנקוקן דעם ייִדן. איך בין אָפּגעלאָפֿן אַ צװײ גאַסן, ביז איך האָב אים געקענט דעריאָגן. אַזױ געשװינד האָט נאָך דעמאָלט דער זיידע געשפּאַנט. איך האָב זיך אַנטשולדיקט פֿאַר אים און שטעל זיך פֿאַר אים פֿאָר.

— יאָ, יאָ, — זאָגט דער זיידע — פֿרישמאַן האָט מיר דערציילט פֿון

אייער פֿרוי קלאַראַ יאַנג. איך וועל אַריבערקומען צו אייך אין טעאַטער און זען וואָס איר טוט דאָס אַזוינס, וואָס יידן לויפֿן זען.

איך האָב באַמערקט, אַז ער איילט זיך ערגעץ, און גיב אַ זאָג צו אים אין איילעניש:

— אַברהם גאָלדפֿאַדען פֿלעגט אונדז, אַקטיאָרן, רופֿן זיינע קינדער. אַקטיאָרן האָבן אַ שייכות מיט ליטעראַטור. איך לאַד אייך איין צו קומען צו אונדז אין טעאַטער זען אַ פֿאָרשטעלונג און זיך באַקענען מיט אַ פּאָר אייניקלעך.

— גוט, גוט, — ענטפֿערט דער זיידע און אַנטשולדיקט זיך — ער דאַרף זיין אין אַ תּלמוד־תּורה, עס איז שוין שפּעט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אים געזען, ווי ער איז געזעסן אין אַ לאָזשע ביי אונדז אין „נאָווי"־טעאַטער אויף יעווערעיסקע גאַס. מיט אים זיינען דעמאָלט געווען ביאַליק, ספּעקטאָר, פֿרישמאַן און חיים גילדין.

איך האָב דעמאָלט געקוקט אויפֿן זיידן, ווי ער האָט אַנגעקוואָלן. נאָך דעם צווייטן אַקט, ווען איך בין אַריינגעקומען אין זיין לאָזשע, איז דער זיידע געזעסן און ביאַליק מיט פֿרישמאַנען זיינען אַרום אים געשטאַנען.

דער זיידע האָט מיך דערקענט. זאָג איך צו אים:

— זיידע, איר האָט אַן אייניקל פֿון אַן אמתן תּלמיד־חכם.

איך בין נייגעריק געווען צו הערן וואָס דער זיידע האָט צו זאָגן וועגן שפּילן און וועגן דער קאָמעדיע — מיינע אַן אייגענע מאַכערייקע פֿון אַמע־ריקאַנער לעבן.

דער זיידע האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן קלאַראַ יאַנג.

ווען איך האָב אים באַמערקט, אַז י. ל. פּרץ האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווען ער הערט קלאַראַ יאַנג רעדן יידיש אויף דער סצענע, איז ער פֿאַרליבט אין דער שפּראַך — האָט פֿרישמאַן דערויף סאַרקאַסטיש געענט־פֿערט:

— דער זיידע איז שוין צו אַלט צו פֿאַרליבן זיך...

דער זיידע האָט דערביי געשמייכלט. איך האָב מיך ניט געקענט באַ־הערשן און פֿרעג אים:

— און ווי געפֿעלט אייך עפּעס די גאַנצע פֿאָרשטעלונג?

מענדעלע האָט אָפֿנהאַרציק געענטפֿערט:

— מען רעדט צו פֿיל ענגליש. עפּעס פֿאַרלירט דער וויץ מיטן ענגלישן וואָרט דעם יידישן טעם. דער יידישער הומאָר, דער יידישער וויץ איז טראַגי־קאָמיש, צניעותדיק און באַהנט. ער איז וואַרעם...

דערווייל האָט מען געגעבן אַ קלונג צום דריטן אַקט און פֿרישמאַן

בעט מיך, מען זאָל עס מאַכן אַביסל שנעלער, װײַל דער זײדע איז ניט געװאױנט אױפֿצוזײַן אַזױ שפּעט. ער גײט זעלטן אַרױס בײַנאַכט.

דאָס דריטע מאָל האָב איך געזען דעם זײדן אין זײַן הײם. אין אַ געװיסן טאָג, נאָכדעם װי מענדעלע איז געװען בײַ אונדז אין טעאַטער, זאָגט צו מיר פֿרישמאַן:

— הער יונגװיץ, נעמט קלאַראַ יאַנג מיט אײַער טאָכטער און מיר װעלן צוגײן צום זײדן אױף טײ. צי די באָבע װעט אונדז טאַקע מכבד זײַן מיט טײ, אין דעם בין איך ניט זיכער. איך דענק אָבער, אַז דאָס מאָל װעט אונדז בײַשטײן דער זכות פֿון קלאַראַ יאַנג. [פֿרישמאַן האָט געהאַלטן די מאַדאַם אַבראַמאָװיטש פֿאַר אַ קאַרגע]. בײַ דעם אַלטן װעט עס זײַן זײער אָנגעלײגט און איר װעט האָבן אַ גרױס פֿאַרגעניגן אים הערן דערצײלן זײַנע מעשׂיות פֿון אַמאָל. איך אַלײן בין אױך ניט קײן קלײנער מעשׂה־דערצײלער, אָבער דעם זײדן קען איך הערן שעהן־לאַנג און דערבײַ זאָל איך זײַן דער גרױסער שװײַגער. עס איז ניט סתּם מעשׂיות. דאָס זײַנען מינדלעכע דערצײלונגען. ער איז אַ פּיקח, דער אַלטער.

— װײסט איר װאָס, הער יונגװיץ, — גיט זיך פֿרישמאַן פּלוצים אַ כאַפּ — מיר װעלן דעם לץ אױך מיטנעמען. איך װיל, אַז דער זײדע זאָל אים אױך הערן...

געמײנט האָט פֿרישמאַן דעם שפּעטער באַקאַנטן שױשפּילער פֿון דער „הבימה", יואל װאַרדי, װעלכער איז דעמאָלט נאָר־װאָס געקומען פֿון פּאַלעסטינע קײן אָדעס און געװאָלט װערן אַ ײדישער אַקטיאָר בײַ מיר אין דער טרופּע. געהערט האָב איך װאַרדין בײַ אַ סעודהלע, װאָס קלאַראַ יאַנג האָט געמאַכט לכּבוד פֿרישמאַנס געבורטסטאָג, טאַקע בײַ פֿרישמאַנען אין שטוב. װאַרדי איז זײער אַ נידעריקער. װען ער האָט זיך באַדעקט מיט אַ טיכל איבערן קאָפּ און אימיטירט אַ ײדענע, װאָס מען האָט געכאַפּט בײַ דער גרענעץ, האָט ער אױסגעקוקט זײער קאָמיש. פֿרישמאַן האָט אָנגעקװאָלן פֿון װאַרדיס שטיק און האָט איצט געװאָלט, אַז דער זײדע זאָל אױך לאַכן. מיר האָבן אױפֿגעזוכט װאַרדין און מיר גײען אַלע אין הױז פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים.

אַרײַנקומענדיק צום זײדן אין שטוב, האָבן מיר שױן דאָרט געטראָפֿן ספּעקטאָרן, װעלכער איז געזעסן און האָט עפּעס געקײַעט; (ספּעקטאָר האָט געהאַט אַ שם בײַ דער שרײַבער־משפּחה פֿאַר אַ גרױסן עסער). ביאַליק האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ ספֿר, און חיים גילדין איז געשטאַנען איבער ספּעקטאָרן און זיך געקאָכט איבער אַן ענין, אױף װעלכן ספּעקטאָר האָט געענטפֿערט מיט אַרײַנלײגן אין מױל אַ פֿריש שטיקל טשאָקאָלאַד. שפּעטער

זיינען צוגעקומען נאָך געסט. די מאַדאַם אַבראַמאָוויטש האָט זיך אַנט־שולדיקט פֿאַר אונדז, וואָס איר מאַן איז איצט אין שלאָפֿצימער, און פֿרעגט גלייך צי דער עולם וועט דערוויל טרינקען טיי.

— ע, זי מיינט עס ניט, — שעפּטשעט צו מיר פֿרישמאַן און גיט באַלד אַ זאָג אויפֿן קול: — מאַדאַם אַבראַמאָוויטש, קלאַרא יאַנג האָט ליב זיסע טיי, אָבער גוט זיס! — און שעפּטשעט ווידער צו מיר, — איך מוז זיך היינט אָפּנעמען פֿאַר דער גאַנצער צייט.

און טאַקע באַלד איז געשטאַנען טיי מיט צוקער אויפֿן טיש.

— און וואו איז די וואַרעניע, מאַדאַם אַבראַמאָוויטש? — פֿרעגט פֿרישמאַן היימיש, ווי אַ בן־בית, אויך נקמה־זיכטיק, — קלאַרא יאַנג וויל פֿאַרזוכן אייער „וואַרעניע".

די באָבע פּילט זיך אַביסל אין אַ פֿאַרלעגנהייט, שאָקלט מיטן קאָפּ און גייט אַרויס. פֿרישמאַן שמייכלט צו קלאַרא יאַנג:

— אַלץ אין אייער זכות.

און אָט שטייט שוין אויפֿן טיש אַ טעצעלע מיט וואַרעניע אויך. ספּעקטאָר פֿאַרזוכט דער ערשטער און זאָגט טרויעריק:

— זי האָט אונדז אָפּגענאַרט, די באָבע, זי האָט ניט דערלאַנגט די ריכטיקע.

מיר אַלע לאַכן. ווי מיין טאַכטער האָט מיר איבערגעגעבן, האָט מאַדאַם אַבראַמאָוויטש געהאַלטן אין איין רעדן מיט איר פֿראַנצויזיש. זי האָט איר געזאָגט, אַז זי גיט אונטעררייכט אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך. די באָבע בעט־אויס דעם פֿאָטערשטול פֿאַר דעם זיידן און שטעלט אים אַוועק אינמיטן שטוב, און אָט באַווייזט זיך דער זיידע מענדעלע, איינגעהילט אין אַ שאַל. ער גייט גלייך ווי אַ סטרונע. מיר אַלע שטעלן זיך אויף. דער זיידע גיט אַלעמען שלום־עליכם און צו קלאַרא יאַנג באַמערקט ער מעשה קאַוואַליער:

— איך האָב פֿון אייך געהערט זייער פֿיל, אָבער געזען האָב איך פֿון אייך ביי דער פֿאַרשטעלונג נאָך מער.

און איידער מיר האָבן נאָך צייט געהאַט זיך אויסצוזעצן אַרום אים אין אַ קרייז, האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צו דער סטעליע און גענומען דערציילן מעשיות. יעדעס מעשהלע האָט ער קאָמענטירט און עס האָט פֿון אים געשפּריצט מיט חכמה. די דערציילונגען האָבן זיך געקייקלט איינע אין דער אַנדערער, ווי ער וואָלט דערציילט איין גאַנצע זאַך; יעדער וויץ זיינער, יעדעס גלייכווערטל, יעדער אַנעקדאָט, האָט געהאַט דעם באַזונדערן מענדעלע־חן... ביאַליק, פֿרישמאַן, ספּעקטאָר, חיים גילדין און מיר זיינען

געשטאַנען אַרום דעם זיידן מיט ערפֿורכט און געשוויגן. ניט געוואָגט מיט קיין וואָרט, מיט קיין באַמערקונג צו שטערן די פֿרייד, וואָס האָט דעמאָלט אויף אונדז אַלעמען געהערט. כ׳האָב פֿאַר זיך געזען דאָס בילד, ווי סאָקראַטעס זיצט מיט זיינע תּלמידים, פֿאַר וועלכע ער האָט זיינע געשליפֿענע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט.

ווען דער זיידע האָט גערעדט וועגן יידיש, איז ער געוואָרן אינגאַנצן באַגייסטערט. אָנגעצונדן פֿון זיינע אייגענע רייד, האָט ער אויפֿגעהויבן זיין שטים, און גערעדט מיט נביאשן פּאַטאָס, ווי אויסדריקלעך צו ביאַליקן און פֿרישמאַנען: „מיט יידיש קען מען אַלץ שאַפֿן. יידיש, דאָס איז איצט דאָס יידישע פֿאָלק אַליין. זעט איר, מיט העברייאיש איז שוין עפּעס אַנדערש. העברייאיש, לשון קודש, דאָס איז אַן אַנטיקל, און ווי אַן אַנטיקל דאַרף מען עס באַהאַנדלען. מען דאַרף עס אַוועקשטעלן אויף דער פּאָליצע און קוקן דערויף און ניט באַרירן. מען דאַרף עס אַוועקלייגן אין דעם אַרכיוו! אָבער יידיש...״

איך ווייס ניט ווי ביאַליק און פֿרישמאַן האָבן געפֿילט, — איך בין מיט אים דעמאָלט, אין 1916, געווען איינפֿאַרשטאַנען.

ווען דער זיידע האָט זיך פֿאַרטראַכט, אונדז עפּעס אַ נייע מעשה צו דערציילן, האָט פֿרישמאַן אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזאָגט:

— זיידע, איר ווילט הנאה האָבן פֿון אַ לצוואָטער זאַך, זאָלט איר זען, ווי דער קליינער [וואַרדי] וועט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ יידענע און דערציילן אַ מעשה וועגן אַ „גרענעץ״.

און איידער דער זיידע האָט נאָך צייט געהאַט פֿרישמאַנען צו ענטפֿערן, האָט וואַרדי שוין געהאַט דאָס טיכל אויפֿן קאָפּ און זיך געמאַכט נאָך קלענער ווי ער איז, פֿאַרקנייטשט דאָס פּנים, געמאַכט גרימאַסן און אָנגעהויבן פֿאַרשטעלן די יידענע, וואָס מען האָט געכאַפּט ביי דער גרענעץ.

מיר דוכט, אַז וואַרדי אַליין האָט עס אָנגעשריבן. און כאָטש די מעשה אַליין איז זייער הומאָריסטיש, האָבן מיר אָבער מער געלאַכט פֿון וואַרדין, ווי אַזוי ער האָט די יידענע פֿאַרגעשטעלט. וואַרדי האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גוטער קאָמיקער... דער זיידע האָט ניט געלאַכט אויפֿן קול אַזוי הויך ווי זיינע געסט, — מענדעלע האָט נאָר צופֿרידן געשמייכלט.

דער אָוונט דעמאָלט, ביי מענדעלע מוכר ספֿרים אין שטוב, איז פֿאַר אונדז געווען אַן אמתער נחת רוח.

איך האָב געבעטן דעם זיידן, ער זאָל קומען צו נאָך אַ פֿאַרשטעלונג און דער זיידע האָט צוגעזאָגט.

ווינטשנדיק אים נאָך פּילע, פּילע לענגערע יאָרן, האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס הויז, וואָס איז געווען אַ בית וועד לחכמים.

שפּעטער האָט מיר דוד פרישמאַן דערציילט: מען האָט מענדעלען געפרעגט (ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש), ווי קומט עס וואָס ער שרייבט אין יידיש, ווען ער שרייבט אַזוי אויסגעצייכנט אין העברייאיש. האָט מענדעלע געענטפערט: „יעדער מענטש דעכעט אויףביידע נאָזלעכער; יידן אָבער האָבן דעם קאַטאַר און דעכען אויף איין נאָזלאָך און פּייפן אונ־טער... איך דעכע אויף ביידע נאָזלעכער...״

אין 1917 איז מיר שוין אויסגעקומען צו זען דעם זיידן ליגנדיק אין אָרון, אין אַ טלית איינגעהילט. איך בין מיטגעגאַנגען מיט דער לוויה. עס זיינען נאָכגעגאַנגען ניט נאָר שרייבער און פּשוטע יידן, נאָר אויך אַלע פאַר־טייען, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט. פאַרן אָרון זיינען געגאַנגען הונדערטער קינדער און האָבן געזונגען; נאָך דער מיטה זיינען געגאַנגען די פאַמיליע, ביאַליק, פרישמאַן, ספּעקטאָר און אַלע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין אָדעס. נאָך זיי — אַרבעטער־פּאַרטייען, און צולעצט האָט זיך געשלעפּט די דעמאָלטדיקע אַלטע, אָפּשטאַרבנדיקע אָרטאָדאָקסיע... די שטאָט־רעגירונג האָט צוגעשיקט אַלס איר פאָרטרע־טער חיים גילדין, וועלכער איז געווען אַ „לינקער אינטערנאַציאָנאַליסט״.

מיר שפּילן אין מאָסקווע

אויך ש. אַנ־סקי איז געווען דעמאָלט אין אָדעס. יעדן נאָכמיטאָג פלעג איך אַריינקומען אין קאַפע „פראַנקאָניא״ (אַזוי ווי קאַפע „ראָיאַל״ אין ניו־יאָרק), איך האָב דאָרט אָפט געטראָפן פרישמאַנען, ספּעקטאָרן, האָכ־בערגן, וועלכער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג אין אָדעס, אויך ש. אַנ־סקין זיצן ביי אַ טישל. פלעג איך זיך צוזעצן צו זייער טיש און מיט זיי שמועסן. פרישמאַנס אָפטע טעמע איז געווען „פּרץ מיט זיינע פינטעלעך״:

— ווען פּרץ וואָלט געשריבן פריי, ווי אין אַמעריקע, וואָלט ער אויך געשטעלט פינטעלעך, — האָט פרישמאַן אַמאָל געזאָגט.

ש. אַנ־סקי האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט אויף זיינע פריינט אין אַמעריקע, דער עיקר אויף „חיימען״: „וואָס מאַכט עפּעס חיים זשיט־לאָווסקי ביי אייך אין אַמעריקע?״

איך האָב אים דערציילט, אַז זשיטלאָווסקי האַלט לעקציעס און זיי ווערן באַזוכט פון מאַסן אַרבעטער און אינטעליגענטן און אַז ער איז זייער

באַליבט; אַז ער האָט געבראַכט אין דעם יידישן ניו־יאָרק ניי לעבן, נייע איינשטעלונגען, אַז איך בין געווען ביי זיינעם אַ רעפּעראַט אין „טהאַליאַ״־טעאַטער, און האָב באַוואונדערט זיין יידיש, זיינע נייע יידישע אויסדרוקן. אַנ־סקי האָט זיך דעמאָלט פֿאַרטראַכט, געקוקט אין חלל אַריין און אַרויס־געשעפּטשעט: „חיים!״... אַנ־סקיס געדאַנקען האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ רייזע פֿון דריי טויזנט מייל צו זיין פֿריינט חיים זשיטלאָווסקי...

מיר האָבן נאַטירלעך אויך געשמועסט וועגן טעאַטער. איך האָב זיך באַקלאָגט פֿאַר די שרייבער, וואָס איך מוז שפּילן אין קליינע שטעט מיט קליינע טעאַטערס, מיט אָרעמע בינעס און האָב אָנגעהויבן צו פֿאַנטאַזירן וועגן שפּילן אין מאָסקווע, פּעטערבורג און אַנדערע גרויסע רוסישע שטעט, מיט אַ שיינעם טעאַטער, מיט אַ גרויסער בינע און מיט אַן אינטעליגענטן עולם.

— הער פֿרישמאַן, — זאָג איך — ווען מיר געלינגט צו שפּילן אין מאָסקווע אָדער פּעטערבורג, וואָלט קלאַראַ יאַנג געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט [דאָס איז געווען דעמאָלט אַן אַמביציע ביי יעדן יידישן אַקטיאָר]. אָבער, ווייס איך וואָס, — גיב איך צו — עס איז אַזוי ווי איך זאָל וועלן, אַז ניקאָלאַי זאָל פּלוצים אָפּשאַפֿן די „טשערטאַ אָסיעד־לאָסטי״ [די געטאָ] פֿאַר יידן אין רוסלאַנד...

אין דער צייט פֿון מיין באַקלאָגן זיך פֿאַר זיי, קומט־צו צו אונדזער טישל אַ יידענע און בעט אַ נדבה. זי קלאָגט זיך פֿאַר אונדז, אַז איר מאַן ליגט אין בעט און קען נישט גיין עפּעס פֿאַרדינען... ווען די יידענע איז אַוועק, צעלאַכט זיך פֿרישמאַן: „די יידענע דערמאָנט מיך אין אַנדרעיעווס אַ מעשה. ביי אַנדרעיעוון איז דאָ אַ דערציילונג וועגן יעזוסעס געבורט. ווען יעזוס האָט באַדאַרפֿט געבוירן ווערן, האָט אָנגעהויבן צו דונערן און בליצן איבער דער גאַנצער וועלט. מענטשן זיינען אַרומגעלאָפֿן ווי משוגע; אַלע חיות האָבן געשריגן און געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז מען האָט געמיינט, אַז די וועלט גייט אונטער — אַ קלייניקייט, עס קומט אָן דער מאָמענט, ווען יעזוס דער דערלייזער דאַרף געבוירן ווערן — וואָס דורך אים וועט די זינדיקע וועלט אויסגעלייזט ווערן; צוליב וועמען מיליאָנען מענטשן וועלן אומגעבראַכט ווערן און פֿאַר וועמען מיליאָנען מענטשן וועלן זיך מקריב זיין. אַלץ אין דער וועלט האָט זיך באַדאַרפֿט אָפּשטעלן. אין דעם דאָזיקן מאָמענט, דערציילט אַנדרעיעוו, איז זיך אין ירושלים געזעסן אַ ייד, די באַק מיט אַ פֿאַטשיילע אַרומגעבונדן, האָט געזיפֿצט און זיך געקלאָגט, אַז אַ צאָן טוט אים עפּעס וויי... 'דו אָרעמער נאַרישער ייד', זאָגט אַנדרעיעוו, 'וואָס

פֿאַר אַ וווערט האָט דיין צאַנגווייטאָג אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען יעזוס ווערט געבוירן?׳ ״

— די יידענע האָט זיך פֿריער באַקלאָגט אויף איר אומגליק, וואָס איר מאַן איז קראַנק, און איר, פֿאַניע יונגוויץ, וואָס איר קענט ניט שפּילן אין פּעטערבורג. נאַרישע יידענע, — רעדט ווייטער פֿרישמאַן, — וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג האָבן אירע צרות אין דער איצטיקער צייט, ווען מיליאָנען מענטשן ווערן אויסגעשאָכטן, געהרגעט אויף די שלאַכטפֿעלדער, ווען מיליאָנען מענטשן וועלן פֿאַרבלייבן קאַליקעס אויף זייער גאַנץ לעבן, און ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ וועלט די נאָך־מלחמה־צייט וועט מיט זיך ברענגען...

אַנ־סקי איז דעמאָלט געווען זיכער, אַז אַ נייע צייט קומט און ער האָט מיר אַפֿילו פֿאַרזיכערט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר שפּילן יידיש טעאַטער פֿריי אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג: „שפּילן יידיש טעאַטער קענט איר איצט אויך, נאָר מיט שלאָפֿן, זעט איר, איז שוין עפּעס אַנדערש״...

— שלאָפֿן וועט איר דאַרפֿן אין בערדיטשעוו, — וויצלט זיך פֿרישמאַן. און ער דערציילט ווידער אַ מעשה, ווי אַזוי זיינער אַ מענטש איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג צענזורירן פֿאַר אים אַ זאַך און אים דערלאַנגט אַ רעכענונג פֿאַר די רייזע־קאָסטן. ווען ער האָט דעם מענטש געפֿרעגט — היתּכון? 25 רובל פֿאַר איבערשלאָפֿן איין נאַכט אין אַ האָטעל? — האָט אים דער מענטש געענטפֿערט: „וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז אַ וואַרשעווער ייד איז נאָר דעמאָלט כּשר, פֿיין און אָנשטענדיק פֿאַר די פּעטערבורגער האָטעלן, ווען ער קומט אין באַגלייטונג פֿון אַ פּעטערבורגער דאַמע, וואָס פֿאַרמאָגט אַ ׳געלן בילעט׳ ״?

מיט אַ צוויי חדשים שפּעטער, אין יאָר 1916, נאָך דעם געשפּרעך אין קאַפֿע „פֿראַנקאָניאַ״, זיינען מיר מיט אַ טרופּע אַקטיאָרן, כאָריסטן מוזיקער, באַלעט, בינע־אַרבעטער, איבער זעכציק מענטשן, כּמעט אַלע יידן, אָנגעקומען אין דער צאַרישער מאָסקווע, צו שפּילן יידיש טעאַטער. די דערלויבעניש האָט דעמאָלט אַרויסבאַקומען פֿון דער רעגירונג אַ געוויסער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר אין רוסלאַנד, זשיטאָמירסקי. אָט דער זשיטאָמירסקי האָט געקענט אַרויסבאַקומען געלט פֿאַרן יידישן טעאַטער, — פֿון דער וואַנט. פֿאַרשיידענע כיטרע איינפֿאַלן האָט ער דערביי באַנוצט...

געשפּילט האָבן מיר דעמאָלט אין ניקיטשעסקי טעאַטער, וואו דער דירעקטאָר פֿון טעאַטער איז געווען אַ געוויסער יעוועלינאָוו, אַ משומד. ער איז געווען דער מאַן פֿון דער צו יענער צייט גרעסטער אָפּערעטן־

זינגערין אין רוסלאַנד, די פּאַטאַפּטשינאַ. דער דירעקטאָר־משומד האָט באַ־האַנדלט די אַרבעטער פֿון טעאַטער װי אַ שקלאַפֿן־טרייבער. ער פֿלעגט קו־מען אין טעאַטער מיט אַ נאַגייקע אין שטיװל. װען אַן אַרבעטער פֿון דער בינע האָט ניט אַזױ גוט געשטעלט אַ דעקאָראַציע, האָט ער אים געשלאָגן מיט דער נאַגייקע... שפּעטער אָבער, ביי דער קערענסקי־רעװאָלוציע, װען מיר האָבן ביי דעם דירעקטאָר יעװעלינאָװ געשפּילט און איך האָב געשריגן אויף אַ בינע־אַרבעטער, האָט דער זעלביקער משומד־דירעקטאָר מיך אָװעקגערופֿן אין אַ זייט, און מיר געזאָגט שטיל, למען השם, איך זאָל ניט שרייען אויף די אַרבעטער, — איצט טאָר מען ניט, איצט איז די רעװאָלוציע... אין זיין טעאַטער פֿלעגט די פּאַטאַפּטשינאַ שפּילן אַלע װעלטלעכע אָפּערעטן, און קלאַראַ יאַנג האָט באַדאַרפֿט מיט דער פּאַטאַפּ־טשינאַ קאָנקורירן...

קלאַראַ יאַנג האָט שוין דעמאָלט געהאַט אין איר רעפּערטואַר אייניקע אייראָפּייאישע אָפּערעטן, װאָס די פּאַטאַפּטשינאַ פֿלעגט שפּילן. יעדער אַקט־יאָר און אַקטריסע לערנען עפּעס, װען זיי זיצן אין טעאַטער און זעען אַ צװייטן אַקטיאָר שפּילן. זיי לערנען פֿון זיינע חסרונות, אַזױ גוט װי פֿון זיינע מעלות. אָבער צוגעבן, אַז זיי האָבן עפּעס גענאַשט פֿון יענעם, װעלן זיי קיינמאָל ניש... האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די פּאַטאַפּטשינאַ װעט קומען צו דער ערשטער פֿאָרשטעלונג פֿון קלאַראַ יאַנג, און איך האָב זיך פֿאַרבאַרייט דערצו...

דער מאַן פֿון סאַראַ בערנאַרדס אייניקל דערציילט:

„װען סאַראַ בערנאַרד האָט געהאַט איר אייגן טעאַטער אין פּאַריז, האָט זי איינגעלאַדן די דוזע, זי זאָל קומען קיין פּאַריז שפּילן אין איר טע־אַטער. זי האָט נאָך די דוזע ניט געהאַט געזען אויף דער בינע, און זי איז זייער נייגעריק געװען. אויך האָט סאַראַ בערנאַרד געװאָלט, אַז דאָס פּאַריזער פּובליקום זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט זען שפּילן די װעלט־גרעסטע רעאַליסטישע שױשפּילערין. זי האָט דער איטאַליענערקע דוזע געגעבן איר טעאַטער אָן געלט, אַבי זי זאָל קומען קיין פּאַריז. דאָס איז געװען אַ גרױסער, שיינער זשעסט מצד דער בערנאַרד...

„סאַראַ בערנאַרד האָט געדענקט, אַז די דוזע װעט קומען קיין פּאַריז און שפּילן איר אייגענעם רעפּערטואַר, װאָס איז געװען אַ גאַנץ אַנדערער פֿון אירן. װי איבערראַשט איז אָבער סאַראַ בערנאַרד געװאָרן, װען די דוזע האָט אַנאָנסירט פֿאַר איר ערשטן אויפֿטריט אין פּאַריז „די קאַמיליען־דאַמע", אַ ראָלע, װאָס די בערנאַרד האָט געשפּילט אין פּאַריז הונדערטער מאָל. 'קאַמיל' איז געװען דער בערנאַרדס קרוין־ראָלע. דאָס פֿראַנצױזישע

פּובליקום האָט געדענקט, אַז עס איז אויף דער וועלט גאָר נישטאָ קיין שוישפּילערין, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט דער בערנאַרד אין דער ראָלע פון ׳קאַמיל׳. דער בערנאַרד האָט עס זייער ווייַ געטאָן. עס האָט אויסגעזען, ווי די דוזע איז געקומען קאָנקורירן מיט איר. זי האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַרדרוס און האָט געוואַרט אויף דער ערשטער פאַרשטעלונג.

„סאַראַ בערנאַרד איז געקומען אין טעאַטער, זיך אַוועקגעזעצט אין איר לאָזשע און האָט שטאַרק אַפּלאָדירט דער דוזע אין ׳קאַמיל׳. די דוזע האָט זיך געניגט ספּעציעל פאַר דער בערנאַרד... דאָס פּנים ביי דער בערנאַרד האָט געשמייכלט, אָבער דאָס האַרץ האָט אין איר געקאָכט...

„אויף צומאָרגנס האָבן די צייטונגען דער דוזעס שפּילן איינגאַנצן פאַרשוויגן. די פּרעסע איז געווען נאָך מער אויפגערעגט אויף דער דוזע, ווי עס איז געווען די בערנאַרד:

„׳זי איז געקומען צו צעשטערן אונדזערע געטער, אַראָפּרייסן פון פּעדעסטאַל די בערנאַרד, וואו מיר האָבן זי אַרויפגעשטעלט, כדי זיך אַליין אַרויפצושטעלן׳, האָבן די צייטונגען געשריבן״.

מיר זיינען שוין געווען פאַרזיכטיקער. די אַפּערעטן־אַרטיסטין, פּאַטאַפּטשינאַ, אין וועמעס טעאַטער קלאַראַ יאַנג האָט באַדאַרפט אויפטרעטן צום ערשטן מאָל אין מאָסקווע, איז געווען אַ קליינע פיגור, ניט קיין מיאוסע, מיט אַ שייגער שטימע. ווען איך האָב דערזען די פּאַטאַפּטשינאַ אין טעאַטער, האָב איך געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר, וואָס איר פּנים וועט זאָגן...

זי האָט נישט געטראָגן דעם פאַלשן שמייכל פון דער בערנאַרד ביי דער דוזע אויף איר פּנים; זי איז געזעסן אין דער לאָזשע אָנגעבלאָזן, ווי געוויינטלעך אַן אַקטריסע, וואָס מען האָט ביי איר צוגענומען אַ ראָלע, וואָס זי האָט אַ לאַנגע צייט געשפּילט, און אַפּלאָדירט האָט זי בלויז פאַר יוצא וועגן. קלאַראַ האָט עס אַפילו אויף דער בינע באַמערקט... מען האָט אַפילו גערעדט, אַז זי האָט פיינט יידן, כאָטש זי האָט געהאַט אַ געוועזענעם ייד פאַר אַ מאַן.

ווען איך האָב באַמערקט איר אָנגעבלאָזנקייט, האָב איך קלאַראַן געזאָגט, זי זאָל האַלטן איר רעדע נאָכן ערשטן אַקט. ווען דאָס פּובליקום האָט אַפּלאָדירט, איז קלאַראַ אַרויסגעקומען פאַרן פאָרהאַנג און געזאָגט צום מאָסקווער פּובליקום, וואָס האָט איבערגעפּאַקט דעם גרויסן ניקיטשעסקי טעאַטער:

„ווען איך האָב נאָך געשפּילט אין לאָנדאָן, האָב איך געחלומט צו

שפּילן אין מאָסקווע; אין וואַרשע האָב איך פֿאַנטאַזירט וועגן מאָסקווע, און ווען איך בין געקומען קיין רוסלאַנד, האָב איך ניט גערוט און אַנגע־ווענדט אַלע מעגלעכקייטן צו שפּילן פֿאַר דעם אינטעליגענטן מאָסקווער פּובליקום. אָבער לײדער האָבן אַלע מײַנע חלומות און האָפֿענונגען און שטרעבונגען צו גאָרנישט געפֿירט. מאָסקווע איז פֿאַר אונדזער טרופּע געבליבן פֿאַרשלאָסן. מיר האָבן שוין געהאַט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג צו קומען צו איך, מאָסקווער ייִדן, צו פֿאַרשאַפֿן איך אַביסל פֿרייד און פֿאַרגעניגן אין דער איצטיקער שווערער צײַט פֿון דער מלחמה. איך ווייס, אַז מאָסקווער ייִדן בענקען נאָך אַ ייִדיש וואָרט און אַ ייִדישן וויץ, נאָך אַ ייִדיש טעאַטער. אָבער ביים טעאַטער געשען אָפּט נסים. ביי אונדז אין אַמעריקע געפֿינען זיך מענטשן מעצענאַטן, וואָס העלפֿן מיט זייער געלט דעם טעאַטער. מיט זייער געלט גיבן זיי אַ מעגלעכקייט, אַז אַ פּיעסע זאָל אויפֿגעפֿירט ווערן, אַז דער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, וואָס זיי דענקען, אַז זיי באַזיצן טאַלאַנט, זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו ווייזן פֿאַר אַ פּובליקום; ביי אונדז אין אַמעריקע רופֿט מען די מענטשן 'עינדזשעלס', דאָס הייסט מלאכים... דאָ ביי איך, אין מאָסקווע, געפֿינט זיך אויך אַזאַ מלאך, וואָס האָט געגעבן אונדזער טרופּע אַ מעגלעכקייט זיך צו ווייזן פֿאַר די מאָסקווער ייִדן. דאָ אין מאָסקווע האָט עס געטאָן אַן אַקטריסע, וואָס ניט נאָר זי איז די גרעסטע אָפּערעטן־שוישפּילערין פֿון דער רוסישער בינע, נאָר זי איז אויך אַ מענטש אַ מלאך, וואָס ווייסט ניט פֿון ראַסן־האָס, ייִד און ניט־ייִד זיינען ביי איר גלייך. געטריבן דורך איר גרויסער ליבע צו דער קונסט, האָט איר אַרטיסטישע נשמה נישט גערוט, ביז זי האָט באַקומען די דערלויבעניש פֿון דער רעגירונג, אַז אַ ייִדישע אַקטריסע זאָל קומען קיין מאָסקווע שפּילן ייִדיש טעאַטער. און די דאָמע איז נישט קיין אַנדערע, ווי די גרויסע קינסטלערין, דער ליבלינג פֿון מאָסקווער פּובליקום, וואָס איר האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען, וואָס מיר שפּילן היינט נאַכט פֿאַר איך — מאַדאַם פּאָטאָפּטשינאַ..."

וואָס אין טעאַטער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן, בין איך נישט אימ־שטאַנד צו באַשרייבן. דאָס פּובליקום האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געמאַכט דער פּאָטאָפּטשינאַ אַזאַ אָוואַציע, אַז דאָס טעאַטער האָט זיך געוויגט פֿון דעם שטורעמדיקן אַפּלאָז.

די פּאָטאָפּטשינאַ האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין דער לאָזשע און האָט זיך אַן אַן אויפֿהער געבייגט פֿאַרן פּובליקום, און דאָס פּובליקום האָט געיובלט... און ווען מען האָט קלאָראָס רעדע איבערגעזעצט אין רוסיש, איז ווידער געוואָרן אַן אָוואַציע. די פּאָטאָפּטשינאַ איז פֿון דער לאָזשע אַרויף

אויף דער בינע, צוגעגאַנגען צו קלאַראַ יאַנג, זי אַרומגענומען און זיי האָבן זיך ביידע צעקושט... דאָ האָט דער אַפּלאָז אָנגעהאַלטן אַ פּאָר מינוט...

נאָכן צווייטן אַקט, אין וועלכן קלאַראַ האָט געשפּילט אירע הויפּט־סצענעס, האָט זיך ווידער איבערגעחזרט די אָוואַציע. און די פּאָטאַפּטשינאַ האָט איר אַרויפֿגעגעבן אַ קויש מיט בלומען...

צומאָרגנס האָבן אַלע צייטונגען פֿון מאָסקווע געשריבן וועגן דער געשעעניש פֿון דער פּאָטאַפּטשינאַ מיט קלאַראַ יאַנג.

דער מאַטעריעלער דערפֿאָלג איז געווען גוזיכערט, און די רע־צענזיעס זיינען געווען די בעסטע, ניט נאָר וועגן קלאַראַ יאַנג, נאָר אויך וועגן דער גאַנצער טרופּע.

אין מאָסקווע האָבן מיר געשפּילט פֿיר וואָכן. שפּילנדיק מיט אַזאַ בייפֿאַל אין מאָסקווע, האָב איך שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן שפּילן יידיש טעאַטער אין פּעטערבורג.

יידיש טעאַטער אין פּעטערבורג

דעם גרויסן בייפֿאַל, וואָס מיר מיט דער טרופּע האָבן געהאַט אין מאָסקווע, האָט מען געהערט אין פּעטערבורג און איך האָב באַקומען בריוו פֿון דאָרט, אַז אָנגעזעענע יידישע כּלל־טוער אַרבעטן שטאַרק צו באַ־קומען אַ דערלויבעניש, מיר זאָלן קענען קומען אַהין שפּילן יידיש טעאַטער כאָטש צוויי וואָכן. ענדלעך האָט זיך איינגעגעבן ד״ר לעאָנידאָוו, אַ ברודער פֿון דעם אַקטיאָר לעאָנידאָוו, וואָס האָט געשפּילט אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער, דורך זיינע פֿאַרבינדונגען אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש פֿאַר אַ גאַנצן חודש צו שפּילן יידיש טעאַטער אין פּעטערבורג.

ווען איך האָב אָנגעזאָגט דער טרופּע די נייעס, איז די פֿרייד ביי זיי געווען גרויס. יעדער אַקטיאָר האָט געוואָלט זען פּעטערבורג, הייַנט נאָך זיך פֿילן ווי אַן אַקטיאָר אין פּעטערבורג מיטן נאָמען אין די פּעטערבור־גער רוסישע צייטונגען... יעדער איינער האָט זיך געפֿילט יום־טובדיק. דעמאָלט, אין די צאַרישע צייטן, האָט פּעטערבורג געהאַט מער צוצי־אונגס־קראַפֿט פֿאַר דעם יידן, ווי סיי וועלכע אַנדערע שטאָט אין רוס־לאַנד. די יידן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין פּעטערבורג, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע און געהאַט זייער איינפֿלוס אויף אַלע יידן אין רוסלאַנד.

די טרופּע האָט זיך דעמאָלט גערופֿן „די אַמעריקאַנער יידישע געזעל־שאַפֿט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון בועז יונגוויץ מיט קלאַראַ יאַנג בראש״.

עס קען זיין, אַז דער נאָמען „אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט״ האָט אַ סך גע־

האָלפֿן צו געבן די דערלויבעניש, אָבער לעאָנידאָוו האָט באַקומען דאָס רעכט, אַז די אַמעריקאַניש־יידישע געזעלשאַפֿט זאָל נאָר מעגן שפּילן אין פּעטערבורג, אָבער ניט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״. די טרופּע האָט דאָרט ניט געטאָרט איבערנעכטיקן אַפֿילו איין נאַכט. לעאָנידאָוו האָט אָבער יאָ באַקומען „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ פֿאַר קלאַראַ יאָנג און פֿאַר מיר. נאָר ווען איך האָב אַוועקגעלייגט פֿינף טויזנט רובל כּאַבאַר דער צאַרישער פּאָליציי, האָבן זיי צוגעמאַכט די אויגן און אַלץ איז געווען כּשר. דאָס געלט פֿאַר דער פּאָליציי האָב איך געגעבן, ווען די טרופּע האָט נאָך געשפּילט אין מאָסקווע, און ווען מיר האָבן געענדיקט שפּילן אין מאָסקווע, זײַנען אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, דער כאָר, באַלעט און דער אָרקעסטער, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 99 פּראָצענט יידן, אַרײַנגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג. דאָס איז געווען אין יאָר 1916.

געשפּילט האָבן מיר אין דעם „אינטימני״־טעאַטער, אַנטקעגן־איבער דער ניעווע. די פּרײַזן זײַנען געווען נאָך טײַערער ווי אין מאָסקווע און דער בײַפֿאַל פֿון קלאַראַ יאָנג מיט דער טרופּע איז געווען נאָך גרעסער ווי אין מאָסקווע. די יידישע אַריסטאָקראַטיע פֿון פּעטערבורג האָט אָנגעקוואָלן, געפֿילט זיך יום־טובדיק און זיי זײַנען געווען שטאָלץ מיט זייערע יידישע אַקטיאָרן. אפֿשר 40 פּראָצענט פֿון פּובליקום זײַנען געווען רוסן. אַן אָפֿטער גאַסט אין יידישן טעאַטער אין פּעטערבורג פֿלעגט זײַן די גרעפֿין וואָלקאָנסקאַיאַ, אַ הויף־דאַמע, וועמענס מאַן איז געווען אַ באַוואוסטער ליבעראַל, וואָס האָט געשריבן אין דער דעמאָלט ליבעראַלער צײַטונג „ריעטש״. די גרעפֿין וואָלקאָנסקאַיאַ האָט אין אַ געווויסן נאָכמיטיק צוגעשיקט איר קאַרעטע צו קלאַראַ יאָנג, זי זאָל קומען צו איר אויף טיי און האָט זיך אונטערהאַלטן מיט קלאַראַן ווי מיט איר גלײַכן.

אַ. אַ. גרוזענבערג, דער באַוואוסטער אַדוואָקאַט, וואָס האָט פֿאַרטיידיקט בײליסן אין דעם קיעווער בלוט־בלבול־פּראָצעס, האָט וועגן יענע פֿאָרשטעלונגען געשריבן אין דער ריגער יידישער צײַטונג „פֿרימאָרגן״ (פֿון 15טן מאַי 1930):

„איך דערמאָן זיך, מיט פֿערצן יאָר צוריק, אין פּעטערבורג, האָט וועגן איר [קלאַראַ יאָנג] געשריבן, ניט נאָר קוגעל, אַ ייד, נאָר אַזאַ יידן־פֿרעסער ווי דער הויפּט־טעאַטער־קריטיקער אין דער צײַטונג ׳נאָוואָיע ווערעמיאַ׳, יורי בעליאַיעוו. אויך ער האָט ניט דורכגעלאָזן איין פֿאָרשטעלונג פֿון קלאַראַ יאָנג. די לאָזשעס אין טעאַטער, בעת קלאַראַ יאָנגס פֿאָרשטעלונגען, זײַנען תּמיד פֿול געווען מיט די בעסערע רוסישע שרײַבער, רעצענזענטן און אַרטיסטן פֿון די בעסטע רוסישע טעאַטערס.

„איך געדענק, אַז די אַנטיסעמיטישע ׳נאָוואָיע וורעמיאַ׳ האָט געשריבן — ׳אַ שאָד, וואָס אַזאַ טאַלאַנט ווי קלאַראַ יאַנג שפּילט אויף דער זשי־דאָווסקיער סצענע׳. — איך האָב דעמאָלט געענטפערט אויף דעם אַ רע־פּאָרטער: ׳די רוסישע בינע פאַרמאָגט אַזוי פּיל קינסטלער, פאַרגינט כאָטש קלאַראַ יאַנג דער יידישער סצענע׳...״

ליידער האָב איך ניט די קריטיק פון אַלעקסאַנדער קוגעל. מען האָט מיר אַלעקסאַנדער קוגעלן געהאַט פאַרגעשטעלט אין פּעטערבורג. איך געדענק אים זייער גוט. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט געדיכטע האָר, גע־טראָגן די האָר „אַלאַ פּאָמפּאַדור״, און אַ באָרד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין רויט.

כּדי דער לייענער זאָל האָבן אַ באַגריף, ווי שטאַרק קוגעל האָט גע־האַלטן פון קלאַראַ יאַנג, וועל איך ברענגען אַן אויסצוג פון אַלחנן צייט־לין, דער זון פון הלל צייטלין און דער ברודער פון אַהרן צייטלין, וואָס טראָגט דעם קאָפּ „קלאַראַ יאַנג — צו איר קומען קיין וואַרשע״: — „און עס איז כאַראַקטעריסטיש, — שרייבט אלחנן צייטלין, — ווען מען האָט געפרעגט דעם באַרימטן רוסישן טעאַטער־קריטיקער האַמאַ נאָוואוס (אַלעק־סאַנדער קוגעל), ווי איז זיין מיינונג — צי דערהויבט אַן אַקטיאָר די פּיעסע, אָדער פאַרקערט, אַ פּיעסע דערהויבט גאָר דעם אַקטיאָר? האָט ער אַן וואַקלעניש געענטפערט: ׳פאַר מיר איז עס קלאָר, אַז אַן אַקטיאָר דער־הויבט אַ פּיעסע, והראיה קלאַראַ יאַנג׳״...

ביים פּאַטער׳ל ראַספּוטין

אַרום דעם כיטרען פּויער גריגאָרי ראַספּוטין איז שוין באַשאַפן גע־וואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור. אַלע באַשרייבן דעם טרויעריק־באַרימטן ראַס־פּוטין ווי אַן אַוואַנטוריסט, — אַחוץ די הויף־דאַמע ווירובאָוואַ, וואָס וויל אַרויפוואַרפן דעם מאַנטל פון הייליקייט אויף אים און אויף דער אומגע־בראַכטער צאַרינע פון רוסלאַנד. אויך דער אַזוי גערופענער יידישער סעק־רעטאַר פון ראַספּוטינען, וועלכער האָט זיך שפּעטער געפונען אין ניו־יאָרק, האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן זיינע מעמואַרן פאַר אַן ענגלישער צייַ־טונג וועגן ראַספּוטינען, שטעלט אים אַרויס ווי אַן אוהב ישראל און אפשר נאָך פאַר אַ גוואַלדיקן צדיק, וואָס איז קיינמאָל נישט דורכגעגאַנגען צווישן צוויי פרויען, אַז עס זאָל אים חלילה נישט ברענגען צו אַ מחשבה זרה...

ווען מיר האָבן געהאַט אָפּגעשפּילט אין פּעטערבורג אַ צוויי וואָכן,

אַ פּאָר חדשים אײדער פּרינץ יוסופּאָוו האָט געשאָסן אויף ראַספּוטינען און פּורישקעװיטש האָט אים פֿאַרענדיקט, זאָגט צו מיר מײַן שװאָגער (װעלכער האָט דעמאָלט געװאױנט אין פּעטערבורג אין זכות פֿון זײַנע קינדער, װאָס האָבן געלערנט אין פּעטערבורגער אוניװערסיטעט), אַז ער װיל מיך פֿאַר־שטעלן פֿאַר אַ ייִדן, מיטן נאָמען סימאַנאָװיטש. ער איז ראַספּוטינס רעכטע האַנט און אים האָט ער צו פֿאַרדאַנקען, װאָס זײַנע קינדער זײַנען אַרײַנ־גענומען געװאָרן אין פּעטערבורגער אוניװערזיטעט.

איך בין אַרײַן אין דער לאָזשע און פֿאַר מיר איז פֿאַרגעשטעלט גע־װאָרן אַ טיפּישער ייִד, מיט אַלע אױסערלעכע ייִדישע אײגנשאַפֿטן.

— איר װײסט, — רופֿט זיך אָפּ צו מיר סימאַנאָװיטש, — ראַספּוטין האָט געהערט פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער טרופּע און ער האָט אױס־געדריקט דעם װאונטש זיך צו באַקענען מיט אײך און מיט קלאַראַ יאַנג. אויב איר װילט, קען איך אײך געבן אַ געלעגנהײט דערצו. בײַ מיר דאַרף די טעג זײַן אַ באַל, װאָס איך גיב לכּבֿוד ראַספּוטינען; עס װעלן דאָרט זײַן קניאַזן, גראַפֿן, גענעראַלן, אויך דער מיניסטער פּראָטאָפּאָף. עס איז ראַספּוטינס געבורטסטאָג.

די נײַגעריקײט פּערזענלעך צו קענען ראַספּוטינען (פֿון װעלכן גאַנץ פּעטערבורג האָט דעמאָלט גערעדט, אַז ער פֿירט די רוסישע פּאָליטיק אין דעם ערשטן װעלט־קריג און אַז דורך זײַן אײַנפֿלוס האָט ניקאָלײַ אַרונטער־געזעצט זײַן אַנקל ניקאָלײַ ניקאָלײַעװיטשן אַלס שעף פֿון דער גאַנצער רו־סישער אַרמײ), האָט מיך גערײצט. האָב איך געזאָגט סימאַנאָװיטשן, אַז איך װעל אים לאָזן װיסן דורכן טעלעפֿאָן.

װען איך האָב עס דערצײלט קלאַראַן, האָט זי מיך פֿאַרװאונדערט אָנ־געקוקט, װי אײנער רעדט — װאָס פֿאַר אַן אינטערעס קען ראַספּוטין האָבן אין אַ ייִדישער אַקטריסע?... זי האָט איבערהויפּט ניט געװאוסט ראַס־פּוטינס יחוס. װען איך האָב איר דערקלערט, װער און װאָס ראַספּוטין איז, האָט איר פֿרויען־נײַגעריקײט באַשלאָסן אָנצונעמען די אײַנלאַדונג.

אין דעם באַשטימטן אָװנט, נאָך אַ פֿאָרשטעלונג, איז מען געקומען מיט אַן אױטאָמאָביל און מען האָט אונדז, — מיך, קלאַראַ יאַנג און אונדזער אימפּרעסאַריאָ לעאָנידאָװ, — געבראַכט אין דעם הויז פֿון ראַספּוטינס סעקרעטאַר סימאַנאָװיטש. די צימערן אין דעם הויז זײַנען געװען אײנ־פֿאַכע און נאָך אײנפֿאַכער מעבלירט. װען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען, האָט אונדז סימאַנאָװיטש געזאָגט, אַז דער אױסערן־מיניסטער פֿון רוסלאַנד איז נאָר װאָס אָװעקגעגאַנגען, און אַז ער װעט אונדז פֿאָרשטעלן פֿאַרן פֿאָטערל ראַספּוטין.

מען האָט אונדז אַריינגעפּירט אין אַ באַזונדער צימער. ביי אַ טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ פלאַש ווייַן און אַ טיי־גלאָז, איז געזעסן איינער אַליין אַ רוסישער קאַצאַפּ, אַנגעטאָן אין אַ בעסער העמדל ווי די געוויינט־לעכע קאַצאַפּעס טראָגן, מיט אַ פּאָר שיינע שטיוועלעך, די האָר אַביסל שיטערלעך און האַלב־לאַנג, מיט אַ באָרד, וואָס איז געוואַקסן ניט אין אָרדענונג. אַ גאַנץ געוויינטלעך קאַצאַפּיש פּנים מיט קליינטשיקע שפּי־ציקע אויגעלעך, מיט אַביסל אַ ברייטלעכער נאָז, פון מיטעלן וואוקס. דער אויבערשטער האַלבער קערפּער זיינער האָט זיך ביי אים אויטאָמאַטיש געוויגט אין די אויגן, האַלב־צוגעמאַכטע, האָבן אַרונטערגעקוקט צו דער פּאָדלאָגע.

— פּאַטערל, — האָט אויסגעשריגן סימאַנאָוויטש, — איך האָב די ערע דיר פאָרצושטעלן די באַוואוסטע אַמעריקאַנער יידישע אַקטריסע קלאַראַ יאַנג, און דאָס איז מ״ר יאַנג און הער לעאַנידאָוו, זייער אימפּרע־סאַריאָ.

ווי פאַרשלאָפן און שיכורלעך דאָס פּאַטערל ראַספּוטין האָט דעמאָלט אויסגעזען, האָבן זיך זיינע שפּיציקע אויגעלעך אָנגעצונדן מיט אַ ליבלעך פייערל און דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט גוטמוטיק געשמייכלט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשריגן: — „עטאַ טי!״... (דאָס ביסטו). און טאַקע באַלד האָט ער קלאַראַן אַרומגענומען, צוויי מאָל זי געקושט, און קוקנדיק אויף מיר, האָט ער באַמערקט: — „אַ, ער איז געוויס אייפערזיכטיק, לאָמיך אים אויך קושן״.

ער האָט זיך מיט מיר אויך צעקושט אויפן רוסישן שטייגער...

איך בין איבערראַשט געוואָרן פון דער באַגעגעניש — צום ערשטן מאָל ווי ער זעט אונדז, און שוין „פּער דו״ און קושט זיך. אָבער ער האָט באַלד געמאַכט צו פילן זיך היימיש און איך האָב מיט אים געטרונקען אַ גלעזל פאַר אונדזער באַקאַנטשאַפט. אין דער צייט איז אַריינגעקומען די ווירטין, אַ יידענע פון וואַסערע דריי הונדערט פונט און אפשר מער, און אונדז געבעטן מיר זאָלן גיין צום טיש. אין עס־זאַל זיינען געווען פאַר־זאַמלט מענטשן פון פאַרשיידענע ראַנגען, אויך שאַנסאָנעטקעס, און „אָנ־שטענדיקע״ דאַמעס... די בעל־הביתטע האָט אָנגעוויזן דעם אויבן־אָן ראַספּוטינען. קלאַראַן האָט זי אַוועקגעזעצט ביי ראַספּוטינס רעכטער האַנט און מיך ביי זיין לינקער זייט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי קלאַראַ און איך זיינען מחותנים פון חתנס צד. ווען ראַספּוטין האָט גענומען דאָס גלעזל אין האַנט, האָבן אים אַלע נאָכגעטאָן, זיך אויפגעשטעלט און געזונגען אַ ליד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ „הוראַ פאַר גרישאַן!״

(גריגאָרי ראַספּוטין). אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט אויף אים און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן זיי געוואַרט צו הערן, וואָס עס וועט אַרויסגיין פון דעם „פּה קדוש”, פון גרישאַס מויל. גרישאַס אויגעלעך האָבן זיך אָנגעפּילט מיט כיטרער ליבלעכקייט, דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט האַרציק געשמייכלט, און ער האָט אָנגעהויבן צו דברן בזה הלשון:

— קינדער! איך זע, איר זייט אַלע נייגעריק צו הערן פון מיר איצט אַ פּאָר ווערטער, ווייל איר ווייסט, אַז איך האָב אַביסעלע... געטרונקען. אָבער דער כאַזיאַאין, דער ייד סימאַנאָוויטש, קען נאָר אָנטרינקען מיין קערפּער, — מיין נשמה קען ער ניט פאַרטרינקען, מיין נשמה בלייבט ריין!

און וואַרפנדיק אַ ליבלעכן בליק אויף קלאַראַן, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט, זיך משמעות איבערלייגט און געזאָגט בלויז פאָלגנדע ווער־טער: — איך אַליין געהער צו אַ גרויסער נאַציע; איך האָב אָבער אויך ליב די קליינע נאַציעס. דעריבער וועל איך טרינקען פאַר די, וואָס געהערן צו דער קליינער נאַציע (געמיינט די יידן).

אַלע האָבן געשריגן הוראַ און מען האָט אָנגעהויבן די סעודה.

די גאַנצע צייט האָב איך זיך געפרעגט: וואָס פאַר אַן אייגנשאַפטן באַזיצט דער פויערישער שיכור, דער לאַוואַלאַס, וואָס האָט געמאַכט אַ וועלט הערן וועגן זיך? וואו ליגט דער כישוף אין אים, וואָס די צאַרינע און אַלע הויף־דאַמען זיינען אין אים אַזוי איינגעגלויבט? מיר דוכט, אַז אָט דער „כישוף” זיינער איז געלעגן אין זיינע קליינינקע אייגעלעך. ווען ער האָט גערעדט, האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעפּילט מיט אַ גאַנצער וועלט ליבשאַפט, עפּעס ענלעך צו אַ קריסטוס־בילד, אַ מין ליבלעכקייט און פאַר־געבונג צו אַלעמען...

עס איז גאַרנישט נויטיק געווען פון דעם דעמאָלדיקן געהילפס־מי־ניסטער בעליצקי, וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן דערשאָסן, צו באַהויפּטן, אַז ראַספּוטין האָט געקענט היפּנאָטיזירן. ליידנשאַפטלעכע פרויען מיט שוואַכע נערוון האָבן גאַנץ גוט געקענט זיין אַ מעדיום פאַר זיינע אויגן וואָכנדיקערהייט. מען האָט אים געמוזט גלויבן, אַז וואָס ער זאָגט, איז קודש־קדשים.

אַ פרוי האָט מיר יענעם אָוונט אַפילו געוואָלט דערקלערן, אַז ראַס־פּוטינס איינפלוס אין קייזערלעכן הויף שטאַמט נאָר פון זיין פּראָסטער פויערישער מענלעכער קראַפט. ווען מיר זיינען געוואָרן מיט אים מער היימיש, האָט צו אים קלאַראַ געזאָגט:

— פּאַטערל, קום מאָרגן צו אונדז אין טעאַטער.

— ניין, מאָרגן בין איך געלאַדן אין הויף צו דער צאַרינאַ. וויסטו וואָס? קום דו צו מיר.

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעך־שטאַרקן טאָן, אַז אַלע האָבן עס געמוזט הערן... און ווען קלאַראַ האָט אים צוגע־וואָרפֿן אַ בליק פֿון פֿאַרוואונדערונג, און אַביסל זיך קאָקעטיש פֿאַרשעמט, האָט ער מיט דעם זעלבן הויכן טאָן באַמערקט: — נאַרעלע, אַז זי באַזוכט מיך [די צאַרינע], מעגסטו אויך; ווען דו וועסט מיך נענטער קענען, וועסטו אויך גלויבן אין מיר.

איך בין צעמישט געוואָרן אויף אַן אויגנבליק. אַזוי עפּנטלעך אויס־צודריקן זיך וועגן דער רוסישער אימפּעראַטאָרין... כדי אָפּצוואווענדן דאָס געשפּרעך, האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאָטערל, ווי אַלט ביסטו?

— פּופּציק, — האָט ער קורץ געענטפֿערט.

ווערלנדיק אים מאַכן אַ קאָמפּלימענט, האָב איך אים געזאָגט, אַז עס איז אוממעגלעך, מיינענדיק דערמיט צו זאָגן, אַז ער זעט אויס יינגער.

— וואָס? — גיט ער זיך אַ כאַפּ מיט כּעס. — דענקסטו, אַז ראַספּוטין וועט זאָגן אַ ליגן? ראַספּוטין האָט נאָך קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט!

איך האָב זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרלעגנהייט און אָנגעהויבן אַביסל מורא צו האָבן... דאָ איז מיר געקומען צו הילף קלאַראַ און אים דער־קלערט, אַז איך צוויפֿל גאָרנישט, אַז ער זאָגט דעם אמת. ער האָט זיך גלייך באַרואיקט, מאָמענטאַל אַנגענומען די אויסערגעוויינטלעכע ראַספּוטינישע ליבלעכקייט און געזאָגט צו איר:

— איך וויל פֿאָרן מיט דיר קיין אַמעריקע, נאָר איך האָב קיין געלט ניט.

איך האָב אים ווידער געוואָלט זאָגן, אַז דאָס איז אוממעגלעך, אָבער עס איז מיר נאָך ניט געהאַט אַריבער די שרעק, ער זאָל נישט דענקען, אַז איך מאַך אים פֿאַר אַ ליגנער, און האָב נאָר אים געקוקט אין די איי־געלעך.

— וואָס דענקט מען וועגן מיר אין אַמעריקע? — האָט ער מיך גע־פֿרעגט. — איך ווייס, אַז דער היגטישער זון איליאַדאָר האָט אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע אַ בוך וועגן מיר. איך וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען!

איך האָב מורא געהאַט זיך אַריינלאָזן מיט אים אין ווייטע דרכים און האָב דערפֿאַר אַלץ פֿאַרשוויגן און אים בלויז געקוקט אין די אויגן אַריין.

אַ דיקע דאַמע, וואָס איז געזעסן בײַ מײַן זײַט, זאָגט צו מיר באַרימע־ריש־שטיל:

— אוי, איז ער אַ לאַוועלאַס... מיט אַ פּאָר נעכט צוריק קלינגט דער טעלעפֿאָן בײַ מיר. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. איך פֿרעג — ווער רעדט? דאָס איז ער, ראַספּוטין. ער וויל אײן קלײניקײט: איך זאָל שוין אויפֿשטײן פֿון בעט און קומען צו אים...

— פּאַטערל, — גיב איך פּלוצים אַ זאָג צו אים, — איך וויל האָבן דײַן אונטערשריפֿט. שרײַב מיר עפּעס אויף.

— יאָ, יאָ, — רופֿט זיך אָפּ קלאַראַ, — שרײַב מיר אויך עפּעס אָן.

איך האָב אים דערלאַנגט מײַן פּול־פּעדער, וועלכע ער האָט שטאַרק באַטראַכט, און געפֿרעגט, אויב דאָס איז אַמעריקאַנער אַרבעט, און ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן, בעסער געזאָגט צו קריצן מיט דער פּען... „גאָט האָט ליב די, וואָס ליבן", האָט ער קלאַראַן אויפֿגעשריבן. און גע־שוויצט האָט דאָס פּאַטערל בײַם שרײַבן, ווי בײַ אַ שווערער אַרבעט. יעדער בוכשטאַב איז געווען אַזוי גרויס ווי די פּען, מיט וועלכער ער האָט געשריבן. מען האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז אונדזער באַגעגעניש מיט ראַספּוטינען איז געווען געדרוקט אין „אָדעסקע נאָוואָסטי", מיט ראַספּוטינס אויטאָגראַף, וואָס ער האָט געגעבן קלאַראַן.

דערווײַל האָט דער ציגײַנער־אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן און מיר זײַנען אַלע אַרײַן אין דעם גרויסן צימער. דער עולם האָט זיך צעזונגען און ראַספּוטין איז צוגעשטאַנען צו קלאַראַן, אַז זי זאָל אויך עפּעס זינגען. זי האָט געזונגען אַן ענגליש ליד. ווען דער עולם האָט אויפֿגעהערט צו אַפּלאָדירן, האָט ראַספּוטין אָנגעהויבן שרײַען: „יעוורעיסקויו פּיעסניו!" (אַ יידיש ליד). קלאַראַ האָט געזונגען אַ פֿרײלעכס, און ראַספּוטין איז געוואָרן מלא שמחה, צעשפּיליעט זיך דאָס העמדל, צעכראַשטשעט זיך און אַ געשרײ געטאָן צום ציגײַנער־אָרקעסטער: „קאַמאַרינסקויו דאַוואַי!" און ער האָט טאַקע גלײַך אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ קאַמאַרינסקע, פֿלינק, מיט שיק, און מיט „פּריסיאַדקעס", ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער טענצער...

עס איז שוין געווען שפּעט, עס האָט אָנגעהויבן ווערן מאָנאָטאָן, די געסט זײַנען זיך צוביסלעך צעגאַנגען, אָבער גריגאָרי ראַספּוטין, דאָס פּאַטערל מיט די כּישופֿדיקע אײגעלעך, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין אײן טרינקען, ביז ער האָט שוין ניט געוואוסט דעם חילוק צווישן דער צאַרינע ביז קלאַראַ יאַנג, און מיר האָבן זיך דעמאָלט ממש אַרויסגעגנבעט אומבאַ־מערקט, אַפֿילו אָן אַ זײַ־געזונט צו גרישאַן, צום טרויעריק־באַרימטן פּאַטערל גריגאָרי ראַספּוטין.

אויף דער גאַס האָבן מיר פֿרייער אָפּגעאָטעמט און קלאַראַ זאָגט צו מיר:

— דו האָסט באַמערקט ווי שמוציק די הענט זיינען ביי אים? ער האָט געהאַט אַ גאַנצן וואַגאָן מיט בלאָטע אונטער זיינע נעגל...

— עס קאָן זיין, — האָב איך קלאַראַן געענטפֿערט, — אַז טאָקע די דאָזיקע בלאָטע אימפּאָנירט עס דער צאַרינע און די הויף־דאַמען.

אַלץ האָט אויסגעזען וואויל — כבוד, געלט, באַקאַנטשאַפֿטן מיט פֿאַרשיידענע יידישע כלל־טוער און אויך מיט קריסטלעכע ליבעראַלן, גוטע קריטיקן אין דער רוסישער צייטונג. מיטאַמאָל האָט די פּאָליציי געעפֿנט די אויגן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָבלאַוועס אויף די האָטעלן, וואו די טרופּע איז איינגעשטאַנען.

יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער אַקטיאָר אָנגעקלאַפּט ביי מיר אין צימער פֿון האָטעל און מיר געלאָזט וויסן, אַז דער האָטעל־אייגנטימער האָט זיי געהייסן פֿאַרלאָזן דעם האָטעל, ווייל די פּאָליציי קומט באַלד מאַכן אַן „אָבלאַווע״.

די אַקטיאָרן זיינען געקומען צו די פֿאָרשטעלונגען ניט־דערשלאָפֿענע, מידע, אויסגעמאַטערטע פֿון אַרומשלעפּן זיך נעכט. איך האָב ניט געקענט מאַכן קיין פּראָבע פֿאַר די ווייטערדיקע פֿאָרשטעלונגען. די טרופּע האָט רעוואָלטירט און מיר האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן קוים דערלעבט צו ענדיקן דאָס שפּילן אין פּעטערבורג.

צוריקפֿאָרנדיק אין דער געטאָ אַריין, האָב איך געזאָגט צו די אַקטיאָרן:

— מיר האָבן אונדזערס דערגרייכט: געקומען, געשפּילט, געזיגט. אָבער, גלויבט מיר, עס איז ליבער געווען צו שפּילן אין בערדיטשעוו אין דער הילצערנער שטאָל פֿאַר די בערדיטשעווער יידן און יידענעס און האָבן וואו צו שלאָפֿן נאָך די פֿאָרשטעלונגען, ווי אין גרויסן פּעטערבורג מיט גרויסע שיינע טעאַטערס, מיט דעם אַריסטאָקראַטישן פּובליקום, מיט דער פּרינצעסין וואָלקאָנסקאַיאַ, מיטן פּאָטערל ראַספּוטין — און באַדאַרפֿן נעכטיקן אין גאַס.

שפּילן יידיש טעאַטער האָט מען נאָך אַמאָל געקענט אין צאַרישן פּעטערבורג, אָבער ווי דוד פֿרישמאַן האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט אין אַדעס — „שלאָפֿן וועט איר דאַרפֿן אין בערדיטשעוו״...

אין רומעניע

װען די אַקטיאָרן זײַנען צוריקגעקומען פֿון דעם שײנעם פּעטערבורג און פֿון דער גרויסער שטאָט מאָסקווע אין דער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי״, קײן אָדעס, האָט מען זײ גאַרניט געקענט דערװעקן, אַזױ שטאַרק און געשמאַק זײַנען זײ דאָרט געשלאָפֿן. איך האָב באַשלאָסן פֿאָרן קײן רומעניע. קלאַראַ האָט נאָך אין רומעניע ניט געהאַט געשפּילט. מיר זײַנען געפֿאָרן קײן יאַס, װאָס איז ניט װײַט פֿון אָדעס.

אין יאַס האָבן מיר געשפּילט אין דעם יידישן היסטאָרישן גאָרטן „פּאָמול װערדי״, בײַ דעם אַקטיאָר־מענעדזשער אַשכּנזי, בײַ װעמען איך האָב פֿריער אַלײן גאַסטראָלירט. מיר האָבן אין יאַס געמאַכט אַ קאָנקורענציע פֿאַר אַ צװײטער יידישער טרופּע, װעלכע האָט געשפּילט אין אַ גאָרטן, ניט װײַט פֿון „פּאָמול װערדי״. די סטאַרס זײַנען געװען די קאָנערס, װעלכע זײַנען אַמאָל געװען אין אַמעריקע און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין װאָדעװיל (מר״ס קאָנער געפֿינט זיך איצט אין אַמעריקע), און אַלבערט סיגאַלעסקאַ. אָבער קלאַראַ יאַנג אַלס גאַסטראָלאָרשע האָט געמאַכט די בעסטע געשעפֿטן. זי איז, װי שטענדיק, פֿאַרערט געװאָרן פֿון פּובליקום, בפֿרט פֿון די טעאַטער־פּאַטריאָטן. די יאַסער פּאַטריאָטן זײַנען ניט געװען פֿון דעם סאָרט פּאַטריאָט, װי אַמאָל אין ניו־יאָרק. אין יאַס זײַנען די פּאַטריאָטן געװען סטודענטן פֿון די העכערע קלאַסן.

גײען מיר אַמאָל אַרויס פֿון טעאַטער נאָך אַ פֿאָרשטעלונג און מיר הערן װי יידישע בחורים־סטודענטן מאַכן אויסרופֿן אויף רומעניש. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס באַגריסן זײ קלאַראַ יאַנג און קלאַראַ באַדאַנקט זײ. װען מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַרעטע, װעלכע פֿלעגט װאָרטן אויף אונדז יעדע נאַכט אָפּצופֿירן אונדז אין האָטעל אַרײַן, האָבן די סטודענטן אויסגעשפּאַנט די פֿערד און אַלײן אָנגעהויבן שלעפּן די קאַרעטע. איך בין באַלד אַרונטער, געלאָזט קלאַראַן אַלײן זיצן, און איך בין נאָכגעגאַנגען מיטן עולם. די סטודענטן האָבן דעם גאַנצן װעג געמאַכט פֿאַרשײדענע אויסרופֿן און געבראַכט קלאַראַן אין דער קאַרעטע צום האָטעל. דאָס איז פֿאַר מיר דעמאָלט געװען עפּעס גאָר אַ זעלטענע דערשײַנונג.

דער דירעקטאָר אַשכּנזי האָט מיר פֿאָרגעלײגט, איך זאָל פֿאָרן קײן בוקאַרעסט. סטײטש, זאָגט ער צו מיר, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, װען איר האָט אַלײן גאַסטראָלירט אין בוקאַרעסט, האָט איר געמאַכט גוטע געשעפֿטן, הײַנט נאָך קלאַראַ יאַנג. און פֿאַרגעסט ניט, אַז דעמאָלט האָט איר געהאַט אַ שטאַרקערע קאָנקורענציע. (דער אַמאָליקער אַקטיאָר־מענעדזשער פֿון

פּוילן, סאַלאָמאָן קרויזע, איז דעמאָלט געווען אין בוקאַרעסט מיט אַ טרופּע פון אַזעלכע שטאַרקע אַפּערעטן־קרעפטן, ווי אַהרן לעבעדעוו, די פּרימאַדאָנע גורעוויטש, דאָס באַקאַנטע פּאָרל פון וואָדעוויל־טעאַטער מישאַ און צילי בודקין).

האָבן מיר אויך געשפּילט אין בוקאַרעסט און עס האָט זיך איבער־געחזרט דאָס זעלבע ווי אין יאַס... איך האָב אויך געשפּילט גאָרדינס רעפּערטואַר, אין וועלכן איך אַליין בין אויפגעטראָטן. קומענדיק צוריק קיין יאַס, דערהאַלט איך אַ טעלעגראַמע פון מיין געשעפטספירער פון אָדעס, איך זאָל שוין קומען, ווייל איך קען באַקומען דעם „נאָווי"־טעאַטער, אויף דער יעוורעיסקע גאַס. איך בין באַלד אַוועקגעפאָרן, געדונגען דעם טעאַטער (פון אַ געוויסן ייד ביסקער) און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ נייע פּיעסע פאַר דער דערעפנונג פון דעם „נאָווי"־טעאַטער.

„דזשייקעלע בלאָפער"

ווען קלאַראַ איז געקומען פון יאַס קיין אָדעס, האָב איך שוין געהאַט פאַרטיק פאַר איר אַ מתנה — „דזשייקעלע בלאָפער", וואָס האָט געשפּילט כּמעט כּסדר 25 יאָר. געדרעכט איז געווען מאַרק אַרענשטיין, ווען ער האָט געזאָגט צו מיר נאָך דער פּרעמיערע פון דער פּיעסע אין אָדעס: „דאָס איז די ראָל און די פּיעסע, אין וועלכער קלאַראַ יאַנג דאַרף אויפטרעטן, וואו זי וועט קומען". קלאַראַס ערשטע פּיעסע איז שפּעטער געווען אין יעדער שטאָט אין דער וועלט „דזשייקעלע בלאָפער". דער נאָמען אַפילו — „דזשייקעלע בלאָפער" איז אַזוי געפעלן דעם עולם, אַז געוויסע שרייבער באַניצן זיך נאָך היינט מיט אים, ווען זיי ווילן באַצייכענען איינעם פאַר אַ ליגנער...

אין דער ראָלע האָב איך קלאַראַן געגעבן אַ געלעגנהייט אַרויסצוואַווייזן אַלע אירע אייגנשאַפטן, וואָס זי האָט באַזעסן פאַר דער בינע, אַלע שיינ־קייטן, וואָס איר טאַלאַנט האָט געקענט אויסדריקן.

די טרופּע דעמאָלט אין אָדעס איז באַשטאַנען פון קאַנאַפּאָף, לערמאַן, גאַרטעלעוויטש, זילבערבערג, סאַמבערג, דזשאַרדזש, סלאָווין און די פרויען גאָטליב, זילבערבערג, וואַלקענשטיין, בעזמאַן און נאָך. די מוזיק צו דער פּיעסע האָט געשריבן אַ געוויסער דיריגענט פאַדלובנע, וועלכער איז איצט אין יידישן מלוכה־טעאַטער אין סאָוועט־רוסלאַנד. ביי אָט דער פּיעסע, ביי וועלכער קלאַראַ יאַנגס דערפאָלג האָט געהאַט דערגרייכט דעם

העכסטן פּונקט, האָט פּאַסירט אַ צופֿאַל, וואָס האָט געקענט מאַכן אַ סוף צו אירע ווײַטערדיקע דערפֿאָלגן.

אַכט אַזײגער אין אָוונט איז קלאַראַ געזעסן אין איר גאַרדעראָב־צימער און זיך גרימירט פֿאַר דער ראָלע פֿון „דזשײַקעלע בלאָפֿער". אויפֿן טישל האָט געברענט אַ ספּירט־לעמפּל צו דערהיצן די קרויז־שער פֿאַר קלאַראַס פּריזור, און לעבן ברענענדיקן לעמפּל איז געלעגן אַ לאַנג, גרויס צעלולאָיד־קעמל. קלאַראַ זיצט האַלב־נאַקעט און אירע געדיכטע, לאַנגע, גאָלדזאַמדיקע האָר, הענגען אַראָפּ איבער אירע שניי־ווײַסע אַקסלען — אַ לאָרעלײַ, וואָס איז גרייט צו „קעמען אירע גאָלדענע האָר מיט אַ גאָלדענעם קאַם"... זי זינקט אַרײַן אירע צוויי גרויסע בלויע אויגן אין שפּיגל, וואָס ווײַזט נאָך איר נאַטירלעך פּנים און לייגט שמינק צוצוהעלפֿן דער נאַטור, אַז זי זאָל אויסקוקן נאָך שענער. ווען די שמינק ליגט שוין אויפֿן פּנים, איז ווי ניט שיין דער אַקטיאָר זאָל ניט זײַן אין לעבן, טראַכט ער געוויינטלעך: „נאָך אַלעמען בין איך דאָך ניט אַזוי מיאוס". מען ווערט דעמאָלט פֿאַרליבט אין זיך, ווי נאַרציס. אַזוי טראַכטנדיק, אַנקוועלנדיק פֿון זיך אין שפּיגל, האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן צעלולאָיד־קאַם, זיך אָנגעהויבן קעמען, און פּלוצים דערזען אַ פֿלאַם אויף איר קאָפּ — דער קאַם מיט אירע האָר האָבן געברענט! און שוין האָט דער פֿלאַם פֿאַרכאַפּט איר גאַנץ פּנים! קלאַראַ האָט זיך, ווי שטענדיק, ניט פֿאַרלוירן: מיט בײדע הענט האָט זי דאָס פּנים פֿאַרשטעלט. דעם ברענענדיקן קאָפּ האָט זי אַרײַנגעלייגט צווישן די קישעלעך, וואָס זײַנען געלעגן אויף דער סאָפֿע און האָט אָנגעהויבן שרײַען. אַ כאָריסטקע, וואָס האָט דערהערט איר געשריי, איז אַרײַנגעלאָפֿן און מיט איר קליידל פֿאַרדישעט דעם פֿלאַם פֿון קלאַראַס ברענענדיקן קאָפּ.

איך בין אין דער צײַט געשטאַנען אין דער קאַסע. פּלוצים לויפֿט אַרײַן דער כאָריסט יאַנקאָ, דער ברודער פֿון דער באַקאַנטער אַקטריסע דראַנאָוואַ, און אָן אָטעם שרײַט ער „פֿײַער!... פֿײַער!..."

— וואו ברענט?

— אין קלאַראַס גאַרדעראָב־צימער!

איך בין אַרײַן אין קלאַראַס גאַרדעראָב־צימער. איך האָב דערזען קלאַראַן ליגן אויף דער קאַנאַפּע. די אויבערשטע האָר אירע פֿאַרברענט, די ברעמען אָפּגעסמאַליעט און דאָס גאַנצע פּנים איז בײַ איר רויט, ווי איין שטיק פֿײַער.

איך בין אַרויס פֿאַרן פֿאָרהאַנג און געפֿרעגט בײַם פּובליקום, צי עס געפֿינט זיך אַ דאָקטער אין טעאַטער. אַן עלטערער מאַן האָט זיך אויפֿ־

געשטעלט, און איך בעט אים, אַז ער זאָל אַרויפקומען הינטער די קוליסן. צווישן פּובליקום איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט זיך באַלד דערוואוסט וואָס עס איז געשען.

איך האָב געפרעגט ביי דעם דאָקטער, צי זי וועט קענען היינט אָוונט שפּילן, און איידער דער דאָקטער ענטפערט, זאָגט קלאַראַ אַנטשלאָסן:

— איך שפּיל היינט.

איך האָב נאָך געמאַכט אַ וויץ:

— דו דאַרפסט זיך ניט גרימירן. זייער אַ שיינעם קאָליר האָט איצט דיין פּנים...

דער דאָקטאָר האָט עפּעס פאַרשריבן און געזאָגט צו קלאַראַן:

— מאַדאַם יאַנג, איך ראָט אייך היינט ניט צו שפּילן. מאָרגן וועל איך זיין ביי אייך, וועלן מיר וויסן...

קלאַראַ האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט ביים שפּיגל, נאָר זי האָט געזאָגט:

— בועז, איך פיל אַ גרויסע היץ, דאָס פּנים ברענט. איך האָב מורא...

— נו, שפּיל ניט, — זאָג איך צו איר. — איך האָב דיר ניט געהייסן היינט שפּילן.

איך בין גלייך אַרויס צום פּובליקום און געמאָלדן, אַז מען שפּילט ניט היינט און געהייסן זיי צוריקגעבן דאָס געלט פאַר די בילעטן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט קלאַראַ געשריגן, אַז איר פּנים ווערט פאַרברענט. ווען איך האָב אינדערפרי אַ קוק געטאָן אויף איר, האָב איך זיך זייער דערשראָקן: קיין אויגן האָט מען ניט געזען, איר גאַנץ פּנים איז געווען ווי אַ קישעלע, אָנגעבלאָזן מיט לופט. אין מיינע אויגן האָט קלאַראַ דערקענט אין וואָס פאַר אַ לאַגע זי געפינט זיך און געבעטן מען זאָל איר געבן דאָס שפּיגעלע. מיין טאָכטער, וועלכע האָט אַ גאַנצע נאַכט איבער איר געוואַכט, האָט זי אָפּגעהאַלטן פון צו קוקן אין שפּיגל, און קלאַראַ האָט קאַטעגאָריש דערקלערט:

— אויב מיין פּנים וועט בלייבן פאַרקריפּלט און איך וועל ניט קענען מער שפּילן, וויל איך ניט לעבן! אַז דער בינע עקזיסטירט ניט דאָס לעבן פאַר מיר! איך וועל אויך ניט גיין מיט אַ וואַואַל אויפן פּנים מיין גאַנץ לעבן!

דריי טעג איז זי געלעגן און איר פּנים איז אַלץ מער געשוואָלן געוואָרן. אויפן פערטן טאָג האָט מען גענומען לייגן פאַרשיידענע זאַלבן צום פּנים. די הויט האָט זיך גענומען שיילן און אַ פרישע, נייע הויט האָט גענומען איבערציען איר פּנים — נאָך אַ שענערע, אַ ווייסערע ווי פריער.

די גאַנצע צייט איז קלאַראַ געווען זייער פּאַרזיכטיק, אַז אַ מאַן זאָל זי, חלילה, ניט זען (אויסער דער דאָקטער און איך) — ביז זי האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן.

אין טעאַטער איז ווידער אַלץ געגאַנגען נאָרמאַל — כאָטש די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, איז אין אַדעס געווען רואיק. אָבער נישט אַלץ אויפן רוסישן פראָנט... ניקאָלאַי האָט געכאַפּט איין מפּלה נאָך דער צווייטער און דאָס האָט דערנענטערט די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917.

אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע

אַ געוויסן טאָג אין פּעברואַר פון יאָר 1917, זיצן מיר, דוד פּרישמאַן, ספּעקטאָר, איך און נאָך אייניקע, אין קאַפע „פראַנקאָניאַ", און פרישמאַן זאָגט צו אונדז שטיל:

— עפּעס זאָגט מען, אַז אין פּעטערבורג איז ניט גאַנץ רואיק, עס טומלט זיך דאָרט עפּעס...

מיר קוקן זיך אַרום, צי קיינער האָט ניט געהערט, וואָס פרישמאַן האָט געזאָגט, און ספּעקטאָר זאָגט נאָך שטילער:

— איך האָב אויך געהערט, אַז עס איז ניט פריילעך דאָרט מיט ני־קאָלאַיען.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער מורמלט שוין דאָס גאַנצע קאַפע „פראַנקאָניאַ", אַז אין פּעטערבורג קאָכט זיך. צומאָרגנס רעדט מען שוין אָפן אויף דער גאַס, אַז מען וויל אַרונטערזעצן ניקאָלאַיען. אויפן דריטן טאָג זיינען שוין די צייטונגען אַרויס, אַז ניקאָלאַי האָט אָפּגעדאַנקט פון טראָן און מען שרייט שוין: „סוואָבאָדאַ! סוואָבאָדאַ!", און מען שפּילט די מאַרסעליעזע.

דאָס פרייען זיך מיט דער רעוואָלוציע, דער ענטוזיאַזם פאַר דער „סוואָבאָדאַ" איז געווען ניט צום באַשרייבן. ווען איינער האָט אַרויס־גערעדט דאָס וואָרט „סוואָבאָדאַ", האָט דער צווייטער אָנגעהויבן צו זינגען די מאַרסעליעזע. מען האָט זיך געקושט אין די גאַסן פאַר שמחה. יידן מיט קריסטן זיינען געוואָרן ווי איין לייב מיט איין נשמה. און ווען עס איז אַרויס דער באַפעל פון קערענסקין וועגן „ראַוונאָפּראַוויע", — גלייכע רעכט פאַר אַלע, האָבן יידישע אַקטיאָרן פשוט געטאַנצט אין די גאַסן. אַ קליי־ניקייט, מען וועט איצט קענען שפּילן אין קיעוו, מאָסקווע, פּעטערבורג — אומגעשטערט שפּילן און האָבן טאַקע וואו צו שלאָפן!... עס וועט זיך אָנ־הויבן אַ נייע תקופה פאַרן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד און פאַר דעם

יידישן אַקטיאָר. די מאַטראַזן, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַדעס, זיינען געווען די העלדן פֿון טאָג. מען האָט זיך מיט זיי געצאַצקעט ווי זיי אַליין וואָלטן אַרונטערגעוואָרפֿן ניקאָלאַיען... ביי יעדער פֿאָרשטעלונג אין „נאָווי" טעאַטער האָט מען אַרויפֿגענומען אַ פּאָר מאַטראָזן אויף דער בינע, זיי אויפֿגעהויבן אין דער הויך, געשריגן „הוראַ" און געשפּילט די מאַרסעל־יעזע. מען פֿלעגט אויסליציטירן (אויספּלעטן) זאַכן פֿאַר געוויסע צוועקן, אַפֿילו אַ קוש פֿון אַ שיינער דאַמע אין אַ לאָזשע, און דאָס האָט אַריינ־געבראַכט אַ היפּשע פּאָר קערבלעך. דאָס נעמלעכע האָט דעמאָלט געטאָן אין קאַפֿע „פֿראַנקאָניאַ" דער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנער קאַטאַווסקי מיט זיינע קייטן, אין וועלכע ער איז געווען געשמידט, זיצנדיק אייניקע יאָר אין דער אַדעסער טורמע, און די רעוואָלוציע האָט אים באַפֿרייט. קאַ־טאָווסקי איז געווען אַ שטיק ראָבין הוד. ער פֿלעגט מיט אַ באַנדע באַפֿאַלן די רייכע פּריצים, ביי זיי אַלץ צונעמען און די רויב צעטיילן צווישן די אָרעמע פּויערים אין בעסאַראַביע. מען האָט אים ביי די באָלשעוויקעס גערופֿן גענעראַל קאַטאָווסקי. ער האָט געהאָלפֿן נעמען אַדעס. איך האָב קאָטאָווסקין שפּעטער באַגעגנט אין טיראַספּאָל, וואו אַ פֿריינט האָט אים שפּעטער דערשאָסן איבער אַ פֿרוי, זיצנדיק מיט אים אין טיראַספּאָל אין אַ רעסטאָראַן.

אַזוי האָב איך אויך געזען אין די ערשטע טעג פֿון דער רעוואָלוציע ווי סטודענטן האָבן באַפֿרייט פֿון טורמע אַ רוסישן פּראָפֿעסאָר, וועלכער איז געזעסן איבער צוואַנציק יאָר. זיי האָבן אים געפֿירט איבער דער דע־רעבאַסאָווסקי גאַס, — ניט געזונגען קיין רעוואָלוציאָנערע לידער, ניט געשריגן „סוואָבאָדאַ" און ניט געשפּילט די מאַרסעליעזע, נאָר שטיל, לאַנגזאַם אים געפֿירט אויף אַ וועגעלע איבער די הויפּט־גאַסן פֿון אַדעס, און דאָס בילד איז געווען הערלעך, הייליק ווי אַ ריטואַלע צערעמאָניע...

צוזעענדיק ווי אַדעס פֿרייט זיך מיט דער פֿרייהייט, האָט זיך אין מיר דעמאָלט דערוועקט דער אַמאָליקער אַנאַרכיסט און איך בין געוואָרן מיטגעריסן און באַגייסטערט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע נאָך מער ווי אַ רוסישער בירגער. איך האָב געזוכט זיך צו פֿרייען מיט אַלע אַקטיאָרן.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען עפּנטלעך זיך אָרגאַניזירן אין פּראָ־פֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען (יוניאָנס) און אָנגעהויבן צו פֿירן אַ שאַרפֿן קלאַסנ־קאַמף מיט די באַלעבאַטים, וואָס איז ביז איצט געווען פֿאַרבאָטן. און דאָ האָב איך אָנגעהויבן פֿילן, אַז איך בין גאָר אין אַן אַנדער קאַטעגאָריע ווי די אַקטיאָרן, וועמען איך צאָל שכירות. די אַקטיאָרן האָבן זיך באַ־טראַכט ווי פּראָלעטאַריער און מיך ווי זייער באַלעבאָס, אַ „באָס", אַ פּאַראַ־

זיט — אַ שונא... זיי האָבן זיך ניט געוואָלט חברן מיט מיר, ווי פון אַ מצורע האָט מען פון מיר געווייכט.

קערענסקי איז דעמאָלט געווען דער העלד פֿון טאָג — מען האָט אים כמעט פֿאַרגעטערט. און ווען איך האָב מיך איינמאָל אויסגעדריקט, אַז „איך האָב מורא קערענסקי זאָל ניט האָבן דעם זעלביקן סוף ווי קאַ־לאָמבוס — מען זאָל אים ניט שמידן אין קייטן" — האָבן די אַקטיאָרן איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן, אַז איך האָב געזאָגט, מען דאַרף קערענסקין שמידן אין קייטן, און מען האָט מיך פשוט געוואָלט לינטשן...

אונטער דעם דרוק פֿון די אַליאירטע, האָט קערענסקי דעמאָלט געהייסן מאַכן אַ „נאַסטופּלעניע", אַן אָנגריף אויף די דייטשן. מען האָט אָנגעהויבן צו ברענגען פאַרוואונדעטע קיין אָדעס (אָדעס איז דעמאָלט געווען ניט ווייט פון פראָנט), און מען האָט דעם „נאָווי"־טעאַטער, וואו מיר האָבן געשפּילט, געגומען פאַר אַ שפּיטאָל.

אַגב, איז דער ערשטער קרבן געווען אַ יידישער אָפיציר, און יידן אין אָדעס זיינען געווען שטאָלץ מיט אים און זיך שטאַרק באַטייליקט אין זיין לוויה.

די ערשטע „הייסע טעג פֿון דער רעוואָלוציע" זיינען אַוועק און די מלחמה איז ווייטער אָנגעגאַנגען. אַקטיאָרן האָבן באַדאַרפֿט עסן, איז מען געוואָרן פריינטלעכער צו מיר, דעם „בורזשואי"...

איך האָב געוואָלט צוזאַמענשטעלן אַ פּראָווינץ־טרופּע אויף קאָאָפּע־ראַטיווע יסודות, ווייל איך האָב שוין מורא געהאַט פאַר דעם וואָרט „בעל־הבית"... אָבער מיין געשעפֿטס־פֿירער און קלאָרא האָבן מורא געהאַט, אַז די דיסציפּלין, וואָס הערשט שטענדיק אין דער טרופּע, זאָל זיך ניט פֿאַנאַנדערפֿאַלן און די פֿאַרשטעלונגען וועלן דערפֿון ליידן — בין איך ווידער געוואָרן אַ דירעקטאָר, אַן „עקספּלואַטאַטאָר".

אַפֿשר דער ערשטער לעגאַלער שטרייק אין רוסלאַנד

די ערשטע שטאָט פֿון אונדזער אַרויספֿאָר, נאָך דער רעוואָלוציע, איז געווען קיעוו. דאָרט האָט מען ביז דער רעוואָלוציע ניט געשפּילט קיין יידיש טעאַטער (אַחוץ מיט אייניקע אויסנאַמען), ווייל קיעוו איז ניט געווען אַריינגערעכנט אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי".

ווען מיר זיינען געקומען קיין קיעוו, האָט שוין דאָרט געשפּילט אַן אַנדערע יידישע טרופּע. אָבער מיר האָבן אַרויסגעלאָזן אַן אַפֿיש מיט צען

גאַסטראָלן פֿון „דזשייקעלע בלאָפֿער" אין דעם שיינעם, גרויסן „סאַלאָווי־צאָוו"־טעאַטער, וועלכעס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ דריי־בינע.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען שוין פֿאַר די ערשטע פֿאַר פֿאַרשטעלונגען אַלע פּלעצער געווען אויספֿאַרקויפֿט. פֿאַר די אַנדערע פֿאַרשטעלונגען איז מען געשטאַנען אין דער ריי ביי דער קאַסע פֿון טעאַטער, פֿון ניין אַזייגער ביינאַכט ביז צוועלף אין דער פֿרי, צו באַקומען בילעטן. מענטשן האָבן געגעסן און געשלאָפֿן שטייענדיק אין דער ריי.

נחמיה צוקער דערציילט (אין זיין בוך זכרונות פֿון דער אַקטריסע זינאַ ראַפּעל):

„געווען אַ סטודענט, וואָס האָט פֿאַרענדיקט די אָדעסער הויך־שול, ווערעטע האָט ער געהייסן. האָט ער, זעענדיק רחל קאַמינסקי שפּילן, זיך פֿאַרליבט אין יידישן טעאַטער און ער איז געוואָרן אַזאַ הייסער פֿאַרערער פֿון אסתּר רחלען, אַז ער איז מיט איר מיטגעפֿאָרן אויף אירע רייזעס איבער רוסלאַנד און מיט זיין הויכער אינטעליגענץ האָט ער אַ סך בייגעטראָגן פֿאַרן יידישן טעאַטער". וואָרעטע איז אויך געווען פֿאַררעכנט פֿאַרן בעסטן פֿאַרלעזער פֿון שלום־עליכם.

אָט דער וואָרעטע האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די יידישע אַקטיאָרן פֿון רוסלאַנד צו שטרייקן פֿאַר העכערע געהאַלטן און בעסערע באַדינגונגען — און ער האָט אָנגעהויבן פֿון מיר...

אין דעם טאָג פֿון דער פֿאַרשטעלונג לאָזט מען מיר וויסן, אַז די טרופּע וועט ניט גיין שפּילן, ביז מען וועט זיי ניט העכערן די שכירות. אויך די מוזיקער, דער כאָר און דער באַלעט האָבן מיר געלאָזט וויסן דאָס זעלבע. אַרום און אַרום האָט עס אויסגעמאַכט אַ העכערונג אויף די געהאַלטן אַ קימא־לן פֿון צען טויזנט רובל אויפֿן חודש. דער אמת איז, אַז איך האָב גלייך געוואָלט נאָכגעבן זייערע פֿאָדערונגען; די צען טויזנט רובל האָבן זיך ביי מיר דעמאָלט ניט אָנגעזען. די רוסישע וואַלוטע איז געהאַט געפֿאַלן צו פֿינף רובל פֿאַרן דאָלאַר. מיין געשעפֿטס־פֿירער אָבער האָט מיר געראָטן, אַז איך זאָל מיך ניט איילן, ווייל אויב איך וועל גלייך נאָכגעבן זייערע פֿאָדערונגען אָן אַ קאַמף, וועלן זיי מאָרגן שטרייקן פֿאַר מער. זיין עצה איז געווען אַזוי: די ערשטע פֿאַר פֿאַרשטעלונגען זיינען דאָך סיי ווי אויספֿאַרקויפֿט; וועט ער הייסן צומאַכן די קאַסע, ביז האַלב נאָך זיבן; עס וועט הייסן, אַז מען שפּילט ניט, און אַז ביינאַכט וועט מען צוריקגעבן דאָס געלט פֿאַר די בילעטן. און זיבן אַזייגער וועט ער כּלומרשט אונטערהאַנדלען מיט מיר און זאָגן, אַז ער האָט קוים געפּועלט ביי מיר, איך זאָל נאָכגעבן...

און אַזוי איז טאַקע געװען. פּונקט האַלב נאָך זיבן אין אָװנט האָט מען צוריק אויפֿגעעפֿנט די קאַסע.

אין דער אמתן בין איך גאָרנישט געװען אַזאַ „עקספּלואַטאַטאָר". אַקטיאָרן אין פּוילן און אין רוסלאַנד האָבן געשטרעבט אַנצוקומען אין קלאַראַ יאַנגס טרופּע. ערשטנס, האָט עס געהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון אַקטיאָר — מען האָט געשפּילט פֿאַר אַ בעסערן פּובליקום. די פֿאָרשטעלונגען זײנען געװען שענער, „לעגיטימער", קינסטלעריש. צײַטונגען האָבן געשריבן קריטיק װעגן די אַקטיאָרן. צװײטנס, האָב איך זיך געקענט דערלויבן צו צאָלן אַ גרעסערן געהאַלט װי אַנדערע דירעקטאָרן, און איך האָב געצאָלט אויך. אין אײן צײַט זײנען געװען אין דער טרופּע בײַ מיר די בעסטע אַקטיאָרן פֿון רוסלאַנד, צװישן אַנדערע סאַשאַ ראָזענטאַל מיט דער פֿלאַװינאַ און לאַכמאַן מיט מאַד. לאַכמאַן, װעלכע געפֿינען זיך איצט אין בוענאָס־אײרעס.

אָבער רעװאָלוציע איז רעװאָלוציע... איך דענק, אַז דאָס איז געװען דער ערשטער לעגאַלער שטרײק אין רוסלאַנד.

אין פּעטראָגראַד און מאָסקװע

מיר האָבן דעמאָלט גאַסטראָלירט אויך אין מאָסקװע און פּעטראָגראַד. מיטן אָרקעסטער האָט אָנגעפֿירט דער איצטיקער כאָר־דיריגענט פֿון טעמפּל עמנואל אין ניו־יאָרק, הערמאַן זאַליס. שוין אין ניו־יאָרק האָט מיך זאַליס דערמאָנט אַן עפּיזאָד פֿון יענער צײַט, װעלכן איך גיב דאָ איבער װי ער האָט עס דערצײלט:

„בײַ אַ געװיסער פֿאָרשטעלונג אין פּעטראָגראַד קום איך אַרײַן אין אָרקעסטער, און איך באַמערק, אַז דער מוזיקער, װעלכער שפּילט קאָנטראַבאַס, פֿעלט. איך װאַרט עטלעכע מינוט, אָבער ער קומט ניט. עס װערט שפּעט, אַט דאַרף מען שוין אָנהויבן די אָװערטורע, אָבער דער קאָנטראַבאַס איז ניטאָ. איך זע װי די מוזיקער האַלטן אין אײן קוקן אויף דער לאָזשע. איך קוק אויך, און דערקען דעם גרויסן רוסישן מוזיקער גלאַזונאָװ.

איך בין געװאָרן אַ פֿאַרציטערטער װען איך האָב אים דערזען — װי קען מען שפּילן אָן דעם קאָנטראַבאַס, און דערצו נאָך, װען גלאַזונאָװ זיצט אין טעאַטער? איך האָב ניט געװוּסט װאָס צו טאָן. דאָ קומט צו אַ מאַן און פֿרעגט מיך, אויב ער קען שטײן אין אָרקעסטער צװישן די מוזיקער, זען די פֿאָרשטעלונג, מחמת אין טעאַטער איז ניטאָ קײן פּלאַץ, און ער װיל דורכאויס זען קלאַראַ יאַנג. ער זאָגט, אַז ער איז אויך אַ מוזיקער.

אַ געדאַנק איז מיר באַלד אַריין אין קאָפּ: איך דערצייל דעם מאַן וועגן דעם באַסיסט און כ׳פרעג אים, צי ער קען שפּילן אויפן קאָנטראַבאַס. דער מאַן קוקט מיך אָן מיט אַ שמייכל און ענטפערט, אַז ער וועט פּרוּוון... בעט איך אים, ער זאָל אַריינגיין אין אָרקעסטער און האַלטן נאָר דעם אינסטרו־מענט, — זאָל מען כאָטש זען, אַז עס איז דאָ אַ קאָנטראַבאַסיסט אין אָרקעסטער.

„איך האָב באַמערקט, ווי די מוזיקער ווינקען זיך איבער איינער מיטן אַנדערן... דער מאַן האָט גענומען דעם קאָנטראַבאַס אין האַנט, און מיין זייטיקער בליק האָט ניט ווילנדיק געשטערעבט צו כאַפּן אַ קוק אויף אים, ער זאָל כאָטש לייטיש האַלטן דעם קאָנטראַבאַס... מיט שרעק און פאַרצווייפלונג הויב איך אָן צו דיריגירן די אָוועטורע (די אָוועטורע מיינע איז געווען זייער אַ גרויסע און איך האָב זיך געוואָלט אויספּיינען פאַר גלאַזונאָוון), און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דער מאַן, וואָס האַלט דעם קאָנטראַבאַס, שפּילט טאַקע אויף אַן אמתן. מען הערט אים נאָך אַרויס פון גאַנצן אָרקעסטער. וואָס ווייטער איך גיי אָן מיט דער אָוועטורע, אַלץ שע־נערע טענער הער איך פון דעם קאָנטראַבאַסיסט. איך קוק צו די מו־זיקאַנטן מיט פאַרוואונדערונג, און אַלע ענטפערן מיר מיט אַ שמייכל... איך בין זייער צופרידן און שמייכל צוזאַמען מיט די מוזיקאַנטן.

„איך קוק אַרויף אין דער לאָזשע, וואו דער באַרימטער גלאַזונאָוו זיצט, און זע ווי ער שמייכלט אויך, אָבער צו דעם מאַן, וואָס שטייט ביים קאָנטראַבאַס... ערשט ווען איך האָב געענדיקט די אָוועטורע, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דער מאַן, וועמען איך דיריגיר, איז אַ באַרימטער פּראָפעסאָר פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, און טאַקע פון דעם אינסטרומענט — קאָנטראַבאַס...״

ווען מיר האָבן געשפּילט אין פּעטראָגראַד איז געקומען פון מאָסקווע אַ קאָמיטעט פון רוסישע און יידישע פרויען און האָבן איינגעלאַדן קלאַראַ יאַנג מיט דער טרופּע צו קומען קיין מאָסקווע אויף אַ בענעפיט־פאַר־שטעלונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר די מוטערס, וועמענס זין זיינען אויפן שלאַכט־פעלד.

די פאַרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסן טעאַטער)זימינאַ״, וואו שאַליאַפּין פלעגט שפּילן, ווען ער איז געקומען קיין מאָסקווע גאַסט־ראָלירן. מען האָט דעמאָלט אין „זימינאַ״־טעאַטער געשפּילט אָפּערע און די אָפּערע האָט אָפּגעטראָטן דאָס טעאַטער מיטן אָרקעסטער פאַרן בענעפיט. דאָס איז נאַטירלעך געווען אַ גרויסער כבוד פאַר דער יידישער טרופּע. געשפּילט האָט מען מיין פּיעסע „דזשייקעלע בלאָפער״. קלאַראַ אין דער

טיטל־ראָלע האָט פֿאַרטונקלט אַלע אירע ראָלן, וואָס זי האָט ביז דעמאָלט געשפּילט. דער טורנעי אין 1917 איז געווען ממש אַ טריאומף־צוג פֿאַר קלאַראַן מיט דער גאַנצער טרופּע.

מיין דעפּיראָפּונדים — פֿון דער טיפֿסטער טיפֿעניש

צוויי נשמות, געשמידט מיט אַן אייזערנער קייט.
דער האַמער פֿון לעבן
אַ קלאַפּ האָט געגעבן —
צעריסן צוויי הערצער, אויף אייביק צעשיידט.
(פֿון אַ יידיש טעאַטער־ליד)

פֿופֿצן יאָר זיינען אונדזערע לעבנס געווען צוזאַמענגעקנאָטן. פֿופֿצן יאָר האָבן מיר ביידע, קלאַראַ און איך, געקלעטערט באַרג־אַרויף, — איך פֿאַרויס, האַלטנדיק קלאַראַן ביי דער האַנט. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום סאַמע שפּיץ פֿון דערפֿאָלג, איז קלאַראַ געבליבן אויבן, און איך — אונטן...

איך וויים, אַז „סטאַריזם" ברענגט ניט קיין אַבסאָלוט גליק, באַרימט־קייט טראָגט אויך אַ סם פֿון זאָרג, עס ברענגט האַרצווייטאָג, שרעק פֿאַר אַ דורכפֿאַל, — איין פֿאַלשער שריט, און דו פֿאַלסט אַראָפּ מיט אַ קנאַק... און דאָך שטרעבט צו דעם יעדער אַקטיאָר און אַקטריסע.

עס איז געווען אַ ווייטער מהלך פֿון זילפּה אין דער פּיעסע „אַלעק־סאַנדער דער קרוינפּרינץ", אין וועלכער קלאַראַ איז צום ערשטן מאָל אויפֿגעטראָטן אין ניו־יאָרק און איז שטאַרק דורכגעפֿאַלן, ביז דער ראָלע דזשייקעלע פֿון מיין קאָמעדיע „דזשייקעלע בלאָפֿער".

קלאַראַ איז איצט געשטאַנען פֿעסט מיט ביידע פֿיס אויפֿן שפּיץ פֿון דעם געפֿערלעכן באַרג פֿון דערפֿאָלג... און דעמאָלט, אין דעם יאָר פֿון דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווען דער דערפֿאָלג אירער האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, איז אויך פֿאָרגעקומען אַ „רעוואָלוציע" אין מיין אייגן לעבן, און דווקא ניט קיין „בלוטלאָזע", ווי די פֿעברואַר־רעוואָלוציע...

קלאַראַ האָט געהאַט אַלץ, צו וואָס אַן אַקטריסע שטרעבט: באַרימט־קייט, כבוד, געלט, בריליאַנטן, פּאַטריאָטן און פֿאַרערער — אַ גאַנצע אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פּראָסטע אַרבעטער און דינסטמיידלעך, ביז צו דער אינטעליגענץ און מיליאָנערן. און ווי אַ געניטער גענעראַל האָט זי געפֿירט איר אַרמיי פֿון פֿאַרערער. מיט יעדער שטאָט, וואָס זי האָט מיט

שטורעם געגומען, איז איר אַרמיי פֿון פֿאַרערער פֿאַרגרעסערט געוואָרן. זי האָט געטראָגן פֿרייד צו אָרעמע אַרבייטער און אַ פֿאַרלאַנג צו ליבע צווישן מיליאָנערן. ווי איין ליכט קען אָנצינדן טויזנטער, אַזוי האָט קלאַראַ געצונדן טויזנטער הערצער. אָבער ביי מיר איז די ליבע צו קלאַראַן געוואָרן אַלץ שוואַכער... אַט דער איבערגאַנגס־פּראָצעס האָט ביי מיר אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר.

ליבע קען אַ סך אַריבערטראָגן. אָבער ווען מיין ליבע האָט גענומען זיך אָפּקילן, האָט מיין „איך" אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן און איך האָב באַקומען אַ מין „אינפֿיריאָריטי־קאָמפּלעקס", אַ געפֿיל פֿון מינדערווערטיקייט...

ווען מען האָט געפֿרעגט שאָפּענהאָוערן, אויב ער איז דער זון פֿון דער באַרימטער יאָהאַנאַ שאָפּענהאָוער, האָט ער זיך געפֿונען באַליידיקט. טאָ־לאָנטפֿולע קינדער פֿון באַרימטע פֿאָטערס ווערן פֿאַרטונקלט, ווען מען דערמאָנט זיך אין זייערע באַרימטע גרויסע פֿאָטערס. אַלעקסאַנדער סאַל־וויני איז געווען אַ גוטער אַקטיאָר, האָט מען זיך אָבער דערמאָנט אין זיין פֿאָטער, דעם גרויסן איטאַליענישן טראַגיקער טאָמאַסאָ סאַלוויני, האָט מען אַלעקסאַנדערן בטל געמאַכט...

צופֿרידן מיט די עלטערנס באַרימטקייט איז נאָר דאָס קינד, וואָס איז ניט אין די עלטערנס פּראָפֿעסיע. סאַראַ בערנאַרדס זון, מאָריס בערנאַרד, איז געווען דער זון פֿון אַ פּרינץ, וועלכן ער האָט אַפֿילו ניט געקענט. דער פֿאָטער זיינער איז אַוועק פֿון סאַראַן, ווען מאָריס איז געבוירן געוואָרן. מיט יאָרן שפּעטער, ווען סאַראַ בערנאַרדס נאָמען האָט געקלונגען איבער דער וועלט, האָט דער פּרינץ־פֿאָטער געוואָלט אַדאָפּטירן דעם זון און אים געבן אַ טיטל... אָבער מאָריס בערנאַרד (ניט וויסנדיק, אַז דער פּרינץ איז זיין פֿאָטער) האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפֿון. צו זיין אַ זון פֿון סאַראַ בערנאַרד איז מער כבוד ווי אַ זון פֿון אַ פּרינץ, האָט ער געזאָגט...

ווען מיין ליבע צו קלאַראַן איז קעלטער געוואָרן, האָב איך פֿאַרגע־צויגן צו זיין אַליין אַ פּרינץ אויף דער בינע און ניט בלויז קלאַראַ יאַנגס מאַן... אַזוי געדענק איך, אַז בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע שטיי איך אין האָמעל אין גאַס און קוק זיך צו, ווי די באָלשעוויקעס מושטרירן זייערע אַרבעטער־סאָלדאַטן. קומט צו מיר צו אַ מאַן פֿון דער דעמאָלט־דיקער „טשעקאַ" און הייסט מיר גיין מיט אים אין דער פּאָליציי. מען האָט מיך פֿאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש... עס האָט ניט געהאָלפֿן, וואָס איך האָב געזאָגט מיין נאָמען בועז יונגוויץ. ערשט ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין קלאַראַ יאַנגס מאַן, האָט מען מיך באַפֿרייט... אַ מיטאַרבעטער פֿון אַ רוסישער צייטונג אין אָדעס (אַרויסגעגעבן פֿון אַ

געוויסן פֿינקעל) האָט געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן מיר אונטערן קעפּל: „שווער צו זײַן דער מאַן פֿון אַ באַרימטער אַקטריסע". (דער שרײַבער פֿון יענעם אַרטיקל האָט זיך מיט מיר אָפּגערעכנט, ווײַל ווען ער איז געקומען בעטן אַ פֿרײַען בילעט אין טעאַטער, האָב איך אים אַזוי שנעל ניט באַ־מערקט). אָבער ער האָט פֿאַרט רעכט געהאַט. עס איז פֿאַר מיר זייער שווער געווען צו זײַן ניט מער, ווי דער מאַן פֿון אַ באַרימטער אַקטריסע. די אַלע אַרבעטן, וואָס איך האָב געטאָן, — אַליין פֿאַרפֿאַסט די פּיעסע, רעזשיסירט, פֿאַרזאָרגט מיט שטעט צום שפּילן, אָנגעפֿירט מיט אַ טרופּע פֿון 60 ביז 70 מענטשן: אַקטיאָרן, כאָר, מוזיקער, באַלעט — דאָס אַלץ האָט זיך ביים פּובליקום ניט אָנגעזען. קלאַראַ יאַנגס נאָמען האָט אַלץ פֿאַר־טונקלט, מיך האָט מען אַלץ באַטראַכט ניט מער, ווי דער מאַן פֿון קלאַראַ יאַנג. און די אומפֿאַרמײַדלעכע מלחמה צווישן מאַן און פֿרוי — קינסטלער — האָט זיך אָנגעהויבן.

איך בין געווען אָנגעלאָדן מיט דינאַמיט, און דאָס קלענסטע פֿײַערל האָט געקאָנט ברענגען צו אַן עקספּלאָזיע. דאָס מאָל איז עס געווען אַ געוויסער ע... פֿון קיעוו, וועלכן מען האָט געשאַצט אין אַ פֿאַרמעגן פֿון אַריבער צוואַנציק מיליאָן רובל. דער מיליאָנער ע... איז געווען אין די דרײַסיקער, אַ שיינער מאַן, און אַ פֿרוי האָט ער געהאַט נאָך אַ שענערע, אָבער ער איז געווען שטערבלעך פֿאַרליבט אין קלאַראַן. אַ געוויסן אָוונט זאָגט מיר קלאַראַ, אַז דער הער ע... פֿאָרט זיך שטעלן צום פּריזיוו אין אַ שטעטל לעבן קיעוו; אַ סך פֿרײַנט זײַנע פֿאָרן מיט אים און אַז מיר זאָלן אויך מיטפֿאָרן. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

— וועל איך אַליין פֿאָרן, — האָט קלאַראַ אַ זאָג געטאָן און איז אַרויס פֿון שטוב.

איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט ניט פֿאָרן אַליין. אָבער ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָט מיר אונדזער מיידל געזאָגט, אַז מאַדאַם יאַנג איז אַוועקגעפֿאָרן און זי וועט זײַן צוריק ערשט מאָרגן בײַנאַכט.

אָט די טאָט אירע איז געווען דאָס שוועבעלע, וואָס האָט אָנגעצונדן די עקספּלאָזיע — און איך האָב באַשלאָסן אַוועקצוגיין פֿון קלאַראַ יאַנג.

איך בין געווען וואַך די גאַנצע נאַכט. ווי אויף אַ סטענגע פֿון פֿילם איז דורכגעגאַנגען פֿאַר מײַן זכרון אַ צוואַנציק יאָר לעבן: ווי אַזוי איך האָב זיך מיט קלאַראַן באַקענט, ווי אַזוי איך האָב זי פֿריער געהאַסט און דערנאָך געוואָרן שטערבלעך פֿאַרליבט אין איר; ווי אַזוי איך האָב געקעמפּט מיט איר מאַן איבער איר, און ווי אַזוי זי איז אַנטלאָפֿן מיט איר קינד פֿון איר מאַן און איז געקומען צו מיר קיין טאָראָנטאָ... עס האָבן גענומען קלינגען

אין מיינע אויערן איר מאַן הערמאַנס דעמאָלטדיקע רייד: „געדענק מיינע ווערטער, יאַנג, וואָס איך זאָג דיר איצט; דו וועסט זיך אַמאָל שלאָגן חטאתי פֿאַר דער טאַט, וואָס דו ביסט באַגאַנגען". אָבער באַלד האָב איך זיך אויך דערמאָנט, ווי בעת אַ שווערער צייט האָט קלאַראַ צו מיר געזאָגט: „אפֿשר בין איך מיט מיין קינד אַ צו שווערע לאַסט פֿאַר דיר, וועל איך בעסער אַוועקגיין"... און איך האָב איר דעמאָלט געענטפֿערט: „ניין, איך וועל דיך ניט לאָזן אַוועקגיין פֿון מיר, און איך שווער, אַז איך וועל דיך קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן..."

ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ איז יענע נאַכט דורכגעגאַנגען דורך מיינע פֿאַרמאַכטע, וואַכע אויגן דער גאַנצער דאָרנדיקער וועג, ביז איך האָב זי דערפֿירט פֿון איין דערפֿאָלג צום צווייטן, פֿון איין טריאומף צו נאָך אַ גרעסערן.

צוויי קעגנגעזעצטע שטימען האָבן אין מיר מלחמה געהאַלטן יענע שלאָפֿלאָזע, אומפֿאַרגעסלעכע נאַכט:

— וואָס ווילסטו טאָן? — האָט איין שטימע צו מיר געזאָגט — אַוועקגיין פֿון אַ „קלאָנדאַיק", פֿון אַט דעם אוצר, וואָס רופֿט זיך קלאַראַ יאַנג? ווילסטו לאָזן, אַז אַ צווייטער זאָל אַראָפּרייסן די פּירות, וואָס דו האָסט פֿאַרפֿלאַנצט? וויפֿל מאָל האָסטו געזינדיקט קעגן איר, און זי האָט דיר פֿאַרגעבן?... און דאָס, וואָס דו האָסט זי „אַרויסגעבראַכט" פֿאַר דער וועלט ווי אַ קינסטלערין — איז מיט איר טאַלאַנט, וואָלט עס אפֿשר יעדער איינער געוווּן געקענט טאָן...

באַלד אָבער האָט די צווייטע שטימע צו מיר געזאָגט:

— געדענקסטו אויך, וואָס זי האָט דעמאָלט געזאָגט צו דיר, ווען דו האָסט זיך פֿאַר איר מודה געווען אין דעם „זייטן־שפּרונג" דיינעם? „בועז, דו וועסט אַמאָל שטאַרק חרטה האָבן!" איצט נעמט זי נקמה אין דיר... און ווי לאַנג וועט מען דיך רופֿן קלאַראַ יאַנגס מאַן? און דו אַליין ביסט גאָרניט? זי האָט צוגעגנבעט דיין גאַנצן „איך"! דיך געמאַכט פֿאַר איר פֿאַן־טרעגער! פֿאַר אַ פֿאַנטאָפּל! פֿאַר אַ מענטש אָן אַן אייגענעם נאָמען. נעם דו איצט נקמה אָן איר. פֿאַרניכט דאָס שיינע בילד, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן; צעשטער דעם גולם, וואָס האָט דיך שוין באַלד פֿאַרניכטעט; באַווייז איר, אַז זי איז ניט מער ווי אַ מעדיום אין דיינע הענט — אָן דיין כּישוף־שטעקעלע וועט זי זיך ניט קענען באַוועגן.

איך האָב מיך שוין געוואָלט אויפֿהייבן, איינפּאַקן זיך און אַוועקגיין פֿון הויז. האָט ווידער די ערשטע שטימע (ווייסנדיק מיין שוואַכקייט) גענומען איינטענהן מיט מיר: — נו, אייער ביידנס קינד, אייער לוסילע —

וואָס וועט זײַן מיט איר? דאָס האָט מיך צוגעשמידט צום געלעגער, און אַזוי בין איך געבליבן ליגן, ניט קענענדיק קאָנצענטרירן די געדאַנקען.

דאָס מײדל, וואָס האָט מיט אונדז צוזאַמען געוואוינט, בעלאַ, האָבן מיר צוגענומען, ווען מיר האָבן געשפּילט אין אַלעקסאַנדראָווסק, זי זאָל זײַן קלאַראַס סעקרעטאַרקע און זי באַגלייטן, ווי אַ „קאָמפּאַניאָנקע". בעלאַ איז געווען יונג, שײן, אינטעליגענט. ווען זי האָט צומאַרגנס געזען מײַן אויפרעגונג, מײַן נשמה־צערודערטקייט, האָט זי געוואָלט מיך באַרויקן.

— אָבער בעלאַ, — זאָג איך צו איר, — דו ביסט אַ קלוג, אינטעליגענט מײדל; וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען איך פּאַק איצט אײַן מײַנע זאַכן און גײ אַוועק אויף ניט מער צו וואוינען מיט מײַן פרוי.

און בעלאַ האָט מיר געענטפערט, ניט קלערנדיק אַפילו:

— איך וואָלט געטראַכט, אַז איר זײַט אַ מאַן מיט כאַראַקטער.

אָט די פּאָר ווערטער בעלאַס האָבן מיר געגעבן דעם לעצטן שטויס, איך זאָל מיך ניט וואַקלען.

איך האָב זיך גלײַך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן צו מײַן פרוי:

„קלאַראַ (דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל נאָך צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב זי ניט גערופן קלאַרעשי). ווען דו וועסט לייענען די שורות, וועל איך שוין זײַן אויפן וועג קיין אָדעס, וואו אונדזער קינד געפינט זיך. איך גײ איצט אַוועק פון דיר, כּדי מיט דיר מער ניט זײַן צוזאַמען... דאָס געלט, וואָס איך האָב אין דער אָדעסער באַנק, דער פּלאַץ הינטער אָדעס און די רעגירונגס־אַקציעס, וואָס איך האָב געקויפט, וועל איך צעטײלן אויף דרײַ חלקים: פאַר דיר, פאַר מיר און פאַר אונדזער קינד.

„קלאַראַ! אַ טרער איז איצט געפאַלן פון מײַן אויג אויף די ווערטער 'אונדזער קינד'. די טרער איז אַזוי רײן, ווי דער בריליאַנט, וואָס איך האָב דיר געקויפט פאַר צען טויזנט רובל, און די טרער שיק איך דיר איצט אין דעם בריוו. ווען דו וואָלסט געקענט די טרער אין עפּעס אײַנפאַסן, וואָלסטו זי געדאַרפט טראָגן אויף דײַן האַלדז דײַן גאַנץ לעבן לאַנג...

„יאָ, קלאַראַ, דאָס בינע־לעבן באַשטײט פון פרײד און טרויער. אָפט הויבט עס זיך אָן מיט טרויער און ענדיקט זיך מיט פרײד. בײַ מיר האָט עס זיך דערווײַל געענדיקט מיט טרויער. די 'פּראָפעסיאָנעלע כוואַליעס', מיט וועלכע איך האָב דיך אַלץ געשטופּט אַרויף, אַרויף, האָבן מיך אַליין אַפּגעשווענקט... איך גײ איצט אַוועק ווי אַ בעטלער אין פאַרגלײַך מיט דיר; איך לאָז דיך איבער מיט אַ וועלט־נאָמען, כּבוד, בריליאַנטן, געלט, ליבע. ביסט געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַקטריסע. און איך — אַ נאָכ־שלעפּנדיקער עק! — איך האָק אים אָפּ...

„איך וועל מער ניט זוכן צו מאַכן ‚געטער׳ — איך וויל אַליין שטייגן צו אַ גאָט.

„איך האָב מיין ‚איך׳ ווידער געפֿונען. איך בין ערשט 47 יאָר אַלט. און דאָס זיינען די בעסטע, רייפֿסטע יאָרן פֿון אַ מאַן, אַן אַקטיאָר...

„צוואַנציק יאָר ביסטו געווען אין מיין האַרץ — פֿון איצט אָן וועסטו נאָר זיין אין מיין זכרון. מיין ליבע צו דיר וועט בלייבן נאָר פֿון יענע יאָרן, ווען איך בין געגאַנגען פֿאָראויס און דו ביסט מיר נאָכגעגאַנגען; אויך פֿאַר דעם טייערן קינד, וואָס דו האָסט מיר געבוירן... מיט מיין איצ־טיקן אַוועקגיין פֿון דיר גייט אויך אַוועק אַ שטיק פֿון מיין גליקלעך לעבן מיט דיר. מיין האַרץ איז איצט ליידיק און אַזוי וועט עס פֿאַרבלייבן אויף מיין גאַנץ לעבן... און לאַנג וועל איך די ליידיקייט פֿילן...

„איך ווייס, עס וועט מיר זיין שווער דיך מיטאָמאָל אַרויסצורייסן פֿון מיין האַרץ. אָבער איך וועל מיך יעדן טאָג אָוועקשטעלן פֿאַר דיין בילד, קוקן אויף דיר, און אַנשטאָט דיין בילד שוויגנדיק קושן, ווי אַמאָל, וועל איך איצט יעדן טאָג אין דעם בילד אַריינשרייען: ‚איך רייס דיך אַרויס פֿון מיין האַרץ!׳ איך האָף, אַז עס וועט מיר געלינגען.

„אַדיע אויף אייביק!״

אָט דאָס איז געווען דער תּוך, וואָס איך האָב איר דעמאָלט געוואָלט זאָגן, און האָב עס בלויז אָנגעשריבן... עס איז געווען מיין דע־פּראָפֿונ־דיס — דער ממעמקים פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון מיין נשמה.

איך האָב איינגעפּאַקט מיינע פּאַר זאַכן, און דאָס בילד, אויף וועלכן מיר זיינען געווען צוזאַמען פֿאָטאָגראַפֿירט, האָב איך צעשניטן אויף צוויי: „מיין״ העלפֿט מיטגענומען, און „איר״ העלפֿט געלאָזט שטיין אַליין אויפֿן טישל...

קלאַראַ איז דערנאָך געקומען קיין אָדעס צו מיר אין האָטעל — גע־רעדט צו מיר — און ווען איך האָב געפֿילט, אַז איך ווער שוואַך, בין איך אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער. אויך מיין קינד איז געקומען צו מיר און גע־פֿרעגט: „פּאַפּאַ, וואָס וועט זיין מיט מיר?״ די דעמאָלטדיקע טרערן פֿון מיין קינד ברענען מיך נאָך ביז היינטיקן טאָג... אָבער...

דאָס האָט פּאַסירט צווישן אונדז דעם 17טן אויגוסט, 1917. די אָפּעראַציע, וואָס איך האָב דעמאָלט איבער זיך געמאַכט, האָט אינגאַנצן אָפּגעשניטן קלאַראַ יאַנג פֿון מיר. איך האָב געהאַט אַ סך אָפּשניטן אין מיין לעבן, וואָס די צייט האָט מיך געמאַכט פֿאַרגעסן אָן זיי. אָבער דער שניט, וואָס איך האָב געמאַכט מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק, איז

געװען דער טיפּסטער, דער װײטאָגדיקסטער, איך זאָל אים קענען פֿאַר־געסן...

און יעדעס מאָל, װען איך פֿלעג הערן מײן קינד דערמאָנען די פֿרוי, װאָס האָט זי געבוירן, איז עס געװען, װי זי װאָלט מיר געגעבן אַ שמעק צו טאָן פֿון אַ פֿרישער בלום...

איך און קלאַראַ זײנען פֿאַרבליבן איבערגעגעבענע פֿרײנט ביזן הײנ־טיקן טאָג.

דריטער טייל

אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון יידישע אַקטיאָרן אין קיעוו

ווערעטע, וועמען איך האָב שוין דערמאָנט אין איינעם פֿון די פֿריער־דיקע קאַפּיטלעך, האָט אין יענעם יאָר צוזאַמענגערופֿן אַ גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿון יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען אין רוסלאַנד, כדי צו גרינדן אַן אַקטיאָרן־פֿאַראיין — אַ יוניאָן הייסט עס. אַ פּאָר הונדערט אַקטיאָרן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין אויגוסט 1917 אין קיעוו. אויף יענער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג האָט מען גערעדט וועגן דער לאַגע פֿון יידישן אַקטיאָר אין רוסלאַנד ביז דער רעוואָלוציע און די גרויסע פּערספּעקטיוון, וואָס שטייען אים איצט פֿאָר נאָך דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע, און אַז איצט איז געקומען די צייט אַקטיאָרן זאָלן זיך פֿאַראייניקן אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין און קעמפֿן פֿאַר אַ בעסער לעבן.

ווערעטע האָט געזאָגט, אַז אויב די יידישע אַקטיאָרן וועלן זיך ניט פֿאַראייניקן, וועלן זיי אַלע בלייבן לומפּן־פּראָלעטאַריער. די שטימונג, וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט אין יענעם זאַל אין קיעוו, די ברידערלעכקייט, די איבערגעגעבנקייט איינער צום צווייטן, די יום־טובדיקייט, די פֿרייד פֿון די אַקטיאָרן, איז געווען אַזוי גרויס, ווי ביים פֿאָלק די ערשטע טעג פֿון דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע. דער זיידע מענדעלע מוכר ספֿרים האָט דעמאָלט צוגעשיקט פֿון אָדעס אַ באַגריסונג, וואָס מען האָט פֿאָרגעלייענט פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג. און ווען איינער האָט געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג, אַז מען זאָל גרינדן אַ הילפֿס־קאַסע פֿאַר אַקטיאָרן, איז דער ענטוזיאַזם געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אַרונטערגענומען פֿון זיך די גאָלדענע זייגערס, בריליאַנטענע רינגען פֿון די פֿינגער, די אַקטריסעס האָבן אַרונטערגעריסן זייערע אוירינגלעך און זיי געוואָרפֿן צום פֿאָרשלעגער פֿון דער הילפֿס־קאַסע — מען האָט געגעבן צו הונדערטערס, צו צוויי און דריי הונדערט רובל.

די זאַסלאַווסקי (פֿרוי פּישזאָן) האָט דעמאָלט ביי דער פֿאַרזאַמלונג געמאַכט אַ צוואה, אַז אַלע אירע בריליאַנטן זאָלן געהערן צום אַקטיאָרן־פֿאַראיין. עס איז ניט געווען קיין איינער אין זאַל, וואָס האָט ניט בייגעשטייערט צום צוקונפֿטיקן אַקטיאָרן־פֿאַראיין מיט דער הילפֿס־קאַסע.

אָבער מען האָט זיך לאַנג מישב געווען, צי אַ דירעקטאָר־באַלעבאָס איז ראוי עפּעס מנדר צו זיין, ביז עס איז געקומען די ריי אויף מיר: מען וואַרט אויפן רייכן דירעקטאָר בועז יונגוויץ — וויפל וועט ער ביי־שטייערן? — איך זע אַלעמענס בליקן זיינען געווענדט צו מיר... אָבער מיט מיר איז דעמאָלט פּאָרגעקומען, ווי עס גייט דער באַקאַנטער אַנעקדאָט וועגן דעם מאַן אין דער קירכע: וואָס לענגער דער גלח האָט גערעדט, אַלץ ווייניקער האָט ער באַשלאָסן צו געבן פאַר דער קירכע...

אין אָנפאַנג האָב איך אין זינען געהאַט צו געבן גאָר אַ גרויסע סומע, אָבער, אַלס אַן אַלטער יוניאָן־מאַן, ניט קיין „גרינער", ווי יענע אַקטיאָרן זיינען דעמאָלט געווען אין הלכות יוניאָניזם, האָב איך שוין געוואוסט, ווי מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק ביי אַזעלכע געלעגנהייטן. איבערהויפּט האָב איך געוואוסט, אַז דאָס „אָפּקילן זיך" פון אַקטיאָר דויערט ווייניקער ווי דרייסיק טעג... בין איך אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע (דער אַקטיאָר זאַס־לאַווסקי איז געווען פּאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג), און צו זיי געזאָגט:

— חברים, גלויבט מיר, אַז איך בין הונדערט פּראָצענט איינשטימיק מיט דעם, וואָס איר האָט דאָ היינט גערעדט, און איך וועל מיך פילן גליקלעך, ווען איר וועט די אַלע פונקטן רעאַליזירן.

דאָ האָב איך זיי דערציילט וועגן דער אַמעריקאַנער יידישער אַק־טיאָרן־יוניאָן און וועגן דעם קלוב אין ניו יאָרק, וועגן די צילן, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט, און אַז די סומע, וואָס איך וועל היינט געבן צו דער הילפס־קאַסע פון פּאַראיין וועט זיין די ערשטע פון אַ ריי ביי־שטייערונגען, וואָס איך האָף צו געבן.

אַלע אַקטיאָרן זיינען שוין געווען נייגעריק צו וויסן וויפל מיין סומע וועט זיין.

ענדלעך האָב איך געזאָגט:

— איך שרייב אויס דעם ערשטן „טשעק" אויף פינף הונדערט רובל (מען האָט אַפּלאָדירט), און אַ צווייטן „טשעק" אויף טויזנט רובל פאַר דער הילפס־קאַסע (דאָ האָט דער אַפּלאָדז אָנגעהאַלטן אַ צוויי מינוט) — אָבער מיט איין באַדינג: דאָס געלט זאָל מען איינקאַסירן ערשט אין זעקס חדשים אַרום, אויב אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט זייער ענטוזיאַזם אָפּגעקילט...

אַז עס וועט באַלד קומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די פּאָגראָמען, אַז די מאַכט אין קיעוו וועט זיך אַזוי אָפט בייטן, — האָב איך קיין אָנונג ניט געהאַט. איך האָב עס בלויז געזאָגט, ווי אַ דערפאַרענער פון די אַמאַ־ליקע אַמעריקאַנער פאַראיינען און יוניאָנס...

פּעפּי ליטמאַן און אַדעלאַ לערעסקאַ

ווען די אַקטריסעס האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך האָב זיך צעשיידט מיט קלאַראַ יאַנג, האָבן זיי געזוכט מיין פריינטשאַפט. איינע האָט מיר פאָרגעשלאָגן, איך זאָל מיט איר פאָרן קיין פוילן; אַ צווייטע, איך זאָל זי נעמען קיין אַמעריקע; אַ דריטע, אַז זי וויל שפּילן קלאַראַס ראָלן און זי איז זיכער, אַז זי וועט האָבן מער דערפאָלג ווי קלאַראַ. אַ כאָריסטקע איז צו מיר געקומען אין האָטעל, געפאַלן צו די פיס, איך זאָל זי מאַכן פאַר אַ קלאַראַ יאַנג. די כאָריסטקע פלעגט ביי מיר שפּילן קליינע ראָלעכלעך און זי האָט ווירקלעך פאַרמאָגט אַלץ, וואָס אַן אָפּערעטן־אַרטיסטין דאַרף האָבן: אַ שיינע שטים, אַ שיינע פיגור, אַ פּאָר שוואַרצע ציגיינערישע אויגן, האָט אויך געקענט אַביסל טאַנצן — נאָר איין קלייניקייט האָט די נאַטור איר פאַרפעלט צו געבן: — אַ ביסל טאַלאַנט... אויף דער בינע זיינען אַלע אירע מעלות געוואָרן חסרונות: זי האָט אויסגעזען מיאוס, איר שטים האָט טרעמאָלירט (פאַר שרעק), דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן איינגעגראָבן אין האַלדז און אירע ציגיינערישע אויגן, וואָס אין לעבן האָבן זיי געפלאַמט, זיינען אויף דער בינע געווען אויסגעלאָשן, פאַרגליווערט, אָן פייער...

איך האָב זיי אַלעמען געענטפערט, אַז איצט וויל איך אַליין שפּילן טעאַטער, אַליין זיין אַ סטאַר! נאָר פון צוויי אַקטריסעס האָב איך, אַלס מאַן, זיך ניט געקענט באַפרייען, — דאָס זיינען געווען פּעפּי ליטמאַן און אַדעלאַ לערעסקאַ.

פּעפּי ליטמאַן איז געווען אַ קאָרפּולענטע שיינע פרוי מיט אַ פּאָר שיינע אויגן, און אַ שטים האָט זי געהאַט — אַן אויסערגעוויינטלעכן שטאַרקן אַלט. זי פלעגט מערסטנס שפּילן ייִנגלעך. זי האָט שוין געזונגען אַ קופּלעט, און האָט שוין דעמאָלט געזונגען חזנות אויף דער בינע.

מיט יאָרן צוריק האָט אַ געוויסער מ״ר אַגיד, וועלכער האָט געהאַט אַ וואָדעוויל־טעאַטער אויף קלינטאָן סטריט אין ניו־יאָרק, זי געבראַכט קיין אַמעריקע.

פּעפּי ליטמאַן איז צו מיר צוגעשטאַנען מיט אירע פייערדיקע שוואַרצע אויגן און מיט איר הומאָר, וואָס האָט ניט געוואוסט קיין גרענעץ — איך זאָל מיט איר מאַכן אַ טורנעי, וואו זי וועט געבן קאָנצערטן.

מאַדאַם לאַרעסקאַ ווידער איז געווען אַ נאַטירלעך־שיינע בלאָנדינקע. זי האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם געשולטן סאָפּראַן און איז געווען אַן איינ־

טעליגענטע פֿרוי, די טאָכטער פֿון דעם לעמבערגער קאַנטאָר קערנער און די פֿרוי פֿון דעם אינטעליגענטן אַקטיאָר לערעסקאָ.

די שטילע בלאָנדינקע, מאַדאַם לערעסקאָ, האָט מיך אײדל, אינטע־ליגענטיש געבעטן, איך זאָל איר צוזאַמענשטעלן אַ טרופּע און אויפֿפֿירן אײראָפּײאישע אָפּערעטן.

איך בין געשטאַנען ווי אַן אײזל צווישן צוויי בינטלעך שטרוי... האָב איך זײ בײדע צוזאַמענגעפּאָרט און איך בין מיט זײ בײדע געפֿאָרן אויף אַ פּאָר קאָנצערטן. געקלערט האָב איך בײ זיך, — אויף דער רײזע וועל איך זען וועלכעס בינטל שטרוי צו עסן...

אין יענע טעג איז אָדעס און קיעוו בײ מיר געווען ווי אַ קיך מיט אַן אַלקער: אָט בין איך געווען אין אָדעס און אָט בין איך שוין געווען אין קיעוו.

צוריקגעקומען פֿון קאָנצערט־טורנעי, האָב איך צוזאַמען מיט דעם באַוואוסטן אַקטיאָר ליבערט צוזאַמענגעשטעלט אין קיעוו אַ טרופּע, אין וועלכער מיר בײדע זײנען געווען די סטאַרס און אויפֿגעפֿירט גאָרדינס רעפּערטואַר.

אין קיעוו האָב איך בײגעוואוינט אַ פֿאָרשטעלונג, וואָס איז געווען זײער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם „הפֿקר־פּיעטרישקע" פֿון יענער צײט. אַ געוויסער רוסישער דירעקטאָר, קאַמינסקי, האָט געשטעלט אַ פּיעסע (פֿון וועלכער ער איז אויך געווען דער פֿאַרפֿאַסער), וואָס אַגיטירט די „אינדי־ווידואַליטעט פֿון דעם מענטשן".

די העלדין פֿון דער פּיעסע, גײט אין וואַלד מיט עטלעכע מענער. בײ אַ געוויסער סצענע זאָגט זי: „קײנער קען מיר ניט זאָגן, ווי אַזוי איך זאָל גײן אָנגעטאָן. און ווען איך וויל גײן אינגאַנצן נאַקעט, קען מיר אויך קײנער ניט פֿאַרווערן". בײ די ווערטער וואַרפֿט זי פֿון זיך אַראָפּ די לײכטע קלײדער, וואָס זי טראָגט אויף זיך און בלײבט שטײן אויף דער בינע מוטער־נאַקעט.

די ערשטע נאַכט פֿון דער פֿאָרשטעלונג איז דאָס פּובליקום געוואָרן פֿאַרגאַפֿט פֿון דער סצענע, אָבער מען האָט זיך געהאַלטן רואיק. אויף צו־מאָרגנס איז שוין יעדער אײנער געקומען מיט אַ לאָרנעטע און אָפּערע־קלעזער, און אויף דער דריטער נאַכט האָט דער עולם אָנגעהויבן אַזוי צו קוויטשען, פֿײפֿן און ליאַרעמען מיט פֿאַרשײדענע וואולגאַרע אויסדרוקן, אַז די פּאָליצײ איז געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן די פֿאָרשטעלונג.

אונטער פֿאַרשײדענע קעגנערישע פֿײַערן

די דירעקציע מיט ליבערטן האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן און איך האָב אימפּאָרטירט פֿון רומעניע אַ געװיסע אַפּערעטן־אַקטריסע, פֿלאָריקאַ פֿלאָרעסקאַ צו שפּילן קלאַראַס רעפּערטואַר. קלאַראַ האָט די גאַנצע צײַט ניט געשפּילט... מיט קלאַראַן און מיט מיר איז פֿאָרגעקומען דאָס זעלבע, װאָס מיט יענעם זשאָנגלער: צװאַנציק יאָר האָט ער געװאָרפֿן די מעסערס אַרום זײַן פֿרױס קאָפּ און קײנמאָל זי ניט געשעדיקט — די שאַרפֿע מע־סערס אַרום איר קאָפּ זײַנען געבליבן שטעקן אין דער װאַנט. פּלוצלינג איז דער זשאָנגלער געװאָרן אײַפֿערזיכטיק אױף איר און געװאָלט נקמה נעמען: — װען איך װעל װאַרפֿן די מעסערס אַרום איר, — האָט ער גע־טראַכט, — װעל איך אײן מעסער װאַרפֿן אין איר האַרץ און זי טױטן. אָבער די געװאױנהײט, װאָס ער האָט באַקומען דורך די אַלע צװאַנציק יאָר זי ניט צו טרעפֿן, האָט גובר געװען, און זײַן פֿרױ איז תּמיד אַרױס אומבאַשעדיקט. די פֿלאָרעסקאַ איז אױפֿגעטראָטן אין קיעװ אין אײניקע פֿון קלאַראַ יאַנגס ראָלן, און קלאַראַ איז תּמיד אַרױס אומבאַשעדיקט... פֿרײַנט אונדזערע און אירע פֿאַרערער, װעלכע האָבן זי געװאָלט װידער זען אױף דער בינע, האָבן מיר געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן זיך װידער פֿאַראײניקן. איך האָב אײַנגעשטימט, אָבער איך בין בלױז געװאָרן אַ שותּף צום געשעפֿט.

איך האָב צונױפֿגעשטעלט אַ טרופּע און װידער אָנגעהױבן פֿאָרן שפּילן ײדיש טעאַטער מיט קלאַראַ יאַנג אין די גרױסע שטעט פֿון באַפֿרײַטן רוסלאַנד.

בעת עס האָט אױסגעבראָכן די רעװאָלוציע אין דײַטשלאַנד און מען האָט אָנגעהױבן אַנטװאַפֿנען אין אוקראַינע די דײַטשן, האָב איך זיך גע־פֿונען אין יעקאַטערינאָסלאַװ. אױף די באַנען האָבן שױן פּעטלוראָװצעס אָנגעהױבן אַרױסװאַרפֿן ײדן דורך די פֿענצטער פֿון די װאַגאָנען, און מיר זײַנען אָפּגעקומען דערמיט, װאָס מען האָט בײַ אונדז אַרױסגעגנבעט פֿון דעם װאַגאָן 20 גרױסע קאַסטנס.

די פּעטלוראָװצעס, ניט מער װי 500 אין צאָל, זײַנען געװאָרן די גאַנצע בעלי־בתּים פֿון שטאָט.

צװײ טעג שפּעטער הערן מיר, אַז אַ געװיסער מאַכנאָ, אָדער װי זײ האָבן אים גערופֿן „באַטקאָ מאַכנאָ", װיל זיך אַרײַנרײַסן אין שטאָט מיט זײַן באַנדע. מען האָט געזאָגט, אַז די אַרבעטער פֿון אַרום יעקאַטערינאָסלאַװ זײַנען צוגעשטאַנען צו אים.

באַטקאָ מאַכנאָ איז געווען אַ דאָרפֿס־לערער, אַן אַנאַרכיסט. אַ קליין, דאַר מענטשל, געטראָגן ברילן און געוואַגט זייער פֿיל. אין זיין באַנדע, וועלכע איז שוין דעמאָלט באַשטאַנען פֿון 5,000 מאַן, האָבן זיך געפֿונען זייער פֿיל קינדער, אַ טייל פֿון 13־14 יאָר אַלט, אויך האַלב־אינטעליגענטע נאַאיווע מענטשן, וועלכע האָבן געמיינט גאַנץ ערנסט דורך באַטקאָ מאַכנאָן צו פֿאַרבעסערן די וועלט...

די מערסטע אָבער זיינען באַשטאַנען פֿון פּשוטע באַנדיטן, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו אים מיט דעם איינציקן צוועק צו קאָנען ראַבעווען. פֿון יידן זיינען דאָרט געווען בלויז אַ פּאָר אינטעליגענטן.

איך האָב געהערט, פֿון אַ מאַכנאָוועץ, אַ ייִנגל, ווען ער איז אַרייַנגעקומען צו אַ שוסטער (איך האָב דאָרטן גענעכטיקט, כּדי מען זאָל מיך ניט האַלטן פֿאַר אַ בורזשואי), ווי ער האָט אויסגעשריגן אין אַן ערנסטן טאָן: „מיר וועלן קעמפֿן אַזוי לאַנג, ביז אַלעמען וועט זיין גוט!" אַ ציטער איז דורכגעלאָפֿן מיין גאַנצן קערפּער. איך האָב געקוקט אויף דעם נאַאיוון ייִנגל און געטראַכט: אַ שאָד, וואָס אַזאַ לעבן וועט באַלד גיין פֿאַרלוירן...

פֿינף טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיך די פֿינף הונדערט פּעטליוראָווצעס געשלאָגן מיט מאַכנאָס באַנדעס אין די גאַסן פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו. אויפֿן זעקסטן טאָג זיינען די פּעטליוראָווצעס אָפּגעטראָטן הינטער דער שטאָט. מאַכנאָ האָט געלאָזט אויסקלעפּן פּלאַקאַטן, אין וועלכע ער האָט געסטראַשעט צו באַשטראָפֿן מיט טויט יעדן, וואָס וועט וואַגן צו ראַבעווען.

דורך דער צייט פֿון די שלאַכטן זיינען 14 מאַגאַזינען פֿאַרברענט געוואָרן, פֿיל הייזער זיינען צעשטערט געוואָרן און צוויי אָנגעזעענע יידישע באַלעבאַטים זיינען דערשאָסן געוואָרן פֿון די מאַכנאָווצעס. איך האָב זיי נאָך געפֿונען ליגנדיק צווישן די פֿיל טויטע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דעם פּראָספּעקט.

די אַנאַרכיסטן און אַ טייל פֿון די באָלשעוויקעס זיינען צוגעשטאַנען צו מאַכנאָן און מאַכנאָ האָט באַשטימט קאָמיסאַרן פֿון זיי. מאַכנאָס אַנאַרכיזם האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע זעקס שטונדן. אין דער צייט האָט ער באַזוכט די טורמע, האָט יעדן אויסגעפֿרעגט. די פּאָליטישע האָט ער באַפֿרייט, און ווער עס איז אים ניט געפֿעלן, דעם האָט ער אַליין דערשאָסן. קיין פּאָגראָמען האָט ער ניט געמאַכט.

דעם האָטעל בריסטאָל האָט ער אַוועקגעשאָנקען צו די קעלנערס פֿון דעם האָטעל, און באַשטעלט מיטאָג פֿאַר זיין שטאַב אויף 2 אַזייגער. אַרום 1 אָבער האָבן די פּעטליוראָווצעס געקראָגן פֿאַרשטאַרקונג, און די מאַכ־

נאָווצעס האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן אין אומאָרדענונג. שרעקלעך איז דער־מאָלט געווען די לאַגע פֿון די מאַכנאָווצעס. די פּעטלוראָווצעס זיינען אָנגעקומען אומגעריכט און האָבן פֿאַרכאַפּט די באַן. די מאַכנאָווצעס האָבן געמוזט אָפּטרעטן מיטן דניעפּער. הונדערטער פֿון זיי האָבן אַוועקגעוואָרפֿן די ביקסן, זיך אַריינגעזעצט אין שיפֿלעך, כּדי זיך אַריבערצושיפֿן. די פּעטלוראָווצעס האָבן אָבער גענומען שיסן אין זיי מיט פּולעמיאָטן, און די מערסטע פֿון זיי זיינען אַריינגעפֿאַלן אין דניעפּער. מאַכנאָ אַליין איז געלונגען צו אַנטלויפֿן אויף זיין פֿערד מיט דער באַן־ליניע.

עס זיינען אַריבער אַ פּאָר טעג. די שטאָט האָט זיך אַביסל באַרואיקט, און מיר האָבן אָנגעהויבן געבן אונדזערע פֿאָרשטעלונגען. דער אַדיוטאַנט פֿון דעם יעקאַטערינאָסלאַווער קאָמענדאַנט, אַן אינטעליגענטער אוקראַיִנישער אָפֿיציר, איז געוואָרן אַן אָפֿטער באַזוכער פֿון יידישן טעאַטער און אַ גאַנצער גוט־ברודער מיט די אַקטיאָרן. צו דער פֿינפֿטער פֿאָרשטעלונג שיקט ער מיך רופֿן און זאָגט צו מיר: „דו זאָלסט וויסן, אַז די אַרמיי גרייט זיך צו מאַכן אַ פּאָגראָם. מיר האָבן זיי איינגעהאַלטן ביז איצט, ווייטער איז שוין אוממעגלעך. איך ראַט דיר, דו זאָלסט מאָרגן פֿרי אַוועקפֿאָרן. איך וועל פֿאַר דיר שאַפֿן אַ וואַגאָן קיין קיעוו".

איך האָב אים זייער שיין באַדאַנקט, און טאַקע געפֿאָלגט אויך. קלאַראַ איז דערוויל אַרומגעלאָפֿן צווישן די רייכע יידן אין יעקאַטערינאָסלאַוו און זיי דאָס דערציילט. זיי האָבן צונויפֿגענומען אַ היפּשע סומע געלט און געגעבן דעם קאָמענדאַנט. אַזוי האָט מען די יידן אָפּגעראַטעוועט פֿון אַ פּאָגראָם.

ווען מיר זיינען געווען אַ שעה רייזע פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך געהערט, אַז די באָלשעוויקעס באָמבאַרדירן שוין די שטאָט און די פּעטלוראָווצעס טרעטן אָפּ.

דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1918.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפֿן קיעווער וואָקזאַל, זיינען שוין די אוקראַיִנישע באַן־באַאַמטע אַרומגעלאָפֿן אומרואיק. איין עקסטרע צוג איז שוין געשטאַנען גרייט פֿאַר די מיניסטאָרן צו מאַכן פּליטה. איך האָב געבעטן אַ וואַגאָן קיין אָדעס, אָבער מען האָט שוין אַפֿילו קיין בילעט ניט געקענט באַקומען. צומאָרגנס איז שוין די פּאָליציי אין קיעוו ניט געווען. עס זיינען בלויז איבערגעבליבן געוויסע טיילן פֿון מיליטער, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע מאַגאַזינען און קלייטן און גענומען וואָס זייער האַרץ האָט באַגערט, באַצאָלנדיק מיטן באַקאַנטן רוסישן „מי שברך".

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען שוין די רעשטלעך מיליטער אויך פאַר־שוואונדן, און די קיעווער אַרבעטער זיינען אַנטקעגנגעגאַנגען דער נייער מאַכט, די באָלשעוויקעס פון מאָסקווע, מיט געזאַנג אין מויל און מיט ביקסן אין די הענט.

יידיש טעאַטער אונטער די באָלשעוויקעס

די האָניג־חדשים פון די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געמאַכט אויסגעצייכנטע געשעפטן אין טעאַטער אַ דאַנק דער פעברואַר־רעוואָלו־ציע, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" מיט די באַקאַנטע צווייִ רוסישע ווערטער „קראַמע יעוורעיעוו", זיינען אַוועק. אין די אוק־ראַאינישע שטעט האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען און אַקטיאָרן פון דער פּראָווינץ זיינען אַריינגעקומען קיין קיעוו — אפשר וועלן זיי דאָ זיין זיכער מיטן לעבן. אַ סך זיינען אַוועק קיין פּוילן. קלאַראַ איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון קיעוו, איך האָב ניט געוואוסט וואוהין...

דעם אמת זאָגנדיק, בין איך געווען אַביסל צופרידן וואָס איך בין ניט אַוועקגעפאָרן פון קיעוו און האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט די אמתע באָלשעוויקעס פון מאָסקווע. דאָס זיינען ניט אוקראַאינישע באָלשעוויקעס, — האָט מען מיט רעכט געטענהט — ביי זיי הערשט דיסצי־פּלין. אַ גנב ווערט דערשאָסן אויפן אָרט. אפילו די בורזשואַזיע איז געווען נייגעריק זיי צו זען. מען האָט גערעדט וועגן די מאָסקווער באָלשעוויקעס ניט ווי וועגן אַן אַרמיי, וואָס קומט פון זעלבן רוסלאַנד, וואו מיר געפינען זיך, נאָר ווי עפּעס וועגן אַן אַרמיי פון שטערן מאַרס.

די באָלשעוויסטישע אַרמיי, וואָס איז אַריינגעקומען קיין קיעוו, איז באַשטאַנען פון מוטיקע יונגעלייט מיט אינטעליגענטע פּנימער, מער באַ־וואוסטזיניק ווי די אַדעסער מאַטראָזן — אָבער אָרעם, אויסגעהונגערט, אויף צעבראָכענע שליטלעך מיט דאַרע אויסגעהונגערטע פערדלעך און זייער אָרים געקליידט. כ'האָב זיך אַליין געפרעגט: זאָל עס מעגלעך זיין, אַז די אויסגעהונגערטע, שוואַכע אַרמיי זאָל האָבן באַזיגט די הויכע, שטאַרקע, אויסגעפּאַשעטע, געזונטע פּעטליוראַוּצעס, וואָס איך האָב געזען אין קיעוו?

נאָר מענטשן, וועלכע קעמפן פאַר אַן אידייע, קאָנען באַווייזן אַזעלכע וואונדער...

ווען די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט זיך איינגעאָרדנט אין קיעוו,

האָבן די מערסטע פֿון די אַקטיאָרן אָנגעהויבן צו שפּילן ביליקן וואָדעוויל. אַ טעאַטער, וואו אויפֿצופֿירן אַ גאַנצע פּיעסע, האָט מען ניט געקאָנט באַקומען. און מיר, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר בעסערע שוישפּילער און געשטרעבט צו אַ בעסערער יידישער בינע, האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז מיט דער נייער מאַכט וועט זיך אָנהויבן אַ נייע עפּאָכע פֿאַרן יידישן אַקטיאָר און פֿאַר דער יידישער בינע. מיר האָבן צוזאַמענגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון שוישפּילער אין קיעוו און זיי דערקלערט, אַז עס איז געקומען די צייט, ווען מען קען אויפֿפֿירן פּיעסן פֿון אַ מער ליטעראַרישן ווערט, וואָס זאָלן אונדזער קינסטלערישע נשמה אויך אַביסל באַפֿרידיקן. מיר האָבן אויפֿגעפֿאָדערט די, וואָס זיינען איינשטימיק מיט אונדז, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין אונדזער געזעלשאַפֿט און פֿאַרבלייבן אין זאַל. אַלע שוישפּילער האָבן זיך רעגיסטרירט. אָבער נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז אין אָנהויב וועלן מיר מוזן אַביסל צוהונגערן און מיר וויסן ניט וואָס דער עקספּערימענט וועט ברענגען, האָבן זיך כמעט אַלע אָפּגעזאָגט. געבליבן זיינען מיר בלויז פֿיר פּערזאָן — ליבערט, פֿייל, בוימוואָל און איך. די מערסטע זיינען אַוועק אויפֿן פּאָדאָל (אַ געגנט אַרונטער פֿון קרישטשאַטיק, וואָס ליגט ביים ברעג פֿון דניעפּער און וואו אַ סך יידן האָבן געוואוינט) און האָבן אָנגעהויבן שפּילן ביליק טעאַטער. ווען איך האָב ביי זיי געזען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דער פּיעסע „קאַפּיטאַן דרייפֿוס“, איז דער אַקטיאָר, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פֿון פּראָקוראָר ביים דרייפֿוס־משפּט, געווען אַזוי שיכור, אַז אינמיטן פֿון דער אָנקלאַגע האָט ער אַ געשריי געטאָן: „בייך, איך בין אַליין אַ ייד! אַ ייד! איך קען אַזוינס ניט רעדן אויף יידן!“ דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן און מען איז אַרויס צום פּובליקום, פֿאַרענטפֿערט דעם אַקטיאָר, און ווען דער פֿאָרהאַנג איז צוריק אַרויף, האָט שוין אַ צווייטער אַקטיאָר געשפּילט די ראָלע פֿון דעם פּראָקוראָר.

מיר, די פֿיר אַקטיאָרן, האָבן זיך געווענדט צו דער „קולטור־ליגע“ פֿון קיעוו און מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז דער טעאַטער, וואָס מיר האָבן בדעה צו גרינדן, וועט האָבן צו טאָן מיט יידישער קולטור, און מיר בעטן אַז די קולטור־ליגע זאָל אונדז אויסבאָרגן טויזנט רובל, כּדי מיר זאָלן קאָנען ברענגען עטלעכע שוישפּילער פֿון כאַרקאָוו און אַנדערע שטעט.

זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט ביַיהילפֿיק צו זיין מיט אַלץ, נאָר די טויזנט רובל אונדז צו געבן האָבן זיי ניט געהאַט. האָבן מיר זיך אַליין צוזאַמענגעלייגט צו הונדערטער (איך האָב דעמאָלט געגעבן אַ פּאָר הונדערט רובל)

און מיר האָבן געשיקט קיין כאַרקאָוו נאָך עטלעכע אַקטיאָרן, צווישן זיי מנחם רובין, פֿרידמאַן, עפּשטיין א״אַנד.

בוימוואָל האָט געהאַט געגרינדעט אין כאַרקאָוו אַ קינסטלערישע וואָ־דעוויל־טרופּע און איר אַ נאָמען געגעבן „אונדזער ווינקל״ (דער נאָמען, דענק איך, שטאַמט פֿון וואַרשעווער „היינט״, אין וועלכן י. ל. פּרץ פֿלעגט שרייבן אונטערן קעפּל „מיין ווינקעלע״).

ווען די טרופּע איז שוין געווען צוזאַמענגעשטעלט, האָבן מיר אָנ־געהויבן טראַכטן וועגן אַ טעאַטער. דער פֿאָרזיצער פֿון קיעווער סאָוועט איז דעמאָלט געווען אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע, און חבר חפֿץ, דער פֿי־רער פֿון דעם לינקן פֿליגל פֿון „בונד״, וועלכער איז געווען דער ער־שטער אַריבערצוגיין צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז געווען דער פֿאַרוואַלטער איבער דער קולטור־טעטיקייט. מיר האָבן זיך געווענדט צו אים מיט אַ ביטע, אָדער בעסער געזאָגט מיט אַ פֿאָדערונג — אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין יידיש טעאַטער אין קיעוו, און איצט האָט זיך געגרינדעט אַ טרופּע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אויפֿצופֿירן בעסערע פּיעסן, זאָל ער זען צו קריגן פֿאַר אונדז אַ טעאַטער. מיר האָבן גערעכנט, אַז מיר וועלן זיך אָנשלאָגן אָן שוועריקייטן, ווייל אַלע טעאַטערס אין קיעוו, זיינען געווען פֿאַרנומען פֿון רוסישע טרופּעס. אָבער חבר חפֿץ האָט אונדז געענטפֿערט פּערזענלעך:

— חברים, איר זייט פֿולשטענדיק גערעכט מיט אייער פֿאָדערונג. אַיין יידיש טעאַטער דאַרף עקזיסטירן אין קיעוו. ווייזט מיר אָן, וועלכעס טע־אַטער עס איז פּאַסיק פֿאַר אייך, וועל איך אייך אַרויסגעבן אַ מאַנדאַט, אַז איר זאָלט אים רעקוויזירן.

מיר האָבן געהאַט אָן אויג אויפֿן „אינטימני טעאַטער״, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן קרעסטשאַטיק, די הויפּט־גאַס פֿון קיעוו, און מיר האָבן עס אים טאַקע גלייך געזאָגט. אָבער דאָרט האָט דעמאָלט געשפּילט אַ רוסישער „מיניאַטור־טעאַטער״.

— מיר דאַרפֿן ניט קיין ביליקן וואָדעוויל מיט ציינישע לידלעך! — האָט חפֿץ דערקלערט און זיך געווענדט צום סעקרעטאַר, ער זאָל פֿאַרטיק מאַכן אַ מאַנדאַט, אין וועלכן עס ווערט אונדז געגעבן דאָס רעכט צו רעקווירירן דאָס טעאַטער.

ווען אונדזער קאָמיטעט איז געקומען איבערנעמען דאָס טעאַטער, האָבן די רוסישע וואָדעוויל־אַקטיאָרן פּראָטעסטירט, אָבער עס האָט זיי ניט

געהאָלפֿן. מיר זײַנען געוואָרן די באַלעבאַטים אַן אַ גראָשן געלט. דעם „אינטימני"־טעאַטער האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „אונדזער ווינקל".

מיר ווערן „מלוכה־אַקטיאָרן" *

איצט האָט זיך אָנגעהויבן די שווערקייט וועגן אַ פּיעסע — וואָס פֿאַר אַ פּיעסע זאָל מען אויפֿפֿירן?...

מיר האָבן באַדאַרפֿט צופֿרידנשטעלן די קולטור־ליגע, די ליטעראַטן, די אינטעליגענץ, אָבער מיר האָבן ניט געטאָרט פֿאַרגעסן אין אונדזער פּובליקום פֿון „כינקע־פּינקע". מיר האָבן דאָך געשפּילט אויף אונדזער אײגענער רעכענונג!... דאָס טעאַטער האָט אונדז טאַקע ניט געקאָסט קײן גראָשן, מיר האָבן דאָך אָבער באַדאַרפֿט פֿאַרדינען אויף עסן...

די חברים האָבן פֿאָרגעלײגט פֿאַרשײדענע פּיעסן און קײן אײנע פֿון זײ איז ניט אָנגענומען געוואָרן אײנשטימיק. פֿאַר אונדז האָט דעמאָלט אַ פּיעסע באַדײט אַלץ. מיר זײַנען געווען אין אַ קריטישער לאַגע, פֿאַר־צווײפֿלט... מיטאַמאָל האָט דער אַקטיאָר פֿײַל אויסגעשריגן:

— חברים! איך האָב אַ פּיעסע, וואָס וועט צופֿרידנשטעלן אַלעמען, און דאָס פּובליקום וועט זיך גוט אַמוזירן. מיר האָבן די פּיעסע מיט עטלעכע יאָר צוריק געשפּילט אין ווילנע, אונטער דעם אויטאָרס לײטונג, און עס האָט זײער אויסגענומען. איך שלאָג פֿאָר, אַז חבר בועז יאַנג זאָל איבער־נאַכט איבערלײענען די פּיעסע און מאָרגן זאָגן זײַן מײנונג. איך וועל אָבער אַרויסרײַסן דאָס „שער־בלאַט", כּדי ער זאָל ניט באַאײַנפֿלוסט ווערן פֿון זכות פֿון מחבר.

דער פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. ווען איך האָב איבערגעלײענט די ערשטע צוויי אַקטן, האָב איך שוין געזען, אַז חבר פֿײַל האָט געטראָפֿן, און ווען איך האָב געענדיקט לײענען די פּיעסע, האָב איך צו זיך געזאָגט — כּן ירבו בטעאַטער — הלוואַי וואָלט געווען אַ טוץ אַזעלכע פּיעסן...

---

* איבער דרײַ צענדליק יאָר האָב איך שטאָלצירט מיט דעם, וואָס איך בין געווען אײנער פֿון די ערשטע ייִדישע מלוכה־אַקטיאָרן אין דער וועלט. מאַכט מיך איצט משה כּץ אויפֿמערקזאַם, אַז „אונדזער ווינקל" אין קיעוו איז געשטאַנען אונטער דער יוריסדיקציע פֿון דער „קולטור־ליגע", וועלכע האָט בלויז געצאָלט גאַזשע די אַקטיאָרן (מיט די געלטער, פֿאַרשטײט זיך, וואָס זי האָט געקראָגן, ווי אַ סובסידיע פֿון דער מלוכה). אָבער אַ געזעלשאַפֿטלעך טעאַטער איז עס געווען? בין איך שטאָלץ צו זײַן אפֿשר אײנער פֿון די ערשטע ייִדישע אַקטיאָרן פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעך־ייִדישן טעאַטער.

איך האָב מיך קוים דערוואָרט אויפֿן פֿרימאָרגן, איך זאָל זיך שוין דערוויסן דעם נאָמען פֿון מחבר, און צי ער איז כשר געגנוג פֿאַר דער ליגע און פֿאַר דער מאַכט. און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען חבר פֿייל האָט אַנאָנסירט, אַז די פּיעסע רופֿט זיך „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל”, און דעם מחברס נאָמען איז פּרץ הירשביין.

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, ווי צוריק מיט יאָרן האָט הירשביין פֿאַרמאַכט דעם זעלביקן טעקסט און געזאָגט צו קעסלערן און צו מיר: „איך זע, אַז עס אינטערעסירט אייך ניט; אפֿשר וועט עס אייך אַמאָל יאָ אינטערעסירן”...

פֿאַרשטייט זיך, אַז פּרץ הירשביין איז געווען כשר לכל הדעות.

איצט איז געוואָרן אַ פֿראַגע, — ווער זאָל נעמען אויף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער אויפֿפֿירונג פֿון דער פּיעסע.

אונדזער רעזשיסער, בוימוואָל, האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפֿצופֿירן „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל” (איך קען מיך ניט דערמאָנען, וואָס די אורזאַך איז דעמאָלט געווען). קיין אַנדערער רעזשיסער איז ניט געווען, און דער גורל איז געפֿאַלן אויף מיר. איך האָב איינגעשטימט, אָבער מיט באַדינגונגען: אַז איך אַליין זאָל ניט שפּילן און עס זאָל ניט זיין אַנאָנסירט, אַז איך פֿיר־אויף די פּיעסע. איך האָב פּשוט מורא געהאַט, טאָמער פֿאַלט „אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל” דורך (מען קען דאָך קיינמאָל ניט זיכער זיין מיט אַ פּיעסע...), זאָל די „מאַכט” מיך ניט האַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעך...

מיר האָבן געמאַכט נייע דעקאָראַציעס (פֿאַר אונדזער אייגן געלט), זיך גענומען פֿלייסיק און מיט חשק צו די פּראָבן און מיט אומגעדולד געוואָרט אויף דער ערשטער פֿאַרשטעלונג — וועט די פּיעסע, די אויפֿפֿירונג און דאָס שפּילן געפֿעלן ווערן? וועט די מאַכט זיין צופֿרידן? וועט עס געפֿעלן ווערן די ליטעראַטן? וואָס וועט זאָגן די קריטיק?...

נאָר אָט איז שוין די פּרעמיערע, — דער עולם אין טעאַטער זיצט פֿאַרכאַפּט. אַקטיאָרן באַמערקן דאָס פֿון דער בינע. מיר פֿילן, אַז דאָס פּובליקום שפּילט מיט אונדז מיט, איז זייער פֿאַראינטערעסירט — און צו אונדזער גרויסער צופֿרידנקייט האָבן דאָס אַלע באַגריסט ווי אַן אָנפֿאַנג פֿון אַ נייער שטרעבונג צו שאַפֿן אַ בעסערע בינע.

משה כּץ, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער „נייער צייט” אין קיעוו, האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופֿן אויף אונדזער שפּילן, האָט אונדז דערמוטיקט, און פֿלעגט קומען האַלטן שמועסן מיט אונדז וועגן טעאַטער.

נאָך דעם „פאַרוואָרפן ווינקל" האָבן מיר אויפגעפירט קאָברינס „יאַנקל בוילע". און ווען עס איז אַרויס אַ דעקרעט צו נאַציאָנאַליזירן געוויסע טעאַטערס אין קיעוו, איז „אונדזער ווינקל" געווען אויפן ליסט... די שכי־רות אין אַלע טעאַטערס זיינען געווען גלייך (די גרעסטע אַקטיאָרן פון דער אַפּערע האָבן ניט געקראָגן מער געלט, ווי די גרעסטע אַקטיאָרן פון „אונדזער ווינקל"), איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: דער ערשטער קלאַס־אַקטיאָר — דריי טויזנט רובל אַ חודש; אַ צווייטער קלאַס־אַקטיאָר פינף און צוואַנציק הונדערט רובל, און אַ דריטער קלאַס־אַקטיאָר — פופצן הונדערט רובל אַ חודש. עס האָט זיך דעמאָלט גאַנץ נישקשהדיק געלעבט. הייגט, ווי שטאָלץ זיינען מיר געווען, וואָס מיר זיינען געזעל־שאַפטלעכע אַקטיאָרן מיט באַזונדערע פּריווילעגיעס...

די זעלבע יידישע קולטור־ליגע האָט — מיט דעם געלט פון דער סובסידיע, וואָס די מאַכט האָט איר געגעבן — געגרינדעט אַ טעאַטער־סטודיע, וואו מען האָט צוגעגרייט אַקטיאָרן פאַר אַ נייעם יידישן טעאַטער. מען האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ קאָנקורס פאַר אַ נייער פּיעסע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר דער נייער גענעראַציע... עס איז מיר געווען אַן אמתע פרייד צוצוזען, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער יידישער טעאַטער־סטודיע, ווי מען האָט געלערנט מיט אַ 25 יידישע מיידלעך און בחורים צו מאַכן אָטעם־איבונגען אונטער מוזיק, געלערנט זיי דיקציע און געהאַלטן פאַר זיי לעקציעס איבער דער נייער יידישער ליטעראַטור. איך האָב דע־מאָלט צו זיך געזאָגט: איר, פּיאָנערן, פון דער נייער יידישער בינע, אייערע שטימען וועלן אַזוי געשווינד ניט פאַרלוירן גיין, אייער יידיש וועט ניט זיין קיין דור־הפלגה־שפּראַך און אונדזערע אַלטע קלאַסיקער מיט דער נייער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור וועלן אייך ניט פרעמד זיין; איר וועט קומען צום נייעם טעאַטער מיט אַ רייכן באַגאַזש, פיל רייכער ווי מיר זיינען געקומען — און מיט הנאה אין האַרצן האָבן מיינע ליפּן אויסגעשעפּטשעט אַ ברכה פאַר די צוקונפטיקע יידישע אַקטיאָרן און אַקט־ריסעס.

וועגן פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק האָב איך דעמאָלט שוין ניט געטראַכט. געלט האָב איך באַקומען דריי טויזנט רובל אין שכירות, אַן אַנגעזעענער אַקטיאָר אין דער טרופּע בין איך געווען, אַקטריסעס האָבן איצט געזוכט מיין פריינטשאַפט — איז צו וואָס פאָרן?...

ליידער האָט דאָס אָנגעהאַלטן ניט מער ווי אַ פּאָר מאָנאַטן. דעניקין האָט ווידער אָנגעהויבן גיין אויף קיעוו און די באָלשעוויקעס האָבן

ווידער אַנגעהויבן אַפּטרעטן. און מיר, אַקטיאָרן, האָבן, דוכט זיך, געפֿילט דעם בראָך מער פֿון אַלעמען...

איידער די באָלשעוויקעס האָבן פֿאַרלאָזט קיעוו, האָט דער דע־מאָלטדיקער סעקרעטאַר פֿון דער „קולטור־ליגע", מלמד, זיך משתדל גע־ווען, אַז זיי זאָלן איבערלאָזן עפּעס געלט פֿאַר דער „קולטור־ליגע" און פֿאַר דער יידישער טעאַטער־סטודיע, — און מלמד האָט דעמאָלט באַקומען פֿון די באָלשעוויקעס פֿינף מיליאָן רובל פֿאַר די צוויי יידישע אינסטיטוציעס, די יידישע קולטור־ליגע און די יידישע טעאַטער־סטודיע.

אונטער דעניקינס ממשלה

דעניקין, ימח שמו וזכרו, איז אַריינגעקומען אין קיעוו מיט 15 מינוט שפּעטער, ווי די גאַליצישע אוקראַינער זיינען אַריין. די גאַליצישע אוקראַי־נער זיינען אַנגעקומען פֿון פּראָסקוראָוו און דעניקין פֿון כאַרקאָוו. די באָל־שעוויקעס האָבן ניט געוואוסט ווען פֿריער צו לאָזן פֿאַרכאַפּן קיעוו. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן די באָלשעוויקעס באַשלאָסן צו לאָזןביידע אין דער זעלבער צייט, און זאָלן זיי זיך ביידע די קעפּ אָפּדרייען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אַזוי שנעל ווי דאָס גאַליצישע מיליטער איז אַריין אין שטאָט און אַרויפֿגעצויגן אויף דער „דומע"־געביידע די אוקראַינישע פֿאָן, איז נאָך איידער זייער אָפֿיציר האָט צייט געהאַט צו האַלטן זיין פּאַטריאָטישע רעדע, האָט אים שוין דעניקין געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל זיך גלייך אָפּטראָגן, און זיינע מאַשין־ביקסן האָבן טאַקע באַלד אָנגעהויבן זייער אַרבעט. די גאַליצישע „העלדן" האָבן איבערגעלאָזט זייער אוקראַינישע פֿאָן, מיט זייערע כלי משחית, און אָנגעהויבן צו אַנטלויפֿן אויף זייערע פֿערד ווי די רוחות. אָבער אין די 15 מינוט פֿון זייער זיין אין קיעוו האָבן זיי באַוויזן צו פֿאַרניכטן 36 יונגע יידישע לעבנס.

דאָס איז געשען דורך אַ פּראָוואָקאַציע: ווען די שטאָט קיעוו איז גע־בליבן אָן אַ מאַכט, האָבן די אַלטע „דומע"־מיטגלידער געהייסן יידישע סטודענטן, זיי זאָלן אויפֿהאַלטן די אָרדענונג אין דעם יידישן קוואַרטאַל. 40 יידישע סטודענטן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ געביידע און געוואַרט, מען זאָל זיי ברענגען געווער. אין דער צייט זיינען די גאַליצישע אוקראַינער אַנגעקומען אין שטאָט, און איינער, אַ כוליגאַן, האָט זיי געזאָגט, אַז אין דער דאָזיקער געביידע זיינען פֿאַרזאַמלט יידישע באָלשעוויקעס. די רוצחים האָבן

ניט געפֿרעגט װאָס, װער און װען — האָבן אַרױסגעפֿירט די 40 יונגע קינ־דער און 36 פֿון זײ דערשאָסן.

אַ שוידער גײט מיר נאָך איצט דורך איבערן לײַב, װען איך דערמאָן זיך אָן די װילדע, פֿאַרצװײפֿלטע קולות פֿון די מאַמעס, װען זײ האָבן זיך דערװוּסט, אַז זײערע יונגע זין זײַנען אומגעקומען מיט אַזאַ טראַגישן טויט.

אַ פּאָר טעג האָט גענומען, ביז דעניקין איז געװאָרן דער פֿולקאָמענער באַלעבאָס פֿון קיעװ. דורך יענע טעג האָבן מיר געהאַלטן די טירן פֿאַרשלאָסן און זיך ניט באַװיזן אין גאַס. װען מען האָט געכאַפּט אַ ייִדן, האָט מען אים אויסגעטאָן און דערהרגעט. אָבער צו אַן עפֿנטלעכן פּאָגראָם איז נאָך ניט געקומען. דער טרױעריק־באַקאַנטער שולגין, װעלכער איז געװאָרן אַביסל פֿרײַנטלעכער צו ייִדן דורכן בײליס־פּראָצעס, איז אָנגע־קומען צוזאַמען מיט דעניקינען און װידער אָנגעהױבן אַרױסגעבן זײַן אַנטיסעמיטישע צײַטונג „קיעװליאַנין". אַ געװיסן טאָג איז ער אַרױס מיט אַן אַרטיקל אין זײַן צײַטונג, אַז די ייִדן זאָלן בעסער מיט גוטן אַרױס פֿון רוסלאַנד, און עפֿנטלעך געהעצט דעניקינס מיליטער צו אַ פּאָגראָם. װי מען האָט מיר דעמאָלט איבערגעגעבן, איז זינט דער „קיעװליאַנין" עק־זיסטירט, אַפֿילו אין פּיכנאָס צײַטן, נאָך קײנמאָל ניט געװען געדרוקט אַזאַ עפֿנטלעכע פּאָגראָם־אַגיטאַציע.

איבער די ייִדן אין קיעװ האָט זיך פֿאַרשפּרײט אַ שװאַרצער װאָלקן — מען איז געזעסן פֿאַרשפּאַרט בײ זיך אין הױז און געװאַרט, אַז אָט װעט אויסברעכן אַ פּאָגראָם. געװיסע קריסטלעכע כּלל־טוער האָבן זיך פֿאַר־אײניקט צו פֿאַרטײדיקן די ייִדן קעגן שולגינס באַשולדיקונגען, און צו פֿאַרהיטן עס זאָל ניט אויסברעכן קײן פּאָגראָם אין קיעװ.

דרײַ װאָכן זײַנען אַריבער פֿון דעניקינס הערשאַפֿט, און די באָלשע־װיקעס האָבן װידער אָטאַקירט קיעװ. אַ געװיסן טאָג האָבן זיך אויף די װענט פֿון די גאַסן באַװיזן פּלאַקאַטן פֿון דעניקינען, אַז מען זאָל זיך ניט שרעקן, װײַל קיעװ איז געזיכערט. אָבער אַלײן האָט ער זיך אָנגעהױבן צו פּאַקן, און טאַקע אויף מאָרגן איז ער, צוזאַמען מיט זײַן מיליטער, פֿאַרשװוּנדן און — ברוכים הבאים, די רױטע אַרמײ איז װידער דאָ! די ייִדן האָבן אָנגעהױבן אַרױסצוקריכן פֿון די לעכער. דער טאָג איז גראָד געװען אַ שײנער און גרופּעס ייִדן זײַנען געשטאַנען אין גאַס און עפֿנטלעך דיסקוטירט.

די דעניקינצעס זײַנען אָבער װײַט ניט אָפּגעטראָטן. דאָס איז בלויז

געווען אַזאַ מאַנעוורע. זיי האָבן זיך צעטיילט אויף פֿאַרשיידענע טיילן אַרום שטאָט און אָנגעהויבן אַ שלאַכט מיט די באָלשעוויקעס. פֿיר־פֿינף טעג האָט די שלאַכט אָנגעהאַלטן, און אין דער צייט פֿון די שלאַכטן זיינען ביז 300 יידן אויסגעהרגעט געוואָרן. עס האָבן אָבער דערביי זיך אָפּגע־שפּילט סצענעס, וואָס איך קאָן נאָך איצט ניט באַגרייפֿן — צי איז עס געווען רעליגיעזער משוגעת, אָדער איבערמענטשלעכער העראָאיזם: אין געפּילדער פֿון שלאַכט און בלוטיקן פּאָגראָמירן זיינען יידן זקנים געלאָפֿן איבער די גאַסן און געראַטעוועט ספֿרי־תורהס פֿון די שולן...

*

געזיגט האָבן די דעניקינצעס און די רויטע זיינען אָפּגעטראָטן פֿופֿצן ווי‏אָרסט הינטער קיעוו.

אין אָט דעם לעצטן זיג פֿון די דעניקינצעס האָבן זיך אַממערסטן אויסגעצייכנט די קובאַנער קאָזאַקן, אָדער ווי מען האָט זיי גערופֿן „די טשעטשענטשעס". עס איז אַ פֿאַקט, אַז דעניקין האָט זיי באַלוינט דערמיט, וואָס ער האָט זיי געגעבן אַ פֿרייע האַנט בנוגע די יידן פֿון אוקראַינע...

די פּאָגראָמען פֿון יעדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער מאַכט האָבן גע־האָט זייער ספּעציפֿישן כאַראַקטער. די פּעטלוראָוצעס (די „האַידאַמאַקעס") האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פֿריער מאַטערן דעם קרבן; דעניקינס „טשע־טשענטשעס" — מיט זייער מאַסן־פֿאַרגוואַלטיקונג פֿון יידישע פֿרויען און מיט זייער ראַבעווען. אויף דריי טעג האָט דעניקין איבערגעגעבן צו זיינע טשעטשענטשעס אין די הענט דאָס קיעווער יידישע פֿאַרמעגן. דריי טעג האָט מען עפֿנטלעך גערויבט — צוגעפֿאָרן אין מיטן העלן טאָג מיט וועגענער און צוגענומען אַלץ פֿון די יידישע געשעפֿטן און הייזער, אַפֿילו דאָס בעטגעוואַנט מיט די בעטן.

איינער, אַ בורזשואַי פֿון קיעוו, האָט צו מיר דעמאָלט געזאָגט:

— מילא, אַז די באָלשעוויקעס קומען און נעמען ביי מיר צו מיינע איבעריקע פֿאָר הויזן, איז פֿאַרפֿאַלן; נעמט מען ביי איוואַנען, ביי דעם קריסט אויך צו, ווען ער האָט צוויי פּאָר הויזן. אָבער ווען דעניקין נעמט צו ביי מיר מיין בעט און איוואַנען לאָזט ער רואיק שלאָפֿן, נעמט צו ביי דעם אָרעמען ייד זיין לעצט העמד, און דעם ניט־ייד, דעם רייכן ערל טשעפּעט ער ניט, — אָט דאָס רירט אָן ביז דיין נשמה און דו מוזט זאָגן: „זאָל ער ווערן די כּפּרה פֿאַר די רויטע!"

נאָכן דריטן טאָג האָט מען שוין געטאָן די אַרבעט ביינאַכט. נאָר ביי־

נאַכט זיינען די סצענעס געווען שרעקלעכער, שוידערלעכער. אויף ביינאַכט פֿלעגן מיר זיך באַהאַלטן אין גריבער און אויסשטעלן וואַכן אַרום, זיי זאָלן אונדז אין צייט לאָזן וויסן, ווען די אומגעבעטענע געסט וועלן זיך באַווייזן. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז ווען די טשעטשענטשעס וועלן אָנקומען, זאָלן די שומרים נעמען קלאַפּן אין אַ טאָץ, וואָס האָט געגעבן אַ מוראדיקן ווידערקול, און אַלע, פֿון קליין ביז גרויס, זאָלן אָנהויבן שרייען, אַז אַפֿילו גאָט זאָל מוזן דערהערן. פֿון דעם האָט זיך דערוואוסט דער צווייטער הויף און מען האָט דאָרט אויך אָנגעהויבן קלאַפּן אין אַ טאָץ און מאַכן גערוואַלדן, און אַזוי אין דריטן הויף און אין די אַנדערע הויפֿן — ביז די גאַנצע גאַס האָט געקלאַפּט אין די טאָצן און געשריגן מיט ווילדע פֿאַרצווייפֿלטע קולות. אין געוויסע פֿאַלן האָט עס געהאָלפֿן, אָבער ניט חלילה, ווייל דעניקין האָט דערהערט די געשרייען פֿון די יידן און געשיקט פּאָליצײ, נאָר ווייל דאָס איז געווען אַזוי מוראַדיק, האַרצרייסנדיק, אַז די רוצחים זיינען ניט ווילנדיק אָפּגעטראָטן.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אויך די פּראָווינץ פּראַקטיצירט דעם זעלבן מיטל. עס האָבן געשריגן הייזער, גאַסן, גאַנצע שטעט.

די פּאָגראָמען פֿלעגן פֿאַרקומען „סיסטעמאַטיש" אָרגאַניזירט:

פֿאַרויס זיינען געגאַנגען קינדער פֿון 10־12 יאָר, נאָך זיי פֿרויען מיט שטעקנס און מיט אַנדערע זאַכן אין די הענט, וואָס קענען געבן אַ קלאַפּ, און הינטער די פֿרויען די מענער. ווען די קינדער האָבן דערזען אַ יידיש פּנים, האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפֿן שטיינער און דערנאָך צוגעלאָפֿן צום קרבן און אָנגעהויבן רייסן שטיקער פֿון זיינע קליידער. דאָס איבעריקע האָבן שוין געטאָן די כוליגאַנסקע פֿרויען און צעיוזשעטע מענער...

ווי מען האָט נאָר געקענט אַרויסגיין אין גאַס, האָב איך ווידער אָנ־געהויבן צו טראַכטן וועגן פּלענער ווי אַזוי אַרויסרייסן זיך פֿון קיעוו, זיך דערשלאָגן צו אָדעס און פֿון דאָרט קיין רומעניע און ניו־יאָרק. מיט דער באַן איז געווען געפֿערלעך פֿאַר אַ יידן צו פֿאָרן, האָב איך באַשלאָסן צו פֿאָרן מיטן וואַסער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, כערסאָן, אָדעס.

דריי חדשים רייזע פֿון קיעוו קיין אָדעס

ווען מיר זיינען אָפּגעפֿאָרן פֿון קיעוו מיטן וואַסער און דערגרייכט קרעמענטשוג, זאָגט דער קאַפּיטאַן פֿון אונדזער שיף, אַז מיר קענען וויי־טער ניט פֿאָרן ווייל די שיף, וואָס איז אַרויסגעפֿאָרן פֿאַר אונדזערער, האָט מען באַרויבט און אַ סך פּאַסאַזשירן האָט מען אַריינגעוואָרפֿן אין וואַ־

סער (פּונקט ווי די אַמאַליקע פּיראַטן). האָבן מיר ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געמוזט וואַרטן אין קרעמענטשוג, ביז די באַן איז דאָרט פֿאַר־ריכט געוואָרן. דאָס האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן. צו מיין גליק האָב איך אין קרעמענטשוג געטראָפֿן מיין געוועזענעם געשעפֿטס־פֿירער וואַלקענשטיין, וועלכער האָט דאָרט געהאַלטן אַ קאַפֿע־הויז. וואַלקענשטיין האָט מיר דער־ציילט, אַז זיי האָבן אין קרעמענטשוג געשפּילט יידיש טעאַטער, ביז די דע־ניקינצעס זיינען אַהין אַנגעקומען. דער אַקטיאָר שייעוויטש מיט זיין פֿרוי זיינען געווען אין דער טרופּע. אַ געוויסן טאָג — דערציילט מיר וואַל־קענשטיין, — זאָגט שייעוויטש, אַז ער וויל אַריבערגיין די בריק און זען וואָס אויף דער אַנדערער זייט טוט זיך. וואָס מען האָט זיך ניט געבעטן ביי אים, ער זאָל ניט גיין, זיין פֿרוי, די אַקטריסע שייעוויטש, האָט געוויינט פֿאַר אים, אָבער שייעוויטש איז אַלץ געווען איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז גיין. ער איז טאַקע אַוועק און מער האָבן מיר אים ניט געזען. לויט אַ קריסט, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף דער בריק, האָט איבערגעגעבן, האָבן צוויי פּעטלוראָווצעס, אָדער דעניקינצעס (איין שוואַרץ יאָר) אים אויסגעטאָן נאַקעט און אַרונטערגעוואָרפֿן פֿון בריק אין וואַסער אַריין; און ווען דער אומגליקלעכער שייעוויטש האָט געוואָלט זיך ראַטעווען, האָבן זיי אין אים געשאָסן, ביז ער איז אַרונטער צום גרונט...

די רייזע פֿון קיעוו קיין אָדעס, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן האָט עס גענומען 14 שעה, האָט מיר גענומען אַ פּאָר חדשים.

אַקטיאָרן זינגען און טאַנצן, און אין גאַס קוילעט מען יידן

אין דער אוקראַינער פּראָווינץ זיינען דעמאָלט פֿאָרגעקומען שרעק־לעכע פּאָגראָמען, און גאָר אַ גרויסער פּאָגראָם איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין יעליסאַוועטגראַד, וואו אַ פּאָר טויזנט יידן זיינען אויסגעהרגעט גע־וואָרן. אַ טרופּע פֿון יידישע אַקטיאָרן האָט דעמאָלט געשפּילט אין יעלי־סאַוועטגראַד און זיי זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפֿן פֿון דאָרט קיין אָדעס. פֿון די אַקטיאָרן, וועלכע זיינען בשלום אָנגעקומען קיין אָדעס, געדענק איך אַלבערט סעגאַלעסקאַ מיט זיין פֿרוי מאַלווינאַ סעגאַלעסקאַ (אַ שוועס־טער פֿון דער ניו־יאָרקער אַקטריסע פּאַסקעוויטש), דעם ניו־יאָרקער אַקט־יאָר ליפּינסקי און חזן רויטמאַן.

אין אָדעס זיינען דעמאָלט געווען די ווייסע, אָבער זיי האָבן ניט גע־וואָגט צו מאַכן קיין פּאָגראָם — זיי האָבן געוואוסט, אַז די אָדעסער וועלן זיי געבן אַ ווידערשטאַנד.

װען איך האָב אין אָדעס דערצײלט די אַקטיאָרן, װאָס איך האָב מיט־געמאַכט אין קיעװ אונטער דעניקינען, האָט מיר די אַקטריסע מאַלװינאַ סעגאַלעסקאַ איבערגעגעבן װאָס זי און די טרופּע האָבן איבערגעלעבט אין יעליסאַװעטגראַד אונטער פּעטלורען:

„װען די פּעטלוראָװצעס האָבן אָנגעהױבן צו פּאָגראָמירן, האָבן מיר, אַקטיאָרן מיט די פֿרױען און קינדער, זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ האָטעל. װאָס עס װעט געשען מיט אײנעם, זאָל געשען מיט אַלעמען, האָבן מיר געזאָגט. װען מיר האָבן געזען, אַז די פּעטלוראָװצעס דערנעענטערן זיך צו אונדזער האָטעל, האָט מײַן מאַן [אַלבערט סעגאַלעסקאָ] אײַנגעשטעלט זײַן לעבן, איז אַרױס פֿון צימער און זיך געשטעלט בײַ דער טיר, צו זאָגן די פּאָ־גראָמטשיקעס, אַז דאָ װאױנען אַקטיאָרן — אפֿשר װעלן זײ אונדז שױנען. סעגאַלעסקאָ האָט געהאַט אַ רומענישן פּאַספּאָרט.

„די קולות פֿון די ייִדן אין גאַס זײַנען געװאָרן אַלץ שטאַרקער. װען מיר האָבן אַרױסגעקוקט דורכן פֿענצטער, האָבן מיר געזען, אַז די פּאָ־גראָמטשיקעס זײַנען שױן בײַ אונדזער האָטעל. אונדזער פּחד איז געװאָרן שטאַרקער. מיר זײַנען געװען אין האָטעל אַ צען מענטשן, אַחוץ די קינ־דער. פּאַדלובנע (אַ ברודער פֿון דעם דיריגענט פּאַדלובנע, װאָס איז געװען בײַ מיר אין אָדעס), האָט ניט געװאָלט זײַן מיט אונדז און ער איז אַרונטער אין הױף זיך באַהאַלטן. אָט זײַנען זײ שױן אין האָטעל און אָט הערן מיר שױן זײערע טריט און דעם קלאַנג פֿון זײערע שװערדן. די טיר האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אױף און פֿאַר אונדז זײַנען געשטאַנען 5 פּעטלוראָװצעס מיט זײערע ביקסן און בלאַנקע שװערדן אין די הענט. די קינדער האָבן אָנגעהױבן צו װײנען.

— איר זײַט אַלע אַקטיאָרן? — האָט אײנער געפֿרעגט בײַ סעגאַ־לעסקאָן.

— אַלע רומענישע אַקטיאָרן — האָט סעגאַלעסקאָ אים געװיזן דעם רומענישן פּאַספּאָרט זײַנעם.

„אײן פּאָגראָמטשיק צװישן זײ, אַ מאָלדאַװאַן, האָט גענומען דעם פּאַס־פּאָרט, אים באַקוקט און געזאָגט:

— ריכטיק, זײ זײַנען רומענער.

— זאָלן זײ עפּעס זינגען — רופֿט זיך אָפּ אַ צװײטער.

— זאָלן זײ עפּעס שפּילן אױף דער פּיאַנאָ — זאָגט אַ דריטער פּעט־לוראָװעץ.

„אַלבערט, מײַן מאַן, האָט זיך אַװעקגעזעצט בײַ דער פּיאַנאָ".

— איר מיינט, מ״ר יאַנג, אַז איך ווייס, וואָס איך האָב דעמאָלט געשפּילט פֿאַר זיי? — זאָגט צו מיר אַלבערט סעגאַלעסקאָ — די פֿינגער האָבן ביי מיר געציטערט אויף די ביינדלעך פֿון דער פּיאַנאָ.

„— זינגט פֿאַר אונדז עפּעס? — האָבן אַלע פּאַגראָמטשיקעס אָנגעהויבן צו שרייען.

„זיי האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט מיט די בלאַנקע שווערדן, און דער אַקטיאָר ריבאַלסקי, — איר קענט דאָך אים, — האָט זיך אַוועקגעשטעלט זינגען עפּעס אָן אַריע פֿון אַן אָפּערע. דער מאָלדאַוואַנער האָט אַ געשריי געטאָן, אַז מען זאָל זינגען עפּעס אין רומעניש, און איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט זינגען. איך געדענק שוין ניט וואָס. די קולות פֿון די אומגליקלעכע אין גאַס האָבן זיך אויסגעמישט מיט מיין געזאַנג. און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען, אַז איך זאָל טאַנצן, האָט אַלבערט אָנגעהויבן שפּילן אַ טאַנץ און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן. איר קענט זיך פֿאַרשטעלן אַזאַ סצענע אויף דער בינע, מ״ר יאַנג? — זאָגט מאַלווינאַ און די טרערן שטיקן זי. — איך טאַנץ און פֿון דער גאַס הערן זיך פֿאַרצווייפֿלטע קולות פֿון די פֿאַרוואונדעטע. פֿון דעם בוידעם פֿון האָטעל הערן זיך די געשרייען פֿון די יידן, וואָס מען קוילעט, און איך טאַנץ. מיר האָבן דייטלעך געהערט דאָס פֿאַרצווייפֿלטע קול פֿון פֿאָדלובנען אין הויף, און אַלבערט שפּילט אויף דער פּיאַנע אַ פֿריילעכס און איך טאַנץ, האַלט אין איין טאַנצן״.

מאַלווינאַ האָט זיך צעוויינט און אַלבערט סעגאַלעסקאָ ענדיקט:

„מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט פֿון הויף אַ פֿייף און אַלע פּעטלוראָווצעס זיינען אַרויסגעלאָפֿן אין גאַס. איך האָב אויפֿגעהערט שפּילן און מאַלווינאַ טאַנצט נאָך אַלץ. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט, אַז זיי זיינען שוין אַוועק, איז זי געפֿאַלן. מיר האָבן זי קוים דערמינטערט״.

— און וואָס איז געוואָרן מיט פֿאָדלובנען? — פֿרעג איך.

דאָ האָט זיך סעגאַלעסקאָ צעוויינט — — —

ווען זיי זיינען שפּעטער אַראָפּ אין הויף, האָבן זיי געפֿונען פֿאָדלובנעס קערפּער צעהאַקט אויף שטיקלעך — די הענט און די פֿיס אָפּגעהאַקט, די אַנדערע טיילן צעשניטן, דער קאָפּ האָט זיך געוואַלגערט אין בלוט...

— מ״ר יאַנג, — זאָגט צו מיר סעגאַלעסקאָ האַרט און אַנטשלאָסן, — פֿאָדלובנעס אָפּגעהאַקטער קאָפּ, די אָפֿענע טויטע אויגן זיינע, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר, האָבן געמאַכט, אַז מיינע אויגן זאָלן איצט קוקן גאַנץ אַנדערש אויף דער מענטשהייט... איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף יענער

גליקלעכער מינוט, ווען די באָלשעוויקעס וועלן אַרײַנקומען אין אָדעס. איך וועל גיין מיט זיי...

ווען איך האָב אים דערציילט פֿון מײַנע דערפֿאַרונגען — ווי איך בין געווען אַ „מלוכה"־אַקטיאָר אין קיעוו, וועגן געהאַלט, וואָס איך האָב באַקומען, די פּיעסן, וואָס מיר האָבן אויפֿגעפֿירט, וויפֿל פּראָבן מיר האָבן צײַט געהאַט צו מאַכן אויף יעדער פּיעסע, און בכלל די באַציאונג פֿון דער מאַכט צום יידישן טעאַטער, — האָבן אַלבערט סעגאַלעסקאָס ליפּן געשעפּטשעט: „געבענטשט און געשטאַרקט זאָלן זיי זײַן"...

די שחיטה אויף יידישע אַקטיאָרן, און די נקמה

ס'איז געקומען אין אָדעס די אַקטריסע מאַניאַ ליבערט (ליבערטס צווייטע פֿרוי) און דערציילט, אַז איר מאַן און די גאַנצע טרופּע זייערע פּאַרט אין אַ „טעפּליושקאַ"; אַז זייער פּראַכט־צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן פּראָסקוראָוו, און זי איז אַרײַנגעקומען קיין אָדעס זיך זען מיט אירע עלטערן, און מאָרגן פֿרי פֿאָרט זי צוריק.

אין יענעם „טעפּליושקאַ־וואַגאָן" האָבן זיך געפֿונען די אַקטיאָרן ליבערט, עפּשטיין און בוימוואַל (אַלע דרײַ זײַנען מיט מיר געווען אין טעאַטער פֿון דער „קולטור־ליגע" אין קיעוו), אויך בוימוואַלס שוואָגער און נאָך עטלעכע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

דעמאָלט איז גראָד געקומען קיין אָדעס דער אַקטיאָר פֿישל קאַנאַפּאָוו, וועלכער האָט זיך געלאָזט גיין צופֿוס מיט זײַן פֿרוי און קינד אַזש פֿון בערדיטשעוו קיין אָדעס. ער האָט אונדז דערציילט, אַז אויפֿן וועג האָט ער געהערט, אַז לעבן פּראָסקוראָוו האָבן פּאַליאַקן דערשאָסן אַ גאַנצע טרופּע יידישע אַקטיאָרן.

אויף מאָרגן זײַנען מיר געוואויר געוואָרן, אַז אין דער צײַט, וואָס דער וואַגאָן איז געשטאַנען לעבן פּראָסקוראָוו, איז אָנגעקומען אַ מיליטערישע קאָמאַנדע פֿון פּאַליאַקן, און עמעצער האָט זיי געזאָגט, אַז אין יענעם וואַגאָן געפֿינען זיך יידן־באָלשעוויקעס. די פּאַליאַקן האָבן ניט געמאַכט קיין אונטערזוכונג, און ווען זיי האָבן דערזען בוימוואַלן, וועלכער האָט געטראָגן אַ קורץ בערדל און האָט אויסגעזען ווי אַן אינטעליגענט (בוימוואַל איז געווען דער פֿאָטער פֿון דער איצטיקער דיכטערין אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, רחל בוימוואַל), האָבן זיי אַלעמען געהייסן אַרויסגיין פֿון דער „טעפּליושקע" און זיי באַפֿוילן צו לויפֿן. בעת זיי זײַנען געלאָפֿן, האָבן די פּאַ־

ליאַקן אויף זיי געשאָסן און אַלע זיינען געפאַלן... ווען די פּאָליאַקן זיינען אַוועק, זיינען יידן פון דער פּראָסקוראָווער קהילה אַרויסגעקומען אויף דער סטאַנציע און האָבן אָנגעהויבן אויפצוקלויבן די טויטע. עפּשטיין, בוימוואָל, ליבערטס שוואָגער און נאָך איניקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען געלעגן טויטע, — דער איינציקער לעבנגעבליבענער איז געווען ליבערט.

ווי ליבערט אַליין האָט שפּעטער דערציילט, איז ער ניצול געוואָרן צוליב דעם, וואָס ווען ער האָט דערהערט דעם ערשטן שאָס און געזען ווי עפּשטיין איז געפאַלן, איז ער אויך געפאַלן און זיך געמאַכט, אַז ער איז טויט...

*

אויך אין אָדעס האָט שוין געהערשט אַ שטיקל פּאַניק. מען האָט גע־רעדט, אַז די „גדולים" (באָלשעוויקעס) וועלן אין קורצן באַזוכן אָדעס, און אַז דעניקינס אָפיצירן און העלדישע „טשעטשענצעס" גרייטן זיך צו מאַכן פּליטה. קעפּטען אירווינג פון אַמעריקאַנער רויטן קרייץ האָט געמאַכט אַ דערקלערונג דורך די צייטונגען, אַז ער וועט עוואַקואירן אַלע אויסלענ־דער. איך בין תיכף אַוועק צו אים און געוואָלט זיך גלייך פאַרזאָרגן מיט אַ בילעט פון עוואַקואַציע־ביורא, אָבער דער קעפּטען האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך האָב צייט מינימום צען טעג. נאָר ווען איך בין צומאָרגנס גע־קומען אין זיין „אָפיס", איז שוין קיין סימן ניט געווען ניט פון דעם רויטן קרייץ און ניט פונעם עוואַקואַציע־אָפיס, — אַלץ איז שוין געווען אויף די שיפן, מחמת מען האָט נאָך ביינאַכט זיך דערוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען שוין נאָענט לעבן אָדעס. ווען איך בין געלאָפן ברענגען מיינע זאַכן צום אַמעריקאַנער קרייצער, האָבן שוין די באָלשעוויסטישע האַרמאַטן געקנאַלט. די גאַסן זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל ליידיקער און אַ גרויסע פּאַ־ניק האָט געהערשט צווישן די עוואַקואירטע: אַ טייל האָבן שוין געהאַט זייערע זאַכן אויף דער שיף און אַליין זיינען זיי געבליבן; אַ סך קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן אָן זייערע עלטערן; איך און מיינער אַ פריינט, אַן אַמעריקאַנער, האָבן ניט געקוקט אויף דער געפאַר און מיר זיינען געגאַנגען צום אַמעריקאַנער קרייצער אונטער אַ האָגל פון קוילן. שווערע גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן פאַר אונדזערע אויגן, האָבן אומגעוואָרפן דריי־שטאָקיקע הייזער, און מיר זיינען אַלץ געגאַנגען. עס האָבן זיך געוואַלגערט טויטע און פאַרוואונדעטע. מיר זיינען געגאַנגען מיט אונדזערע אַמעריקאַנישע פּאַס־

פּאַרטן אין די הענט, אָבער אין דער גרויסער פּאַניק האָבן מיר פֿאַר־בלאָנדזשעט צו אַ פֿרעמדער שיף, און וויפֿל מיר האָבן ניט געבעטן, מען זאָל אונדז מיטנעמען, האָט ניט געהאָלפֿן — אונדזער אַמעריקאַנער קרייצער איז אַוועק אָן אונדז.

ווען מיר זיינען צוריקגעגאַנגען פֿון האַפֿן, — מזל־טוב, די רויטע זיינען שוין געווען אין שטאָט. און דאָ האָב איך זיך דערלעבט כאָטש אַ שטיקל נקמה אין די דעניקינצעס פֿאַר די פּאָגראָמען איבער דער אוקראַי־נע: מען האָט שוין זייערע אָפֿיצירן, וועלכע האָבן פֿאַרשפּעטיקט צו אַנטלויפֿן, געפֿירט איבער די גאַסן און זיי געפּאַטשט.

איך האָב אויך געזען, ווי אַ פֿאַרפּאָסטן פֿון די רויטע האָט געכאַפּט אַן עלטערן מאַן, וועלכער איז געגאַנגען אויף דער פּראַבראַזשענסקער גאַס, איינגעהילט אין אַן אַלטן, אָפּגעריבענעם מאַנטל, דעם קאַלנער אויפֿ־געשטעלט, דעם הוט אַרונטערגערוקט איבער די אויגן. ער האָט אויס־געזען ווי אַן אָרעמער, עלטערער אַרבעטער... אָבער ווען מען האָט פֿון אים אַרונטערגעריסן דעם מאַנטל, האָט מען דערזען אַ מונדיר, מיט גע־נעראַלסקע עפּאָלעטן, מיט אָרדנס אויף דער ברוסט. פֿון די פּאַפּירן, וואָס ער האָט געהאַט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ רוסיש־דייטשער גענעראַל, וועלכער האָט געהעצט די דייטשע קאָלאָניע הינטער אָדעס צו אַ פּאָגראָם.

נו, זיין סוף — אויף אַלע שונאי־ישראל געזאָגט געוואָרן...

איך פֿאַרלאָז רוסלאַנד — און טרעף קלאַראַ יאַנג

אַ לאָדזשער אַקטיאָר, מאַכאַראָווסקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין אָדעס, האָט מיר פֿאַרגעלייגט צוזאַמענצושטעלן אַ טרופּע אויף קאָאָ־פּעראַטיווע יסודות, אַרויסצופֿאָרן אויף דער פּראָווינץ. איך האָב צוגע־שטימט, אָבער מיט דעם באַדינג צו פֿאָרן בלויז אין די שטעט, וואָס ליגן ביים דניעסטער (די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט פֿאַרנומען די גאַנצע געגנט ביז דעם טייך דניעסטער, וואָס טיילט אָפּ פּאָדאָליער גובערניע אין אוקראַינע פֿון בעסאַראַביע; אין בעסאַראַביע האָבן דעמאָלט די רומענער ניט געלאָזט אַריינגיין די באָלשעוויקעס). מאַכאַראָווסקי האָט פֿאַרשטאַנען מיין ציל און רופֿט זיך אָפּ צו מיר:

— איך דענק אויך צו פֿאָרן צוריק אין פּוילן, קיין לאָדזש.

ווען מיר זיינען געקומען קיין טיראַספּאָל, האָבן מיר אַנאָנסירט די

ערשטע צוויי פֿאַרשטעלונגען: „גאָט, מענטש און טייוול" און „קרייצער סאָנאַטאַ" פֿון יעקב גאָרדין. ביי „גאָט, מענטש און טייוול" האָב איך באַ־דאַרפֿט שפּילן דעם טייוול, און אין „קרייצער סאָנאַטאַ" — די ראָלע פֿון רפֿאל פֿרידלענדער.

אָפּזייענדיק אַ פּאָר טעג אין טיראַספּאָל, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מאַן, וואָס פֿלעגט פֿירן באָלשעוויסטישע ליטעראַטור קיין רומעניע איבערן דניעסטער. איך האָב אים דערציילט מיין לאַגע — אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער אַקטיאָר און אַז די רעוואָלוציע האָט מיך פֿאַרכאַפּט אין רוסלאַנד — און איך בעט אים, אַז ער זאָל מיך מיטנעמען אויף זיין שיפֿל.

ווען ער האָט דערהערט, אַז איך בין קלאַראַ יאַנגס מאַן, איז ער איינגעגאַנגען מיך אַריבערצושוואַרצן — אָבער פֿאַר אַ גרויסער סומע געלט.

די מענטשן, ביי וועמען איך האָב געוואוינט אין אָדעס, האָבן געהאַט אַן עלטער מיידל, וועלכע איז געווען די גאַרדעראָבערין ביי קלאַראַן, ווען זי האָט געשפּילט אין אָדעס. דאָס מיידל איז ניט געווען קיין מיאוסע, אָבער זייער אומוויסנד. זי פֿלעגט מיר זיין אַן איבערגעגעבענע שקלאַפֿין און איז אַרומגעגאַנגען אַרום מיר ווי אַ מאַמע. דאָס לעבן האָט מיר באַוויזן, אַז אינטעליגענטע מענער, וואָס האָבן געהייראַט מיט פּראָסטע פֿרויען, זיינען געווען גליקלעך אין זייער פֿאַרהייראַטן לעבן... ווען מיר האָבן צוזאַמענ־געשטעלט די טרופּע, האָבן מיר דאָס מיידל אַריינגענומען אין דער געזעל־שאַפֿט, און זי איז געווען איבערגליקלעך — זי וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו ווערן אַן אַקטריסע און זיין לעבן מיר... איך האָב באַשלאָסן דאָס מיידל מיטצונעמען מיט זיך.

פּונקט צען אַזייגער זיינען מיר אַלע דריי, — דער מאַן, דאָס מיידל און איך, — געזעסן אין שיפֿל. די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע און דער דניעסטער איז געווען איינגעהילט אין אַ נעפּל.

ביים ברעג איז געשטאַנען אַ רומענישער פֿויער מיט אַ וואָגן היי און געוואַרט אויף אונדז. אונדזער מאַן האָט איבערגעגעבן דעם פֿויער אַ שווערן זאַק (דאָרטן האָט עס געמוזט זיין די ליטעראַטור, וואָס די באַל־שעוויקעס האָבן אַריינגעשמוגלט קיין רומעניע) און פֿאַר אַ באַשטימטער סומע איז דער פֿויער צופֿרידן געווען אונדז צו פֿירן קיין קעשינעוו.

אין קעשינעוו האָט דער פֿויער אונדז צוגעפֿירט צו אַן אַכסניה, אַ מין אַריינפֿאָר־הויז, וואָס אַ ייד האָט דאָרטן געהאַלטן.

איך האָב גערעכנט, אַז דאָס פּאַפּיר־געלט, וואָס איך האָב געהאַט בײַ זיך, איז „וואַליוטע״, וואָס איך וועל קענען אויסבײַטן אויף רומעניש געלט. אָבער ווי פֿאַרצווייפֿלט בין איך געוואָרן, ווען דער ייִד פֿון דער אַכסניה האָט מיר געזאָגט, אַז די אַלע רוסישע געלטער האָבן ניט קיין ווערט אין רומעניע; נאָר דאָ, אין קעשינעוו, קען מען נאָך פֿאַר אַ צאַרסקן פֿינף־הונדערטער עפּעס באַקומען; אָבער אין בוקאַרעסט האָט אַפֿילו דאָס צאַרישע געלט קיין ווערט ניט. הייסט עס — מיט מײַן גאַנצן פֿאַרמעגן (איך האָב דעמאָלט געהאַט בײַ זיך אַ הונדערט טויזנט רובל) וועל איך ניט קענען פֿאָרן אַפֿילו קיין בוקאַרעסט צום אַמעריקאַנער קאָנסול, ער זאָל מיר אומבײַטן דעם פּאַספּאָרט (איך בין געהאַט געווען אין אייראָפּע באַלד זיבן יאָר).

דער ייִד פֿון דער אַכסניה האָט מיך נאָך געוואָרנט, איך זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק, מען זאָל זיך ניט דערוויסן, אַז איך קום איצט פֿון רוסלאַנד. ווײַל אויב די סיגוראַנצע (די דעטעקטיוו־ביוראָ) וועט זיך עס דערוויסן, וועט מען מיך אַרעסטירן אַלס באָלשעוויק און אפֿשר נאָך באַשולדיקן אין שפּיאָנאַזש — און דאָ האָב איך נאָך אַ מיידל מיט זיך...

עס איז מיר אויסגעקומען — כאָטש גיי און שוואַרץ דעם דניעסטער צוריק קיין רוסלאַנד.

אינדערפֿרי בין איך אַרויס אין גאַס — אפֿשר וועל איך באַגעגענען אַ באַקאַנטן. איך האָב דאָך שוין געהאַט געשפּילט אין קעשינעוו. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פֿון קעשינעוו און געקוקט יעדן אין פּנים אַרײַן.

מיטאַמאָל פֿאַלט מײַן בליק אויף אַ בילד פֿון אַ טעאַטער־אַפֿיש. ס׳איז דאָס בילד פֿון קלאַראַ יאַנג! זי איז דאָ איצט אין קעשינעוו און שפּילט אין צירק מײַן פּיעסע „דזשייקעלע בלאָפֿער״.

מערקווירדיק, תּמיד איז מיט מיר אַזוי: ווען די נויט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, קומט די הילף.

איך בין גלײַך צוגעלאָפֿן צום צירק. און ווען קלאַראַ יאַנגס סעקרע־טאַרקע בעלאַ האָט מיך דערזען, האָט זי זיך דערשראָקן און געגעבן אַ פֿאַרצווייפֿלטן אויסגעשריי:

— מ״ר יאַנג, איר לעבט??!

— ניין, זאָג איך לאַכנדיק, — איך בין געשטאָרבן!

דאָ האָט זי מיר דערציילט, אַז מען האָט געזאָגט, אַז איך בין דער־הרגעט געוואָרן אין אַ פּאָגראָם אין אָדעס.

— וואו איז קלאַראַ?

— זי מאַכט איצט פּראָבע אין טעאַטער מיט די אַקטיאָרן. זי וועט זיך דערשרעקן, ווען זי וועט אייך פּלוצים דערזען... איך וועל זי דערצו פּאַרבאַרייטן.

בעלאַ איז אַריינגעגאַנגען אין צירק און אין עטלעכע מינוט אַרום איז קלאַראַ אַרויסגעקומען. ווען זי האָט מיך דערזען, איז זי געבליבן שטיין, ניט גערעדט קיין וואָרט, לאַנג אויף מיר געקוקט און אירע אויגן זיינען אָנגעפּילט געוואָרן מיט טרערן.

— וואו איז אונדזער קינד, אונדזער לוסילע? — האָב איך דאָס ערשטע געפּרעגט.

— לוסילע איז אין ניו יאָרק, — האָט זי מיך באַרואיקט. — איך האָב זי אַהין אָוועקגעשיקט, ווען איך האָב געשפּילט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

מיר האָבן ווידער ביידע געשוויגן.

פון וואַנען קומסטו איצט? — האָט זי מיך ענדלעך געפּרעגט.

און ווען איך האָב איר דערציילט, אַז איך קום נאָר וואָס פון רוס־לאַנד, האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל איצט אָוועקגיין — זי וויל ניט, מען זאָל זיך דערוויסן, אַז איך בין דאָ אין קעשינעוו — און אַז ביינאַכט זאָל איך זיך מיט איר טרעפן.

אַ סוזשעט פאַר אַ ראָמאַן

ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט קלאַראַן אויפן אָפּגערעדטן פּלאַץ, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי איז איצט פאַרהייראַט מיט אַ געוויסן ק.

ק. איז געווען אַ רומענישער ייד פון יאַס. ער איז געווען אַ הויכער, יונגער מענטש, מיט אַ שיין־פאַרמירטן פּנים, אָבער ער האָט אַביסל אונטערגעהונקען און פלעגט תמיד גיין מיט אַ שטעקן. אַן אינטעליגענטער מענטש, געקענט עטלעכע שפּראַכן, און אַ קאָפּ פאַר געשעפטן האָט ער געהאַט, וואָס איז זעלטן צו טרעפן. ער פלעגט מאַכן מיליאָנען לעי אויף דער בירזשע. אָבער ווי געשווינד ער פלעגט מאַכן די מיליאָנען, האָט ער זיי נאָך שנעלער פאַרשווענדט. ער פלעגט קיינמאָל ניט פאָרן מיט דער באַן, נאָר מיט אַן אויטאָמאָביל. איז געווען זייער אַמביציעז, און האָט ער זיך אויף עפּעס פאַרלייגט, האָט ער עס געמוזט אויספירן.

ווען מיר האָבן געשפּילט אין יאַס אין 1916, איז ק. געווען דער ערשטער אין דער אַרמיי פון קלאַראַס פאַרערער. ער פלעגט אויסגעבן

גרױסע סומעס אױף פּרעזענטן פֿאַר קלאַראַן — די בינע פֿלעגט יעדע נאַכט זײַן ממש אײַנגעטונקען אין בלומען, װאָס ער האָט געשיקט. אָבער קלאַראַ האָט אים ניט געשענקט קײן באַזונדערע אױפֿמערקזאַמקײט. ער האָט זיך שטערבלעך פֿאַרליבט אין קלאַראַן און פֿלעגט אונדז נאָכפֿאָרן אין יעדער שטאָט, װאו מיר פֿלעגן שפּילן. און װען מיר זײַנען פֿון רומעניע צוריקגעפֿאָרן קײן אָדעס, איז ער אַהין אױך געקומען. װען ער האָט געזען, אַז קלאַראַ דערװידערט ניט זײַן ליבע, איז ער אַזױ קראַנק געװאָרן, אַז ער האָט געמוזט אַרײַן אין אַ סאַנאַטאָריום. ער האָט אַפֿילו אײנמאָל אױף איר געשאָסן.

— אָבער װי אַזױ האָסטו געקאָנט מיט אים חתונה האָבן, װען מיר זײַנען ניט געװען געגט? — האָב איך געשטױנט.

דאָ האָט מיר קלאַראַ דערצײלט די װײַטערע געשיכטע:

װען איך בין זיך מיט קלאַראַן צעגאַנגען, האָט ק.׳ס האָפֿענונג אָנגעהױבן װערן שטאַרקער. נאָר װען ער האָט געזען, אַז מיט מײַן שײדן זיך פֿון קלאַראַן איז זײַן לאַגע ניט בעסער געװאָרן, האָט ער צו איר געזאָגט:

— איצט זע איך, אַז אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן, אַז מײַן גאַנצע מי אײַך צו געװינען איז געװען אומזיסט. אָבער איך װיל זײַן אײַער אימפּרע־סאַריאָ, און איך לײג אײַך פֿאָר, אַז איר זאָלט פֿאָרן מיט אײַער סעקרע־טאַרקע קײן רומעניע. איר װעט באַקומען פֿאַר יעדער פֿאָרשטעלונג װיפֿל איר װעט װעלן. דערװײל גיב איך אײַך גלײַך אין פֿאָרױס 35 טױזנט לעי אַלס גאַראַנטיע.

קלאַראַ האָט אין יענער צײַט פֿון די פּאָגראָמען געװאָלט אַרױספֿאָרן פֿון רוסלאַנד, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אין ק.׳ס פֿאָרשלאָג. אין אױסלאַנד, האָט זי געטראַכט, װעט זי שױן װיסן װאָס צו טאָן. זי האָט גענומען איר סעקרעטאַרקע, בעלאַן, פֿאַרפּאַקט די זאַכן און זיך געלאָזט מיט אים קײן רומעניע. אָבער קומענדיק אױפֿן װאָקזאַל אין רומעניע, איז דאָס רענצל געלט מיט נאָך אַנדערע טײַערע זאַכן פּלוצים פֿאַרשװאונדן געװאָרן. קלאַראַ איז געבליבן אָן מיטלען, און ק. האָט איר װידער געגעבן אַביסל געלט אױף צו לעבן, ביז זי װעט אָנהײבן שפּילן.

מיט אַ צװײ װאָכן שפּעטער האָט ק. פֿאָרגעשטעלט פֿאַר קלאַראַן אַ מאַן, װעלכער האָט דערצײלט, אַז ער קומט אַקאָרשט פֿון אָדעס און ער װײסט, אַז דאָרט בין איך אין אַ פּאָגראָם דערהרגעט געװאָרן... דעמאָלט האָט זי מיט ק. חתונה געהאַט.

— בועז, — זאָגט קלאַראַ, — דו מוזט מיך איצט ראַטעװען. איך

מאַך אַ סך געלט אין רומעניע, אָבער ער [ק.] פֿאַרשפּילט עס, אָדער ער פֿאַרשווענדט עס. מיין געלט איז אויך זיינס...

— ראַטעווע מיך אַרויס! — האָט קלאַראַ זיך געבעטן ביי מיר.

מיר האָבן זיך ביידע צעוויינט.

ווען איך האָב איר דערציילט, אַז איך האָב אַ הונדערט טויזנט רובל רוסיש געלט, האָט זי מיך געוואָרנט, איך זאָל זיך ניט דערוועגן צו בייטן דאָס רוסישע געלט, ווייל מען וועט מיך אַרעסטירן אַלס אַ באָלשעוויק. זי וועט מיר געבן צען טויזנט לעי, איך זאָל פֿאָרן קיין ניו־יאָרק:

— דאָרט וועסטו טרעפֿן אונדזער קינד און וועסט שוין וויסן וואָס צו טאָן. איך האָף, אַז דו וועסט ניט פֿאַרגעסן אָן מיר...

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט אויגן פֿון דאַנקבאַרקייט און אויך מיט ליבע אין הארצן פֿאַר דער פֿאַרגאַנגענהייט...

— דו געדענקסט, קלאַראַ, די דריי טויזנט דאָלערדיקע פֿאַרזיכערונג־„פּאָלעסי״, וואָס איך האָב אַרויסגענומען אויף צוואַנציק־יאָר ביי יאָזעף באַראָנדעסן, ווען איך בין אין 1900 אַריין אין „פּיפּעלס״־טעאַטער אָן דיר?...

— און איצט, — זאָגט קלאַראַ זיפֿצנדיק, — איז סוף 1920. צוואַנציק יאָר... צוואַנציק יאָר...

אונדזערע ביידנס געדאַנקען האָבן דעמאָלט געוואַנדערט אויפֿן זעלביקן וועג פֿון די צוואַנציק יאָר...

— געדענקסט, בועז, די סצענע אין יוטיקאַ, מיטן קאָנצערט, ווען דו האָסט דעם וואַרשעווער ייד שיר ניט אויסגעהאַקט אָן אויג, ווען ער האָט געזאָגט אַ וואולגאַר וואָרט צו מיר? אויך דעמאָלט האָב איך דיך געבעטן זאָלסט באַלד אַוועקפֿאָרן, און איך וועל אונטערקומען. דעמאָלט זיינען מיר נאָך ביידע געווען שטאַרק פֿאַרליבט איינער אין אַנדערן...

ביי די ווערטער אירע האָב איך זיך מער ניט געקענט קאָנטראָלירן. טרערן האָבן דעמאָלט אָפּגעוואַשן דאָס לעצטע ביסל ביטערקייט צו איר, וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן אויף מיין נשמה...

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מאָרגן גאַנץ פֿרי זאָל איך פֿאָרן קיין בוקאַרעסט באַגייען דעם אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, און ווען איך וועל קומען קיין ניו־יאָרק, זאָל איך איר צושיקן צוויי שיפֿס־קאַרטן פֿאַר איר און פֿאַר דעם מיידל בעלאַ. אַזוי שנעל ווי זי וועט באַקומען די שיפֿס־קאַרטן, וועט זי אָפּפֿאָרן, אַז ק. זאָל ניט וויסן. זי האָט מיר געהייסן שרייבן קיין ווין, „פּאָסטרעסטאַנט״.

מיר האָבן זיך געזעגנט װי אַלטע, געטרײַע, איבערגעגעבענע פֿרײַנט.

װען איך בין צוריקגעקומען אויף דער קוואַרטיר נאָך מײַן געשפּרעך מיט קלאַראַן, האָב איך דערצײלט דעם מײדל, װאָס איז געװען מיט מיר, אַז איך פֿאָר אָפּ קײן בוקאַרעסט און פֿון דאָרט קײן אַמעריקע. איך האָב איר אָװעקגעגעבן דאָס גאַנצע רוסישע געלט, װאָס איך האָב מיט זיך גע־האַט און אויך אַ פּאָר הונדערט לײ.

דאָס מײדל האָט בלויז טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ: „מײַן האַרץ האָט עס מיר שוין פֿריער געזאָגט"...

איך פֿאָר קײן ניו־יאָרק

דער אַמעריקאַנער קאָנסול אין בוקאַרעסט האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ נײַעם פּאַספּאָרט אויף 60 טעג, — דאָס הייסט, אַז אין משך פֿון צװײ חדשים מוז איך שוין זײַן אין אַמעריקע. בין איך גלײַך אָפּגעפֿאָרן קײן פּאַריז.

דאָס ערשטע האָב איך זיך דאָרט געקויפֿט אַן אַנצוג און אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די „צװײ זעק", װאָס איך האָב זיך געמאַכט אין אָדעס.

אַרויסגעקומען פֿון יענעם כאַאָס, װאָס האָט דעמאָלט געהערשט אין רוסלאַנד, האָט פּאַריז אין מײַנע אויגן אויסגעזען נאָך שענער, רײַכער און באַקװעמער. איך האָב זיך געװאָלט אָפּנעמען פֿאַר די פּאָר יאָר, װאָס איך האָב אין רוסלאַנד מיטגעמאַכט און האָב אין פּאַריז זיך געלאָזט װאָוילגײן, ביז כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, אַז מײַן קעשענע איז לײדיק און איך האָב שוין ניט קײן געלט אויף צו קויפֿן אַ שיפֿס־קאַרטע קײן ניו־יאָרק... און דאָ גײט שוין באַלד אויס דער טערמין פֿון מײַן פּאַספּאָרט און איך קען נאָך װערן אויס אַמעריקאַנער בירגער און מוזן פֿאַרבלײַבן אין אײראָפּע...

איך האָב זיך דעמאָלט געפֿונען אין אַ פֿאַרצװײפֿלטער לאַגע — צו װעמען זיך װענדן אין אַמעריקע, מען זאָל מיר טעלעגראַפֿיש אַרויסשיקן אַ שיפֿס־קאַרטע? איך האָב אין מײַנע געדאַנקען געזוכט מענטשן אין אַמעריקע, צו װעמען זיך צו װענדן נאָך הילף, אָבער אַװעקזײַענדיק זיבן יאָר פֿון אַמעריקע, האָבן מיר אַלע אויסגעקוקט װי פֿרעמדע און קײן אַד־רעסן האָב איך ניט געהאַט.

מיטאַמאָל איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק די ייִדישע אַקטיאָרן־יוניאָן, װאָס איך בין געװען בײַ איר גרינדונג און בין שוין אַ מיטגליד אַזױ פֿיל יאָרן. און איך האָב טאַקע טעלעגראַפֿירט צו דער יוניאָן אויף 108 סעקאַנד עװעניו.

צוריקגייענדיק פֿון טעלעגראַפֿן־אַמט, בין איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן אויפֿן „פּלעצל" (אַ יידישע געגנט אין פּאַריז) וואוהין יידישע אַקטיאָרן פֿלעגן אַריינקומען שמועסן און אַמאָל אויך דאָרט עסן. איך האָב זיי דער־ציילט מיין לאַגע: אַז איך האָב טעלעגראַפֿירט צו דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן אין ניו־יאָרק, אַז מען זאָל מיר טעלעגראַפֿיש אַרויסשיקן אַ שיפֿס־קאַרטע, און איך זאָג זיי, אַז אויב די יוניאָן וועט מיר ניט אַרויסשיקן גלייך קיין שיפֿס־קאַרטע טעלעגראַפֿיש, וועל איך מוזן בלייבן אַ פּאַריזער איינ־וואוינער...

— איר ווילט פֿאָרן קיין ניו־יאָרק? — רופֿט זיך אָן אַ יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן ביי אַ צווייטן טיש — איך וועל אייך געבן צוויי הונדערט דאָלאַר.

איך קוק אָן דעם יונגנמאַן — ער איז מיר אינגאַנצן פֿרעמד. ער באַמערקט מיין פֿאַרוואונדערונג און זאָגט:

— איר, מ״ר יאָנג, קענט מיך ניט, אָבער איך אייך קען זייער גוט. איך ווייס, אַז איר וועט מיר אָפּגעבן אַזוי שנעל ווי איר וועט קומען קיין ניו־יאָרק. איך וועל אייך געבן מיין אַדרעס אין ניו־יאָרק. ווען עס וועט אייך זיין באַקוועם, זאָלט איר די צוויי הונדערט דאָלאַר אָפּגעבן מיין פֿרוי, אויב איך וועל נאָך דעמאָלט ניט זיין צוריק אין ניו־יאָרק.

און ער האָט טאַקע גלייך אויפֿן אָרט אַרויסגעשלעפּט דאָלאַרן פֿון טייסטער.

איך האָב געקוקט אויף אים מיט פֿאַרוואונדערונג, און די פּאַריזער אַקטיאָרן, וועלכע זיינען דערביי געזעסן, האָבן געשמייכלט, ווי איינער רעדט: עפּעס אַ משוגענער... אָבער ווען דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבן ציילן דאָס געלט, האָבן די אַקטיאָרן געקוקט מיט פֿאַרוואונדערונג און איך האָב געשמייכלט...

— איידער איך נעם ביי אייך דאָס געלט, — זאָג איך צום יונגנמאַן — זאָלט איר מיר זאָגן אייער נאָמען.

ער האָט מיר געזאָגט, און איך האָב פֿאַרשריבן זיין אַדרעס אין ניו־יאָרק.

— עס איז ניטאָ קיין גרעסערע גוטסקייט, — האָב איך אים דערביי געזאָגט, — ווי ווען מען טראָגט זי אונטער צו אַ מענטשן, וועלכן מען קען ניט. נאָך אַלעמען, קענט איר דאָך מיך נאָר פֿון דער בינע...

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך דאָס ערשטע געלט אָפּגעגעבן זיין פֿרוי. אָבער נאָך זייענדיק אין פּאַריז, האָב

איך אויך באַקומען אַ שיפֿס־קאַרטע, געשיקט פֿון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן. איך האָב זיי די שיפֿסקאַרטע גלייך צוריקגעשיקט. כ'האָב געוואָלט אויסמיידן עפּעס צו נעמען ביי דער יוניאָן... קנאַפּע פֿופֿציק יאָר בין איך אַ מיטגליד פֿון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן און קיינמאָל ניט גענומען עפּעס פֿון איר. איך צאָל נאָך מיינע „דיוס" (יוניאָן־אָפּצאָל) ביזן היינטיקן טאָג.

אויף דער שיף קיין ניו־יאָרק האָב איך געטראָפֿן די באַקאַנטע „יינגל־שפּילערין" בעטי קעניג מיט איר מאַן, דעם סופֿלאָר מאָריס קעניג. בעטי איז געווען ביי מיר אין וואַרשע אין דעם קאַמינסקי־טעאַטער אין כאַר. און ווען זי איז אַוועק, האָט זי אָנגעהויבן שפּילן אַלע יינגלשע ראָלן, וואָס קלאַראַ יאַנג האָט געשפּילט, און — עס איז געגאַנגען ביי איר אַ גאַנג... דעם „קליינעם קעניג" מיט דעם גרויסן זכרון פֿלעג איך אויסמיידן צו אָנגאַזשירן אַלס סופֿלאָר, ווייל ווען „זיין מאַיעסטעט דער קעניג" האָט נאָר איין מאָל סופֿלירט אַ פּיעסע פֿאַר מיר, האָב איך זיך באַדאַרפֿט בוקן פֿאַר אים, ער זאָל די פּיעסע ניט איבערשרייבן פֿון זכרון... זייענדיק מיט בעטי קעניג אויף דער שיף, האָב איך איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט אויפֿטרעטן אין ניו־יאָרק.

איך האָב מיין וואָרט געהאַלטן. ווען איך בין אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, האָב איך אויפֿגעפֿירט מיט איר אינעם סעקאַנד עוועניו־טעאַטער „כאַצקעלע כל־בוניק". דער דעמאָלטיקער מענעדזשער יאָלעסע עדעלשטיין האָט מיר דערפֿאַר געגעבן אַ הונדערטער. דאָס איז געווען דער ערשטער הונדערטער, וואָס איך האָב פֿאַרדינט אין מיין ניי־אַלטער אַמעריקע.

איך האָב דעמאָלט געשריבן זעקס אַרטיקלען אין „טאָג", פֿאַר וועלכע דער דעמאָלטיקער אַרויסגעבער פֿון דער צייטונג, מ"ר פֿאַליי, האָט מיר געגעבן פֿופֿציק דאָלאַר. און דאָס איז געווען דאָס ערשטע געלט, וואָס איך האָב פֿאַרדינט פֿון שרייבעריי.

שפּעטער האָט דער טעאַטער־אַגענט עדווין רעלקין פֿאַר מיר אַראַנזשירט אַ ריי פֿאַרשטעלונגען אויף דער פּראָווינץ.

קיינער איז ניט אַזוי טויט, ווי אַ טויטער אַקטיאָר

אויסגעפֿעלט פֿון אַמעריקע זיבן־אַכט יאָר, האָב איך אין אָנפֿאַנג 1921 געטראָפֿן אַ גרויסע ענדערונג אין דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, — און צום גוטן, — אַחוץ די דריי געזאַלבטע קעניגן פֿון דעם אַמאָליקן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס האָבן געהערשט אין מיין צייט:

דעם ערשטן, יעקב פּ. אַדלערן, האָט די נאַטור געצוואונגען צו רעזיגנירן; דעם צווייטן, באָריס טאָמאַשעווסקין, האָט די צייט געלאָזט וויסן, אַז ער דאַרף באַלד רעזיגנירן; דעם דריטן (אייגנטלעך דעם ערשטן), דוד קעסלערן, האָט דער גרויזאַמער טויט אַראָפּגעשלעפּט פֿון זיין שוין וואַקלענדיקן טראָן...

פֿון זייערע „גענעראַלן", וואָס האָבן אַמאָל קאָמאַנדעוועט מיט דער „שווערער אַרטילעריע", ווי מאָריס מאָשקאָוויטש, לעאָן בלאַנק און איך — האָבן די ערשטע צוויי רעוואָלטירט קעגן זייערע קעניגן און „אַליין זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן טראָן", און איך, וואָס איך בין געפֿאָרן קיין אייראָפּע איינצונעמען נייע לענדער און זיך דאָרט דערקלערט פֿאַר אַ קעניג, האָב אַליין מיטן גוטן ווילן, רעזיגנירט — צוליב אַ פֿרוי...

און אפֿשר איז דער טראָן פֿון „סטאַריזם" גאָרניט אַזאַ מציאה — און אָפֿט ברענגט עס צו קבורה פֿון אַקטיאָרס טאַלאַנט... ווי דער קלוגער אַסיפּ דימאָוו האָט געזאָגט אויף אַ געוויסן סטאַר: „געווען אַ גוטער אַקטיאָר, איז ער נעבעך געוואָרן אַ סטאַר"...

ביי אַדלערס אָנהויב פֿון זיין ירידה בין איך ניט געווען אין אַמעריקע. ווען איך בין צוריקגעקומען פֿון אייראָפּע, בין איך געגאַנגען אים זען שפּילן „קעניג ליר" (אַ בענעפֿיט פֿאַר איינעם פֿון זיין פֿאַמיליע), — די זעלבע פּיעסע, וואָס איז געווען דער ערשטער שריט צו זיין גאָלדענער עפּאָכע און פֿון יידישן טעאַטער בכלל. איך בין דערשטוינט געוואָרן, זעענדיק אים אויף דער בינע. ער איז געזעסן די גאַנצע צייט אויף איין פּלאַץ, מען האָט אים קוים געהערט רעדן; מען האָט געקענט באַמערקן, אַז אַ האַלבער קערפּער איז ביי אים פּאַראַליזירט. אַלץ איז דעמאָלט שוין געווען פֿון אים פֿאַרשוואונדן, נאָר איינס איז ביי אים נאָך פֿאַרבליבן: דאָס שיינע ליכטיקע פּנים זיינס. דער „אַדלער־חן" האָט אַרויסגעשיינט פֿון אונטערן גרים און מען האָט געקוקט אויף אַדלערן, און ניט אויף דעם „קעניג ליר"...

און ווען איך בין נאָך דעם ערשטן אַקט אַרויף צו אים אין גאַרדעראָב־צימער צו געבן שלום־עליכם מיין אַמאָליקן רבין און געוועזענעם „גאָט", האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט — ער האָט זיך געשעמט פֿאַר מיר מיט זיין איצטיקן שפּילן אַלס קעניג ליר...

— וואָס ווילן זיי איצט פֿון מיר מיטן שפּילן? — האָט ער זיך געקלאָגט.

אין זיינע טרערן איז געלעגן חרטה פֿון אַן אויסברעגנעגעריש פֿאַר־לאָפֿן לעבן...

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אַדלערן געזען ביי דער גרינדונג פֿון דער יידיש־ענגלישער גילד־סאָסייעטי, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין איינעם פֿון די בראָדוויער טעאַטערס. עס איז דעמאָלט געווען פֿאַרזאַמלט אין טע־אַטער כמעט די גאַנצע יידיש־ענגלישע טעאַטער־פּראָפֿעסיע — קענטאָר, דזשאָלסאָן, דזשעסל, הודיני און נאָך און נאָך — אויך אַלע יידיש־ענגלישע מענעדזשערס, מיט הערריס אַלס פֿאָרזיצער.

אינמיטן פֿון אַ רעדע איז אַדלער אַריינגעקומען אין טעאַטער (מען האָט אים שוין אונטערגעפֿירט). ווען דאָס אַרטיסטישע פּובליקום האָט אים דערזען, האָבן זיי זיך אַלע געטאָן אַ הויב אויף פֿון זייערע פּלעצער און האָבן אים באַגלייט מיט אַ דונער־אַפּלאָז ביז אויף דער בינע אַרויף. און ווען מען האָט דערזען זיין מאַיעסטעטישע פֿיגור, דעם ווייסן קאָפּ מיט דעם נאָך ווייסערן פּנים, איז דער אַפּלאָז געוואָרן נאָך שטאַרקער. דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פֿאַר זיין לאַנג־יעריקער קאַריערע אַלס אַרטיסט. איך דענק, אַז יענער אַפּלאָז איז געווען דער לעצטער, גאָר־גאָר גרויסער, אין זיין לעבן אַלס קינסטלער.

אין 1926, ווען איך בין געווען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און האָב גע־שפּילט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך דאָרט געלייענט אין דעם מאָסק־ווער „עמעס", אַז אין ניו־יאָרק איז געשטאָרבן דער גרעסטער אַמעריקאַ־ניש־יידישער אַרטיסט יעקב פּ. אַדלער.

און דאָ קומט מיר אויפֿן זינען, וואָס די באָבע פֿון דזשאָן באַרימאָר האָט געזאָגט: אַקטיאָרן זיינען ווי כוואַליעס — זיי דערהויבן זיך צו אַ געוויסער הויך, רוישן און מאַכן אַ טומל, קומען אָן מיט אַ שנעלקייט און אימפּעט, — און דערנאָך ווערן זיי צעגאַנגען, צעשוואומען, פֿאַרגעסן. ווער געדענקט אַ כוואַליע, וואָס צעברעכט זיך. און ווי האָט דזשאָזעף דזשעפֿערסאָן געזאָגט: — קיינער איז ניט אַזוי טויט, ווי אַ טויטער אַק־טיאָר.

מיין לעצטע ראָלע ווי אַ דירעקטאָר אין ניו־יאָרק

ווען איך בין נאָך געווען אין רוסלאַנד, האָב איך געדענקט, אַז ווען איך וועל צוריקקומען קיין אַמעריקע, וועל איך מאַכן אַן איבערקערעניש אין יידישן טעאַטער. איך וועל אויפֿפֿירן פּרץ הירשביינס פּיעסן „אַ פֿאַר־

וואָרפֿן ווינקל", "די פּוסטע קרעטשמע", קאַברינס "יענקל בוילע" און גאַנץ נייע רוסישע פּיעסן, וואָס איך האָב מיר איינגעשאַפּט אין רוסלאַנד. איך האָב גערעכנט צו ברענגען דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע אַ "נייע תורה", וואָס זאָל "מאַכן עפּאָכע".

אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב געטראָפֿן אַ יידיש קונסט־טעאַטער, אַנגעפֿירט פֿון מאָריס שוואַרץ, וועמען איך האָב אין ניו־יאָרק פֿאַר מיין אַוועקפֿאָרן איבערגעלאָזט ווי אַן אומבאַדייטנדיקן שוישפּילער. אמת, איך האָב געלייגט זייער פֿיל האָפֿענונג אויף אים, אָבער אַז ער זאָל זיך גאָר פֿאַרקירעווען אויף אַזאַ וועג, האָב איך דעמאָלט ניט געדענקט.

די אַלע פּיעסן, וואָס איך האָב געהאַט בדעה אין ניו־יאָרק אויפֿצופֿירן, האָט מען שוין לאַנג געהאַט אָפּגעשפּילט. שוואַרץ האָט שוין געהאַלטן ביי שלום־עליכמען. ער האָט דעמאָלט געשפּילט "טביה דער מילכיקער", "שווער צו זיין אַ ייד", אויך דעם וועלט־רעפּערטואַר — האָב איך זיך צוריק גענומען צו דער אָפּערעטע.

אין 1900, ווען דער גרינדער פֿון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, יאָזעף באַראַנדעס, איז צו מיר צוגעקומען, איך זאָל אַרויסנעמען ביי אים אַ פֿאַרזיכערונג אויף צוואַנציק יאָר, האָט ער גענוג געשוויצט ביז איך האָב איינגעוויליקט. צוואַנציק יאָר! ווער ווייסט, וואָס אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט זיין, — האָב איך געטראַכט. אָבער אַזוי ווי יעדער אַקטיאָר איז דעמאָלט באַראַנדעסן געווען שולדיק אַ חוב, האָב איך איינגעשטימט און אַרויסגענומען די "פּאָליסי".

ווען איך בין געקומען צוריק קיין ניו־יאָרק אין 1920, האָב איך אָפּגענומען די דריי טויזנט דאָלאַר, און ווען דער מאַן פֿון דער "עקוויטיבל־קאָמפּאַני" האָט מיר געראָטן איך זאָל ווידער זיך פֿאַרזיכערן ביז 1940, האָב איך אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם — ווער ווייסט צי איך וועל גאָר לעבן אין 1940? און כ'האָב מיך טאַקע ניט פֿאַרזיכערט. איצט, אין 1949, דענק איך, אַז עס וואָלט אפֿשר געווען אַ פּלאַן, איך זאָל זיך פֿאַרזיכערן ביז 1969 — אויב מען וואָלט מיר נאָר אַרויסגעגעבן אַזאַ פֿאַרזיכערונג...

אין ניו־יאָרק האָב איך איצט געהאַט צוויי פֿאָרשלאָגן:

יאָסעלע עדעלשטיין פֿון סעקאַנד עוועניו־טעאַטער האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן 550 דאָלאַר אַ וואָך פֿאַר קלאַראַן און פֿאַר מיר, און "ראָיאַלטי" פֿאַר מיין פּיעסע, אין וועלכער מיר וועלן דאַרפֿן אויפֿטרעטן.

דער צווייטער פֿאָרשלאָג איז געווען, איך זאָל ווערן אַ שותּף צו וויל־

יאַם ראָלאַנד, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט גענומען דאָס „ליבערטי"־טעאַטער אין בראָנזוויל, ברוקלין.

איך האָב מיט וויליאַם ראָלאַנד זיך דורכגערעדט. ער האָט געמאַכט אַ געווינטשטן איינדרוק אויף מיר און איך האָב מיט פאַרגעניגן איינגעשטימט.

אין יענער צייט האָט קלאַראַ יאַנג געשפּילט אין ווין. זי איז אין געהיים אַוועק פון ק., מיר האָבן איר געשיקט טויזנט דאָלאַר און זי איז געקומען קיין ניו־יאָרק מיט בעלאַ. אין דעם זעלבן סעזאָן איז אויך געקומען קיין ניו־יאָרק ק., און ווען ער האָט געזען, אַז קלאַראַ איז פאַר אים פאַרפאַלן אויף אייביק, האָט ער זי אָפּגעגט.

ווען איך בין נאָך געווען אין „טהאַליאַ"־טעאַטער מיט קעסלערן און ווילנערן, איז צו מיר צוגעקומען אַ טאַטע מיט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צוועלף, קליין־געוויקסיק מיט אַ פּנימל ווייס ווי שניי.

ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס פאַר אַ שטים ער האָט, האָט מיר דער קליינער שלומל געענטפערט, לאַכנדיק ווי אַ קאָזעלע:

— דער טאַטע זאָגט, אַז איך האָב אַ סאָפּראַן.

שלומל האָט דעמאָלט געדאַוונט אַ שבת אין „טהאַליאַ"־טעאַטער און אויסגענומען ביז גאָר.

אָט דאָס ייִנגעלע שלומל, וואָס איז אויסגעוואַקסן ווי איינער פון די פּאָפּולערסטע קאָמפּאָזיטאָרס ביים ייִדישן טעאַטער, וועלכער איז איצט דער פּרעזידענט פון דעם ייִדישן קאָמפּאָזיטאָרן־פאַראיין, האָלט לעקציעס אין די אוניווערזיטעטן איבער ייִדישער מוזיק — שלום סעקונדע — האָבן מיר דעמאָלט אַנגאַזשירט פאַר דעם „ליבערטי"־טעאַטער ווי אַ דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר פאַר מיין קאָמעדיע „דזשייקעלע בלאָפער" מיט קלאַראַ יאַנג אין דער טיטל־ראָלע.

דער באַקאַנטער דרוקער פון דער „טריאַ־פּרעס" און ליריק־שרייבער פאַרן ייִדישן טעאַטער, לואיס מאַרקאָוויטש, האָט מיך לעצטנס דערמאָנט, אַז שוין דער אָפּיש האָט געמאַכט דעמאָלט אַ גרויסן „סוקסעס" ביים עולם — עס איז געווען דער ערשטער אָפּיש ביים ייִדישן טעאַטער, וואָס איז געווען געדרוקט אין פיר קאָלירן.

די קאַסע פון דער ראש־השנהדיקער וואָך האָט אַריבערגעשפּאַנט אַלע איינגאַמעס פון די ניו־יאָרקער טעאַטערס. די פּיעסע „דזשייקעלע בלאָפער" איז געגאַנגען פערצן וואָכן. שלום סעקונדעס מוזיק איז געווען אַ גאָר בייע דערשיינונג.

איך האָב אין יענעם סעזאָן אין „ליבערטי"־טעאַטער אויפֿגעפֿירט די פּיעסן פֿון ישראל ראָזענבערג: „בערעלע טרעמפּ" און „דעם פֿאַרמערס טאָכטער", און די אייראָפּייאישע אָפּערעטן „דאָס האָלענדער ווייבכען", „שושנה", „דאָס אונגאַרישע מיידל".

דורך פֿאַרשיידענע אורזאַכן איז ראָלאַנד געווען געצוואונגען איבער־צוגעבן דאָס „ליבערטי"־טעאַטער פֿאַרן סעזאָן 1923—1922. יענער סעזאָן איז געווען דער לעצטער, וואָס איך האָב פֿיגורירט אין ניו־יאָרק ווי אַן אַקטיאָר־מענעדזשער.

סעזאָן 1923—1922 אין טאָראָנטאָ

אין סעזאָן 1923—1922 בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

טאָראָנטאָ האָט דעמאָלט שטאָלצירט מיט דעם נייעם „סטענדאַרט"־טעאַטער, וואָס איז ספּעציעל געבויט געוואָרן פֿאַר יידישע פֿאָרשטעלונגען. טעאַטערס, ספּעציעל געבויט פֿאַר יידישע פֿאָרשטעלונגען, האָט ביז דע־מאָלט געהאַט נאָר ניו־יאָרק: אין 1903 איז פֿאַרטיק געוואָרן דאָס „גרענד"־טעאַטער, אין 1911 — דאָס סעקאָנד עוועניו־טעאַטער, און אין 1912 — דאָס „נעשאָנעל"־טעאַטער. שפּעטער איז געבויט געוואָרן דאָס „פּאַרק־וועי"־טעאַטער, דאָס „פּאַבליק"־טעאַטער און דאָס „יידישע קונסט־טעאַ־טער" („פֿאָלקס־טעאַטער"). אויף דער פּראָווינץ אָבער איז ביז דעמאָלט ניט געשען אַזאַ נס. האָבן זיך טאַקע די יידישע טרופּעס אויף דער פּראָ־ווינץ געפֿילט ווי אין אַן אַכסניה, וואו מען דינגט אַ צימער אויף איבער־צונעכטיקן... און ווען עס איז שוין געלונגען צו דינגען אַ שיין טעאַטער אויף דער פּראָווינץ, האָט מען דאָרט געשפּילט אָן ספּעציעלע דעקאָראַ־ציעס און מעבל. האָט איר, למשל, געקענט זען אויף דער פּראָווינץ־בינע אַ פּאַלאַץ, וואָס די ענגלישע טרופּע האָט פֿריער געניצט פֿאַר „האַמלעט", און די יידישע טרופּע האָט דעם זעלבן פּאַלאַץ געניצט פֿאַר ר' זיסל קריינעס אַ שטוב אין גאָרדינס „די שחיטה"...

אין טאָראָנטאָ האָט מען פֿריער געהאַט געשפּילט יידיש טעאַטער אין אַן אַלטער, אָפּגעלאָזענער קירך, וואָס מען האָט פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַזוי גערופֿענעם טעאַטער. אָבער ווען דאָס נייע טעאַטער איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט טאָראָנטאָ שטאָלצירט קעגן אירע שוועסטער־שטעט אויף דער פּראָ־ווינץ און זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען אַפֿילו קעגן די ניו־יאָרקער יידישע טעאַטערס מיט זיין שיינקייט, גרויסקייט און באַקוועמלעכקייט.

געשען איז דאָס דורך דער איניציאַטיװ פֿון דעם טעאַטער־מענעדזשער אַברהם ליטמאַן, און מיט דער שטיצע פֿון צװײ טאָראָנטער באַלעבאַטים, איזידאָר עקסלער און טשאַרלי פּאַסטערנאַק. (שפּעטער האָט ליטמאַן גע־בױט אַלײן אַ טעאַטער אין דעטראָיט). דאָס בױען פֿונעם טעאַטער האָט געדױערט איבער צװײ יאָר, און נאָך גרױס מי און פֿילע שװעריקײטן, איז עס ענדלעך פֿאַרטיק געװאָרן אין 1922 (דער אַרכיטעקט פֿון טעאַטער איז געװען דער יונגער בנימין ברױן און די געבײדע האָט אָפּגעקאָסט אין די הונדערטער טױזנטער דאָלאַרן).

בײַם חנוכּת־הבית פֿון דעם טעאַטער האָבן זיך די טאָראָנטער ייִדן משמח געװען װי אױף אַן אײגענער שמחה. אױף דער געבײדע פֿון טעאַטער האָבן געפֿלאַטערט צװײ גרױסע ציוניסטישע פֿאָנען און אין מיטן — די קאַנאַדער פֿאָן. ניט געקוקט אױף די הױכע פּרײַזן (דרײַ דאָלאַר אַ בילעט) זײַנען אַלע פּלעצער צום חנוכּת־הבית אױספֿאַרקױפֿט געװאָרן מיט אַ פּאָר טעג פֿריער. אַכט אַזײגער אין אָװנט האָט זיך אָנגעהױבן די צערעמאָניע. דער כאָר האָט געזונגען די „התקוה" און דאָס קאַפּיטל „מזמור שיר חנוכּת", דערנאָך האָט דער פֿאָרזיצער, קאָנסילאָר (אַדװאָקאַט) זינגער, פֿאָרגע־שטעלט דעם מעיאָר פֿון טאָראָנטאָ, מ"ר מעקװאַיער, װעלכער האָט גע־האַלטן אַ רעדע און האָט אַ נאָמען געגעבן דעם טעאַטער "דהי סטאַנדאַרט טעאַטער"...

צו דער דערעפֿענונג פֿון טעאַטער האָט מען דעמאָלט געשפּילט אַנשל שאָרס נײַע פּיעסע „אַן אױג פֿאַר אַן אױג" (די פּיעסע האָט גאָרניט גע־פּאַסט צו דער געלעגנהײט). די טרופּע איז דעמאָלט באַשטאַנען פֿון די פֿרױען פּאַסקעװיטש, פּרענק, סקולניק, גראָפּער, רײַץ; און פֿון די מענער דזשעק קאָהן (װעלכער איז געװען דער ערשטער ליבהאָבער אין דער טרו־פּע און דער „באַראַטונגס־מיניסטער" פֿון דעם מענעדזשמענט), מנשה סקולניק, לײזער ראָזענשטײן, רײַץ, בועז יאָנג. עס פֿלעגן אױך אָנטײל נעמען אין די פֿאָרשטעלונגען די צװײ אײביק־געשװאױרענע פֿרײַנט: ישׂראל מאַנדעל און שמעון ראַסקין. די מענעדזשערס זײַנען געװען עקסלער און פּאַסטערנאַק.

נאָך דער פֿאָרשטעלונג איז פֿאָרגעקומען אַ באַנקעט (דאָס איז שױן געװען דער דריטער באַנקעט, זינט די טרופּע איז געקומען), צו װעלכן עס איז אױך אײַנגעלאַדן געװאָרן די פּרעסע. אין די רעדעס האָט מען אױס־געדריקט דאַנקבאַרקײט צו די דירעקטאָרן און אַ. ליטמאַנען פֿאַר דער

גרויסער מתנה, וואָס זיי האָבן געגעבן דער יידישער באַפעלקערונג פון טאָראָנטאָ.

דער דעמאָלטדיקער רעדאַקטאָר פון דער טאָראָנטער צייטונג „יידישער זשורנאַל", וואו איך האָב אויך פון צייט צו צייט געשריבן וועגן טעאַטער, ריינוויין, האָט אין זיין רעדע געוואָרנט די אַקטיאָרן, אַז טאָראָנטאָ פאַרמאָגט אַ גרויסן טייל פון יידישע אינטעליגענטן, מיט וועלכע דאָס נייע טעאַטער וועט זיך דאַרפן רעכענען, און ער האָפט, אַז טאָראָנטאָ וועט ניט נאָר האָבן אַ שיינעם טעאַטער, נאָר אויך אַ שיינע בינע...

דער איצטיקער גרעסטער פאָרדינער ביים יידישן טעאַטער, מנשה סקולניק, האָט אין דער דערעפענונג געשפילט אַ „פאַט־ראָלע". די הויפט־אַרבעט זיינע איז באַשטאַנען אין זינגען און טאַנצן מיט דער סוברעטין, און ער איז שרעקלעך דורכגעפאַלן ביי די אַקטיאָרן און נאָך מער ביים פובליקום. די דירעקטאָרן האָבן אים געוואָלט אַוועקשיקן און שרייבן צו דער יוניאָן, מען זאָל זיי שיקן אַ צווייטן אויף זיין אָרט. (ווי עס ווייזט אויס, איז דער גורל פון פיל טאַלאַנטן, אַז זיי זאָלן דורכפאַלן ביי זייערע ערשטע טריט אויף דער בינע). אָבער באַלד, ביי דער צווייטער פיעסע, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אויפגעפירט, אין וועלכער סקולניק האָט געשפילט אַ כאַראַקטער־ראָלע, האָט מען געזען גאָר אַ נייעם קאָמיקער, אַ נייעם מנשה סקולניק... איך גרויס זיך נאָך היינט מיט דעם, וואָס איך בין אפשר געווען דער ערשטער אים פאָרויסצוזאָגן אַ גרויסע קאַריערע ביים טעאַטער.

יענעם סעזאָן האָבן אַקטיאָרן אין טאָראָנטאָ אויך געפייערט מיינעם אַ 25־יעריקן יובילײ פון זיין אויף דער יידישער בינע, און איך מוז איצט בעטן דאָס טאָראָנטער פובליקום זאָל מיר מוחל זיין פאַר יענער גרויסער „יאָרן־גנבה"...

מיט מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער

אַ סעזאָן שפעטער, 1923—1924, בין איך אָנגעקומען אין שוואַרצס קונסט־טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם „גאַרדען"־טעאַטער. שוואַרץ האָט דעם סעזאָן אויפגעפירט „שבתי צבי" און איך האָב באַקומען די ראָלע פון דעם פוילישן ייד.

ווען איינער איז אַ גוטער בעל־מלאָכה, איז ער שטענדיק גוט. אַנדערש ביי שוישפילעריי. אַן אַקטיאָר קען היינט זיין גרויס אין אַ ראָלע און מאָרגן אין אַ צווייטער ראָלע זאָל ער זיין גאָר שלעכט, בפרט ווען די

ראָלע פּאַסט אים ניט, „ליגט ניט אויף אים”, ווי מען זאָגט אויף טעאַטער־לשון.

די ראָלע פון פּוילישן ייד אין „שבתי צבי” „איז געלעגן אויף מיר”, און שוואַרץ האָט מיר געמאַכט גרויסע קאָמפּלימענטן פאַר דער ראָלע.

די זעלבע ראָלע האָט שפּעטער געשפּילט מיט שוואַרצן אין אייראָפּע איינער פון די שפּעטער גרעסטע ענגלישע בינע־ און פילם־קינסטלער מוני ווייזענפריינד (פּאָול מוני). נאָך זיין שפּילן האָט מיר שוואַרץ געמאַכט נאָך אַ גרעסערן קאָמפּלימענט. ווען אַ שוישפּילער מאַכט דערפאָלג ביי אַקטיאָרן, מיינט עס פאַר אים מער, ווי דאָס פּובליקום זאָל אים אָן אָן אויפהער אַפּלאָדירן, און אַ קאָמפּלימענט פון אַן אַקטיאָר־מענעדזשער מיינט פאַר אים דאָס טאָפּלטע. ווען איך אַליין בין געווען אַ טעאַטער־דירעקטאָר און אַן אַקטיאָר איז מיר געפעלן געוואָרן אין אַ ראָלע, האָב איך אים ניט נאָר געמאַכט קאָמפּלימענטן, — איך האָב אים ביים אויסצאָלן די גאַזשע אַריינגעלייגט אין קאָנווערט אַ פּאָר רובל מער, ער זאָל זיך קויפן אַ פּרע־זענט, און אין קאָנווערט האָב איך אויך שטענדיק אַריינגעלייגט אַ צעטעלע מיט אַ צושריפט: „פּרואוו ניט מאָרגן נאָך בעסער צו שפּילן די ראָלע, ווייל איך וועל דאַרפן דעם פּרעזענט צוריקנעמען”...

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין שטאָלץ געווען מיט די קאָמפּלימענטן.

איך ווער ווידער געצוואונגען אַוועקצופאָרן קיין אייראָפּע

איך האָב איצט געהאַט באַשלאָסן מער ניט צו פאָרן קיין אייראָפּע, — גענוג געווען פאַר דער וועלט קלאַראַ יאַנגס מאַן... איך בין איצט אין דער עלטער — האָב איך געטראַכט — ווען אומשטענדן פירן דערצו, אַז אַ מאַן דאַרף זיין פאַרהייראַט. און איך האָב גערעכנט צום צווייטן מאָל חתונה צו האָבן.

איך האָב מיך געוואָלט באַקענען מיט אַ פּריוואַטער פרוי, ניט קיין אַקטריסע, און אָנפאַנגען פירן אויפסניי אַ פאַמיליע־לעבן. אָבער אַנדערע אומשטענדן האָבן מיך געשטויסן קיין אייראָפּע, דאָרט וואו קלאַראַ יאַנג האָט זיך דעמאָלט געפונען. און געשטויסן מיך דערצו האָבן מיינע אייגענע יוניאָן־ברידער. אויף די ליפּן ברענען האַרבע, ביטערע ווערטער — אָבער אייניקע פון זיי זיינען שוין טויט און מיט די לעבעדיקע בין איך געוואָרן צוריק פריינט... איז בעסער אַמאָל ביי זכרונות־שרייבן צו פאַרגעסן עפּעס...

ווען איך בין שוין געווען אויף דער שיף, האָב איך באַקומען בלומען

פֿון די זעלבע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן מיך געמאַכט צו פֿאַרלאָזן אַמעריקע. איך האָב מיך געוואונדערט... מיט זעקס יאָר שפּעטער, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, האָט איינער פֿון זיי מיר געזאָגט, אַז געשיקט די בלומען האָט מיר די עקזעקוטיווע פֿון דער יוניאָן, ווייל — זיי ווערן פֿון מיר פּטור...

אין וואַרשע זיינען באַלד צו מיר געקומען דירעקטאָרן און מיך גע־פֿרעגט, אויב איך האָב געבראַכט עפּעס „סחורה" פֿון אַמעריקע (פּיעסן הייסט עס). אויף דער שיף האָט מיר אַן אַקטיאָר, וועלכער איז געפֿאָרן קיין רומעניע, פֿאַרקויפֿט אַ קאָפּיע פֿון משה שאָרס פּיעסע „די רומענישע חתונה". די פּיעסע האָב איך אויפֿגעפֿירט אין וואַרשע אין קאַמינסקיס טע־אַטער מיט אַ צווייט־קלאַסיקער טרופּע, און דאָך איז זי געווען אַ קאַלאָסאַ־לער דערפֿאָלג. משה שאָרס „רומענישע חתונה" איז געגאַנגען אין וואַרשע פֿינף הונדערט מאָל... איך האָב די פּיעסע אויך אויפֿגעפֿירט אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט. אַ דירעקטאָר האָט זיך פֿאַר מיר שפּעטער אויס־געדריקט: „ווען איר קומט ניט מיט דער 'רומענישער חתונה', וואָלט זיך אין פּוילן דאָס יידישע טעאַטער געווען פֿאַרמאַכט". אַזוי שלעכט זיינען געווען די געשעפֿטן.

איך וויל באַמערקן, אַז ליידער האָב איך ניט געהאַט מיט זיך די גאַנצע פֿיינע מוזיק, וואָס דער אויסגעצייכנטער מוזיקער פּרץ סאַנדלער האָט צו דער אָפּערעטע געשריבן. האָב איך, צווישן אַנדערע נומערן, אַריינ־געשטעלט אין דער פּיעסע צוויי לידער פֿון דעם קראָקעווער פֿאָלקס־זינגער, דעם קדוש, געבירטיג: „קינדער־יאָרן" און „הוליעט, הוליעט קינדערלעך" און נאָך אַנדערע מוזיק. די צוויי לידער זיינען דעמאָלט צום ערשטן מאָל געהערט געוואָרן און יידן אין גאַנץ פּוילן האָבן מיט זיי זיך געקוויקט. איך האָב דעמאָלט, דורך דעם פֿאָלקס־זינגער קיפּניס, געשיקט גיבירטיגן דריי הונדערט זלאָטעס האָנאָראַר.

קלאַראַ יאַנג איז אין דער זעלבער צייט אַרומגעפֿאָרן אין פּוילן מיט קאָנצערטן אונטער דעם מענעדזשמענט פֿון לעאָנידאָוו, דער זעלבער, וואָס האָט פֿאַר אונדז אַמאָל אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן אין פּעטערבורג. (אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז ער אויך געווען דער מענעדזשער פֿון דאַנטשענקאָס גאַסט־שפּילן אין אַמעריקע).

דער בייפֿאַל, וואָס די „רומענישע חתונה" האָט געהאַט אין וואַרשע, האָט געצוואונגען קלאַראַ יאַנג איך זאָל די פּיעסע מיט איר אויפֿפֿירן אין לאָדזש. אַוודאי האָב איך איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן און איך האָב די ראָלע „דבורה",

וואָס די אַקטריסע שטאָקפּעדער האָט געשפּילט אין וואַרשע, איבערגע־מאַכט פֿאַר קלאַראַס זשאַנער און עס אויפֿגעפֿירט מיט איר אין לאָדזש. אין דער טרופּע זײַנען דעמאָלט געווען מוני סערעבראָוו, פֿאַניאַ רובינאַ, (וועלכע איז דעמאָלט בײַ דער פּיעסע אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ פּרימאַדאָ־נע), דער רעציטאַטאָר יוסף סטרוגאַטש, חנה גראָסבערג און פֿיל אַנדערע, וועלכע געפֿינען זיך איצט אין אַמעריקע.

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד

נאָכן בירגער־קריג אין רוסלאַנד האָבן די קולאַקעס גענומען סאַבאָ־טאַזשירן און די ספּעקולאַנטן האָבן באַהאַלטן די סחורות. איז געוואָרן אַ דוחק אין סחורות און עסנוואַרג. דעמאָלט האָט לענין אײַנגעפֿירט דעם „נעפּ" (נאָוואַיאַ עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ פּאָליטיקאַ). מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוברענגען די סחורה אויפֿן מאַרק און מען האָט ווידער אָנגעהויבן פֿרײַ צו האַנדלען — עס איז ווידער געוואָרן אַ לעבן פֿאַר די בורזשואַזן און ספּעקולאַנטן, אַ לעבן פֿון האַנדל און וואַנדל. עס האָבן זיך ווידער געעפֿנט פֿאַרשיידענע רײַכע קלובן און קאַבאַרעטן, און די ספּעקולאַנטן, מאַכנדיק אַ סך געלט, האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אַ גוטן טאָג און פֿרײלעכע נעכט...

אין 1924 האָט דער „נעפּ" שוין געהאַלטן בײַ „גסיסה". אין יענער צײַט באַקום איך אין לאָדזש אַ טעלעגראַמע פֿון מאָסקווע, פֿון אַ געוויסן דו־מאַרסקי, אין וועלכער ער פֿרעגט אָן, אויב איך וועל קומען מיט קלאַראַ יאַנג קיין מאָסקווע שפּילן פֿאַר אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג...

רוסלאַנד אונטער דער סאָוועטישער מאַכט האָט מיך געררײצט (איך בין דאָך שוין געווען אַ שטיקל „מלוכה־אַקטיאָר" בײַ די באָלשעוויקעס). און כאָטש איך האָב ניט געגלויבט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג וועט דער־לויבן שפּילן אַזאַ לײַכטן רעפּערטואַר מיט קלאַראַ יאַנג, בין איך דאָך אַרויסגעפֿאָרן קיין בערלין צו באַגעגענען דומאַרסקין מיט אַ מאָסקווער אונטערנעמער. דער נײַער דירעקטאָר האָט מיר פֿאַרגעלייגט, איך זאָל פֿאָרן קיין מאָסקווע און אַנגאַזשירן פֿאַר אים די טרופּע. ער וועט צאָלן גאַזשע יעדן, און קלאַראַ יאַנג מיט מיר גיט ער זעקס הונדערט רובל אַ נאַכט מיט אַ פֿרײַען בענעפֿיס. דאָס האָט דעמאָלט געהייסן פֿאַר אונדז איבער דרײַ הונדערט אַמעריקאַנער דאָלאַר אַ נאַכט. ווען איך האָב געפֿרעגט, ווי קומט עס, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג דערלויבט עס, און

פֿאַרוואָס מ׳האָט זיי דערלויבט אַרויסצופֿאָרן, האָט דומאַרסקי מיר געענט־פֿערט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג וויל געבן באַשעפֿטיקונג צו מענטשן, וואָס אַרבעטן נישט. איך האָב געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויסצושיקן דאָס געלט, וואָס איך וועל פֿאַרדינען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. מען האָט טע־לעגראַפֿירט קיין מאָסקווע, און די סאָוועטישע מאַכט האָט באַוויליקט פֿאַר אונדז אַ דערלויבעניש אַרויסצושיקן אַכט טויזנט דאָלאַר אַ חודש. (ווען איך בין שפּעטער אַריין אין באַנק אין כאַרקאָוו און געגעבן אַ רובל מיט צוויי־און־ניינציק קאָפּיקעס, האָט מען מיר געגעבן אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר). איך האָב טעלעגראַפֿירט צו קלאַראַן קיין וואַרשע, איז זי געקומען קיין בערלין און דאָרטן, ביים אַמעריקאַנער קאָנסול, האָבן מיר אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט אויף זעקס חדשים. ביים אונטער־שרייבן האָט דער מאַן אונדז געגעבן פֿינף טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַר מזומן, ווי אַ גאַראַנטיע.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, מיטגענומען מיט זיך אַן אינ־טעליגענטן יונגנמאַן, ווינקלער, מיט וועלכן איך האָב זיך דאָרט באַקענט (ער האָט געשטאַמט פֿון אַ רבנישער פֿאַמיליע אין אונגאַרן), אים באַשטימט פֿאַר מיין געהילף, און אין יולי 1925 זיינען מיר אָנגעקומען אין מאָסקווע צוזאַמענצושטעלן די טרופּע. איך האָב אַנגאַזשירט אַזאַ שוישפּילער און זינ־גער ווי מנחם רובין, דעם פֿאַרשטאָרבענעם קאָמפּאָזיטאָר איליאַ טריליינג (וועלכער איז דעמאָלט געווען אַן אַקטיאָר פֿאַר פֿאַט־ראָלן) און נאָך אַ גרויסע טרופּע, וואָס איך האָב דעמאָלט צוזאַמענגעשטעלט על חשבון הדי־רעקטאָר. דער כאָר אַליין איז באַשטאַנען פֿון פֿיר־און־צוואַנציק מענטשן, אַחוץ אַ באַלעט און אַ גרויסן אָרקעסטער. איך האָב אויך געלאָזט מאַכן דע־קאָראַציעס און קאָסטיומען צו פֿאַרשיידענע פּיעסן מיט דער ברייטער האַנט, אַלץ אויפֿן חשבון פֿון דעם נייעם דירעקטאָר.

אַ סך סאָוועטישע הויכע באַאַמטערס האָבן באַזוכט אונדזערע פֿאָר־שטעלונגען אין מאָסקווע. דער בילדונגס־מיניסטער לונאַטשאַרסקי פֿלעגט זיין אַן אָפֿטער גאַסט. ווען מען האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר לונאַטשאַר־סקין, האָב איך געזען, אַז דאָס יידישע טעאַטער איז אים ניט פֿרעמד. ווי עמכדיק די סאָוועטישע באַאַמטערס האָבן זיך דעמאָלט געפֿירט, באַווייזן די פֿאָלגנדיקע עפּיזאָדן:

אַ געוויסן אָוונט, פֿאַרן אָנהויב פֿון דער פֿאָרשטעלונג, גייענדיק אַרויף אויף דער בינע דורך דער לאָזשע, שטעלט מיך אָפּ אַ מאַן מיט אַ בערדל און וויל מיך עפּעס פֿרעגן. זייענדיק זייער באַשעפֿטיקט, לאָז איך

אים ניט אויסרעדן און אייל אַרויף אויף דער בינע. שפּעטער זאָגט מיר אַ בילעטער פֿון טעאַטער:

— איר ווייסט ווען איר האָט ניט געוואָלט אויסהערן? דעם פּרע־מיער פֿון אונדזער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס איז געווען דער פּרעמיער ריקאָוו, וועלכער האָט געוואָלט מיט אײַך רעדן...

ווען מען האָט מיך פֿאַרגעשטעלט אין טעאַטער פֿאַר דעם אַמאָליקן „אוטשאָני יעווריי” פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, ווי מען פֿלעגט קאַרל ראַדעקן רופֿן, און איך האָב אים געפֿרעגט, צי ער פֿאַרשטייט, וואָס מען רעדט אויף דער בינע, האָט מיר ראַדעק געענטפֿערט אויף יידיש: „געוויס פֿאַרשטיי איך. פּופּציק פּראָצענט פֿאַרשטיי איך, ווייל איך קען די דייטשע שפּראַך, און די אַנדערע פּופּציק פּראָצענט, ווייל איך בין אַ „גאַליציאַנער” (קאַרל ראַדעק איז געווען אין גאַליציע אַ פּע־פּע־עסניק און האָט זיך גערופֿן סאָבעלסאָן). מען דאַרף געדענקען, אַז ראַדעק האָט דעמאָלט פֿאַר־נומען אַ גאָר הויכן פּלאַץ אין די סאָוועטן, און קלאַראַן האָט ער דעמאָלט געמאַכט קאָמפּלימענטן און איר געראָטן זי זאָל ווערן אַ סאָוועטישע ביר־גערין.

אין מאָסקווע האָבן מיר געשפּילט עטלעכע־און־צוואַנציק פֿאָרשטע־לונגען. יעדע פֿאָרשטעלונג איז געווען געפּאַקט, אָבער ניט מיט בורזשואיען אין פֿראַקן, ווי אין 1916, ביים צאַר, און אין 1917 ביי קערענסקין, נאָר מיט אַרבעטער, אָנגעטאָן אין העמדער — עמך, שער און אייזן. און עמך האָט זיך געפֿילט אין טעאַטער ווי ביי זיך אינדערהיים, צוגלייך מיט ריקאָוון און לונאַטשאַרסקין.

אין יענער צייט האָב איך זיך אויך באַקענט מיט ערנסט טאָלער. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב געשפּילט אין זיין פּיעסע „הינקע־מאַן”, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אויפֿגעפֿירט אין יידישן קונסט־טעאַטער, האָט טאָלער זיך באַקלאָגט, אַז פֿון קיין שום לאַנד באַקומט ער ניט קיין האָנאָראַר פֿאַר זיינע פּיעסן, און האָט דערביי רעזיגנירט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט...

ווי באַוואוסט, איז טאָלער שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַמע־ריקע.

טעאַטער אין מאָסקווע

אין יענעם יאָר, 1925, האָט די „הבימה” אין מאָסקווע, מיט נחום צמח אַלס אָנפֿירער, שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַלע שטופֿעס פֿון איר

אַנטוויקלונג — פֿון אַ סטודיע מיט אַ פּאָר מענטשן אין אַ קליינער שטוב, ביז מיט אַנערקענטע אַקטיאָרן און אַ רעפּערטואַר, מיט וועלכן זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים פֿאָרן זיך ווייזן פֿאַר דער אויסלענדישער וועלט.

איך האָב שוין דאָרט געטראָפֿן דאָס יידישע מלוכהשע קאַמער־טעאַטער, מיט גראַנאָווסקין אַלס אָנפֿירער און רעזשיסער, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן אין בליען. פּראָפֿעסאָר שלמה מיכאָעלס, דער שפּעטערדיקער אָנפֿירער און רעזשיסער פֿון דעם יידישן מלוכה־טעאַטער, איז דעמאָלט שוין געווען דער ערשטער אַקטיאָר אין דער טרופּע.

ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ פֿרייען אָוונט, בין איך געגאַנגען זען די „הבימה" און דאָס יידישע קאַמער־טעאַטער. די ערשטע פֿאָרשטעלונג, וואָס איך האָב געזען ביי דער „הבימה", איז געווען „יעקבֿס חלום" פֿון ריכאַרד בער האָפֿמאַן („יעקבֿס חלום" איז מיר ניט געווען פֿרעמד). די פֿאָרשטעלונג האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק מיט איר פֿאָרנעם, מיט די דעקאָראַציעס, פּלאַטפֿאָרמעס, און איבערהויפּט מיט דער מוזיק און מיט אירע זינגערס — שטימען, וואָס האָבן זיך געפּאַסט פֿאַר דער אָפּערע. אָבער, האָב איך זיך געפֿרעגט: „למה אני עמל ?" — צו וואָס די גאַנצע אַרבעט ? שפּעטער האָב איך אין ווין געזען די „הבימה" אין „דיבוק" און אין „גולם", און איך בין אַנטציקט געוואָרן פֿון איר: די שפּראַך, די באַוועגונגען און דאָס גאַנצע אַרט שפּילן זייערס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר דער מיסטישקייט, וואָס ליגט אין די פּיעסן.

די ערשטע פֿאָרשטעלונג, וואָס איך האָב געזען אין יידישן קאַמער־טעאַטער, איז געווען גאָלדפֿאַדענס „לא תחמוד". שלמה מיכאָעלס האָט געשפּילט אַלס טייוול. בלויז צוויי שוישפּילער האָב איך געקענט, צו וועלכע די נאַטור איז געווען קאַרג און זיי ניט באַשאַנקען מיט שיינע פֿיגורן, געשניצטע געזיכטצוגן, אויך ניט מיט אַן אָנגענעמען אָרגאַן, און דאָך זיינען זיי געווען גרויס אויף דער בינע — רודאָלף שילדקרויט און פּראָפֿעסאָר שלמה מיכאָעלס (אין אַ געוויסן זינען אויך מאַקס ראָזענטאַל). דער רעזשיסאָר, גראַנאָווסקי, האָט דעמאָלט עקספּערימענטירט, און צו זיין סטיל האָט זיך געפֿאָדערט אַן ערשט־קלאַסיקער, פֿיזיש צוגעפּאַסטער אַקטיאָר (וואָס מיכאָעלס איז ניט געווען). און דאָך, ווען שלמה מיכאָעלס האָט געמאַכט די עלאַסטישע באַוועגונגען און גערעדט „אויף נאָטן", איז עס אַרויסגעקומען שיין, גראַציעז פֿאַרן אויג, און זיין שטימע האָט זיך געהערט ווי שיינע מוזיק. וואָס די נאַטור האָט ביי מיכאָעלסן מיט איין האַנט אָפּגענומען, האָט זי מיט דער צווייטער האַנט אים דערלייגט...

ד״ר נתן בירענבוים (מתתיהו אַחר) האָט אַמאָל געהאַלטן אַ רעפֿעראַט אין „יידישן אַקטיאָרן קלוב״, בעת זיין באַזוך אין אַמעריקע, פֿאַר דער ער־שטער וועלט־מלחמה. האָט ער געזאָגט: „יידיש טעאַטער דאַרף זיין יידיש — פֿון דער בינע, ביז אַרויס פֿון טעאַטער״... עפּעס ענלעכס האָב איך געהערט, ווען איך בין איינמאָל אַרויס פֿון יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע נאָך אַ פֿאָרשטעלונג. איך האָב זיך אויסגעמישט מיטן פּובליקום, געוואָלט הערן וואָס זיי רעדן וועגן דער פֿאָרשטעלונג. הער איך, ווי אַ ייד מאַכט אַ באַמערקונג צו אַ צווייטן: „הערט אויף רעדן רוסיש. ווען מען גייט אַרויס פֿון אַ יידישן טעאַטער, וואו מען האָט געזען אַזאַ שיינע יידישע פֿאָרשטעלונג, דאַרף מען דאָס יידישע וואָרט ניט אָוועקוואַרפֿן. האַלט עס כאָטש, ביז איר וועט קומען צו זיך אין שטוב אַריין!״

אָט־דאָס הייסט „נאַציאָנאַל אין פֿאָרעם און סאָציאַליסטיש אין אינ־האַלט״...

שטאַרק געפֿעלן געוואָרן איז מיר די פֿאָרשטעלונג „שריי כינע״ ביי מייערכאָלדן. די גאַנצע בינע האָט פֿאָרגעשטעלט אַ שיף אין האַפֿן. דער פֿאָרהאַנג איז געווען פֿון אָנפֿאַנג־אָן אָפֿן, און ווען דער עולם איז אַריינגעקומען אין טעאַטער, האָט ער גלייך געזען דעם האַפֿן מיט דער שיף און מיטן וואַסער. ווען די פֿאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען מענטשן געקומען צום האַפֿן און אָנגעהויבן „אַרבעטן״ אויף דער שיף. דאָס פּובליקום און די אַקטיאָרן זיינען געוואָרן איינס. די ווירקונג פֿון דעם שפּיל אויפֿן פּובליקום איז געווען זייער גרויס (איך האָב דעמאָלט גאָר ניט געזען קיין „אַקראָבאַטיק״ פֿון אַקטיאָרן).

איין סצענע האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק: מען טראָגט־אַוועק געהרגעטע כינעזער פֿון האַפֿן, און מען טראָגט זיי דורכן טעאַ־טער צווישן פּובליקום. דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפֿגעשטעלט. מען האָט געקאָנט זען אין די אויגן פֿון פּובליקום דעם צאָרן און האַס צו די, וואָס פֿאַראורזאַכן די שחיטות. די גאַנצע פֿאָרשטעלונג, די דעקאָראַציעס מיטן שפּילן פֿון די אַקטיאָרן, האָט מיך פֿאַרכאַפּט.

ווען מייערכאָלד איז אַריינגעקומען אין דער לאָזשע, וואו קלאַראַ און איך זיינען געזעסן, האָב איך פֿאַר אים געלויבט די פֿאָרשטעלונג זיינע, און אים געזאָגט, אַז די פֿאָרשטעלונג פֿאַרכאַפּט דאָס אויג מיט דער נשמה צוזאַמען.

— דאַ, דאַ! (יאָ, יאָ) — האָט מייערכאָלד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

איך האַלט אין איין לויבן די פֿאָרשטעלונג, און מייערכאָלד שאָקלט אַלץ מיטן קאָפּ — „דאַ, דאַ...״

ווען מייערכאָלד איז אַרויס פֿון דער לאָזשע, זאָגט צו מיר מיין פֿריינט, וועלכער איז געזעסן מיט אונדז:

— די פּיעסע „שריי, כינע" האָט דאָך גאָר ניט מייערכאָלד געשטעלט. דאָס איז רעזשיסירט פֿון זיין געהילף, און איר האָט געהאַלטן אין איין לויבן זיין פֿאָרשטעלונג.

אין אַ געוויסן אָוונט פֿון אונדזערע פֿאָרשטעלונגען לאָזט מען מיר וויסן, אַז גראַנאָווסקי און מיכאָעלס זיינען אין טעאַטער און האָבן גע־בעטן, אַז מיר זאָלן פֿאַרברענגען מיט זיי נאָך דער פֿאָרשטעלונג ביי אַ וועטשערינקע, וואָס זיי האָבן באַשטעלט אין האָטעל, וואו מיר האָבן געוואוינט. זיי האָבן אויך געבעטן מיר זאָלן מיטנעמען אייניקע אַקטיאָרן פֿון אונדזער טרופּע, און אַז עס וועלן אויך זיין אַקטיאָרן פֿון זייער טרופּע. מיר האָבן מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג און חבריש מיט זיי פֿאַרבראַכט. גראַנאָווסקי און מיכאָעלס האָבן געהאַלטן רעדעס וועגן קלאַראַ יאָנג און דער טרופּע. איך האָב זיי דערציילט מיינע דערפֿאַרונגען מיט מאָסקווע און פּעטערבורג אין דער צייט פֿון דעם צאַר. ווען גראַנאָווסקי האָט גערעדט וועגן סטאַר־סיסטעם אין אַמעריקע, האָב איך דעמאָלט גע־זאָגט:

— פֿון די אַלע עקספּערימענטאַלע טעאַטערס, וואָס איך האָב געזען אין מאָסקווע, בלייב איך אַלץ ביי סטאַניסלאַווסקין. שעקספּיר זאָגט, אַז די הויפּטזאַך איז די פּיעסע. דאָס איז אמת פֿאַר דער קאַסע פֿון די אַמעריקאַנער מענעדזשערס. אָבער אויף דער בינע איז דער הויפּט דער אַקטיאָר. און ווען דער יחיד־אַקטיאָר שיילט זיך אַרויס פֿון די איבעריקע אַקטיאָרן, איז עס ניט אַ פֿאַרשוועכונג פֿאַר דער טעאַטער־קונסט. איך האָב געזען שפּילן ביי אייך אַן אָרקעסטער אָן אַ דיריגענט. דער דיריגענט האָט ניט געפֿעלט, אָבער די ערשטע פֿידל איז געווען, און דער פֿידלער האָט געשפּילט אַ סאָלאָ!

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעמאָלט אין זינען געהאַט קלאַראַ יאָנג...

קלאַראַ איז דעמאָלט געווען איבערגליקלעך, ווען זי איז אַרויף צו זיך אין צימער און געטראָגן מיט זיך צוויי בוקעטן, וואָס גראַנאָווסקי מיט מיכאָעלסן האָבן איר אַרויפֿגעשיקט אויף דער בינע. האָב איך זי דערמאָנט אין יענעם אומגליקלעכן אויפֿטריט אירן אין „פּיפּעלס"־טעאַטער, מיט דעם בוקעט בלומען... כ'האָב זי אויך דערמאָנט אין דעם ערשטן בוקעט בלומען, וואָס זי האָט באַקומען אויף דער בינע פֿון מיר, אין מאָנ־טרעאָל, אין יאָר 1896. קלאַראַ האָט אַ שווערן זיפֿץ געטאָן, און ביי אונדז ביידן זיינען די אויגן נאַס געוואָרן...

לעניִן איז געווען גערעכט, — די בורזשויען האָבן אַלץ אָפּגעגעבן

פֿון מאָסקווע זײַנען מיר געפֿאָרן קיין כאַרקאָוו. די געשעפֿטן זײַנען אויך אין כאַרקאָוו געווען גרויסע און דער דירעקטאָר איז געווען מער ווי צופֿרידן. ער פֿלעגט זיך זיצן יעדע נאַכט אין דער לאָזשע מיט פֿאַר־שײדענע פֿרויען און זיך גרויסן, וואָס ער איז דער דירעקטאָר פֿון דער טרופּע.

נאָך אין בערלין האָב איך זיך געוואונדערט, ווי אַזוי עס קומט צום דירעקטאָר אַזוי פֿיל אַמעריקאַנער דאָלאַרן, און אַזוי ווי אַ מענטש, וועל־כער האָט קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט אַ טעאַטער, זאָל פּלוצים ווערן בײַ דער סאָוועטישער מאַכט אַ טעאַטער־דירעקטאָר. אָבער אין כאַרקאָוו איז עס מיר קלאָר געוואָרן.

אין אַ געוויסן אָוונט איז מען, צווישן די אַקטן בעת אַ פֿאָרשטעלונג, צוגעקומען צום דירעקטאָר אין דער לאָזשע און מען האָט אים פֿאַרבעטן אין דער טשעקאַ... פֿון דאָרט האָט מען אים פֿאַרשיקט אין טיף רוסלאַנד, און אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, האָט מען קאָנפֿיסקירט, אויך די דע־קאָראַציעס מיט די קאָסטיומען, וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַר אונדזערע פֿאָרשטעלונגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שפּאָגל־נײַער דירעקטאָר האָט געהאַנדלט מיט דאָלערס און אָנגעפֿירט אַנדערע ספּעקולאַציעס, וואָס זײַנען דעמאָלט שוין געווען פֿאַרבאָטן. און אַ דירעקטאָר איז ער געוואָרן, כּדי צו פֿאַרדעקן זײַנע ספּעקולאַציעס.

לעניִן האָט רעכט געהאַט, ווען ער האָט געזאָגט, נאָכן אײַנפֿירן דעם „נעפּ": „זאָרגט ניט, זיי [די בורזשואַזיע און ספּעקולאַנטן] וועלן אַלץ צוריקגעבן!"

מיר זײַנען, באַטיילעך, געבליבן אָן אַ דירעקטאָר און אָן שכירות. די טרופּע, מיט אַלע באַשעפֿטיקטע אַרום דער טרופּע, זײַנען געוואָרן אַרבעטסלאָז.

בײַ דער טרופּע האָט פֿונקציאָנירט אַ קולטור־קאָמיטעט, וואָס האָט באַדאַרפֿט אַכטונג געבן אויף דעם רעפּערטואַר, זען, מען זאָל אָפּהיטן די פֿאָרשריפֿטן פֿון טעאַטער און אויפֿפּאַסן, אַז די פֿאָרשטעלונגען זאָלן זײַן ריין און שײן אויפֿגעפֿירט.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט ניט דערלויבט קיין אַנדער טרופּע צו שפּילן דעם רעפּערטואַר, וואָס קלאַראַ יאָנג האָט געשפּילט. „טאָלקאָ דליאַ קלאַראַ יאָנג" — נאָר פֿאַר קלאַראַ יאָנג, איז געווען אויפֿגעשריבן אויף דער צענזורקע. אמת — האָבן זיי געזאָגט —

דאָס איז ניט קיין ליטעראַטור, אָבער עס ווערט קינסטלעריש געשפּילט און שיין געשטעלט. עס איז טעאַטער.

דער מוזיקער איליאַ טרילינג איז געווען דער פאָרזיצער פון דעם קולטור־קאָמיטעט.

פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען פייאיק צו פאַרשיידענע אַרבעטן, הגם זיי האָבן עס קיינמאָל ניט געלערנט. אַזאַ מענטש איז געווען טרילינג. אַחוץ מוזיק, האָט ער קיין אַנדערע זאַך ניט שטודירט, און דאָך האָט ער אַלע פאַכן ביים טעאַטער געקענט גרינטלעך, ווי אַן ערשט־קלאַסיקער פאַכמאַן.

אויף טרילינגס פאַרלאַנג איז אַ קאָמיטעט אַוועק צום אוקראַיִנישן מיניסטער פון אַרבעט, און אים דערקלערט די גאַנצע סיטואַציע. דער מיניסטער, אַ הויכער, שלאַנקער, גוטמוטיקער אוקראַיִנער, האָט דעמאָלט צו אונדז זיך געווענדט בזה הלשון:

— חברים, איך פאַרשטיי זייער גוט אייער לאַגע. טעאַטער איז מיר ניט פרעמד. ווער נאָך האָט געקאָנט פילן די לאַגע פון דעם יידישן אַקטיאָר אין די צייטן פון צאַר, ווי דער אוקראַיִנער? בריידע, דאָס אוקראַיִנער טעאַטער, ווי דאָס יידישע, זיינען באַטראַכט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג, ווי אַ שפּילעכל פאַר קינדער. די רעגירונג האָט אונדזער טעאַטער ניט געלאָזט זיך אַנטוויקלען. גלייך מיט אייער שפּראַך איז אויך אונדזערע באַטראַכט געוואָרן פאַר פרעמד, פאַר אַ זשאַרגאָן, און אונדזער קולטור — פאַר ניט געוואונטשן. גלייך מיט אייערן, האָט דאָס אוקראַיִנער טעאַטער אין פוילן באַדאַרפט אַוועקגעבן אַ זעקסטל פון דעם „זבאָר“ [איינגאַמע] דער צאַרישער רעגירונג, כּדי אויפצוהאַלטן דעם רוסישן טעאַטער. מיר, נאָך מער ווי איר, האָבן געליטן פון רוסישן צענזאָר. מיר האָבן פאַר יעדער אוקראַיִנער פיר־אַקטיקער פּיעסע געמוזט פריער שפּילן פיר אַקטן פון אַ רוסישער פּיעסע, כאָטש אַחוץ דעם פּאָליצײַמייסטער איז קיין פּובליקום צו דעם ניט געקומען. אַדאַנק אונדזער פאַרשטאַרבענעם לעניץ זיינען מיר אין אונדזער קולטור באַפרייט געוואָרן פון אונדזערע קייטן, און קיין רעגירונג אויף דער וועלט וועט שוין ניט זיין מער אימשטאַנד אונדז צוריק אין טיורמע אַריינשליידערן. ניט ווי איר, אַמעריקאַנצעס, האָט צוריק פאַרשקלאַפט די נעגערס, נאָכדעם ווי אייער פּרעזידענט לינקאָלן האָט זיי באַפרייט. זייט גאַנץ רואיק, איר וועט ניט ליידן דערפון, וואָס מען האָט אייער דירעקטאָר אַוועקגענומען פון אייך. די סאָוועטישע רעגירונג זאָרגט פאַר אירע קינסטלער פון גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. די אוקראַיִנישע רעגירונג נעמט

איבער אַלע אײערע קאָנטראַקטן. פֿון איצט אָן װעט איר שפּילן אונ־טער דער דירעקציע פֿון דעם ארבעטער־קאָמיסאַריאַט. אײער קאָנטראַקט, גאָספּאָדין אַמעריקאַניעץ, איז — װי איך זע, געמאַכט געװאָרן בײַ דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אין בערלין, מיט דער צושטימונג פֿון דער סאָװעטישער רעגירונג אין מאָסקװע. מיר װעלן אַזאַ קאָנטראַקט ניט ברעכן. אונדזער ציל איז צו האַלטן אויסלענדישע אָפּמאַכן, און איבער־הױפּט אַמעריקאַנישע. אַחוץ אַלעמען װעלן מיר דאָך נישט לאָזן 75 מענטשן אָן אַרבעט...

װען מיר האָבן דער טרופּע דערציילט װעגן דעם באַשלוס פֿון דער אוקראַינער רעגירונג פֿון כאַרקאָװ, האָבן אַלע, די אַקטיאָרן, דער כאָר, דער באַלעט און די מוזיקער, אָנגעהױבן זינגען דעם „אינטערנאַ־ציאָנאַל" און טרילינג האָט דיריגירט...

פֿון כאַרקאָװ זײַנען מיר געפֿאָרן אין אַלע גרויסע שטעט פֿון אוק־ראַינע און געשפּילט אין די שענסטע טעאַטערס. אין אָדעס האָבן מיר געשפּילט אין שטאָטישן „גאָראָדסקאָי טעאַטער", אײנער פֿון די גרעסטע און שענסטע טעאַטערס אין אײראָפּע. דער טעאַטער איז יעדע נאַכט געװען געפּאַקט. (מיר דוכט, אַז דאָס איז געװען דאָס ערשטע מאָל, װאָס מען האָט געהערט דאָס יידישע װאָרט אין יענעם טעאַטער).

אין יענער צײַט האָבן מיר זיך דערװאוסט, אַז אײב קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרװערטס", געפֿינט זיך אין אָדעס און שטײט אײן אין „לאָנדאָנסקי האָטעל". קלאַראַ און איך זײַנען געגאַנגען אים זען. קאַהאַן האָט זיך מיט אונדז שטאַרק דערפֿרײט. ס'איז געװען קענטיק, אַז ער האָט זיך אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד געפֿילט זײער אײנזאַם. װען ער איז אַװעקגעפֿאָרן, האָט קלאַראַ אים מיטגעגעבן אַן אָפּגעקאָכטע הון און אים באַגלײט צו דער באַן־סטאַנציע (איך האָב ניט קײן צײַט געהאַט צו גײן צו דער באַן). אַחוץ קלאַראַן, איז קײנער ניט געװען, מיט װעמען ער זאָל זיך געזעגענען...

אַ טעאַטער־דערינערונג

אײנמאָל באַמערק איך אין פֿאָיער פֿון טעאַטער שטײן אַ שײן יונג מײדל, מיט אַ קאָפּ האָר פֿון לעמאָן־קאָליר, מיט אַ פּנים װײס װי שנײ, און אַ פֿיגור נאָר פֿאַר אַ מאָדעל. די בלויע אויגן אירע האָבן געקוקט טרויעריק. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז סאָניאַ זאַליס, דעם דירי־

געגט הערמאַן זאַליסעס פֿרוי, און אַז אַ קינד אירס איז מיט אַכט טעג צוריק געשטאָרבן. איך האָב זי געטרייסט:

— איר זייט נאָך יונג און אייער מאַן איז נאָך אויך ניט אַלט.

די פֿרוי זאַליס האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— איר דאַרפֿט זיך באַשעפֿטיקן מיט עפּעס, אייערע געדאַנקען זאָלן זיין פֿאַרנומען, אַז ניט וועט דאָס שיינע פּנימל אייערס רואינירט ווערן.

דאָס שיינע ווייבעלע האָט ווידער אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

איך האָב געפֿרעגט הערמאַן זאַליסן, צי זיין פֿרוי קען זינגען, האָט ער זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. אָבער ווען איך האָב סאָניאַ זאַליס געהערט נעמען אַ פּאָר טענער, האָב איך זי שוין געזען אויף דער בינע צווישן דעם דאַמען־כאָר.

סאָניאַ זאַליס איז באַלד געוואָרן די סטאַר־כאָריסטקע. און ווען איך האָב איר אָנגעהויבן געבן אַ פּאָר ווערטער צו רעדן אויף דער בינע, איז קלאַראַ אייפֿערזיכטיק געוואָרן:

— ווי איך זע — האָט קלאַראַ צו מיר איינמאָל אַ זאָג געטאָן — ווילסטו די זאַליס מאַכן פֿאַר אַ קלאַראַ יאַנג, דו ווילסט זיך פֿאַרזאָרגן!...

און ווען איך האָב דער זאַליס געגעבן אַ ראָלעכל, וואָס זי האָט געדאַרפֿט שפּילן אין איין אַקט, איז קלאַראַ צו מיר אַרויס מיט לשון:

— זי קאָפּירט דאָך מיך שוין אויף דער בינע מיט דער פֿריזור, מיט דעם מענערשן קאָסטיום, וואָס זי טראָגט אין כאָר! זי האָט דאָך שוין אַפֿילו פֿאַרערער!...

איך האָב געלאַכט און קאַלטבלוטיק זי געפֿרעגט:

— זאָג מיר אָפֿן, קלאַראַ, איז דאָס פּראָפֿעסיאָנעלע אייפֿערזוכט, אָדער הונדערט פּראָצענט ריינע אייפֿערזוכט אַליין?

— אויב דו ווילס עס שטאַרק וויסן, איז עסביידע! — האָט מיר קלאַראַ מיט כּעס געענטפֿערט.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט מיר די זאַליס דערציילט, אַז קלאַראַ האָט פֿאַר איר געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע: — פֿאָלג מיך, סאָניאַ, לאָז אָפּ די בינע, עס וועט דיר נאָר געבן צרות און זאָרג. מיין נישט, אַז דו וועסט באַלד קאָנען אַריינקומען אין דעם שיינעם ליכטיקן סאַלאָן. דו וועסט דאַרפֿן פֿריער דורכגיין פֿינצטערע צימערן. די בינע איז אַ פֿייער, וואו פֿייערפֿליגעלעך, ווי דו, פֿליען אַרום, אָבער דאָס פֿייער וועט דיך אַריינציען און פֿאַרברענען... דענק נישט, אַז קלאַראַ יאַנג איז אַזוי גליקלעך, ווי דיר ווייזט זיך אויס. עס זיינען דאָ אומשטענדן ביים

טעאַטער, וואָס מאַכן דיך אַלט פֿאַר דער צייט, און אייפֿערזוכט ביים טעאַטער פֿאַרצערט דיך. מען איז אייפֿערזיכטיק אויף אַקטריסעס אויף דער בינע און הינטער דער בינע. מען איז אויך אייפֿערזיכטיק אויף דעם אייגענעם מאַן און אויף פֿרעמדע מענער. די מורא פֿאַר דעם מאָרגן, — אַז אָט־אָט פֿאַרלירט מען דעם גלאַנץ און דאָס פּובליקום, און דו וועסט דאַרפֿן באַלד שפּילן די צווייטע פֿידל, — אָט־דער געדאַנק לאָזט דיך נישט געניסן פֿון לעבן, אַפֿילו ווען דו ביסט נאָך יונג. וואָרום קיין זאַך איז נישט אַזוי טרויעריק, ווי דער פֿאַל פֿון אַ טעאַטער־שטערן... ווען דו ווילסט אָנהאַלטן די ראָלע, וואָס דו שפּילסט אַלס גרויסע אַקטריסע, מוסטו ווערן אַ שקלאַפֿין צו זיך אַליין — דאָס יאָ עסן, דאָס ניט; ניט טרינקען, עס זאָל חלילה ניט שעדיקן דיין האַלדז. נאָך דער פֿאַר־שטעלונג מוסטו באַלד גיין אין בעט רוען, אויב דו ווילסט, אַז די מאָרגנ־דיקע פֿאָרשטעלונג זאָל זיין ווי נעכטן. מוזט שפּילן טעאַטער אויך אין לעבן. דו ווערסט אַ טאָפּלטער שקלאַף: אַ שקלאַף צו דער בינע און אַ שקלאַף צו דיין קערפּער. איך בין אויך געוועזן אַזוי יונג ווי דו, אויך גע־האַט אַזאַ יונג פּנימל ווי דו, סאָניאַ, און איך האָב געמיינט, אַז צו ווערן אַ גרויסע אַקטריסע איז דאָס העכסטע גליק, וואָס אַ פֿרוי קאָן דערגרייכן. עס איז אַ טעות! איך שלאָף ניט אויף רויזן, סאָניאַ. וואָס מער באַרימט מען ווערט, אַלץ גרעסער די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַלץ שווערער די לאַסט. אָבער מען קאָן זיך ניט העלפֿן, ווען „סוקסעס" קומט צו דיר. דיין מאַן מאַכט פֿאַר דיר אַ שיין לעבן. ער איז גוט צו דיר, ער ווייסט ניט פֿון דעם וואָרעם, וואָס הייסט אייפֿערזוכט... זיי צופֿרידן, זיי בעסער אַ באַלעבאָסטע און זע צו האָבן אַ קינד, וועט דאָס דיר באַצאָלן פֿאַר אַלץ!...

ניט געקוקט אויף אָט־דער לעקציע, וואָס קלאַראַ האָט פֿאַר איר געהאַלטן, איז סאָניאַ זאַליס שפּעטער געוואָרן מיין „ערשטע דאַמע" אין דער דראַמע. מישאַ פֿישזאָן האָט זי דערנאָך אַנגאַזשירט פֿאַר הויפּטראָלן, ווען ער איז געפֿאָרן קיין רומעניע.

„שאַ, דער רבי פֿאָרט"

ווען אונדזער קאָנטראַקט מיט דער אוקראַינישער רעגירונג האָט זיך געענדיקט, איז די גאַנצע טרופּע אויף ווייטער געבליבן צוזאַמען, און מיר זיינען געפֿאָרן שפּילן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. מיר האָבן געמאַכט אַ נייעם טורנע איבער אַלע שטעט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ביז

באַקו, בײַם שוואַרצן ים. אין באַקו האָבן מיר בײַגעוואוינט זײַער אינטע־רעסאַנטע פֿאָרשטעלונגען פֿון אַ טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אויף טיאַר־קיש. מיר האָבן געשפּילט פֿיר מאָל אַ וואָך, און די טיאַרקן דרײַ מאָל. דאָ האָט מען געקענט זען, ווי דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד היט־אָפּ די קולטורן פֿון יעדן פֿאָלק און ווי פֿרײַנדלעך די פֿעלקער לעבן צווישן זיך. די טיאַר־קישע אַקטיאָרן האָבן אַראַנזשירט פֿאַר אונדז אַן אונטערהאַלט, און מיר האָבן זיך אַמוזירט אויף זײַער אַ חבריש־קינסטלערישן אופֿן.

מיר האָבן אָבער געוואָלט ווידער זײַן אין מאָסקווע. מאָסקווע איז געווען פֿאַר אונדז, ווי פֿאַר ײדישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע — ניו־יאָרק. אין מאָסקווע מוז מען זיך אָבער ווײַזן מיט אַ נײַער פּיעסע — נאָר וואו נעמט מען זי?...

מען האָט מיר געהאַט צוגעשיקט גרשם באַדערס פּיעסע „דעם רבינס ניגון" מיט רומשינסקיס מוזיק. איך האָב געהאַט די פּיעסע געזען אין ניו־יאָרק, און זי איז מיר זײַער געפֿעלן געוואָרן. ווען איך האָב אָבער גע־נומען לייענען די פּיעסע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די פּיעסע איז ניט פֿאַר דער איצטיקער מאָסקווע, און איך האָב די פּיעסע אַוועקגעלייגט. די טרופּע האָט אָבער געפֿאָדערט אַ נײַע פּיעסע פֿון מיר. האָב איך ווידער אַרויסגענומען „דעם רבינס ניגון" און עס איבער־געאַרבעט, עס זאָל זיך פּאַסן פֿאַרן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און איך האָב דער פּיעסע אַ נאָמען געגעבן „שאַ! דער רבי פֿאָרט". (מײַן פֿרײַנט און יאָרן־גענאָסע גרשם באַדער וועט מיר מוזן מוחל זײַן פֿאַר דעם „חילול השם").

מײַ דער באַאַרבייטונג האָב איך זיך שוין מיט רומשינסקיס וואונדער־לעכער מוזיק ניט געקאָנט באַנוצן, און איליאַ טרילינג האָט געמאַכט גאַנץ נײַע מוזיק צו דער פּיעסע. איך האָב געלאָזט מאַכן רײַכע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס, — אַלץ אין סטיל פֿון יענער טעאַטער־צײַט. קלאַראַ האָט געשפּילט דאָס רבילע. זי איז דערשינען אויף דער בינע אויף „ראָלער־סקייטס" (רעדלעך).

דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין מורא געהאַט, אַז קלאַראַ זאָל שפּילן די ראָלע פֿון אַ 15־יאָריק ייִנגל. איך פֿלעג זיך שוין אויסהיטן צו שפּילן מיט איר אין קליינע אינטימע טעאַטערס. איך האָב זי געוואָלט האַלטן ווײַט פֿון די אויגן פֿון פּובליקום. (ווי האָט ב. צ. גאָלדבערג געשריבן פֿון מאָסקווע אין 1946, אין זײַן קאָלום „בײַ קלאַראַ יאַנג": „זי איז שוין מער קלאַראַ ווי יאַנג...").

ווען איך האָב אָבער דערזען קלאַראַן אָנגעטאָן און גרימירט אַלס ייִנגעלע־רבי, ווי יונג זי האָט אויסגעזען, האָב איך צו איר געזאָגט:

— מאַלאַדיעץ, קלאַראַ! ביסט אַ גוטער גנבֿ... אַזוי פֿיל יאָרן פֿון זיך אַראָפּגנבֿענען דאַרף מען קאָנען...

נאָך דער ערשטער פֿאָרשטעלונג האָב איך איבערגעמאַכט דעם טעקסט אַזוי, מען זאָל זי אויסדריקלעך פֿרעגן, װי אַלט זי איז, און קלאַראַ האָט דעמאָלט מיט אַ פֿאַרבאַרגענעם שטאָלץ געענטפֿערט: „פֿופֿצן יאָר"... זי איז דעמאָלט געװען קרובֿ צו פֿופֿציק.

עפּעס ענלעכס האָב איך שפּעטער געלייענט װעגן סאַראַ בערנהאַרדט. װען די בערנהאַרדט איז שױן אַלט געװען 65 יאָר, האָט זי געשפּילט צװײ אַקטן פֿון „זשאַן ד'אַרק". בײַ דעם פּראָצעס, װען דער ריכטער האָט זי געפֿרעגט, װי אַלט זי איז, האָט די בערנהאַרדט לאַנגזאַם זיך אויסגע־דרייט צום פּובליקום, מען זאָל זען איר פּנים און געזאָגט פֿעסט און אָנט־שלאָסן: „נײַנצן יאָר..." און יעדעס מאָל, װען די 65־יאָריקע סאַראַ בערנהאַרדט האָט עס געזאָגט, האָט דאָס פּובליקום איר שטאַרק אַפּלאָדירט.

די פּרעמיערע פֿון דער פּיעסע איז טאַקע געװען אין מאָסקװע. אַלע מאָסקװער צײַטונגען האָבן זייער געלױבט די אויפֿפֿירונג פֿון „שאַ, דער רבי פֿאָרט".

איך האָב שפּעטער אויפֿגעפֿירט די זעלבע פּיעסע אין ריגע. און אָט װאָס דער זשורנאַליסט קיטאַי האָט געשריבן אין זײַן קריטיק:

„אין 'שאַ, דער רבי פֿאָרט' איז דעם באַאַרבעטער און רעזשיסער פֿון דער פּיעסע, בועז יונגװיץ, זייער געלונגען די אויסאַרבעטונג פֿון דער פּרעכטיקער סצענע צום סוף פֿון צװייטן אַקט. די חסידים טאַנצן אין גרויס עקסטאַז אַרום דעם יונגן רבין, און בײַ אַ געװיסן מאָמענט שטעלט דער רבי אַװעק דעם שטעקן אין מיטן פֿון דעם ראָד פֿון חסידים און הענגט אויף אים אויף זײַן זשופּיצע מיטן שטריימל. די חסידים האַלטן אין טאַנצן אַרום דעם שטעקן, מיינענדיק, אין זייער דבֿקות, אַז דאָס איז דער רבי. נאָך דעם, װי די חסידים כאַפּן זיך, אַז דער רבי איז נעלם געװאָרן און אַז זיי האָבן געטאַנצט אַרום אַ שטעקן, זעט מען אין הינטערגרונט אַ שיף, אויף װעלכער דער רבי פֿאָרט אַװעק קיין אַמעריקע. די חסידים זינגען אין פֿאַרצװייפֿלונג „אונדזער רביניו", און די אַמעריקאַנער מיטן יונגן רבין זינגען אַ ליד, װאָס דער רבי האָט פֿריער געזונגען. אָט די זיך בײַטנדיקע מעלאָדיעס אילוסטרירן סצעניש צװיי װעלטן און װירקן אויפֿן צושויערס פֿאַנטאַזיע מער װי הונדערט דרשות און מאָנאָלאָגן...

„בכלל איז די פּיעסע, װי די װאַרשעװער יידישע פּרעסע האָט זי שוין באַצייכנט, אַ פּרעכטיקע סאַטירע. ניט אומזיסט האָט זי געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג איבעראַל. די פֿאָרשטעלונג האָט זיך אויסגעצייכנט

מיט שיינע סטיליזירטע קאָסטיומען, מיט די פֿיינע ליכט־עפֿעקטן און דע־קאָראַציעס, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין פֿאַרביקער מאָסע. זיי האָבן פֿריידיק געווירקט אויפֿן אויג. די סאַמע סטיליזירטע פֿאָלקס־ניגונים און געזאַנגען, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אינגמאַן, האָבן די פּיעסע געשטעלט אין דער ערשטער ריי פֿון די אויפֿפֿירונגען פֿון דעם נייעם יידישן טעאַטער אין ריגע.

„נאָכן צווייטן אַקט האָט דער עולם אַרויסגערופֿן דעם רעזשיסער בועז יונגוויץ און אים איינגעאָרדנט אַן אָוואַציע. אין זיין וואָרט צום עולם האָט הער יונגוויץ דערקלערט, אַז אין וואַרשע האָט אים אַממערסטן פֿאַר־שטאַנען די אינטעליגענץ און די פּרעסע. ער איז שטאַרק צופֿרידן, וואָס אין ריגע פֿאַרשטייט אים דער גרויסער עולם. ער זעט אין דעם אַ סימן פֿון טעאַטראַלישער דערציאונג״.

אין לענינגראַד האָבן מיר נאָך ניט געהאַט געשפּילט אונטער דער סאָוועטן־מאַכט, און מיר זיינען אויך אַהין געפֿאָרן.

וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד פֿון יענעם פּעטערבורג פֿון 1916 ביז דעמזעלבן לענינגראַד פֿון 1927! די גרויסע, ברייטע נעווסקי פּראָספּעקט איז דעמאָלט, ביים צאַר, מיר געווען פֿרעמד. מיט מורא בין איך געגאַנגען אויף איר. און ביי די סאָוועטן איז מיר נעווסקי פּראָספּעקט געווען נאָענט און ליב. איך בין געגאַנגען ווי אַ פֿרייער מענטש, גלייך מיט אַלע בירגער פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד. מיט דער דערלויבעניש פֿון קולטור־קאָמיסאַריאַט האָט די גאַנצע טרופּע געמאַכט אַן עקסקורסיע איבער די אינטערעסאַנטע פּלעצער פֿון לענינגראַד...

א. וו. לונאַטשאַרסקי וועגן קלאַראַ יאַנג

צום סוף פֿון מיינע דערינערונגען וועגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד וויל איך מיטנעמען קלאַראַ יאַנגס שענסטע טעאַטער־בלום, וואָס זי האָט, שפּילנדיק אין מאָסקווע, באַקומען פֿון דעם דעמאָלדיקן בילדונגס־מיניסטער א. וו. לונאַטשאַרסקי, — זיין אַרטיקל, געשריבן צו דער געלעגנהייט פֿון פֿופֿציק יאָר יידיש טעאַטער, וואָס איז אַריין אין אַ בראָשור וועגן קלאַראַ יאַנג (אַרויסגעגעבן אין דער דרוקעריי פֿון טעאַטער־זאַכן אין מאָסקווע, אין יאָר 1927). לונאַטשאַרסקי האָט געשריבן:

„דאָס יידישע טעאַטער האָט, פֿאַר די פֿופֿציק יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ, געשאַפֿן אַ סך פֿיגורן, צווישן וועלכע קלאַראַ יאַנג פֿאַרנעמט איינעם פֿון די ערנהאָפֿטסטע פּלעצער.

„די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטן־מאַכט, געבנדיק אַלע נאַציאָנען די פֿולע פֿרײַהייט פֿון קולטור און בילדונג, גיט זיך אָפּ צו דער קולטור פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק מיט פֿולער אויפֿמערקזאַמקייט, און דער ייִדישער טעאַטער, ווי אײנער פֿון די אָנגעזעענסטע קולטורן פֿון אַ פֿאָלק, ווערט אויך אויפֿגעהאַלטן צווישן די אינסטיטוציעס פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג. און, אויב בײַ דער צאַרישער רעגירונג איז דער ייִדישער טעאַטער געווען אונטער דער שרעק פֿון אַדמיניסטראַטיווער אַרויסשיקונג און פֿאַרבאָטענע ספּעקטאַקלען, לעבט דורך דאָס ייִדישע טעאַטער אונטער דער סאָוועטישער מאַכט אַ פּעריאָד פֿון צעבליִאונג. נאָר דורך דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטן־מאַכט, וואָס שטאַרקט אַלע פֿעלקער, קאָן פֿאַרשטאַנען ווערן די צעבליִאונג פֿון ייִדישן טעאַטער, וואָס קומט פֿאָר פֿאַר אונדזערע אויגן.

„קלאַראַ יאָנג — אַן אַרטיסטין פֿון אַלטן פֿופֿציק־יאָריקן טעאַטער — איז אַ גלענצנדע אַקטריסע, מיט וועלכער עס גרויסט זיך דאָס ייִדישע טעאַטער. אָבער קלאַראַ יאָנג איז אַן אַרטיסטין ניט נאָר פֿון ייִדישן טעאַטער — זי איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע. דערפֿאַר קומען צו קלאַראַ יאָנגס ספּעקטאַקלען הונדערטער מענטשן פֿון ניט־ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע פֿאַרשטייען ניט קיין וואָרט פֿון יענעם לשון, אויף וועלכן די אַרטיסטין שפּילט.

„קלאַראַ יאָנג איז אַ חנעוודיקע אַקטריסע. איך האָב זי נאָר געזען אין צוויי, דעם אמת זאָגנדיק, פּוסטע, האַלב־פֿאַרס, האַלב־אָפּערעטקעס. און ניט קוקנדיק אויף דעם, איז בײַ מיר פֿאַרבליבן אַ דויערנדיקער אויסערגעוויינטלעכער אָנגענעמער אײַנדרוק פֿון יענע ספּעקטאַקלען, וואָס זעלטן פּאַסירט עס אַפֿילו מיט, אָן צווייפֿל, גלענצנדיקע ספּעקטאַקלען.

„אַגב, איך פֿאַרשטיי ניט דעם ייִדישן זשאַרגאָן, און כאָטש איך קען די דײַטשע שפּראַך, פֿונדעסטוועגן האָב איך מיט שוועריקייטן פֿאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פֿון דער פּיעסע, און מיט קנאה צוגעזען, ווי אַרום מיר פֿאַרגייט מען זיך פֿון געלעכטער פֿון עפּעס אַ שפּאַס, וואָס איך האָב באַין אופֿן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

„און דאָך חזר איך איבער, אַז דער אײַנדרוק איז געווען אומגעהויער.

„אַן אַרטיסטקע פֿון ניט געוויינלעכער פֿילזײַטיקייט אויף איר אייגענעם שטייגער. איך האָב זי געזען אין דעם געשטאַלט פֿון אַן אָפּגעריסענעם ייִנגל און פֿון אַ קאָקעטן־דאַמע, זינגענדיק אַ לידל פֿון אַ פּאַפּיראָס. איך האָב זי געזען אין דעם בילד פֿון אַ פֿאַריסענער שרײַענדיקער פֿרוי פֿון אַן אַלטן בורזשואַ. אָפּט איז דאָס געווען אײנער און דערזעלבער פּערסאָנאַזש

אין עטלעכע פֿאַרקליידונגען, אָבער די יאַנג האָט שטענדיק געפֿונען נייע זשעסטיקולאַציעס, נייע אינטאָנאַציעס — גרויסאַרטיק אָפּגעהיטן און באמת ליבע...

„אין וואָס אייגנטלעך איבערראַשט די יאַנג? דאָס איז אָן צווייפֿל איר ליבלעכע האַלטונג אונטער אַלע אומשטענדן און אויף אַלע אופֿנים.

„זי איז אַ נאַטירלעכע יידישע שוישפּילערין. זי האָט ליב דעם ריינעם יידישן הומאָר, נאַטירלעכע זשעסטן, פּויזעס, אין וועלכע עס פֿילט זיך אַ ליבלעך־לייכטע איראָניע פֿון דעם אָנגענומענעם יידישן טיפּ, און אַפֿילו ווען זי חוזקט זיי אַלע אָפּ מיט ספּעציפֿישע גרימאַסן און זשעסטיקולאַציעס, גיט זי אין זיי אַריין אייגנאַרטיקע גראַציע. און צו דעם דאַרף מען צוגעבן די מוזיקאַלישסטע דיקציע, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט. די יאַנג פֿאַרמאָגט אַן איידל־זילבערנע שטימע. זאָלן אייניקע חברים יידן אַפֿילו זיין ברוגז אויף מיר — אָבער איך מוז זאָגן, אַז דער זשאַרגאָן אַליין פֿאַר זיך שטעלט מיט זיך ניט פֿאָר קיין מוזיקאַלישן דיאַלעקט, און פֿון דער מיינונג מיינער האָט קיינער פֿון די איבעריקע אָנטיילנעמער מיך ניט אָפּ־געוואוינט. דערפֿאַר אָבער, צווישן זייער פֿאַרגרעבט רעדן, האָט די שטימע פֿון קלאַראַ יאַנג געקלונגען ווי אַ נאַטירלעך־זילבערדיק טייכל און אַלע ווערטער האָבן פּלוצים באַקומען אַזאַ לייכטקייט, מעלאָדישקייט, אַז אַפֿילו ניט פֿאַרשטייענדיק וואָס זי רעדט, האָט זיך געוואָלט זי הערן ווידער און ווידער. צו דעם, מיט ניט קיין גרויסער, אָבער מיט אַן אָנגענעמער שטימע זינגט זי אויך אירע לידער, קופּלעטן, און מאַכט אירע טענץ, פֿון וועלכע זי שאַפֿט כּישופֿדיקע מאָנאָלאָגן.

„שוין לאַנג, לאַנג, ווי איך האָב ניט געזען, ניט אויף דער אייראָפּיי־אישער און ניט אויף דער רוסישער בינע אַזאַ אָפּערעטן־אַקטריסע, ווי יאַנג. און טאַקע דערפֿאַר האָט מיך ניט געוואונדערט, וואָס אום זומער, ווען די איבעריקע טעאַטערס האָבן מער אָדער ווייניקער געפּוסטעוועט, איז דאָס מאָסקווער דראַמאַטישע טעאַטער, וואו עס האָט זיך באַוויזן דער ליבלעכער אָנגעלייגטער גאַסט, געווען געפּאַקט".

אַז לונאַטשאַרסקיס ווערטער זיינען ניט געווען גלאַט אַ „קאָמפּלימענט", באַווייזט ד"ר א. מוקדוניס אָפּשאַצונג וועגן קלאַראַ יאַנג, פֿון וועלכן איך ברענג דאָ בלויז אַ קורצן ציטאַט פֿון ד"ר מוקדוניס בוך „יצחק לייבוש פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער" (איקוף־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949, ז' 187—188):

„איך בין זי געגאַנגען זען אין מאָסקווע, אין דער גרעסטער טעאַטער־שטאָט אין דער וועלט, און איך בין אַליין געווען אַביסל איבערראַשט פֿון

דער אויפֿנאַמע, וואָס זי האָט געהאַט. זי האָט געשפּילט אַן אָפּערעטע „דזשײקעלע בלאָזער", אַן אָרעמע אָפּערעטע, אָבער זי האָט געהאַט אַזױ פֿיל חן, אַז איך האָב סוף־כּל־סוף פֿאַרשטאַנען דעם ענטוזיאַזם פֿון דעם גרויסן פּובליקום.

„איך האָב מיטגענומען אין טעאַטער עטלעכע סיבירער ייִדן, מיט וועלכע איך בין געווען פֿאַרבונדן אין דער הילפֿס־אַרבעט פֿאַר די פּליטים. די ייִדן האָבן פֿאַרשטאַנען זייער ווייניק ייִדיש. ווי די מערסטע פֿונעם מאָסקווער פּובליקום, זײַנען די ייִדן אַזױ פֿאַרקאַכט געוואָרן, אַז איך פֿלעג באַקומען פֿון זײ טעלעגראַמעס מיט אָנפֿראַגעס — וואו שפּילט קלאַראַ יאַנג? זייערע אַ גאַנצע קאָמפּאַניע וויל זיך לאָזן פֿון סיביר זי זען..."

אין בוענאָס איירעס

פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זײַנען מיר אַוועקגעפֿאָרן אין יאָר 1928. מיר האָבן דערנאָך געשפּילט אין בעלגיע און אין פּאַריז, וואו מיר האָבן באַקומען אַן אײַנלאַדונג פֿון בוענאָס אײרעסער מענעדזשער מידע, מיר זאָלן קומען אויף גאַסטראָלן קיין בוענאָס איירעס.

נאָך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָב איך געהאַט צוגעזאָגט איליאַ טרי־לינגן, אַז ווען איך וועל אַוועקפֿאָרן, וועל איך שיקן נאָך אים. ווען איך האָב דערהאַלטן פֿון אים אַ טעלעגראַמע, אַז ער קומט מיט דער פֿאַמיליע קיין ווין, בין איך אַהינגעפֿאָרן אים אָפּוואַרטן.

דורך דער צײַט האָב איך אין ווין, זיצנדיק אין קאַפֿע פֿון צען אינדער־פֿרי ביז צוויי פֿאַרטאָג (וואו מוזיק האָט אַ גאַנצן טאָג געשפּילט און שײנע פֿרויען האָבן ראָמאַנסירט מיט מענער), אָנגעשריבן אַן אָריגינעלע קאָ־מעדיע פֿון דעם סאָוועטישן לעבן, מיטן נאָמען „דער סאָוועטישער קוימענ־קערער". די קאָמעדיע האָט דרײַ אַקטן מיט אַ פּראָלאָג.

די ראָלע פֿון דעם „קוימענקערער" האָב איך געשריבן פֿאַר קלאַראַ יאַנג, אָבער איך האָב קיין געלעגנהייט ניט געהאַט דאָס אויפֿצופֿירן מיט איר אָנטייל. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1933, האָב איך די קאָמעדיע פֿאַרקויפֿט צו מישאַ פֿישזאָן און פּסחקע בורשטיין, וועלכע זײַנען דעמאָלט געווען די אונטערנעמער אין דעטראָיט. און ווי דער אַקטיאָר און ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר חיים טויבער, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין יענער טרופּע, האָט מיר איבערגעגעבן, האָט די קאָמעדיע דעמאָלט געהאַט אַ געוויסן דערפֿאָלג, בפֿרט בײַ די אַקטיאָרן, און אַז דער אויטאָר און אַקטיאָר־מענעדזשער מאַקס געביל, וועלכער האָט צופֿעליק געזען די פּיעסע בײַ

זיי, האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט, אַז די פּיעסע איז מיט צען יאָר צו פרי אָנגעשריבן געוואָרן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט איך די פּיעסע אַרויסגענומען און געוואָלט זען, צי איך קאָן זי ניט באַנייען. אָבער איבערלייענענדיק זי, האָב איך איינגעזען, אַז מיין קאָמעדיע „דער סאָוועטישער קומענקערער" איז געוואָרן מיט צען יאָר צו שפּעט...

איך ווייס ניט וויפל עפּאָכעס די יידישע ליטעראַטור איז שוין דעמאָלט געהאַט דורכגעגאַנגען אין בוענאָס איירעס, און אויב זי האָט נאָך געהאַלטן אין גיין באַרג־אַרויף. אָבער אין יאָר 1929, ווען איך בין אָנגעקומען, האָב איך שוין געטראָפן צוויי יידישע צייטונגען דאָרטן, און אַ דריטע, אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג, האָט געהאַלטן ביים אַרויסגיין. עס האָבן שוין אויך עקזיסטירט איניקע יידישע זשורנאַלן, און יידישע ביכער זיינען געווען געדרוקט. דאָס יידישע לעבן אין בוענאָס איירעס האָט זיך פאָרמירט, ווי אין ניו־יאָרק מיט פופציק יאָר צוריק. אין פאַרהעלטעניש מיט דער ניו־יאָרקער יידישער באַפעלקערונג איז דאָס יידישע בוענאָס איירעס דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה, ווי ניו־יאָרק. אָבער בעת אין ניו־יאָרק זיינען מיט פופציק יאָר צוריק שוין געווען דריי גרויסע יידישע טעאַטערס מיט גרויסע יידישע אַקטיאָרן, איז אין בוענאָס איירעס געווען בלויז איין יידיש טעאַטער. אפשר איז דעמאָלט געווען נאָך אַ טעאַטערל, האָט מען זיך אָבער ניט גערעכנט דערמיט. אין ניו־יאָרק איז די יידישע פּרעסע נאָכגעגאַנגען דעם יידישן טעאַטער, אָדער פאַרקערט, — דאָס טעאַטער דער פּרעסע. ווען עס האָט עקזיסטירט איין יידישע צייטונג, איז געווען איין איינציק יידיש טעאַטער. ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ צווייטע יידישע צייטונג, האָט זיך געעפנט נאָך אַ יידיש טעאַטער, און ווען אַ דריטער טעאַטער האָט זיך געעפנט, איז אויך דערשינען אַ דריטע יידישע צייטונג. אָבער אין בוענאָס איירעס איז די יידישע ליטעראַטור געלאָפן פאַראויס, און דאָס יידישע טעאַטער איז געבליבן הינטערשטעליק. דער אייגנטימער פון דעם איינציקן יידישן טעאַטער, „עקסעלסיאָר", איז געווען אַן אַרגענטינער קריסט, און דער מענעדזשער פון די יידישע טעאַטער־פאַרשטעלונגען איז געווען דער ייד אַדאָלף מידע.

אין די 20 יאָר, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט געררייזט, בין איך געווען כמעט אין אַלע הויפּטשטעט פון יענער זייט ים און באַזוכט די אינטערעסאַנטסטע פלעצער פון יעדער שטאָט. ווערדליק מיין באַגריף, וואָס איך האָב געהאַט די אַלע יאָרן וועגן בוענאָס איירעס, האָט די שטאָט דעמאָלט אויף מיר געמאַכט אַ פאַרקערטן איינדרוק. זי האָט מיר אויס־

געוויזן צו זײַן די צניעותדיקסטע שטאָט פֿון דער גאַנצער וועלט. איך האָב אין בוענאָס אײַרעס ניט געזען גײן אַלײן אַ פֿרוי אין גאַס. פּראָסטיטוציע האָט ניט געריסן די אויגן, ווי אין ניו־יאָרק מיט 50 יאָר צוריק אין דער צײַט פֿון „טעמעני"...

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה האָבן מיר דאָרט געגעבן די ערשטע פֿאָרשטעלונג. מיר האָבן זיך פֿאָרבאַרײַט צו שפּילן אין בוענאָס אײַרעס אַ לאַנגע צײַט. איך האָב ניט געוואוסט, אַז פֿאַר יידיש טעאַטער אין בוענאָס אײַרעס איז ראש־השנה און אַ פּאָר וואָכן נאָך ראש־השנה דאָסזעלבע, ווי אין ניו־יאָרק איז פֿאַר יידיש טעאַטער פּסח און די פּאָר וואָכן נאָך פּסח. עס הויבן זיך דעמאָלט אָן די היצן. און דאָך זײַנען די געשעפֿטן געווען זייער גרויס, — ריזיקע אײַננאַמעס! צוואַנציק פֿאָרשטעלונגען האָבן מיר דעמאָלט געגעבן, און די געשעפֿטן זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. בײַ דער 21־סטער פֿאָרשטעלונג איז קלאַראַ ווידער קראַנק געוואָרן און געמוזט גײן אין שפּיטאָל. עס איז געווען אַ בענעפֿיס־פֿאָרשטעלונג און די אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען איך זאָל אויפֿפֿירן אַ דראַמע און אַלײן אָנטייל־נעמען אין איר...

איך האָב ניט געהאַט אין זינען זיך צו באַווײַזן אין בוענאָס אײַרעס אַלס אַקטיאָר, — מיט וואָס און וועמען וועל איך איבערראַשן? מאָריס מאָשקאָוויטש האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט געשפּילט אין בוענאָס אײַרעס, זיי האָבן שוין געהאַט סעמועל גאָלדענבורגן, אויך טאָמאַשעווסקין... אָבער דאָס מענעדזשמענט האָט מיך דערצו כּמעט געצוואונגען.

אײַנצושטודירן מיט דער טרופּע אַ נײַע דראַמע האָב איך קיין צײַט ניט געהאַט — אויפֿן דריטן טאָג איז געווען אַנאָנסירט דער בענעפֿיס — האָב איך אין אײַלעניש געמאַכט „אַנדערטהאַלבן פּראָבן" און בין געגאַנגען מיט דער טרופּע שפּילן יעקב גאָרדינס „עץ הדעת"...

און אָט־וואָס די קריטיקער האָבן געשריבן — שמואל ראָזשאַנסקי:

„אין אַ וואָכעדיקן טאָג, אָן רעש און אָן רעקלאַמע, איז צום ערשטן מאָל אויפֿגעטראָטן דער אַרטיסט בועז יאָנג. אַז ער איז אַן אַרבייטזאַמער, שטילער, פֿײַאיקער און באַשיידענער רעזשיסער, דאָס האָבן מיר שוין געהאַט די געלעגנהייט צו זען (און מערער פֿילן, ווי זען) אויף די ביזאיצטיקע ספּעקטאַקלען, אין וועלכע קלאַראַ יאָנג איז אויפֿגעטראָטן, וועלכע בועז יונגוויץ (אָדער בועז יאָנג) האָט רעזשיסירט. און אינטערעסאַנט איז, וואָס בועז יאָנג האָט אַרום זיך ניט אויסגעשריגן די רעקלאַמע פֿון פּרעטענסיעס, וואָס עס באַנוצן אַקטיאָרן מיט קלענערע פֿײַאיקייטן און ווייניקער בינע־קרעדיטן.. אין דעם דעביוט זײַנעם אַלס אַרטיסט האָט

בועז יאָנג זיך פֿאָרגעשטעלט ווי אַ גוטער אַקטיאָר, וועלכער האָט געגנוג שוישפּילערישן כח, כּדי צו שאַפֿן פֿון דער ראָלע אַ טיפּ, אַ גאַנצן און אויסגעהאַלטענעם, מיט היפּש בינע־בלוט. די פּיעסע איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן מיט ניט איבעריקער צוגרייטונג. דאָך האָט זיך שטאַרק געפֿילט די האַנט פֿון רעזשיסער בועז יאָנג, הגם דער זעלבער האָט געשפּילט די הויפּטראָלע. בטבע שפּילט בועז יאָנג שטיל, האָט ליב לירישע טענער און באַשאַפֿט זיי טאַקע מיט אַ ציטעריק־וויברירנדער שטימע, האַלט אָן אַ ליניע און פֿאַרטיפֿט אַפֿילו דעם כאַראַקטער פֿון דעם פּראָסטן פֿאָלקס־מענטש, דעם סטאָליאר 'מאַזי' — אָט אַ צוריקגעהאלטענער, און באַלד אַ שטורמישער. ער צווינגט אונדז מיטפֿילן זיינע ווייטיקן... ווען דער אַנ־סאַמבל וועט זיך איינשפּילן, וועט זיך די פּיעסע קאָנען ווייזן אָפּט אויף דער 'עקסעלסיאָר'־בינע".

יעקב באָטאָשאַנסקי:

„די פּיעסע 'עץ הדעת' איז אַ פּיעסע, וואָס לאָזט זיך זען. זי האָט אַ סך מעלאָדראַמאַטישע קאָנפֿליקטן, מיט שאַרפֿע קאָנטראַסט־שפּילן. בועז יאָנג האָט די פּיעסע אויפֿגעפֿירט ווי אַ דראַמע, זייער רעאַליסטיש און מיט אַ סך פּויזעס. פּויזעסווירקן, ווען עס איז פֿאַראַן מיט וואָס אויסצופֿילן זיי. מען האָט די פּיעסע מיט פֿאַרגעניגן געזען, ווייל בועז יאָנג איז אַ שוישפּילער, וואָס לאָזט זיך זען. ער האַלט־אויס ליניע, לעבט כּסדר, גיט־איבער די איבערלעבעניש מיט פֿיינע מיטלען און רייסט ניט קיין קוליסן אין די שטאַרקסטע מאָמענטן, אָבער ער ווירקט דאָך. מען דערציילט, אַז טשעכאָוו האָט געזאָגט צו דער קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ נאָך אַ רעפּעטיציע: 'איר האָט אייער מאָנאָלאָג געזאָגט, ווי אַ גוטע אַקטריסע, און דאָס איז ניט גוט.' בועז יאָנג איז אויף אַ רגע ניט געווען קיין אַקטיאָר, — ער איז כּסדר געווען 'מאַזי סטאָליאַר'. צי דאָס איז יאָ גוט, ווייס איך ניט. איך האַלט דווקא, אַז פֿון אונטערן כאַראַקטער פֿון העלד מעג אַרויסשיינען דער אַקטיאָר. אָבער זיך אַריינלעבן אין העלדס אויסערלעכקייט און אינער־לעכקייט איז אַ היפּשע מדרגה אין דער קונסט. בועז יאָנג איז אַן אַקטיאָר ניט נאָר מיט פֿאַך־קענטעניש, נאָר מיט אַ מעגלעכקייט צו ווירקן אומ־מיטלבאַר. די פּיעסע איז מער ווי אַ סך נייע [פּיעסן], פּונקט ווי בועז יאָנג איז אַ סך מער שוישפּילער פֿון אַ סך, וואָס ווערן באָמבאַסטיש רעק־לאַמירט אַלס 'סטאַר'. אַ שוישפּילער, וועלכן מען גלויבט, ווייל ער איבער־צייגט..."

איך האָב געשפּילט נאָך אייניקע פּיעסן אין בוענאָס איירעס, אויף וועלכע די קריטיק האָט זיך אויך גוט אָפּגערופֿן וועגן מיר.

אַגב, די געבראַכטע קריטיקן זיינען די איינציקע, וואָס איז ביי מיר פֿאַרבליבן פֿון מיינע זעכציק יאָר שפּילן אויף דער יידישער בינע. אַלע אַנדערע זיינען מיר פֿאַרלוירן־געגאַנגען אויף מיינע וואַנדערונגען.

איך האָב געבראַכט די אויסצוגן פֿון די קריטיקער ראַזשאַנסקי און באַטאַשאַנסקי, ווייל יענע פֿאַרשטעלונגען אין בוענאָס איירעס, אין וועלכע איך האָב געשפּילט די הויפּט־ראָלן, זיינען שוין געווען מיין „ערב" פֿון שפּילן אויף דער בינע ערשטע פֿידל... און אַן אַקטיאָר קומט צום לעבן נאָר מיט גוטע דערינערונגען פֿון דער בינע.

ווען איך בין געקומען צו קלאָראַן אין שפּיטאָל און פֿאַר איר איבער־געלייענט די קריטיקן, האָט זי אַ צופֿרידענע געזאָגט:

— צוליב די גוטע קריטיקן פֿאַר דיר האָט זיך מיר געלוינט איך זאָל אינמיטן פֿון מיינע גאַסטראָלן אין בוענאָס איירעס קראַנק ווערן...

אַ תכלית פֿון אונדזער האָרעוואַניע

מיר זיינען אַוועקגעפֿאָרן פֿון בוענאָס איירעס מיט היפּשע פֿאַרדינסטן. אין דער גאַנצער צייט פֿון מיין טעאַטער־פּראָפֿעסיע האָב איך ניט פֿאַר־לוירן ביים טעאַטער קיין געלט, — אַלעמאָל, מער אָדער ווייניקער, פֿאַר־דינט. קיינמאָל ניט פֿאַרלוירן, — אָבער צוגענומען ביי מיר געלט האָבן מענטשן יאָ, און דווקא ניט קיין טעאַטער־מענטשן.

מען זאָגט, אַז אומגליק האָט ליב קאָמפּאַניע, געזעלשאַפֿט. און איך האָב געהאַט אַ סך שותּפֿים צו מיינע אומגליקן...

דאָס ערשטע מאָל האָט ביי אונדז צוגענומען אַ באַנק אין וואַרשע אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן, אויף וועלכן מיר האָבן געאַרבעט פֿערצן יאָר — נאָך ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן. דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר פֿאַרלוירן אונדזער גאַנץ געלט אין רוסלאַנד, בעת דעם בירגער־קריג. דאָס דריטע מאָל איז עס געווען אין ניו־יאָרק:

מיר האָבן געהאַט אין ניו־יאָרק אַ פֿריינט דרייסיק יאָר צייט. געווען אַן אינטעליגענט, געשטאַמט פֿון גאָר אַ געהויבענער פֿאַמיליע אין רוס־לאַנד, און זייער אַן אָנגעזעענער מענטש אויף דער „איסט סאַיד". דער פֿריינט מייַנער פֿלעגט זיך אַרויסוויזן פֿאַר אַ גרויסן „ספּאָרט" צו יעדן... אַגב, איך האָב געוואוסט, אַז דער פֿריינט האָט אַ הכנסה פֿון אַ 25,000 דאָ־לער אַ יאָר פֿון זיין געשעפֿט. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אונדזערע געשעפֿטן. איינמאָל זאָגט ער צו מיר: מר. יאַנג, וויפֿל צאָלט אייך די באַנק פּראָצענטן פֿאַר אייער געלט? [ער האָט כלומרשט ניט געוואוסט...] איך וואָלט אייך געצאָלט זעקס פּראָצענט.

אַז ביי מיין פּריינט איז דאָס געלט נאָך זיכערער ווי אין די בענק, וועגן דעם איז ביי מיר קיין ספק ניט געווען. און אַזוי ווי איך האָב שוין גע־האַט נייע עטלעכע טויזנט דאָלאַר אין דער באַנק, האָב איך אַרויסגענומען דאָס געלט און עס געגעבן מיין נייעם „באַנקיר״ פאַר זעקס פּראָצענט, און בין זיך רואיק אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע.

ווען קלאַראַ האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט די ערשטע צען טויזנט דאָלאַר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און איך — זעקס טויזנט, זיינען מיר אין כאַרקאָוו געגאַנגען אין באַנק אַוועקצושיקן דאָס געלט קיין אַמעריקע. קלאַראַ האָט אירע צען טויזנט דאָלאַר גלייך אַוועקגעשיקט קיין ניו־יאָרק אין דער באַנק אַריין, און איך האָב מיינע 6 טויזנט אַוועקגעשיקט קיין ניו־יאָרק צו מיין פּריינט, ער זאָל עס אַריינלייגן אין באַנק אויף מיין נאָמען. קלאַראַ, וועלכע פלעגט אַ סך מאָל האָבן אַ ריכטיקן פאַרגעפיל, האָט דער־ביי צו מיר געזאָגט:

— בועז, איך האָב מורא...

האָב איך אַפילו געהאַט טענות צו איר, פאַרוואָס זי צווייפלט אין דער ערלעכקייט פון אונדזער לאַנג־יאָריקן פריינט. אָבער דעם אמת זאָגנדיק, האָט אויך ביי מיר דאָס האַרץ זיך אָנגעהויבן אַביסל צו שרעקן... נאָר ווען מיט דריי וואָכן שפּעטער איז געקומען פון דער ניו־יאָרקער באַנק אַ באַשטעטיקונג, אַז מיין פּריינט האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אויף מיין נאָמען, האָב איך שוין קלאַראַן געמאַכט אַ פאַרוואורף: ווען וועסטו שוין צוגעבן, אַז מען מעג געטרויען?...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ווייטער געשיקט מיין געלט אין דער זעלבער באַנק אַריין, און אַזוי האָב איך אויך געטאָן, ווען איך בין געווען אין בוענאָס איירעס.

דרייסיק יאָר האָב איך געזוכט מיט אַלע מיטלען, איך זאָל זיין פאַר־זאָרגט אויף דער עלטער, איך זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו אַ קינד און אַוודאי נישט צו מענטשן, אָדער גאָר דאַרפן ענדיקן מיינע יאָרן אין אַ מושב זקנים... ווען איך בין געווען אין „פּיפּעלס־טעאַטער״ ביי טאָמאַ־שעווסקין און עדעלשטיין, האָב איך געשפּילט (געאַרבעט) ניין מאָל אַ וואָך, זעקס־און־פערציק וואָכן אַ סעזאָן; קיין נאַכט ניט געווען פריי, אַז איך זאָל קאָנען גיין ערגעץ פאַרברענגען, נאָר כסדר זיבן־און־אַכט יאָר געאַרבעט יעדע נאַכט. איך האָב ניט געשפּילט קיין האַזאַרד־שפּילן, ווי אייניקע פון מיינע קאָלעגן, — איך האָב אַלץ געקלערט וועגן דעם מאָרגן, אין וועלכן אַ סך אַקטיאָרן פאַרגעסן. צוויי מאָל האָט זיך אָט דער „מאָרגן״ אַרויס־געגליטשט פון מיינע הענט. אָבער דאָס מאָל, פאַרנדיק אויף דער שיף

פֿון בוענאָס איירעס קיין ניו־יאָרק, האָב איך געדענקט, אַז איך האָב אים ענדלעך, דעם „מאָרגן״, ווידער געפּאַקט און האַלט אים פֿעסט אין מיינע הענט, — מער וועט ער פֿון מיר שוין ניט קאָנען אַוועק. איך וועל מיט דעם געלט ניט ריזיקירן אין טעאַטער־געשעפֿטן. איך האָב עס ערלעך דערוואָרבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, — ניט ווי אַ דירעקטאָר, וואָס האָט געדונגען אַקטיאָרן, געצאָלט שכירות און דעם פּראָפֿיט פֿאַר זיך אַליין גע־נומען, — נאָר איך בין אַליין געווען אַ געדונגענער... אמת טאָקע, מיר האָבן געגומען אַזוי פֿיל אַ נאַכט, וויפֿל די שכירות פֿון אַן אָוונט האָט באַטראָפֿן פֿאַר דער גאַנצער טרופּע, מיט דעם כאָר צוזאַמען, — אָבער דאָס איז ניט געווען קיין זינד. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד באַקומט דאָך יעדער מענטש פֿאַר זיין אַרבעט לויט זיין ווערט, ניט לויט זיין געברויך — ווי דאָס וועט זיין אַמאָל...

אַרומגייענדיק איצט אויפֿן דעק פֿון דער שיף, האָב איך געטראַכט, אַז איך געזעגן זיך שוין מיטן ים אויף אייביק. פֿערצן מאָל פֿאָרן אויף אַ ים וועט זיין גענוג פֿאַר מיר, — איך וואַנדער ניט מער, איך פֿאַרבלייב שוין אין אַמעריקע. איצט, ווען איך האָב טויזנטער אין דער באַנק, וועט מיר ניט שווער זיין צו געפֿינען אַ פֿריינדין, וואָס זאָל מיר זיין אַלץ אין לעבן. גענוג געווען איינער אַליין — צוועלף יאָר... איך אַרבעט מיט קלאַראַ יאַנג ווידער צוזאַמען — און בין אַליין. מיר פֿאָרן צוזאַמען אויף איין שיף, אין איין קאַיוטע, און איך בין אַליין... אָבער דער מענטש טראַכט, און דער גאַנג פֿון לעבן לאַכט...

ביים ניו־יאָרקער האַפֿן האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אַ צען־צוועלף מענטשן, און אַוודאי איז מיין אַלטער גוטער פֿריינט אויך געקומען צו דער שיף צו געבן מיר אַ ברוך הבא. ער האָט אונדז אַלעמען, צוועלף מענטשן, אַריינגענומען אין אַ רייכן רעסטאָראַן, וואו מיר האָבן געגעסן און געטרונקען שאַמפּאַניער.

כטוב לב המלך ביין, זאָגט צו מיר מיין פֿריינט:

— איר ווייסט, מר. יאַנג, איך האָב אייער געלט אינוועסטירט אין אַ מאָרגיידזש [היפּאָטעקע].

ניט געקוקט אויף די פֿלעשער שאַמפּאַניער, וואָס מיין פֿריינט האָט דעמאָלט אין מיר אַריינגעגאָסן, איז מיין קאָפּ דאָך געווען גענוג קלאָר ביי אים צו פֿרעגן:

—היתכן? ווי איז דאָס מעגלעך? מיין געלט ליגט דאָך אין דער באַנק אויף מיין נאָמען?

— יאָ — ענטפֿערט ער מיט אַ שמייכל — אַוודאי האָב איך אייער

געלט אַריינגעלייגט אין דער באַנק אויף אייער נאָמען, נאָר איך האָב געהאַט אַ רעכט עס אַרויסצונעמען.

ווי נאַריש, אומדערפֿאַרן איך בין דעמאָלט געווען, ניט צו פֿאַרשטיין, אַז עפּעס איז דאָ פֿאָרגעקומען... עס האָט אויף מיר קיין גרויסע ווירקונג ניט געמאַכט, אַז איך זאָל עפּעס חושד זיין.

ווען איך האָב אים געפֿרעגט אויפֿן „מאָרגיידזש", האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם, ער צאָלט מיר 12 פּראָצענט, און ווען איך וועל נאָר דאַרפֿן געלט, זאָל איך אים זאָגן. אָבער ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויך קלאַראַס געלט האָט ער אַריינ־געלייגט אין היפּאָטעקן, בין איך שוין געוואָרן אַביסל צעמישט. קלאַראַס געלט האָט ער דאָך אין באַנק ניט אַריינגעלייגט — ווי האָט ער עס גע־קאָנט אַרויסציען?... אויף דעם האָט מיין פֿריינט אויך געגעבן אַ תּירוץ: ער האָט דער באַנק געגעבן אַ „סעקיוריטי", אַ פֿאַרזיכערונג... און מיר האָבן אים ווידער געגלויבט.

ווי קומט עס, אַז אַן אַקטיאָר זאָל זיין אַזאַ „יאָלד"? יאָ, געוויינטלעך האַלטן אַקטיאָרן דעם עולם פֿאַר „יאָלדן", אָבער ווען עס קומט צו „ביז־נעס" אויסער טעאַטער, בייט זיך דער אַקטיאָר מיט דעם פּריוואַטן מענטש, און דער אַקטיאָר ווערט דעמאָלט דער „יאָלד"... וואָס גרעסער דער קינסטלער אין זיין קונסט, אַלץ גרעסער אין פּריוואַטע געשעפֿטן זיין יאָל־דישקייט. שפּילנדיק אויף דער בינע פֿאַרשיידענע כאַראַקטערס, ווערט ביי אים אין קאָפּ אַזאַ צעמישעניש, אַז עס איז אים שווער צו דערקענען דעם אמתן כאַראַקטער פֿון זיינע מיטמענטשן אין לעבן. דאָס איז אפֿשר אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אַזוי איז עס שוין ביים קינסטלער.

ווען איך בין אַפּגעווען אין ניו־יאָרק אַ פּאָר טעג, זאָגט צו מיר מיין פֿריינט:

— מר. יאַנג, פֿאַרוואָס נעמט איר ניט קיין טעאַטער אין ניו־יאָרק מיט מיסעס יאַנג? איר וועט דאַרפֿן אַ פֿופֿצן־צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, וועל איך אייך געבן. נעמט אַ טעאַטער און הויבט אָן צו טאָן ביזנעס. איר וועט מאַכן געלט.

הערנדיק די רייד זיינע, איז מיין גלויבן אין אים נאָך שטאַרקער געוואָרן, און איך בין געשלאָפֿן רואיק...

און, — אָט איז דער פֿינאַל פֿון מיין פֿריינטס קאָמעדיע, וואָס ער האָט מיט אונדז געשפּילט:

מיין טאָכטער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין גיין צו דער חופּה מיט אַ יונגנמאַן, וועמענס פֿאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער געשעפֿטסמאַן.

דער פֿאָטער איז קראַנק געוואָרן, און ער האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן די פֿאַבריק צו זײַנע קינדער. מיר האָבן געזען אין דעם אַ גליקלעכן שידוך. דער יונגערמאַן האָט זיך זייער געפּאַסט פֿאַר אונדזער קינד. הגם ער איז אַליין אויך אַ קינסטלער (אַ מאָלער), האָט שטודירט אין אויסלאַנד און האָט שוין געהאַט אויסשטעלונגען פֿון זײַנע בילדער אין ניו־יאָרק, האָבן מיר אים געראָטן, ער זאָל בעסער ווערן אַ שותּף אין זײַן פֿאָטערס פֿאַבריק, און מיר האָבן צוגעזאָגט אַרײַנצולייגן פֿאַר אים געלט אין געשעפֿט.

ווען איך האָב מײַן פֿרײַנט דערציילט, אַז מיר ווילן אַרײַנלייגן אין באַנק אויף דעם יונגנמאַנס נאָמען אַ געוויסע סומע געלט, האָט ער גע־האַלטן פֿאַר מיר אַ לעקציע וועגן עלטערן און קינדער, און געראָטן איך זאָל עס ניט טאָן... אָבער איך בין באַשטאַנען אויף מײַנעם.

— נו, גוט — האָט ער ווי גלײַכגילטיק געזאָגט — טוט ווי איר ווילט, עס איז אײַער געלט. קומט מאָרגן, וועל איך אײַך געבן אַ טשעק. איצט איז שוין די באַנק פֿאַרמאַכט.

איך בין אַוועקגעגאַנגען פֿון אים מיט דער פֿולער זיכערקייט, אַז מאָרגן באַקום איך פֿון אים דעם טשעק און איך וועל קאָנען אַרײַנלייגן דאָס געלט אויף דעם יונגנמאַנס נאָמען.

ווען איך בין אַהיימגעקומען און געזאָגט, אַז מאָרגן וועל איך אַרײַנ־לייגן דאָס געלט אין דער באַנק, איז מײַן קינד אַרויפֿגעפֿאַלן אויף מיר, מיך שטאַרק געקושט און געזאָגט:

— דענק נישט, פּאַפּאַ, אַז איך קוש דיך פֿאַר דעם געלט. ניין, דאָס איז פֿאַר דער גרויסער ליבע צו מיר...

קלאַראַ איז אַפֿילו אײַפֿערזיכטיק געוואָרן אויף דער גרויסער ליבע פֿון קינד צו מיר. און וועלנדיק מיך איבערשטײַגן מיט איר געלט, האָט זי געזאָגט צום קינד:

— און איך וועל דיר געבן אַן עקסטרא־טויזנטער, אַחוץ מײַן חלק, וואָס איך דאַרף דיר געבן, און איך שענק דיר דעם בריליאַנטענעם רינג [און טאַקע אויפֿן אָרט אים אַרונטערגענומען פֿון איר פֿינגער און אָנגעטאָן דער טאָכטער], וואָס דער פּאַפּאַ האָט מיר אַמאָל געקויפֿט אין אָדעס, און מאָרגן גיי איך דיר קויפֿן דאָס חופּה־קלייד.

— ניין — האָב איך זיך אָנגערופֿן צו קלאַראַן גאַנץ ערנסט — צו די הוצאות פֿון דער חתונה וויל איך זײַן אַ גלײַכער שותּף! אמת טאַקע, אַז פֿון דעם, וואָס מיר בײדע פֿאַרדינען בשותּפֿות נעמסטו צוויי דריטל,

און איך נאָר איין דריטל, אָבער ביי אונדזער קינדס חתונה וועל איך דיך ניט לאָזן נעמען מער, ווי פּופציק פּראָצענט!

מיר האָבן אַלע געלאַכט צופרידענע, גליקלעכע. אונדזער קינד איז אַפילו צוגעשטאַנען, איך זאָל צוגיין צו דער מאַמען און איר געבן אַ קוש...
איך האָב שוין קלאַראַן ניט געהאַט געקושט איבער דרייצן יאָר; אָבער ווען מיין קינד האָט מיט טרערן אין די אויגן אַלץ זיך געבעטן ביי אונדז, בין איך צוגעגאַנגען צו קלאַראַן און מיר האָבן זיך צעקושט, ווי ברוגזע מחותּנים...

צומאָרגנס האָב איך גענומען אַ טעקסי און בין צוגעפאָרן צו מיין פּריינט. ווען די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט און איך האָב דערזען אַ שלאָס אויף זיין געשעפט, האָט זיך מיר דאָס האַרץ אָפּגעשטעלט.

איך בין אַוועק אין דער באַנק. און דאָ, אין באַנק, האָב איך זיך דער־וואוסט, אַז דער פּריינט מיינער איז דאָ שולדיק געבליבן אַכט און פּופציק טויזנט דאָלאַר, און איז אַוועק קיין קאַנאַדע — — ער האָט אויסגעמאַכט טשעקס, אונטערגעשריבן קלאַראַ יאַנגס נאָמען, און אַזוי אַרום אויך אַרויסגענומען איר גאַנץ געלט פון דער באַנק...

ווי זאָגט מען, — אַ פּריינט איז געגליכן צו אַ שאָטן: ווען עס איז אייך ליכטיק, פאַרפאָלגט ער אייך; ווען עס איז פינצטער, פאַרשווינדט ער... ווידער איז דער „מאָרגן" אַוועק פון מיר — — —

איך האָב זיך געלאָזט אַוועקגיין, און ס'איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. ווי האָט געזונגען זישע לאַנדוי:

„איך בין אין גאַס געגאַנגען
און גאָר נישט געזען,
ווי עס וואָלט פאַר מיינע אויגן
אַ גרויע וואַנט געווען"...

כ'האָב אויך מער ניט געזען קיין צוקונפט פאַר מיר אויף די עלטערע יאָרן... און די קעגנוואַרט איז געווען פאַר מיר נאָך פינצטערער, ווי די צוקונפט. אַלץ וואָס מיר איז געבליבן, איז צוויי הונדערט דאָלער. אָט־אָט גייט עס אויס, און — וואָס ווייטער?...

ווען מען האָט מיין געלט ביי מיר צוגענומען דאָס ערשטע מאָל, איז קלאַראַ נאָך געווען יונג, און איך בין אויך ניט אַלט געווען, — איך האָב געהאַט אַ האָפענונג ווידער זיך אַרויפצואַרבעטן און זיך פאַרזאָרגן אויף דער עלטער. ווען איך האָב באַקומען דעם צווייטן קלאַפּ, האָב איך זיך נאָך געקאָנט אויפהויבן און גיין ווייטער. אָבער נאָך דעם דריטן קלאַפּ האָב איך געפילט, אַז איך קאָן זיך מער ניט אויפהויבן — — ביי אָט־די יאָרן,

ביי מיין „ערב"...? איך האָב געפֿילט, אַז דאָס איז מיין לעצטע סטאַנציע, — אָט דאָ פֿאַרבלייב איך שוין...

איך האָב אַ גאַנצן טאָג געוואַנדערט איבער די גאַסן און ניט געוואָגט אַהיימצוגיין — ווי אַזוי האָב איך געקאָנט ברענגען קלאַראַן און מיין קינד די שוואַרצע בשורה?

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביים „קאַפֿע ראָיאַל", וואו מיינע קאָלעגן אַקטיאָרן זיינען געזעסן און פֿריילעך פֿאַרבראַכט. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז קיינער קאָן מיר דאָ ניט העלפֿן; אָבער עס האָט זיך געוואָלט דעם אומגליק אַרויסריידן, אַרויסווייבען מיין צער. בין איך צוגעגאַנגען צו ראובן גוסקין, דער מענעדזשער פֿון דער אַקטיאָרן־יוניאָן, און אים אַלץ דערציילט, פֿאַר אים אַנטפּלעקט די קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט אונדז געטראָפֿן.

מר. גוסקין האָט מיך געדולדיק אויסגעהערט, טרויעריק געשאָקלט דעם קאָפּ, אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. און דאָס האָט געמאַכט מיין ווייטיק נאָך שטאַרקער... מעגלעך, אַז ער האָט געהאַלטן פֿון דעם מנהג ביי יידן, אַז מען טרייסט ניט קיין אָבל, ווען דער מת ליגט נאָך פֿאַר די אויגן...

אָבער פֿאָרט, — ווען די באַרימטע באַלעריבע איזידאָראַ דאָנקאַן איז געקומען צו דער דוזע, נאָך דעם אומגליק, וואָס ס'האָט געטראָפֿן די דאָנקאַן מיט איר קינד, האָט די דוזע ניט געזוכט צו פֿאַרשווייגן דער דאָנקאַנס אומגליק, נאָר פֿאַרקערט, — זי האָט גערעדט מיט איר נאָר וועגן איר קינדס טויט. און די דאָנקאַן האָט געזאָגט:

— זייט דעם אומגליק, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געפֿילט, אַז איך בין ניט אַליין...

ענדלעך האָב איך זיך געלאָזט גיין „אַהיים". מיר האָבן געהאַט גע־נומען אַ וואוינונג פֿאַר מיין טאָכטער אויף נאָך דער חתונה און עס אויס־מעבלירט, האָבן מיר דערווייל אַלע דאָרט געוואוינט. ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף מיין קינד גיין צו דער חופּה, און ווער ווייסט צי די חתונה מיט דעם יונגנמאַן וועט איצט בכלל קאָנען פֿאָרקומען, — האָט דער טויט פֿאַרבייגעשוועבט מיין מח און איך האָב מורא געהאַט אַריינצוגיין אין שטוב, איך זאָל ניט באַגיין זעלבסטמאָרד...

איך בין צוריקגעגאַנגען צו סעקאָנד עוועניו, און פֿאַרבייגייענדיק שוואַרצס „פֿיונעראַל פּאַרלאָר" [טויטן־שטיבל], האָב איך זיך דערמאָנט, ווי אָפֿט איך האָב דאָרט געזען ליגן דעם „סוף פֿון אַלע סופֿן"... דאָס פּנים ראַזירט, צוגעפּאַרבט, די האָר שיין פֿאַרקעמט, די אויגן פֿאַרמאַכט, ליגט

זיך דאָרט איינער גאַנץ אַליין און שלאָפט דעם אייביקן שלאָף... איז דאָס דער שרעקלעכער גרויזאַמער טויט, וואָס דער מענטש האָט אַזוי מורא פֿאַר אים?... זאָגט דאָך שאָפּענהאַוער, אַז דער טויט איז אַזוי גרויס, אַז אַפֿילו גאָט אַליין פֿאַרמאָגט עס ניט — וואָרים גאָט איז דאָך אומשטערבלעך. ווען מען זאָל דיר זאָגן, אַז מען וועט דיך איינשלעפֿערן אויף 6 חדשים, כּדי דערנאָך צו קאָנען לעבן זעקס טויזנט יאָר, וואָלסטו עס אַוודאי געטאָן. אָבער ווען דו שלאָפֿסט שוין זעקס חדשים, — וואָס וועט דיך אַרן, אַז דו וועסט שלאָפֿן זעקס טויזנט יאָר?...

מיט אָט די געדאַנקען בין איך ווידער צוגעקומען צו אונדזער נייער היים...

ווען איך בין אַריין אין שטוב, איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. מיין טאָכטער די כּלה האָט מיך באַגעגנט מיט אַ קוש און פֿריילעך צו מיר געזאָגט:

— פּאַפּאַ, איך האָב היינט אָפּגענומען דאָס קלייד, אין וועלכן איך וועל גיין צו דער חופּה.

דאָס ווייסע קלייד האָט באַקומען אין מיינע אויגן אַ שוואַרצן קאָליר און איך האָב זי געזען אָנגעטאָן אין שוואַרצן...

איך בין מיט קלאַראַן אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער און איר דערציילט וואָס מיט אונדז אַלעמען האָט געטראָפֿן. קלאַראַ, ווי שטענדיק, האָט זיך ניט פֿאַרלוירן. ווי ווען אַ פֿייער ברעכט־אויס אין שטוב, איז דער ערשטער געדאַנק פֿון דער מאַמען צו ראַטעווען איר קינד, אַזוי האָט קלאַראַ איצט געהאַלטן אין איין שעפּטשען „אָרעם קינד מיינס, אָרעם קינד"... נאָר פּלוצים האָט זי זיך געגעבן אַ הויב־אויף און כּמעט אויס־געזונגען די ווערטער:

—פֿאַרפֿאַלן! וועלן מיר ווידער מוזן אָנהויבן צוריק פֿון אָנהויב...

איך האָב אָבער דעמאָלט געטראַכט — ניין, קלאַראַ, אָן מיר, איך האָב שוין קיין כּח ניט מער. אַ סוף זאָל עס נעמען...

איך האָב באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד נאָך די זעלבע נאַכט. מיט געמאַכטן אָנשטעל האָב איך נאָך גערעדט מיט מיין טאָכטער, ווי אַזוי מען זאָל אַראָנזשירן די חתונה, און בין באַלד אַוועק אין מיין צימער, — ניט צו שלאָפֿן, נאָר צו וואַרטן, ביז קלאַראַ און מיין טאָכטער וועלן אַנטשלאָפֿן ווערן. איך האָב שוין מער ניט געפֿירט מיט זיך קיין קאַמף, — מיינע געפֿילן צו אַלץ אין דער וועלט זיינען שוין געווען אָפּגעשטאָרבן. „רחמנות און צדקה", פֿאַר וועלכע איך האָב אַזוי זיך געשראָקן, איך זאָל נישט דאַרפֿן צו זיי אָנקומען, האָבן געשטאַרקט מיין געפֿאַסטן באַשלוס...

איך ווייס ניט פֿאַרוואָס ס׳איז מיר פּלוצים געקומען אויפֿן געדאַנק, ווי מיט יאָרן צוריק האָט מיר דער דענטיסט געגעבן איינצואָטעמען גאַז. איך האָב דעמאָלט זיך גענומען אין זינען צו געדענקען ווי לאַנג עס וועט נעמען ביז איך וועל ווערן באַוואוסטלאָז...

איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון געלעגער און בין אַריין אין קיך, וואו עס איז געשטאַנען דער גאַז־אויוון. איך האָב צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. ווען איך האָב אויפֿגעדרייט דאָס ערשטע העגטל פֿון גאַז־אויוון, איז מיר איינגעפֿאַלן, איך זאָל נעמען אַ שטול, זיך אַוועקזעצן און וואַרטן, ביז איך וועל ווערן באַוואוסטלאָז. טראָגנדיק דעם שטול דורכן צימער, וואו קלאַראַ און מיין טאָכטער זיינען געשלאָפֿן, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט צו געבן אויף זיי אַ לעצטן בליק... קלאַראַ איז געשלאָפֿן רואיק, גלייך ווי עס וואָלט מיט איר גאָרניט פּאַסירט. מיין טאָכטער האָט זיך אומרואיק געדרייט אויפֿן געלעגער. איך האָב מיינע אויגן איינגעגראָבן אין איר פּנים, ווי איך וואָלט וועלן, אַז מיין קינדס פּנים זאָל שטיין פֿאַר מיינע אויגן, ביז די לעצטע רגע וועט קומען... מיין טאָכטער האָט אָפּנים מיך דערפֿילט — און מיך דערזען:

— וואָס איז מיט דיר, פּאַפּאַ? — האָט זי געפֿרעגט, און באַלד דערויף געזאָגט — עפּעס פֿילט זיך אין שטוב גאַז...

קלאַראַ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זי איז אַריין אין קיך, פֿאַרדרייט דעם ברענער, און דערציילט דעם קינד אונדזער אומגליק. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען יענע נאַכט שוין מער ניט געשלאָפֿן.

צומאָרגנס, ווען אונדזער טאָכטער האָט דערציילט דעם חתן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונדז, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— אָבער מיר קאָנען דאָך אָנגיין ווייטער מיט אונדזערע פּלענער וועגן דער חתונה!

איך האָב דערזען אַ נייע ליכטיקע וועלט פֿאַר מיינע אויגן. די קעגנוואָרט האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים, די צוקונפֿט האָט צו מיר געשמייכלט, דער טויט איז צוריק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם, וואָס ער איז, — און איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר אים...

ווען איך האָב נאָך געשפּילט אין „פּיפּעלס״־טעאַטער, האָב איך אַריבערגעבראַכט פֿון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק מיין ברודערס אַ זון, אַ בחור פֿון פֿופֿצן־זעכצן יאָר, און אים געלאָזט אויסשטודירן פֿאַר אַן אַדוואָקאַט. איצט, ווען מיין ברודערס זון, קאָנסלער גרשון ס. יאַנג (ער איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן) האָט זיך דערוואוסט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט אונדז, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— אַנקל, אַט האַסטו דריי טויזנט דאָלער און טו ווייטער דיינע טעאַטער־געשעפֿטן. דאָס גיב איך דיר, וואָס איך בין דיר שולדיק...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר געפּראַוועט די חתונה פֿון מיין טאָכטער.

„די לאָנדאָנער פּאָסט" דערוויסט זיך פֿון מיין נאַרישקייט

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר חדשים זינט יענעם שריט, וואָס איך האָב געוואָלט מאַכן. איך האָב אים שוין געהאַט פֿאַרגעסן, גלייך ווי עס וואָלט מיט מיר קיינמאָל ניט פּאַסירט. מיט אַמאָל לייען איך אין „פֿאָרווערטס": „די אַקטריסע קלאַראַ יאַנג און איר מאַן בועז יאַנג זיינען באַשווינדלט געוואָרן אויף טויזנטער דאָלער... קלאַראַ יאַנג האָט מיט גרויס בייפֿאַל געשפּילט אין לאָנדאָן, פּוילן, ניו־יאָרק, בוענאָס איירעס און אין אַנדערע לענדער, האָט זי אָפּגעשפּאָרט אַ גרויסן קאַפּיטאַל פֿון הונדערט טויזנט דאָלער. זי האָט אויפֿן געלט שווער געאַרבעט און עס כּשר פֿאַרדינט. אָבער קלאַראַ יאַנג איז אַזאַ, וואָס גלויבט אַלעמען, און איר צוטרוי האָט געפֿירט דערצו, אַז מען האָט ביי איר אַרויסגעשווינדלט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל. מען האָט אַרויסגענומען פֿון די בענק דאָס גאַנצע געלט אירס און אויך דאָס געלט פֿון איר מאַן, ניט איבערלאָזנדיק קיין סענט אויפֿן ערשטן טאָג חיונה — — —!

„קיין גענויע איינצלהייטן, ווי אַזוי דער שווינדל איז פֿאָרגעקומען, ווייסט מען נאָך ניט. אַלץ, וואָס מיר האָבן זיך דערקונדיקט איז, אַז מען האָט געפֿעלשט איר אונטערשריפֿט און אַרויסגענומען פֿון איר באַנק 70 טויזנט דאָלער, וואָס זי האָט געהאַט, און אויך נאָכגעמאַכט די אונטער־שריפֿט פֿון איר מאַן און אַרויסגענומען זיינע דרייסיק טויזנט דאָלער, וואָס ער האָט געהאַט. צוזאַמען איז עס אַ סומע פֿון הונדערט טויזנט דאָלער. דאָס איז דער קאַפּיטאַל, וואָס דאָס פּאָר־פֿאָלק האָט פֿאַרמאָגט און אָפּגעשפּאָרט אין משך פֿון אַ „לייף טיים" [אַ גאַנץ לעבן], ווי מען זאָגט אויף ענגליש.

„דער צער פֿון דער יידישער אַקטריסע איז אומבאַשרייבלעך...

„ווי מען טיילט אונדז אויך מיט, האָט איר מאַן, הער יאַנג, געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָר מען האָט אים אין לעצטן אויגנבליק אָפּגע־ראַטעוועט. אַזוי ווערט איבערגעגעבן אין דער לאָנדאָנער צייטונג ׳די פּאָסט׳. קלאַראַ יאַנג און איר מאַן שפּילן איצט אין באַלטימאָר. און ווי

מען גיט אונדז איבער, האָבן זײ דערפֿאָלג אין זײער אונטערנעמונג. מיט זײ איז אויך פֿאַרבונדן דער דראַמאַטורג משה שאָר".

דאָס זעלבע האָב איך שפּעטער געלײענט כּמעט אין אַלע יידישע צײַ־טונגען איבער דער וועלט.

אמת, טאָקע ניט קײן פּוסטער קלאַנג, הגם אַביסל נישט קאָרעקט... אָבער אַזױ װי איך האָב שױן יענעם עפּיזאָד געהאַט צוגעשריבן צו די אַלע פֿעלערן און נאַרישקײטן, װאָס איך בין באַגאַנגען און געװאָלט באַגײן אין מײַן לעבן, אין יידישן טעאַטער און אױסער דעם טעאַטער, האָב איך מיך פּשוט געשעמט פֿאַר זיך אַלײן, װאָס איך האָב געװאָלט באַגײן אַזאַ נאַרישקײט, און האָב אָנגעשריבן אַ בריװ אין רעדאַקציע פֿון „פֿאָר־װערטס":

„געערטער רעדאַקטאָר פֿון 'פֿאָרװערטס'.

„אױף דער טעאַטער־פּײדזש פֿון לעצטן פֿרײַטיק איז געװען איבער־געדרוקט אַ שטיקל נײַעס פֿון דער לאָנדאָנער 'פּאָסט', װאָס איז נוגע מײַן פּערזאָן. צװישן אַנדערן איז איבערגעגעבן געװאָרן, אַז איך האָב געמאַכט אַ פֿאַרזוך צו באַגײן זעלבסטמאָרד, און אַז מען האָט מיך אָפּגע־ראַטעװעט... פֿון װאַנען לאָנדאָן האָט גענומען די נײַעס, קאָן איך ניט טרעפֿן, און אײגנטלעך אינטערעסירט דאָס מיך ניט. װאָס מיך פֿאַרדריסט, איז אָט װאָס: מענטשן טראַכטן אױף מיר אױס, אַז איך זאָל האָבן געמאַכט אַזאַ 'באָם דזשאָב', אַ שלעכט שטיקל אַרבעט...

„ניט שײן. אמת, איך האָב אַ סך מאָל פּרובירט באַגײן זעלבסטמאָרד און מען האָט מיך יעדעס מאָל אָפּגעראַטעװעט, אָבער... דאָס איז געװען נאָר אױף דער בינע, שפּילנדיק אַ ראָלע. אַן אַקטיאָר, װאָס פֿאַרמאָגט נאָך אַלע זײַנע פֿינף חושים און קאָן נאָך אױסלערנען אַ ראָלע, װעט אַזאַ נאַרישקײט ניט באַגײן. און אױב אַזאַ אַקטיאָר האָט עס אַמאָל געװאָלט טאָן, איז אין אים דעמאָלט אַרײַן אַ רוח שטות. די װעלט איז דאָך אַזױ שײן, מיט אַזױ פֿיל ליכטיקע האָפֿענונגען פֿאַרן יחיד און פֿאַר דער מענטש־הײט בכלל, און דאָס לעבן איז דאָך איצט אַזױ אינטערעסאַנט... אַזױ פֿיל נײַע דערפֿינדונגען — מען דאַרף דאָך זײַן אַ שוטה צו באַגײן זעלבסט־מאָרד צוליב עטלעכע דאָלער.

„איך דאַנק דעם שרײַבער פֿון דער 'פּאָסט' פֿאַרן קאָמפּלימענט, נאָר זאָל ער אים שיקן אױף אַן אַנדערן אַדרעס.

„מיט אַכטונג, בועז יאָנג".

ביז הײַנט איז פֿאַר מיר נאָך אַ סוד, פֿון װאַנען און דורך װעמען

עס האָט זיך די „לאַנדאַנער פּאָסט״ דערוואוסט, אַז איך האָב געוואָלט באַ־גיין זעלבסטמאָרד...

מיר האָבן נאָך יענער קאַטאַסטראָפֿע געשפּילט אין באַלטימאָר. די טרופּע איז באַשטאַנען פֿון אַלעקסאַנדער אַמאָס, משה ברון, מר. און מרס. צוקערבערג (די איצטיקע פֿרוי פֿון זלמן זילבערצווייג), אײדאַ גאָלדשטײן, און דער שפּעטערדיקער דירעקטאָר פֿון שיקאַגער יידישן טעאַטער אָסקאַר אָסטראָף. די געשעפֿטן זיינען ניט געווען אַזוי גלענצנד. מיר האָבן געהאַט גרויס אַנאָנסירט, אַז קלאַראַ יאַנג וועט אויפֿטרעטן צו דער דערעפֿענונג, און קלאַראַ איז דערווייל קראַנק געוואָרן.

אָפּשפּילנדיק אַ פּאָר וואָכן אין באַלטימאָר, האָב איך ווידעראַמאָל גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, כּדי — ווי קלאַראַ האָט גע־זאָגט — „ווידער אַנהויבן פֿון אָנפֿאַנג״...

איך בין אָפּגעפֿאָרן קיין אייראָפּע, און אין צוויי וואָכן שפּעטער איז קלאַראַ אָנגעקומען קיין פּאַריז. מיר האָבן ווידער געשפּילט אין פּאַריז, ברוסעל, וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, ריגע, קאָוונע און אין אַנדערע שטעט. די געשעפֿטן זיינען געווען גוטע, אָבער ניט דאָס, וואָס מיר זיינען גע־וואוינט געווען צו פֿאַרדינען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד...

יענע רייזע קיין אייראָפּע איז געווען מיין לעצטע, און אויף יענער רייזע האָב איך אויך אָפּגעשפּילט מיין לעצטן ראָמאַן...

רודאָלף שילדקרויט

ווען איך האָב געשפּילט אין ריגע, האָט צו מיר דערגרייכט די טרויע־ריקע ידיעה פֿון רודאָלף שילדקרויטס טויט. אַלע ריגער צייטונגען, ווי די גאַנצע פּרעסע איבער דער וועלט, האָבן דעמאָלט באַוואָרפֿן מיט בלומען דעם פֿרישן קבר פֿון דעם טעאַטער־ריז שילדקרויט. און איך האָב דע־מאָלט אַרויפֿגעלייגט אַ בלימל אויף שילדקרויטס קבר, דורך מיין אַר־טיקל אין אַ ריגער יידישער צייטונג, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשעווער „מאָמענט״.

אין וואָס איז באַשטאַנען שילדקרויטס גרויסקייט, זיין מאַגנעטישע קראַפֿט אויף דער בינע, מיט וועלכער ער האָט אַזוי אַלעמען מיטגעריסן?

שילדקרויט איז געווען אַ נידעריקער, מען קאָן זאָגן — אַ מיאוסע פֿיגור, מיט אַ ניט שיין פּנים, אַ פּלאַטשיקע נאָז, אַ הייזעריקער אָרגאַן, עפּעס ענלעך צום גרויסן סיציליאַנער בינע־קינסטלער דזשיאָוואַני גראַסאָ און דעם איטאַליענער נאָוועלי. אמת, מיט אויגן איז די נאַטור ניט געווען

קאַרג צו שילדקרויטן. ער האָט געהאַט צוויי גרויסע אַלץ־אויסדריקנדיקע אויגן, וואָס האָבן גערעדט שטאַרקער פֿון זײַן אָרגאַן. ווען ער האָט אויף דער בינע „געליטן", האָט מען דורך זײַנע צוויי גרויסע אויגן־פֿענצטער געקאָנט אַרײַנקוקן אין דער טיפֿעניש פֿון זײַן נשמה און זען וואָס דאָרט קומט פֿאָר. מיר דאַכט, אַז דאָס שטאַרקסטע בײַ שילדקרויטן איז געווען דאָס „אַלמענטשלעכע". ווען ער האָט געשפּילט שעקספּירס „קעניג ליר", איז עס ניט געווען דער קעניג, וואָס לײַדט, נאָר דער אַלוועלטלעכער פֿאָטער, דער אײביקער טאַטע, וועלכער איז זיך מקריב צוליב די קינדער, גיט זיי אַוועק אַלץ, און אויף דער עלטער האָט ער ניט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

איך האָב שילדקרויטן געזען אין פֿאַרשיידענע מאָדערנע ראָלן, אָבער אויך אין שעקספּירס העלדן איז ער געווען דער מענטש פֿון איצט, וואָס מיר קענען און פֿאַרשטייען. ער האָט ניט דעקלאַמירט בײַ שעקספּירס פּיעסן, ווי עס האָבן עס געטאָן די מערסטע שוישפּילער פֿון יענער צײַט. ער האָט זיי גערעדט, ווי אַ מענטש צו אַ מענטש, און דאָס האָט געווירקט און מיטגעריסן.

אויך דער ענגלישער שוישפּילער קאָק, אין סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט האָט שוין געהאַט אויפֿגעהערט צו דעקלאַמירן שעקספּירן, נאָר אים גערעדט נאַטירלעך.

שטייט מיר נאָך פֿאַר די אויגן שילדקרויטס „שײַלאָק". איך האָב געזען די ראָלע געשפּילט פֿון ענגלענדער, פֿון דײַטשן, פֿון איטאַליענער און פֿון אונדזערע ייִדישע אַקטיאָרן. בײַ זיי אַלע איז מיר „שײַלאָק" געווען פֿרעמד: בײַ סער הענרי אירווינג איז „שײַלאָק" געווען אַ באַשעפֿעניש, וואָס קאָן אויפֿעסן אַ גוי צום אָנבײַסן, און צו מיטיק גאַנצע דרײַ! בײַ פּאַסאַרדן — סתּם אַ ייִד פֿון דער געטאָ אין מיטל־אַלטער. בײַ מאָריסאַנען — אַ קאָפּיע פֿון פֿאַרשיידענע „שײַלאָקס". בײַ אונדזער אײגענעם יעקבֿ פּ. אַדלער איז „שײַלאָק" אַרויסגעקומען אַ ייִד אַ נגיד, אַ גבֿיר, מיט אַזאַ הדרת פּנים, אַז מען האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דער ייִד לײַדט — ער איז מיט זיך תּמיד צופֿרידן.

מיט שילדקרויטס „שײַלאָק" בין איך געווען באַקאַנט דורך דער־פֿאַרונגען פֿון ייִדישן גורל. נאָך אין צאַרישן רוסלאַנד האָב איך געהערט אַ ייִדן זאָגן: „ווען די צײַט וועט קומען און זיי וועלן מוזן אָראָפּגיין פֿון בענקל, וועלן מיר פֿון זיי שנײַדן פּאַסנווײַז..." און נאָך מער האָב איך עס דערפֿילט אין היטלערס צײַטן. ווען „תּובל" דערציילט „שײַלאָקן", אַז „אַנטאָניאָ" איז באַנקראָט, האָט שילדקרויט געעפֿנט ברייט זײַנע אויגן,

און איך האָב אַריינגעקוקט אין „שיילאָק״־שילדקרויטס נשמה און דער־זען וואָס דאָרט קומט פֿאָר, וואָס ער פֿילט צו טאָן מיט אַנטאָניאָן, וועלכער איז דער סימבאָל פֿון די, וואָס האָבן אים געשפּיגן אין פּנים אַריין. אַזוי איבערלעבן נקמה האָט נאָר געקאָנט אַ ייד, ווען ער האָט געהערט, אַז היטלער איז געוואָרן באַנקראָט ביי סטאַלינגראַד און אַז זיין יום־הדין קומט־אָן. און ווען איך הער, ווי יידן פֿאָדערן איצט נקמה פֿאַר די צרות, פּיין, מאַטערנישן און מיתות משונות פֿון די זעקס מיליאָנען קדושים פֿון יידישן פֿאָלק, גלויב איך איצט טאָפּלט אין שילדקרויטס „שילאָק״. אַ ים איראָניע, סאַרקאַזם איז געווען אין שילדקרויטס טראַגישן געלעכטער־רחמנות... דאָס איז מער ווי טאַלאַנט. דאָס איז געניאַליטעט פֿון יענער געטלעכקייט, וועגן וועלכער ניטשע זאָגט: גאָט שלאָפֿט אין דעם מענטשן, טרוימט אין טאַלאַנט, און וואַכט אין זשעני — זשעני, דאָס איז גאָט אַליין.

ווען שילדקרויט איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן און געשפּילט אין דער עסטרייכישער פּראָווינץ — האָט דעמאָלט אַ ריגער דייטשע צייטונג דערציילט — האָט זיך צו שילדקרויטן געמאָלדן אַ בחור מיטן נאָמען מאַקס. דער יונגערמאַן האָט אים דערקלערט, אַז ער וויל ווערן אַ דייטשער שוישפּילער. שילדקרויט האָט אים געהייסן עפּעס פֿאָרטראָגן, דעקלאַמירן, און דער יונגערמאַן איז שילדקרויטן שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

— יאָ — האָט שילדקרויט אויסגערופֿן באַגייסטערט — איר האָט טאַלאַנט, איר דאַרפֿט זיך ווידמען דער בינע. איר וועט זיין אַ גרויסער שוישפּילער. אָבער געדענקט מיינע ווערטער: ווען איר וועט דערגרייכן דעם שפּיץ פֿון דערפֿאָלג, זאָלט איר אויך דעמאָלט זיין באַשיידן. אַ שוישפּילער מוז זיין באַשיידן.

דער יונגערמאַן איז געווען דער שפּעטער באַרימטער מאַקס ריינ־האַרדט...

יאָרן זיינען אַוועק. שילדקרויט האָט באַקומען אַן איינלאַדונג פֿון ריינהאַרדטן צו קומען קיין בערלין גאַסטראָלירן. דאָ האָט אים ריינהאַרדט געפֿרעגט, אין וואָס ער וויל אויפֿטרעטן. שילדקרויט האָט געזאָגט, אַז ער וויל שפּילן „שיילאָק״, און דערביי אַרויסגענומען אַ פּאַק מיט רעצענזיעס פֿון עסטרייכישע צייטונגען, צו ווייזן ריינהאַרדטן, וואָס די קריטיק האָט אַלץ געשריבן וועגן אים. רופֿט זיך אָן מאַקס ריינהאַרדט:

— איר דערמאָנט זיך, הער שילדקרויט? „אַ שוישפּילער מוז זיין באַשיידן״...

ביידע זשעניען, שילדקרויט און ריינהאַרדט, לעבן שוין איצט אין דער באַשיידנקייט פֿון עולם האמת...

אַ בריוו

אין ווילנע, 1930, האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פֿון קלאַראַ יאַנג, וואָס שטעלט זי אויפֿן העכסטן שטאַפּל, ווי אַ מוטער און רײַפֿע אַקטריסע, וועלכע זעט איר גליק ניט נאָר, ווי אַ סטאַר אויף דער בינע, נאָר אויך אין דער פֿאַמיליע:

„טײַערער בועז, דײַן בריוו, וואָס דו האָסט מיר איבערגעלאָזט מיט 13 יאָר צוריק, דעם 17טן אויגוסט, 1917, אין קיעוו, ווען דו ביסט אַוועק, — דו האָסט דעם בריוו אָנגערופֿן „מײַן דע פּראָפֿונדיס״, ווײַל עס איז געקומען פֿון דער טיפֿעניש פֿון דײַן נשמה, — אַט דער בריוו געפֿינט זיך נאָך בײַ מיר... די לעצטע פֿיר יאָר, ווען עס איז געקומען דער דאַטום פֿון דעם 17טן אויגוסט, האָב איך אַרויס־גענומען דעם בריוו דײַנעם (איך האָב אים געהאַלטן צווישן מײַנע בריליאַנטן), אים איבערגעלייענט און מיך גוט אויסגעוויינט, אַזוי ווי איך וואָלט געגאַנגען צו מײַן מאַמען אויף קבר אָבות... דו האָסט אַוודאי שוין פֿאַרגעסן, וואָס דו האָסט מיר מיט דרײַצן יאָר צוריק געשריבן. דעריבער וועל איך פֿאַר דיר ציטירן איניקע שטעלן פֿון יענעם רירנדן בריוו צו מיר. דו האָסט געשריבן:

— בײַ דער לעצטער פֿאַרשטעלונג, ווען דאָס גאַנצע פּובליקום אין טעאַטער האָט זיך מיט דיר געזעגנט, דיך אָן אָן אויפֿהער אַרויס־גערופֿן און דיר אַפּלאָדירט, האָב איך אין דער שטיל זיך געשטיקט מיט מײַנע טרערן. איך האָב געפֿילט, אַז אויך איך וועל זיך דאַרפֿן מיט דיר געזעגענען. —

„אָ, בועז, ווען איך וואָלט דעמאָלט געוואוסט, וואָס דו דענקסט צו טאָן, וואָלט איך אין יענער אומגליקלעכער נאַכט, ווען דו האָסט מיט מיר ניט געוואָלט מיטפֿאָרן, אַליין ניט געוועזן געפֿאָרן... און ווען איך לייען ווײַטער:

— קלאַראַ, אַ טרער איז איצט געפֿאַלן פֿון מײַן אויג אויף די צוויי ווערטער ׳אונדזער קינד׳ —

„זײַ וויסן, בועז, אַז יעדעס מאָל, ווען איך לייען דאָס, גיסן זיך אַרויס פֿון מײַנע אויגן ניט איין טרער, נאָר אַ גאַנצער שטראָם טרערן, און זיי מישן זיך אויס מיט דײַן טרער און ווערן איין טײַך. אָבער דײַן טרער זע איך דאָך... און איך טראָג אים ניט [דעם בריוו] אויפֿן האַרצן, ווי דו האָסט מיר געשריבן, נאָר אין האַרצן. דו האָסט מיר דעמאָלט אויך געשריבן, אַז דו גייסט אַוועק, ווי אַ

בעטלער אין פֿאַרגליך מיט מיר. איך פֿאַרמאָג איצט ניט מער, ווי דו, בועז. איך האָב לאַנג געטראַכט, צי זאָל איך דיר אַזאַ בריוו שיקן... אָבער ווען איך בין היינט צופֿעליק געקומען איבער דיין בריוו און האָב ווידער גענומען לייענען די דאָזיקע שורות, וואו דו שרייבסט מיר:

— איך רייס דיך אַרויס פֿון מיין צעבלוטיקט האַרץ, איך האָף, אַז עס וועט מיר געלינגען —

„ווען איך האָב דאָס געלייענט, האָט מיר דיין טרער געזאָגט, אַז דאָס איז דיר די גאַנצע צייט ניט געלונגען. אַ פֿונק פֿון יענער גרויסער ליבע צו מיר — פֿון מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, פֿילאַדעלפֿיע — איז נאָך געבליבן אין דיין האַרצן צו מיר, — דעריבער שרייב איך דיר איצט. בועז, טייערער, אין די גאַנצע 13 יאָר פֿון אונדזער זיין צעשיידט, ווייס איך ניט, צי איך האָב געהאַט צוויי גליקלעכע טעג. געדענקסט, ווען מיר האָבן דאָס לעצטע מאָל געשפּילט אין ווילנע, האָבן מיר דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פֿון פּאַריז, וואו אונדזער קינד, אונדזער לוסילע, האָט שטודירט, אַז מען גייט איר מאַכן אַן אָפּעראַציע אויפֿן אַפּענדיק [בלינדדאַרם]? געדענקסטו, ווי איך האָב צוזאַמענגעבראָכן הינטער די קוליסן און קוים געענדיקט די פֿאַרשטעלונג? און אָט שטייט פֿאַר מיינע אויגן אונדזער טאָכטער, אָנגעטאָן אין איר חופּה־קלייד. זי האָט זיך פּלוצים צעוויינט. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען איר געוויין. דו ביסט צוגעקומען צו מיר, און מיר האָבן זיך ביידע צעקושט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל נאָך 13 יאָר, ווען מיר ביידע האָבן ווידער געפֿילט די וואַרעמקייט איינער פֿאַרן אַנדערן, ניט נאָר אין אונדזערע הערצער...

„בועז! נעם אין ווילנע אין צימער פֿאַר אונדז ביידן... איך... קאָן מער ניט שרייבן...

„מיט דער האָפֿענונג, אַז דער בריוו וועט דיך געפֿינען געזונט און אין אַ גוטן מוט, און כאָטש דו האָסט זיך מיט מיר ניט געזעגנט, גריס איך דיך און קוש דיך, דיין קלאַראַ.

„אָט דאָס איז איצט מיין דע פּראָפֿונדיס, מיין ממעמקים...

„וואַרשע, דריטן מערץ, 1930".

ווען איך זאָל שרייבן, אַז קלאַראַס בריוו האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורם אין מיין נשמה, וועל איך גאָר נישט האָבן געזאָגט... יענע נאַכט פֿון דעם טאָג, ווען איך האָב איר בריוו דערהאַלטן, האָב איך געליטן נאָך

מער, ווי יענע נאַכט, ווען איך בין פֿון איר אַוועק. איך האָב דעמאָלט אויף איר בריוו ניט געענטפֿערט, און אונדזער צוזאַמען־זיין איז אויך ווייטער פֿאַרבליבן בלויז אויף דער בינע...

פֿון יענער צייט אָן איז שוין אַוועק צוואַנציק יאָר. איצט, ביי די הבל הבלימדיקע יאָרן מיינע, שרייב איך עס צו צו די טעותן פֿון די פֿער־ציקער יאָרן...

מיין לעצטער ראָמאַן

אָנגעהויבן האָט זיך דער ראָמאַן דורך אַ מערקווירדיקן צופֿאַל: גייענ־דיק אין די גאַסן פֿון ווילנע, באַמערק איך, ווי אַ זעלטן שיינע יונגע פֿרוי, אין די פֿריע צוואַנציקער, גייט ביי מיין זייט. מיינע אויגן האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט אָנזעטיקן, קוקנדיק אויף איר. אירע גרויסע בלויע, עראָטישע אויגן — האָט זיך מיר אויסגעדאַכט — זאָגן צו מיר: קום, נעם מיך, שעם זיך ניט. ביסט אַ מאַן, דו דאַרפֿסט אָנהויבן פֿריער צו רעדן. — איך וועל זיך באַלד איבערצייגן, טראַכט איך, און האָב זיך פֿאַרקירעוועט אין אַ זייטיק געסל. איך זע — די פֿרוי גייט מיר נאָך... אַז זי איז ניט איינע פֿון „יענע", בין איך געווען איבערצייגט פֿון איר גאַנצן אויסזען. אַזוי ווי איך בין שוין געווען אַ דערפֿאַרענער, ווי אַזוי אָנצוהויבן אַ געשפּרעך מיט אַ פֿרעמדער דאַמע, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ דאַמען־הוט־געשעפֿט. אויך די פֿרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— אָט דער הוט וואָלט זייער געפּאַסט אויף אַזאַ שיין קעפּעלע, ווי אייערס — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן, ווי מען זאָגט, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און מיט אַ זיסן שמייכל, וואָס קאָן אַפֿילו אַ יסורימדיקן קראַנקן מאַכן פֿילן גוט, האָט זי מיר געענטפֿערט:

— מיין הער, איר האָט ניט געטראָפֿן דאָס אָרט! — און זי האָט אַוועק־געשוועבט.

איך בין געבליבן שטיין אַן אַנטוישטער, ווי איינער, צו וועמען אין שטוב איז אַ פֿייגעלע אַריינגעפֿלויגן, און ווען ער וויל עס אין שטייגל אַריינזעצן, פֿליט עס אַרויס דורכן פֿענצטער. איך האָב מיך באַטראַכט אין גלאָז פֿון פֿענצטער און געזאָגט צו זיך אַליין: וואָס האָסטו געוואָלט, אַלטער נאַר? ביי די זעכציקער זאָלסטו נאָך טרעפֿן דאָס אָרט, וואו עס ליגט דאָס האַרץ פֿון אַ יונגער פֿרוי, וואָס איז אַן אויסערגעוויינטלעכע שיינ־

קייט?... ווי זאָגט מען אין אַמעריקע — „טעיק סאַמבאַדי יור סייז" [נעם דיינס גלייכן]!

זי איז אַוועק, אָבער איר שמייכל, וואָס זי האָט ביי מיר איבערגעלאָזט, האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט ניט געמיינט די ווערטער, וואָס זי האָט געענטפערט אויף מיין קאָמפּלימענט. אָבער גיי זוך דעם נעכטיקן טאָג. ווילנע איז אַ גרויסע שטאָט, מיט אַ סך גאַסן, מיט פיל הייזער. און דאָך בין איך געגאַנגען יעדן טאָג איבער די גאַסן, געקוקט אין אַלע פיר עקן פון שטאָט, — אפשר... איצט וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס מיט איר צו רעדן... און אפשר האָט זי גאָר טאַלאַנט פאַר דער בינע? מיט אַזעלכע אויגן און אַזאַ פנים און פיגור דאַרף זי קיין סך טאַלאַנט ניט האָבן. אָבער ווי אַזוי באַגעגנט מען זי נאָכאַמאָל? ווי אַזוי?...

יעדע נאַכט פלעג איך שטיין ביי דער טיר פון טעאַטער, — אפשר קומט זי אַמאָל אין יידישן טעאַטער. יעדן מאַן, וואָס איך האָב נאָר געקענט אין ווילנע, האָב איך געפרעגט, צי ער קען אַזאַ ווילנער שיינקייט, ווי איך האָב אים אויסגעמאָלן, — אָבער אומזיסט. קיין שפור איז ניט געווען צו געפינען...

מערקווירדיק, ווען איך בין געפאָרן דאָס ערשטע מאָל קיין אַמעריקע, האָב איך אויף דער שיף זיך באַקענט מיט אַ מיידל, אויך פון ווילנע. דאָס מיידל איז אויך געווען אַ זעלטענע שיינקייט, און מיין ייִנגליש האַרץ האָט געצויגן צו איר, אָבער נאָר אַזוי לאַנג, ווי זי האָט געשוויגן. קוים האָט זי אָנגעהויבן רעדן מיט איר ווילנער דיאַלעקט, האָט זי פאַרלוירן ביי מיר איר שיינקייט מיט איר גאַנצן חן. מיינע אויערן, וואָס זיינען גע־וואוינט געווען צו הערן דעם וואַרשעווער דיאַלעקט, האָבן באַזיגט מיין ייִנגליש האַרץ... אָבער ווען איך האָב דעם אייגענעם ווילנער דיאַלעקט געהערט מיט עטלעכע־און־פערציק יאָר שפּעטער פון אָט דער ווילנער פרוי, האָט עס געקלונגען אין מיינע אויערן ווי מוזיק.

מיט אַ פאָר וואָכן שפּעטער בין איך געווען אין וואַרשע, און אַ פריינט מיינער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אויף מיטיק. די בעל־הביתטע בעט ביי מיר אַנטשולדיקונג פאַרוואָס מען גייט ניט צום טיש, — אירע אַ פריינדין דאַרף באַלד אָנקומען, וועלן מיר אַלע צוזאַמען עסן מיטיק. און דערביי באַמערקט זי:

— עס לוינט זיך צו וואַרטן אויף מיין פריינדין. איר וועט זיך באַקענען מיט אַ שיינער, יונגער פרוי.

— וויפל הייסט ביי אייך יונג? — פרעג איך.

— אַ יאָר פֿינף־און־צוואַנציק — ענטפֿערט זי.

— 25 איז שוין ניט מיין נומער — זאָג איך מיט אַ געלעכטער.

עס קלינגט אין טיר, און די ווירטין קומט באַלד אַריין געאָרעמט מיט אַ פֿרוי — — איז עס אַ חלום, אָדער טאַקע ווירקלעכקייט?...

— מאַדאַם ב. — זאָגט די בעל־הביתטע — איך וויל אייך פֿאָרשטעלן פֿאַר אַן אַמעריקאַנער.

איך שמייכל און שאָקל מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ... עס פֿרייט מיך נאָכאַמאָל צו באַגעגענען די שיינע פֿרוי, וואָס האָט צו מיר אין גאַס געזאָגט „מיין הער, איר האָט ניט געטראָפֿן דאָס אָרט"...

מאַדאַם ב. האָט אויסגעגלאָצט אירע גרויסע אויגן און מיך גלייך באַשאָנקען מיט איר שמייכל:

— עס פֿרייט מיך ווירקלעך אייך נאָכאַמאָל צו באַגעגענען, איבער־הויפּט אין וואַרשע...

מיין פֿריינט און זיין פֿרוי זיינען געווען איבערראַשט פֿון דער זעל־טענער באַגעגעניש.

— איך האָב דעמאָלט אין ווילנע טאַקע געדענקט, אַז איר מוזט זיין אַ מאָלער אָדער אַן אַקטיאָר — זאָגט מאַדאַם ב. — נאָר ווען איך וואָלט דעמאָלט געוואוסט, אַז דאָס מאַכט מיר הער יונגוויץ אַזאַ קאָמפּלימענט, וואָלט מיין ענטפֿער צו אייך געווען אַ גאַנץ אַנדערער.

— האָב איך איצט געטראָפֿן דאָס ריכטיקע אָרט? — פֿרעג איך ביי איר.

מאַדאַם ב. האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. און שווייגן אויף אַזאַ פֿראַגע, מיינט „יאָ"...

נאָכדעם האָב איך נאָך מיטיק די מאַדאַם ב. באַגלייט צום האָטעל, און אויפֿן וועג האָט זי מיר שוין געעפֿנט איר פֿרויען־האַרץ...

מאַדאַם ב. איז געווען אינטעליגענט — אין אַ געוויסן גראַד. ראָמאַנ־טיש, געבענקט נאָך צערטלעכקייט, אַ קאָמפּלימענט איז פֿאַר איר געווען ווי פֿאַר איינעם, וואָס האָט זיך אָנגעגעסן מיט זיסע זאַכן און מען דער־לאַנגט אים דערנאָך אַ צוקערקע. פֿרוי ב. איז מיט מיר מיטגעפֿאָרן, בעסער געזאָגט — נאָכגעפֿאָרן אין אַלע שטעט, וואו מיר האָבן געשפּילט. ווי זאָגט מען, — אַז עס איז באַשערט, קומט עס אין שטוב אַריין...

יעדע פֿרוי, וואָס האָט זיך צו מיר געשדכנט, האָט געזוכט, איך זאָל פֿון

איר מאַכן אַ צווייטע קלאַראַ יאַנג. זעלטן האָט אַ פֿרוי געוואָגט מיר צו מאַכן אַ פֿאַרשלאָג, איך זאָל מיט איר הייראַטן. מאַדאַם ב. האָט ניט געזוכט די בינע, כאָטש ווען איך בין מיט איר געגאַנגען אין גאַס פֿלעגט מען קוקן אויף אונדז פֿון די פֿענצטער, און דאָס איז פֿאַר דער בינע זייער אַסך. אָבער אַ פֿאַרשלאָג, איך זאָל מיט איר חתונה האָבן, האָט זי מיר יאָ געמאַכט, און געוואָלט מיט מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע. דאָ האָט מיין ווייסער דערפֿאַרענער קאָפּ איר אָפֿן געזאָגט מיינע יאָרן, און זי געפֿרעגט: וואָס ווילסטו טאָן, מיך אומגליקלעך מאַכן? באַרעכן, אין צען יאָר אַרום וועסטו אַלט זיין 35 יאָר, וועסט זיין אין דיינע בעסטע, בליענדיקע יאָרן, מן הסתם נאָך שענער, נאָך רייצנדער, ווי איצט, פֿול מיט לעבן. יונגע־לייט וועלן דיר נאָכלויפֿן, אַמעריקאַנער מיליאָנערן וועלן זוכן, זאָלסט כאָטש אויף זיי אַ קוק געבן... און איך וועל דעמאָלט זיין אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער אַקטיאָר. און קיין רייכער מאַן בין איך שוין אויך ניט. איך וועל זיך דעמאָלט פֿילן זייער אומגליקלעך מיט דיר. איך וועל ניט ווערן אַ שילד אויף דיין שטערן, אַז דאָ קאָן מען צוקומען... און ווי אַנדערש? אין דער צייט, ווען דו וועסט נאָך וועלן כאַפּן אַ טענצל, וועל איך גאָר וועלן רוען. ווען דיך וועט ציען זיך צו אַמוזירן, וועט מיך ציען צום בעט... פֿאָלג מיך, טייערע, לאָז עס צו דער צייט. דו ביסט אַ יאָרן־מיליאָנערשע און דו קאָנסט זיך דערלויבן מיך גליקלעך צו מאַכן מיט אַ פּאָר יאָר פֿון דיין לעבן...

זי האָט, פֿאַרשטייט זיך, געזוכט יעדן אַרגומענט אָפּצושלאָגן. אָבער ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך קאָן מיט איר ניט חתונה האָבן, ווייל קלאַראַ וועט מיך ניט גטן, און זי וועט ניט קאָנען מיט מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע, האָט זיך איר האַרץ אַביסל אָפּגעקילט.

קלאַראַ האָט פֿון מיין באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿרוי ב. קיין אַנונג ניט געהאַט, כאָטש ב. איז געווען אין יעדער שטאָט, וואו מיר האָבן געשפּילט. זי איז פֿאַר מיר געווען אַן אָפּרו נאָך די אָנשטרענגונגען, ערגערנישן און נערוועזקייט, וואָס איך פֿלעג פֿילן ביי די פֿאַרשטעלונגען. ווען ב. איז געווען ביי מיין זייט, זיינען די זעכציק יאָר מיינע געוואָרן לייכטער אויף מיר, איך בין יינגער געוואָרן.

ווען איך בין געפֿאָרן קיין פּאַריז, כּדי פֿון דאָרט אָפּצופֿאָרן קיין אַמע־ריקע, איז מאַדאַם ב. מיר נאָכגעפֿאָרן. אין פּאַריז האָבן מיר זיך געזעגנט... דורך דער גאַנצער צייט האָב איך באַקומען פֿון איר נאָר איין בריוו.

די רייזע קיין אייראָפּע איז דעמאָלט געווען מיין לעצטע — — און יענער ראָמאַן איז אויך געווען מיין לעצטער.

דעפּרעסיע — קלאַראַ פאָרט קיין פּאָוועטן־פאַרבאַנד

נאָך קנאַפּע צוויי יאָר אין איראָפּע, זיינען מיר ווידער געקומען צוריק קיין אַמעריקע, און די זעכציקער יאָרן מיינע האָבן צו מיר געזאָגט, אַז זיי ווילן מיך מער ניט פאָלגן, און די ביינער מיינע פאַרבלייבן שוין אין אַמעריקע. זיי האָבן נישט מער קיין כח צו שלעפּן זיך פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, פון שטאָט צו שטאָט. נישט געווען מער פאַר מיינע כוחות זיך אונטערנעמען אַנצופירן מיט אַ טעאַטער, מיט אַקטיאָרן, כאָר, באַלעט, מוזיקער, פובליקום און מיט די אַלע זיבן זאַכן אַרום טעאַטער, וואָס מאַכן נערוועז, שוואַכן־אָפּ דאָס האַרץ — און דו בלייבסט אינגאַנצן אויס־געשפּילט.

שוין אין בעלגיע האָב איך געפּילט, אַז מיט יעדער פּיעסע, וואָס איך פיר־אויף מיט אַ נייער טרופּע, גראָב איך נאָך אַ לאָפּעטע ערד טיפער פאַר מיין קבר... איך האָב דאַרום באַשלאָסן, איך זאָל שוין לאָזן קלאַראַן גיין איר וועג און איך וועל מיר גיין אַליין מיין איינזאַמען וועג... און איך האָב זיך מיט קלאַראַן אויך אין געשעפט צעשיידט.

איך האָב ווידער אָנגעהויבן אַליין שפּילן טעאַטער, אָבער ביי יענעם, ווי מען זאָגט — מיט יענעמס קאַפּדרייעניש, און איך האָב זיך אַנגאַזשירט קיין באָסטאָן, וואו דער אַמאָליקער מענעדזשער פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן, הערשל צוקערבערג, איז געווען דער אונטערנעמער.

קלאַראַ, ווידער, האָט זיך נישט פאַרלוירן. זי האָט אַליין קאָרעס־פּאָנדירט מיט פאַרשיידענע שטעט, וואו עס זיינען געווען טרופּעס, און זי איז אַוועקגעפאָרן דאָרט גאַסטראָלירן. זי האָט אויך געשפּילט אין באָסטאָן, ביי טאָמאַשעווסקין אין ניו־יאָרקער נעשאָנאַל טעאַטער אַ פּאָר וואָכן, דער־נאָך אין קיובאַ און מעקסיקע.

דעם קומענדיקן סעזאָן בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן אין „פּאָבליק־טעאַטער" ביי רומשינסקין און לודוויג זאַץ, וואו איך האָב זייער גוט געפּילט. פון די אַלטע פּיעסן, וואָס איך האָב יענעם סעזאָן געשפּילט אין „פּאָבליק טעאַטער", זיינען צוויי געבליבן אין מיין זכרון: אָסיפּ דימאָוום „די שקלאַפן פון פאָלק", אין וועלכער איך האָב געשפּילט יעקב פּ. אַדלערס ראָלע, און וויליאַם סיגעלס פּיעסע „משיח קומט", אין וועלכער איך האָב געהאַט אַ קליינע ראָלע, אָבער דער ניגון וואָס רומשינסקי האָט פאַר מיר געמאַכט צו זינגען אָן ווערטער, האָט געהאַט אַ גרויסן ביי־פאַל. איך פלעג שפּעטער דעם ניגון סצענירן און זינגען צו קאָנצערטן.

אין מעקסיקע און קיובאַ האָט קלאַראַ שוין געהאַט אָפּגעשפּילט

איר גאַנצן רעפּערטואַר. קיין נייע פּיעסן האָט זי ניט געהאַט, איז זי געבליבן זיצן. קיין זאַך איז ניט אַזוי טראַגיש, ווי אַ געפאַלענער סטאַר. וואָס גרעסער דער שטערן, אַלץ טיפער זינקט ער... ביסטו איינמאָל אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ לייטער און געוואָרן אַ „סטאַר“, און דערצו נאָך אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער, מעגסטו שוין דערנאָך וועלן אַראָפּגיין פון דער הויך און גיין אויף דער ערד גלייך מיט אַלע אַקטיאָרן, וועט מען דיך שוין ניט לאָזן מיטגיין — קיין מענעדזשער וועט דיך שוין ניט אַנגאַזשירן אַלס געוויינטלעכן אַקטיאָר. דער היינטיקער סטאַר אין טעאַטער האָט מורא פאַר דעם סטאַר פון נעכטן, פאַר דעם „געוועזענעם“. ער וועט מיט אים ניט קאָנען קאָמאַנדעווען, ווי מיט די איבעריקע אַק־טיאָרן. איז אָדער ער מוז נעמען אַ טעאַטער און בלייבן דירעקטאָר, אָדער ער בלייבט זיצן אין „קאַפע ראָיאַל“, און קיינער וועט אים אַפילו קיין „העלאָ“ ניט זאָגן...

אין יענער צייט, אַנהויב דרייסיקער יאָרן, אין צייט פון דער דע־פּרעסיע, האָבן זיך טעאַטערס אין דער פּראָווינץ צוגעמאַכט, און אין ניו־יאָרק זיינען די געשעפטן געווען שלעכט.

קלאַראַ יאַנג איז געקומען קיין ניו־יאָרק אינמיטן סעזאָן, איז זי געזעסן אין „קאַפע ראָיאַל“ און געדענקט, אַז עס נעמט אַ סוף צום גאַנצן יידישן טעאַטער. און ווען אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע זעט פאַר זיך ניט קיין צוקונפט, רעדט מען פון דער פאַרגאַנגענהייט, פונעם „שיינעם אַמאָל“... און די קעגנוואַרט ווערט נאָך שוואַרצער, ווי זי איז. אַלע אירע בינע־אייגנשאַפטן, וואָס קלאַראַ האָט פאַרמאָגט, האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער גלאַנץ. די אויגן אירע האָבן פאַרלוירן זייער ברענענדיקן פייער, איר שטימע האָט מער ניט געהאַט קיין קלאַנג, די בייטעלעך אונטער די אויגן זיינען מיט יעדער טרער געוואָרן גרעסער, און זי האָט אָנגעוואוירן איר גאַנצע ענערגיע. זי איז געווען פאַרצווייפלט...

— ניין — האָט זי געטענהט — איך קאָן ניט זיין אין שטוב ביי אונדזער קינד בלויז אַ מאַמע, איך וויל אויך ווייטער זיין קלאַראַ יאַנג! איך וועל ניט שלום מאַכן מיט מיין לאַגע, ווי דו, בועז. אָן דער בינע, אָן פּובליקום, אָן די אַלע שיינע זאַכן, וואָס איך האָב געהאַט ביים טעאַטער, עקזיסטירט ניט פאַר מיר דאָס לעבן.

אַ געוויסן טאָג קומט קלאַראַ אַן אויפגערעגטע פון פרייד: — כ׳האָב אַ קייבל פון מאָסקווע, פון אונדזער געוועזענעם פאַרוואַלטער דומאַרסקי, אַז איך זאָל אים ענטפערן, צי איך וויל קומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— בועז — פרעגט זי מיך — ווילסט מיטפאָרן?

נישט קלערנדיק אַ סעקונדע, האָב איך תּיכּף געענטפֿערט:

— זאָל זײַן מיט גליק. דאַסמאָל, קלאַראַ, װעסטו שױן מוזן פֿאָרן אָן מיר.

װען איך האָב גערעדט מיט קלאַראַן מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, האָב איך געזען, אַז די פּרוּװ האָט צוריק־באַקומען דאָס פֿריערדיקע לעבן, איר אַמאָליקע ענערגיע. דער מאָסקװער קײַבל האָט פֿון איר אַראָפּגענומען זיכער צען יאָר... זי איז ייִנגער געװאָרן, דאָס פּײַערל אין אירע אױגן האָט װידער אָנגעהױבן ברענען, זי איז צוריק געװאָרן די אַמאָליקע קלאַראַ יאָנג...

אַ נאַכט פֿאַר קלאַראַס אָװעקפֿאָרן קײן סאָװעטן־פֿאַרבאַנד (אין 1934) האָבן די אַקטריסעס פֿון דער יוניאָן, אױף דער איניציאַטיװע פֿון דער אַקטריסע ליזאַ זילבערט, אַראַנזשירט פֿאַר קלאַראַן אַן אָפּשײד־אָװנט. פֿאַרשײדענע מענטשן פֿון דער פּראָפֿעסיע און נישט פֿון דער פּראָפֿעסיע זײַנען אָנװעזנד געװען. ב. לינדער, דער מיטאַרבעטער פֿון „טאָג", האָט דעמאָלט אין זײַן רעדע געזאָגט:

— קלאַראַן דאַרף מען גאָרניט זען שפּילן. עס איז גענוג, װען מען זעט זי זיצן בײַ אַ טיש מיט מענטשן, זען אין גאַס רעדן מיט מענטשן, — װאָס זי זאָל נישט טאָן, דערקענט מען באַלד די קינסטלערין קלאַראַ יאָנג...

איך האָב מײַנע פּאָר װערטער פֿאַרענדיקט אַזױ: — אַ סך זאָגן, אַז קלאַראַ האָט מיר צו פֿאַרדאַנקען, װאָס זי איז איצט קלאַראַ יאָנג. מיטן נאָמען איז עס בלױז אַ צופֿאַל. איך האָב געקאָנט הײסן בועז אַלט... װעגן דעם, װאָס מען זאָגט, אַז איך האָב זי געבראַכט צו דער שטופּע, װאָס זי איז — איז עס אינגאַנצן נישט ריכטיק. װײַל װי דריקט זיך אױס שפּינאָזאַ װעגן דער געטלעכקײט — „פֿון גאָר ניט קומט אַרױס גאָרניט"...

קלאַראַ האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אירע לאַנג־יאָריקע יוניאָן־שװעסטער און ברידער אױף אַזאַ אופֿן:

— חברים און חברטעס. זײַט װיסן, אַז איך פֿאָר איצט אין דעם לאַנד, װאו עס איז נישטאָ קײן אױסגעשפּילטע אַקטיאָרן און אַלטע אַקטריסעס, — נאָר מעסיקע, גוטע און גאָר גוטע אַקטיאָרן. קאָלעגן און קאָלעגינס, מאָרגן פֿאָר איך אָפּ קײן סאָװעטן־פֿאַרבאַנד! —

בײַם געזעגענען זיך אױף דער שיף, האָט קלאַראַ צו מיר געזאָגט:

— געדענק, בועז, דו װעסט חרטה האָבן, װאָס דו פֿאָרסט ניט מיט מיר קײן סאָװעטן־פֿאַרבאַנד.

און איך בין זיך מודה, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען איך האָב שטאַרק חרטה געהאַט...

אין מאָסקווע האָט קלאַראַ צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע. אַרום פּופּציק מענטשן פֿון דער טרופּע האָבן מיר געשיקט אונטערשריפֿטן, איך זאָל קומען קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. זיי קאָנען זיך ניט פֿאָרשטעלן — האָבן זיי געשריבן — קלאַראַ יאַנגס טעאַטער אָן בועז יונגוויץ. איך האָב געענטפֿערט, אַז איך דאַנק זיי פֿאַר זייער פֿאָרשלאַג; לײַדער פּראָטעסטירן שוין מײַנע יאָרן קעגן דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס פֿאַרשאַפֿט מיר טאַקע כבוד און געלט, אָבער אין דער זעלבער צייט גראָבט עס אונטער מײַן געזונט.

נאָך אַ יאָר אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז קלאַראַ געוואָרן אַ סאָוועטישע בירגערין. ווי פּראָפֿעסאָר שלמה מיכאָעלס, דער דעמאָלדיקער אָנפֿירער פֿונעם יידישן טעאַטער אין מאָסקווע, האָט געהאַט איבערגעגעבן בײַ אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַקטיאָרן אין ניו־יאָרק, האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו דערקלערן קלאַראַ יאַנג פֿאַר אַ פֿאָלקס־אַקטריסע. די מלחמה האָט די אַרבעט פֿונעם קאָמיטעט אָפּגעשטעלט. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד שפּילט קלאַראַ די זעלבע ראָלע, ווי פֿריער אין די צוואַנציקער יאָרן, און מיט דעם גאַנג פֿון יאָרן ווערט זי נאָך מער געשעצט און באַליבט. אין דער צייט פֿון דער מלחמה האָט דער פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿון קאָמוניקאַציע געשטעלט צו איר דינסט אַ ספּעציעלן אויטאָמאָביל, זי זאָל קאָנען מאַכן אַ טור איבער דער קאַזאַקסטאַנער, אוזבעקיסטאַנער און באַשקירישער רעפּובליק.

אין 1949 האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו (מיר האָבן אייניקע מאָל גערעדט דורכן טעלעפֿאָן פֿון מאָסקווע), אַז דער קאָמיטעט פֿאַר קונסט־ענינים האָט איר געלאָזט וויסן, אַז זי וועט פֿון היינט אָן קריגן יעדן חודש 500 רובל פּענסיע (ס'איז וועגן דעם געווען אויך געמאָלדן אין דער פּרעסע), און אַז זי האָט נאָר וואָס פֿאַרענדיקט אַ טור פֿון קאָנצערטן, בײַ וועלכע די מאַסן האָבן זי אויפֿגענומען מיט דער גרעסטער באַגייס־טערונג.

יעדער מיט זיין גאָט

דורך מיטגלידער אין אַ צווייג פֿונעם „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַר־באַנד", וועלכע האָבן געלייענט אין „טאָג" דעם עפּיזאָד פֿון מײַנע זכרונות, ווי אַן אומבאַקאַנטער מאַן האָט מיר אין פּאַריז געגעבן 200 דאָלער, איך

זאָל קאָנען פֿאָרן קיין ניו־יאָרק, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז יענער בעל־טובֿה מײַנער איז געווען דער ניו־יאָרקער פֿאַבריקאַנט יקיר אײַבראַמס (איך האָב געהאַט פֿאַרלוירן זײַן אַדרעס). ער פֿאַרדינט צו טראָגן דעם נאָמען יקיר [יאַקיר], האָב איך געזאָגט צו זײַנע חבֿרים. ער איז באמת אַ טײַערער מענטש, ממש אַ למד־וואָווניק. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין באַלד אַוועק צו אים אין פֿאַבריק. דאָ איז מײַן אויג געפֿאַלן אויף אַן על־טערן מאַן, וואָס איז געזעסן בײַ דער מאַשין, אַרײַנגעטאָן אין זײַן אַרבעט. דער מענטש איז מיר פֿאָרגעקומען זייער באַקאַנט. איך בין צוגעגאַנגען נענטער, און אין זײַנע געדיכטע שוואַרצע האָר האָב איך דערקענט, אַז דאָס זיצט בײַ דער מאַשין מײַן קאָלעגע־שוישפּילער, וועלכן איך קען שוין קנאַפּע פֿופֿציק יאָר. אַ טאַלאַנטירטער אַקטיאָר, וועלכער איז געווען אַמאָל אַ סטאַר אויף דער פּראָווינץ און דער ערשטער געשפּילט די טיטל־ראָל אין קאָברינס „יאַנקל בוילע”, נאָך אײדער דוד קעסלער האָט עס געשפּילט. דער אַקטיאָר האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל, מיך אָנגעקוקט — און זיך פֿאַרשעמט, ווי אײנער, וועמען מען כאַפּט בײַ אַ קינדערשער אַרבעט, וואָס פּאַסט גאָר ניט פֿאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן... ענדלעך האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, געשפּילט אויף דער בינע...

ס׳האָבן זיך באַוויזן טרערן אין זײַנע אויגן.

— וואָס מאַכט איר? — פֿרעג איך אים.

— אַמאָל האָב איך געמאַכט „סוקסעס” — ענטפֿערט ער — איצט מאַך איך „סקוירטס”, קליידלעך...

און אַרויסנעמענדיק פֿון שופֿלעדל פֿון דער מאַשין אַ טשעק, זאָגט ער צו מיר:

— איר זעט, מר. יאַנג, עטלעכע־און־זיבעציק דאָלער האָב איך פֿאַרדינט לעצטע וואָך, און דאָס נאָר אין פֿיר טעג. און דאָך... איך קאָן ניט! עס בענקט זיך, עס נאָגט, עס ציט אַהין, וואו איך האָב מײַנע יונגע יאָר אָפּגעגעבן... ווען איך ווייס, אַז איך קאָן מאַכן ניט מער ווי צוואַנציק דאָלער אַ וואָך ביים טעאַטער, וואָלט איך דאָ ניט געזעסן. פֿון דאַנען, מײַן ליבער מר. יאַנג, וועל איך שוין גיין צו דודן שפּילן (דוד קעסלער, וועלכן ער האָט ממש פֿאַרגעטערט און אים קאָפּירט)...

ער האָט געבעטן איך זאָל וועגן זײַן אַרבעט אין שאַפּ קײנעם ניט דערציילן און נישט דערמאָנען איך־ערגעץ זײַן נאָמען. ער וויל, האָט ער געזאָגט, שטאַרבן אַלס אַקטיאָר...

כ׳האָב גערעדט מיט אים מיטוואָך, און פֿרײַטיק איז ער געשטאָרבן...

איצט, מיין ליבער קאָלעגע, ווען דו ביסט שוין נעענטער צו דיין „גאָט" דוד קעסלער, מעג מען שוין אויסזאָגן דעם „סוד": ס'איז געווען משה גאַנז, אָדער סעם מאָריס, ווי ער האָט זיך גערופֿן. אויב עס קאָן באַך דיר דינען ווי אַ טרייסט, טייערער קאָלעגע משה, וויל איך דיר פֿאַר־זיכערן, אַז דו ביסט ניט דער איינציקער יידישער אַקטיאָר, וועלכער איז די לעצטע יאָרן אַוועק פֿון דער קאָכעדיקער לעבעדיקער סצענע צו דער קאַלטער אייזערנער מאַשין. איינער איז אַוועק צום פּרעס־אייזן, אַן אַנדערער צו שוואַרצער אַרבעט — — און הלוואי זייער אַרבעט זאָל זיי נישט שווער זיין אַזוי, ווי די מאַשין איז דיר שווער געווען...

דער „טעאַטער פּראָיעקט"

דער ערשטע „רעליף" (אונטערשטיצונג) איז דורכגעגאַנגען אין קאָנגרעס אין 1933. און מיט זעקס וואָכן שפּעטער, אין פֿרילינג פֿון 1933, האָט דער קאָנגרעס געשאַפֿן די „פֿעדעראַל עמוירדזשענסי אַדמיניסטריי־שאָן" (נויטפֿאַל־פֿאַרוואַלטונג), וואָס האָט געשטיצט די באַזונדערע שטאַטן, זיי זאָלן שטיצן די נויטבאַדערפֿטיקע. אין נאָוועמבער פֿון זעלבן יאָר האָט דער קאָנגרעס געגרינדעט די „סיוויל וואָירקס אַדמיניסטריישאָן" (ביר־גערלעכע אַרבעטס־פֿאַרוואַלטונג), צו שאַפֿן אַרבעט פֿאַר פֿיר מיליאָן אַרבעטלאָזע. דער ציל פֿון אַט־די אַלע אַגענטורן איז געווען, צו געבן, דורך אַרבעט, שטיצע צו נויטבאַדערפֿטיקע. אַזוי האָבן 450 ענגלישע אַקטיאָרן באַלד אָנגעהויבן געבן פֿרייע וואָדעוויל־ און מאַריאָנעטן־פֿאַר־שטעלונגען. די אַקטיאָרן האָבן דאָס באַטראַכט ווי צדקה און האָבן זיך געשעמט, אַז זייערע נעמען זאָלן דערמאָנט ווערן אין פּראָגראַם...

פֿון דער דעפּרעסיע, אין אָנפֿאַנג פֿון די דרייסיקער יאָרן, זיינען אַקטיאָרן טאָפּלט געטראָפֿן געוואָרן: פֿון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע, פֿון וועלכער טעאַטער איז דאָס ערשטע צו ליידן, ווייל עס ווערט דאָך מערסטנס באַטראַכט ווי אַ לוקסוס, און — אפֿשר נאָך מער — פֿון דעם, וואָס דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער „קלאַנג־פֿילם". פֿערצן טויזנט „קלאַנג שאָטנס" האָבן איבער נאַכט פּלוצים אָנגעהויבן צו רעדן און געזאָגט צום לעבעדיקן אַקטיאָר — מיר וועלן אייך ווייזן, ווי אַזוי מען שפּילט גוט טעאַטער, און ביליק! איין טעאַטער נאָכן אַנדערן האָט זיך געשלאָסן פֿאַרן לעבעדיקן אַקטיאָר. רייזנדע טרופּעס זיינען געבליבן אין וועג, האָבן זיך אויפֿגעלייזט, און דער לעבעדיקער אַקטיאָר איז גע־לאָפֿן צו זיין רייכן אויפֿגעקומענעם שטיפֿברודער קיין האָליוואָוד, ער

זאָל אים העלפֿן. צוויי־און־צוואַנציק טויזנט אַקטיאָרן און אַקטריסעס פֿון דער „לעגיטימער״ בינע האָבן זיך דעמאָלט געבעטן, מען זאָל זיי געבן באַשעפֿטיקונג ביים קלאַנג־פֿילם... אַנדערע זיינען אַוועק צו פֿאַרשיידענע אַרבעטן, און הונדערטער אַקטיאָרן זיינען אַרויף אויף „רעליף״.

פֿאַרשטייט זיך, אַז יידישע אַקטיאָרן זיינען ניט געווען קיין אויסנאַם אין דעם פּרט. ווי עס גיט־איבער דער אַקטיאָר מרדכי יחסן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער „יידישער אַקטיאָרן ליעג״ (אַן אָרגאַניזאַציע פֿון אַקטיאָרן, וועלכע זיינען ניט געווען קיין מיטגלידער פֿון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן), איז דעמאָלט דער יידישער טעאַטער־פּראָיעקט געשאַפֿן געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן: אַ געוויסער בען טאָבין, וועלכער איז געווען דער אָנפֿירער פֿון אַ קינדער־גרופּע, האָט זיך געווענדט צו יחסנען, ער זאָל אים העלפֿן צוזאַמענשטעלן אַ צעטל פֿון יידישע אַרבעטלאָזע אַקטיאָרן (פֿאַרוואָס בען טאָבין האָט זיך וועגן דעם ניט געווענדט דירעקט צו דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, פֿאַרשטיי איך ניט ביז היינט צו טאָג). זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ צעטל פֿון 75 אַרבעטלאָזע אַקטיאָרן פֿון דער יוניאָן און פֿון דער „ליעג״, און עס איבער־געגעבן דעם קוירנעל בוטה, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער אָנפֿירער פֿון אַלע ענגלישע און פֿרעמד־שפּראַכיקע טעאַטער־טרופּעס ביים „פּראָ־יעקט״. די אַקטיאָרן האָבן זיך רעגיסטרירט און זיינען אָנגענומען געוואָרן. אויף זייער איניציאַטיווע איז באָריס טאָמאַשעווסקי איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רעזשיסער. בינע־פֿאַרוואַלטער איז געוואָרן מרדכי יחסן (שפּעטער איז אַלס הויפּט־בינע־פֿאַרוואַלטער באַשטימט געוואָרן דער איצטיקער טעאַטער־אַגענט משה קורץ). טאָמאַשעווסקי האָט אויסגעקליבן אויפֿצופֿירן יעקב גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר״. מען האָט געשפּילט אין פֿאַרשיידענע יידישע אַנשטאַלטן, ביי זייער ניט קיין גינסטיקע אומשטענדן: אויף זייער קליינע בינעס, די אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעטאָן אין נאַסע קעלערס, אין וואַש־צימערן און אַפֿילו אין אַ טויטן־שטיבל... דאָך האָט „דער יידישער קעניג ליר״, מיט מאָריס קראַנער אין דער טיטל־ראָלע, געהאַט אַ געוויסן דערפֿאָלג אין די יידישע קרייזן.

ווען דער קאָנגרעס האָט אין 1935 געשאַפֿן די „דאַבעליו פּי עי״ („וואָירקערס פּראָגרעס אַדמיניסטריישאָן״), האָט די „רעליף״־אַרבעט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. מען האָט יעדן פֿיזיש פֿייאיקן, קוואַלי־פֿיצירטן אַרבעטער, קינסטלער אַריינגערעכנט, געשיקט צו זיין פֿאַך, און מען האָט אָנגעהויבן צאָלן מער־ווייניק אָנשטענדיקע שכירות. אַרום זעקס טויזנט שוישפּילער, מאָלער, מוזיקער, שרייבער און אַנדערע איינ־

טעלעקטואַלן זיינען געווען באַשעפּטיקט דורכן „דאַבעליו פּי עי״. דאָס איז דעמאָלט געווען די איינציקע רעטונג פאַר דער אַרבעטלאָזער קינ־סטלער־אַרמיי. עס האָבן זיך אָבער אַרויפגעכאַפּט אויפן טעאַטער־פּראָיעקט מענטשן, וואָס האָבן גאָרניט געהאַט קיין שייכות מיט טעאַטער. האָט די פּראָיעקט־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן, אַז יעדער אַפּליקאַנט פון טעאַטער־פּראָיעקט מוז מאַכן פּראָבע. דריי ריכטער האָבן באַדאַרפט באַשטימען, צי דער אַפּליקאַנט איז ווירקלעך אַ שוישפּילער...

איך ווער אַ סאָלדאַט אין דער אַרבעטלאָזער אַרמיי

איך האָב לאַנג געקעמפט מיט זיך, צי איך זאָל אָנקומען צו דער „דאַבעליו פּי עי״. נאָר ענדלעך האָב איך זיך געזאָגט — דאָס איז ניט קיין צדקה; דאָס גיט דיר די פעדעראַלע רעגירונג צוריק אַ פּראָצענט פון דעם, וואָס מענטשן האָבן ביי דיר צוגענומען דורך שלעכטע עקאָנאָמישע פירונגען, וואָס רופן אַרויס קריזיסן, — און דו ווילסט דאָך שפּילן טע־אַטער... און איך האָב באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין דער אַרמיי פון אַרבעטלאָזע און אַרויף אויף דער „דאַבעליו פּי עי״...

וואָלט גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט, ווען מען וואָלט ניט באַדאַרפט מיטמאַכן דאָס „רעגיסטרירן זיך״ צוזאַמען מיט די נאָך עלנדערע, אומ־גליקלעכע, און צווען אַזוי פיל בויט, דחקות און דערנידערונגען — די „טשינאַוווניקלעך״ פון דער רעגיסטראַציע האָבן באַהאַנדלט די אָרעמע אַרבעטלאָזע, ווי זיי וואָלטן געקומען בעטן נדבות...

עס זיינען שוין אַוועק אַ יאָר פופצן זייט יענער צייט, און יענע רעגיסטראַציע־אַפּקומעניש פרעסט נאָך אַלץ אויף דער נשמה...

דעמאָלט, ווען איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין און האָב צוליב די פאַרדרוסן נעכט ניט געשלאָפן, האָב איך זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ דורך אַ סקיצע אין „טאָג״, אונטערן קעפּל „אַן אַקטיאָר אויף רעליף״ — אַ בילד, וואָס איז מער פאַקט, ווי סקיצע. אין יענער סקיצע פיגוריר איך אַלס „מר. עקס״, און אונטערגעשריבן האָב איך „בית יוד״, אויס מורא, אַז מיינע נאָענטע קאָנען זיך נאָך אָנשטויסן, אַז דער „מר. עקס״ בין איך טאַקע אַליין, און אַז איך בין אַרויף אויף דער „דאַבעליו פּי עי״. און אָט־וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן:

„׳העלאָ, מר. דזשי־מען!׳ — האָט מיט עטלעכע טעג צוריק דער באַקאַנטער אַקטיאָר יעקב וועקסלער אויסגעשריגן אויף זיין פּראָסטן, גוט־ברודערשן שטייגער, אַריינקומענדיק אין „קאַפע ראָיאַל״ (וועקסלער

האָט מיט דעם „דזשי־מען" געוואָלט באַצייכענען, אַז איך בין אַ „רעגירונגס־מאַן").

דער שוישפּילער מר. עקס, װעמען יעקב װעקסלער האָט טיטולירט מיטן נאָמען „דזשי־מען", איז געזעסן מיט נאָך אײניקע שוישפּילער בײ אַ טישל, די אויגן כּמעט אײנגעטונקען אין דעם טעלער זופּ, װאָס איז געשטאַנען פאַר אים. דערקענענדיק װעקסלערס שטימע, האָט מר. עקס באַמערקט, װי צו זיך אַלײן: — דאָס מײנט ער מיך, דער חברה־מאַן. אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון טעלער, האָט ער זיך גוטמוטיק צעשמײכלט, אָפּגעװישט די ליפּן, און לוסטיק געענטפערט:

— יעס, מיסטער װיצע־פּרעזידענט (װעקסלער איז דעמאָלט געװען דער װיצע־פּרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן), איך בין שטאָלץ מיט דעם. איך בין פּרעזידענט רוזװעלטס אַן אַקטיאָר...

און מיט אַ געמאַכטן שטאָלץ האָט מר. עקס אויסגעשריגן: — רעספּעקט פאַרן „קײזער־קעניגלעכן הויף־שוישפּילער!"

— קעלנער! דערלאַנג דעם פּרעזידענט רוזװעלטס שוישפּילער דעם אונגאַרישן גולאַזש!

אַלע אַרום טיש האָבן זיך צעלאַכט, אָבער אין מר. עקס האָט געװײטיקט דאָס האַרץ.

מר. עקס איז אײנער פון די עלטסטע אַקטיאָרן בײ דער יידישער בינע. און כאָטש ער איז שוין אין די טיפע זעכציקער, איז ער געזונט, קרעפטיק, אַלע חושים זײנען נאָך בײ אים נאָרמאַל, און דאָך איז אים שװער אָנצוקומען אין אַ טעאַטער. ס'איז די קללה פון „עלטער"... װען מען פילט זיך נאָך געזונט, גרײט צו שאַפן און זיך ניצלעך מאַכן, און דאָך, װאוהין מען קומט, זאָגט מען: „איר זײט שוין צו אַלט" — האָט ער ענדלעך באַשלאָסן אַרויפצוגײן אויף דער „דאַבעליו פּי עי". און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שטײן אין „לאַין", אין רײ פיר־פינף שעה, — בײ יעדער פראַגע, װאָס מען שטעלט דיר, פילסטו, װי מען רײסט ביסלעכװײז דײן נשמה, מיט יעדן שטיקל פּאַפּיר, װאָס דו שרײבסט אונטער, באַשטעטיגסטו, אַז די געזעלשאַפט האָט דיך אויסגעשפּיגן. די אַלע פּראָצעדורן, װאָס מען דאַרף דורכמאַכן, לויפנדיק פון אײן ביוראָ אין דער צװײטער, מאַכן דיך פילן, װי דו װאָלסט געװען אַ שקלאַף צו יעדן באַאַמטן פון דער „דאַבעליו פּי עי". מוזט פאָלגן יעדן װאונק זײנעם.

די סצענע, װאָס מר. עקס האָט בײגעװאוינט אין דעם „אָפיס", האָבן אים צעבראָכן. מענטשן זיצן און װאַרטן, אײנער קוקט אויפן אַנדערן — אַזוי פון אַ זײט, מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן, װי שולדיקע, װאָס

ווילן זיך אויסבאַהאַלטן איינער פֿון צווייטן. ביי יעדן איז קענטיק אויפֿן פּנים — „אויף וואָס איך בין איבערגעקומען״... אָפּט האָט זיך אים געוואָלט אויסשרייען — גענוג! איך בין אייך מוחל אייער פּראָיעקט און אַ סוף זאָל עס נעמען. זיי מיינען דאָרט, אַז דער, וואָס קומט נאָך רעליף, איז אַ שלימואל, וואָס טויג צו גאָרניט, ער פֿאַרדינט ניט קיין רעספּעקט און פֿילט ניט קיין באַליידיקונג.

אַך, פֿריינט — קלאָגט זיך מר. עקס, — דאָס ערגסטע פֿאַר אַ שקלאַף איז דאָך, ווען אַ צווייטער שקלאַף הערשט איבער אים...

אָבער, עס איז אויך דאָ אַ „העפּי ענדינג״ [אַ גליקלעכער סוף] — האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן — און דאָס האָב איך צו פֿאַרדאַנקען גראָד אַ „פּאָליסמאַן״ (צו אַ פּאָליסמאַנס האַרץ קאָן מען אויך אַמאָל צוקומען, כאָטש ער האַלט עס שטענדיק פֿאַרקנעפּלט...):

מיין לעצטע אינסטאַנץ, וואוהין איך האָב זיך געדאַרפֿט ווענדן, איז געווען אַ ביוראָ אין דעם בנין פֿון „סעקאָנד עוועניו טעאַטער״. קומענדיק אַהין, האָב איך שוין געטראָפֿן שטיין אַ הונדערט מענטשן. ווען איך זאָל זיך שטעלן אין דער ריי, וואָלט מיר אויסגעקומען צו שטיין פּונקט ביים אַריינגאַנג פֿון טעאַטער. — ניין, האָב איך געזאָגט צו זיך, דאָ קעגנאיבער דעם טעאַטער וועל איך נישט שטיין, אַפֿילו ווען איך זאָל וויסן, אַז דער סוף מיינער קומט...

איך האָב שוין געזען פֿאַר מיינע אויגן, ווי מיינע קאָלעגן, די שוישפּילער פֿון יענעם טעאַטער, קומען אַרויס פֿון פּראָבע צופֿרידענע, גליקלעכע, זעען מיך שטיין אין דער ריי צווישן אַלע דערנידעריקטע, דערשלאָגענע, און אייניקע באַדויערן מיך; אָבער דער „סטאַר״, מיט וועלכן איך האָב מיט צוויי סעזאָנען פֿריער געהאַט אַ שטיקל צוזאַמענשטויס, קוקט אויף מיר מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, ווי איינער זאָגט: „רעכט אויף דיר״!

גראָד דער פּאָליסמאַן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר פֿון אַריינגאַנג, האָט עפּעס באַמערקט אין מיר און רופֿט מיך צו: „וואָט׳ס די מעטער, אָלד מען?״ [וואָס איז אַזוינס, אַלטיטשקער?] — פֿרעגט ער מיך אין זייער אַ פֿריינטלעכן טאָן.

דערהערנדיק אַ פֿריינטלעכע שטימע פֿון אַ באַאַמטן, האָב איך שטילערהייט געעפֿנט פֿאַר אים מיין האַרץ:

— אָפֿיסער, זעסט דאָס טעאַטער? דאָ האָב איך געשפּילט, כמעט אַ סטאַר געווען. אָט־דאָס טעאַטער איז פֿאַר מיין געלט געבויט געוואָרן. דאָ האָב איך פֿאַרבראַכט אַ סך גליקלעכע נעכט. איך האָב געהאָפֿט, איך

וועל מיך קאָנען פֿאַרזאָרגן אויף דער עלטער. איצט מאַכן דאָרט פּראָבע מיינע קאָלעגן שוישפּילער, די זעלבע, וועמענס „באָס" איך בין אַמאָל געווען. ווען זיי וועלן מיך זען שטיין דאָ אין „לאַין", וועל איך עס ניט איבערטראָגן. איך בעט דיך, מאַך מיט מיר אַן אויסנאַם און לאָז מיך אַריין אויסער דער ריי.

דער פּאָליסמאַן האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן און האָסטיק אַ זאָג געטאָן:

— גיי איצט אַוועק און קום צוריק אין אַ שעה אַרום.

מיט אַ שעה שפּעטער, ווען ער האָט מיך געזען אָנקומען, האָט ער זיך צעשריגן אויף מיר מיט אַ געמאַכטן בייזער:

— וואו ביסטו געווען? מען וואַרט דאָך אויף דיר! גיי שנעל אַריין!

ווען איך האָב שוין באַקומען דאָס פּאַפּירל, וואָס ווייזט־אָן, אַז איך האָב מיך רעגיסטרירט פֿאַר אַן אַרבעטלאָזן און איך האָב אַ רעכט צו זיין אויף דער „דאַבעליו פּי עי", האָט מען מיר געהייסן גיין אין אַ לאָקאַל אויף איסט בראָדוויי, וואו איך דאַרף מאַכן פּראָבע פֿאַר אַ קאָמיסיע פֿון דריי, און זיי דאַרפֿן באַשטימען צי איך בין אַן אַקטיאָר און האָב אַ רעכט צום טעאַטער־פּראָיעקט...

ווי זאָגט „אַפֿרים קלעזמער" אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאָ": איך אַפֿרים קלעזמער, וואָס איך בין אַ קלעזמער ספק־ספֿקא, דאַרף ערשט באַ־ווייזן, אַז איך בין אַ קלעזמער; און אַז איך בין שוין אַ קלעזמער, דאַרף איך ערשט מאַכן פּראָבע, אַז איך מעג זיין אַ קלעזמער...

איך האָב געוואָלט יענעם טאָג אַלץ דערליידיקן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז דער טעאַטער־פּראָיעקט קלייבט זיך אויפֿצופֿירן אַ נייע פּיעסע, און איך האָב געוואָלט שוין זיין אויפֿן „פּראָיעקט", ווען דער רעזשיסער וועט איינטיילן די ראָלן".

דאָס ווייטערדיקע האָב איך אין „טאָג" ניט דערציילט:

ווען איך בין דערשינען פֿאַר די „ריכטער", האָב איך מיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן. איך האָב צווישן זיי דערזען באָריס טאָמאַשעווסקין... ער האָט געקוקט אויף מיר טרויעריק, מיט טרערן אין זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט קאָלעגיאַלן רעספּעקט, אַרטיסטישן שטאָלץ, און אין דער זעלבער צייט — רחמנות...

דזשענטלמען — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ ציטערדיקער שטימע צו די אַנדערע צוויי ריכטער, ניט־יידן — איר זעט אָט־דעם אַקטיאָר, בועז יאָנג? איך קען אים שוין איבער פֿערציק יאָר. ער האָט ביי מיר געשפּילט אַכט יאָר כּסדר. ער איז ביי מיר געווען פֿאַררעכנט, ווי אַן

ערשט־קלאַסיקער שוישפּילער. ער איז אויך געווען דירעקטאָר פֿון פֿאַר־שיידענע טעאַטערס. איך דענק, אַז דאָס איז גענוג גאַראַנטיע, אַז מר. יאַנג איז אַן אַקטיאָר, און איך בעט אייך, מען זאָל אים באַפֿרייען פֿון דער פּראָבע.

איך האָב געפֿילט, ווי טרערן שטיקן מיך...

די אַנדערע צוויי זיינען אָבער באַשטאַנען אויפֿן געזעץ. איינער האָט געטענהט:

— געוויס נעמען מיר אייער וואָרט, מר. טאָמאַשעווסקי, אָבער לײדער קאָנען מיר ניט פֿאַרבייגיין דאָס, וואָס „זיי" האָבן אין וואַשינגטאָן באַ־שטימט. מיר וועלן אָבער מאַכן אַן אויסנאַם מיט דעם אַפּליקאַנט. זאָל ער דעקלאַמירן בלויז צוויי שורות, פֿון וואָס עס איז, און ער איז פֿאַרטיק.

איך האָב געהאַט אין קאָפּ הונדערטער מאָנאָלאָגן פֿון פּיעסן, מאָסן דעקלאַמאַציעס. אָבער דעמאָלט, ווען איך בין געשטאַנען פֿאַר מיינע ריכטער, האָב איך זיך ניט געקאָנט דערמאָנען קיין צוויי שורות... איך בין שטיין־געבליבן, ווי אַ דילעטאַנט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף טאָמאַשעווסקין און ווי זיך געבעטן, ער זאָל מיר קומען צו הילף, ער זאָל מיך אין עפּעס דערמאָנען... טאָמאַשעווסקי האָט געהאַלטן זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט און ניט געקוקט אויף מיר. די נערוון מיינע, פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפֿן פֿון איין אַגענטור צו אַן אַנדערער, מיט אַלץ אַרום־און־אַרום, זיינען געווען אָנגעשטרענגט ביזן העכסטן גראַד. איך האָב געפֿילט, ווי דער שוויס גיסט זיך פֿון מיר. אויף מיין זכרון זיינען אַרויפֿגעשווימען כוואַליעס פֿון ווערטער פֿון פֿאַרשיידענע פּיעסן, אָבער קיין צוזאַמענהאַנג אײנס מיטן צווייטן האָבן זיי ניט געהאַט...

פּלוצים האָב איך פֿול מיט ווייטיק און העכסטן עקסטאַז גענומען אויסשרייען די ווערטער, וואָס „שיילאָק" זאָגט אין שעקספּירס „סוחר פֿון ווענעדיג": — ווען איר שטעכט אונדז, רינט ניט קיין בלוט? ווען איר פֿאַרסמט אונדז, שטאַרבן מיר ניט? און ווען איר קיצלט אונדז, לאַכן מיר ניט?...

טאָמאַשעווסקי, פֿילנדיק ווי מיינע נערוון זיינען אָנגעשטרענגט, האָט זיך צעשריגן אויף מיר:

— הערט אויף! גענוג!

ערשט איצט האָט אַ שטראָם טרערן זיך אַ גאָס־געטאָן פֿון מיינע אויגן: — איר זעט, מר. טאָמאַשעווסקי? זה חלקי מכל עמלי. אָט דאָס איז מיר געבליבן פֿון פֿופֿציק יאָר אַרבעט ביים יידישן טעאַטער...

מיין „שיילאָק" האָט, ווייזט אויס, „אויסגענומען" אויך ביי די ניט־

ייִדישע ריכטער, און מען האָט מיך ענדלעך „אַנערקענט‟, אַז איך בין אַן אַקטיאָר...

אַ סך חדשים זײַנען אַוועק, און מיר האָבן אויפֿן פּראָיעקט גאָרניט געטאָן. מיר האָבן בלויז באַדאַרפֿט בײַם אַרײַנקומען אין אַ באַשטימטער צײַט זיך „פֿאַרשרײַבן‟, און בײַם אַהיימגיין זיך „אויסשרײַבן‟.

אַקטיאָרן האָבן זיך געריסן צו שפּילן טעאַטער, עפּעס טאָן פֿאַר דעם געלט. אָבער דאָרט, אין וואַשינגטאָן, האָט מען געזאָגט, אַז עס וועט קאָסטן ביליקער, ווען מען וועט אײַנזאָגן ניט שפּילן...

אַ סך יוניאָן־אַקטיאָרן האָבן אונדז מקנא געווען — דרײַ־און־צוואַנציק דאָלער אַ וואָך פֿאַר גאָרניט טאָן! (ניט אַראָפּרעכענענדיק די 10 פּראָצענט מיט אַנדערע אָפּצאָלונגען פֿאַר דער יוניאָן, האָט עס אויסגעמאַכט גאַנצע 26 דאָלאַר...).

אויפֿן טעאַטער־פּראָיעקט האָבן אָנגעהויבן אַרויפֿקומען באַדײַטנדיקע אַקטיאָרן, סײַ פֿון דער ענגלישער „עקוויטי יוניאָן‟, סײַ פֿון דער ייִדישער אַקטיאָרן־יוניאָן.

ענדלעך האָט באָריס טאָמאַשעווסקי פֿאַרגעלייענט אָסיפּ דימאָווס „דער אײַביקער וואַנדערער‟. בײַם פֿאַרטיילן די ראָלן, האָב איך באַקומען די הויפּטראָלע, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט געהאַט געשפּילט בײַ דער ערשטער אויפֿפֿירונג אין „נעשאַנאַל טעאַטער‟. די ראָלע האָב איך זייער ליב געהאַט, איך האָב זיך מיט איר פּשוט אַרומגעכאַפּט. איך האָב מער ניט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איך בין אויף דער „דאָבעליו פּי עי‟ און שפּיל אין אַ „קאָמיוניטי צענטער‟ פֿאַר אַ פּובליקום פֿון 200 מענטשן, אין אַ „געמיינדע־זאַל‟ מיט פֿרײַען אַרײַנגאַנג. דער אַפּלאָדז האָט געקלונגען אין מײַנע אויערן, ווי פֿון אַ צוויי טויזנט־קעפּיקער מאַסע אין אַ שײנעם, גרויסן טעאַטער, — מײַן אַרטיסטישע נשמה האָט געקראָגן אַ תּיקון.

עס זײַנען אָבער פֿאַרט נאָך געווען אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך געשעמט צו זײַן אויפֿן „פּראָיעקט‟. האַלי פֿלענעגען, די הויפּט־פֿאַרוואַלטערין פֿון טעאַטער־פּראָיעקטן, שרײַבט אין איר בוך „אַרענאַ‟ (ענגליש):

„ווען די ‚דאָבעליו־פּי־עי‛ איז געוואָרן אַ פֿעדעראַלער [רעגירונגס] פּראָיעקט, מען האָט געצאָלט אַקטיאָרן פֿאַר שפּילן טעאַטער, אויטאָרן פֿאַר זייערע פּיעסן און מען האָט שוין דעם טעאַטער־פּראָיעקט באַטראַכט, ווי אַ ניצלעכע רעגירונגס־אינסטיטוציע, זײַנען נאָך אַלץ געקומען אַקטיאָרן און געבעטן, אַז זייערע נעמען זאָלן ניט געשטעלט ווערן אויף דעם פּראָגראַם־צעטל. און איך האָב זיי געענטפֿערט: אויב איר שעמט

זיך צו שפּילן ביי דער רעגירונג, האָט איר ניט די ווערט צו זיין אויף דער דאָבעליו־פּי־עיי!".

סינקלעיר לואיס'עס „דאָ קאָן עס ניט געשען"

נאָך דער פּיעסע „דער אייביקער וואַנדערער" האָט טאָמאַשעווסקי רעזיגנירט פֿון יידישן טעאַטער־פּראָיעקט (מיר איז ניט באַקאַנט די אורזאַך פֿון זיין רעזיגנאַציע), און מען האָט צוגעצויגן אַלס רעזשיסאָרן יונגע, אינטעליגענטע כּוחות. אַזוי האָט מען איינגעלאַדן דעם באַוואוסטן שוישפּילער־רעזשיסער, דעם מיטרעדאַקטאָר פֿון דעם איקוף־זשורנאַל „יידישע קולטור", יעקב מעסטל, און אויך דעם אַמאָליקן „דריילינג", בלייך, סקולער און באַרזעל. אויפֿן ענגלישן טעאַטער־פּראָיעקט האָט מען איינגעלאַדן עלמער רייס אַלס דירעקטאָר, און (דעם יונג־פֿאַרשטאָר־בענעם) לעם וואָרד, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן זייער גרויסע פֿייאיקייטן ביים טעאַטער.

עלמער רייס האָט איבערגעגעבן די רעזשי פֿון סינקלעיר לואיס'עס פּיעסע „איט קענט העפּען היר" („דאָ קאָן עס ניט געשען") צו די באַוואוסטע אַקטיאָרן יהודה בלייך און צבי סקולער (דער איצטיקער „גראַם־מייסטער"). נאָך אַ פּאָר פּראָבן איז סקולער אַוועק רעזשיסירן אַן אַנדערע פּיעסע, און די רעזשי איז געבליבן אין די הענט פֿון יהודה בלייך אַליין.

סינקלעיר לואיס רופֿט אָן זיין פּיעסע „דאָ קאָן עס ניט געשען", אָבער אין דער אמתן האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז אויב מען וועט ניט אַכטונג געבן, וועט דער פֿאַשיזם־נאַציזם דאָ אין אַמעריקע יאָ געשען...

די דירעקטאָרס האָבן באַקומען אַ באַפֿעל פֿון וואַשינגטאָן, אַז מען זאָל „למען השם" אין דער פּיעסע נישט אָנרירן דעם כּבוד פֿון געוויסע אויסלענדישע פֿירער — היטלער, מוסאָליני — ניט טשעפּען קיין קאַבינעט־באַאַמטן, ניט פּריידיקן קיין אידייען... עס זיינען געקומען צו האַלי פֿלע־נעגען טעלעגראַמעס פֿון אייניקע דירעקטאָרס, אַז זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט דער פּיעסע, — זאָל מען די „געפֿערלעכע סצענעס" איבער־בייטן, צי זאָל מען זיי אינגאַנצן אַרויסוואַרפֿן? זאָל מען אַ געוויסן זאַץ יאָ זאָגן, אָדער נישט?

ענדלעך, נאָך פֿיל גערעדעריי אין דער פּרעסע און אין וואַשינגטאָן, האָט מען סינקלעיר לואיסעס פּיעסע „ איט קענט העפּען היר" אויפֿגעפֿירט, אין איין און דערזעלבער נאַכט, אין איין־און־צוואַנציק טעאַטערס, אין זיבעצן שטאַטן פֿון אַמעריקע, אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן — אַריינגערעכנט דעם יידישן טעאַטער־פּראָיעקט.

דאָס איז געווען אין דער נאַכט פֿון דעם 27טן אָקטאָבער 1936.

ווען די פֿילם־קאָמפּאַניעס האָבן געזען די פּיעסע (אויף ענגליש), האָבן זיי זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט צו מאַכן דערפֿון אַ פֿילם. די ענגלישע דירעקטאָרס פֿון פֿאַרשיידענע שטעט האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דער אַד־מיניסטראַציע אין וואַשינגטאָן און האָבן אַרויסגעוואָרפֿן די שטאַרקסטע סצענעס פֿון דער פּיעסע. פֿאַראַן דאָרט אַ סצענע, ווי אין „ווייסן הויז" האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פּרעזידענט אַ פֿאַשיסט, און ער האַלט אַ פֿאַשיס־טישע רעדע, — האָט מען די סצענע געשטראָכן. דאָס זעלבע האָט מען געטאָן מיט אַ סצענע, וואו מען זעצט אַריין אין תּפֿיסה אַ רעדאַקטאָר, אַן אַנטי־פֿאַשיסט. יהודה בלייך, מיט דער יידישער טרופּע, איז געווען דער איינציקער רעזשיסער אויף דעם טעאַטער־פּראָיעקט, וואָס האָט יאָ אויפֿ־געפֿירט די סצענע אין „ווייסן הויז" און די תּפֿיסה־סצענע. און די צוויי סצענעס האָבן טאַקע זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר די שטאַרקסטע אין דער פּיעסע.

די יידישע אויפֿפֿירונג האָט געהאַט זייער אַ גרויסן דערפֿאָלג. ווי עס דערציילט די אַקטריסע שרה קינדמאַן, וועלכע האָט געשפּילט די הויפּט־פֿרויען־ראָלע, „מערי גרינהיל", אָפּבייטנדיק זיך מיט דער אַקטריסע זשאַנעט פֿאַסקעוויטש, האָט זיך האַלי פֿלענעגען אויסגעדריקט, אַז די יידי־שע אויפֿפֿירונג איז איר געפֿעלן געוואָרן אַ סך בעסער, ווי אין אַנדערע פֿרעמד־שפּראַכיקע אויפֿפֿירונגען, און אַ סך סצענעס זיינען אַרויס בעסער און בוילעטער, ווי אין ענגליש.

איך האָב אין דער פּיעסע געשפּילט אַן אַלטן אַמעריקאַנער פֿאַרמער. מען פֿלעגט מיר שטאַרק אַפּלאָדירן, — ביי דער אָפֿענער סצענע, ווי ביי מיין אָפּגאַנג. אַ געוויסן אָוונט האָב איך אין „קאַפֿע ראָיאַל" באַגעגנט סינקלעיר לואיס. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו שפּילן דעם פֿאַרמער אין זיין פּיעסע, און דווקא אין דער שפּראַך, וואָס מיין מאַמע האָט צו מיר גערעדט, ווען איך בין נאָך געלעגן אין וויגעלע — האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט: „אויף יידיש. איך האָב ביי אייך געזען די פּיעסע. זייער גוט". אויך מיר פּערזענלעך האָט ער געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

די פּיעסע האָט אין אַלע שפּראַכן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג. מיר האָבן געשפּילט די פּיעסע אין יידיש 86 מאָל אין פֿאַרשיידענע טעאַטערס אין ניו־יאָרק, פֿאַר אַ פּובליקום פֿון 25,160 מענטשן. אַרום־און־אַרום האָבן די אַלע טרופּעס אין די פֿאַרשיידענע שטעט געשפּילט „איט קענט העפּען היר" 260 וואָכן, וואָס דאָס מאַכט אויס 5 יאָר, ווען איין טרופּע זאָל עס

שפּילן. די פּיעסע וואָלט געווען נאָך לענגער געגאַנגען, ווען ניט די פּאָליטיק פֿון די רעאַקציאָנערן אין וואַשינגטאָן.

מיט דער ראָל פֿון פֿאַרמער אין „איט קענט העפּען היר" בין איך נאָך היינט שטאָלץ, ווייל מיט דער ראָלע האָב איך זיך פֿאַרנויגט פֿאַרן פּובליקום אויף אַ צייט פֿון 6 יאָר, — און וועלכער אַקטיאָר וויל ניט, אַז מען זאָל אים אַפּלאָדירן ביי דעם „אָראָפּגאַנג פֿון דער סצענע"...

לייוויקס „סדום" און גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול"

ווען מען האָט אַרונטערגענומען „איט קענט העפּען היר", האָט אונדזער „יוניט" פֿון יידישן טעאַטער־פּראָיעקט אָנגעהויבן צו מאַכן פּראָבע פֿון לייוויקס אַנטי־פֿאַשיסטישער פּיעסע „סדום". עפּעס האָט דער נאַציזם־פֿאַשיזם באַקומען דורך „היסטריאָנישע מיטלען" גאָר אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט, — אַ גרעסערע באַרעכטיקונג פֿאַר חרוב צו ווערן. דאָ האָט שוין אַפֿילו גאָט אַליין — וועלכער זיצט אויבן און הערט אַלץ, זעט אַלץ, און שוויגט שטענדיק — ניט געקאָנט זיך באַהערשן און אַראָפּגעשיקט זיינע „הימלישע מיטאַרבעטער", די מלאָכים, זיי זאָלן איבערקערן סדום פֿאַר זיינע שלעכטע מעשים...

דריי מלאָכים־אורחים פֿיגורירן אין דער פּיעסע „סדום". איך וואָלט זיי באַצייכנט אַזוי: דעם ערשטן אורח — אַ לינקער סאָציאַליסט, דעם צווייטן — אַ צענטראַכענער ליבעראַל, און דעם דריטן מלאָך־אורח, וועלכער ווערט באַלד ביים אַראָפּקומען „איינער פֿון דער ערד", וואָלט איך באַצייכנט, ווי אַ רעכטן סאָציאַליסט.

אויף דער ראָלע פֿון דעם „ערשטן אורח" האָב איך פּראָבע געמאַכט, און איך האָב די ראָלע זייער ליב געהאַט. כ'האָב געפּיבערט בעת פּראָבע מיט מיין גאַנצער נשמה און אַלע רמ"ח אברים — דערפֿילט דעם „ערשטן מלאָך", וואָס וויל פֿאַרניכטן סדום, אַרויסרייסן מיטן וואָרצל דאָס שלעכטס פֿון מענטשן, צעשטערן די אומשטענדן, וואָס פֿירן דערצו, אַז עס זאָל עקזיסטירן סדום.

די פּיעסע האָט רעזשיסירט נחום צמח (אַ ברודער פֿון בנימין צמח, וועלכער האָט דעמאָלט אָנגעפֿירט מיט די מאַסן־סצענעס און איז אויך געווען דער כאָרעאָגראַף פֿון דעם פּראָיעקט). איך פֿלעג זיך וואונדערן אויף אונדזער רעזשיסער — איז דאָס דער נחום צמח, דער גרינדער פֿון דער „הבימה", מיט וועלכער ער האָט אַמאָל אָנגעפֿירט מיט אַזוי פֿיל ענערגיע, וועגן וועלכן בן ארי שרייבט אַזוי פֿיל אין זיין בוך „הבימה"?

איך האָב דעמאָלט ניט געוואוסט דאָס, וואָס צמח אַליין האָט אַ פּנים יאָ געוואוסט, — אַז זיינע טעג זיינען געציילטע... אַ שווער קראַנקער, איז ער באַלד דערנאָך געשטאָרבן.

„איט קענט העפּען היר" האָט מען אויפגעהערט שפּילן דורך דער פּאָליטיק פון וואַשינגטאָן. „סדום" האָט ניט דערלעבט צו קומען אויף דער בינע, — מען האָט עס חרוב געמאַכט הינטער די קוליסן...

איצט האָט מען באַשטימט אונדזער „יוניט" זאָל אַרויף מיט אַ פּיעסע „אויף דער לופט". דער „סופּערוויזער" (הויפּט־פּאַרוואַלטער) לעם וואָרד האָט איינגעלאַדן דעם דיכטער־שוישפּילער יעקב מעסטל (וועלכער האָט דעמאָלט רעזשיסירט אַ פּיעסע מיט אַ צווייטער טרופּע), ער זאָל אויפפירן מיט אונדז אַ פּיעסע פאַר דער ראַדיאָ, און מעסטל האָט געוויילט יעקב גאָרדינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול" (אין מעסטלס אייגענער באַאַר־בעטונג).

אויף דער ראָלע פון „טייוול" האָבן געמאַכט פּראָבע אויפן מיקראָפאָן אייניקע אַקטיאָרן. מען האָט אויסגעפּרואווט יעדנס שטימע אויפן מיקראָפאָן. ווען איך בין געשטאַנען פאַרן מיקראָפאָן און געמאַכט פּראָבע פאַר דער ראָלע פון „טייוול", האָב איך אײן אויג געהאַלטן אויפן קאָנטראָל־צימער, וואו ס'איז געשטאַנען דער „סופּערווייזער" לעם וואָרד מיטן רעזשיסער יעקב מעסטל, — און איך האָב געזען, ווי זיי האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיט מיר. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיין דער זוכה בגורל, און איך האָב טאַקע באַקומען די ראָלע פון „טייוול" („אוריאל מזיק") אויף דער ראַדיאָ. און דאָס מאָל האָבן מיר ניט נאָר געמאַכט פּראָבע, נאָר טאַקע געשפּילט אויך. — און מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט, — און אַזוי אויך דער גאַנצער טעאַטער־פּראָיעקט...

איך וואָלט באַגאַנגען אַן עוולה קעגן יידישן טעאַטער־פּראָיעקט, ווען איך זאָל ניט דערמאָנען, אַז אַ צווייטע טרופּע אויפן פּראָיעקט האָט גע־שפּילט קליפאָרד אָדעטס פּיעסע „וואַך אויף און זינג", וואָס האָט געהאַט אין יידיש אַ גאָר קאָלאָסאַלן דערפאָלג — און מיט דעם דערפאָלג האָט זיך דער פאַרפאַסער געטיילט מיט דעם רעזשיסער יעקב מעסטל.

איך ווער אַ שדכן

פאַרטרעטער פון דער פירמע „די געש קאָמפּאַניע" האָט מיך געהערט שפּילן אויף דער ראַדיאָ דעם „טייוול", און זיי האָבן באַשלאָסן צו ווערן מיינע „ספּאָנסאָרס" (פינאַנסירער) אויף דער ראַדיאָ. איך האָב זיך גע־

שטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט דער ענגליש־יידישער פּיעסן־שרייבערין יוליאַ בוירנס, וועלכע האָט געהאַט אַמאָל אַ סקעטש אויף דער ראַדיאָ אין ענגליש „די מערידזש ביוראָ״ (אַ שדכנים־קאַנטור), און איך האָב איר סקריפּט איבערזעצט אויף יידיש. און ווען דער בוירנס מאַטעריאַל איז אויסגעגאַנגען, האָב איך אַליין קנאַפּע צוויי יאָר געשריבן נייעם מאַטעריאַל און געשפּילט די ראָלע פֿון דעם שדכן „מאָריס שאַפּיראָ״, צוזאַמען מיט יוליאַ בוירנס אַלס מיין פֿרוי „אסתּרשי״. „די מערידזש ביוראָ״ איז אין יידיש געווען אַ גאָר גרויסער דערפֿאָלג אויף דער ראַדיאָ, און איז געגאַנגען קנאַפּע דריי יאָר. די סקעטשעס זיינען געווען אַזוי געשריבן (אַלאַ אָרסאָן וועלס), אַז מען האָט געמיינט, אַז איך בין טאַקע געוואָרן אויף אַן אמתן אַ שדכן, און פֿרויען זיינען געקומען צו מיר אין מיין פּריוואַטער וואוינונג זיך בעטן, איך זאָל זיי געבן חתנים...

אָבער צו אַלץ נעמט אַ סוף. פֿריער האָבן יידישע טעאַטער־מענעדזשערס פֿאַרמאַכט פֿאַר מיר זייערע טעאַטערס; דערנאָך האָט דער סענאַטאָר וואַנדענבערג געשלאָסן דעם טעאַטער־פּראָיעקט; און צו מיין „מערידזש ביוראָ״ איז אויך געקומען אַ סוף. ווי זאָגט שלום עליכם — „אַ מענטש רעדט אַזוי לאַנג, ביז ער הערט אויף״...

די „חבלי־לידה״ פֿון אַן אַקטיאָר

זומערן זיינען אַוועק, ווינטערס זיינען געקומען, און איך האָב געבענקט נאָך דעם „לעבעדיקן״ טעאַטער. זעקס יאָר צייט האָבן מענעדזשערס, וואָס איך האָב געהאַט אַ חלק אין זייער פֿאַרמעגן, מיך געהאַט פֿאַרגעסן. איינמאָל ברענגט מיר דער בינע־פֿאַרוואַלטער מייק ווילענסקי אַ צעטעלע פֿון מאָריס שוואַרץ, דורך וועלכן ער לאַדט מיך איין, איך זאָל פֿאָרן מיט אים אויף דער פּראָווינץ שפּילן אין שלום אַשס „קידוש השם״. איך לייען דאָס צעטעלע און רוף זיך אָן צו ווילענסקין — ענדלעך האָט זיך דער בארימטער דירעקטאָר פֿון קונסט־טעאַטער דערמאָנט אין מיר...

— יאָ, מר. יאַנג — זאָגט ווילענסקי — טעאַטער איז אַ לייטער. איינער גייט אַרויף, דער צווייטע גייט אַראָפּ. ווי טאָמאַשעווסקי האָט געזונגען אין „דודס פֿידעלע״:

„דור הולך ודור באָ —
אַלטיטשקער, גיי שלאָפֿן ליו־ליו,
מאַך פּלאַץ, ווייל יינגערע זיינען שוין דאָ,
דור הולך ודור באָ...

— אָבער מר. יאַנג — זאָגט ווילענסקי ווייטער — איר האָט איצט אַ געלעגנהייט צוריקצוקומען צו דער בינע. ווען אַן עלטערער אַקטיאָר גיט־אויף די בינע, איז עס אַ סימן פֿון עלטער־שוואַכקייט. און איר ווילט דאָך ניט זאָגן, אַז איר זייט אַלט. פֿאָלגט מיך, זאָגט זיך ניט אָפּ.

— וואָס? אָפּזאָגן זיך? האָסטו געזען, אַז אַ מאַמע זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון איר קינד? איך דענק, אַז ווען אַן אַקטיאָר, וועלכער פֿאַרמאָגט נאָך אַלע חושים און גייט אַוועק פֿון דער בינע, איז אַ דעזערטיר! גיב אַהער די ראָלע, ווילענסקי, דו וועסט זען וואָס איך קאָן מאַכן פֿון אָט די טויטע בלעטלעך.

— אָבער איר ווייסט, מר. יאַנג — זאָגט ער — אַז אין קונסט־טעאַטער שפּילט מען אָן אַ סופלּיאָר. איר מוזט די ראָלע קענען אויף אויסנ־ווייניק.

— אַזוי? אָן אַ סופלּיאָר? — לאַך איך — אָט האָסטו מיך איבערגע־שראָקן. איך האָב אַביסל גרעסערע ראָלן אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. איך האָב אַמאָל אַ ראָלע פֿון איבער דרייסיק בלעטער אויסגעלערנט איבער נאַכט. איינס־צוויי, און די ראָלע ליגט ביי מיר אין קאָפּ.

— ווי לאַנג צוריק? — קיבעצט מיך ווילענסקי.

— ווי לאַנג צוריק? מיט אַ יאָר פֿערציק צוריק — ווער איך שוין אַליין אויך אַביסל ניט זיכער.

— אַ שיינעם דאַנק אייך — שמייכלט ווילענסקי און לאָזט מיר איבער די ראָלע פֿון דעם אַטאַמאַן כמעלניצקי.

די ראָלע איז ניט קיין גרויסע, אָבער מען קאָן עפּעס מאַכן דערפֿון. און וואָס מער איך האָב די ראָלע געלייענט, אַלץ מער בין איך צופֿרידן געווען פֿון איר. איך האָב זיך שוין פֿאַרגעשטעלט דעם גרים, וואָס איך וועל מאַכן צו דער ראָלע, און שוין געהערט די אַפּלאָדיזן פֿון פּובליקום, און געזען די גוטע קריטיק. און דאָס איז דאָך פֿאַרן אַקטיאָר ווי אַלקאָהאָל פֿאַרן שיכור...

די ראָלע האָט ביי מיר אַרונטערגענומען אַ צוואַנציק יאָר. איך בין געווען גליקלעך און צופֿרידן. אַלץ איז געגאַנגען, ווי אַמאָל, אין די יונגע יאָרן — איך האָב געפֿילט, ווי דער אַקטיאָר אין מיר האָט צוריק באַקומען אַ תּיקון.

אויף מאָרגן האָב איך געמאַכט פּראָבע מיט דער ראָלע אין דער האַנט, און אַלץ איז געגאַנגען ווי געשמירט.

נאָך אַ פּאָר פּראָבן זאָגט־אָן שוואַרץ, אַז מאָרגן וועט מען מאַכן פּראָבע אָן די ראָלן, — זאָל יעדער קענען די ראָלע אויף אויסנווייניק.

איך בין געקומען אַהיים און האָב זיך געזעצט לערנען די ראָלע אויף אויסנווייניק. און דאָ איז געקומען די טראַגעדיע. איך לייען שוין די ראָלע גאַנץ גוט פֿון אינעווייניק, אָבער פֿון אויסנווייניק — קיין איינציקן זאַץ ניט. איך בין געוואָרן אַביסל אומרואיק. איך האָב נאָכאַמאָל פּרובירט — עס גייט ניט. כ׳בין שוין געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט, געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג, אָבער אומזיסט — גלייך ווי איך וואָלט די ראָלע צום ערשטן מאָל געלייענט...

די פֿריערדיקע פֿרייד, די האָפֿענונגען, דערוואַרטונגען זיינען צערונען געוואָרן. „פֿיניטאָ לאַ קאָמעדיאַ", אַ סוף איז געקומען צו דער קאָמעדיע פֿון דער בינע צוזאַמען מיט דער קאָמעדיע פֿון לעבן. איך דאַרף אַראָפּגיין פֿון דער טעאַטער־לייטער, וואו איך בין געשטאַנען איבער פֿופֿציק יאָר... די יונגע זיינען געערנט — וואָס אַלט איז ניט יונג! ווי זאָגט זיך אין „פּרקי אָבות": „ווען איינער לערנט אויף דער עלטער, איז עס, ווי מען שרייבט אויף אַלטן, אָפּגעריבענעם פּאַפּיר". איך האָב שוין בייגעוואוינט אַזאַ סצענע מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, ביי יעקב פּ. אַדלער האָט מיט מיר געשפּילט אַן אַלטער דייטשער אַקטיאָר. איינמאָל קומט ער צו פּראָבע און זאָגט צו אַדלערן:

— הער דירעקטאָר, איך גיי מיך שיסן.

— וואָס איז געשען? — פֿרעגט אים אַדלער.

און דער אַלטער אַקטיאָר ענטפֿערט אים מיט אַ געוויין:

— איך קאָן מער קיין ראָלע ניט אויסלערנען...

איך האָב באַשלאָסן, אַז איידער איך זאָל מאָרגן ביי פּראָבע פֿאַרשעמט ווערן און די קאָלעגן זאָלן אויף מיר קוקן מיט רחמנות, וועל איך בעסער שוואַרצן די ראָלע אָפּשיקן. אַ תּירוץ וועל איך שוין געפֿינען.

ווען איך האָב די ראָלע אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, זי אָפּצושיקן, האָב איך געפֿילט, ווי איך וואָלט אַריינגעלייגט אין קבר מיינעם אַ נאָענטן...

איך בין אַרונטער אין גאַס און אַריין אין „קאַפֿע ראָיאַל". אַקטיאָרן זיינען געזעסן, געוויצלט זיך, געלאַכט, אייניקע זיינען צוגעקומען מיר גראַטולירן מיטן „דזשאָב", אַנדערע האָבן מיך מקנא געווען — און דאָס האָט מיך געמאַכט פֿילן נאָך ערגער. אפֿשר פֿאַרט וואַרטן ביז מאָרגן אינדערפֿרי? איך בין דאָך געוואוינט געווען צו לערנען מיינע ראָלן גייענדיק אין גאַס. איך בין אַרויס אין גאַס, געכאַפּט אַ קוק אין דער ראָלע און געפּרואווט רעדן פֿון אויסנווייניק.

אַהיימגעקומען, האָב איך זיך געלייגט שלאָפֿן אַ מידער, אַ צעבראָ־

כּענער, איבערגעזאָגט נאָכאַמאָל די ראָלע, שוין ליגנדיק אין בעט, און בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי, האָב איך דאָס ערשטע פּראָבירט זאָגן די ראָלע אויף אויסנווייניק. און מערקווירדיק — עפּעס אַזוי ווי דער מלאך, וואָס גיט דעם מענטשן פֿאַרן געבוירן־ווערן אַ שנאָל אונטער דער נאָז, ער זאָל אַלץ פֿאַרגעסן, וואָס ער האָט געזען אין הימל, וואָלט דעם מאָל אַליין פֿאַרגעסן מיר אַ שנאָל צו טאָן — — דער קאָפּ אַרבעט נאָך ביי דיר, יאַנג! דו ביסט נאָך נישט אַלט — האָב איך ברייט אַריינגעשמייכלט צו זיך אין שפּיגל אַריין. איך האָב געוואוסט, אַז ווען מען „שלאָפֿט זיך איבער״ מיט אַ ראָלע, קריכט זי אַריין אין קאָפּ. אָבער פֿאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען אָט־די אַלטע „מכשפה״, די עלטער — אָט־דאָס האָט מיך געשראָקן...

כ׳בין ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿן צו פּראָבע. נאָך דער פּראָבע פֿון ערשטן אַקט (אָן דער ראָלע אין האַנט) זאָגט שוואַרץ מיט אַ שמייכל:

— דעם ערשטן פּריז פֿאַר קענען די ראָלע אויף אויסנווייניק באַקומט אונדזער בועז יאַנג.

די קאָלעגן האָבן אַפּלאָדירט.

ווען מיר האָבן דערנאָך געשפּילט אין שיקאַגאָ, האָט די קריטיק דערמאָנט מיין ראָלע מיט ליבע. און אַן אַקטיאָר איז אַזוי גוט, ווי ער איז אין זיינע לעצטע ראָלן — גייט אַ ווערטל צווישן אַקטיאָרן...

דזשעפֿערסאָן גאַס אין שיקאַגאָ — 1893 און 1943

דזשעפֿערסאָן סטריט אין שאַקאַגאָ איז אין יאָר 1893 געווען באַוואוינט אויסשליסלעך פֿון יידן: יידישע געשעפֿטן, יידן מיט „פּושקאַרטס״ (האַנט־וועגעלעך מיט סחורה), יידן וואָס האָבן געהאַנדלט אין דזשעפֿערסאָן סטריט, און יידענעס, וואָס האָבן זיך געקריגט אין דזשעפֿערסאָן סטריט, ווי אויפֿן מאַרק אין לעמבערג. און אויך אין יידישן טעאַטער זיינען יידן געגאַנגען אין דזשעפֿערסאָן סטריט. קורץ, דזשעפֿערסאָן סטריט איז גע־ווען אַ קאָמבינאַציע פֿון דער איצטיקער ניו־יאָרקער סעקאָנד עוועניו און אָרטשאַרד סטריט, — מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס אין דזשע־פֿערסאָן סטריט זיינען די טראָטואַרן דעמאָלט געווען געמאַכט פֿון ברע־טער, פֿון אונטער וועלכע גרויסע מייז זיינען אָפֿט אַרויס און האָבן מיט־שפּאַצירט מיט די יידן אין יידישן טעאַטער אַריין, וואָס מען האָט גערופֿן „מעטראָפּאָליטען האָל״.

שפּילנדיק דעמאָלט (1943) מיט מאָריס שוואַרץ אין „קידוש השם" אין שיקאַגאָ, האָב איך שוין געהאַלטן ביי מיין „קהלת"... האָט זיך אין מיר דערוועקט דאָס געפיל צו זען נאָכאַמאָל דזשעפערסאָן סטריט מיטן „מעטראָפּאָליטען האָל", וואו מיט 50 יאָר צוריק — ווען איך האָב נאָך געהאַלטן ביי מיין „שיר השירים" — בין איך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שוישפּילער.

קומענדיק אַהין, האָב איך מיינע אויגן ניט געגלויבט — קיין סימן פון דער אַמאָליקער באַלעבטער דזשעפערסאָן סטריט! קיין לעבעדיקן מענטשן איז ניט געווען צו זען אין גאַס. און די הייזער — אַלט, שמוציק, פאַרלאָזט, איינגעפאַלן, ווי אַלטע איינגעהויקערטע מצבות, אָפּגעריבענע, נאַקעטע, טיר און פענצטער פאַרקלאַפּט, אָפענע ערד מיט ציגל אָנגע־וואָרפן, וואָס זאָגן עדות, אַז אויף איר איז אַמאָל געשטאַנען אַ הויז. הזאת דזשעפערסאָן סטריט?... איז דאָס די גאַס, וואָס האָט אַמאָל אַזוי געברויזט מיט לעבן, וואו טויזנטער אָנגעקומענע יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, „געפּעדלט" און געחלומט פון אַרויפאַרבעטן זיך?...

איך שטיי איינער אַליין אין מיטן העלן טאָג און קוק אויף דעם העק, וואָס טראָגט נאָך דעם נאָמען פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער, וועלכער האָט געשריבן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און איז געגאַנגען מיט דעם „קאָמאָן מען", מיט די מאַסן, און איך טראַכט: איז עס אפשר סימבאָליש, וואָס די מענטשן האָבן פאַרלאָזט דזשעפערסאָנען אַזוי גיך, ווי זיי זיינען רייך געוואָרן, זיך אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן „אַלרייט־ניקעס"?...

ס'איז שטיל. ס'האָט מיך דערמאָנט אין דער שטילקייט פון די קאַמערן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואָס איך האָב באַזוכט.

ענדלעך הער איך טריט. אַן אַלטער ייד דערנעענטערט זיך צו מיר:

— וואָס זוכט איר, מיסטער?

ער קוקט אויף מיר, ווי אויף איינעם, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט, זוכט און קאָן ניט געפינען.

— וואָס איך זוך, מיין ליבער ייד, וועל איך שוין מער ניט געפינען

— ענטפער איך מיט אַ זיפץ — איך זוך מיינע פאַרלוירענע 50 יאָר... און איך פרעג ביי אים, צי ער קאָן מיר ניט זאָגן וואו איז ערגעץ „מעט־ראָפּאָליטען האָל"?

— מעטראָפּאָליטען האָל? — חזרט איבער דער ייד, גלייך עס וואָלט געווען זיינער אַן אַלטער באַקאַנטער — וואו מען האָט אַמאָל געשפּילט

יידיש טעאַטער? אַהאַ, שוין לאַנג קיין זכר ניטאָ פֿון אים! קומט, וועל איך אייך וויַיזן.

און ער פֿירט מיך צו אַ פּלאַץ, וואָס עס איז געווען אָפּגעלייגט אַלט, פֿאַרזשאַווערט אייַזן און אַנגעוואָרפֿן מיט האָלץ, שפּענער, מיסט.

— אָט דאָ אויף דעם פּלאַץ — זאָגט דער אַלטיטשקער — איז אַמאָל געשטאַנען „מעטראָפּאָליטען האָל״. איך פֿלעג זיין אַ „סטעדי קאַסטאָמער״ (אַ סטאַבילער קונה) אין יידישן טעאַטער. איך פֿלעג שטענדיק נעמען „טיקעטס״ (בילעטן) צו אַקטיאָרנס „בענעפֿיטס״, זיי געגעבן אַ פֿינפֿערל פֿאַר אַ טיקעט. ס׳האָט זיך ביי מיר ניט אָנגעזען. איך געדענק אַלע ניו־יאָרקער סטאַרס, וואָס האָבן דאָ געשפּילט: אַדלער, קעסלער, מאָגולעסקאָ, טאָמאַשעווסקי... וואו זיינען היינט פֿאַראַן אַזעלכע אַקטיאָרן? אויך מיר „עקטערס״! איך גיי טאָקע ניט. היינט, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ „פּליים״ (פּיעסן) זיי שפּילן! גראַם־שטראַם מאַך מיר אַ ליעטניק. ווען מאָריס שוואַרץ קומט צופֿאָרן, כאַפּ איך זיך נאָך אַמאָל אַריין.

און ער נעמט זיך אויספֿרעגן: — מרס. טאָמאַשעווסקי לעבט נאָך? און וואו איז די מרס. אַדלער? און וועגן נאָך אַקטיאָרן, וואָס זיינען שוין טויט אַ פּאָר צענדליק יאָר.

— איר קוקט מיר עפּעס אויך אויס צו זיין, ווי איינער פֿון זיי. האָב איך געטראָפֿן? — שמייכלט ער.

די גאַנצע צייט, וואָס דער ייד האָט גערעדט, בין איך געשטאַנען שטיל און געקוקט אויף דעם ליידיקן פּלאַץ. דעם אַלטנס רייד האָבן גע־ווירקט אויף מיר, ווי דאָס שפּילן פֿון אַ טשעלאָ ביי אַ מעלאָדראַמאַ־טישער סצענע. עס איז מיר אויפֿן זינען געקומען יענע גליקלעכע בחורישע צייט פֿון 1893, ווען איך האָב „געהאַפּט״, געשטרעבט צו אַ קאַריערע, געחלומט פֿון ליבע, פֿון חתונה האָבן. עס זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען אין מח בילדער פֿון אַן אינטערעסאַנט, שטורעמדיק טעאַטער־לעבן אין משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט — סצענעס פֿון מיין לעבן, וואָס איך זוך צו פֿאַר־געסן, און אויך אַזעלכע, וואָס גיבן מיר נאָך איצט פֿרייד, ווען איך טראַכט וועגן זיי...

דער פּלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען דאָס טעאַטער, האָט איצט אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי אַן אָפֿענער קבר, וואו עס ליגן באַגראָבענע שטרעבונגען, וואָס זיינען שוין געווען דערגרייכט און איך דאַרף זיי ניט מער... האָפֿענונגען, וואָס איך האָב שוין לאַנג אויפֿגעגעבן, חלומות, וואָס קאָנען שוין ניט מער פֿאַרווירקלעכט ווערן...

— גאַסן און הייזער פֿאַרלאָזטע זיינען אַזוי ווי עלטערן ביי קינדער

— האָט פֿילאָזאָפֿירט דער אַלטער ייִד — ווען טאַטע מאַמע ווערן אַלט, פֿאַרלאָזט מען זיי...

און איך האָב געטראַכט: דזשעפֿערסאָן סטריט האָט איצט אַ פּנים, ווי אַ פֿאַרוואָרלאָזטער, פֿאַרגעסענער אַלטער אַקטיאָר...

מען מאַכט אַ שהחינו איבער מיינע 75 יאָר

ווידער האָט מיך די בינע פֿאַרלאָזט, און ווידער האָט זיך מאָריס שוואַרץ דערמאָנט און געשיקט אַ צעטעלע מיט דעם שוישפּילער־קאָס־טיומער טענענבוים, אַז איך זאָל מיט אים פֿאָרן שפּילן אין דער פּראָווינץ בנימין רעסלערס „דריי דורות". און „די רעדער דרייען זיך, די יאָרן גייען זיך" אַלץ אין אַ שנעלערער טעמפּאָ, און איך לויף נאָך...

ווען איך האָב געזען, אַז אָט־אָט באַשטייג איך דעם 75סטן שטאַפּל פֿון מיין לעבנס־לייטער, אַז עס הויבט שוין אָן צו שווינדלען פֿאַר הויכקייט, האָב איך גענומען אַרונטערקוקן אויף צוריק, אויף די אָפּגע־גאַנגענע שטאַפּלען, און זיך געזאָגט: — איצט, מיין ליבער, איז די צייט דו זאָלסט מאַכן שבת, אַ חשבון הנפש, אַ סך הכּל פֿון דיינע 75 יאָר, כּל זמן אַלע פֿינף חושים דינען דיר נאָך...

ווי האָט די געטלעכע סאַראַ בערנהאַרדט געזאָגט (דער גרויסער חיים זשיטלאָווסקי האָט עס ליב געהאַט איבערצוחזרן): „די צרה מיט די, וואָס שרייבן די זכרונות זייערע, איז דאָס, וואָס אין דער צייט, ווען זיי שרייבן זייערע זכרונות, האָבן זיי שוין פֿאַרלוירן זייער זכרון"... האָב איך באַ־שלאָסן, אַז ס'איז שוין צייט אָנצושרייבן מיינע זכרונות, און גענומען אויפֿ־מישן אין זכרון די פֿאַרגאַנגענהייט — ווענן ליבע, שטרעבונגען, טע־טיקייט...

מיר דאַכט, אַז קיין זאַך בינדט ניט אַזוי צונויף מאַן און פֿרוי, ווי גוטע, שיינע, אָנגענעמע דערינערונגען. איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז ווען איך בין געקומען מיט מאָריס שוואַרצס טרופּע קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, בין איך דאָס ערשטע אַרויף אויפֿן באַוואוסטן „מאָנטרעאָל באַרג", וואו איך האָב מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק אָפֿט שפּאַצירט מיט קלאַראַ (הערמאַן) און מיר האָבן ביידע געמאַכט פּלענער פֿאַר אונדזער צוקונפֿט. און איצט — קלאַראַ יאַנג איז טויזנטער מיילן אַוועק, און איך, איינער אַליין, אויפֿן באַרג פֿון דערינערונגען... זיינען מיר אויפֿן זינען געקומען פּאַסירונגען, סצענעס, געפֿילן, וואָס כאָטש זיי האָבן געהאַט אויף זיך אַזוי פֿיל יאָרן, האָב איך זיי דאָך נאָכאַמאָל איבערגעלעבט. איך האָב אַפֿילו דערזען די

באַנק אין טאָראָנטער פּאַרק, אויף וועלכער איך בין געזעסן צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט, דעם 4טן יולי 1896, און געוואַרט אויפֿן אָנקומען פֿון מיין געליבטער קלאַרעשי... אויך די פֿולע לבנה האָט דעמאָלט צוגע־שיינט, ווי זי טוט עס שטענדיק פֿאַר פֿאַרליבטע — און איך האָב אין איר געזען קלאַראַס קינדיש פּנים, ווי זי זאָגט צו מיר מיט אירע גרויסע בלויע אויגן: איך קום צו דיר, בערנאַרד [בועז], איך קום צו דיר... און איצט — ווען די טרופּע איז געקומען שפּילן אין טאָראָנטאָ, בין איך אויך געגאַנגען אין פּאַרק, אָבער ווי אויף קבר אָבות... אויף מיין זיבען איז געווען בלויז די מאַמע פֿון אונדזער קינד, מיין טייערע לוסילע, בעת איך האָב באַקלאָגט מיין אויסגעגאַנגענע פֿאַרלאָשענע פֿייערדיקע ליבע...

אין אָוונט האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט פֿאַר מיינע חברים פֿון דער טרופּע, אַז אָט קומט באַלד אָן דער טאָג, ווען איך וועל דאַרפֿן אויסבייטן (אָבער ניט אויף קליין־געלט) דעם פּערטן „פֿינף־און־צוואַנציקער פֿון מיין הונדערטער", און איך האָב אין זינען צו שרייבן מיינע זכרונות „דער מאָרגן און דער אָוונט פֿון אַן אַקטיאָר".

דער פּאָעט־אַקטיאָר מאַרק שווייד האָט אויסגעפּונעץ, ווען מיין גע־בורטסטאָג פֿאַלט־אויס, און שוואַרץ מיט דער טרופּע האָבן יענעם אָוונט נאָך דער פֿאָרשטעלונג געמאַכט פֿאַר מיר אַ באַנקעטל אויף דער בינע. מען האָט ביי אַ לחיים געמאַכט אַ „שהחינו" איבער מיינע 75 יאָר און מיר גע־וואונשן נאָך לענגערע אַריכות ימים. די אַקטריסעס האָבן זיך מיט מיר צעקושט, שוואַרץ האָט מיר איבערגעגעבן די געשריבענע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן צו דער געלעגנהייט, מיט די אונטערשריפֿטן פֿון אַלע, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אויף דער בינע, און שווייד האָט מיר איבערגעגעבן אַ מתנה מיט די ווערטער:

— מיר גיבן איך אַ מתנה אַ פּאָרטפֿעל צו אייער פֿינף־און־זיבעציקסטן געבורטס־טאָג, כּדי איר זאָלט האָבן וואו צו האַלטן אייערע „זכרונות".

דאַנקנדיק שוואַרצן מיט דער טרופּע, האָב איך אין מיין רעדע גע־זאָגט: דעם פּרעזידענט רוזוועלט האָלט מען פֿאַר דעם פֿאָטער פֿון דעם „פֿאַרגעסענעם מענטש". שוואַרץ איז דער פֿאָטער פֿון דעם פֿאַרגעסענעם אַקטיאָר [עס זיינען ביי אים דעמאָלט געווען אייניקע אַקטיאָרן, וואָס אָט־אָט האָבן זיי שוין באַדאַרפֿט מאַכן שבת...]. און וועגן מיינע יאָרן וויל איך זאָגן, אַז זיי זיינען געווען ווי 75 פֿאַרשיידענע פּיעסן פֿון פֿאַשיידענע פֿאַרפֿאַסערס, קינסטלעריש און מעלאָדראַמאַטיש, אַמאָל קאָמיש, און אויך טראַגיש...

מיין „עקזיט" (אָפּגאַנג)

נאָך דער לעצטער פֿאָרשטעלונג פֿון אונדזער טור זיינען אַקטיאָרן שנעל געלאָפֿן צו דער באַן, כּדי וואָס פֿריער צו זיין אין ניו־יאָרק, — אפֿשר וואַרט אויף זיי אַ נייע פּאָר וואָכן באַשעפֿטיקונג. איך בין געבליבן איינער אַליין זיצן אין גאַרדעראָב־צימער. צו וואָס האָב איך מיך שוין צו איילן?... איך קוק אין שפּיגל צו זען, צי דער ציפֿער „75" האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אויף מיין פּנים, און איך טראַכט וועגן די ווערטער, וואָס איך, דער „גבאי־חסיד", האָב מיט אַ שעה צוריק געזאָגט צו מאָריס שוואַרץ, דעם „רבין" אויף דער בינע —: ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען... ווען דער פֿאָרהאַנג דאַרף פֿאַלן, גיט דער בינע־פֿאַרוואַלטער אַ קלונג, אָבער דער פֿאָרהאַנג לאָזט זיך נישט אַראָפּ ביים ערשטן קלונג. דאָס איז בלויז אַ סיגנאַל, אַ וואָרנונג, מען זאָל זיין גרייט, אַז דער פֿאָרהאַנג דאַרף באַלד פֿאַלן. איז נישט דער היינטיקער אָוונט געווען דער ערשטער סיגנאַל פֿאַר מיר? אפֿשר מיין לעצטע ראָלע?...

עס איז נישט וויכטיק וואָס דער פֿאָרהאַנג גייט אַרויף און אַראָפּ, און אויך נישט די ראָלע, וואָס מען האָט געשפּילט. וויכטיק איז די גאַנצע פּיע־סע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין דער צווישן־צייט. האָב איך באַ־שלאָסן טאַקע מאָרגן זיך אָוועקזעצן און אָנשרייבן אַ קאָפּיע פֿון מיין „פּיע־סע", וואָס איך האָב שוין אָפּגעשפּילט...

איך האָב זיך אָנגעטאָן, איינגעפּאַקט אַלע מיינע בינע־זאַכן מיטן שמינק, און בין אַראָפּ מיטן פּעקל אין האַנט און מיט די 75 יאָר מיינע אויף דער פּלייצע... די בינע איז געווען פּוסט, שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן דעם קרעכץ, וואָס איז אַרויס פֿון דער טיפֿעניש פֿון מיין האַרץ — — איז דאָס די אייגענע בינע, וואָס ס'האָט ערשט מיט אַ שעה צוריק אַזוי געקאָכט אויף איר, וואו מען האָט געשריגן, געליאַרעמט, געלאַכט און גע־וויינט? איצט איז דאָ אַלץ שאַ־שטיל, ווי דאָס לעבן אויף איר וואָלט גאָר קיינמאָל נישט עקזיסטירט...

די נאַקעטע בינע איז מיר יענע נאַכט געוואָרן נאָך ליבער, נאָך טייערער, היילִיקער. יעדעס שטיקל רעקוויזיט האָט אין מיינע אויגן אויס־געזען, ווי אַ רעליקוויע. עס האָט זיך מיר געדאַכט, ווי די טויטע דעקאָ־ראַציע קוקט אויף מיר און וויל זיך מיט מיר געזעגענען. האָב איך יעדעס פּיצל אָנגערירט מיט דער האַנט, און כ'האָב דערביי געהאַט דאָס געפֿיל, ווי אַן ערלעכער ייִד, וואָס קושט די מזוזה... די ברעטער פֿון דער בינע זיינען פֿאַר מיר שטענדיק געווען אַ הייליקטום, אָבער אין יענער נאַכט

איז עס געווען מיין לעצטער גאַנג אויף איר... ווען איך בין פאַרבייגע־גאַנגען דעם „סוויטשבאָרד״ (דער עלעקטרישער אַפּאַראַט פאַר ליכט), האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און געטראַכט וועגן דעם ליכט, וואָס איז אויף מיר אָפּט געפאַלן. עס איז מיר אַרויף אויפן זינען די סצענע פון גאָרדינס „יידישן קעניג ליר״, ווען ער פאַרלאָזט דאָס הויז פון די נייע באַלעבאַטים, זיינע קינדער, וועלכע ער האָט דערצויגן. און איצט — אַלט, צעבראָכן, איינגעהויקערט, זיצט ער איינער אַליין... אָבער מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ שטעל־אויף אין זיין מאַיעסטעטישער געשטאַלט, דאָס ליכט הויבט־אָן שיינען אויף אים, און „דוד משהלעס״ שרייט־אויס: „מאַכט פּלאַץ פאַר דעם אַלטן קעניג, פאַר דעם נייעם בעטלער!״

ווען איך בין צוגעקומען צום ברענענדיקן לעמפּל ביי דער טיר, צו אַט־דעם רויטן „נר תּמיד״, האָב איך דערזען פאַר מיר דאָס וואָרט „עקזיט״ — „אָפּגאַנג״...

עפּילאָג

אייגנטלעך האָט אַט־דער עפּילאָג באַדאַרפט זיין דער פּראָלאָג צו מיינע מעמואַרן. אָבער אַזוי ווי דער עפּילאָגביים מענטשן איז דער אָנהויב פון זיין מאָרגן, וויל איך ביים סוף שטעלן דעם אָנהויב.

ס׳איז גוט צו שרייבן, ווען מען האָט וואָס צו זאָגן, און מען ווייסט, ווי אַזוי עס צו זאָגן. פאַראַן מעמואַרן־שרייבער, וואָס ווייסן ווי אַזוי צו דערציילן, אָבער זיי האָבן ניט וואָס צו דערציילן. איך האָב גראָד יאָ געהאַט וואָס צו דערציילן — נאָר דער „ווי אַזוי״!... איך האָב זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער אויפגאַבע, וואָס איך האָב זיך געשטעלט.

אין אַ שיינער זומער־נאַכט האָב איך גענומען אַ שפּאַציר צום סענטראַל פּאַרק, און האָב אָנגעהויבן קלערן, טראַכטן, נישטערן אין מיין פאַרגאַנגענ־הייט, וואַנדערן אין מיינע געדאַנקען אויף צוריק, ווי אין אַ חלום, אָבער — ווי זעלטן געדענקט זיך אַ חלום אויף קלאָר... אַלץ, וואָס איז געקומען אין קאָפּ אַריין, איז געווען אָן אַ סדר, אויסגעמישט, ווי אין אַ ווירוואַר. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי. ניין — האָב איך געזאָגט — דאָס איז ניט פאַר מיין אַלטן קאָפּ, ניט פאַר מיינע שרייבערישע כּוחות...

איך בין באמת געווען באַזאָרגט. כ׳האָב שוין געהאַט באַקאַנט געמאַכט, אַז איך גיי שרייבן מיינע זכרונות. חברים האָבן שוין געקויפט פאַר מיר אַ פּאָרטפעל, וואו זיי צו האַלטן. און איצט — נאַ דיר!... זאָל איך עס אויפ־געבן? איך בין געווען פאַרצווייפלט, מיד, אויסגעמאַטערט. איך האָב זיך

אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייטיקן וועג. און מיטאַמאָל האָבן טיר און פֿענצטער זיך געעפֿנט, און עס האָבן גענומען אַריינשטראָמען אין מיין מח מענטשן מיט מאַסקעס אויפֿן פּנים, פֿאַרשיידענע טיפּן, פֿון פֿאַרשיידענע ראַסן, מיט באַזונדערע באַשעפֿטיקונגען, און אויך אַקטיאָרן, — יונגע, אַלטע, ערשט־קלאַסיקע און דריט־קלאַסיקע, טויטע און נאָך לעבעדיקע. די מאַסקעס האָב איך דערקענט: אָט די מאַסקע האָב איך געשפּילט מיט אַ פֿופֿצן יאָר צוריק אין בוענאָס איירעס, די צווייטע — מיט דרייסיק יאָר צוריק אין רומעניע, יענע — אין „טהאַליאַ" און „סעקאָנד עוועניו" טעאַטערס מיט פֿערציק יאָר צוריק, אַן אַנדערע — אין „פּיפּעלס"־טעאַטער מיט פֿופֿציק יאָר צוריק; און יענע יונגע מאַסקע, וואָס שטייט אין אַ ווינקל און קעמט זיך די שיינע בלאָנדע האָר, האָב איך געשפּילט מיט אַ זעכציק יאָר צוריק און זיך אַפֿילו ניט גרימירט פֿאַר איר... ווי בינען זיינען זיי אַלע מיך באַפֿאַלן, און ווי האָניק־זיס זיינען זייערע רייד געווען פֿאַר מיר...

יעדע פֿון די מאַסקעס האָט געהאַט אַן עפּיזאָד, אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג צו דערציילן... און אַלע האָבן פֿאַרלאַנגט, איך זאָל שרייבן וועגן זיי — —

— אַוודאי וועל איך שרייבן, טייערע מאַסקעס מיינע — איר זייט דאָך מיינע קינדער! אמת, ניט אַלע זיינען געווען געראָטענע. אָבער זיי האָבן דאָך אויך, און אפֿשר נאָך מער, מיין מח געזויגן...

דריט־קלאַסיקע טויטע אַקטיאָרן האָבן זיך געבעטן: — ביים לעבן האָט קיינער אונדז נישט דערמאָנט; זיי דו דער איינציקער, וואָס זאָל אונדז כאָטש דערמאָנען נאָכן טויט...

ווען די „דריי קעניגע" — אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי — האָבן פֿאַרבייגעשוועבט מיין מח, איז אויפֿן זכרון געקומען די פֿאַרגאַנגענע גאָלדענע עפּאָכע פֿון יידישן טעאַטער, אין וועלכער איך האָב אַנטייל גענומען. און צולעצט האָב איך געזען מיין מאַמען די צדקת: — בועז, מיין קינד — האָט זי מיט מאַמע־ציטער געזאָגט — אין גן־עדן האָב איך געפּילט דיין צער, דיין פֿאַרצווייפֿלונג. איך וועל דיך, מיין קינד, צוריק אַרויפֿפֿירן אויף דעם גרויסן לאַנגן וועג, אויף וועלכן דו ביסט געגאַנגען אַכציק יאָר. געדענקסטו, מיין קינד, ווען מיין מאַן, דיין טאַטע, האָט מיך גערופֿן צום רב אויף אַ דין־תּורה איבער אַ חלק עולם־הבא?

— יאָ, מאַמעשי, איך געדענק.

— פֿון אָט דעם דין־תּורה זאָלסטו אָנהויבן שרייבן דיינע מעמואַרן, און די עלטער, מיין קינד, וועט ניט פֿאַרשעמען דיין יוגנט.

איך האָב אָפּנים געהאַט איינגעדרימלט, וואָרים איך האָב מיטאַמאָל געפּילט, ווי מען שטורקעט מיך, און אַ פּאַליסמאַן האָט געזאָגט: — גיי אַהיים, אַלטער, עס איז שפּעט...

ווען איך בין אַהיימגעקומען, בין איך געווען ווי אין אַ טראַנס. בילדער האָבן זיך געבומען וועבן פאַר מיינע אויגן, געשעענישן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, און אַלץ איז געווען אַזוי קלאָר פאַר מיר... וואָס ווייטער די צייט, אַלץ נעענטער זיינען כוואַליעס זכרונות געקומען צום ברעג...

פּיבעריש האָב איך אָנגעשריבן דעם „דין תורה" צווישן מיין טאַטן מיט מיין מאַמען. איך בין אַרונטער אין גאַס מיטן מאַנוסקריפּט, געזוכט אימיצן, איך זאָל פאַר אים פאָרלייענען. דעם ערשטן האָב איך באַגעגנט דעם אַמאָליקן „קעניג" פון „די שנאָרערס" (אַ ליטעראַרישע חברה מיט אַט־דעם אויסטערלישן נאָמען), מיין פריינט מאיר, — די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, דער ריטער פון יידיש. אים האָב איך עס געגעבן איבערצולייענען, און ער האָט מיר געגעבן קוראַזש, איך זאָל אָנגיין ווייטער מיט דער אַרבעט.

אָנגעשריבן אַ פערציק קאַפּיטלעך, האָב איך זיך געלאָזט גיין צום דעמאָלדיקן רעדאַקטאָר פון „טאָג", וויליאַם עדלין. ווען איך בין פאַרביי־געגאַנגען בידערמאַנס ביכער־געשעפט, האָב איך געטראַכט: — וועל איך אַמאָל אויך זוכה זיין צו זען „מיין לעבן אין יידישן טעאַטער" שטיין צוזאַמען מיט די אַלע ספרים? וועט דער רעדאַקטאָר געפינען מיינע זכרונות פאַר אינטערעסאַנט גענוג, ער זאָל זיי דרוקן?...

אַ הייליקער ציטער, אַ יראת־הכבוד, ווי אין אַ היכל, האָט מיך אַרומגענומען, ווען איך בין אַריין אין רעדאַקציע... דער רעדאַקטאָר, וויליאַם עדלין, האָט מיט זיינע אידעלע ווערטער מיך געמאַכט פילן ווי אַ פריינט, און איך האָב זיך באַרואיקט. עדלין האָט מיר געהייסן קומען די צווייטע וואָך.

ווען איך בין געקומען אַ וואָך שפּעטער, זאָגט מיר עדלין: — איך האָב געלייענט אייער „שטעטל נאָווידוואָר", און עס געפעלט מיר. אָבער מ'דאַרף לייענען ווייטער. שרייבט.

זיין וואָרט „שרייבט" איז געווען שפּייז פאַר מיינע האָפענונגען און פאַר מיין געדולד. און ענדלעך, אין פרילינג 1946, ווען די ערשטע זון איז אַרויס און האָט מיט אירע שטראַלן געוואַרעמט אַלץ, וואָס לעבט, איז אויך אַרויס געדרוקט אין „טאָג" דאָס ערשטע קאַפּיטל פון מיין לעבן אין יידישן טעאַטער, וואָס האָט געוואַרעמט די נשמה פון אַן אַלטן יידישן אַקטיאָר...

אַ פּאָר ווערטער צו מיינע קאָלעגן אַקטיאָרן

צום שלוס וויל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו מיינע קאָלעגן שויספּילער. ווי האָט געזאָגט דער ענגלישער אַקטיאָר דזשאָרדזש אָרלי: — וואָס פאַרא נוצן האָט עס, צו לעבן אַזוי לאַנג און צו האָבן דערפאַרונג, און נישט קאָנען גיבן אַן עצה מיינע קאָלעגן אַקטיאָרן?...

וועגן דעם איצטיקן מצב פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע וואָלט איך זיך געקאָנט דערגרונטעוווען צום סאַמע וואָרצל. אָבער מען לעבט דאָך ניט אין אַ מדבר, — האָב איך טאַקע ניט דעם מוט... איך גלויב אָבער, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וואָלט אויך דאָס יידישע טעאַטער זיך ווידער צעבליט. נאָר דערוויל הערט, וואָס אַן אַלטער, אויסגעדינטער דערפאַרענער אַקטיאָר זאָגט אייך:

זייט זיך ניט מיאש. יאוש ברענגט אומקום. און די טרערן אויפן יידישן טעאַטער פון מאָרגן, — באַהאַלט פאַר מאָרגן! אַנטלויפט ניט, זייט ניט קיין דעזערטירער. די יידישע קולטור איז גאַנץ ווייט פון אומקום. איצט, ווען די „האַרענטע״, העברייאיש, איז געוואָרן די הערשערין, קאָן זי זיך דערלויבן די „שפחה״, יידיש, צו באַפרייען. יידיש טעאַטער וואָרט אויף זיין ווידערגעבורט. מיטל־יעריקער אַקטיאָר, דו קאָנסט איצט ווערן זיין ווידער־באַלעבער, ווייל די יוגנט איז דער שקלאַף פון חלומות, די עלטער — דער קנעכט פון חרטות, — אָבער דו האָסט ביידע: דערפאַרונג און צוקונפט. און ווען דו וועסט קומען אויף די עלטערע יאָרן און מען וועט זאָגן צו דיר: דו ביסט צו אַלט — פייף אויף דעם! אַזוי לאַנג ווי דער אַרטיסטישער פונק איז אין אַקטיאָר נישט אינגאַנצן פאַרלאָשן, איז ער נישט אַלט. וואַרף ניט אַלץ אַרויף אויף דער אַרעמער־רייכער עלטער. און פילסטו פיזיש שוואַך, — די פיס, די הענט זאָגן זיך אָפּ צו זיין אַזוי עלאַסטיש ווי אַמאָל, — זאָלסטו טאָן, וואָס איזידאָרא דאָנקאַן האָט געהייסן: — ווען דו גייסט אַריין אין גאַרדעראָב־צימער, שטעל אַריין אין דיין נשמה אַ מאָטאָר, און דער קערפּער וועט אַרבעטן אומבאַוואוסטערהייט.

און לאָזט מיך פאַר אייך זיך מתודה זיין, ברידער אַקטיאָרן: אמת, די בינע האָט מיר געגעבן אַ סך צרות און זאָרג, און דאָס טעאַטער־לעבן האָט מיר פאַרשאַפט פיל, פיל ליידן. דאָך זאָג איך איצט, שטייענדיק ביים ראַנד פון סוף: ווען איך וואָלט באַדאַרפט נאָכאַמאָל געבוירן ווערן, וואָלט איך געבעטן, אַז מיין נשמה זאָל אויסקלייבן דעם זעלביקן גורל — טעאַטער!...

איך דאַנק דעם גורל, און איך קוש די האַנט, וואָס האָט מיך געפֿירט אויף דעם שווערן דאָרנדיקן בלומען־וועג — וואָס איז געווען מײַן „בראַשית" און מײַן „סוף פּסוק".

פֿאַרזעצונג אין צוואַנציק יאָר אַרום

דאָס טרויעריקסטע און לעצטע קאַפּיטל פֿון מײַן לעבן

איך האָב אָפּגעשלאָסן מײַנע זכרונות אין אַן אָפּטימיסטישער שטימונג, מיט אַ וויציקער באַמערקונג: „פֿאַרזעצונג אין צוואַנציק יאָר אַרום" — — איצט מוז איך עס — צו מײַן גרויסן ווייטיק — צוריק עפֿענען, צו שרײַבן דאָס לעצטע, טרויעריקסטע קאַפּיטל פֿון מײַן לעבן... דאָס קאַפּיטל איז אויך מײַן לעצטער וועג... איך האָב שוין אָפּגעשפּילט אַלע אַקטן פֿון לעבן און האָב ניט מער וואוהין צו גיין.

*

„פּאַפּאַ, גיי אַהיים און שרײַב דײַנע איבערלעבונגען בעת איך בין געלעגן אין שפּיטאָל". — אַט־די ווערטער האָט מײַן קינד צו מיר געזאָגט דרײַ טעג פֿאַר איר טויט, און איך וועל פּרובירן איר פֿאַרלאַנג צו דערפֿילן.

אָפּשטעלנדיק ד"ר פּייגין פֿון „סעינט קלעיר האָספּיטאַל", האָב איך צו אים מיט טרערן געזאָגט:

— דאָקטאָר, איך טראָג אויף מײַנע אַקסלען אַ סך שווערע יאָרן, וואָס האָבן מיר שטאַרקע קלעפּ געגעבן, וועלן פֿון נאָך איין קלאַפּ מײַנע אַקסלען זיך נישט בויגן. איך פֿאַרשטיי, אַז דאָס איז מער, ווי מ'וויל מיר אײַנרעדן — „אַרטרײַטיס". די אומגעוויסהייט, דאָס שטענדיקע צווייפֿלען איז טויזנט מאָל ערגער, ווי דער אמת. ווי ביטער דער נאַקעטער אמת זאָל ניט זײַן, — זאָגט מיר: וואָס איז מיט מײַן טאָכטער?

ד"ר פּייגין, אַ שלאַנקער מאַן מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפֿן פּנים, וואָס ער האַלט עס פֿאַר די פּאַציענטן אין שפּיטאָל, ווי אַ מידיצין, האָט געשוויגן אַ ווײַלע. ענדלעך איז דער שמייכל אַראָפּ פֿון זײַן פּנים און ער האָט טרויעריק אַ זאָג געטאָן: „דהער איז נאָו האָופּ" (עס איז נישטאָ קיין האָפֿענונג), און אָנטוענדיק צוריק דעם שמייכל אויפֿן פּנים, איז ער אַריין צו אַ צווייטן פּאַציענט...

מער האָט זיך קיין טרער ניט באַוויזן אין מײַן אויג, כ'האָב מער קיין צער ניט געפֿילט — איך בין אַראָפּ אין גאַס און געוואַנדערט...

ווען דער מאַן פֿון מיין קינד, טשעסטער עלען געש, איז מיר אַנט־קעגן געקומען, האָב איך, היסטעריש, קוים געקאָנט אויסשרייען:

— איך ווייס שוין! איך ווייס שוין!...

און טשעסטער האָט איצט פֿאַר מיר אַנטפּלעקט דאָס גרויזאַמע וואָרט, וואָס איך האָב מורא געהאָט אויף מיינע ליפּן צו ברענגען, וואָס ער און הונדערטער פּריינט האָבן פֿאַר מיר אויסבאַהאַלטן קנאַפּע צוויי יאָר — „קענסער", אַ ראַק...

ווען קלאַראַ האָט מיט ציטערדיקער פֿרייד מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זי טראָגט אַ לעבעדיק נפֿשל אונטער איר האַרץ, איז מיין ליבע צו איר דערגאַנגען ביז די הימלען — איך האָב געקושט אין מיינע געדאַנקען דאָס נאָך ניט־געבוירענע קינד. מיר האָבן יענע נאַכט געשפּילט די פּיעסע „קאַפּיטאַן דרייפֿוס", און איך האָב געזאָגט צו קלאַראַן:

— וועסטו מיר געבן אַ יינגל, וועל איך עס אַ נאָמען געבן „אַלפֿרעד"; אויב אַ מיידל, וועט זי הייסן „לוסי", — דער נאָמען פֿון קאַפּיטאַן אַל־פֿרעד דרייפֿוס' איבערגעגעבענער פֿרוי, וועלכע האָט ניט גערוט, ביז זי האָט באַפֿרייט איר אומשולדיקן מאַן.

און אַזוי האָט אונדזער מיידעלע באַקומען דעם נאָמען לוסי. אויפֿן זכרון שווימען אַרויף אירע קינדערישע שפּילערייען, חכמהלעך, פֿאַס־טעמפּקעס, וואָס ווען איך שרייב וועגן זיי, ברענגען זיי מיר קינדערישע פֿרייד, געמישט מיט צער — אָבער אַ טרייסט...

זי האָט פֿאַרמאָגט צוויי איינגעבוירענע אייגנשאַפֿטן: פֿון איר מוטער קלאַראַ יאַנג האָט זי געירשנט אינטעליגענץ, און פֿון מיין מאַמען — די מידה צו העלפֿן אָרעמע דורך מתן בסתר. זי איז פֿון קינדווייז אָן געווען אָפֿנהאַרציק, קיינמאָל ניט געזאָגט קיין ליגן. צופֿעליק האָב איך איר אַמאָל געזאָגט, אַז צוליב שלום־בית מעג מען אַמאָל יאָ זאָגן אַ ליגן. איינמאָל האָט די מוטער זי געשיקט אין אַקטיאָרן־קלוב, זי זאָל מיך אַהיימרופֿן. אין קלוב האָט זי מיך געטראָפֿן שפּילן אין קאָרטן. ווען איך בין אַהיימגעקומען, זאָגט צו מיר קלאַראַ:

— האָסט ניט געהאַט צייט אַהיימצוקומען; אַוודאי געווען פֿאַר־נומען מיט די קאָרטן.

— וואָס קאָרטן, ווען קאָרטן? — מאַך איך מיך תּמעוואַטע — טאָ־מאַשעווסקי מיט עדעלשטיינען זיינען געווען אין קלוב, האָט מיר ניט געפּאַסט אַוועקצוגיין.

— פּאַפּאַ — רופֿט זיך אָן מיין קינד — שלום בית?...

אַזוי געדענק איך אויך אירס אַ חכמהלע.

איינמאָל האָט דער אַרויסגעבער פֿון דער אַמאַליקער „וואַרהייט", מר. שמוקלער, זי געפֿרעגט:

— ווען אַ קעז־סענדוויטש נעמט אויפֿצועסן דריי מינוט, וויפֿל וועט נעמען אויפֿצועסן אַ „טשיקן (הון)־סענדוויטש"?...

האָט דאָס קינד אים באַלד געענטפֿערט:

— צוויי מינוט.

— פֿאַרוואָס? — פֿרעגט שמוקלער

— ווייל עס איז בעסער, עסט מען עס געשווינדער.

צו דריי יאָר האָט לוסי אָנגעהויבן צו לערנען שפּילן פּיאַנע. זי איז אויך געגאַנגען אין אַ טאַנץ־שולע. שפּעטער האָט זי געלערנט טאַנצן אין פּעטער־בורג, ביי מאָרדקין, און געלערנט זינגען ביי אַ מוזיק־לערער. נאָך אַלס קינד איז זי אויפֿגעטראָטן אויף קאָנצערטן פֿאַר וואוילטעטיקע צוועקן.

אַ געוויסן סעזאָן, אין „פּיפּעלס"־טעאַטער, האָבן מיר געהאַט אַ בע־נעפֿיט. איך בין דעמאָלט אויפֿגעטראָטן אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" און קלאַראַ אַלס מיין ייִנגסטע טאָכטער „טייבעלע". ווען איך „מוטער", חנה לאה, האָט גערופֿן: „טייבעלע, טייבעלע, קום אַריין, זע נאָר וואָס פֿאַר אַ טייערן פּורים־קוילעטש איך האָב געמאַכט" — און קלאַראַ אַלס „טייבעלע", איז אויפֿגעטראָטן, האָבן קלאַראַס זלאַטשעווער לאַנדס־לייט אַרויפֿגעלאָזט אויף דער בינע צוויי טייבעלעך. איין טייבעלע האָט זיך גראָד געשטעלט אויף קלאַראַס קאָפּ. דער עפֿעקט איז געווען אויסער־געוויינטלעך. איך האָב די צוויי טייבעלעך אַהיימגענומען, און מיין קינד האָט זיי געגעבן עסן און טרינקען, און בכלל מיט זיי זיך באַגאַנגען, ווי אַ מאַמע. זי איז זייער צוגעוואוינט געוואָרן צו די טייבעלעך. אָבער ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען מיין שוויגער האָט געלאָזט שעכטן די טייבעלעך און עס צוגעגרייט פֿאַר אַ מאָלצייט. ווען מיין קינד האָט געפֿרעגט אויף די טייבעלעך, האָט די באָבע איר געזאָגט, אַז די טייבעלעך זיינען אַרויס־געפֿלויגן דורכן פֿענצטער. דאָס קינד האָט זיך זייער געערגערט, אָבער זי האָט אין דעם פֿאַרגעסן. אָבער ווען זי האָט אויסגעפֿונען, אַז די באָבע האָט זיי געלאָזט שעכטן, און זי אַליין האָט זיי געגעסן, האָט דאָס קינד ניט געקאָנט קומען צו זיך פֿאַר צער... מיט דער באָבען איז זי ברוגז געוואָרן און ניט געוואָלט פֿאַרזוכן קיין פֿלייש אַ שטיק צייט.

ווען מען האָט אויפֿגעפֿירט אין „פּיפּעלס"־טעאַטער גאָלדפֿאַדענס „בן עמי", האָט קלאַראַ איינגעשטודירט מיט לוסין גאָלדפֿאַדענס ליד „דאָס טייבעלע", וועלכעס זי האָט געזונגען ביי אַ ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג.

ביי די ווערטער „מען פּליקט, מען רייסט אירע פּעדערן און מען פּיקט אויס דעם טייבעלע די אויגן" (אַן אַלעגאָריע אויפֿן יידישן פֿאָלק), האָט דאָס קינד שטאַרק זיך צעוויינט— געזונגען און געוויינט... דאָס פּובליקום האָט שטאַרק אַפּלאָדירט. ווען לוסי איז, אַ וויינענדיקע, אַראָפּ פֿון דער סצענע, און קלאַראַ האָט זי געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי וויינט, האָט זי געענט־פֿערט:

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי די באָבע האָט געשאָכטן מיינע צוויי טייבעלעך...

דאָך האָב איך זי קיינמאָל ניט אויסגענוצט פֿאַר דער פּראָפֿעסיאָנעלער בינע. מען האָט מיך אַמאָל געפֿרעגט, צי מיין טאָכטער איז אַן אַקטריסע, האָב איך געענטפֿערט:

מיין פֿרוי האָב איך געגעבן דעם פּובליקום, מיין קינד וויל איך האַלטן פֿאַר זיך...

לוסילע איז געווען אויך אַ „שטאָלצע" פֿון קינדוויז אָן. ווען איך בין אַמאָל אַהיימגעקומען פֿון פּראָבע אַ זייער אויפֿגערעגטער — איך האָב געהאַט אַ שטיקל צוזאַמענשטויס מיט דזשייקאָב פּ. אַדלער — און דאָס קינד האָט עפּעס צעבראָכן, האָב איך איר געגעבן אַ קלאַפּ איבערן הענטל. דאָס קינד האָט זיך שטאַרק צעוויינט. די מוטער האָט זי גענומען אויף די הענט (זי איז דעמאָלט נאָך קיין צוויי יאָר ניט אַלט געווען) און זאָגט צו איר: גיב אַ קוש דעם פּאַפּאַ. איך האָב געוואַרט אויפֿן קוש. דאָס קינד האָט אויסגעשטרעקט אירע ליפּעלעך, אָבער ווי נאָר זי האָט דערנעענטערט צו מיר איר מיילעכל, האָט זי אַרויסגעשטאַמלט: — קאָן ניט!... און זיך אַוועקגעקערט פֿון מיר... דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק און איך האָב זי שוין מער קיינמאָל מיט אַ פֿינגער ניט באַרירט. איצט וועלן שוין אירע ליפּן מיך קיינמאָל מער ניט באַרירן...

זי האָט גערעדט, געלייענט און געשריבן אין אַכט שפּראַכן, צווישן זיי יידיש און אויך אַביסל העברייאיש. אַזוי איז דוד פֿרישמאַן, וועלכער האָט זי זייער ליב געהאַט, געווען שטאַרק איבערראַשט. ווען ער האָט זי אַמאָל, אין אָדעס, געפֿרעגט, צי זי פֿאַרשטייט דעם טייטש פֿון „תוהו ובוהו" (מיר האָבן דעמאָלט גערעדט וועגן זיין בוך מיט דעם נאָמען):

— אַוודאי ווייס איך — האָט זי אים געענטפֿערט — והארץ היתה תּוהו ובוהו...

אין אָדעס האָט פֿרישמאַן זייער ליב געהאַט מיט איר צו שפּאַצירן און דערקלערן איר פֿאַרשיידענע זאַכן, „רעטענישן" פֿון לעבן, וואָס זיינען

נאָך געווען פֿאַרהוילן פֿאַר איר יונג קעפּעלע. דאָס האָט געהאַט אַ וויר־קונג אויף איר ווייטערדיקן לעבן...

אַזוי האָט מיין קינד, וואַנדערנדיק מיט טאַטע־מאַמע, און אויס־וואַקסנדיק אָפּט אָן טאַטע־מאַמע, געענדיקט אַ קאַמערץ־שולע אין פּאַריז, געאַרבעט ביי פֿאַרשיידענע קאָנסולאַטן אין איראָפּע, געקומען קיין אַמע־ריקע, חתונה געהאַט, געלעבט גליקלעך מיט איר מאַן, געווען די אָנפֿי־רערין אין פֿאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, געווען פּרעזידענטין פֿון קעמפּ „סאַסעק", און, ווי איך האָב געהערט, האָבן אַ סך געמאַכט ביי־טראָגן אויף איר נאָמען פֿאַרן קעמפּ (פֿרייע בעטן אויף אויסצוהאַלטן יעדן זומער קינדער). זי איז אויך געווען דירעקטאָר פֿון ראַדיאָ־פּראָ־גראַמען, און ווען דער מאַן איז אַוועק אין דער אַרמיי, האָט זי געאַרבעט אין פֿאַרשיידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס אין וואַשינגטאָן.

איז דער טאַטע געווען גליקלעך, זיך געשפּיגלט אין זיין קינד, ביז... אין יוני 1947, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, ביי דער „פּעשאַן שאָו", וואו איר מאַן, טשעסטער עלען געש, איז געווען דער דירעקטאָר און „פּראָדיוסער", איז זי איינגעפֿאַלן. און ווען דער פֿריינט פֿון מיין איידעם און טאָקטער, דער באַרימטער ד״ר גרעגאָרי שוואַרצמאַן האָט אין סעפּטעמבער געהייסן זי נעמען אין „מאָונט סיני האָספּיטאַל" און דאָקטוירים־פּראָפֿעסאָרן האָבן זי אונטערזוכט, זיינען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז זי ליידט פֿון „מאַטאַסטאַטיק קענסער" און „איר געגעבן צו לעבן" — צוויי חדשים...

ווען איך בין אויפֿן צווייטן טאָג אַריינגעקומען אין איר שפּיטאָל־צימער, האָט זי אַ גליקלעכע צו מיר געזאָגט:

— זיי האָבן אַלץ אין מיר אונטערזוכט, און גאָרניט געפֿונען.

די פֿרייד אירע האָט פֿאַריאָגט אַלע מיינע פֿינצטערע וואָלקנס, און איך בין געווען נאָך זיכערער, אַז עס איז „אַרטראַיטיס". אין שפּיטאָל פֿלעגט זי שוין גיין אָן אַ שטעקן, און איך האָב געדענקט, אַז זי איז שוין כמעט אויסגעהיילט. די פֿרייד מיינע, ווען איך האָב דאָס געזען!... איך האָב נישט געוואוסט, אַז ווען דאָס חולאַת קומט באַפֿאַלן אַ מענטשן, באַהאַלט עס זיך אין אים חדשים, אָפֿטמאָל יאָרן, און באַוויזט זיך ערשט אין זיין נאָקעטקייט, ווען עס האָט שוין אַלע אברים צעשטערט. דער מחבל שפּילט זיך מיט דעם מענטשן, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, — אָט לאָזט עס אים אָפּ און דער מענטש שפּאַצירט זיך גאַנץ רואיק, און באַלד באַפֿאַלט ער אים ווידער.

זי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פֿלאָרידע, אָבער דער „קענסער" איז איר נאָכגעפֿאָרן... פֿיר וואָכן האָט ער זי דאָרט געלאָזט אָפּרוען...

אַדאַנק מרס. און מר. לעאָנידאָוו, דער פּראָדיוסער פֿון ראַדיאָ סיטי

מוזיק־האָל, האָט זי געקאָנט צוריקקומען קיין ניו־יאָרק. ווען איך האָב זי באַגעגנט אויפֿן לופֿט־פֿעלד, האָב איך זי דערזען אין נאָך אַן ערגערער לאַגע, ווי ווען זי איז אַריין אין שפּיטאָל. ווען איך האָב געפֿרעגט — היתכן?... פֿלאָרידע היילט דאָך „אַרטרייטיס״? — האָט מען מיר גע־געבן פֿאַרשיידענע תּירוצים...

זי איז ווידער אַריין אין שפּיטאָל, ווידער געלעגן אַן אַכט־צען וואָכן און ווידער אַרויסגעקומען נאָך בעסער, ווי דאָס ערשטע מאָל. דאָס מאָל האָט דאָס חולאת זי אָפּגעלאָזט אויף אַ פֿינף־זעקס חדשים. אָבער לוסי איז געווען צו אינטעליגענט, זי זאָל ניט האָבן שוין אויסגעפֿונען ביז דעמאָלט וואָס איר קראַנקהייט איז, און אַז די אַלע גוטע, טרייסטנדיקע רייד, וואָס פֿריינט, פֿאַמיליע און טשעסטער רעדן צו איר, איז בלויז, כּדי זי צו באַרואיקן. זי האָט געהאַט אַ סך טרערן פֿאַר יענעמס אומגליק, זי האָט באַטראַכט פֿאַר איר חוב אויסצואווישן יענעמס טרערן, אָבער קיין אײן טרער ניט פֿאַר זיך אַליין — זי איז געווען צו שטאָלץ, מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן.

זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער, און הונדערטער קינדער פֿלעגן זי רופֿן „טאַנטע לוסי״. זי פֿלעגט די אָרעמע קינדער אַרויסנעמען אויף איר פֿאַרם, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע פֿאַרווײַלונגען און אָפּרו. זי האָט דע־מאָלט אויף אַזוי פֿיל געפֿילט בעסער, אַז זי האָט אײַנגעלאַדן פֿריינט אויף דער פֿאַרם און געשפּילט פֿאַר די געסט דעם וואַלצער פֿון „האַרבסט־פֿידלען״ — „ווען די בלעטער הויבן אָן צו פֿאַלן״. און ווען די געסט האָבן ניט געוואָלט טאַנצן — זיי האָבן געוואוסט ווי קורץ עס איז איצט איר שפּאַן לעבן, — האָט זי אַליין גענומען טאַנצן, אויסרופֿנדיק:

— מײַן פּאַפּאַ האָט געזאָגט, אַז ער וויל מיך נאָך זען טאַנצן!

אין נאָוועמבער איז די קראַנקהייט זי ווידער באַפֿאַלן, און דאָס מאָל זי מער ניט אָפּגעלאָזן... מען האָט זי מיט אַן אַמבולאַנס געבראַכט אין שפּיטאָל. פֿריינט ד״ר גרעגאָרי שוואַרצמאַן האָט פּרובירט אַלע נײַעסטע מעטאָדן, טשעסטער האָט ניט געקאַרגט קיין געלט און צייט, איך פֿלעג זיך ביי איר געפֿינען פֿון אינדערפֿרי ביז אין דער נאַכט אַרײַן — „פּאַפּאַ איז די איטוירנאַל־לאַיט״ (דער נר־תּמיד), פֿלעגט זי זאָגן — דריי קראַנ־קנשוועסטער האָבן געוואַכט איבער איר 24 שעה אין מעת־לעת; זיבן פֿריינדינס — מרס. שוואַרצמאַן, די פֿרוי פֿון ד״ר גרעגאָרי שוואַרצמאַן, מערי גראַסקין, פֿון דער מידטאַון אַרט־גאַלערי, ליילאַ הערמאַן, מוזיק לערערין, מרס. טשאַנין, בראָני קאַבזיק, נינאַ דובראַווא, און סעלמאַ פֿריי־

דענטהאַל, טשעסטערס שוועסטער — פֿלעגן יעדן טאָג קומען אָפּבייטן די „בוירסעס", אָבער דאָס חולאת איז געווען שטאַרקער פֿון אַלעמען...

און מיר האָט מען אַלץ געזאָגט, אַז זי ליידט אויף „אַרטרייטיס", און איך האָב געוואָלט גלויבן. אָט דער ליגן איז דעמאָלט געווען פֿאַר מיר, ווי דער שניי, וואָס אין פֿרילינג מוז ער פֿאַרשווינדן...

און דער פֿרילינג פֿון 1949 איז געקומען, דער שניי איז זיך צעגאַנגען, און איך האָב דערזען דעם אמת.

*

מיין קינד! דו האָסט מיר געזאָגט: „פּאַפּאַ, גיי אַהיים און שרייב דיינע איבערלעבונגען בעת איך בין געלעגן אין שפּיטאָל" — — מיין איבער־לעבונג איז געווען פֿון איינעם, וואָס איז פֿאַראורטיילט צום טויט — אָט קומט שוין אָן די לעצטע שעה, און די באַגנאַדיגונג איז נאָך אַלץ נישטאָ...

און איצט פֿיל איך, ווי די ליכטיקע וועלט, אין וועלכער דו האָסט געלעבט, איז אויסגעלאָשן געוואָרן... דער זין פֿון מיין ווייטערדיקן לעבן האָט אויפֿגעהערט אין דעם מאָמענט, ווען ד״ר פֿייגין האָט פֿאַר מיר אויפֿגעדעקט דעם שרעקלעכן אמת...

ווען איך וואָלט פֿאַרמאָגט צען לעבנס, וואָלט איך זיי געווען אַוועקגעגעבן צו פֿאַרלענגערן דיין לעבן כאָטש אויף איין טאָג.

*

זי אַליין האָט ניט געלאָזט מערקן, אַז זי ווייסט, אַז זי איז פֿאַראור־טיילט... ווען כ'האָב אויסגעדריקט דעם וואונטש, איך זאָל מיט איר און טשעסטערן מאַכן אַ רייזע קיין ישראל, האָט זי געזאָגט — „איך האָף אַזוי", און איך האָב דעמאָלט געטראַכט — זאָל זי כאָטש דערלעבן, איך זאָל איר קאָנען אָנזאָגן, אַז ישראל איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעם פֿעלקער־בונד... ווען טשעסטער האָט זי גענומען טרייסטן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער זי אַהיימנעמען און זי וועט ווידער זען די ליכטיקע, לעבעדיקע גאַס, האָט זי אים געענטפֿערט:

— איך נעם ניט דאָס שפּיגעלע אין האַנט, ווייל איך וויל נישט זען דעם ליגן. אָבער איך ווייס עס שוין אַ לאַנגע צייט... איך האָב ניט געוואָלט ביז איצט, דו זאָלסט וויסן, אַז איך ווייס... כ'האָב נישט געוואָלט אַוועק־רויבן ביי דיר דיין איינציקע טרייסט... איך פֿיל אָבער איצט, אַז אָט־אָט דאַרף עס געשען...

זי האָט אויפֿגעהויבן איר קאָפּ — ווי די מאַמע אירע, קלאַראַ יאַנג,

ווען זי איז געגאַנגען צום אָפּעראַציע־טיש — האָט זיך פֿריער צוגעקעמט און צוגעפּודערט, און דערנאָך געהייסן קומען איר פֿריזערין, זי זאָל איר אויספּוצן די האָר און נעגל. זונטיק, דעם 8־טן מאַי, האָט מען זי אַהיימ־געבומען, און דאָס איז געווען איר לעצטער וועג... צומאָרגנס בין איך שוין געשטאַנען ביי איר אויסלעשנדיקן לעבן...

דינסטיק, דעם 10־טן, 5 אַזייגער פֿאַרטאָג, אין די אָרעמס פֿון איר מאַן טשעסטער, האָבן אירע מוסקולן אַ ציטער געטאָן, — עפּעס האָט נאָכגעלאָזט, — דערנאָך האָט זי אַ לייכטן שמייכל געטאָן, און אַלץ איז געווען געענדיקט. דער טויט איז געקומען שטיל, ווי דורך אַ לייכטער טיר, וואָס מאַכט זיך אויף און מאַכט זיך צו...

איך האָב זי געזען קומען אויף דער וועלט, און בין געווען זיכער, אַז זי וועט מיך זען אַוועקגיין. אין מיינע מעמוארן, האָב איך זיך געוואונטשן ווי די דוזע — „ווען מיין פֿאַרהאַנג וועט פֿאַלן, זאָל מען מיר דערלויבן ׳צווישן די אַקטן׳ אָנצוקושן מיין קינד״, און צום סוף, — פֿאַרקערט...

יענעם פֿרימאָרגן איז דער הימל געווען פֿאַרוואָלקנט, ס׳האָט גע־גאָסן; און אין טאָג פֿון דער קבורה האָט די זון צוריק געשיינט. אָט אַזוי האָט דאָס חולאת אַוועקגערויבט נאָך אַ יונג, נישט פֿאַרענדיקט שיין לעבן...

מערקווירדיק, — דעם אייגענעם פֿרימאָרגן האָט קלאַראַ געשיקט אַ ראַדיאָגראַם פֿון מאָסקווע, אָנפֿרעגנדיק, וואָס ס׳איז געשען מיט לוסין...

*

איך ווייס, אַז דער טויט פֿון אַן איינצלנעם מענטשן האָט קיין אָנזען ניט קעגן די מיליאָנען אומגעבראַכטע, פֿאַרפּייניקטע, פֿאַרברענטע. אָבער ביי מיר — דעם טאָטן — איז מיין קינד געווען, ווי מיליאָנען לעבנס, און די וועלט איז געווען מיינע, ווען זי האָט זיך אין איר געפֿונען...

ווען איך האָב אָפּגערופֿן מיין פֿריינט, דעם אַקטיאָר מרדכי יחסן, ער זאָל באַקאַנט מאַכן ווען די לוויה וועט זיין, האָט ער מיר געזאָגט: „זאָלט איר כאָטש געטרייסט זיין דערמיט, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהערט אויף דער ראַדיאָ: ישראל איז אַריינגענומען געוואָרן אין פֿעלקער־בונד״ — אָט די בשורה, וואָס איך האָב געבעטן, אַז זי זאָל עס כאָטש דערלעבן צו הערן...

אין אָרון האָט איר שמייכל זי ניט פֿאַרלאָזט — זי איז געלעגן מיט אַ צופֿרידנקייט, וואָס קומט נאָך זייער פֿיל ליידן — און דער טויט האָט פֿאַרלוירן פֿאַר מיר זיין שרעק. אין טויט איז זי געווען ענלעך צו איר מוטער, און קלאַראַ יאַנג איז דעמאָלט פֿאַר מיר לעבעדיק געוואָרן. דער

לעצטער פּאַדעם, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן, האָט איצט נאָך מער פאַרבונדן אונדזער פריינטשאַפט. קוקנדיק אויף מיין טויט קינד, האָט אַ געדאַנק אַ בליץ געטאָן — זאָל דאָס זיין די שטראָף פאַר דער זינדיקער מחשבה מיינער, מיט 53 יאָר צוריק, וועגן קלאַראַס טויט קינד?...

ווען מען האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל עס זאָל זיין אַ רעליגיעזע לוויה, האָב איך, אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג, אויסגעשריגן: איך וויל נישט מען זאָל נאָך זאָגן „אל מלא רחמים"! ווי איובס ווייב האָט געזאָגט צו איובן: שעלט, און שטאַרב! מער, ווי צונעמען ביי מיר מיין קינד, קאָן מען נישט, און באַשטראָפן מיך מיט „כרת" קאָן מען שוין אויך ניט...

צו דער לוויה איז דער גרויסער „טשעפּל" געווען פול מיט אירע פריינט, וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט איר. ד"ר ניומאַן פון „עטיקל קאַלטשור" האָט צום סוף פון זיין רירנדן הספד געזאָגט צו איר: גוד באַי, פּרינצעסין פון וואוילטעטיקייט און שיינקייט...

אויף איר קבר, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פיל בלומען, האָב איך אויך אין נאָמען פון דער מוטער אַוועקגעלייגט אַ בלום פון איר אייגענער פאַרם, ווי אַ סימבאָל פון שיינקייט אין דער נאַטור, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט...

ווען אַלע אירע פריינט האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם קבר, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם טאָג, ווען איך האָב זי געפירט צו דער חופה, — ווי זי האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: „עט לאסט איי וויל נאָט בי אַלאָן" (ענדלעך וועל איך ניט זיין אַליין). אין יענער צייט פלעגן קלאַראַ און איך האַלטן אין איין אַרומוואַנדערן, און זי פלעגט אָפט בלייבן אַליין. און קוקנדיק אויף איר קבר, האָב איך געטראַכט: — דו וועסט לאַנג ניט זיין אַליין, מיין קינד, פּאַפּאַ וועט באַלד קומען צו דיר...

אָבער ווען איך בין אַוועק פון איר אייביקן בעט און בין אַריין אין מיין צימער און געקוקט אויף איר בילד מיטן זיסן שמייכל, האָט זי פאַר מיר אויסגעזען נאָך לעבעדיקער און גליקלעכער, ווי איידער דאָס חולאת איז זי באַפאַלן. און איך האָב זיך געזאָגט: ניין, מיין קינד איז ניט געשטאָרבן — אַזוי לאַנג, ווי איך לעב, איז מיין לוסילע ניט טויט...

געשריבן צו די שלושים, דעם 10טן יוני 1949.